STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06484

# TSUM TOKH FUN YIDISHKAYT

A. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

CUELA ISRAELITA YAVNE
BIBLIOTECA

א. גאָלאָכוב

# צום תוך פון יִדישקייט

תשל״ו 1976

ניו־יאָרק

# TZUM TOCH FUN YIDDISHKEIT

*Copyright 1976 by*
A. GOLOMB
Los Angeles, Calif.

*Printed in U.S.A. by*
SHULSINGER BROS., INC.



**בנימין צמח ע״ה**

**געבאָרן — אויגוסטאָוו, 1901.3.4**
**געשטאָרבן — ישׂראל, 30טן אויגוסט 1974**

דאָס איצטיקע בוך גייט אַרויס אַדאַנק דער הילף פֿון פֿרוי צמח, לזכר איר מאַן, דעם פֿרײַנד בנימין צמח ע״ה. ער האָט יאָרן געבויט מעקסיקע. און צום סוף האָט ער אַלע זײַנע געשעפֿטן אין מעקסיקע געלאָזן בײַ די קינדער און איז אַוועק קיין ישׂראל, אויסגעבויט זיך אַ הויז אין הרצליה, געשריבן צו אונדז אַ בריוו, מיר זאָלן אויך קומען קיין ישׂראל. אַ דירה האָט ער געבויט ספּעציעל אויך פֿאַר אונדז — צוויי די־רות מיט צוויי אַרײַנגאַנגען. דער ווײַב איז געווען שווער צו געזעגענען זיך מיט די קינדער און אייניקלעך. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין דער דירה, איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין ארץ־ישׂראל. תּנצב״ה — תהא נשמתו צרורה בצרור החיים! זאָל אויך דאָס איצטיקע בוך זײַן גע־הייליקט דעם אָנדענק פֿון בנימין צמח ע״ה.

# מײַן מאַן בנימין צמח ע״ה

עס איז שוין געוואָרן אַ יאָר זינט מײַן מאַן בנימין צמח איז אַוועק פֿון דער וועלט. פֿאַר מיר איז דאָס יאָר געווען אַ יאָר פֿון וויינען און קלאָגן. כ׳ווייס: העלפֿן קען איך ניט, אָבער ווער קען אײַנהאַלטן די טרערן, וואָס גיסן זיך כסדר און אָן אויפֿהער? אָט זיץ איך בײַם שרײַבטיש און באַמי זיך צו דערמאָנען די פֿאַרגאַנגענהייט. די הענט ציטערן, שווער צו שרײַבן. ווען איז דאָס געווען: נעכטן אָדער גאָר אין 1922? אַ פּרײַטיק, אין דרויסן איז געפֿאַלן אַ פֿוילער שניי. בין איך מיט אַ חברטע געגאַנגען אין גאַס. מיר האָבן צעטראָגן טעלעגראַ־מעס פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פֿלעגן קריגן 30 גראָשן פֿון יעדערן. אין איין שטוב האָט אונדז געעפֿנט אַן אומבאַקאַנטער בחור. ער האָט נאָר צוגערופֿן דעם בעל־הבית און איז אַוועק. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען איך האָב דערזען דעם בחור בײַ אונדז אין שטוב. ער איז געוואָרן אַן אָפֿטער אַרײַנגייער צו אונדז. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין 1914, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען זיי פֿאַרשיקט ווײַט אין רוסלאַנד. אונדז וואָלט מען אויך פֿאַרשיקט, אָבער מיר זײַנען אַליין אַנטלאָפֿן פֿון מלחמה־ראַיאָן און אַוועק. ער פֿלעגט קומען צו אונדז כמעט יעדן טאָג.

ביז אין אַ לאַנגער צײַט אַרום האָט ער גענומען ריידן תכלית. ער איז אַוועק און זיך געלאָזט קיין אַמעריקע, אַז אין אַמעריקע האָט מען ניט אַרײַנגעלאָזן, איז ער אַוועק קיין מעקסיקע. האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן אונדז. אַזוי זײַנען אַוועק עטלעכע יאָר, ביז בנימין האָט געשריבן צו מײַנע עלטערן, זיי זאָלן לאָזן מיך פֿאָרן צו אים. אויב זיי וועלן מסכּים זײַן, שיקט ער אַרויס פּאַפּירן. מײַנע עלטערן האָבן אַ סך געטראַכט ביז זיי האָבן מסכּים געווען. אָבער איך האָב באַשלאָסן צו פֿאָרן. אין 1928 בין איך געקומען קיין מעקסיקע. חתונה געהאַט אָפֿיציעל בײַ דער שיף און לויטן ייִדישן דין שפּעטער אין שטאָט מעקסיקע, זײַנען מיר אַוועקגעפֿאָרן קיין קאַמפּעטשע ווו בנימין האָט געהאַט זײַנע געשעפֿטן. קיין ייִדן זײַנען דאָרטן ניט געווען. די שפּראַך האָב איך ניט געקענט. אָבער אָט אַזוי האָט מען געלעבט. עס איז געבאָרן געוואָרן מײַן בכור. קיין מוהל איז ניט געווען, האָבן מיר געמוזט אַ צײַט וואַרטן. איך האָב געמוזט פֿאָרן קיין מעקסיקע־שטאָט צו האָבן אַ מוהל פֿאַר מײַן זון. איך האָב געבראַכט מײַן שוועסטער און פֿון פּראָווינץ זיך אַרײַנגעקליבן אין הויפּט־שטאָט מעקסיקע צווישן ייִדן. מען קען נישט זײַן אײן ייִד צווישן ניט־ייִדן. וואָס טוט מען אָבער? האָט זיך געמאַכט צו קויפֿן אַ קליין פֿאַבריקל פֿון זײַד, איז מײַן מאַן געוואָרן אַ פֿאַבריקאַנט פֿון זײַד. אַ ייִד קען אַלץ. באַלד האָט מען זיך גענומען צו בויען הײַזער און פֿאַרקויפֿן. אַ ייִד נעמט זיך צו אַלץ. ווו זיך געלערנט? — אַ ייִד לערנט זיך אויס פֿון דער לופֿטן. ניט אַלע מאָל גייט עס ווי מען דאַרף, אָבער עס האָט זיך דורכגעדרייט. איז מײַן מאַן געוואָרן אַ בויער פֿון הײַזער צו פֿאַרקויפֿן. קינדער דאַרפֿן לערנען, דאַרפֿן לערנען ייִדישקייט. איז מײַן מאַן געוואָרן אַ טוער אין דער ייִדישער שול, וואָס די קינדער האָבן געענדיקט. די קינדער האָבן גענומען אַרבעטן, חתונה געהאַט, געשטעלט זיך אויף די אייגענע פֿיס. מיר האָבן גענומען מאַכן רײַזעס, צוערשט קיין ישׂראל. 17 מאָל זײַנען מיר געווען אין ישׂראל. אין 1972 האָבן מיר געקויפֿט אַ פּלאַץ אין הרצליה. מען האָט זיך געשטעלט בויען. דער פּלאַן איז געווען גאָר אַ גרויסער — פֿאַר די קינדער און פֿרײַנד. דאָס בויען האָט זיך צו לאַנג געצויגן. מײַן מאַן האָט באַשלאָסן: מען מוז זײַן דערבײַ און איז געפֿאָרן קיין ישׂראל. איך האָב זיך ניט געוואָלט שיידן מיט די קינדער און אייניקלעך, אָבער לסוף בין איך אויך געקומען. מען האָט געבויט אַ גרויסע הויז אין הרצליה פֿאַר זיך, פֿאַר די קינדער און פֿאַר פֿרײַנד, אָבער בנימין איז קראַנק געוואָרן און איז גאָר געוואָרן אַן אײַנוואוינער פֿון שפּיטאָל אין תל השומר. מען האָט אויף אים גוט אַכטונג געגעבן. איך און די קינדער זײַנען געווען בײַ זײַן בעט, עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. בנימין האָט געוואָלט לעבן אין ישׂראל, אָבער ער האָט זוכה געווען צו קומען צו קבֿורה אין ישׂראל. ווי איך לעב אָן אים? פֿאַרשפּאָרט מען צו פֿרעגן. עס איז מיר געבליבן נאָר צו פֿאַראייביקן זײַן נאָמען. אפֿשר וועל איך עס זוכה זײַן צו טאָן. איך בין מיט די קינדער געפֿאָרן צו דער הזכּרה. איך בין געווען אין שפּיטאָל ווו בנימין איז געשטאָרבן. גערעדט מיט דעם פּראָפֿעסאָר נויפֿעלד וועגן פֿאַראייביקן דעם נאָמען פֿון מײַן מאַן, ווי ער האָט פֿאַרדינט. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

פֿרידאַ צמח

# מײַן טאַטע ע״ה

ס׳איז מיר שווער צו שרײַבן וועגן מײַן טײַערן טאַטן ווי וועגן אַ פֿאַר־גאַנגענהייט. איך פֿיל אים אומעטום. ער איז דאָ מיט מיר טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אַזוי ווי מיט אַ יאָר צוריק.

זײַן חלום און שטרעבונג איז געווען, אַז זײַן גאַנצע משפּחה, זײַנע קינדער און אייניקלעך זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען, לעבן צווישן זיך בשלום און זאָלן זיך העלפֿן איינער דעם צווייטן. אויך דאָס איז געווען זײַן דאגה, אַז אַלע נויט־באַדערפֿטיקע, וואָס קומען בעטן הילף, זאָל מען זיי נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקע הענט. מ׳זאָל קיינעם נישט מקנא זײַן. יעדער איינער זאָל זײַן צופֿרידן מיט דאָס וואָס ער פֿאַרמאָגט און מיר זאָלן שטענדיק געדענקען, אַז מיר זײַנען ייִדן, מיר זאָלן פֿירן ייִדישע היימען און רעדן ייִדיש. ער איז געווען גליקלעך, ווען מיר, די קינדער אָדער די אייניקלעך ווענדן זיך צו אים אין דער ייִדישער שפּראַך.

מײַן טאַטע איז זייער אַ שטילער מענטש געווען. ער פֿלעגט רעדן שטיל און ער האָט ליב געהאַט פֿרײַער אויסצוהערן אַנדערע, איידער ער זאָגט זײַן וואָרט. ער פֿלעגט ליב האָבן צו זאָגן אַ קלוג וואָרט און זײַן וואָרט איז געווען קורץ און זאַכלעך. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט ער ליב האָבן צו דערציילן אַ וויץ, אַ ייִדיש ווערטל אַרײַנצוזאָגן. ער האָט געהאַלטן פֿון די ווערטער פֿון אונדזערע חכמים: — שטילשווײַגן איז אַ צייכן פֿון חכמה.

דער טאַטע האָט זײַנע פֿרײַע שעהן פֿאַרבראַכט אויף לייענען אָדער שרײַבן. ווען מענטשן אין שטוב פֿלעגן זיצן אַרום טיש און שפּילן, פֿלעגט ער בלויז באַאָבאַכטן די שפּילער, הערן זייערע רייד. ער פֿלעגט כּמעט נישט שפּילן. פֿלעגט ער אַרײַנקוקן אין אַ צײַטונג אָדער אין אַ בוך.

פֿאַר מיר וועט מײַן טאַטע קיינמאָל נישט זײַן טויט, ווײַל ער לעבט מיט מיר, אין מיר, אין מײַן געדאַנק. ער האָט מער געלאָזן אין לעבן, ווײַל ער אַליין האָט ווייניק פֿונעם לעבן גענאָסן, בלויז נחת פֿון קינדער און אייניקלעך, וועלכע ער האָט אַזוי טיף געליבט.

מײַן טאַטע איז געפֿאָרן קיין ישׂראל זיך צו באַזעצן. דאָס איז דאָך זײַן שטרעבונג געווען — לעבן אין מדינת ישׂראל. ווער האָט זיך געקענט צו אים גלײַכן? ביז הײַנט דאַכט זיך מיר, אַז דער טאַטע לעבט אין ישׂראל. ער האָט געבויט דאָרטן אַ גרויסע הויז, מיטן גלויבן, אַז ביסלעכווײַז וועלן מיר אַלע זײַנע קינדער נאָכטאָן זײַן בײַשפּיל און מיר וועלן אויך פֿאָרן קיין ישׂראל.

רחל נײַמאַן

# מײַן זיידע ע״ה

איך זאָל שרײַבן זכרונות וועגן מײַן זיידן, דעם וווּנדערבאַרן מענטש, וואָס האָט געהייסן בנימין צמח? — זכרונו לברכה!

וואָס קען איך שרײַבן? אַזויפיל געדאַנקען און אָנדענקען שטויסן זיך אָן, ס'ווילט זיך אַלץ פאַרצייכענען. אַלץ איז שיין און וויכטיק, יעדער זכרון וועגן אים איז מיר ליב. מײַן מוח איז פול מיט אים. ס'איז פשוט שווער אײַנצואָרדענען די געדאַנקען.

דער זיידע איז בײַ מיר אײַנגעקריצט אין די מחשבות ווי אַ מאַן וואָס פלעגט שטענדיק שווײַגן, שטיל רעדן. כ'האָב קיינמאָל פון אים קיין געשריי נישט געהערט. ער פלעגט אַלץ אָבסערווירן און אַלעמען אויסהערן. ווען מיר פלעגן אים עפּעס פרעגן, פלעגט ער אַלע מאָל האָבן אַ קלוגן ענטפער, גאַנץ אָפט אין אַ פאָרם פון אַ וויץ, פון אַ שפּריכוואָרט, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ טיפן און פילזאָגנדיקן געדאַנק.

דער זיידע ווי דער ראש פון דער משפחה, איז בײַ אונדז פאַרבליבן אין זכרון ווי אַ פּאַטריאַרך. ווען מיר זײַנען קליינע קינדער געווען, פלעגט ער ליב האָבן אונדז עצות צו געבן בײַ יעדער געלעגנהייט און מיר ווי קליינע קינדער פלעגן זיך אָפט נישט ווילסנדיק מאַכן, נישט שטענדיק זיך צוגעהערט צו זײַנע רייד. הײַנט, ווען איך בין שוין אַליין אַ מאַמע פון קינדער, דערמאָן איך זיך יענע אַלע באַמערקונגען פון מײַן טײַערן זיידן, פאַרשטיי איך זיי גוט און איך באַוווּנדער זײַן קלוגשאַפט.

איך געדענק, ווי גוט ס'איז מיר געווען ווען איך פלעג זיך זעצן אין מײַן זיידנס שויס און איך פלעג אים קעמען די האָר פון זײַן קאָפּ. דערבײַ פלעג איך אים דערציילן מעשהלעך אָדער וויצן, וואָס איך האָב געהערט און געלערנט אין שול. פלעגט דער זיידע מיר זאָגן: חוהלע, אויב דו וועסט מיר לאָזן צורו, וועל איך דיר געבן אַ פעזע פאַר יעדן וויץ וואָס דו וועסט מיר נישט דערציילן. אָבער איך האָב נישט געוואָלט פאַרלירן יענע גליקלעכע מאָמענטן צו זיצן מיט מײַן זיידן צוזאַמען.

איך פלעג ליב האָבן צו גיין מיט אים אומעטום, באַזונדערס סוף יאָר זײַן מיט אים אין זײַן אָפיס, ווען ער פלעגט פאַרטיילן מתנות זײַנע אָנגעשטעלטע, באַגלייט יעדער געשאַנק מיט אַ גוט וואָרט און זײַנע אַרבעטער פלעגן גליקלעך פון רעסטאָראַן האָבן ליב געהאַט דעם זיידן פאַר זײַנע גוטע ווערטער, פאַר זײַן „טיפ״. אָ, ווי שטאָלץ איך בין געווען מיט מײַן זיידן...

וויפיל מאָל האָט ער מיר און זײַנע אַנדערע אייניקלעך געהאָלפן אין שווערע מאָמענטן, ווען מיר האָבן געדאַרפט צוגרייטן די לעקציעס; גאַנץ אָפט אומפאַרשטענדלעכע פאַר אונדז קליינוואַרג, לעקציעס פון תנ״ך, פון ייִדישער געשיכטע.

ער האָט אויך אַ סך געוווּסט וועגן דער געשיכטע פֿון מעקסיקע און ער פֿלעגט אונדז העלפֿן שרײַבן די ענטפֿערס, די טעמעס.

ס'איז נישט מעגלעך אַלע זכרונות אַרויסברענגען אויפֿן פּאַפּיר, לאַנגע טעג און יאָרן פֿון זײַן און לעבן מיטן זיידן. יעדער אָנדענק איז שיין און אַלץ צוזאַמען איז דאָך ווי אַ בוך, אַ ווונדערבאַר בוך פֿון אונדזער לעבן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אונדזער זיידן.

— זיידע, ביסט אַוועק פֿון אונדז איבערלאָזנדיק דײַן ליבע פֿרוי, דײַנע קינדער און אייניקלעך, וועמען דו האָסט אַזוי ליב געהאַט. ס'איז געבליבן בײַ אונדז אין האַרצן אַ טיפֿער ווייטאָג. דײַנע גוטע ווערטער און קלוגע עצות זײַנען פֿאַר אונדז געבליבן ווי וועג־ווײַזערס און זיי באַגלייטן אונדז אויף יעדן טריט און שריט. איך האָף, אַז מײַן קינד וועט זײַן דײַן המשך, ער וועט דײַן נאָמען טראָגן און הלוואי זאָל ער ירשנען פֿון דיר דײַן גוטע האַרץ, דײַן איידעלע נשמה, דײַן ליבשאַפֿט צום ייִדישן פֿאָלק און צו ארץ־ישׂראל.

איך וויל איבערחזרן, טײַערער זיידע: אויב איך בין נישט געווען מיט דיר אין דײַנע לעצטע מינוטן און זיך נישט געקענט מיט דיר געזעגענען, וועל איך אָבער שטענדיק דיך טראָגן אין מײַן האַרצן, אין מײַנע מחשבֿות, אין מײַן ליבע אויסדרוקן. דו באַגלייטסט מיך אויף יעדן שריט און טריט און ווען איך הייב אָן צו טאָן אַ נײַע זאַך, באַראַט איך זיך מיט דיר און טראַכט, וואָס וואָלסטו, זיידעניו, געטאָן אין דעם אָדער יענעם פֿאַל — אַזוי טאַקע וועל איך אויך טאָן...

— שלאָף אין רו, זיידע מײַנער, זיידע פֿון מײַן נשמה...

חוה נײַמאַן־וואַלענשטיין

ESCUELA ISRAELITA YAVNE DE LA
MEXICO
NIDJE ISRAEL

BIBLIOTECA

ווען דאָס בוך איז שוין געווען אָפּגעדרוקט האָט מען מיר געגעבן צו וויסן אַז אין מעקסיקע האָט זיך געשאַפֿן אַ קאָמיטעט צו העלפֿן אויסענדיקן דאָס בוך.

דער קאָמיטעט באַשטייט פֿון:

אליפּז אבֿנר און אסתּר

גראבער בעריש און לאה

גראפּא אסתּר

צמח פֿרידאַ

קלעצעל עקיבֿא און פֿרוי ליזע

בײַשטײַערער:

ייִדישע קהילה אין מעקסיקע דורך איר קולטור־דעפּאַרטמענט

פּאַרזיצער טבֿיה מײַזעל

אינזש. בערמאַן הערש און רחל
באקאל נחמן און הילדאַ
באראבאק דוד
בעלקינד יוסף און ביילע
גארענשטיין ישעיהו
געזונדהײַט יצחק און אסתּר
דלוגאַטש צירל
דריכאנסקי ראובֿן און לוסי
וואַכנאָוועצקי בן־ציון און חנה
זאַק סאָניע
טראָטנער משה און חנה
אינזש. טשעלמינסקי און צילע
דר. יאוונאזאָן יעקבֿ
יפה מאַקס און ראָזע

מאַק אהרן און צירל
סולקין פּאָליע
סטאבינסקי פּײַוול און דאָריס
אינזש. סיעלאק משה און פֿריידל
ערליך שמואל און שׂרה
פֿײַנשטיין גרשון און קלאַרע
פֿליישער יעקבֿ און רבֿקה
אַרכ. צימעט ראובֿן און שושנה
קאַהאַן אבֿרהם און אסתּר
קאָרבמאַן אבֿרהם און שׂרה
אליעזר ראכמאַן ז״ל
שיין פּײַוול און גיטל
שעכטמאַן מרדכי און שׂרה

עס איז גוט צו האָבן פֿרײַנד. נאָך מער איז גוט ווען פֿריינד פֿאַרגעסן ניט די פֿרײַנדשאַפֿט אין משך פֿון יאָרן. איך ווייס ניט מיט וואָס איך האָב זוכה געווען צו אַזאַ דויערנדיקער פֿרײַנדשאַפֿט. און וואָס איז ווערט מײַן דאַנק אַנקעגן אַזאַ פֿרײַנדשאַפֿט.

מיט האַרציקן דאַנק,

א. גאָלאָמב

# הקדמה

אַלע מאָל ווען מיר קומט אויס צו שרײַבן אַ הקדמה צו אַ נײַעם ספר, צו אַ נײַ בוך, קלאַפּט מיר אין האַרצן שטאַרקער: איך ספק — צי האָבן מײַנע געדאַנקען דעם ווערט פאַרשפּרייט צו ווערן ווי „געדאַנקען פון ייִדישן פאָלק"? צי מעגן מײַנע געדאַנקען פּרעטענדירן צו ווערן געדאַנקען פון דענקענדיקע ייִדן? האַלט איך דאָס פאַרשפּרייטן מײַנע געדאַנקען ברבים פאַר אַ גרויסן זכות, און יעדער זכות איז איינצײַטיק אויך אַ חוב: איך שרײַב מיט דעם זעלביקן געפיל וואָס אין אַלע פריערדיקע דורות, מיט דעם פּחד „שמא יכלה זרעו של אברהם אבינו". דער קיום און המשך פון ייִדישן פאָלק אין דעם איצטיקן טאָפּעלן איבערגאַנג: פון מיזרח קיין מערבֿ און פון שטעטל אין שטאָט, פון אַבסאָלוטער פאַרזיכיקייט צו צעשפּרייטקייט צווישן פעלקער און לענדער. יעדער איבערגאַנג איז אַ קריזיס. ווי איז עס באַשערט אונדז אַריבערצוגיין דעם קריזיס? יעדער תּקופה לאָזט אונדז אירע ספרים. די פאַרזיכיקע תּקופה אין דער אייגענער היים און דער תּנך; דער גרינגער, פאַרזיכיקער גלות בבֿל און דער תּלמוד (אָבער ניט מצרים!); דער שוידערלעכער גלות אייראָפּע; רעכט פאַר ייִדן, אָבער רעכטלאָזיקייט פון ייִדישקייט אין מערבֿ־אייראָפּע; פאַרזיכיקע ייִדישקייט אין מיזרח־אייראָפּע; איצט שטייען מיר פאַר אַ נײַער ווענדונג אין דער ייִדישער געשיכטע — ייִדישקייט אין אַמעריקע און אין דער אייגענער מדינה.

מיר איז באַשערט געווען צו שטיין בראש פון דעם איינציקן ייִדישן לערער־סעמינאַר אין פּוילן, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַזיס פון הײַנטיקער ייִדישקייט. צווישן אַלע פּעדאַגאָגישע לימודים, וואָס איך האָב געפירט, איז אויך געווען: „דער זינען און דער ציל פון דער ייִדישער שול פאַרן קיום האומה". האָב איך זיך פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען: קיום האומה — וואָס הייסט עס? דורך וואָס? ווי אַזוי? איז עס שוין מער ווי פערציק יאָר ווי יענער לערער־סעמינאַר איז ניטאָ, ניטאָ קיין איין שול ווי די וואָס מיר האָבן געבויט אין רוסלאַנד און אין פּוילן. ווען איז עס געווען יענער „אַמאָל"? ניטאָ יענער „אַמאָל איז געווען", ניטאָ יענער „אַמאָל וועט זײַן", וואָס מיר האָבן געחלומט פון אים. ניטאָ אויך יענע תּלמידים וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייער לערער געחלומט, געהונגערט און געהאָפט. ניטאָ יענע ייִדיש פאָלק וואָס האָט יענע שולן געבויט, אָבער די פּראָבלעמען וועגן קיום האומה זײַנען געבליבן, זיך פאַרשטאַרקט און זיך צעוואַקסן און זיי טרעטן ניט אָפּ. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך מוז די פּראָבלעמען ברענגען אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט. שוין פערציק יאָר און מער ווי יענער סעמינאַר איז ניטאָ, די פּראָבלעמען וועגן קיום האומה זײַנען זיך צעוואַקסן, און אין נעכט ווען איך שרײַב, דוכט זיך אָפּט, אַז איך רייד פאַר יענע אַמאָליקע תּלמידים. איך בין ממשיך מײַן אַרבעט. עס איז ווידער און אָבער די פראַגע

וועגן קיום האומה — מיט וואָס? ווי אַזוי? אַט די פּראָבלעמען האָבן מיך געבראַכט צו שרײַבן די עטלעכע צענדליק ביכער, אַלע אַרום און וועגן דער פּראָבלעם קיום האומה.

מיר האָבן ניט קיין מאַטעריעלע גיטער. ניט מיט זיי לעבט דאָס ייִדישע פֿאָלק. מיר, דאָס ייִדישע פֿאָלק, לעבט און האַלט זיך מיט דעם אויפֿפּיר. צו לעבן צווישן פֿעלקער, אין גלות בײַ פֿעלקער און אײַנהיטן דעם אויפֿפּיר — דאָס איז ייִדישקייט, ניט פֿאַר אַ בייזן שטרענגען גאָט אין די הימלען, נײַערט פֿאַרן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿאַר זײַן פֿאַרזיכיקייט, צווישן פֿעלקער און דאָך פֿאַר זיך; ניט סתּם מצוות — מען הייסט, נאָר הלכות — דער גאַנג און דער שטייגער פֿון ייִדישן פֿאָלק, דער פֿאַרזיכיקער גאַנג צווישן פֿעלקער, דער אייגענער, ניט־איבערגענומענער שטייגער.

מיר האָבן אויך ניט קיין ליטעראַטור — מיר האָבן ספֿרים צו לערנען אונדזער אייגנעם, פֿאַרזיכיקן גאַנג אין דער וועלט, צווישן פֿעלקער. אונדזערע ביכער, די ספֿרים האָבן אַ ציל „וחי בהם", ווי צו האַלטן זיך און ווי אויפֿצוהאַלטן זיך צווישן אַ וועלט מיט פֿעלקער. די פּראָבלעם פֿון קיום האומה איז איצט שווערער: מיר האָבן ביז איצט געלעבט באַזונדער אין שטעטלעך, אַליין, באַזונדער. איצט לעבן מיר מיט די פֿעלקער, אויסגעמישט. שווער איז אַלע מאָל געווען דאָס ייִדישע פֿאַרזיכיקע לעבן. איצט איז עס נאָך שווערער. און דער ייִדישער גאָט זיצט אויף די הימלען מיט די גדולי האומה און ער לערנט די ייִדישע תּורה, די תּורה פֿון ייִדישן קיום.

דערווײַל איז אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק אויפֿגעקומען אַ גרויס נײַעס: די ייִדישע מדינה — אַ חלום פֿון פֿאָלק אין משך פֿון טויזנטער יאָרן. נישט מדינות מיט מלחמות זײַנען דער אידעאַל פֿון דער צוקונפֿטיקער מענטשהייט. דעם ייִדישן אידעאַל פֿון דער צוקונפֿטיקער מענטשהייט האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק געזאָגט אַ ייִדישער נביא (ישעיה, ב׳, ערשטע פּסוקים). די מענטשהייט איז נאָך ווײַט צו דעם ניט געקומען, אַפֿילו אין חלומות — באַזונדערע פֿעלקער אין איין אַלוועלטלעכער מדינה. דערווײַל איז די ייִדישע מדינה דאָס העכסטע, וואָס דאָס פֿאָלק האָט דערגרייכן איצט.

און עס וועט זײַן בנוח מאויביהם — ווען די וועלף מיט די אָפֿענע מײַלער זי אײַנצושלינגען וועלן זיך באַרואיקן, וועט די מדינה ממשיך זײַן צעוויקלען און צעפֿלאַנצן די קולטור, וואָס די פֿאַרזיכיקע שטעטל־תּקופֿה האָט געלאָזן.

דער וועג צו דעם איז פֿאַר דער מדינה ווײַט ניט קיין גראָדער. אַ סך בלאָנדזשעניש, אַ סך אומוועגן. זי וועט אָבער קומען — די מדינה — צו איר ריכטיקן וועג. עס גייט צו דעם. דעמאָלט וועט מקוים ווערן דעם נביאס „אור לגויים". דער וועג איז אַ שווערער, נאָך ניט קיין אויסגעטראָטענער, אַ נײַער. גאָט אַליין זיצט אין די הימלען און לערנט די ייִדישע תּורה, די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק. און די תּורה איז אַ גרויסע און אַ שווערע. קיין איין פֿאָלק האָט ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ לאַנגן גלות און איז געבליבן. מיר האָבן אָבער איצט אַ שווערע פּראָבלעם: מיר לעבן מער ניט אין שטעטלעך, נאָר אין שטעט אויסגעמישט מיט אַלע אַנדערע פֿעלקער. ווי וועלן מיר קענען אײַנהיטן אונדזער

פֿאַרזיכיקייט? די פּראָבלעם איז איצט אַ נײַע, ביז איצט איז קיין איין גלות ניט געווען אַזוי בלוטיק ביטער ווי דער הײַנטיקער, בײַ די קריסטלעכע פֿעלקער. די גמרא פֿאַרגינט זיך צו זאָגן, אַז גאָט האָט געזען דעם גלות־אייראָפּע צו שווער פֿאַר אונדז, האָט ער אונדז פֿאַרטריבן ניט צו אדום נאָר צו ישמעאל. דער גלות אדום איז סײַ ווי געקומען. צי מיר האָבן שוין איבערגעלעבט וואָס אדום קען אויסטראַכטן? אשרי המאמין. מיר, געניטע אין גלותן, ווייסן אַז דער גלות אדום איז דער שרעקלעכסטער, דער ביטערסטער. צי איז ער געענדיקט? אשרי המאמין. מיר זײַנען געבליבן אַ „שארית ישׂראל״. און מיר זײַנען געבליבן! דאָך געבליבן! אַ רעשטל פֿון אוראַלטן, אייביקן ישׂראל־פֿאָלק, פֿאָרט געבליבן! אַ רעשטל פֿון אייביקן פֿאָלק, וואָס גייט אין דער אייביקייט מיט טריט פֿון דער אייביקייט! און אַלץ מיט דעם ייִדישן שטייגער, מיט דער הלכה. אָן איר האָט דער ייִדישער גאָט ניט וואָס צו טאָן אויף דער ערד. וועט קענען דאָס ייִדישע פֿאָלק אײַנהיטן זײַן פֿאַרזיכיקייט אין דער אויסמישונג מיט אַלע אַנדערע פֿעל־קער? אָט פֿון דעם איז אָפּהענגיק דער ווײַטערדיקער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט. דאָס איז דער אינהאַלט פֿון אַלע מײַנע ביכער און אויך פֿון דעם איצטיקן.

ה׳ כסלו תשל״ו — 9.11.1975

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| ייִדישע געדאַנקען | 9 |
| דער רעוואָלט פֿון די חז״ל | 31 |
| אידעען־וועלט פֿון די חז״ל | 60 |
| די תורה אין איר אייביקן וואַקסן | 88 |
| תּנך, גמרא און תלמוד השטעטל | 112 |
| מפּני חטאינו | 135 |
| שלילת הגלות | 152 |
| די ראָל פֿון עם ארצים אין קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק | 174 |
| דאָס ייִדישע פֿאָלק גייט ניט אונטער | 202 |
| עם ישׂראל און ארץ ישׂראל | 212 |
| אורבאַניזם | 225 |
| עם הספֿר | 250 |
| אַסימילאַציע | 292 |

# יִדישע געדאַנקען

## געדאַנקען בכלל

בכלל זײַנען פֿון אַלע באַשעפֿענישן אויף דער וועלט בלויז מענטשן מסוגל צו דענקען. ניטאָ קיין דענקען בײַ קיינע אַנדערע באַשעפֿענישן. געדאַנקען זײַנען קינדער פֿון געפֿילן. געפֿילן זײַנען יע פֿאַראַן בײַ אַנדערע חיות אויך. פֿון געפֿילן אָבער ביז געדאַנקען איז זייער אַ ווײַטער מהלך. געפֿילן זײַנען ניט געגלידערט. ניטאָ בײַ זיי קיין אָנהייב און קיין סוף. איין מאָמענט איז ענלעך צום צווייטן. ער ווערט געבאָרן און שטאַרבט אָפּ מיט איין מאָל, ניטאָ בײַ זיי קיין אָנהייב, קיין מיטן און קיין סוף. געפֿילן גייען אַוועק און שטאַרבן אָפּ. מען קען זיי ניט אַנטוויקלען און קאָנסערווירן. זיי קענען זײַן אָנגענעמע און אומאָנגענעמע, דויערנדיקע, מאָמענטאַנע. מען קען זיי אָבער ניט צעגלידערן אויף עלעמענטן, אויף טיילן. אַ סך שפּעטער, אין אַ העכערן עלטער קענען געפֿילן זיך אַנטוויקלען ביז צו געדאַנקען. דאָ איז שוין פֿאַראַן אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף, אַן אויספֿיר. געדאַנקען זײַנען דיסקורסיוו, בעת געפֿילן זײַנען גלאָבאַל, זיי זײַנען אינטים, געהערן נאָר צו איין מענטשן, וואָס לעבט זיי איבער, מען קען זיי ניט איבערגעבן פֿון איין מענטש צו אַ צווייטן. געדאַנקען זײַנען קלאָר, און מען קען זיי איבערגעבן צו אַ צווייטן, צו אַ סך, צו אַ ציבור, צו גאַנצע דורות. געדאַנקען קענען באַהערשן גאַנצע פֿעלקער און זיי קענען איבערגיין פֿון דור צו דור. זיי קענען זיך אַנטוויקלען אין טעאָריעס, אין קרעדאָס פֿון אַ גלויבן, אין פֿילאָסאָפֿיעס. געפֿילן רופֿן אַרויס געמיט־צושטאַנדן, שטימונגען; געדאַנקען ברענגען צו באַטראַכטע האַנדלונגען. געפֿילן זײַנען פּריוואַט, געדאַנקען זײַנען אָפֿט קאָלעקטיווע, זיי קענען אַרויסרופֿן האַנדלונגען פֿון קאָלעקטיוון.

## געדאַנק און שפּראַך

געפֿילן דאַרפֿן ניט קיין שפּראַך, זיי זײַנען דאָך אינטים, אין מענטשן גופֿא. געדאַנקען אָבער ווײַל זיי זײַנען געגלידערט, מוזן האָבן אַ שפּראַך, ווײַל זיי זײַנען אין קאָמוניקאַציע פֿון איין מענטשן צו אַ צווייטן. די שפּראַך איז אויך נויטיק יעדן מענטשן וואָס האָט דעם געדאַנק, ער קען אים פֿאַר זיך אַליין קלאָר מאַכן ערשט מיט דער הילף פֿון דער שפּראַך. די גאַנצע קולטור פֿון דעם מענטשן איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער שפּראַך. זי איז דער „מותר האדם מן הבהמה“. אַ דאַנק דער שפּראַך קען מען קאָנסערווירן געדאַנקען. יעדעס בוך איז אַן אוצר פֿון געדאַנקען. ווען איך גיי אַרײַן אין אַ ביבליאָטעק, ווערט בײַ מיר

עפּעס אַ געפֿיל פֿון אַן אוצר פֿון מענטשלעכע געדאַנקען דורך דורות. דורך ביכער קען איין דור ירשען די געדאַנקען פֿון דורות. אַן אַ צאָל מענטש־לעכע געדאַנקען פֿיקסירט אין שפּראַך, שטאַרבן ניט, זיי בלײַבן לעבן אין די ביכער... ביכער, אַ ביבליאָטעק — דאָס איז דער אוצר פֿון דורות געדאַנקען. דאָס איז די אומשטערבלעכקייט פֿון מענטשלעכן געדאַנק. און איין דור ירשנט די קולטור פֿון דורות פֿאַר אים. אין דעם איז אָבער פֿאַראַן אויך אַ סכּנה. ס'טרעפֿט אָפֿט: מענטשן חזרן איבער ווערטער, אָבער דעם געדאַנק דערבײַ האָבן זיי ניט. וואָרט — דאָס איז ווי אַ „טשעק" פֿון אַ געדאַנק. אָבער עס קענען זײַן טשעקס אויף אָן דעקונג. דער טשעק איז געגעבן, אָבער קיין דעקונג האָט ער ניט... אַזוינע פּוסטע ווערטער, רייד, גאַנצע ימים רייד גייען אַרום אין דער וועלט אָן דעקונג, אָן געדאַנקען.

די שפּראַכן זײַנען פּראָדוקטן פֿון דורות. פֿעלקער לעבן באַזונדער, שאַפֿט זיך איטלעך פֿאָלק זײַן שפּראַך. דאָס לעבן, די געוווינהייטן, די פּסיכיק פֿון אַ פֿאָלק — זוכט אין דער שפּראַך. אַלץ איז פֿאַראַן אין איר. ניט אומזיסט איז אָפֿט די שפּראַך אַ סינאָנים פֿון אַ פֿאָלק: „אומה ולשון". מענטשן נעמען איבער ווערטער אָן געדאַנקען, ווי גראַמאַפֿאָנען. פֿאַראַן אַפֿילו געדאַנקען איבערגע־נומענע, נאָכגעזאָגטע, דאָס מויל זאָגט אַרויס געדאַנקען, אָבער ניט אין האַרץ, ניט אין מוח איז ניטאָ קיין דעקונג פֿאַר די אַרויסגעזאָגטע ווערטער. קיין געדאַנק איז ניטאָ הינטער די ווערטער.

## געדאַנקען און שולן

איבערהויפּט איז די שול שולדיק אין די „פּוסטע פֿראַזעס" וואָס זײַנען אַזוי פֿאַרשפּרייט אויף דער וועלט. געדאַרפֿט וואָלט די שול אַרויסרופֿן געדאַנקען בײַ די תּלמידים און זיי לערנען אַרויסצוברענגען זייערע געדאַנקען. אויסלערנען דענקען און אַרויסזאָגן די געדאַנקען — דאָס וואָלט געדאַרפֿט זײַן די אויפֿגאַבּ פֿון דער שול. איז דאָס אָבער ניט אַזוי: די שול האָט בײַ לײַטן גענומען אויף זיך אָנלאָדן דעם תּלמיד מיט אַלע גרויסע און גוטע געדאַנקען און אידעען וואָס אַלע גוטע און פֿרומע לײַט האָבן געזאָגט און געשריבן. ווערט דער תּלמיד אָפֿט אַ לעבעדיקער גראַמאַפֿאָן וואָס זאָגט איבער זייער גוט און קלאָר, געדאַנקען וואָס ער דאַרף ניט, וואָס ער ווייס ניט, וואָס ער פֿאַרשטייט ניט צו וואָס עס טויג אים. סתּם, מען הייסט, אַזוי און אַזוי איז די פּראָגראַם. אוי, די הייליקע פּראָגראַם, וואָס אַלע מוזן וויסן און קענען זאָגן, אויב אַפֿילו זיי פֿאַרשטייען ניט, און זי רירט זיי ניט אָן. סתּם, די שול פֿאָדערט און מען מוז ענטפֿערן צום עקזאַמען, כאָטש נאָך דער שול דאַרף איך דאָס אויף כּפּרות.

באַוווּנדער איך וואָס די ייִדישע דערציִונג און דאָס ייִדישע לערנען אין דער טראַדיציע האָט ניט געוווּסט, ניט פאַרלאַנגט גאָרניט פון דעם מין. קיינע אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַמען! ניט דאָ איז דאָס אָרט צו דערקלערן פאַרוואָס די ניט־ייִדישע שול האָט יע געהאַט אַזוינע אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַמען און פאָדע־רונגען, און די ייִדישע שול — דער חדר און די ישיבה האָבן עס ניט געדאַרפט און ניט געפאָדערט. עס שטאַמט פון דער טיפער אַנדערשקייט פון ייִדישן גייסט, פון אידעאַל פון קולטור־מענטשן. מיר זײַנען אַנדערש און אונדזערע דרכים זײַנען אַנדערע, און אַנדערע זײַנען אונדזערע השגות וועגן גײַסטיקער צײַטיקייט פון אַ מענטשן. אָבער ווי געזאָגט וועלן מיר דערפון איצט ניט ריידן. דער עיקר — אין דער ייִדישער דערציִונג איז געווען אַ סך ווייניקער דער אָבליגאַטאָרישער באַלאַסט פון ליידיקע ווערטער. בכלל איז די וועלט באַהערשט פון ליידיקע פראַזעס, וואָס מען דאַרף זיי איבערחזרן כּסדר ווײַל אַזוי פאַרלאַנגען די בעלי־דעות. פאַראַן פאַרקערט „טריפע“ פראַזעס, וואָס בעסער קיינער זאָל זיי ניט הערן. די שפּראַך איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן אַרויסצוזאָגן זײַנע געדאַנקען, האָבן זי מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל צו פאַרבאָרגן, געדאַנקען זיי צו פאַר־לייקענען, פאַרדעקן מיט פרעמדע ווערטער, ווײַל אַזוי הייסן די מאַכטהאָבער, די דעה־זאָגערס. אַנשטאָט דער געדאַנק זאָל קריגן זײַן אויסלייזונג דורך דעם וואָרט, ווערט דאָס וואָרט אָפט אַ פאַרשליסער פון געדאַנק, דאָס וואָרט באַהאַלט דעם געדאַנק אין אַ מין געפענקעניש. און די שולן זײַנען אויך איין מיטל צו פאַר־דרענגען דעם אייגענעם געדאַנק. ווערט דער מענטש אָפט גאָר אַ מאַשין צו שרײַען אָמן; ווערט דאָס וואָרט פון מיטל אַרויסצוזאָגן געדאַנקען געבאָרענע אין דעם מענטשן גאָר אַ מיטל צו פאַרשקלאַפן דעם מענטשן און זײַן געדאַנק.

## פאָלקישע געדאַנקען און דער פאָלקישער גייסט

מענטשן לעבן ניט ביחידות, נאָר אין געזעלשאַפטן. די געזעלשאַפטן זײַנען דורותדיקע. און יעדער געזעלשאַפט האָט ניט נאָר איר שטייגער אין אויפפיר נײַערט איר שפּראַך און איר אופן פון ריידן און דענקען, איטלעך פאָלק האָט זיך זײַנע אויסדריקן, זײַנע וויצן און ווערטלעך, פראַזעס, ברכות און קללות, וויג־טשונגען. דאָס אַלץ איז אָנגענומען בײַם פאָלק און יעדער יחיד גייט אין דעם וועג, ווי אַ וואָגאָן גייט אויף רעלסן. ריידן צוויי ייִדן:

— וואָס מאַכסטו, בערל?

— עט, בע, מילא, מען מאַכט און מען מאַכט און עס איז אַלץ ניט געמאַכט...

פאַראַן בײַ ייִדן אַזוינע טראַפן וואָס פאַרשפאָרן גאַנצע זאַצן: עט, בע, מילא, האַצמאַך, כ׳מיין... און נאָך. שמועסן ייִדן: וואָס מאַכסטו? און דו, וואָס

מאַכסטו? וואָס הערט זיך? וואָס זאָל זיך הערן? נו, יע, אַז מען רעדט זיך דורך, ווערט גרינגער אויפֿן האַרצן...

אין שפּראַך ליגט די פּסיכיק פֿון פֿאָלק. לערנענדיק די שפּראַך, לערנט מען די פּסיכיק פֿון פֿאָלק. אַרײַנגעלעבט זיך אין שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק, לעבט מען זיך אַרײַן אין דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק גופֿא. ניט אומזיסט אידענטיפֿיצירט אָפֿט די העברעיִשע שפּראַך פֿאָלק און שפּראַך — „אומה ולשון", „עם ועם כלשונו" וכדומה. דער פֿאָלקישער גײַסט איז אין דער שפּראַך. אַן אויסגעלערנטע שפּראַך קען ניט האָבן דעם גײַסט פֿון פֿאָלק, ווײַל דער גײַסט ליגט ניט אין די ווערטער, נאָר בײַ די ווערטער. פֿלאָקן — איז אַ וואָרט וואָס באַטײַט אַ גרויסן שטעקן, אָבער איז דען אַ שטעקן אַ פֿלאָקן? און קען דען אַ „פֿלאָקן" פֿאַרשטיין דעם גאַנצן טעם פֿון אַרײַנזאָגן עמיצן, אַז ער איז אַ פֿלאָקן? מיט דער שפּראַך ירשנט דער יחיד דעם דורותדיקן אוצר פֿון זײַן פֿאָלק. אַן דער שפּראַך בלײַבן מענטשן קבצנים גײַסטיקע. אָן אַ שפּראַך קען מען ווערן אַ פֿאָלק פֿון „פֿלעקענער". וואָס קען אַ „פֿלאָקן" פֿאַרשטיין אַז ער איז נאָר אַ „בהמה בצורת פֿערד"?

## ניסתּר און ניגלה אין אַ שפּראַך

קיין שום ווערטערבוך קען ניט געבן דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון אַ שפּראַך. אַפֿילו „דער אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך" קען ניט אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אוצר פֿון דער שפּראַך. די שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק איז ווי זײַן פּרצוף. אָבער צי איז דער פּרצוף דער גאַנצער מענטש? עס איז שווער צו דערקלערן דעם ניסתּר פֿון אַ שפּראַך, אפֿשר אוממעגלעך. און דווקא אָט דער ניסתּר איז די נשמה פֿון דער שפּראַך און אין איר אַנטפּלעקט זיך דאָס פֿאָלק, זײַן ווייִ און ווינד, זײַן פֿרייד און זײַן טרויער. פֿעלקער זײַנען קאָלעקטיווע איינסן, יחידים פֿון גײַסט און די שפּראַך איז עס דער אוצר פֿון דעם קאָלעקטיוון גײַסט. די נשמה פֿון פֿאָלק איז אין זײַן שפּראַך. דורות לעבן אָפּ, זייער גײַסט שוועבט אויף די דורות וואָס בלײַבן. מיט ווייטאָג זע איך ווי זעלטן זײַנען יידישע קינדער מיט יידיש אין מויל: די נשמה פֿון דעם יידישן פֿאָלק זײַנען זיי באַרויבט, וואָנדערט די נשמה פֿון פֿאָלק אָן אַ היים, אָן אַ לעבן. דעם ניגלה פֿון אַן אַנדער שפּראַך האָבן זיי געקראָגן, אָבער קיין ניסתּר ניט, ניט קיין יידישן און ניט קיין נײַעם. מענטשן אָן אַ שפּראַך־ניסתּר קענען ניט זײַן שעפֿעריש. אפֿשר איז דאָ די סיבה פֿאַרוואָס ניטאָ איצט קיין יונגע שעפֿערישע מענטשן אין יידיש.

מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק האָט עס איינער אַ שטעטלשער ייִד שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש אָנגעשריבן אַ העברעיִשן ראָמאַן „האָבֿות והבנים". איז עס געווען נאָכגעמאַכט אַ רוסישן ראָמאַן אונטער דעם זעלביקן נאָמען (פֿון דעם

רוסישן שרײַבער טורגעניעוו) — אַ גײַסטיקער קבצן, וואָס זוכט ברעקלעך פֿון פֿרעמדע טישן. צום גליק האָט ער זיך גענומען צום פֿאָלקישן גײַסט, צו ייִדיש פֿון ר׳ יודלען און בײַ אים, בײַ ר׳ יודלען האָט ער זיך אויסגעלערנט שרײַבן. ניט נאָר ייִדיש, נאָר אויך העברעיִש איז בײַ אם געוואָרן אַ לעבעדיקע שפּראַך פֿון אַ לעבעדיק פֿאָלק. און דער גאָספּאָדין אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן אַ היימי־שער מענדעלע מוכר ספרים. באַהויכט מיט דער פֿאָלקישער נשמה.

און זײַן „אייניקל״ — אַ קאַזיאָנער רבֿ, וואָס שרײַבט העברעיִשע קאָרעס־פּאָנדענצן אין אַ צײַטונג, האָט זיך בײַ אים די פֿאָלקישע ניסתּרדיקע נשמה אַרויסגעריסן פֿון אירע פּענטעס און גענומען שרײַבן ייִדיש און עס איז אויסגע־וואַקסן שלום־עליכם, וואָס האָט פֿאַרקערפּערט דאָס גאַנצע פֿאָלק אין שריפֿט.

האָט אַ פֿאָלק געלעבט טאַקע אין גלות, טאַקע אין צרות אָן אַ ברעג, אָבער פֿאַר זיך און פֿאַרזיכיק, האָט עס פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם ניסתּר און דער ניסתּר האָט אַ לשון געשאַפֿן, האָט דאָס פֿאָלק זיך אַ גײַסטיקע היים געשאַפֿן אַפֿילו אין דער פֿרעמד, אַפֿילו אין פֿינצטערן גלות. האָט אָבער די פֿאַרזיכיקייט אויסגעזען דעם פֿאָלק ווי אַ געטאָ. יעדער פֿאָלק לעבט פֿאַר זיך, און די פֿאַרזיכיקייט איז אַ „היים״, האָט אָבער דאָס ייִדישע פֿאָלק זײַן היים געזען ווי אַ „געטאָ״. האָבן ייִדן בײַ דער ערשטער געלעגנהייט פֿאַרברענט זייער אייגענע היים און געזוכט אַן אָרעמאַנסקע חסד־דירה בײַ יענעם אין אַ ווינקעלע. האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַרלאָרן זײַן שפּראַך־ניסתּר, זײַן שעפֿערישקייט, איז מען געוואָרן פֿאַרשפּרייטער פֿון פֿרעמדער סחורה. שפּראַך פֿאַרלאָרן, פֿאַרלאָרן די אייגענע פֿאָלקישע דורות־דיקע נשמה, פֿאַרלאָרן דעם אייגענעם ניסתּר. עס איז זייער פֿלאַך די טענה פֿון די ייִדיש־פֿאַרטיידיקער צוליב דעם ווײַל עס איז אויף ייִדיש פֿאַראַן אַ רײַכע ליטעראַטור. אַפֿילו ווען אויף ייִדיש וואָלט קיין אײן בוך ניט געווען, וואָלט דאָך ייִדיש געווען און געבליבן דער איינציקער אוצר פֿון ייִדישן גײַסט, פֿון ייִדישן ניסתּר, פֿון דער ייִדיש־פֿאָלקישער נשמה. ייִדיש איז די שפּראַך פֿון ייִדיש־פֿאָלקישע געדאַנקען און געפֿילן. איטלעך פֿאָלק האָט זײַן קאָלעקטיווע נשמה. די נשמה איז אין זײַן שפּראַך. אָן ייִדיש פֿאַרלירט דאָס ייִדישע פֿאָלק זײַן פֿאַרזיכיקע נשמה, ווערן מיר אויס פֿאָלק.

העברעיִש איז געווען אַמאָל די שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק, זײַן ניסתּר און זײַן גײַסט. אַלץ איז אין דער שפּראַך פֿאַרקערפּערט געווען. יענץ פֿאָלק איז שוין לאַנג ניטאָ. ווערטער מיט טײַטשן זײַנען געבליבן, ווערטער מיט טײַטשן אָבער אָן קיין שום רעשטל פֿון אַ ניסתּר. מען קען ריידן העברעיִש זייער גוט, אָבער קיין ייִדישע נשמה איז אין דעם העברעיִש ניטאָ: די פֿאַרצײַטיקע איז אַוועק מיט יענעם פֿאַרצײַטיקן פֿאָלק, און די הײַנטיקע איז אין ייִדיש גאָר, ניט אין

העברעיִש. בלויז געציילטע יחידים־שרײַבערס האָבן זוכה געווען צו קענען די ייִדישע נשמה פֿון ייִדיש אַרײַנגעבן אין העברעיִשן טעקסט.

## ווי האָט עס דאָס ייִדישע פֿאָלק אַזאַ טעות געהאַט

פֿעלקער האָבן ליב זיך. דעם אייגענעם קאָלעקטיוון גײַסט, די אייגענע פֿאָלקישע נשמה. וואָס זשע איז געשען מיט ייִדישן פֿאָלק וואָס האָט זיך פֿאַרראַטן? זײַן ניסתּר־נשמה פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר ברעקלעך פֿון פֿרעמדן ניגלה? דאָס דערקלערט זיך מיט דער השפּעה פֿון ביטערן גלות.

די פּסיכיק פֿון אַ פֿאָלק איז אַ פּראָדוקט פֿון זײַן לעבן. געווען אין דער ייִדישער געשיכטע תּקופֿות וואָס האָבן געשאַפֿן אַ שטאָלצע באַציִונג צו זיך, צום אייגענעם פֿאָלק. און געווען תּקופֿות פֿאַרקערטע, וואָס האָבן דערדריקט דעם גײַסט פֿון פֿאָלק, דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעהערט זיך צו אַכטן, צו גלייבן אין זיך, צו האָבן דרך־ארץ פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן גאַנצן גײַסטיקן פֿאַרמעגן. „איך רייד? — די צרות מײַנע ריידן״... אַזוי דערקלערן אָפֿט ייִדן זייערע פֿעלערן, זייער כּעס און צאָרן. אַזוי קען אויך דאָס פֿאָלק בכלל דערקלערן זײַנע פֿעלערן. מיר זײַנען געניט אין גלותן. און אַזאַ שווערן גלות ווי דער אייראָפּעיִשער איז ניט געווען. די אייראָפּעיִשע פֿעלקער סאַדיסטן האָבן זייער סאַדיזם פּראַקטיצירט אויף אונדז. „היינו לעג וקלס בגויים״ — קלאָגן זיך ייִדן פֿאַרן רבונו של עולם. אָט דער „לעג וקלס״ — דער „צו שפּאָט און צו שאַנד זײַנען מיר געוואָרן״ (פּרוג) האָט אין משך פֿון דורות זיך אויך אַנטוויקלט בײַ ייִדן. זײַנען ייִדן געוואָרן מינדערווערטיק בײַ זיך אַליין אויך. איז כּל־זמן מען האָט ניט געקאָנט אַנטלויפֿן פֿון זיך, איז מען ניט געלאָפֿן. פּריצים אין הייפֿן — צו הויף, פּויערים אין דערפֿער — צו נידעריק. זײַנען ייִדן אין שטעטלעך אויך פֿאַר זיך געבליבן. ווי נאָר עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז עס איז אָפֿן אַ טירל, האָט מען גענומען לויפֿן. איז די אייגענע היים געוואָרן אַ „געטאָ״, איז די אייגענע שפּראַך געוואָרן אַ „זשאַרגאָן״ און דאָס אייגענע פֿאָלק — אַ קריפּל. האָט זיך דער „גרויסער״ מענדעלסאָן געבעטן בײַ זײַנע דײַטשן (״ירושלים״). האָט זײַן חבֿרשאַפֿט — מיטצײַטלער דער פּעטערבורגער לייב נעוואַכאָוויטש נאָך הכנעהדיקער עס געבעטן בײַ די „גרויסע זין פֿון צפֿון״, די רוסן און אַז די דאָזיקע „גרויסע זין״ האָבן אים פֿאָרט ניט געוואָלט פֿאַר אַ חבֿר, האָט ער געטאָן קליגער — גלײַך זיך געשמדט, ניט געלאָזט עס פֿאַר זײַנע קינדער ווי מענדעלסאָן. אַ געלאַף פֿון גלות, אַ חורבן פֿון אַלץ וואָס ייִדיש איז. אַ שמד־מגיפֿה אין דײַטשלאַנד אין אָנהייב פֿון נײַנצנטן י״ה און אַ שמד־מגיפֿה אין רוסלאַנד אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן י״ה — וואָס גיכער פּטור ווערן פֿון די צרות. איז גאָר די ייִדישקייט געווען בײַ די לײַט אַ סינאָנים פֿון צרהדיקייט. האָט מען מיט די זעלביקע שטי־

מונגען געבויט אויך די אייגענע מדינה. לויפט מען צו אַלעמען, צו אַלע פעלקער און צו זיך איז מען נאָך ווײַט ניט געקומען. דאָס וועט נאָך קומען. אָבער וויפל יידן וועלן דעמאָלט זײַן? אומעטיקע מחשבות. דאָס יידישע פאָלק איז אַזאַ ווי די תקופה האָט עס געמאַכט, איבערגעשאַפן. האָט די גליקלעכע פערסישע תקופה געשאַפן אַ יידיש פאָלק אַ שטאָלצע און אַ מוטיקע. האָט זײַן אינטעליגענץ געקענט שאַפן די גאַנצע תלמודישע קולטור אין דער פשוטער שפּראַך פון פשוטן פאָלק און „הזהרו בבני עמי־הארץ שמהם תצא תורה" (סנהדרין צו, א) — תורה־יידישקייט שטאַמט פון דעם שטייגער וואָס די עם־ארצים פירן.

האָט אָבער דער גלות אייראָפּע איבערגעקנאָטן דאָס זעלביקע יידישע פאָלק וואָס איז פונקט פאַרקערט גאָר געלאָפן פון זיך. דאָס פרעמדע איז גוט, דאָס אייגענע טויג ניט. וואָס פאַר אַ גלות — אַזאַ פּסיכיק, און וואָס פאַר פּסיכיק — אַזאַ באַציִונג צו יידישקייט. האָבן יידן בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט גענומען לויפן פון זיך, „פון געטאָ" האָט מען דאָס גערופן. צו אַלעמען איז מען געלאָפן און מען לויפט נאָך. דאָס פרעמדע איז גרויס, די גרויסע וועלט, דאָס אייגענע איז „געטאָ", דאָס אייגענע איז זיך אָפּגעצאַמט, דאָס פרעמדע איז ברייט־וועלטיק. די פרעמדע שפּראַך איז גוט. פויליש ווערט גערעדט נאָר אין איין מדינה, אין איין לאַנד, איבער די גרעניצן איז פויליש טויט. סײַדן יידן האָבן אין זייערע וואַנדערונגען צעטראָגן. יידיש איז אַלוועלטלעך. דאָך האָבן יידן אין פוילן געררנער גערעדט פויליש. פון ווען אָן? זינט פוילן איז געוואָרן אַ מדינה און פויליש איז געוואָרן אַ מלוכה־שפּראַך. און אַזוי אין אַלע לענדער, ציִען זיך יידן צו דער מלוכה־שפּראַך. פאָרטוגעזיש ווערט גערעדט נאָר אין צוויי לענדער — פאָרטוגאַל און בראַזיל. מיט וואָס פאַר אַ גיריקייט האָבן זיך דאָס יידן אין בראַזיל צוגעכאַפּט צו פאָרטוגעזיש! און אַזוי אין אַלע לענדער. האָבן יידן פאַרלאָרן און זיי פאַרלירן דעם אייגענעם ניסתר פון דער אייגענער שפּראַך. ניט פון דער שפּראַך אַליין לויפן יידן; — פון זיך לויפט מען, פון יידיש פאָלק לויפט מען. אין גאַנצן תלמוד איז ניט קענטיק, צי אין די יידישע ישובים זײַנען געווען אויך אַנדערע פעלקער. עס איז די יידן ניט ענג געווען צו זײַן בײַ זיך אַליין, זיי האָבן זיך ניט געפילט אין קיין „געטאָ", זיך ניט געריסן צו פרעמדע שפּראַכן. מיט דער אייגענער שפּראַך האָט מען זיך געפילט גוט, היימיש, מען האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע אינטערעסן. די אייגענע אינטערעסן זײַנען געווען גענוג. געלעבט אין שטעטל, פאַר זיך, אַליין, זײַנען אַלע געשעענישן געווען אין יידישן לעבן, אַלע צרות — יידישע, אַלע פּראָבלעמען — יידישע. זײַנען אַלע געדאַנקען געווען יידישע געדאַנקען, קיין נײַעסן פון דער אַנדער וועלט, פון דער דרויסנדיקער וועלט זײַנען צו יידן ניט געקומען. די אינטערעסן זײַנען געווען ריין יידישע. און ווי צו לייזן די פּראָבלעמען זײַנען אויך געווען ריין יידישע דרכים.

דאָס איז דער „דרך השם" ווי מ. ווײַנרײַך רופֿט עס אָן. און ווי אַפּצושרײַען גזירות זײַנען אויך געווען ריין ייִדישע דרכים — תשובֿה, תּפֿילה וצדקה, תּהלים זאָגן, מעסטן קבֿרים, צינדן ליכט אין בית המדרש. אַזוי איז דאָס לעבן פֿון אַ ייִד געווען באַשטימט פֿון דעם ערשטן טאָג ביז נאָך דעם לעצטן טאָג פֿון לעבן.

קיין שום פֿרעמדס האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט אין ייִדישן לעבן. זײַנען במילא די געדאַנקען געווען דורכויס ייִדישע. אַזוי ווי ייִדן פֿלעגן אויסמײַדן די ניט־ייִדישע געריכטן און זיי פֿלעגן די משפּטים זייערע אויך ברענגען „צום רבֿ", איז דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן געווען אויטאָנאָם ייִדיש, פֿאַרזיך, זײַנען די אינטערעסן, די פּראָבלעמען — אַלץ געווען ריין ייִדישע. עס איז געווען מאָדנע, שווער אונדז הײַנט צו פֿאַרשטיין. געלעבט אַזוי נאָענט, געלעבט מיט גוֹיִים, אויף די מערק, און דאָך אַזוי ווײַט, אַנדערש, פֿאַר זיך. שטעטל און דאָרף — צוויי ווײַטע און פֿרעמדע וועלטן! געטאָ, אָבער אָט די געטאָ איז געווען אַ היים, אַ וועלט פֿאַר זיך. שבת, יום טובֿ זײַנען פֿאַרט געווען יום טובֿים, אָן אַ ברעקל פֿרעמדקייט, אָן אָפּהענגיקייט. אין אָט דער פֿאַרזיכיקער וועלט, אין דער ייִדישער וועלט זײַנען במילא אַלע געדאַנקען געווען ייִדישע. די עצם געדאַנקען, דער גאַנג פֿון דענקען, די אויספֿירן — אַלץ איז געווען פֿאַרזיכיק, אַ ייִדישע וועלט.

גאָר אַנדערש האָבן מיר איצט, אין אורבאַניזם, אין די שטעט. ניטאָ קיין פֿאַרזיכיק ייִדיש לעבן. ערשט איצט איז יעדער ייִד אַרײַן אין גלות, אין אַ פֿרעמדער וועלט. מיר לעבן לויט אַ פֿרעמדן לוח פֿון אַרבעט און רו. די שפּראַך און די דערציִונג — אַלץ לויט די פֿאַרמען און נאָמען פֿון הערשנדיקן פֿאָלק. די צײַטונג, די ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אַלע נײַעסן און געשעענישן, די גאַנצע בילדונג — אַלץ איז פֿרעמד. ייִדן וואַקסן אין אַ פֿרעמדער וועלט, לעבן אין אָט דער פֿרעמדער וועלט. ניטאָ קיין אָרט פֿאַר ייִדישע פֿאָרמען, פֿאַר ייִדישע אײַנ־האַלטן, ערשט איצט זײַנען ייִדן אַרײַן אין גלות. אין שטעטל איז עס ניט געווען קיין גלות, לגמרי. דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן אין אורבאַניזם. ווען איז דער בעסטער טאָג אין וואָך? ענטפֿערן קינדער אין אַ ייִדישער שול — זונטיק. שבת איז אומעטיק: די עלטערן אַרבעטן, קיין שול איז ניטאָ, איז אומעטיק. מען עפֿנט די צײַטונג, די ראַדיאָ, טעלעוויזיע — אַלץ פֿרעמדס, פֿרעמדע אינטערעסן, פֿרעמדע פּראָבלעמען, פֿרעמדע לייזונגען. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ פֿרעמדס. במילא זײַנען די געדאַנקען אויך פֿרעמדע. ניטאָ קיין ייִדישע געדאַנקען!

אין שטעטל איז די ייִדישע רעליגיע ניט געווען קיין אַרויפֿגעצוווּנגענער יאָך. עס איז געווען די נאַרמע. קיין אַנדער שטייגער איז ניט געווען גאָר. שווער צו זאָגן וואָס עס איז געווען דער אָבֿ און וואָס — די תּולדה. צי איז די רעליגיע געווען די וואָס האָט געשאַפֿן דעם שטייגער, אָדער פֿאַרקערט — דער שטייגער

איז געוואָרן די רעליגיע. בכל אופן איז עס געווען דורכויס אייגנס, איינס. ווער עס האָט ניט געזען אַ יידישע שטעטלשע היים פּריוואַט צונאַכט, די שפּאַצירנ־דיקע יידן שבת נאָכן שלאָף, דער האָט ניט געזען קיין אמתע שלוה, קיין פּרייע יידן, אָן אַ ברעקל קנעכטשאַפט. גאָרנישט פון דעם איז פאַראַן ביי יידן אין אורבאַניזם, אין די שטאָטישע ישובים. און אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פרעמד, זיינען אויך די עצם געדאַנקען פרעמדע, די נאָרמען פון לעבן און די נאָרמען פון דענקען. איז דער גאַנצער גייסט שוין נישט קיין יידישער, די נשמה איז אין גלות. און דאָס איז דער ערגסטער, דער שווערסטער גלות. ניטאָ מער קיין יידישע געדאַנקען!

## יידישע שעפערישקייט

די גאַנצע יידישע קולטור, די ליטעראַטור, די יידישע מוזיק, דער פאָלק־לאָר — אַלץ איז נאָך פון שטעטל. אָפּגעהאַקט איז די יידישע שעפערישקייט. ניטאָ קיין ליטעראַטור, קיין ליד, קיין יידישע מעלאָדיע — גאָרניט; עס זיינען פאַראַן יידישע קינסטלער, שרייבערס, פּאָעטן. איז דאָס אַלץ פרעמדס, יידן וואָס נעמען אַנטייל אין אַ פרעמדן לעבן.

עס קען געמאָלט זיין, אַז איך וועל זיין ניט ווייט פון דעם אמת, אויב איך וועל זאָגן אַז מיר לעבן און מיר צייכענען זיך אויס אין פרעמדן לעבן מיט די יידישע פעיקייטן וואָס זיינען געבאָרן אין שטעטל, וואָס זיינען געבאָרן און זיך אַנטוויקלט אין שטעטל נאָך. גאָר די יידישקייט, גאָר די שעפערישקייט וואָס מיר האָבן נאָך־אַלץ, איז נאָך רעשטלעך פון שטעטל. די שטאָט, דער אורבאַניזם האָט נאָך ניט געשאַפן אין יידישקייט. מען מעג און מען דאַרף טראַכטן וועגן קיום פון יידישן פאָלק ווייטער אין אורבאַניזם.

צי איז טאַקע אוממעגלעך אַ יידיש לעבן אין שטאָט? איז עס טאַקע דער אומבאַדינגטער גורל פון יידישן פאָלק — אונטערגאַנג? האָבן יידן געקענט לעבן נאָר אין שטעטלעך, און איז עס טאַקע די שטאָט — דער אומקום פון יידישן פאָלק?

ניין! און נאָך אַמאָל ניין! יידן, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער קענען און מוזן קענען לעבן אויך אין די שטעט. יידן האָבן אָבער נאָך זיך ניט אויסגעע־לערנט צו לעבן אין שטאָט. די צוקונפט פון דער מענטשהייט זיינען די שטעט. קיין שטעטלעך וועלן מער ניט זיין. אָבער מען דאַרף זיך אויסלערנען לעבן אין שטאָט. די פּראָבלעם איז: צי דאַרפן די שטעט זיין אַ זאַמלונג פון יחידים, אָדער זיי דאַרפן זיין זאַמלונגען פון פאָלקישע קאָלעקטיוון? אויב יחידים, איז דאָס יידישע פאָלק פאַרלאָרן. וועלן זיך נאָך האַלטן מיט די רעשטלעך פון די שטעט־

לעך. מער ניט. אָבער פֿעלקער האָבן אַ טענדענץ צו בויען אין שטעט פֿאָלקישע, פֿאַרזיכיקע קאָלעקטיוון. אין דעם איז די פּראָבלעם. זײַנען מיר אַ פֿאָלק אָדער בלויז אַ באַזונדערע רעליגיע? אויב מיר זײַנען אַ פֿאָלק, ירשען מיר די גאַנצע פֿאַרזיכיקע פֿאָלקישקייט, וואָס עס איז געווען אין שטעטל. הן די וואָס זײַנען יע פֿאַרשריבן און אויך די וואָס זײַנען ניט פֿאַרשריבן. זײַנען מיר אָבער בלויז אַ רעליגיע, היטן מיר נאָר די פֿאַרשריבענע מצוות (און הלכות) לויט די פֿאַר־שריבענע קאָדעקסן און מער דאַרף מען ניט. איך האָב ליב אַ מזוזה. איך היט עס אין אַלע מײַנע דירות. עס איז אַ סימן פֿון אַ ייִדישער היים. אָבער נאָך מער, נאָך וויכטיקער, נאָך מער טיילט אויס אַ ייִדן דאָס ייִדישע לשון. אָבער מזוזה איז פֿאַרשריבן אין שולחן ערוך און ייִדיש לשון איז ניט פֿאַרשריבן אין רעליגיעזע ספֿרים. אויב ייִדישקייט איז בלויז רעליגיע, זײַנען געננג די דינים און יוצא. מער דאַרף מען ניט. אויב ייִדן זײַנען אָבער אַ פֿאָלק פֿאַר זיך, באַ־זונדער, איז פֿאַר אונדז אויך אין אורבאַניזם אָבליגאַטאָריש די גאַנצע ייִדיש־קייט ווי מיר האָבן זי געהאַט אין שטעטל. אויב רעליגיע, וועלן אין שטעט בלײַבן „גויים פֿון דער ייִדישער רעליגיע". פֿאַראַן גויים וואָס היטן שבת, וועלן אויך זײַן גויים, וואָס לייגן תּפֿילין און קלאַפּן אַן מזוזות וכדומה. מען זאָגט אַז עס זײַנען פֿאַראַנען אַזוינע דײַטשן וואָס היטן פֿרום די ייִדישע רעליגיע. קיין שום ייִדישע שעפֿערישקייט דאַרף מען ניט וואַרטן פֿון אַזוינע „גויים פֿון דער ייִדישער רעליגיע". גאָר אַנדערש וועט עס זײַן ווען מיר נעמען אָן ייִדישקייט ווי אַ פֿאָלק. דעמאָלט לייגן מיר אַוועק דעם שולחן ערוך, וואָס האָט פֿיקסירט די ייִדישקייט פֿון זײַן צײַט און מיר שאַפֿן זיך אַ מין שולחן ערוך פֿון דער ייִדישקייט, וואָס אין אונדזער צײַט. און אַט דעם הײַנטיקן שולחן ערוך פֿון שטעטלשער ייִדישקייט באַמיִען מיר זיך אײַנצוהיטן אין שטאָט. אויב נאָר רעלי־גיע — איז דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַרלאָרן, אויב פֿאָלק קען דאָס ייִדישע פֿאָלק האָבן אַ לאַנגן קיום. ווי אַזוי? ווי אַלע פֿעלקער וואָס אָרדענען זיך אײַן אין שטאָט אין באַזונדערע שטעטלעך. אויב ווילנע האָט געהאַט אַ נאָמען פֿון עפּעס אַן אַנדער מין שטאָט, איז עס נאָר צוליב דעם וואָס עס זײַנען דאָרטן ניט געווען קיין „הויפּטפֿעלקער". אַלע גלײַך. אַוודאי קענען אין אַ ניו יאָרק, אַ לאָס אַנדזשעלעס, אַ שיקאַגאָ זײַן פֿאַרזיכיקע ייִדישע שטעט, ארץ ישׂראלס, ייִדישע טעריטאָריעס. מען דאַרף גאָרניט זוכן ביז גוטע גויים וועלן נעמען פּריש און געזונט און אַוועקגעבן ייִדן אַ טעריטאָריע. ייִדן וועלן בויען אַן אייגענע טערי־טאָריע, אַן אייגן ארץ ישׂראל נאָר ווען זיי וועלן קענען אין יעדער פֿרײַען לאַנד זיך שאַפֿן פֿאַרזיכיקע טעריטאָריעס דאָרטן ווו ייִדן זײַנען, ווו מען לאָזט נאָר. דעמאָלט וועלן ייִדן זײַן ייִדן און זייער דענקען וועט זײַן ייִדיש, און זייערע גע־דאַנקען וועלן זײַן ייִדישע געדאַנקען, ייִדישע רייד, די בשמות וועלן זײַן ייִדישע.

ווער ווייס צי דאָס יידישע פֿאָלק וועט דערציִען ביז צו אַט דעם „באחרית הימים“? און אויב יע, וויפֿל יידן עס וועלן מיטגיין? ווער ווייס צי וועט דאָס יידישע פֿאָלק דערהאַלטן ביז צו דעם „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות“...

## פֿאַרוואָס?

פֿאַרוואָס איז ביי יידן אַן ערגערע באַציִונג צו אַלץ אייגנס, ערגער ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער? פֿאַרוואָס איז זייער שפּראַך ביי זיי אַליין גאָר אַ זשאַר־גאָן? פֿאַרוואָס האָבן יידן צו זייער לשון אַן ערגערע באַציִונג ווי צו אַלע אַנ־דערע לשונות? פֿאַרוואָס זיינען יידישע געדאַנקען, יידישע פּראָבלעמען „געטאָ“, און אַלע פּראָבלעמען פֿון אַנדערע פֿעלקער זיינען ניט געטאָ? פֿאַרוואָס איז יידיש — אַ וועלט־שפּראַך — ביי יידן קאָנאַפּווערטיק, און פּויליש, וואָס ווערט גענוצט נאָר אין איין לאַנד איז יע חשוב? פֿאַרוואָס נעמען יידן ריידן צו זייער גאָט אין פֿרעמדע שפּראַכן? אין שולן, אין סינאַגאָגעס? פֿאַרוואָס אַפֿילו אין אַזאַ שטאָט ווו יונגע יידן פֿאַרשטייען יידיש, פֿאַרוואָס אַפֿילו דאָרטן פּראַווען יידן זייערע תּפֿילות אין פֿרעמדע שפּראַכן, און באַרימען זיך אַז יידן האָבן מער דרך ארץ און מער אַכטונג ווי דאָרטן וווּ יידן רעדן זיך דורך מיט זייער גאָט אין זייער פֿאָלקישער שפּראַך? פֿאַרוואָס נעמען יידן גערנער אַן פֿרעמדע נעמען, פֿרעמדע זיטן און פֿירונגען, און מען שטאָלצירט מיט דעם? פֿאַרוואָס אַז איך רייד, פֿרעגן יידן פֿון וואַנען בין איך געקומען? ווייל אַן אַלטגעזעסענער איינ־ווינער וועט דאָך ניט ריידן קיין יידיש אין גאַס... מען קען, דאַכט זיך, אָנ־רופֿן אַ סך אַזוינע „פֿאַרוואָסן?“ און אויף אַלע קשיות איז פֿאַראַן איין תּירוץ, איין ענטפֿער — עבֿדים היינו — קנעכטיש זיינען מיר געוואָרן... אַט דאָ ליגט דער גלות אין אונדז. לאָמיר דאָס דערקלערן. מיר האָבן געהאַט אַ סך גלותן. יעדער גלות האָט געווירקט אויף דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק, און אַט די פּסיכיק האָט געשאַפֿן די באַציִונג פֿון יידן צו זייער יידישקייט. איז געווען אַ גלות בבֿל, אַ גלות פּרס און אַ גלות אייראָפּע. איטלעכער האָט געשאַפֿן אַן אַנדער פֿאָלק, אַן אַנדער באַציִונג פֿון יידן צו זייער יידישקייט. האָבן חז״ל געשאַפֿן זייער גאַנצע קולטור אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. זיי האָבן אַלע געקענט עבֿרית, עס איז אָבער נאָר איין מאָל פֿאַראַן אין גמרא אַ טענה, פֿאַרוואָס אַראַמיש? ניט געווען קיין פֿראַגע: קולטור שטאַמט פֿון פֿאָלק, דאָס פֿאָלק רעדט אַראַמיש איז אַראַ־מיש הייליק, און אַלץ וואָס די אינטעליגענץ שאַפֿט, שאַפֿט זיך אין דער שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק. איז די פֿירונג פֿון פֿאָלק אַ תּורה. די גאַנצע „מדרבנן“ האָט געקענט זיין אייגנלעך „מהפֿאָלק“. פּונקט דאָס פֿאַרקערטע איז געשען אין איי־ראָפּע. ווי נאָר עס איז מעגלעך געוואָרן פֿאָליטיש, איז אין מערבֿ אייראָפּע

אָוועק אַן אויסשמדונג, אַ „שמד־מגיפֿה“ וואָס האָט צוגענומען אפֿשר דאָס גאַנצע ייִדנטום. דאָס גאַנצע ייִדנטום וואָס היטלער האָט געפֿונען איז אָפּגעשטאַמט געווען פֿון אַרײַנגעפֿאָרענע ייִדן. האָט מענדעלסאָן זיך געבעטן אַ געזעלשאַפֿט פֿון דײַטשן פֿאַר ייִדן („ירושלים“) מען זאָל נאָר ניט צווינגען זיך צו שמדן. האָבן זײַנע קינדער דאָס דערגרייכט טאַקע דורך שמד. האָט ער — גײַגער און אַנדערע — געוועלט דערגרייכן מיט דער רעפֿאָרעם, אַן שמד. האָט זיך די זעלביקע שמד־מגיפֿה איבערגעחזרט אין רוסלאַנד אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן י״ה. איז דער ציוניזם אויפֿגעקומען אין סאַמע אַנטלויפֿן פֿון ייִדישקייט: אויב דער אידעאַל פֿון עמאַנציפּאַציע מיט רוסיפֿיקאַציע איז געשטאָרבן, איז אויטאָעמאַנציפּאַציע אַן אַנטלויפֿן פֿון ייִדישקייט אָן שמד, אָן רוסיפֿיקאַציע.

צוויי גלותן — בבֿל און אייראָפּע מיט פֿאַרקערטע שטרעבונגען. דער גלות אייראָפּע האָט פֿאַרמיאוסט ייִדישקייט אין די אויגן פֿון ייִדן. דאָ איז די סיבה פֿאַרוואָס אין ארץ ישׂראל איז ניט געווען קיין המשך פֿון ייִדישקייט, נאָר אַן אַנטלויפֿן פֿון ייִדישקייט, מיט שפּאַלטן קעפּ אַפֿילו. דאָ איז די סיבה פֿאַרוואָס ייִדן האָבן ניט אויסגענוצט די מעגלעכקייט צו שאַפֿן אין אַמעריקע אַ ייִדישע שטאָט, אַפֿילו אַ פֿעסטע ייִדישע קהילה אין ניו־יאָרק, אַ ייִדישן קוואַרטאַל אין ניו יאָרק.

צוויי גלותן און צוויי פֿאַרשיידענע באַציִונגען צום פֿאָלק און צו זײַן פֿאָלקישקייט. מען האָט בײַ אונדז ווייניק אַכט געלייגט אויף דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק ווי אַ פֿאַקטאָר אין געשיכטע. צוזאַמען מיטן ייִדישן לשון זײַנען אויך פּסול געוואָרן ייִדישע געדאַנקען.

## ייִדישע געדאַנקען

וואָס מיינט עס? וואָסערע געדאַנקען זײַנען עס ייִדישע און וואָסערע ניט? עס קענען זײַן צווייערליי געדאַנקען: די וועלט איז פֿול מיט פּראָבלעמען. אַלע געביטן פֿון וויסן פֿאַרנעמען זיך מיט זיי, און וואָס מער מען פֿאַרנעמט זיך מיט זיי, אַלץ מער ווערן זיי, אַלץ מער צעוואַקסן זיי זיך, אַלץ מער צעצווײַגן זיי זיך. מענטש איז אַ באַשעפֿעניש וואָס דענקט. אַלע דענקען, דענקען פֿאַרשיידן, לויט זייערע אינטערעסן, לויט זייערע דורותדיקע געוווינהייטן און אײַנשטעלונגען. אַרײַן אין אַ סאָסנע־וואַלד. דער באָטאַניקער ווערט דאָ פֿאַרפֿלייצט מיט אַ ים געדאַנקען פֿון זײַן וויסנשאַפֿט; דער פּאָעט הערט זיך צו צום שטילן מורמל פֿון די הויכע צווײַגן־קרוינען, דער האָלץ־סוחר נעמט באַלד אין קאָפּ אויסרעכענען וויפֿל געהילץ מען קען קריגן, דער תּלמיד וועט זיך באַלד דערמאָנען זײַנע שריפֿטלעכע אַרבעטן וואָס ער דאַרף נאָך שרײַבן. אפֿשר וועט ער אויסנוצן דעם וואַלד.

די יום־כיפור־מלחמה. וויפלערליי געדאַנקען זי האָט אַרויסגערופן ביי פאַר־שיידענע מענטשן! איך פלעג אַמאָל ליב האָבן נעמען תלמידים אויף אַ שפּאַציר אין אַ נייעם אָרט, און בעטן ביי זיי זיי זאָלן מיר פאַרשרייבן דעם ערשטן געדאַנק. זעלטן פלעגן זיין צוויי ענלעכע געדאַנקען. יידישע געדאַנקען דרייען זיך אַרום די גורלות פון יידישן פאָלק, פון זיין לעבן, וכדומה. עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן טענות: יענער האָט זיך אַריינגעטאָן אין זיינע יידישע פּראָבלעמען, ווי מער וואָלט קיין וועלט ניט געווען; יענער איז פאַרפלאָנטערט אין זיין יידיש־קייט ווי אַ פליג אין שפּינוועבס. מען לאַכט: ווען מען זאָל אים הייסן שרייבן וועגן העלפאַנטן אין אַפריקע, וועט אַרויסקומען ביי אים „העלפאַנטן און יידיש־קייט".

פאַראַן צוויי וועגן פון אַסימילאַציע: איך קען אַסימילירן אַלערליי עסנס אין זיך, אין מיין פלייש און בלוט און עס קענען אין מיר לעבן פּאַראַזיטן וואָס אַסימילירן מיין קערפּער, מיין פלייש און בלוט אין זייער קערפּער. מיך עסן זיי אויף. איינער אַסימילירט די גאַנצע וועלט און אירע פּראָבלעמען אין זיין גייסטיקן פלייש און בלוט און אַ צווייטער ווערט אַסימילירט אין דעם פרעמדן. די רוסישע רעוואָלוציע אין 1917. אונדזער ערשטע פאַרזאַמלונג פון לערער אין פּעטערבורג איז געווען אויף איבערמאָרגן — אַ לערער־צוזאַמענפאָר פון אַלע יידישע לערער אין רוסלאַנד. און משה ראַפּעס האָט געטענהט: „איצט דאַרף מען מיט אַן איינזערנעם בעזעם אויסקערן די מענדעלעך מיט די שלום עליכמס"... מיר זיינען געלאָפן צו בעטן ביי דעם יידן זינאָוויעוון באַשפּייזונג פאַר יידישע שולן. און ער האָט אונדז געענטפערט: „איך שפּיי איצט אויף יידישע שולן".

געווען אַ צייט אַזאַ: יידן האָבן גענומען ווערטער פון פאַרשיידענע פעלקער, סביבות, און עס איז פון דעם געוואָרן איין יידישע שפּראַך. און געווען, און עס זיינען דאָ צייטן ווען יידן האָבן אַזוי פיל צו ריידן און צו טראַכטן וועגן דער וועלט, אַז זיי פאַרגעסן גאָר אַז עס זיינען דאָ יידן אויף דער וועלט. אַ רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד... אויפלעבן די יידישע קולטור, אָדער וואָס פלאָנטערן זיך די יידן מיט זייער קולטור? אין דער גאַנצער וועלט זיינען נאָך דאָ יידן וואָס גלייבן אַז אַ משיח וועט קומען אויף דער וועלט צו פאָרן אין אַ רוסישער „טרויקע". פאַראַנען פּריוואַטע, פּערזענלעכע אינטערעסן און דורך זיי באַנעם איך די וועלט. און עס קענען זיין נאַציאָנאַלע, פאָלקישע אינטערעסן און זיי זיינען די פּריזמע, וואָס דורך איר זע איך די וועלט. דאָס זיינען יידישע געדאַנקען. עס קענען זיין יידישע געדאַנקען פאַלשע. איך גלויב ניט אַז עס קענען זיין יידישע געדאַנקען, וואָס האַלטן אַזוי פון ארץ ישראל דערפאַר ווייל משיח דאַרף נאָך קומען, און מען טאָר ניט קאָנקורירן מיט אים. עס קענען ניט זיין קיין יידישע אינטערעסן, זאָלן פאַרוואַנדלען צענדליקער יידן אין ממזרים וואָס טאָרן ניט קומען אין אַ

יידישער געזעלשאַפֿט דערפֿאַר וואָס עס זײַנען ניט אָפּגעהיט אַלע פּונקטן פֿון דער הלכה, פֿון אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק. יידישע געדאַנקען זײַנען פּראָדוקטן פֿון יידישע אינטערעסן, די אינטערעסן פֿון יידן הײַנט. אינטערעסן קענען זײַן פּריוואַטע, פֿון איין מענטשן און זיי קענען זײַן קאָלעקטיווע פֿון גאַנצן ציבור, פֿון גאַנצן פֿאָלק. יידישע געדאַנקען האָבן אין זינען דאָס גאַנצע פֿאָלק. יידישע געדאַנקען קענען זײַן נאָר דעמאָלט ווען עס דאָמינירן יידישע אינטערעסן, ווען מען זעט די גאַנצע וועלט דורך יידישע ברילן, דורך ברילן פֿון יידישע פּראָבלע־מען און יידישע אינטערעסן.

אין שטעטל זײַנען יידישע אינטערעסן געווען דירעקט, פֿרעמדע אינטערעסן זײַנען גאָר צום שטעטל ניט דערגאַנגען. איז די גאַנצע וועלט געווען ווי אַ יידי־שע, האָבן די ביימער אין וואַלד געדאַוונט שטילערהייט, האָט אליהו הנביא גע־האָלפֿן לערנען דעם פּאַרטיפֿטן קאָנצענטרירטן לערנער און אַזוי כּסדר. געדאַנ־קען האָבן זייערע מעטאָדן. דער פּשוטסטער מעטאָד איז אַנאַלאָגיע, וואָס די גמרא רופֿט אָן „גזירה שווה“. פֿון וואַנען ווערן אָבער גענומען די פֿאַרגלײַכן? — אָט דאָ איז דער אונטערשייד. אַ יידישער דענקער נעמט זײַנע אַנאַלאָגיעס פֿון דער יידישער געשיכטע, פֿון דער ליטעראַטור. מען קען אָבער אויך נעמען די פֿאַר־גלײַכן פֿון ניט־יידישן לעבן, פֿון דעם וואָס עס טוט זיך בײַם הויפּט־פֿאָלק אין לאַנד. אָט דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן יידישע געדאַנקען אין שטעטל און יידישע געדאַנקען איצט. פֿון דער השׂכּלה אָן האָבן יידן גענומען לערנען ווי דאָס יידישע פֿאָלק דאַרף זײַן, ווי יעדער באַזונדערער ייד דאַרף זײַן. און אַלץ האָט מען געלערנט על פּי גזירה שווה. די ערשטע זאַך וואָס מען האָט זיך אויס־געלערנט איז, אַז מיר זײַנען ניט קיין נאָרמאַל פֿאָלק. אַ נאָרמאַל פֿאָלק דאַרף האָבן ניט קיין קרעמערס נאָר פּויערים. אַזוי איז בײַ די גויים, אַזוי דאַרף זײַן אויך בײַ יידן. דאָס פּויערימטום איז אַ רעשטל פֿון קנעכטשאַפֿט, ווען פּריצים האָבן ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט אַזוי פֿיל קנעכט. די לאַנדווירטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן צו אינדוסטריאַליזירן מיט מאַשינעס, מיט קינסטלעכע באַמיס־טיקונג. מען דאַרף גאָרניט קיין גאַנצן קלאַס פּויערים. דאָס האָבן יידישע דענ־קערס ניט געטראַכט גאָר. פֿעלקער האָבן פּויערים, דאַרפֿן יידן אויך האָבן פּויע־רים. האָט מען באַזעצט יידן אויף לאַנד, קאָלאָניעס. קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, אין אַלע עמיגראַציע־לענדער. אַ כּלל: „אין דער סאָכע / ליגט די מזל ברכה“. האָבן יידן געהאָרעוועט, אומעטום געהאָרעוועט, געוואָרן פּויערים, — און די מזל ברכה איז ניט געקומען. גרויסע עקספּערימענטן, אַ סך יידישע כּוחות פֿאַר־לאָרן. יידן זײַנען קיין פּויערים ניט געבליבן, קנאַפּ געבליבן. אַז אַנדערע פֿעל־קער זוכן עצות ווי פּטור צו ווערן פֿון פּויערימשאַפֿט בכלל. מען דאַרף לגמרי ניט קיין פּויערים. די גאַנצע לאַנדווירטשאַפֿט איז אינדוסטריאַליזירט. גענוג

גאָר אַ קליינער פּראָצענט פון באַפעלקערונג זאָל מיט מאַשינעס טאָן די אַרבעט, און מען דאַרף גאָרניט קיין פויערים לגמרי... אַ סך פאָלקישע ענערגיע איז אַוועק פאַרלאָרן. אַזאַ גרויסער, ברייטער עקספּערימענט ווי אַרגענטינע, ווי יק״א. — און וואָס איז געבליבן? ווען מען וואָלט אָבער אויף דעם גרויסן שטח לאַנד געבויט ניט בלויז קאָלאָניעס ווײַט איינע פון דער צווייטער, מיט דער האָפענונג זיי זאָלן זיך וואָס גיכער אַסימילירן, נאָר מען וואָלט געבויט קאָנצענטרירטע שטעט מיט שטעטלעך, מיט דערפער אויך, ניט קיין פויערימשע, נאָר מאָדערנע, אינדוסטריאַליזירטע, מיט אַ נאַציאָנאַלער אידעע, וואָלט איצט אין אַרגענטינע געקענט זײַן אַ יידישער פאַרזיכערער שטח. האָבן אָבער יידן בלויז געקענט לער־נען אַ גזירה שווה, נאָר אָפּלערנען זיך ווי בײַ „נאָרמאַלע״ פעלקער פירט זיך. ניט געווען קיין יידישע געדאַנקען, קיין יידישע אידעאַלן.

די אָנפירערס האָבן ניט געהאַט פאַר זיך קיין יידישע געדאַנקען, האָבן זיי זיי געזען אין די אימיגראַנטן נאָר אַ מאַטעריאַל וואָס מען דאַרף פון אים מאַכן אַ פאָלק ענלעך צו דעם וואָס אין לאַנד. אַז עס וועלן ניט זײַן קיין באַזונדערע יידן, וועט ניט זײַן מער קיין יידישע פּראָבלעמען, און געענדט.

וואָלטן בײַ די פירער, בײַ די אימיגראַנטן געווען יידישע געדאַנקען, וואָלט געווען אויך אַ געדאַנק צו בויען אַ יידישן געדיכטן ראַיאָן, יע, מיט דערפער, אָבער ניט נאָר דערפער, אויך שטעטלעך און שטאָט. וואָלט געקענט אין אַרגענ־טינע אויסוואַקסן אַ יידיש לאַנד, אַ טעריאָריע. האָט דאָך אויך אין ארץ ישראל געגרייכט דער געדאַנק נאָר ביז צו קאָלאָניעס. מער ניט וואָס די קאָלאָניעס האָבן ניט געהאַט קיין כוח צו לעבן, צו זײַן און דער באַראָן האָט זיי גענומען אויף קעסט. תּל אָבֿיבֿ איז געוואָרן אַ שטאָט ניט ווײַל יידן האָבן אַזוי אויסגעפּלאַ־נירט, נאָר די אַראַבער האָבן די יידן געטריבן דורך פּאָגראָמען צו אַנטלויפן פון יפו, איז תּל אָבֿיבֿ געוואָרן אַ שטאָט. ענלעך אַזוי איז געווען מיט אַנדערע שטעט. ווידער האָט דאָך ארץ ישראל אויך זיך געבויט אָן טיפערע יידישע געדאַנקען. די געדאַנקען זײַנען געווען די אַלטע, אוראַלטע געדאַנקען פון די צוויי טויזנט יאָריקע חלומות און מיט זיי האָט מען געבויט. —

און וואָס איז מיטן גלות? צי האָבן מיר געענדיקט מיט היטלערן? צי איז כאָטש איין ישובֿ, אַפילו דער גרעסטער, אַפילו דער שטאַרקסטער באַוואָרנט? צי דאַרפן טאַקע בלײַבן אין די שטעט בלויז יחידים־יידן וואָס קלײַבן געלט פאַר ארץ ישראל וכדומה, אָדער זיי דאַרפן אויך זײַן אַ ציבור אויף די ערטער, אַ ציבור מיט אייגענע געדאַנקען, מיט אייגענע אידעען, ווי אַ ציבור, ווי אַ קאָ־לעקטיוו, וואָס בויט אויך אַ מאָרגן? צי דאַרף דער יידישער ניו יאָרק בלײַבן צוויי, דרײַ מיליאָן באַזונדערע יחידים, צי דאַרף ער אפשר האָבן אַ געדאַנק

וועגן אַ קאָלעקטיוון מאָרגן אויך? צי דאַרפֿן ייִדן אין אַמעריקע נאָר קלײַבן געלט פֿאַר ארץ ישׂראל אָדער מען דאַרף האָבן געדאַנקען אויך וועגן ייִדן אין אַמעריקע?

לאָמיר האָפֿן אַז די שׂינאה פֿון די אַראַבישע פֿעלקער וועט זיך אײַנשטילן, אַז ישׂראל וועט סוף כּל סוף גרייכן צו אַ שלום. לאָמיר האָפֿן. וואָס וועט אָבער זײַן און וואָס זאָל זײַן און וואָס וועט זײַן מיט ייִדן אין דער וועלט? בויען, אָדער לאָזן ווי עס גייט. זײַנען ייִדן אין אַמעריקע נאָר אַ טייל פֿון דעם מאָנאָליטן אַמעריקאַנער פֿאָלק; מיר שיידן זיך אונטער נאָר מיט דער רעליגיע אָדער מיר זײַנען אַ טייל פֿון דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן פֿאָלק און מיר ווילן אויך אין דער צוקונפֿט בלײַבן אַזאַ. אַ פֿאָלק האָט אינטערעסן פֿאַרזיכיקע אין פֿאַרגאַנגענהייט און אין צוקונפֿט. הערט מען וועגן דעם אַזוי וויניק, אַז קענטיק, ייִדן טראַכטן ניט לגמרי וועגן אַ ייִדישער צוקונפֿט אין אַמעריקע. גרופּעס ייִדן, באַזונדערע גרופּעס באַמיִען זיך צו פֿאַרשטאַרקן זייער גרופּע. ניט פֿון פֿאָלק. דערציילט מען ניסים וועגן די אויפֿטוען פֿון חב״ד אין דער וועלט. גוט, אָבער מיט חב״ד ענדיקט זיך ייִדישקייט? האַלטן אַלע אַז אין דער ייִדישער מדינה פֿירט זיך און עס בויט זיך ייִדישקייט, טאָ פֿאַרוואָס נאָר אין ארץ ישׂראל? פֿאַרוואָס קען מען ניט פֿלאַנצן ארץ ישׂראלדיקע ייִדישקייט אויך אין אַמעריקע? פֿאַרוואָס קומען ייִדן צופֿאָרן פֿון ישׂראל באַגײַסטערטע, פֿאַרוואָס קומען זיי ניט מיט אַ געדאַנק, אַז „לאָמיר בויען אין אַמעריקע אָט אַזאַ פֿאַרזיכיק ארץ ישׂראל וויבקעלע?” אַלע — די צײַטונג, דער ראַדיאָ, טעלעוויזיע נעמען צו דעם גאַנצן אויפֿמערק, איז שוין ניטאָ קיין ברעקל קאָפּ פֿאַר ייִדישקייט, פֿאַר ייִדישע פּראָבלעמען, פֿאַר ייִדישער קולטור. דער גאַנצער קאָפּ איז אָנגעפֿילט מיט אַנדערע פּראָבלעמען און מיט אַנדערע געדאַנקען. דאָס זײַנען אינטערעסן פֿון הויפּט־פֿאָלק אין לאַנד און מער האָט דער ייִד גאָרניט. ניט פֿאַר זיך, ניט פֿון זיך.

אין אַמאָליקן שטעטל איז ניט געווען ניט קיין צײַט און ניט קיין אָרט פֿאַר פֿרעמדע אינטערעסן און פֿאַר פֿרעמדע געדאַנקען. אין שטאָט איז ניטאָ קיין צײַט, ניט קיין אָרט פֿאַר ייִדישע געדאַנקען. ווערן זיי אַטראָפֿירט. אָט פֿאַרוואָס עס זײַנען ניטאָ קיין יונגע ייִדישע שרײַבערס. די געקומענע לעבן נאָך מיט דער קאָנצענטראַציע אויף ייִדישע געדאַנקען, מיט ייִדישע געדאַנקען. אָבער די געבאָרענע קענען ניט זײַן אַזוי. העכסטנס דערגייט מען ביז צו גרופּעס, מער ניט. קומען פּאַרטייען, פּאַרטייאישע אינטערעסן. צו פֿאָלקישקייט דערגייט עס ניט, צו אַלוועלטלעכער פֿאָלקישקייט דערגייט עס ניט. קענען זײַן פּאַרטייאישע אינטערעסן אָבער ניט קיין פֿאָלקיש־ייִדישע.

מיט וואָס פֿאַר אַ היץ האָבן ייִדן אַפֿילו אין ווילנע גענומען ריידן פּויליש מיט קינדער. מען האָט גאָרניט געטראַכט אַז דערמיט רײַסט מען זיך אָפּ פֿון דעם

גאַנצן איבעריקן פֿאָלק. די נאָענטקייט צום מלוכה־פֿאָלק האָט געצויגן מער ווי די נאָענטקייט צום אייגענעם יידישן פֿאָלק. די שטאָלצע פֿאָלקישקייט, וואָס האָט זיך אַזוי צעבליט אין גלות בבֿל (און פרס), און האָט געשאַפֿן די גרויסע עליה און אויפֿגעבויט דעם צווייטן בית, די פֿאָלקישקייט האָט לגמרי געפֿעלט. זי פֿעלט אויך איצט, און אין דעם — אַ גרויסע סכנה.

האָבן זיך מיט דער עמאַנציפּאַציע אָפּגעריסן מערבֿ־אייראָפּעיִשע יידן פֿון יידישן פֿאָלק, איז געבליבן יידיש פֿאָלק בלויז אין מיזרח־אייראָפּע. געבליבן ווײַל:

א. קאָנצענטרירט.

ב. צווישן סובאָרדינירטע, אונטערטעניקע פֿעלקער, ניט קיין רוסן, מיט וועמען זיך צו אַסימילירן. נאָר אין מיזרח־אייראָפּע איז יידישקייט לעבעדיק, אַקטיוו.

די יידישקייט איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אומעטום דווקא —

א. שטעט, אורבאַניזם.

ב. אומעטום דירעקט מיט הערשנדיקע פֿעלקער. אומעטום גייט אַ שטאַרקע אַסימילאַציע, אין אַלע נײַע ישובֿים אומעטום — אַסימילאַציע. ניטאָ קיין יידישע שעפֿערישקייט מער. אַלע שרײַבערס אומעטום נאָר געקומענע, ניטאָ קיין איין געבאָרענער אין די נײַע יידישע ישובֿים. דאָס מיינט — עס ענדיקט זיך דאָס יידישע פֿאָלק.

ארץ ישׂראל? מדינת ישׂראל?... פֿלעגט אָבער מײַן באָבע זאָגן „מײַנע שׂונאים זאָלן האָבן איין אויג אין קאָפּ“. און זי איז געווען גערעכט: צי וועט קענען ארץ ישׂראל, מדינת ישׂראל אויסהאַלטן אַליין אָן די גלותן?

בלײַבן אין יעדער ישובֿ בלויז באַזונדערע גרופּעס, יעדער גרופּע זוכט צו פֿאַרשטאַרקן איר גרופּע, ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק.

בלײַבט איצט פֿאַר דעם אמת־יידישן געדאַנק צו זוכן אַ לייזונג פֿאַר די פֿראַגן:

א. ווי אײַנהיטן די מיזרח־אייראָפּעיִשע יידישקייט אין די נײַע ישובֿים.

ב. ווי צו פֿאַרבינדן אַלע די נײַע ישובֿים אין איין גאַנצקייט און פֿאַרבונדנקייט.

אָן דעם? — אָן דעם דראָט דעם יידישן פֿאָלק אונטערגאַנג און אומקום. אונטערגאַנג פֿון זיך; אומקום דורך אַנדערע. היטלעריזם — לגמרי ניט אויסגעשלאָסן.

## סוף מעשׂה במחשבֿה תּחילה

די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק איז קיין מאָל ניט געווען אין אַזאַ גרויסער סכּנה ווי איצט — אונטערגאַנג און אומקום. אַסימילאַציע ווערט ניט, קען ניט העלפֿן. עס דאַרפֿן באַצײַטנס אָנגענומען ווערן שטאַרקע מיטלען. די מיטלען מוזן זײַן פּראָדוקטן פֿון ייִדישן געדאַנק. ייִדישקייט האָט זיך אײַנגעהיט שעפֿע־ריש, אַקטיוו נאָר אין מיזרח־אייראָפּע. אויספֿיר — ייִדישקייט קען זיך אײַנהיטן שעפֿעריש און אַקטיוו דווקא אין ענלעכע באַדינגונגען. ווי זײַנען זיי געווען?

געווען אין רוסלאַנד צווייערליי ייִדישע ייִשובֿים: אין תּחום און אויסער דעם תּחום. אין די שטעט פֿון אויסער דעם תּחום איז געגאַנגען אַן אַסימילאַציע ניט קנאַפּער ווי אין מערבֿ־אייראָפּע. בכן דאַרפֿן מיר שטודירן נאָר דעם תּחום. וואָס זײַנען דאָרטן געווען די באַדינגונגען?

א. ניטאָ דאָס הערשערישע פֿאָלק (די רוסן).

ב. שטעטל. הונדערט פּראָצענט אַליין און פֿאַרזיכיק. קולטורעל אין גאַנצן אויטאָנאָם, ניט קיין שול־צוואַנג און ניט קיין מלוכה־פּראָגראַם. די גאַנצע קול־טור אין דעם שטייגער, דורכויס פֿון אייגענער טראַדיציע.

ג. פֿולער קולטור־מאָניזם. קיין שום השפּעה ניט פֿון אַנדערע פֿעלקער און אַנדערע קולטורן; קיינע פּראָבלעמען, קיינע געדאַנקען זײַנען אין שטעטל פֿון דער פֿרעמד ניט געקומען. יעדער יחיד איז געווען אײַנגעוואָרצלט אין שטייגער און דורכן שטייגער אין דורות ייִדישקייט.

ווער עס האָט פֿאַרבראַכט זײַן קינדהייט אין שטעטל, האָט שוין שפּעטער ניט געקענט אויסמעקן זײַן השפּעה אויף זײַן גאַנץ לעבן; האָט ער שוין נאָך דעם געקאָנט פֿאַראייגענען אַ פֿרעמדע קולטור, איינע און אַפֿילו מער ווי איינע, אָבער ער איז געווען בכּוח צו פֿאַרדייען די פֿרעמדע קולטורן, זיי זאָלן ווערן זײַנע, אָרגאַניש זײַנע.

אַ דערוואַקסענער מענטש קען וועגן אַכציק און נײַנציק און מער קילאָ. בײַם געבאָרן האָט ער געוועגן אַ דרײַ קילאָ. גאָר דאָס איבעריקע האָט ער פֿאַרדייט פֿון זײַן שפּײַז. דאָס ברויט, קאַרטאָפֿל און אָקסן־פֿלייש זײַנען געוואָרן אָרגאַניש זײַנע — זײַן מוח, זײַן האַרץ, אַלץ. עס איז זײַנס. אַזוי איז עס אויך מיט דער גאַנצער גײַסטיקער שפּײַז. עס איז געוואָרן זײַנס אויף אייביק. עס איז פֿאַרדייט, אַסימילירט אין אים. עס קען אָבער געשען אַנדערש: עס לעבן אין מענטשן גײַצן, פֿאַראַזיטן: זיי אַסימילירן זײַן גוף, זיי עסן אים אויף. אין שטעטלשן מאָניזם פֿלעגט זיך בײַם ייִדן אַנטוויקלען זײַן „גײַסטיקער מאָגן", האָט ער נאָך דעם געקאָנט אַסימילירן אַל דאָס פֿרעמדס און פֿאַרדייען, אין גאַנצן,

עס זאָל ווערן זײַן פֿלייש און בלוט. אַנדערש איז עס אָבער אין אורבאַניזם. די סבֿיבֿה, די היים „באַזאָרגן" דאָס קינד מיט שפּילצײַג, במילא שוין אויך מיט אינטערעסן, מיט פֿאַרווײַלונגען פֿון דער פֿרעמדע, די שול מיט אירע אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַמען, מיט איר גאַנצן אינהאַלט רײַסט אָפּ דאָס קינד פֿון זײַן פֿאָלק, פֿרעמדט אים אָפּ. וועגן מאַניזם איז ניטאָ וואָס צו ריידן. דער דואַליזם פֿון קולטור איז ניט אָרגאַניש. אין אַט דער דואַליסטישער קולטור־אַטמאָספֿער זײַנען קיין אָרגאַנישע קולטור־שעפֿער נאָך ניט געבאָרן געוואָרן. איך גלייב ניט זיי זאָלן קענען געבאָרן ווערן.

כּדי יידן זאָלן וואַקסן מאַניסטיש יידיש אויך אין אורבאַניזם, דאַרף מען אין דער סבֿיבֿה פֿון שטאָט באַשאַפֿן „שטעטלדיקייט". די היים דאַרף זײַן אויסגעהאַלטן מאָנאָ־קולטורעל. דאָס איז די ערשטע זאַך. וואָס הייסט עס? ביז איצט האָט עס געטאָן בײַ יידן די רעליגיע. אַ יידישע שטוב האָט זיך גאָר אַנדערש געפֿירט, געלעבט. דאָס איז אָבער גאָרניט קיין רעליגיע. עס איז אָפּהיטן דעם יידישן כאַראַקטער, דעם פֿאָלקישן יידישער כאַראַקטער. ווײַטער דאַרף אין יעדער שטאָט זײַן אַ ראַיאָן אַ יידישער. אין אַט דעם יידישן ראַיאָן איז די גאַנצע אַטמאָספֿער אַ יידישע. די שטעט דאַרפֿן זײַן געטיילט אין ראַיאָנען לויט דעם כאַראַקטער פֿון דער באַפֿעלקערונג. אַזוי פֿירן זיך פֿעלקער. עס איז ניט קיין רעליגיעזער אינהאַלט, עס איז פֿאָלקיש־נאַציאָנאַלער אינהאַלט. די שטעט דאַרפֿן האָבן אין זיך באַזונדערע שטעטלעך. אין אורבאַניזם, אין שטאָטישן געמיש פֿון פֿעלקער און קולטורן איז גאָר ניט שווער אײַנצוהיטן, אײַנצוהאַלטן דעם שטעטלשן כאַראַקטער, דעם יידישן כאַראַקטער. עס איז ניט פֿאַר גאָט, פֿאַר דער רעליגיע, עס איז פֿאַר דעם פֿאָלקישן, מאָנאָקולטורעלן גײַסט וואָס דאַרף הערשן אין לעבן. עס פֿאַרשטייט זיך אַז די יידישע שפּראַך שפּילט דאָ די ערשטע ראָל. עס איז גאָר ניט שווער אײַנצוהיטן דעם פֿאָלקישן כאַראַקטער אין אַ שטאָט. מען דאַרף עס נאָר וועלן. דער דעוויז איז — דאָס שטעטל אין שטאָט. אַלע פֿעלקער פֿירן צו דעם.

יידישע געדאַנקען זײַנען ווײַט ניט אַלץ וואָס עס ווערט געזאָגט מיט יידישע ווערטער און עס ווערט געשריבן מיט יידישע אותיות. דער עצם אינהאַלט איז אַנדערש, יידן האָבן אַנדערע פּראָבלעמען, יידן האָבן אַנדערע וועגן צו דענקען. יידן לעבן אויף אַ צווייטער ערד. די ערד איז איינע, יעדער מענטש זעט זי אַנדערש און איטלעך פֿאָלק באַגרײַפֿט אַנדערש די זעלביקע פּראָבלעמען, די זעלביקע דערשײַנונגען. וועלן מיר נעמען אַ פּאָר דוגמאות.

סאָציאַליזם. די גאַנצע וועלט איז אײַנגעטיילט אין צוויי קלאַסן. צווישן זיי אַ שטענדיקער קאַמף. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיגן אין דעם קאַמף. סאָציאַ־

ליזם איז אַ מיטל, אַ אידעע צו אַ גערעַנגל פֿון צוויי קלאַסן; דער סאָציאַליזם רופֿט קודם כּל צו אַ קאַמף פֿון קלאַסן. „איך שטיי מיט אַ מעסער אין האַנט, דו שטייסט מיט אַ מעסער אין האַנט, הײַנט איז קלאַסן־קאַמף!" (קולבאַק). דאָס איז דער ניט־ייִדישער סאָציאַליזם. ניט וויכטיק וואָס די וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונג פֿון דעם קאַמף האָט געשאַפֿן אַ געשמדטער ייִד, דאַכט זיך אַ רבֿס אַן איניקל. ער איז ווײַט ניט דער איינציקער ייִד וואָס דענקט פֿרעמדע, ניט־ייִדישע געדאַנקען און באַגרינדעט זיי.

דער ייִדישער באַגריף פֿון סאָציאַליזם זעט אין דעם אידעאַל ניט קיין קאַמף־מאָטיוו, נאָר אַ מצווה מקיים צו זײַן פֿאַר זיך, אַליין אָדער מיט אַ „מנין" ווי דו. סאָציאַליזם — אין אַ קיבוץ, אין אַ קבֿוצה. סאָציאַליזם קעמפֿט ניט, שלאָגט זיך ניט, ציילט ניט קיין שטימען, קעמפֿט ניט אויף באַריקאַדן. איר ווילט סאָציאַליזם, — זײַט זיך מתיחד אין קליינע גרופּעס, לעבט סאָציאַליסטיש. זײַט מקיים די מצוות הסאָציאַליזם אין אײַער פּריוואַטן לעבן.

רעליגיע. איין וואָרט, אַלע נוצן דאָס וואָרט, וויל מען ניט אַנדערש אָנבינדן ייִדן אויך אַ רעליגיע. אָבער ייִדן האָבן לגמרי ניט גענוצט דאָס וואָרט רעליגיע. און ניט גענוצט, ווײַל ייִדן האָבן עפּעס אַנדערש, ניט קיין רעליגיע. ייִדן האָבן ייִדישקייט, יהדות, אָבער ניט קיין ייִדישע רעליגיע. מען קען ניט זאָגן אַז קאַטאָליציזם מיט פּוילישקייט, אָדער איטאַליענישקייט איז איינס, אָבער ייִדישקייט איז איינס מיט ייִדישער רעליגיע.

פֿעלקער שוין דערוואַקסענע, מיט אייגענע קולטורן און נאַטירלעכע אייגענע רעליגיעס, האָבן געביטן זייער רעליגיע, געבליבן בײַ זייער אייגענער קולטור, נאָר די רעליגיע איז אַ נײַע, גענומען פֿון דער פֿרעמד. זײַנען דאָס בײַ פֿעלקער, בײַ אַלע קריסטלעכע פֿעלקער צוויי געביטן — זייער פֿאָלקישע קולטור און רעליגיע. קולטור וואַקסט, ענדערט זיך, רעליגיע בלײַבט. זי האָט ניט קיין שײַכות צו דער קולטור פֿון זעלביקן פֿאָלק.

בײַ ייִדן איז די קולטור פֿון פֿאָלק — און זײַן גלויבן דאָס זעלביקע. ניט קיין רעליגיע איז, נאָר עס איז ייִדישקייט. קולטור, שטייגער, ייִדישקייט — דאָס זעלביקע, אַלץ איינס. עס ענדערט זיך דאָס לעבן, דער שטייגער, ענדערן זיך אויך די באַגריפֿן, די אידעען. בײַ די אומות העולם איז די רעליגיע אַ שטייאיק וואַסער, בײַ ייִדן איז ייִדישקייט בכלל אַ שטראָם, וואַסערן קומען צו און קומען אָפּ; שטייגער־פֿאָרמען ענדערן זיך, פֿאַלן אָפּ און עס קומען צו. קומען איצט ייִדן און ווילן זען אַ ייִדישע רעליגיע. דער רבֿ, גלח און פּאָפּ. גויים וועלטלעכע, דאַרפֿן זײַן אויך ייִדן וועלטלעכע. בײַ גויים פֿירט אַן דער גלח מיט די תּפֿילות, דאַרף עס טאָן דער רבֿ, דער ראַבײַ. בײַ גויים אַ טעמפּל, דאַרף מען

אויף אַ בית מדרש אָנרופן אַזוי. צו מאַלפּעס איז מען געגליכן און קיין יידישער געדאַנק איז ניטאָ.

ביי פעלקער: אַזוי פיל פאַראַן פאַלש גלייביקע. מען דאַרף באַזאָרגן מיט דער ריכטיקער רעליגיע. זיי ווילן ניט, — איז פייערן, איז אינקוויזיציע, איז מלחמות פאַר רעליגיע. פאַר גאָט מעג מען ברענען און בראָטן. גייט אַ פּראָצעסיע, גלאָקן קלינגען, פרומע זינגען אונדזער תהלים, מענטשן געבונדענע ווערן געפירט אַ קרבן דעם גאָט פון רחמנות. און די ערד האָט נאָך קיין מאָל ניט איינגעשלונגען, און דער הימל האָט קיין מאָל ניט פאַרברענט די צדיקים פון די דאָזיקע רציחות. ביי יידן „ויאתיו כל לעבדך״, אַלע זאָלן קומען דיר דינען, אָבער מלחמות? — „לא ישא גוי אל גוי חרב״. צוויי פאַרקערטע וועלטן.

ליטעראַטור — טראַדיציע — פאַר די פּריצים, זאָלן זיך פאַרווילן מיט קונסטן. די גאַנצע וועלט איז געוואָרן פּריציש, אַלע דאַרפן זיך פאַרווילן מיט קונסטן און מיט פּאָעזיע. ביי יידן? — פאַר „מקרא״, סתם לעקטור צאָלט ניט גאָט. דעם פאָלק העלפט עס ניט. דאָס פאָלק דאַרף תורות, לערנען דאַרף מען! „והגית בו יומם ולילה״... ווו זיינען איצט אונדזערע תורות? אַ דור, וואָס שאַפט ניט קיין תורה פון זיין לעבן, איז וואָס איז זיין אויפטו?

ניט געווען ביי יידן קיין ליטעראַטור, געווען תורה. ניט פאַרווילן דאַרף מען זיך, מען דאַרף לערנען. ביי גוים — צום לעבן פעלט פאַרווילונג. פאַראַן אויך איידעלע פּריצים, זיי איז ניט גענוג וויין און ווייב. האָבן פאַר זיי די הויף־שרייבער געשאַפן אויף אַ נייע פאַרווילונג, אַן איידעלערע, אַ שענערע, אַ העכערע. ליטעראַטור. גאָר אַן אַנדער אַנטוויקלונג און אַן אַנדער געשיכטע האָט דאָס געשריבענע וואָרט ביי יידן. קודם כל — ניט פּריצים, נאָר כל עם ה׳ — אַלע יידן. ניט פאַרווילן זיך, נאָר לערנען, פאַרטיפן זיך. תורה ציווה לנו. דאָס איז מיט וואָס דאָס פאָלק לעבט און האָט אַ קיום. די שריפטן זיינען ביי יידן במקום לאַנד. טאָמער איז עס נאָר „מיקרא״ בלויז צום לייענען, ניט מער קיין תורת חיים, האָבן די שריפטן אָנגעוואָרן זייער ווערט און דער שׂכר פאַר דעם פאַרנעמען זיך מיט דעם איז קלענער. ס׳הייסט די שריפטן האָבן מער ניט קיין ווערט פאַרן קיום פון פאָלק. ביי יידן איז שריפטן במקום הימלאַנד, עס איז וחי בהם. האָבן יידן זיך צוגעכאַפּט צו פאַרווילונג־שריפטן און שרייבער האָבן געשאַפן אַ ליטעראַטור. ס׳איז שוין דאָ אויך ביי יידן מיט וואָס זיך צו פאַרווילן!...

פאַראַן ביי יידן אַ שרייבער, וואָס איז זייער חשוב ביי גוים. ער פאַרווילט, ער קען דערציילן מעשיות פון סעקס, בעט־מעשיות. אַקוראַט וואָס מען וואַרט אויף דעם. איז ער חשוב ביי גוים. פאַר יידן איז ער פּסול. לויט אים זיינען

אַלע ייִדן נואפֿים, ניטאָ קיין גאָט, דער סעקס איז דער גאָט. אַ בילבול אויף ייִדן. אָבער גויים האָבן דאָס ליב. איז דער שרײַבער חשובֿ בײַ גויים. און ווײַל ער איז אַזוי אָנגענומען בײַ גויים, האָבן ייִדן פֿאַר אים דרך ארץ און אַ גדולה דער באָבען: ער איז אַ „גרויסער שרײַבער", אַ קינסטלער. אָבער ליבע ייִדן! זײַן קונסט איז ניט קיין ייִדישע, ניט פֿאַר ייִדן און ניט פֿון ייִדן. אַ שרעקלעך פֿאָלק דאָס פֿון וועמען ער דערציילט. עס איז ניט דאָס ייִדישע פֿאָלק. אָבער ייִדן האָבן מער ניט קיין אייגענע מאָס פֿאַר ליטעראַטור, לעבט מען מיט די מיינונגען פֿון גויים. איז אָט דער שרײַבער און זײַנע חסידים בײַ ייִדן אפֿשר דער ערשטער טריט אין פּראָצעס פֿון אויסייִדישונג. ניטאָ מער דער ייִדישער געדאַנק, דער ייִדישער צוגאַנג צום געשריבענעם וואָרט.

ESCUELA ISRAELITA YAVNE DE LA ...
BIBLIOTEC...

# דער רעוואָלט פֿון די חז״ל

אין פֿלוג קען אויסקומען אַז דער נאָמען פֿון דעם עסיי האָט ניט קיין זינען, אַז עס איז ניט מער ווי אַ בילבול אויף די חז״ל — דאָס זאָגן אַז זיי האָבן געמאַכט אַ רעוואָלט, אַלע מאָל איז דאָך בײַ זיי „מן התורה מניין?״, און אַלע מאָל איז דאָך „ותלמוד תורה״ כנגד כולם״ — איבער אַלע מצוות, טאָ ווי מיט אַמאָל איז גאָר רעוואָלט? רעוואָלט קען זײַן מחמת מען וויל אומבײַטן, אָפּוואַרפֿן און דאָ איז עס דאָך אַלץ פֿאַרקערט.

אָבער עס איז גענוג עטוואָס טיפֿער אַרײַנצוטראַכטן זיך, עטוואָס טיפֿער צו זען אַלע אויפֿטוען פֿון די חז״ל און עס ווערט קלאָר פֿאַרט און נאָך אַ מאָל אַז די חז״ל האָבן זייער ברייט אויסגענוצט דעם פסוק „עת לעשות להי, הפֿרו תורתך״. פֿאַראַן אויך אַ רעוואָלט מחמת געטרײַקייט, ענדערונגען כּדי צו פֿאַרהיטן, כּדי אײַנצוהיטן דאָס גאַנצע. איז די ייִדישקייט וואָס די חז״ל האָבן אײַנגעשטעלט לדורות ניט גלײַך צו דער פֿון תּורת משה, און דער גמרא־ייִד איז לגמרי ניט קיין תּנך־ייִד. דאָס ייִדנטום פֿון גמרא איז לגמרי ניט די ייִדישקייט פֿון תּנך. עס איז אַן אַנדער ייִדישקייט און גאָר אַן אַנדער ייִדנטום. נאָך מער: די חז״ל האָבן גענומען און אָפּגעהאַקט דעם תּנך! האָבן אַרויסגענומען פֿון סכום פֿון די הייליקע שריפֿטן — כּתבי הקודש אַ צאָל ספֿרים, האָבן גורז געווען ספֿרים, וואָס מיר ווייסן אַפֿילו ניט אַז זיי זײַנען געווען. בלויז אַ טייל פֿון די באַזונטיקטע ווייסן מיר, ווײַל די גריכן האָבן אין זייער תּנך יע אַרײַנגענומען אַ טייל פֿון די באַזײַטיקטע. און „כּל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספֿרים — ווער עס נעמט אַרײַן מער ווי פֿיר און צוואַנציק ספֿרים, דער מאַכט נאָר אַ מהומה״ — אַ פּלאָנטער און מער ניט. אַזוי האָבן די חז״ל געפּסקנט וועגן תּנך.

און פֿאַרקערט וועגן דער תּורה וואָס זיי האָבן געלערנט האָבן זיי געזאָגט, אַז אַלץ וואָס וועט נאָך געזאָגט ווערן, אַלץ וואָס אַ תּלמיד וועט ווען עס איז מחדש זײַן, אַלץ איז „ניתּנה למשה מסיני״. ניטאָ קיין סוף און ניטאָ קיין ברעג צו דער תּורה וואָס זיי האָבן געבראַכט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן אַ טייל ספֿרים צי מען זאָל זיי יע אַרײַננעמען אין סכום פֿון תּנך אָדער ניט. אַזוי למשל דאַרפֿן מיר זײַן דאַנקבאַר ר׳ עקיבֿא וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פֿון פֿאַרגעסן ווערן דעם פּראַכטיקן שיר השירים. האָבן חז״ל אַרײַנגעפֿירט אַ נײַעם נאָמען „מקרא״ — אַמאָל נעמט עס אַרום דעם גאַנצן תּנך און אַמאָל נאָר די תּורה, אָבער ניט די נבֿיאים וכתובֿים. און דאָס וואָרט „מקרא״ איז דאָך אייגנטלעך דאָס זעלביקע וואָס איצט רופֿט מען דאָס לעקטור — צום לייענען. און

פֿאַר לערנען, פֿאַרן פֿאַרנעמען זיך מיט מקרא וועט גאָט ניט באַצאָלן אויף יענער וועלט. האָבן זיי דאָך, די חז״ל, אַרײַנגעפֿירט דעם באַגריף „עולם הבא״, וואָס איז אין תנך לגמרי ניטאָ. און מיט דעם נײַעם באַגריף „עולם הבא״ איז דאָך פֿאַרבונדן טאַקע אַ גאַנצע וועלט. מיר קענען אָננעמען אַז עולם הבא מיינט יעדער איינציקן ייִדן, און עולם הבא מיינט בלויז דעם גן עדן און גיהנום פֿון יעדער יחיד באַזונדער. מען קען אויך אָננעמען אַז „עולם הבא״ מיינט די קומענ־דיקע וועלט פֿון ייִדישן פֿאָלק, אַז עולם הבא קען אויך מיינען די „ימות המשיח״ — די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק, אין דער וועלט וואָס וועט קומען „באחרית הימים״, אויף דער וועלט. קען איך אפֿשר פֿאַרשטיין אַז די חז״ל האָבן געמיינט, אַז די „מקרא״ — דער גאַנצער תנך וועט בכלל ניט העלפֿן בויען קיין צוקונפֿט פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק. מען קען אויך טײַטשן, אַז פֿאַר לערנען „מקרא״ תנך וועט ניט געגעבן ווערן קיין גן עדן. צי אַזוי צי אַזוי, ווערט אָבער קלאָר, אַז זיי — די חז״ל — האָבן קלאָר און דײַטלעך געמיינט, דער תנך קען ניט ברענ־גען קיין גוטס דעם ייִדישן פֿאָלק. און „תלמוד תורה״ וואָס זיי האָבן געשטעלט אַזוי הויך, העכער פֿון אַלע מצוות מיינט עפּעס אַנדערש, ניט דאָס לערנען דעם תנך. דער תנך איז מקרא, לעקטור, צום לייענען, לאָמיר זאָגן ליטעראַטור. די חז״ל האָבן אָבער געזוכט ניט קיין ליטעראַטור נאָר עפּעס אַזאַ מין „תורה״ וואָס זאָל אויסבילדן אַ פֿאָלק, וואָס קיין ליטעראַטור קען עס ניט. ניט קיין לעקטור, ניט קיין מקרא דאַרף דאָס ייִדישע פֿאָלק, נאָר אַזאַ מין תורה וואָס זאָל שמידן און צעמענטירן אַ פֿאָלק. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אײַנגעהיט דעם תנך, אָבער ניט דער תנך האָט אײַנגעהיט דאָס ייִדישע פֿאָלק. און מיט דעם וואָרט תלמוד תורה האָבן חז״ל געמיינט דווקא עפּעס אַזוינס וואָס זאָל היטן און אײַנהיטן דאָס פֿאָלק. איז אין דעם שוין געווען אַ שטיק פֿון דעם רעוואָלט: דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף אַזאַ תורה וואָס זאָל אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק און דער תנך איז דאָס ניט מסוגל. אַלע פֿעלקער האַלטן פֿון דעם תנך. אָבער ייִדן זײַנען געוואָרן אַ באַזונדער פֿאָלק ניט מיט דעם תנך און „תלמוד תורה״ וואָס זיי האָבן גע־שטעלט העכער פֿון אַלע מצוות, מיינט לגמרי ניט דאָס לערנען מקרא, דעם תנך. און אַזוי האָבן דאָס טאַקע אײַנגעשטעלט דורות ייִדן: לערנען לערנט מען אַ בלאַט גמרא, מיט תנך פּוצן זיך אויס משׂכּילים. תנך איז ניט מער ווי מקרא — אות באות — איז דער טײַטש לעקטור, צום לייענען, ניט צום לערנען. האָבן חז״ל געגלייבט, אַז דאָס פֿאַרנעמען זיך מיט מקרא, מיטן תנך וועט ניט אויפֿ־בויען קיין פֿעסטן פֿאָלק, וועט ניט ברענגען קיין „עולם הבא״ — קיין צוקונפֿט פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק, און דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף ניט קיין „מקרא״ — סתם לעקטור, צום לייענען, נאָר עס דאַרף אַ תורת חיים, וואָס זאָל לערנען ווי צו לעבן, ווי אײַנצוהיטן דעם קיום פֿון פֿאָלק אויך אָן אַ מדינה, ווײַל די חז״ל האָבן

שוין איינגעזען, אַז די פֿאַרזיכיקע מדינה וועט לאַנג ניט קענען אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. זיי האָבן ווי פֿאַרויסגעפֿילט, אַז פֿון תּנך קענען אַ סך פֿעלקער האַלטן, און דאָך זײַנען זייער ווײַט פֿון ייִדן, ניט זײַנען קיין ייִדן, און אַז ייִדן וועלן זיך קענען אויפֿהאַלטן ווי אַ באַזונדער פֿאָלק ניט מיטן תּנך; דער תּנך איז מקרא — לעקטור, אָבער ניט קיין תּורת חיים — לעבן מיטן תּנך, האָבן אַ קיום ווי אַ פֿאַרזיכיק פֿאָלק צווישן אַנדערע פֿעלקער, „איין שעפֿעלע צווישן זיבעציק וועלף״ — דאָס וועט ניט דער תּנך, דאָס קען ניט דער תּנך.

די חז״ל האָבן ניט אָנגעגעבן זייער אידעען־גאַנג, זייער פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישן קיום ווי אַ פֿאָלק, מיר פֿאַרשטייען זייער געדאַנקען־גאַנג פֿון דער ייִדיש־קייט וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט. און זייער וועלט־באַנעם איז געווען אין גאַנצן אַנדערש, ניט דער וואָס בײַ די נביאים.

די נביאים האָבן ניט געהאַט גענוג זידל־ווערטער פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, ניט גענוג שטראָף־רייד. אַל דאָס בייז האָבן זיי געזען בײַ די ייִדן און פֿאַר די ייִדן. די חז״ל, פֿאַרקערט, זײַנען געווען ווי פֿאַרליבט אין ייִדישן פֿאָלק. עס קלינגט מיר תּמיד אין מוח דער אויסדרוק „פּוק חזי מאי עמא דבר״ — גייט און זעט ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך (עטלעכע מאָל אין ש״ס, למשל ברכות מ״ה א׳). אַזאַ מין אויסדרוק איז אוממעגלעך בײַ די נביאים, אַפֿילו ירמיהו וואָס האָט אַזוי געקלאָגט אויפֿן חורבן, אַפֿילו ער רעדט וועגן פֿאָלק ווי וועגן אַ מין באַנדע, גאָט זאָל אויסהיטן (למשל, קאַפּיטל ז׳).

ערשט אין גלות בײַט זיך ביסלעכווײַז די באַציִונג, און נאָך אַ סך שפּע־טער קומען די חז״ל מיט זייער פֿאַרקערער באַציִונג צו דעם פֿאָלק און צו זײַנע פֿירונגען. עס קלינגט מיר תּמיד אין קאָפּ דער ענטפֿער פֿון היללן וועגן אַ דין וואָס ער האָט פֿאַרגעסן. און מען פֿרעגט בײַ אים. זאָגט ער: איר וועט זען ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, ווייל „אם לא נביאים הם, אויב דאָס פֿאָלק זײַנען ניט קיין נביאים, זײַנען זיי דאָך בני נביאים (פּסחים ס״ו א׳). לערנען זיך פֿון פֿאָלק און פֿון זײַן פֿירונג — דאָס איז דער גרויסער נײַעס וואָס די חז״ל האָבן אַרײַנ־געבראַכט. עס איז צו דרינגען פֿון דעם אַלעם, אַז חז״ל האָבן געגלייבט: ניט מיטן תּנך וועט דאָס פֿאָלק האָבן זײַן קיום צווישן פֿעלקער. דאָס איז דאָך געווען די גאַנצע זאָרג זייערע. נײַערט, דער קיום פֿון פֿאָלק ישראל איז ניט אין די גרויסאַרטיקע רייד פֿון די נביאים, נײַערט אין פֿאָלקישן שטייגער, און דער־פֿאַר איז אויף דעם די גאַנצע אויפֿמערק פֿון די חז״ל.

די חז״ל האָבן זייערע אידעען ניט פֿאָרמולירט אין זאַצן און ווערטער, נײַערט אין פֿירונגען און אין מעשׂים בכלל. פֿון די דינים און הלכות, וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט דאַרפֿן מיר לערנען זייערע אידעען, זייער קיום־פֿילאָסאָפֿיע.

איז דאָס דער ערשטער פּונקט פֿון דעם רעוואָלט: ניט מיט דעם תּנך, ניט מיט אים וועט דאָס ייִדישע פֿאָלק האָבן אַ קיום. האָבן חז״ל זיך געלאָזט אויף אַן אַנדער וועג: ייִדישקייט דאַרף ניט פֿאָרמולירט ווערן אין ווערטער, נײַערט אין מעשׂים, אין פֿירונגען. און דער וועג איז געווען דער ריכטיקער. ווען ניט דער רעוואָלט פֿון די חז״ל וואָלט הײַנט קיין ייִדיש פֿאָלק ניט געווען, אָדער עס וואָלט געווען עפּעס ענלעך צו דעם הייפֿל שומרונים פֿון הײַנט. האָבן די חז״ל די אידעען זייערע קלאָר ניט פֿאָרמולירט אין קלאָרע זאַצן, אין טראַקטאַטן, נײַערט אידעען דאַרפֿן זיך פֿאָרמולירן אין מעשׂים, אין פֿאָרמען פֿון שטייגער. דערפֿאַר האָבן חז״ל פֿאַרלאָזן אַלע שײַנקייטן פֿון תּנך, אין גאַנצן פֿאַרלאָזן און זײַנען אַוועק אויף דעם וועג פֿון הלכות. פֿון די הלכות און די אַגדות קענען מיר לערנען די פֿילאָסאָפֿיע פֿון חז״ל. חז״ל האָבן דאָס קלאָר געוווּסט און זיי האָבן עס געזאָגט: „פּעמים שביטולה של תּורה זהו יסודה״ (מנחות צ״ט א׳ און ב׳).

האָבן חז״ל זייערע אידעען אַרויסגעבראַכט ניט אין ווערטער נאָר אין פּראַקטישע פֿירונגען, אין מעשׂים. ניט מיט די שײַנקייטן פֿון תּנך וועט דאָס ייִדישע פֿאָלק האָבן אַ קיום, נאָר מיט זײַן אויפֿפֿיר און מעשׂים. איז אויף דעם די גאַנצע אַרבעט פֿון די חז״ל.

וויפֿל רעוואָלוציאָנערער מוט און גלויבן עס איז געווען אין דעם באַקאַנטן פּסק „עין תּחת עין — ממון״ — נישט אַרויסנעמען אַן אויג פֿאַר אַ געשעדיקטער אויג, נאָר באַצאָלן מיט געלט פֿאַר אַ געשעדיקטער אויג.

און זאָלן פֿון מיר ניט אָפּלאַכן די אָפּלאַכערס: פֿאָלק ווי ציבור, אַ קאָלעקטיוו אָן אַן אידעאַל פֿאַרן מאָרגן, איז אַ גרויסער ספֿק צי עס קען וואַרטן אויף אַ מאָרגן, צי עס קען אײַנהיטן דעם הײַנט: אָן אַן אידעאַל פֿאַרן מאָרגן האָט דער מענטש ניט אויף וואָס זיך צו האַלטן הײַנט. די ייִדישע רעליגיע האָט זיך נאַטירלעך אַנטוויקלט פֿון שטייגער. דאָס אוראַלטע אין שטייגער איז פֿאַרהייליקט ווי פֿון גאָט. גאָט האָט אָנגענומען וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אײַנגעפֿירט און געהאַלטן, געהיט. אַלע פֿעלקער האָבן אָנגענומען אַ רעליגיע. בײַ ייִדן איז זי אַן אייגענע, פֿון אייגענעם שטייגער געוואָרן און פֿאַרהייליקט. בײַ פֿעלקער איז די רעליגיע פֿון דער פֿרעמד, זי האָט ניט צו טאָן מיט דעם שטייגער פֿון פֿאָלק. בײַ ייִדן איז עס אייגנס. די ייִדישע רעליגיע איז אויסגעוואַקסן פֿון דעם ייִדישן שטייגער. זי וואַקסט און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיט דעם שטייגער פֿון פֿאָלק. דער תּלמוד האָט עס פֿיקסירט און פֿאַראייניהייטלעכט דעם שטייגער און האָט אײַנגעהאַלטן דאָס גאַנצע פֿאָלק, זײַן עקסיסטענץ. דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט אַדאַנק דער רעליגיע, די רעליגיע איז דורכויס אַ ייִדישע, ווײַל זי איז דעם פֿאָלקס שטייגער. קענען זײַן אַ סך פֿעלקער פֿון איין רעליגיע. עס קע־

נען אָבער ניט זיין קיין פֿעלקער פֿון דער ייִדישער רעליגיע און זיי זאָלן זײַן ניט־ייִדן. ייִדן זײַנען אַ פּראָדוקט פֿון אייגענעם, פֿאַרזיכיקן שטייגער, דער זעל־ביקער שטייגער איז געוואָרן די רעליגיע פֿון ייִדן. האָבן ייִדן געלעבט מער ווי טויזנט יאָר פֿאַר זיך, באַזונדער אין שטעטלעך, געהאַט אַ קנאַפּן מגע ומשא מיט אַנדערע פֿעלקער. איז זייער אויפֿפֿיר געוואָרן ייִדיש, שטייגער, איז זייער לשון געוואָרן ייִדיש. האָבן זיי אײַנגעהיט זייער אוראַלטע, פֿאַרצײַטיקע פֿאָלקישקייט. זײַנען „הײַנטיקע ייִדן״ אַן אָפּשטאַם פֿון טויזנט יאָר שטעטלעך, זיינען שטעטלשע ייִדן אַן אָפּשטאַם פֿון תּלמודישער ייִדישקייט. און די תּלמודישע ייִדישקייט ווי־דער איז אין לאַנגן דויער פֿון פֿאַרזיכיקייט אין בבֿל, וווּ ייִדישקייט האָט זיך אײַנגעשטעלט און פֿאַרפֿעסטיקט, דאָס הײַנטיקע ייִדישע פֿאָלק איז דער קאָלעק־טיוו מענטשן וואָס דער פֿאַרזיכיקער שטייגער אין משך פֿון דורות האָט אויס־געאַרבעט דעם באַזונדערן טיפּ מענטש, דעם באַזונדערן גײַסט און פֿירונג, די פֿאַרזיכיקע פּסיכיק און כאַראַקטער, דעם טיפּ „ייִד״. אין דעם גײַסט פֿון דעם הײַנטיקן ייִדן קען מען געפֿינען שפּורן פֿון פֿאַרצײַטן און אַ סך עלעמענטן פֿון די דורכגעמאַכטע דורות. יעדער אָרגאַנישער וועזן האָט זײַן געשיכטלעכן דויערנ־דיקן אָפּשטאַם. אַ ייִד איז אין זײַן ייִדישקייט עלטער פֿון זײַנע יאָרן. אין אים קענען זײַן אַפֿשר עלעמענטן וואָס ציִען זיך אַדש פֿון גאָר פֿאַרצײַטן, פֿון פֿאַר בבֿל. יעדער אָרגאַניזם געהערט צו עפּעס אַ סאָרט, די סאָרטן געהערן צו אַן אַרט, די אַרטן געהערן צו אַ מין. איטלעכער מענטש געהערט צו זײַן „סאָרט״ — צו זײַן פֿאָלק. פֿעלקער און סאָרטן זײַנען איינס, גלײַך. אין נאַטירלעכע חיות און געוויקסן זײַנען פֿאַראַן ווייניקער סאָרטן. קולטור־אָרגאַניזמען האָבן אַ סך סאָרטן. מען האָט אָנגערעכנט אַריבער טויזנט סאָרטן ווייץ, למשל. פֿון אַלע קולטיווירטע אָרגאַניזמען איז די מענטש־קולטור די עלטסטע, און דערפֿאַר זײַ־נען סאָרטן מענטשן פֿאַראַן מער, סאָרטן בײַ מענטשן זײַנען פֿעלקער. פֿעלקער שיידן זיך נאָך אונטער מיט זייערע שפּראַכן, וואָס זײַנען ניטאָ בײַ חיות און געוויקסן און מיט זייער גײַסטיקער קולטור, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין די שפּראַכן. וואָס עלטער עס איז אַ פֿאָלק, אַלץ רײַכער איז זײַן גייסטיקע קולטור. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אין זײַן געשיכטע געהאַט גאָר ווייניק מעגלעכקייטן צו זאַמ־לען מאַטעריעלן פֿאַרמעגן, שטעט און לענדער, מוזייען און זאַמלונגען. דערפֿאַר איז דער גאַנצער אויפֿמערק אַוועקגעגעבן אויף גײַסטיקע אינהאַלטן, „לפֿיכך הירבה להם תּורה ומצוות״. די ייִדישע קולטור איז דערפֿאַר זייער רײַך. די רײַכקייט פֿון ייִדישן גײַסט איז אויסגעדריקט נאָר אין ביכער און אין שטייגער פֿון אויפֿפֿיר און פֿאַרפֿיקסירט אין דער נאַציאָנאַלער, פֿאָלקישער קולטור, איבער־הויפּט אין דער ליטעראַטור. טיילן פֿון אָט דער ליטעראַטור זײַנען רעליגיעז פֿאַרהייליקט, ווי געגעבן פֿון גאָט. די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק איז דערפֿאַר

די געשיכטע פון יידישע ספרים. דריי גרויסע קולטור־תּקופות האָט דורכגעלעבט דאָס יידישע פאָלק. זיי שיידן זיך אונטער מיט זייער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור — זיי זיינען די תּנכישע תּקופה מיטן תּנך, די תּלמודישע מיטן תּלמוד און מדרשים און די נייע תּקופה פון מיזרח־אייראָפּע מיט איר ליטעראַטור. דריי תּקופות און דריי שפּראַכן מיט דריי ליטעראַטורן — העברעיִש, אַראַמיש און יידיש. מיט יעדער תּקופה זיינען אונטערגעגאַנגען טיילן פון יידישן פאָלק. איינ־געהיט האָבן זיך די טיילן וואָס האָבן געהאַט זייער אייגענע, באַזונדערע שפּראַך. העברעיִש אין ארץ ישׂראל, אַראַמיש אין בבֿל און יידיש אין אייראָפּע, איבער־הויפּט אין מיזרח־אייראָפּע.

## די פילאָסאָפיע פון חז״ל

דער אידעאַל, די שטרעבונג, דער ציל פון זייער גאַנצער אַרבעט איז גע־ווען דער קיום פון פאָלק. זיי האָבן מער ניט געגלייבט אין כּוח פאַרן קיום אין פיזישן כּוח, אין מלחמות. דאַרף דער כּוח פון יידישן פאָלק זיין עפּעס אַן אַנדערער.

אָבער וואָס איז פאָלק? ווי האָבן דאָס חז״ל פאַרשטאַנען? קיין קלאָרע דע־פיניציעס טאָרן מיר גאָר אין תּלמוד ניט זוכן. מיר ווילן עס געפינען אין די אויפטוען פון חז״ל. מיר ווילן מוזן אַליין דעפינירן — פאָלק איז אַ סכום מענטשן וואָס פירן אין שטייגער. אין שטייגער איז אויך אין פאָלק. ניט מדינות, ניט מלוכות, ניט קיינע פאַרמעגנס, נייערט נאָר דער געמיינזאַמער שטייגער. איינשטעלן און פאַרפעסטיקן אַזאַ איינהייטלעכן יידישן שטייגער — דאָס איז גע־וואָרן די גאַנצע אויפגאַבע פון חז״ל.

דער שטייגער פון פאָלק מוז פאַרהייליקט ווערן. דאָס איז די רעליגיע פון יידן. האָבן חז״ל איינגעפירט נייע באַגריפן, נייע עלעמענטן אין גלויבן, וואָס דער תּנך ווייס לגמרי ניט פון זיי. יעדער ייד באַזונדער איז דער טרעגער פון יידישקייט. די נבֿיאים אין תּנך האָבן אַלע מאָל געטראַכט און גערעדט וועגן דעם גאַנצן פאָלק ווי אַזאַ. די חז״ל האָבן ווי אַנגעלאָדן יידישקייט אויף יעדער יידן אויך באַזונדער. דערפאַר איז ביי חז״ל אויפגעקומען אַ נייער באַגריף פון עולם הבא ניט נאָר פאַר דעם גאַנצן פאָלק בכלל, נאָר פאַר יעדער יחיד אויך באַ־זונדער — שׂכר ועונש. ווען? — לאחר מאה שנה, אויף יענער וועלט, גיהנום און גן עדן. אַלץ באַגריפן וואָס זיינען לגמרי ניט געווען אין תּנך. איז דאָס נאָך ווייניק, האָבן חז״ל אַריינגעפירט נאָך אַ באַגריף פון „תּחית המתים". ווידער גאָר אַ נייעס אין יידישקייט. דער אַלגעמיינער ציל — דער קיום האומה. דורך ווע־מען? — דורך יעדער יידן. יעדער ייד טראָגט די אַנלאָדונג פון יידישקייט. דורך וואָס? — דורך דעם אָפּהיטן דעם באַזונדערן יידישן שטייגער. כּדי צו דערמוטיקן, צו געבן דעם יחיד כּוח און מוט אָפּצוהיטן אָט דעם פאַרזיכיקן

ייִדישן שטייגער, זײַנען אויפֿגעקומען נײַע עלעמענטן אין דער אמונה, אין רע־ליגיע — ניט בלויז פֿאַרן כּלל פֿאָלק „למען יאריכון ימיך על האדמה״, וואָס האָט געמיינט דווקא דעם גאַנצן פֿאָלק (אין תּנך), נאָר אויך פֿאַרן יחיד — „עולם הבא״, יענע וועלט נאָכן טויט, שׂכר ועונש, גן עדן און גיהנום און תּחית המתים. אַלץ פֿאַר יעדן יחיד כּדי ער זאָל האָבן כּוח און מוט און ווילן צו דינען די אינטערעסן פֿון כּלל, פֿון פֿאָלק, כּדי דאָס פֿאָלק אין גאַנצן זאָל זוכה זײַן צו קומען צו זײַן פֿאָלקישן עולם הבא, ליום שכּולו טוב, לימות המשיח... בײַ פֿעלקער היט די מדינה דעם אַלגעמיינעם שטייגער. האָבן אָבער חז״ל ניט גע־גליבט אין כּוח פֿון מדינות, פֿון מלוכות. „אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם אלוקינו״ (תהלים כ׳, 8). חז״ל האָבן ניט געגליבט מער אין דעם כּוח פֿון מדינה. האָבן זיי דאָס אַלץ אַרײַנגענומען אין רעליגיע. ניט רכב און ניט סוסים, נאָר דער שם אלוקינו. דאָס איז כּוח, אין דעם איז דער קיום פֿון פֿאָלק. און ווײַל די עלעמענטן זײַנען געווען נײַע, זײַנען חז״ל דווקא אויף זיי מער באַשטאַנען. יע געפֿונען אָדער ניט געפֿונען קיין סמך אין דער תּורה פֿאַר דער אמונה, אָבער די אמונה איז געווען נייטיק און וויכטיק, אַפֿילו אין שמונה עשׂרה אַרײַנגענומען! און די געשיכטע האָט באַרעכטיקט די אמונה פֿון חז״ל: פֿון אַלע פֿעלקער וואָס זײַנען אַרויס אויף דער אַרענע גלײַך מיט די ייִדן, זײַנען געבליבן נאָר די ייִדן. אַלע אַנדערע זײַנען אונטערגעגאַנגען. דער כּוח, די „רכב און די סוסים״ האָבן טאַקע ניט אײַנגעהיט דעם קיום פֿון די פֿעלקער, און דער שטייגער, דער פֿאַרהייליקטער, איינהייטלעכער — ער האָט יע אײַנגעהיט דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק, אײַנגעהיט דורך די גרעסטע צרות און אומגליקן. דאָ איז געווען דער ערשטער מאָמענט פֿון דעם גרויסן רעוואָלט פֿון די חז״ל: אָנגעלאָדן דעם גאַנצן אידעאַל פֿון קיום האומה אויף די פּלייצעס פֿון יעדער יחיד און דאָס האָט אויסגעטראָגן און דורכגעטראָגן! שווער איז דער גלות, אַז די רעליגיע אַליין הייסט דריקן די ייִדן איז דאָך ניט שײַך... און די ייִדן געדריקט און פֿאַרפֿאָלגט, געברענט און געבראָטן אין אַלע פֿײַערן וואָס פֿרומע פֿעלקער האָבן געצונדן אין נאָמען פֿון גוטן גאָט פֿול מיט רחמנות. כּלומרשט פֿאַר גאָט, אין דער אמתן — פֿאַר זייערע בלוטיקע אינסטינקטן, רוצחישע. אַזוי האָט זיך איצט אָנגעהויבן פֿון דאָס נײַ, אַ נײַע געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד, אָן אַ מדינה און אָט דאָס פֿאָלק האָט אויסגעהאַלטן די שווערסטע גלותן! אויסגעהאַלטן אַ דאַנק צוויי פֿאַקטאָרן: דעם פֿעסט אײַנגעשטעלטן שטייגער וואָס די חז״ל האָבן אײַנגעשטעלט ווי די רעליגיע און צוויטנס, אַ דאַנק דעם וואָס די ייִדן האָבן ביז איצט געלעבט אין פֿאַרזיכיקע איינסן, אין די שטעטלעך און זיך ניט געמישט מיט די הויפּטפֿעלקער פֿון די לענדער. די שטעטלעך — זיי זײַנען גע־ווען די ראָם פֿון ייִדישקייט; דער שטייגער איז געווען דער אינהאַלט, דער תּוך

פֿון ייִדישקייט און דעם שטייגער האָט אײַנגעשטעלט ניט דער תּנך, נאָר דער תּלמוד. אָט דער תּלמודיש־שטעטלשער שטייגער האָט אויך אויסגעאַרבעט און פֿאַרפֿעסטיקט בײַ ייִדן די געדאַנקען. געדאַנקען באַגלייטן תּמיד האַנדלונגען. איינהייטלעכער אויפֿפֿיר האָט אויך אײַנגעשטעלט אַ מער ווייניק איינהייטלעכן געדאַנקען־גאַנג, אַ ייִדישע פּסיכיק. האָבן ייִדן געלעבט צעשפּרייט און צעשאָטן איבער לענדער און צווישן פֿעלקער און דאָך געפֿירט אַן איינהייטלעכן שטייגער, און דאָך געהאַט אַן אייגענע, אַ פֿאַרזיכיקע אידעען־וועלט. איינִיקייט אין צע־שפּרייטקייט, גאַנצקייט אין צעשאָטנקייט, „גוי אחד בארץ“ — איבער אַלע לענדער פֿון דער ערד און דאָך איין פֿאָלק!

## וויפֿל תּורות בײַ ייִדן

קודם כּל ווילט זיך מיר דאָ קאָרעגירן עפּעס בײַ דעם גרויסן ייִדישן געלערנטן און דענקער ש. ראַווידאָוויטש ע״ה. עס דאַרף ניט זײַן ווי ער האָט עס געלערנט „בין בית לבית“, צווישן דעם ערשטן און צווייטן בית המקדש, די חז״ל־ייִדישקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען שפּעטער. איבערהויפּט נאָך דער פּערסישער תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע. אָט די פּאָר הונדערט גליקלעכע יאָרן אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע האָבן אַנטוויקלט בײַ ייִדן גאָר אַ נײַע פּסיכיק און זיכאַכטונג. ייִדן האָבן פֿאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד, זיי זײַנען געוואָרן שטאָלצער בײַ זיך, געקראָגן מער אַכטונג צום אייגענעם שטייגער און צו אייגענע פֿירונגען. זײַנען די פֿירונגען פֿון פֿאָלק געוואָרן פֿאַר די חז״ל אַ תּורה. ניט ווי די נבֿיאים פֿריִער כּסדר געהאַלטן אין שטראָפֿן די ייִדן, געהאַלטן אַז זייער אויפֿפֿיר איז אַ שלעכטער, האָבן איצט די חז״ל געקוקט אויף דעם פֿאָלק און אויף זײַנע פֿירונגען ווי אויף אַ תּורה. פֿרעגט אַ צדוקי בײַ שמאַי: וויפֿל תּורות האָבן ייִדן? ענטפֿערט דער שטרענגער און באַרימטער בייזער שמאַי — צוויי תּורות בײַ ייִדן! איין תּורה איז „מדאורייתא“ — פֿון דער תּורת משה און די צווייטע תּורה איז „מדרבנן“ פֿון אונדזערע לערערס. און אָנגענומען האָבן חז״ל די תּורה מדרבנן ווי וויכטיקער, ווי אַקטועלער, ווי פֿאַר זייער צײַט געגעבן. קודם כּל האָבן זיי געגלייבט אַז די תּורה מדרבנן איז געגעבן געוואָרן למשה מסיני ניט ווייניקער ווי די תּורה שבכתב, מער ניט וואָס זי איז געגעבן געוואָרן „בעל פּה“ אויסווייניק. זיי האָבן ניט געשטעלט קיין פֿראַגע ווי זי איז אײַנגעהיט געוואָרן די גאַנצע צײַט פֿון מתּן תּורה אויפֿן באַרג סיני אָן, ווײַל מתּן תּורה איז שוין פֿאַר זיי, פֿאַר די חז״ל, געווען ניט קיין איינמאָליקע דערשײַנונג, נײַערט אַ דויערנדיקער, כּסדרדיקער פּראָצעס וואָס הערט גאָר ניט אויף. „אשר נתן תּורה“ און „נותן התּורה“ האָט געגעבן און האַלט אין כּסדרדיקן געבן. און הר סיני — דער באַרג וווּ די תּורה איז געגעבן געוואָרן, איז מער ניט קודש,

„נסתּלקה קדושתו״. אַז בכלל איז „סיני״ לגמרי ניט קיין שטיינערדיקער באַרג ערגעץ אין מדבר, נאָר יעדער לעבעדיקער מענטש, יעדער ייִד וואָס איז מחדש עפּעס אין דער תּורה, יענער איז דער אמתער „סיני ועוקר הרים״ — אָט דער לעבעדיקער ייִד, וואָס פֿאָרמולירט ייִדישקייט — ער איז דער אמתער „סיני ועוקר הרים״ — ער רײַסט אַרויס די קדושה פֿון די בערג. ניט אין טויטע בערג איז ייִדישקייט, איז הייליקייט. גאָט באַווײַזט זיך צו משהן אין מדבר ווײַט פֿון ייִדן. אליהו אַנטלויפֿט פֿון ייִדן, לויפֿט ער ווײַט צו גאָטס באַרג. דאָרטן איז גאָט. פֿאַר די חז״ל איז דער ייִדישער גאָט דאָרטן ווו ייִדן זײַנען דאָ. צוויי מאָל איז פֿאַראַנען אין תּנך, אַז מען דאַרף אויסטאָן די שיך, ווײַל דאָס אָרט איז הייליק — בײַ משה און בײַ יהושע, ווײַל די ערד איז הייליק. פֿאַרוואָס הייליק? פֿון וואָס הייליק געוואָרן? קען זײַן פֿאַרזיכיקע הייליקייט אָן ייִדן. פֿאַר די חז״ל אָבער איז ארץ ישׂראל הייליק וול ייִדן האָבן עס הייליק געמאַכט. איין מאָל אין יהושעס צײַטן און אַ צווייט מאָל אין עזראס צײַטן, ניט סתּם עפּעס הייליק אָן ייִדן. דוד המלך איז אין תּנך איינער און אין גמרא גאָר אַנדערש. אליהו איז אין תּנך אַ שטרענגער, קעמפֿט שטרענג, מיט בייזקייט. בײַ די חז״ל איז אליהו זכור לטוב, סאַמע גוטסקייט.

די דרײַ יום טובֿים, די שלוש רגלים האָבן אויך באַקומען אַן אַנדער כאַראַקטער. זיי זײַנען שוין ניט קיין נאַטור־יום טובֿים אין פֿאַרבינדונג מיטן נאַטור־לעבן, נאָר יציאת מצרים. גאָט זיצט און לערנט די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק. ער האָט אויפֿן הימל זײַן „מתיבתא דרקיע״ — די הימלשע ישיבֿה, גאָט זיצט און לערנט די תּורה און דווקא די תּורה פֿון חז״ל. ער לערנט די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק. עס קומט אויס גאָר פֿאַרקערט. ניט גאָט דערלאַנגט משהן אַ פֿאַרטיקע תּורה, נאָר פֿאַרקערט גאָר — לערנט גאָט די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אַזאַ הויכע מיינונג האָבן חז״ל געהאַט וועגן ייִדישן שטייגער! ניט געווען בײַ די נבֿיאים אַן ענלעכע מיינונג וועגן דעם אויפֿפֿיר פֿון ייִדן. די חכמי ישׂראל דיסקוטירן מיט גאָט אַליין. ער האָט איין מיינונג און חז״ל וואָס זיצן מיט אים און לערנען אין דער הימלשער ישיבֿה האָבן אַ צווייטע מיינונג. שיקט מען פֿרעגן. וועמען פֿרעגן? ווער איז דער פּוסק וואָס פּסקנט אַ פּלוגתּא מיט גאָט ברוך הוא? דווקא אַ בשׂר ודם, אַ מענטש, ער איז מער אויטאָריטעט אין דער תּורה ווי גאָט אַליין. אין תּנך איז דער רבונו של עולם מער אַ גוף, ער גייט שפּאַצירן „לרוח היום״, בײַ די חז״ל איז גאָט מער אַ באַגריף, ניטאָ ער זאָל שמועסן מיט לעבעדיקע מענטשן. העכסטנס איז עס אַ בת קול פֿון הימל, ניטאָ קיין דירעקטער שמועס מיט גאָט; אין תּנך שמועסט גאָט מיט אדם, מיט קינען, מיט אַנדערע, די חז״ל ווייסן ניט פֿון אַזוינע דירעקטע שמועסן מיט גאָט. אין תּנך איז גאָט אַן „איש מלחמה״, דער ארון ברית ה׳ ווערט געטראָגן אין מלחמות,

אין דעם ארון ליגן קאָנקרעטע, מאַטעריעלע זאַכן פֿון גאָט. דער ארון ווערט באַהאַלטן: די פֿאַרגייער פֿון די חז״ל ווילן ניט עס זאָלן זײַן בײַ ייִדן מאַטעריעלע געטלעכע זאַכן. דער ערשטער פּרינציפּ בײַ די חז״ל: קיינע מאַטעריעלע הייליקייטן!

די חז״ל האָבן זיך געוווּנדערט וואָס די קופּערנע שלאַנג וואָס משה האָט זי געשאַפֿן, איז נאָך ניט צעשטויסן געוואָרן, וואָס די פֿרומע קיסרים ווי אסא און יהושפט האָבן די קופּערנע שלאַנג געלאָזן. פֿאַר זיי איז עס געווען אַ וווּנדער. משה האָט געשאַפֿן די שלאַנג און חז״ל האָבן ניט געוואָלט בשום אופֿן אָנערקענען איר הייליקייט. אַ סך זאַכן האָבן זיי געהאַט פֿון משהן? זיי האָבן עס ניט געוואָלט אַפֿילו לזכּרון (שבת נ״ו, ב׳). קיינע מאַטעריעלע זאַכן! די תּורה — יע! זיכער אויך ניט וואָרט אין וואָרט ווי עס איז געשריבן אין תּורת משה, נאָר ווי זיי — די חז״ל — לערנען, אָבער ניט קיין מאַטעריעלע זאַכן. אַלץ איז באַשטאַט געוואָרן צחאָמען מיטן גאַנצן ארון הברית. די קופּערנע שלאַנג האָט צעשטויסן דער פֿרומער קיסר חזקיה (מלכים ב׳ י״ח, 4). דער ארון הברית איז באַשטאַט געוואָרן מיט אַלע היסטאָרישע הייליקייטן אין אים. אָבער וועגן דעם ארון דערציילט ניט דער תּנך, נאָר די גמרא שפּעטער. אפֿשר דערציילט ניט דער תּנך ווײַל עס איז געווען אַ צו גרויסער „רעוואָלט״? אפֿשר?

אין תּנך פֿיגורירן אָפֿט מלאכים, בײַ די חז״ל קען זײַן אַ בת קול פֿון גאָט, אָבער ניט קיין מלאכים. אין תּנך פֿיגורירן נבֿיאים, זיי הערן גאָטס וואָרט דירעקט. די חז״ל וויסן מער ניט פֿון קיין נבֿיאים, בײַ זיי פֿיגורירן חכמים, זיי וויסן צו לערנען די תּורה, וואָס די תּורה זאָגט, אָבער ניט גאָט דירעקט. גאָטס וואָרט דירעקט אין תּנך; וואָס די תּורה זאָגט — בײַ די חז״ל און טאָמער קומט אַ בת קול פֿון הימל טאָקע און זאָגט עפּעס ניט ווי עס שטייט אין דער תּורה, שטעלט זיך אַוועק איינער פֿון די חז״ל און מעלדעט פּשוט „אין אנו משגיחין בבת קול״ — מיר פֿאָלגן ניט קיין בת קול, ווײַל אין דער תּורה שטייט אַנדערש. און אליהו זאָגט עדות, אַז גאָט שמייכלט און איז צופֿרידן ווײַל „מײַנע קינדער האָבן מיך גובֿר געווען״: זיי האָבן מיר אַנגעוויזן עפּעס אין דער תּורה, און גאָט מוז עס אויספֿאָלגן!, ווײַל די תּורה איז מער ניט אין הימל. „לא בשמים היא״. קען מען עס אַפֿילו פֿאַרשטיין אַז בכלל איז דער הימל ניט קיין בעל דעה, ניט קיין פּוסק אין דער תּורה, דער הימל האָט ניט קיין סמכות צו דיקטירן אַ דין־תּורה! אין דער תּורה שטייט עפּעס און גאָט מוז פֿאָלגן ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תּורה. און די תּורה איז בײַ זיי, בײַ די חכמים, ניט אין הימל, ניט בײַ גאָט! גאָט איז מחויבֿ צו פֿאָלגן דער תּורה און ניט פֿאַרקערט! אין תּנך פֿיגורירן נאָך באַזונדערע שבֿטים, אין בית שני פֿיגורירט שוין איין פֿאָלק, ניט קיין באַזונדערע שבֿטים. נאָך מער — אין תּנך

איז אַ מדינה, מיט אַ מלך; אין תּלמוד איז שוין ניט די מלוכה, ניט דער מלך, נאָר דאָס פֿאָלק בכלל. יע מדינה, ניט מדינה, מיט אַ מלך, צי אָן אַ מלך — ניט פֿון זיי איז אָפּהענגיק דער קיום פֿון פֿאָלק. אין תּנך ווערט גערעדט כּסדר וועגן מצוות — אָנגעזאָגט, געהייסן פֿון גאָט. מצווה איז דאָך געהייסן, אָנגעזאָגט. בײַ די חז״ל איז מער ניט גערעדט וועגן מצוות, נאָר וועגן „הלכה". אַזוי איז דער גאַנג, וועמעס גאַנג? — דעם פֿאָלקס. אַזוי פֿירן זיך ייִדן, און ווי ייִדן פֿירן זיך, אַזוי דאַרף עס זײַן, דאַרף עס בלײַבן! דער שטייגער פֿון פֿאָלק איז ייִדישקייט, ניט גאָטס דיקטאַט. דאָס איז דער גוואַלטיקער אונטערשייד צווישן מצוות און הלכות; מצוות בײַ די נביאים אין תּנך בכלל און הלכות בײַ די חז״ל. דער תּנך איז געחתמעט, געענדיקט, ניט צוגעבן און ניט אַראָפּנעמען קיין איין וואָרט. די תּורה שבעל פּה איז ניט געענדיקט און „מה חדש היום בבית המדרש?" אַלע טאָג דאַרף מען עפּעס מחדש זײַן, דאַרף צוקומען עפּעס. די תּורה איז ווי אַ קוואַל, וואָס קוועלט און באַנײַט זיך תּמיד, די תּורה דאַרף וואַקסן צוזאַמען מיטן פֿאָלק. ר׳ עקיבֿא לערנט מיט תּלמידים און משה הערט, אָבער ער פֿאַרשטייט ניט וואָס ר׳ עקיבֿא לערנט. ערשט ווען ער הערט ר׳ עקיבֿא זאָגט וועגן עפּעס, אַז עס איז אַ הלכה למשה מסיני (אַזאַ גאַנג, אַ פֿירונג פֿון משהן אָן, פֿון סיני), באַרויִקט זיך משה. די תּורה, הייסט עס, האַלט כּסדר אין וואַקסן, אין פֿאַרמערן זיך, אָבער עס וואַקסט אַלץ פֿון משהן מסיני. מיר וואָלטן געזאָגט — עס וואַקסט פֿון פֿריִער, פֿון די ערשטע ייִדן. ווײַל משה מסיני האָט דאָך שוין פֿאָרמולירט ייִדישקייט וואָס איז געווען פֿריִער שוין. שווער בכלל צו געפֿינען דעם אָנהייב פֿון אַ פֿאָלק, ווי שווער עס איז צו זוכן דעם אָנהייב פֿון אַ טײַך, פֿון אַ שטראָם. די חז״ל זײַנען ניט געווען אַלע ייִדן. זיי זײַנען געווען די אינטעליגענץ פֿון די פּרושים. די פּרושים אַליין זײַנען געווען איינע פֿון די דרײַ פּאַרטייען, — ריכטיקער ריכטונגען. זיי — די פּרושים, זײַנען געווען די „פֿאָלקיסטן" פֿון אַמאָל און די חז״ל זײַנען געווען די אינטעליגענץ פֿון די פּרושים. און זיי האָבן געהאַט די דרייסטקייט, די „חוצפּה כּלפּי שמיא" אַפֿילו אַנטקעגן גאָט אַליין! און אָט די חוצפּה ווײַזט דווקא אויף אַ שטאַרקער אמונה. זאָגט עס איינער פֿון די חז״ל „ווי חוצפּהדיק עס איז דער הימל (געמיינט גאָט!), ביסט אַרויף אויפֿן הימל און זעסט ניט די צרות פֿון דײַנע קינדער!" (תּענית כ״ה, א׳)

מיר האָבן דאָס אויך אין איצטיקע צײַטן: טענהט זיך אויס מיט גאָט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער: „וואָס ווילסטו פֿון דײַן פֿאָלק ישׂראל? און וואָס האָסטו צו דײַן פֿאָלק ישׂראל?" האָבן חז״ל גענומען אַ פּסוק „ה׳, ה׳ אל רחום וחנון" און אים אַרײַנגענומען אין דאַוונען און זיי האָבן אים אָפּגעהאַקט אין מיטן זאַץ. עס שטייט „ונקה לא ינקה" (נאָר שענקען שענקט ער ניט). האָבן חז״ל דעם פּסוק אַרײַנגענומען אין אַ תּפֿילה, אָבער זיי האָבן דעם טעקסט אָפּ־

געהאַקט אין מיטן „ונקה" און שענקען. מען זאָגט אָבער ניט דעם „לא ינקה" שענקט ער ניט. קומט אויס גאָר פֿאַרקערט „נושא עון ופשע וחטאה ונקה — ער פֿאַרטראָגט זינד און שענקען... דאָ שטעלט מען זיך אָפּ. קומט אויס גאָר פֿאַרקערט ווי אין פּסוק שטייט (און שענקען). ס'הייסט — ער שענקט יע, ניט ווי עס שטייט.

גיין אום שבת טאָר מען ניט קיין ווײַטע שטרעקעס. עס איז דאָך אָבער פֿאַראַן פֿאַלן ווען מען מוז גיין. האָבן חז"ל זיך אײַנגעשטעלט און אײַנגעשטעלט אַן „ערוב תחומים". זאָל ליגן פֿון פֿרײַטיק אַ מזון סעודה אחת, וועט עס זײַן ווי אַ היים און מען מעג שוין יע. אַזוי איז וועגן טראָגן אום שבת. מען מעג יע אָנצינדן פֿײַער לכּבֿוד שבת, הגם אין דער תּורה שטייט בפֿירוש „לא תבֿערו אש" ניט אָנצינדן קיין פֿײַער. און אַזוי האָט דער גאַנג פֿון חז"ל געהערשט בײַ ייִדן די גאַנצע צײַט כּל זמן עס האָט געהערשט דאָס שטעטל. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געלעבט מיט דער תּורה. ווער וועמען האָט געהיט? דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געהיט די תּורה „מדרבנן" און זי האָט עס געהיט דעם קיום האומה. געהיט די תּורה ווי זיי האָבן פֿעסטגעשטעלט און אַ דאַנק דעם איז די תּורה אײַנגעהיט געוואָרן. זיי האָבן אין אַ סך זאַכן זיך דערלויבט אויף אַ רעוואָלט אין דער תּורת משה, ווײַל זיי האָבן ריכטיק פֿאַרשטאַנען צו זאָגן אַז „פּעמים שביטולה של תּורה זהו יסודה" (מנחות צ"ט, א' און ב'). און זיי זײַנען געגאַנגען זייער אָפּט אויף דעם וועג. אין זייער צײַט האָבן חז"ל שוין ניט געקאָנט מסכּים זײַן אויף דעם „עין תחת עין" ממש ווי עס שטייט בפֿירוש אין דער תּורה, ניט געקאָנט מסכּים זײַן אויף דעם „וקצות את כּפּה" פֿון אַ פֿרוי (פֿאַר עפּעס אַן עבֿירה), האָבן זיי געדרשנט עין תחת עין איז גאָר ממון. ניט ווי עס שטייט בפֿירוש אין דער תּורה משה! האָבן זיי זיך דערלויבט צו זאָגן: „מעולם לא עלו משה ואליהו למרום ולא ירדה שכינה למטה" (סוכּה ה', א'), און ווידער: „בן סורר ומורה לא היה ולא עתיד להיות", אַז עיר הנדחת איז ווידער: לא היתה ולא עתידה להיות" (סנהדרין ע"א, א'). זיי האָבן אָנגענומען אַז „דיברה תּורה בלשון בני אדם" (ברכות ל"א, ב'), און דערפֿאַר דאַרף מען, מעג מען דרשנען די דבֿרי תּורה, ווײַל אַן אַ דרש איז גאָר אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין די תּורה. ווײַל: „מאי תּורה — מדרש תּורה" (קדושין מ"ט, ב'). און כּל המתרגם פּסוק כּצורתו — איז גאָר ניט מער ווי אַ ליגנער, ווײַל עס איז בעסער אויסצורײַסן אַ תּורה אײדער די תּורה זאָל פֿאַרגעסן ווערן (תּמורה י"ד, ב'). און דער וואָס האַלט נאָר פֿון דער תּורה, וואָס לערנט נאָר די תּורת משה, איז גלײַך ווי ער האָט ניט קיין גאָט (ע"ז י"ז, ב'). האָבן חז"ל קלאָר און דײַטלעך בריית געלערנט, אַז די תּורה ד"ה ייִדישקייט איז ניט ווי עס שטייט אין פּסוק, נאָר ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך אין ייִדישקייט. ואסמכינהו רבנן אקרא. סתם אונטערגע־

פֿעסטיקט מיט אַ פּסוק (חולין ל״ב, א׳; קדושים ט׳, א׳; סוכה כ״ח, א׳) און דער פּסוק איז ניט מער ווי אַן אסמכתא בעלמא — סתּם אַן אָנשפּאַר (יומא פּ׳, ב׳), אָבער ניט ער, ניט דער פּסוק דיקטירט דעם שטייגער, נאָר פֿאַרקערט, ווײַל „מנהג אבותינו תּורה היא״ (מנחות כ׳) האָבן זיי שוין גאָר אַנדערע פֿאַר־שטעלונגען וועגן ייִדישקייט און אויך וועגן מהות פֿון גאָט. עס שטייט משה רעדט צו גאָט „והאלוהים יעננו בקול״ — גאָט ענטפֿערט משהן מיט אַ שטים. גיט צו אַ גמרא „בקולו של משה״ (ברכות מ״ה, א׳) — די געטלעכקייט איז אין משהס שטים גופֿא. און ווײַל זיי האָבן אַזוי שטאַרק גערעכנט זיך מיטן פֿאָלק און מיט זײַנע פֿירונגען, האָבן זיי געקענט דערגיין ביז צו אַזאַ מאמר: אַז עס וועט, אם ירצה השם, קומען אליהו (מיט משיחן!) און וועט זאָגן אַז חליצה דאַרף געפֿירט ווערן אויף איין אופֿן, דאַרף מען אים ניט פֿאָלגן, ווײַל „שכּבר נהגו העם אחרת״, דאָס פֿאָלק פֿירט זיך שוין אַנדערש (יבמות ק״ב, א׳). איז די פֿירונג פֿון פֿאָלק, דער מנהג, וויכטיקער ווי אליהו הנביאס רייד פֿון הימל. דערפֿאַר טאָר מען גאָר ניט פֿאַרשרײַבן קיין הלכות. בײַ זיי — ווען קיין פּאַפּיר איז ניט געווען, ניט געווען קיין פּעדערס, איז פֿאַרשרײַבן געווען גע־גליכן צו פֿיקסירן אויף שטענדיק, ס׳איז׳דאָך ניט סתּם קיין „פֿאַרנאָטירן״. נאָר פֿאַרשרײַבן, ד״ה פֿאַראייביקן, טאָר מען ניט פֿאַראייביקן, פֿאַרפֿעסטיקן קיין הלכות. און אָט דערפֿאַר איז „הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תּצא תּורה״ (סנהדרין צ״ו, א׳). און דאָס איז ניט דערפֿאַר ווײַל אַ סתּם עם הארץ וועט זיכער האָבן קינדער תּלמידי חכמים. ניין, עס איז גאָר אַנדערש: עם הארץ איז אַ מענטש וואָס „תּורה אין בהם, אלא מעשׂים יש״. קיין תּורה האָבן זיי ניט, אָבער דער־פֿאַר האָבן זיי אַ פֿעסטן שטייגער (אַזוי דערקלערט דער רמב״ם אין פּרקי אבֿות), און תּורה שטאַמט תּמיד פֿון שטייגער, פֿון אויפֿפֿיר. איז אַזוי געווען דער געדאַנקען־גאַנג פֿון די חז״ל: ייִדישקייט איז אין שטייגער, אין אויפֿפֿיר און ערשט זיי — די מעשׂים פֿירן צו געדאַנקען, צו אידעען. עס איז ניט ווי עס שטייט, אַז „סוף מעשׂה במחשבֿה תּחילה״, נאָר דווקא פֿאַרקערט — סוף מחשבֿה במעשׂה תּחילה; פֿון די מעשׂים קומט די מחשבֿה, די אידעע, דער גע־דאַנק. און דערפֿאַר איז ייִדישקייט בכלל ניט קיין סיסטעם פֿון אידעען און גע־דאַנקען, נײַערט אַ סיסטעם פֿון מעשׂים, פֿון אויפֿפֿיר — „מה כּושי משונה בעורו כּך ישׂראל משונים במעשׂיהם״ (מועד קטן ט״ז, ב׳) און פֿון די פֿאַרזיכיקע, אַנדערשדיקע מעשׂים שטאַמט שוין אַרויס די פֿאַרזיכיקע אידעע, די ייִדישקייט שבמחשבֿה. אָט פֿאַרוואָס חז״ל האָבן געלייגט זייער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף די פֿירונגען, אויף די האַנדלונגען פֿון ייִדן, אויף די מעשׂים. די מצוות זײַנען גאָר ניט פֿאַר גאָט, ווי ער דאַרף זיי האָבן. ניין, די מצוות און די עבֿירות זײַנען פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק ווי אַזאַ. וועט זײַן אַ פֿאַרזיכיקער, איינהייטלעכער

אויפֿפֿיר, וועט שוין במילא אויך זײַן אַן איינהייטלעך, באַזונדער פֿאָלק. דער־פֿאַר איז דער תּלמוד וויכטיקער פֿון תּנך, ווײַל די גמרא פֿאַרמירט און נאַר־מירט די האַנדלונגען, דעם שטייגער פֿון יידישן פֿאָלק, דאָס וואָס דער תּנך טוט עס ניט.

און דערפֿאַר איז עס קלאָר פֿאַר חז״ל, אַז „ישׂראל אינן ניצלין אלא במצוות״ (ברכות נ״ג, ב׳) — יידן, דאָס יידישע פֿאָלק האַלט זיך אויף מיט מצוות, מיט די איינהייטלעכע מעשׂים און פֿירונגען און כּל זמן עס וועט זײַן איין אויפֿפֿיר וועט אויך זײַן איין פֿאָלק ישׂראל. דאָס איז געוואָרן די פֿילאָסאָפֿיע פֿון די חז״ל — אַן איינפֿאַכע אָבער אַן אויסגעהאַלטענע און אַ ריכטיקע. און אָט איז זי:

1. יידישקייט איז אַן איינהייטלעכער אויפֿפֿיר, איין שטייגער. איז איין פֿאָלק. איין אומעטומיקער שטייגער איז אויך איין אומעטומיק יידנטום.

2. די פּרינציפּן פֿון אויפֿפֿיר זײַנען הבֿדלה און המשך. ניט איבערגענו־מען גאָר ניט פֿון פֿרעמדע פֿעלקער; אַלץ מוז האָבן אייגענע וואָרצלען אין יידישקייט פֿון פֿריִערדיקע דורות.

3. דערפֿאַר איז די אויפֿגאַב פֿון דער אינטעליגענץ, פֿון די חז״ל ניט לימוד — ניט לערנען דאָס פֿאַרשריבענע, נאָר תּלמוד: פֿון דעם לעבעדיקן גאַנגבאַרן שטייגער שאַפֿן נײַע פֿאַרמולירטע טעקסטן. דאָס איז תּלמוד — אַנ־דערש פֿון לימוד.

4. פֿאַראַנען צוויי תּורות: תּורת חיים — פֿון לעבעדיקן פֿאָלק און תּורת משה. די אויפֿגאַב זייערע, פֿון די חז״ל איז צו פֿורמען און פֿאַרמולירן די אָנגענומענע פֿירונגען פֿון דעם לעבעדיקן פֿאָלק און שאַפֿן פֿון דעם פֿאַרמוליר־טע הלכות. די תּורת משה מוז צוגעפּאַסט ווערן צו דער תּורת חיים, פֿון לע־בעדיקן פֿאָלק ישׂראל. זיי דאַרפֿן דאָס פֿאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ תּורה.

4. דערפֿאַר איז די אויפֿגאַב פֿון חז״ל דער „מדרש תּורה״ — צופּאַסן די שריפֿטן צום אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק; די תּורת משה צו דער תּורת חיים.

5. יידישקייט איז ניט פֿאַרבונדן מיט איין לאַנד. אַפֿילו ניט מיט ארץ ישׂראל; יידישקייט איז ניט פֿאַרבונדן מיט קיינע מאַטעריעלע הייליקייטן, ווײַל גאָט איז בלויז אַ נאָמען פֿון אַלץ וואָס איז הייליק בײַ יידן.

6. די שפּראַך וואָס דאָס יידישע פֿאָלק נוצט כּדי צו זײַן אַנדערש פֿון אַנ־דערע פֿעלקער, איז הייליק — צי עס איז די אָדער יענע שפּראַך, דער עיקר איז — זי איז אָנגענומען בײַ יידן.

7. די תּורה איז דער סכום פֿון געזעצן וואָס זיי ווערן אָפּגעהיט אין לעבן. זײַנען אין קאָסמאָס דאָ געזעצן, איז עס די תּורת הקוסמוס, אַזוי איז די תּורת האדם, און אַזוי איז די תּורת ישׂראל.

8. מתּן תּורה איז ניט קיין איינמאָליקע דערשײַנונג בײַם באַרג סיני, נאָר עס איז אַ כּסדרדיקער פּראָצעס אָן אויפֿהער. און יעדער דור איז מקבּל תּורה, און דאַרף איבערגעבן תּורה צו די וואָס קומען ווײַטער.

דערפֿאַר איז בײַ די חז״ל געווען אַזאַ באַציִונג צום תּנך: עס איז נאָר „מקרא״ — לעקטור — די בעסטע, די הייליקסטע לעקטור בלײַבט פֿאָרט נאָר מיקרא, און ניט מיקרא וועט שאַפֿן, וועט אײַנהאַלטן דאָס פֿאָלק, און דעם קיום פֿון פֿאָלק. דערפֿאַר האָבן זיי באַגרענעצט דעם תּנך. נאָר „עשׂרים וארבע״ („שוואַרבע״ בײַ ייִדן), ניט פֿאַרנעמען זיך צו פֿיל, נאָר דרשנען, און זיך באַמיִען צופּאַסן צום אַקטועלן לעבן. און זייער תּורה — די תּורת חיים — זי טאָר ניט אָפּגעשניטן ווערן, און אַפֿילו „כּל מה שתּלמיד ותיק עתיד לחדש ניתּנה למשה מסיני״ (מגילה פּ״ד, ה״ה, ירושלמי) און מיום שחרב בית המקדש ניטלה נבֿואה מנבֿיאים וניתּנה לחכמים, און „חכם עדיף מנבֿיא״ (ב״ב י״ב, א׳). זיי — די חז״ל פֿאַרוואַנדלען די חיי ישׂראל אין תּורת ישׂראל. די תּורה וואָס זיי שאַפֿן, פֿורעמען און פֿאָרמולירן איז ניט געגעבן אויף אַ טויטן שטיינערנעם באַרג, נאָר גענומען פֿון לעבעדיקן פֿאָלק און זי איז וויכטיקער דערמיט פֿון דער תּורה הכּתובֿה.

גאָט אַליין פֿירט די וועלט ניט לויט רחמים, ניט לויט זײַן ווילן, נאָר לויט פֿעסטע געזעצן, ניט לויט רחמים, נאָר לויט „גזרות״ — געזעצן, וואָס ער קען ניט ענדערן: „גזרה היא מלפֿני״ און פֿאַרפֿאַלן! (מגילה כ״ה, א׳). דער כּוח פֿון גאָט איז אָבער יע אָפּהענגיק פֿון דעם ווי די ייִדן גלייבן און ווי זיי פֿירן זיך (תּענית ז׳, ב׳; מגילה י״א, א׳). דאָס קען מען פֿאַרשטיין, אַז גאָט איז אַ פֿונק־ציע פֿון ייִדישקייט בײַ דעם ייִדישן פֿאָלק. וואָס שטאַרקער עס איז די אמונה בײַ ייִדן, אַלץ מעכטיקער און שטאַרקער איז גאָט און פֿאַרקערט. און דערפֿאַר זײַנען מצוות וויכטיק, ווײַל זיי שטאַרקן דאָך די ייִדישקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. אָבער „לעתיד לבֿא״, ווען משיח וועט קומען און די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענטשהייט וועט איבערנעמען ייִדישקייט, איבער אַלע גלויבנס, וועלן ניט זײַן נויטיק מער קיין מצוות. דערפֿאַר וועלן „מצוות בטלות לעתיד לבֿא״ (נידה א׳, ב׳).

— * —

פֿון וואַנען שטאַמט אַזאַ שטאַרקע פֿאַרגלויבטקייט פֿון די חז״ל אין פֿאָלק און אין זײַן אויפֿפֿיר? אַזאַ ליבע איז קיין מאָל פֿריִער ניט געווען. מען קען

ניט און מען טאָר ניט זאָגן, אַז די נבֿיאים האָבן ניט ליב געהאַט דאָס פֿאָלק ישׂראל. זייער גאַנצע געטרײַע איבערגעגעבנקייט, זייער ווײ און ווונד איז דאָך פֿאַרן פֿאָלק. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט דעם גלויבן אין פֿאָלק ווי די חז״ל. די חז״ל האָבן ניט געקאָנט מוחל זײַן ישעיה הנבֿיא זײַן זאָג „בתוך עם טמא שׂפֿתיים אנוכי יושבֿ“. דאָס האָבן דאָך אים חז״ל אין אַן אגדה פֿאַרמישפּט צום טויט. זיי האָבן דעם משפּט צוגעשריבן מנשה המלך. אָבער חז״ל פֿאַרמולירן די באַשולדיקונג פֿון דעם נבֿיא. די אהבֿת ישׂראל פֿון די חז״ל איז געווען פֿון אַ העכערער מדרגה. „על כּל פּשעים תּכסה אהבֿה“.

אַט אין דעם אַלעמען איז באַשטאַנען דער רעוואָלט פֿון די חז״ל (איך האָב זיכער ניט אָנגעמערקט אַלץ, ווײַל איך בין גאָרי ניט קיין בקיא אין גאַנצן ש״ס און אין דער תּלמודישער ליטעראַטור בכלל). דאָס איז אַ רעוואָלט מחמת גע־טרײַקייט, און דווקא דער רעוואָלט האָט אײַנגעהיט און אײַנגעהאַלטן ייִדישקייט בכלל און במילא אויך די עלעמענטן, וואָס קענן זיי האָבן חז״ל רעוואָלטירט — דעם תּנך. דער בית ראשון אין ארץ ישׂראל האָט אונדז געלאָזן אַ געהויבענע ירושה — דעם תּנך. ארץ ישׂראל און בבֿל האָבן אונדז געלאָזן אַ וויכטיקערע ירושה, אַ גרעסערע — דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק. און לאָמיר געדענקען, ניט פֿאַרגעסן, אַז די גאַנצע הײַנטיקע קולטור, אַלע נײַע ישובֿים, און אויך די נײַע מדינה — אַלץ איז געשאַפֿן געוואָרן דורך דעם שבֿט ישׂראל, וואָס האָט געלעבט ביזן סאַמע חורבן פֿון שטעטל מיט דעם „תּלמודישן שטייגער“ און מיט זײַן קול־טור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ניט פֿון תּנך, נײַערט פֿון די חז״ל, און טאַקע איבערהויפּט אין בבֿל.

## געשיכטע פֿאַר דער צוקונפֿט

מיר האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַ גאַנצן גרויסן קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע, ניט כּדי צו לערנען וואָס געווען סתּם אַזוי. נײַערט כּדי מיר זאָלן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט לערנען פֿאַר דער צוקונפֿט. געשיכטע איז אַ וויסנשאַפֿט. אַלע וויסנשאַפֿטן דאַרפֿן לערנען וואָס עס קען און וואָס עס וועט זײַן. יעדער וויסנשאַפֿט מוז קענען פֿאָרויסזאָגן. זאָגט פֿיזיק און מעכאַניק פֿאָרויס ווי צו בויען שיפֿן פֿאַרן חלל, זאָגט אַסטראָנאָמיע פֿאָרויס וואָס עס וועט זײַן אויפֿן הימל; זאָגט מעטעאָראָלאָגיע פֿאָרויס דעם וועטער. כעמי איז געוואָרן אַ פֿעס־טע וויסנשאַפֿט ווען מענדעלעעוו האָט געקאָנט פֿאָרויסזאָגן, אַז עס וועלן געפֿו־נען ווערן אין דער צוקונפֿט נאָך אומבאַקאַנטע עלעמענטן און זיי וועלן האָבן אַזוינע און אַזוינע אייגנשאַפֿטן. און אַזוי אויך געשיכטע. ניט וויכטיק לגמרי וויפֿל ווײַבער עס האָט געהאַט שלמה און וויפֿל מלחמות האָט געפֿירט אַלעק־סאַנדער מוקדון. וויכטיק איז תּמיד וואָס קומט עס אונדז צו לאָזן הערן? וואָס

לערנען מיר פֿון דעם פֿאַר דער צוקונפֿט? און געשיכטע פֿון ייִדן דאַרף אונדז לערנען וואָס עס קען אונדז דערוואַרטן אין דער צוקונפֿט.

וועלן מיר פּרובירן גיין כּסדר, טראָט נאָך טראָט. קודם כּל — די ייִדישע געשיכטע גייט אין תּקופֿות. דאָס איז דער גרויסער אויפֿטו פֿון רב״קן. דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט ניט אַזוי ווי אַנדערע פֿעלקער אין גאַנג, איין שטראָם, נײַערט דער שטראָם פֿון אונדזער געשיכטע האָט געהאַט איבערברוכן, ווי אַ שטראָם פֿון אַ טײַך — וואַסערפֿאַלן. געענדיקט איין תּקופֿה, אָבער דאָס פֿאָלק לעבט ווײַטער. געענדיקט די תּנך־תּקופֿה אין בית ראשון, הייבט זיך אָן אַ צווייטע תּקופֿה — אין צוויי לענדער (ארץ ישׂראל און בבֿל) מיט צוויי שפּראַכן, לשון קודש און אַרמיש. חורבן און אויפֿקום. די פֿריִערדיקע תּקופֿה האָט געלאָזן אַ ירושה — דעם תּנך. געקומען אַ נײַע תּקופֿה — די תּלמודישע, האָט איבער־געקנאָטן די ירושה פֿון דער ערשטער תּקופֿה, אַרײַנגעשלונגען דעם תּנך און אים פֿאַרדײַט, איבערגעקאָכט און אים פֿאַרוואַנדלט אין אייגן פֿלייש און בלוט, אַנדערש ווי ער איז געשאַפֿן געוווען. עסט אַ מענטש ברויט פֿון ערד און פֿלייש פֿון אָקסן און ער פֿאַרדײַט עס, ווערט פֿון דעם מענטשנס בלוט און פֿלייש. אַזוי האָט די תּלמודיש־שטעטלשע תּקופֿה פֿאַרדײַט, איבערגעקאָכט דעם תּנך. ווען אַ מענטש קען ניט איבערקאָכן וואָס ער עסט, שטאַרבט ער, די פֿרעמדע שטאָפֿן פֿאַרסמען אים. די צדוקים האָבן ניט פֿאַרדײַט, ניט איבערגעקאָכט די תּורה שבכּתבֿ, איז זי געוואָרן פֿאַר זיי דאָס וואָס די גמרא רופֿט אָן „סם של מיתה״. די זעלביקע תּורה שבכּתבֿ איז פֿאַר די חז״ל, פֿאַר די רעוואָלטירער געווען אַ „סם של חיים״. האָט די ייִדישע געשיכטע זיך געצויגן אַ לאַנגע צײַט — די לענגסטע תּקופֿה, גאַנצע צוויי טויזנט יאָר (און מער נאָך). דאָס איז די „תּלמודיש־שטעטלשע״ תּקופֿה. פֿריִער אין בבֿל און ארץ ישׂראל און נאָך דעם אין אייראָפּע. ניטאָ און עס טאָר ניט זײַן איצט דער תּנך אין זײַן אָריגינעלן צושטאַנד, ניט פֿאַרדײַט אין דער צווייטער תּקופֿה! דאָס ייִדישע פֿאָלק קען ניט און וועט ניט לעבן ווײַטער מיטן תּנך. געראַטעוועט דעם קיום פֿון תּנך האָט דער תּלמיד חכם וואָס האָט געוווסט צו ענטפֿערן אַז „אָט דער פּסוק שטייט בפּירוש אין בבֿא קמא דף דאַרטן און דאַרטן״... די תּלמודיש־שטעטלשע תּקופֿה האָט שוין געהאַט דאָס ייִדישע פֿאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, וואָרום „צדקה עשׂה להם הקדב״ה שפּיזרם לבין האומות״ (פּסחים פּ״ח, ב׳) מיט דרײַ שפּראַכן — לשון קודש, אַרמיש און ייִדיש — אין גלות אייראָפּע. איצט איז די תּקופֿה געענדיקט. מען חורבט כּסדר איבער „אומגעבראַכט זעקס מיליאָן ייִדן״! ניין, ערגער. אומ־געבראַכט די גאַנצע שעפֿערישע ייִדישקייט, אָפּגעמעקט די גאַנצע תּלמודיש־שטעטלשע, די לענגסטע, די רײַכסטע, די שעפֿערישסטע תּקופֿה. דאָס ייִדישע פֿאָלק הייבט אָן אַ נײַע תּקופֿה. דער אָנהייב איז אַנדערש. די געענדיקטע תּקופֿה

איז געווען — פֿון קאָנצענטראַציע צו צעשפּרייטקייט. איצט גייט עס פֿון צע־שפּרייטקייט צו קאָנצענטראַציע. צי עס וועט זײַן בלויז די מדינה פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק — די מדינה פֿון ישׂראל אָדער עס וועלן זײַן ייִדישע ייִשובֿים אין דער וועלט און אין מדינת ישׂראל — פֿאַראַן אַזוינע און פֿאַרקערטע פּאָק־טאָרן. אָבער אומעטום גייט עס צו קאָנצענטרירטקייט. מער וועלן ניט זײַן קיין שטעטלעך. עס קומט די תּקופֿה פֿון אורבאַניזם. ייִדן ווערן קאָנצענטרירט אין גרויסע שטעט. דער סימן מובֿהק פֿון שטעטל איז געווען ניט די צאָל אײַנוווי־נער, נאָר עס איז געווען די הונדערט פּראָצענטיקע אויטאָנאָמיע, סאָציאַל, עקאָנאָמיש און קולטורעל זײַנען ייִדן געווען דורכויס פֿאַר זיך און באַזונדער. אַט די פֿאַרזיכיקייט וועט שוין מער ניט זײַן, אַפֿילו ניט אין דער אייגענער מדינה. וואָס לערנט אָבער אונדז די אַלטע געשיכטע אונדזערע?

## טעאָריעס וואָס האָבן געשיכטלעך באַנקראָטירט

די ערשטע תּורה וואָס מיר דאַרפֿן לערנען איז: עס קען ניט זײַן און עס טאָר ניט זײַן קיין גאַנג אויף צוריק צו דער געשיכטלעכער פֿאַרגאַנגענהייט. עס איז אין גאַנצן פֿאַלש און שעדלעך דער תּנכיזם, וואָס איז איצט דווקא שטאַרק אין דער מאָדע. דער תּנך איצט אין זײַן פֿאַרצײַטיקער, היסטאָרישער געשטאַלט, ניט איבערגעקאָכט, ניט פֿאַרדײַט, ניט „מאָנגעריזירט" איז, פֿאַרקערט, מסוכּן, שעדלעך. דאָס איז ווי דערנערן אַ מענטשן מיט שפּײַז וואָס ער קען ניט פֿאַר־דײַען, מיט פֿלייש פֿון אַ געשטאָרבענער עלטער־באָבען. און דאָס איז אַקוראַט געווען די ווענדונג פֿון בן־גוריון צו די העברעיִשע שרײַבער אויף זייערע אַ פֿאַרזאַמלונג מיט יאָרן צוריק — מען זאָל „באַפֿרײַען דעם תּנך" פֿון די פּירושים וואָס די מפֿרשים האָבן „אָנגעפּלאָנטערט" (אַ טעות פֿון אַ גרויסן מענטשן איז ניט אין פֿאַרגלײַך מסוכּנער ווי אַ טעות פֿון קליינע מענטשן). מען קען די ריכ־טונג פֿאַרגלײַכן צו דער ריכטונג פֿון די צדוקים, וואָס זייער טעאָריע האָט זיי דערפֿירט צום אונטערגאַנג. פּונקט אַזוי זײַנען פֿאַלש און שעדלעך די געדאַנקען פֿון דער צווייטער היסטאָרישער ריכטונג פֿון דער אָרטאָדאָקסיע וואָס וויל אָפּ־היטן אַלע פּרטים פֿון דער ייִדישקייט, פֿון דער תּורה וואָס האָט זיך אויסגע־בילדעט און פֿאַרפֿיקסירט געוואָרן אין דער תּלמודיש־שטעטלשער תּקופֿה. אַזאַ ריכטונג — און זייער אַ שטאַרקע ריכטונג איז זי — די אָרטאָדאָקסיע פֿון אַלע מינים. די ייִדישקייט פֿון דער תּקופֿה איז עטלעכע מאָל פֿיקסירט געוואָרן בכּתבֿ — צי דאָס איז די „משנה תּורה" פֿון רמבם, צי דער שולחן ערוך פֿון ר׳ יוסף קאַרו. ניט אומזיסט זײַנען בשעתּם געווען קעגנערס צו דעם פֿאַרשרײַבן אַט די „הלכות". די קעגנערס האָבן געזען אין הלכות פֿון רמבם, פֿון ר׳ יוסף קאַרו דאָס זעלביקע, וואָס די חז"ל האָבן געזען אין די הלכות פֿון זייער צײַט,

וואָס מען האָט בשום אופֿן ניט דערלויבט צו פֿאַרשרײַבן. „ואי אתה כותב הלכות" און „כותבי הלכות כשורפי התורה" (תמורה י"ד). איך האָב שוין געשריבן אויבן, אַז מען האָט ניט דערלויבט צו פֿאַרשרײַבן. ווײַל מען האָט ניט געהאַלטן פֿאַר מעגלעך צו פֿיקסירן הלכות אויף אייביק. און פֿאַרשרײַבן האָט געמיינט פֿיקסירן. די הײַנטיקע אָרטאָדאָקסיע וויל ניט אַנדערש די הלכה זאָל זײַן אייביק און אייביק. אין דעם זײַנען די אָרטאָדאָקסן הײַנט געגליכן צו די צדוקים בשעתּם.

די חז"ל האָבן בשעתּם געמאַכט אַ רעוואָלט אין דער תּורה און דערמיט געראַטעוועט די תּורה פֿון פֿאַרגעסן ווערן. זיי האָבן דאָס קלאָר געזאָגט: „מוטב שתּעקר תּורה ואל תשתּכח תּורה מישׂראל" (דאָרטן גופֿא). בעסער אָרויסרײַסן אַ תּורה אײדער די תּורה זאָל פֿאַרגעסן ווערן. ווען איז עס גערעדט געוואָרן? — לערנען מיר פֿון געשיכטע: די געשיכטע לערנט אונדז אַז די בעסטע און געטרײַסטע אויפֿהיטער פֿון דער תּורה, פֿון ייִדישקייט זײַנען געווען דווקא די וואָס האָבן געמאַכט דעם רעוואָלט, ניט די כּלומרשטע אָפּהיטער פֿון דער הלכה ווי זי איז פֿאַרשריבן אות באות, ווי דאָס זײַנען געווען די צדוקים. ניט זיי — די היטער, נאָר דווקא די „רעוואָלט־מאַכערס" — די חז"ל. דעמאָלט איז געווען אַן איבערגאַנג פֿון קאָנצענטראַציע צו פֿאַרשפּרייטונג, פֿון ארץ ישׂראל צו דעם גלות, פֿון לאַנד צו וועלט. און הײַנט איז ווידער אַן איבערגאַנג אין דער געשיכטע — פֿון שטעטל צו אורבאַניזם. אין שטעטל איז געווען אַ קאָנצענטראַציע. ייִדן האָבן געלעבט נאָר צווישן ייִדן. יעדער שטעטל איז געווען בזעיר אַנפּין אַ מדינה פֿאַר זיך, אַ קליין ארץ ישׂראל. אין אורבאַניזם איז יעדער יחיד געשטעלט איינער קעגן אַ רבים, אין אַ פֿרעמדער וועלט. אין שטעטל איז דער גלות געווען ניט קיין פֿולער. עס האָט געקאָנט אַ ייִדיש קינד אָפּלעבן זײַן גאַנצע קינדהייט, אַפֿילו מער און ניט וויסן, ניט פֿילן לגמרי קיין גלות. אין אורבאַניזם הייבט זיך אָן דער גלות פֿון געבוירן ווערן אָן. אין שטעטל האָט דער גלות זיך אָנגעהויבן צו פֿילן ווען די ייִדישקייט אין ייִדן איז שוין געווען פֿעסט פֿאַרפֿעסטיקט אויף אַ גאַנץ לעבן. אין אורבאַניזם ווערט דאָס ייִדישע קינד אַרײַנגעוואָרפֿן גלײַך בײַם געבוירן ווערן אין אַ כּף הקלע פֿון אַ פֿרעמדער קולטור, אין בעסטן פֿאַל אין אַ געראַנגל פֿון צוויי קולטורן. געענדיקט אַ תּקופֿה אין ייִדישער געשיכטע, עס גייט איצט אַ נײַע און אַ שווערע תּקופֿה — די תּקופֿה פֿון אורבאַניזם. דאָס ייִדישע פֿאָלק קען אויסהאַלטן אָדער אונטערגיין. אויסהאַלטן וועט ייִדנטום נאָר אויב ייִדישקייט וועט דורכמאַכן נאָך אַ מאָל אַ „רעוואָלט". ווידער אַן „עת לעשׂות לה' הפֿירו תּורתך". אָדער קיום מיט אַ רעוואָלט, אָדער, חלילה, אונטערגאַנג. דער „רעוואָלט פֿון די חז"ל איז געווען ווי אַ „סם חיים" — צופּאַסן ייִדישקייט צום אַקטועלן לעבן פֿון ייִדנטום. הײַנט נייטיקט

זיך דאָס ייִדנטום אין אַן ענלעכן „רעוואָלט". אָבער... גאָט ווייסט צי אַזאַ רעד־וואָלט וועט קומען? צי ער קען קומען? ווײַל עס פֿעלט אין ייִדנטום די ריכטונג, די ריכטונג פֿון אַ הײַנטיקן חז״ל. ניטאָ הײַנט קיין חז״ל. כּדי דורכצופֿירן די היסטאָרישע אויפֿגאַב פֿון אַ חז״ל דאַרף זײַן אַ קלאַס ייִדן, געבענטשט מיט די גײַסטיקע אייגנשאַפֿטן פֿון פֿאַרצײַטיקע חז״ל. דאָס זײַנען צוויי אייגנשאַפֿטן: אַהבֿת ישׂראל און אמונת ישׂראל. חז״ל האָבן פֿאַרמאָגט אַזאַ „פֿאָלקיזם", זיי האָבן געגלויבט אין די פּירונגען פֿון דעם „פּשוטן פֿאָלק ישׂראל", געגלויבט אַז אַט דער אויפֿפֿיר פֿון דעם עם־אַרצישן פֿאָלק ישׂראל איז געטלעך און דער אויפֿפֿיר איז ווערט מען זאָל פֿאַר אים אַוועקגעבן דאָס לעבן.

ניטאָ אַזאַ „פֿאַרליבטקייט אין ייִדישקייט" הײַנט. פֿאַרצײַטן איז געווען בײַ ייִדן אַזאַ „פֿאָלק", און געווען אַ חז״ל וואָס איז געווען באַשאַנקען מיט אַזאַ אמונה אין פֿאָלק.

— * —

דאָס וואָרט „פֿאָלק" האָט צוויי באַטײַטן. עס קען זײַן דער עטנאָגראַפֿישער באַטײַט — אַלע ייִדן. און עס קען זײַן דער סאָציאַלער באַטײַט — דאָס „פּשוטע פֿאָלק" אין קעגנזאַץ צו דער אַריסטאָקראַטיע. דאָ נוצן מיר דאָס וואָרט פֿאָלק דווקא אין סאָציאַלן זינען — דאָס פּשוטע, עם אַרצישע פֿאָלק „שתּורה אין בהם אבֿל מעשׂים יש" (דעפֿיניציע פֿון רמבם). און געווען אַ חז״ל — אַ היפּשער קלאַס געלערנטע וואָס האָבן געגלויבט אין אַט דעם פֿאָלק. הײַנט האָבן מיר ניט אַזאַ עם אַרציש פֿאָלק און ניט אַזאַ חז״ל. פֿאַרוואָס אַמאָל יאָ און פֿאַרוואָס איצט ניט?

עס איז שוין אויבן געזאָגט געוואָרן, אַז די חז״ל האָבן זיך באַוויזן נאָך דער פּערסישער תּקופֿה. ניט געווען אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע אַזאַ געבענטשטע צײַט ווי אַט די תּקופֿה פֿון אַ פּאָר הונדערט יאָר, אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט פֿאַרנומען גאַנץ ארץ ישׂראל, מען איז געזעסן „תּחת גפֿנו ותּחת תּאנתו"; עס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פֿעסטע טראַדיציעס, און אַ פּויערים־פֿאָלק איז אַלע מאָל שטרענג קאָנסערוואַטיוו. בײַ ייִדן בכלל האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ גרויסע זיך־אַכטונג, אַ דרך ארץ צום אייגענעם פֿאָלק און צו זײַן אויפֿפֿיר. ניט געווען בײַ ייִדן אַזאַ זיך־אַכטונג פֿריִער בײַ דעם צעקריגטן און געשלאָגענעם עם ישׂראל. ניט געווען און אויך ניטאָ. דער דאָרף און די דאָרפֿישע פּסיכיק האָט געהערשט אין פֿאָלק ישׂראל. אויך די חשמונאים האָבן געשטאַמט פֿון דאָרף. דער העלעניזם אָבער שפּעטער איז געווען אַ שטאָטישע, אַן אורבאַנישע באַוועגונג. אַט דאָס דאָרפֿישע, פּויערישע פֿאָלק האָט אויסגעטיילט פֿון זיך אַ „פֿאָלקס־אינטעליגענץ" די חז״ל. ניטאָ איצט בײַ ייִדן

אַזאַ פֿעסט, אײַנגעגלויבט פֿאָלק! שטעטל במקום דאָרף איז יע געווען, אָבער געדריקט און געפּליקט פֿון אָרומיקע, הערשנדיקע פֿעלקער און רעגירונגען, האָט דאָס שטעטלשע פֿאָלק ישׂראל ניט געקענט אַנטוויקלען בײַ זיך אַזאַ זיך־אַכטונג ווי פֿאַרצײַטן. דער געשלאָגענער, געפּײַניקטער „מה יפית־ייִד״ האָט ניט געקאָנט האָבן צו זיך אַזאַ אַכטונג ווי פֿאַרצײַטן דאָס פּויערים־פֿאָלק אין די דערפֿער. אַכטונג בײַ ייִדן — צו די הערשנדיקע פֿעלקער; אמונה יע — צום ייִדישן גאָט, — אָבער ניט צו זיך, צום „עם עני ואביון״, כי היינו לעג וקלס בגויים. גאָט איז גרויס און גוט, אָבער דאָס פֿאָלק איז געשטיקט און געדריקט, איז פֿול מיט זינד, איז „אשמנו, בגדנו״, און כּסדר „אבינו מלכנו, חטאנו לפניך״. ווו האָט אַזאַ פֿאָלק געקאָנט פֿאַרמאָגן אַ „זיך־אַכטונג״? האָט דאָס פֿאָלק אויך ניט געקענט אויסטיילן פֿון צווישן זיך קיין „פֿאָלקסטימלעכע, פֿאָלק־געטרײַע אינטעליגענץ״. ניטאָ הײַנט קיין חז״ל און ניטאָ ווער עס זאָל דורכפֿירן אָט דעם נייטיקן רעוואָלט, דעם רעוואָלט מחמת אהבה און אמונה, ניט אין גאָט דווקא נאָר אין געטלעכקייט פֿון פֿאָלק.

## אַלע קריטיקירן

נעמען מיר די הײַנטיקע ריכטונגען אין ייִדישקייט, וועלן מיר זען אַ טראַגישע דערשײַנונג. אַלע קריטיקירן עפּעס אין ייִדנטום. ניטאָ קיין פֿאָלקיסטישע ריכטונג, וואָס זאָל זײַן פֿאַרליבט און פֿאַרגלויבט אין פּשוטן „עמך שער און אײַזן״. אַלע ריכטונגען בײַ ייִדן זײַנען קריטיקירנדיקע. מיר וועלן נעמען קודם כּל די רעליגיעזע ריכטונגען. די אָרטאָדאָקסישע — אַלע זײַנען „צדוקישע״, זיי ווילן גלייבן נאָר אין דעם וואָס איז פֿאַרשריבן, נאָר אין די תּורות שבכתב. זיי נעמען אָן די פֿאַרצײַטיקע הלכות ווי מצוות וואָס טאָרן ניט געענדערט ווערן כּחוט השׂערה. וואָס עס איז ניט פֿאַרשריבן, נעמען זיי ניט אָן לגמרי. די גרעסטע עבֿירה בײַ הײַנטיקן טאָג — די שפּראַך־אַסימילאַציע האַלטן זיי אָן, ווײַל עס איז ניטאָ אין שולחן ערוך קיין בפֿירושער איסור אויף שפּראַך־אַסימילאַציע. זיי היטן ניט דעם קיום האומה, ניט דעם קיום פֿון ייִדנטום, נאָר דעם קיום פֿון דער רעליגיע כּכּתוב, ניט ווי די רעליגיע נייטיקט זיך הײַנט, נאָר מער ניט ווי עס שרײַבט דער שולחן ערוך שבכתב. פֿאַרצײַטן האָבן חז״ל ניט געלאָזט פֿאַרשרײַבן די הלכות, כּדי זיי זאָלן ניט ווערן קיין רעליגיע בכלל. הײַנט איז זייער פּחד מקוים געוואָרן: די הײַנטיקע אָרטאָדאָקסיע האָט ווי אײַנגעפֿראָרן די פֿאַרצײַטיקע הלכה, ליגט אַזוי ווי יענער פֿאַרפֿרוירענער מאַמאָנט אין סיבירער פֿאַרפֿראָרענער ערד, וואָס איז געלעגן אַזוי פֿאַרפֿרוירן, ניט געענדערט אַפֿילו מיט אַ האָר פֿון זײַן פֿעל. אָבער די ייִדישע אָרטאָדאָקסיע וויל אין נאָמען פֿון יענער פֿאַרצײַטיקער, פֿאַרפֿראָרענער הלכה געוועלטיקן איבער

דעם איצט לעבעדיקן פֿאָלק. אויב ניט יענע הלכה מעג דאָס גאַנצע לעבעדיקע פֿאָלק אונטערגיין. איז מדינת ישׂראל טריף ווײַל משיח איז ניט פֿון הימל געקו־מען; איז ראש חודש יאָ אַ יום־טוב מיט הלל, הגם קיינער גלייבט ניט מער אַז די לבֿנה ווערט געבאָרן יעדער „מולד“, אָבער יום העצמאות טאָר מען ניט זאָגן קיין הלל. און אַז דער סאַטמאַרער רבי זאָל לעבן איז געפֿאָרן קיין ירושלים מיט דער יידישער באַן, האָבן פֿרומע חסידים פֿאַרקלעפּט אין די וואַגאָנעס די העברעיִשע אויפֿשריפֿטן, די הייליקע אויגן זאָלן ניט זען די טריפֿהנע ווערטער מיט לשון קודשדיקע אותיות. האָבן צדיקים אין מאה שערים אין יום העצמאות געפֿאַסט, אָנגעטאָן זעק און אַזוי מאַרשירט, ווײַל די אַפּיקורסישע ציוניסטן זײַ־נען „דוחק דעם קץ“. ס'מעגן אונטערגיין ישובֿים, עס מעג זיך גיסן יידיש בלוט. עס זאָל אָבער ניט געענדערט ווערן קיין אות אין שולחן ערוך. ניט קיין לע־בעדיק פֿאָלק מיט זײַנע באַדאַרפֿן, נאָר דאָס וואָס איז פֿאַרשריבן געוואָרן און ווי עס איז פֿאַרשריבן געוואָרן. קומען בייזע צינגער און זאָגן, אַז דער גאַנצער טומל און דאָס גאַנצע טומלען וואָס מען טומלט איז אויסגערעכנט לשם ולשמה כדי זיי זאָלן האָבן די דעה און די ממשלה איבער יידן. ניט דורך זיי און ניט זיי זײַנען פֿעיִק עפּעס צו שאַפֿן, עפּעס אַן אידעע אַרויסצוברענגען.

עס איז ווידער ניט צו האָפֿן אויף די רעפֿאָרמער פֿון אַלע מדרגות און פֿון אַלע ריכטונגען. זיי האָבן אײן אידעע: ניטאָ און עס דאַרף ניט זײַן קיין יידיש פֿאָלק, די יידן זײַנען ניט מער און ניט אַנדערש ווי דאָס הויפּטפֿאָלק אין לאַנד און יידן האָבן נאָר אַ באַזונדערן „גאָטעסדינסט“ און מער ניט. קיינער פֿון די ריכטונגען האָט ניט און וויל ניט האָבן קיין געפֿיל און קיין געדאַנק אַז דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַ פֿאַרזיכיקע אַנטוויקלונג און אַן אייגענעם, פֿאַרזיכיקן וועלטבאַנעם. זייער גאַנצע יידישקייט איז בלויז אַ קאַפּיע פֿון דעם הויפּטפֿאָלק אַן אַ ברעקל אייגנס, יידישעס.

פֿון די ניט־רעליגיעזע ריכטונגען האָט דער ציוניזם פֿון אָנהייב אָן זיך געבויט אויף נעגאַציע צו יידישקייט: אַלץ וואָס יידן טוען אין זייער פֿירונג, אַלץ ווי זיי טוען טויג ניט, דאַרף געענדערט ווערן. גערופֿן האָט זיך עס „שלילת הגלות“. געווען איז עס אָבער אַלע מאָל, שלילת־הגולה — נעגאַציע פֿון דעם פֿאָלק וואָס אין גלות. ניט נאָר דאָס זײַן אין גלות בײַ אַנדערע טויג ניט. עס טויג ניט דאָס פֿאָלק גופֿא וואָס איז אין גלות. דאָס גאַנצע פֿאָלק און זײַנע מעשׂים, זײַן פּסיכיק און זײַן פֿירונג מוזן געענדערט ווערן. די ערשטע זאַך — מען דאַרף ווערן פּויערים. פֿאַרוואָס פּויערים? — ווײַל אַזוי איז עס געווען בײַ די רוסן, בײַם הויפּטפֿאָלק, וואָס דאָס איז זיכער נאָרמאַל און גוט. ניט די יידישע פּרנסות, ניט דאָס לשון, ניט אויפֿפֿיר, זײַנע פֿיזישע און גײַסטיקע אייגנשאַפֿטן

— קיין זאַך טויג ניט. עס איז זעלטן אַ פאָלקישע פּאַרטיי זאָל זיך בויען מיט אַזוי פיל נעגאַציע. אָט די נעגאַציע איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל און זי האָט געגעבן אימפּעט און מוט צו בויען, צו שאַפן; וואָס בויען? וואָס שאַפן?
— ניט וואָס און ניט ווי אין גלות..." די נעגאַציע האָט געבראַכט פיל שאָדן. עס ווילט זיך האָפן אַז איצט האָט מען זיך געכאַפּט און מען האָט אָנגעהויבן פאַרריכטן. הלוואי עס זאָל זיך אַנטוויקלען ווײַטער.

די ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן כסדר געשטרעבט צו זײַן אַ טייל פון דער פּאַרטיי פון דעם הערשנדיקן פאָלק, נאָר ניט אַליין, ניט פאַר זיך. מען האָט ניט געגלויבט אין אייגן פאָלק. וואָס? ייִדן קענען עפּעס? קענען בויען אַ לאַנד? „עוזר בעץ און יאַנקל קוועץ" וועלן זײַן די אַרמיי. פאַבריקן אין ארץ ישראל? „אין פּתח תקווה אַ כשרע מקווה, אויפן הר הזיתים אַ פאַבריק פון טליתים" נאָך אַזוינע שפּאָט־לידלעך האָבן געוויזן ווי מען האָט געזען און ווי מען האָט פאַרשטאַנען דאָס אייגענע פאָלק... געוועזן אין פּוילן אַ „פאָלקס פּאַרטיי", זי איז אָבער געווען די קלענסטע, די שוואַכסטע, און האָט אַליין ניט געגלויבט אין פאָלק. ניט געווען און ניטאָ איצט קיין „פּרושים", ניטאָ איצט בײַ דער גאַנצער ייִדישער אינטעליגענץ אַזאַ פאָלקישקייט און אַזאַ פאָלקיזם ווי עס איז געווען בײַ די חז״ל.

דער קורצער סך הכּל: הײַנט איז מער ווי אַלע מאָל אין דער גאַנצער געשיכטע נויטיק אַ גלויבן אין פאָלק. ניט אין גאָט, נאָר אין פאָלק. און אַזאַ גלויבן איז ניטאָ.. צי קען דאָס ייִדישע פאָלק אויפגעבויט ווערן אָן אַ גלויבן אין פאָלק און פאָלקישקייט? — שטאַרקע ספקות אין דעם.

אַזאַ פאָלקספּאַרטיי דאַרף נאָך געשאַפן ווערן בײַ ייִדן.

## ניט אַלע מאָל איז מאָניזם ריכטיק

איין גאָט — בשעתו אַ גוואַלדיקע אידעע! איין געטלעכקייט — ווידער אַ הויכע אידעע, וואָס די חז״ל בשעתם האָבן געבראַכט. פאָלקישקייט איז געט־לעכקייט — די העכסע, די טיפסטע אידעע פון חז״ל.

דער גלות אין אייראָפּע האָט בײַ ייִדן אַרויסגעריסן דעם גלויבן אין ייִדיש־קייט, דעם גלויבן אין זיך, אין ייִדישן פאָלק; אָפּגעשוואַכט די פּסיכיק פון פאָלק. דאָס האָט געשטאַרקט די נייגונג צו אַסימילאַציע אומעטום ווו מען האָט געלאָזט נאָר.

די ייִדישע מדינה און איר האַלטן זיך קעגן די שונאים אָן אַ צאָל באַקעמפט און ענדערט די פּסיכיק פון פאָלק, זי בויט צוריק די פאַרלאָרענע אמונת ישראל, דאָס גלויבן אין די כּוחות פון ייִדישן פאָלק גופא... זי האָט נאָך ווײַט ניט

אויפֿגעטאָן אויף דעם געביט: נאָך איז דאָס פֿאָלק אין ציון גופֿא ניט צונויפֿ־געבונדן אין איין פֿאָלק. די אויפֿגאַבע איז נאָך ווײַט פֿאָרויס. נאָך איז ווײַט ניט אויסגעוואָרצלט בײַ ייִדן אין דער וועלט די געפֿאָלנקייט לגבי די אַנדערע פֿעלקער. נאָך גאָר ווײַט צו דעם.

נאָך בויען ניט ייִדן אומעטום קיין געמיינזאַמע ייִשובֿים צוזאַמען, ייִדישע ראַיאָנען פֿאַר זיך אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט אין דער וועלט. נאָך ווײַט צו דעם אַז ייִדן זאָלן שאַפֿן פֿאַרזיכיקע קליינע „ארץ ישראלס" אומעטום ווו זיי לעבן און ווו זיי קלײַבן זיך בלײַבן. ניט צעשיטן זיך, נאָר קאָנצענטרירן זיך. עס פֿעלט נאָך דערצו די נויטיקע גייסטיקע צוציִונג „איך וויל זײַן צווישן ייִדן, מיט ייִדן". נאָך ווײַט צו דעם.

צי דאַרף מדינת ישראל אַנולירן און מבֿטל זײַן אַלע ישובֿים אין דער וועלט? — חלילה! דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט דעמאָלט זײַן געראַטעוועט, ווען זיי וועלן אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט בויען אייגענע קליינע „ארץ ישראלס" — פֿאַרזיכיקע ראַיאָנען מיט אַ פֿאַרזיכיקן אייגענעם שטייגער און אייגענעם ייִדישן כאַראַקטער. די ייִדישע פּסיכיק. איז נאָך ווײַט ניט געקומען צו דעם.

משיח דאַרף קומען און וועט קומען צו ייִדן ניט בלויז קיין ארץ ישראל, נאָר צו ייִדישע ישובֿים אין דער גאָרער וועלט.

דערצו זײַנען נויטיק הײַנט אויך אַזוינע „הײַנטיקע" חז"ל. הײַנטיקע, פֿאַר דער איצטיקער צײַט ווי עס זײַנען געווען די אַמאָליקע פֿאַר זייער צײַט.

די נבֿיאים בשעתם האָבן געוויינט צוליב דער גרויסער דיסטאַנץ צווישן פֿאָלק און גאָט. גאָט איז דערהויבן און געטלעך, דאָס פֿאָלק איז נאָר מענטשלעך און ניט מער. די חז"ל האָבן אָן הויכע רייד גענומען דורך מעשים, דורך פֿירונגען און שטייגער. פֿאָלק איז אַ סכום מענטשן מיט איין פֿירונג, דאָס איז דער אויפֿטו פֿון חז"ל.

## גאָט־רעליגיע, פֿאָלק־רעליגיע

סומירנדיק, וואָס מיר האָבן אין דער אַרבעט געשריבן, קענען מיר זאָגן: די חז"ל האָבן געמאַכט פֿון ייִדישקייט אַ פֿאָלק־רעליגיע. אין תּנך איז אַ גאָט־רעליגיע, אין תּלמוד איז די גאַנצע ייִדישע רעליגיע אַ פֿאָלק־רעליגיע. אַ גאָט־רעליגיע מיינט:

א. — זי איז געגעבן פֿון גאָט. ער הייסט אַזוי זיך פֿירן. די רעליגיע איז פֿאַר גאָט, די מצוות זײַנען באַפֿעלן פֿון גאָט, די יום טובֿים זײַנען פֿון גאָט, פֿאַר גאָט. דאָס פֿאָלק און זײַן געשיכטע האָבן דאָ ניט קיין שום שייכות.

ב. — דער נײַער טעסטאַמענט דערציילט די געשיכטע פֿון גאָטס לעבן, זײַנע אויפֿטוען. ניטאָ אין אים גאָרניט וועגן לעבן און פֿירונג פֿון מענטשן.

אַ פֿאָלק־רעליגיע איז אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין לעבן פֿון פֿאָלק און אין זײַנע באַדאַרפֿן. ניט גאָט הייסט, נאָר די פֿירונג פֿון פֿאָלק, זי איז אַבליגאַטאָריש. ניטאָ קיין מיצוות אָנגעזאָגט פֿון גאָט, נאָר עס איז הלכות — דער שטייגער פֿון פֿאָלק איז די רעליגיע. די מצוות, ווי די הלכות האָבן אַ ציל צו פֿאַרבינדן דעם פּרט מיטן כּלל פֿאָלק. דורך זיי ווערט מען געהייליקט, שרײַבט דער רמב״ם, „וקדשנו במצוותיו״.

ג. — די שריפֿטן פֿון דער פֿאָלק־רעליגיע דערציילן ניט וועגן גאָט און זײַנע אויפֿטוען, נאָר וועגן פֿאָלק און זײַן לעבן, זײַן שטייגער, זײַן פֿירונג. אַלע יום טובֿים זײַנען דירעקט פֿאַרבונדן נאָר מיטן לעבן און שטייגער פֿון פֿאָלק.

ד. — אין אַ גאָט־רעליגיע פֿאַרנעמען זיך די געלערנטע מיט דעם מהות פֿון גאָט, זײַן וועזן און זײַנע פֿאַרלאַנגען. אין אַ פֿאָלק־רעליגיע פֿאַרנעמען זיך ניט די געלערנטע מיט גאָט און מיט זײַן מהות, מיט זײַנע פֿאַרלאַנגען. זיי שטודירן די נויטן און די באַדאַרפֿן פֿון פֿאָלק. גאָט הייסט טאָן וואָס דאָס פֿאָלק דאַרף, וואָס עס נויטיקט דעם קיום פֿון פֿאָלק.

ה. — דער אויטאָריטעט אין דער רעליגיע איז מער ניט גאָט און זײַן באַפֿעל. דאָס זײַנען די געלערנטע פֿון פֿאָלק ווי זיי טייטשן אויס דעם שטייגער און זיינע עלעמענטן. וואָרום אין אויפֿפֿיר קענען זײַן פֿאַרשיידענע דעטאַלן פֿרעמדע, צופֿעליקע, וואָס זײַנען היסטאָריש ניט פֿון פֿאָלק, פֿון אַנדערע, שכנהשע פֿעלקער איבערגענומען. אויסהיטן זיך פֿון אָט דעם אַלעם — דאָס איז די אויפֿגאַב פֿון די געלערנטע אין פֿאָלק.

אין תּנך זײַנען דאָ בײדע עלעמענטן — ווי גאָט־רעליגיע אַזוי אויך ריינע פֿאָלק־עלעמענטן. שפּעטער האָט זיך עס צעצווײַגט: דער נײַער טעסטאַמענט איז נאָר גאָט־רעליגיע און דער תּלמוד איז אין גאַנצן נאָר פֿאָלק־רעליגיע.

ערשט שפּעטער, איבערהויפּט אין גלות אייראָפּע (מסתּמא אונטער דער השפּעה פֿון די שכנהשע פֿעלקער), איז אויך ייִדישקייט געוואָרן אַלץ מער און מער אַ גאָט־רעליגיע, ווי בײַ די הײַנטיקע עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן.

פֿאָלק און פֿעלקער דינען צו גאָט־רעליגיעס. גאָט דינט דעם פֿאָלק און זײַנע אינטערעסן — דאָס איז פֿאָלק־רעליגיע. דער ייִדישער תּנך האָט זיך ווי צעצווײַגט: קריסטנטום איז אַוועק אין איין ריכטונג — גאָט־רעליגיע; און ייִדישקייט, די „תּלמודישע״ ייִדישקייט איז אַוועק אין דער ריכטונג פֿון פֿאָלקישער רעליגיע. ישׂראל איז הייליק פֿאַר גאָט — גאָט־רעליגיע. די הייליקייט פֿון

ישׂראל איז גאָט — פֿאָלק־רעליגיע. די חז״ל האָבן שטאַרק ליב געהאַט די אידעע פֿון פֿאָלק־רעליגיע.

די אידעען פֿון גאָט־רעליגיע און פֿאָלק־רעליגיע בײַטן זיך אין דער ייִדי־שער געשיכטע אָפּהענגיק פֿון די שטימונגען, פֿון דער סיטואַציע, פֿון דער באַציִונג פֿון אינטעליגענץ צום פֿאָלק. אין בעסערע סיטואַציעס שטאַרקט זיך די פֿאָלק־רעליגיע און פֿאַרקערט. אַזוינע יום טובֿים חמישה עשר באָבֿ און יום כּיפּור ווי די גמרא באַשרײַבט זיי זײַנען ריינע פֿאָלק־רעליגיע. יום כּיפּור איצט איז אַ ריינע גאָט־רעליגיע.

דער יום טובֿ שבֿועות איז אין חומש אין גאַנצן אַ פֿאָלק־יום טובֿ מיט אַ נאָמען „חג הביכּורים״. די ערשטע פּרוכט צײַטיק געוואָרן, איז אַ יום טובֿ. די חז״ל האָבן אים געמאַכט ווי אַ גאָט־יום טובֿ — מתּן תּורה. דער יום טובֿ פֿון וואַסער (בית השואבֿה) — פֿאָלק יום טובֿים האָבן זיך בײַ ייִדן אַנטוויקלט, געענדערט זיך. האָט דער יום טובֿ שבֿועות אַמאָל, גאָר פֿאַרצײַטן געהאַט זײַן ערשטן נאָמען חג הגז — דער יום טובֿ פֿון שערן די שאָף. בײַ נאָמאַדן דער איינ־ציקער מאַטעריאַל צו וועבן שטאָף פֿאַר בגדים, פֿאַר געצעלטן איז דאָס אָנ־זאַמלען וואָל אַ גרויסער פֿאָלק יום טובֿ. שפּעטער אין תּקופֿה פֿון לאַנדווירטשאַפֿט — דער יום טובֿ פֿון ביכּורים, די ערשטע פֿרישע פּרוכט — ווידער אַ פֿאָלק יום טובֿ. פּסח — יציאת מצרים, דער יום טובֿ פֿון פֿרײַהייט. אַלץ פֿאָלק־יום טובֿים. גאָר פֿאַרצײַטן — חג האבֿיבֿ — פֿרילינג יום טובֿ. ביי די קריסטן זײַנען די יום טובֿים פֿאַרבונדן ניט מיט דעם פֿאָלק נאָר דירעקט מיט גאָט. גאָטס געבוירן ווערן, גאָטס ברית, גאָטס תּחית המתים — אַלץ גאָט־יום טובֿים.

דאָס פֿאָלק דאַרף לערנען וואָס גאָט פֿאַרלאַנגט — גאָט־רעליגיעס. גאָט לערנט די תּורה פֿון זיין פֿאָלק — דאָס איז די השגה פֿון ייִדן, ווײַל די רעליגיע איז אַ פֿאָלק־רעליגיע. בײַ די קריסטן איז אַלע מאָל אַ גאָט־רעליגיע, בײַ ייִדן איז עס די רעליגיע פֿון פֿאָלק פֿאַרן פֿאָלק.

די ייִדישע רעליגיע האָט זיך געענדערט כּסדר לויט די באַדאַרפֿן פֿון פֿאָלק. האָבן חז״ל ניט געהאַט קיין מורא אַרײַנצוטראָגן ענדערונגען, כּדי דאָס אַלגעמיינע זאָל בלײַבן. די רעליגיע פֿאַרהייליקט אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין די אינטערעסן פֿון פֿאָלק. אָדער פֿאָלק דינט צו גאָט, אָדער גאָט דינט צום פֿאָלק. דאָס איז דער גוואַלדיקער אונטערשייד צווישן דער ייִדישער און קריסטלעכער רעליגיעס.

בײַ די קריסטן איז דערפֿאַר באַזונדער די רעליגיע און דעם פֿאָלקס קולטור צוויי באַזונדערע געביטן. בײַ ייִדן זײַנען דאָס צוזאַמען, איין געביט. דאָס העכסטע פֿון דער קולטור ווערט פֿאַרהייליקט ווי רעליגיע. דאָס איז אין ייִדישקייט.

וועלן מיר סומירן דעם רעוואָלט פֿון די חז״ל:

דער תּנך האָט אין זינען דאָס פֿאָלק אין זײַן גאַנצקייט; חז״ל — יעדן איטלעכן ייִדן; תּנך — כּלל־ייִדישקייט; חז״ל — פּרט־ייִדישקייט. אין תּנך זײַנען דאָ מצוות — אַנגעזאָגט פֿון גאָט; בײַ חז״ל פֿיגורירן הלכות — שטייגער פֿון פֿאָלק. תּנך־ייִדישקייט איז פֿאַרבונדן מיטן לאַנד; חז״ל־ייִדישקייט איז אומ־אָפּהענגיק פֿון לאַנד; קאָנקורירט אין אַ סך ערטער אין ש״ס בבל מיט ארץ ישׂראל. תּנך־ייִדישקייט — לאַנד־פֿאָלק; חז״ל־ייִדישקייט — וועלט־פֿאָלק. תּנך פֿאַרבונדן מיט מלוכה! תּלמוד איז פֿאַרבונדן נאָר מיט הלכה, ניט מיט מלוכה. אין תּנך — נאָר איין תּורה; די חז״ל ריידן כּסדר וועגן צוויי תּורות — „מדאורייתא״ און „מדרבנן״. און אָפֿט שטעלן זיי די צווייטע — מדרבנן — העכער און וויכטיקער פֿון דער ערשטער. אין תּנך מתּן תּורה איין מאָל, בײַ די חז״ל אַן אייביקער פּראָצעס — נתּן און נותן, וואָס טאָר זיך ניט אָפּשטעלן קיין מאָל; דער תּנך איז פֿיקסירט; מער ווי פֿיר און צוואַנציק ספֿרים טאָר מען ניט אַרײַננעמען. די תּורה מדרבנן טאָר זיך קיין מאָל ניט אָפּשטעלן, אַפֿילו „כּל מה שתּלמיד וותיק עתיד לחדש״ איז אַלץ תּורה! דער באַרג סיני איז „נסתּלקה קדושתו״. סיני איז אַ טיטול פֿון אַ גרויסן תּורה־מענטש. אליהו אַנט־לויפֿט פֿון ייִדן צום באַרג פֿון גאָט — אין תּנך; בײַ די חז״ל איז געטלעכקייט — נאָר מיט ייִדן; בכלל האָבן די חז״ל בטל געמאַכט אַלע מאַטעריעלע הייליקייטן. אויך ארץ ישׂראל איז הייליק ווײַל ייִדן האָבן עס הייליק געמאַכט. קדושה ראשונה (יהושע) און קדושה שניה (בימי עזרא) (אַ סך מאָל אין ש״ס — למשל — חגיגה ג׳ ב׳). מיט די זעלביקע רעכט מעג מען איצט ריידן וועגן קדושה שלישית אין אונדזערע טעג. כּבֿיכול גאָט זיצט בכל יום און לערנט די תּורת ישׂראל, אויך אין אַ „מתיבתּא דרקיע״ צוזאַמען מיט חכמי ישׂראל און ער לערנט אויך די תּורת ישׂראל. אַלע העלדן פֿון תּנך האָבן אין תּלמוד אַן אַנדער פּנים. איבער־הויפּט דוד און אליהו הנבֿיא דער „זכור לטובֿ״.

די אייביקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט זיך אָנגעהויבן אין דער געבענטשטער פּערסישער תּקופֿה, ווען ייִדן האָבן געלעבט אויטאָנאָם אָן מלחמות און אָן אַסי־מילאַציע. די אייביקייט האָט אָנגעהאַלטן כּל זמן עס האָבן עקסיסטירט די אויטאָנאָמע, פֿאַרזיכיקע ייִדישע שטעטלעך, אויך אין גלות. די חז״ל האָבן עס גע־פֿירט מיטן פֿולן קלאָרן געדאַנק, אַז „פּעמים שביטולה של תּורה זהו יסודה״ (מנחות צט׳־א׳). אַ דאַנק דעם גרויסן רעוואָלט איז דאָס ייִדישע פֿאָלק אַ לע־בעדיקס ביז היינט.

דאָס ייִדישע פֿאָלק טראָגט דעם טיטול „עם עולם״. דאָס וואָרט עולם מיינט וועלט און מיינט אויך אייביק. דאָס ייִדיש פֿאָלק איז ביז איצט געווען אַן „עם עולם״ אין ביידע זינענס — אַן אייביק און אַלוועלטלעך פֿאָלק. אַן אייביק

פֿאָלק פֿון די אוראַלטע־פֿעלקער און ביז הײַנט; און אויך אַן אומעטומיק פֿאָלק, צעזייט און צעשפּרייט, פֿאַרזייט און פֿאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער, צווישן אַלע פֿעלקער. מיט אַלעמען און אַנדערש פֿון אַלע, צווישן אַלע און פֿאַר זיך. צי וועט עס קענען זײַן אויך ווײַטער — אַן אייביק און פֿאַרזיכיק פֿאָלק? איך בין ניט קיין נבֿיא.

ווער האָט געשאַפֿן אָט די אייביקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק? פֿון וואַנען און פֿון וועמען שטאַמט אָט די אייביקייט אונדזערע? אָט די אַלוועלטלעכקייט?

— זי קומט ניט פֿון תנך. אַלע פֿעלקער האַלטן פֿון תנך, פֿון זײַן הייליקייט און מיטן תנך אין האַנט האָט מען געברענט און מען ברענט ייִדן, מען האָט אונדז פֿײַנט און מען רודפֿט אונדז. אונדזער תנך איז הייליק בײַ זיי אַלעמען און מיר אַליין — די שעפֿער פֿון תנך — דאָס ערגסטע, די גאַנצע שׂינאה — קעגן אונדז.

די אייביקע אַלוועלטלעכקייט אונדזערע קומט פֿון תלמוד. פֿון זײַנע שעפֿער, פֿון די חז״ל. ווײַל פֿאָלק איז שטייגער. פֿאַרזיכיקער שטייגער איז דער מקור ראשון פֿון פֿאַרזיכיקייט פֿון פֿעלקער. פֿאַרזיכיקער שטייגער איז אויך פֿאַרזיכיק פֿאָלק. און פֿאַרזיכיקן ייִדישן שטייגער האָט געשאַפֿן דער תלמוד פֿון די חז״ל.

דאָס האָט דער תלמוד אָפּגעריסן דאָס פֿאָלק ישׂראל פֿון ארץ ישׂראל: ייִדן קענען זײַן און דאַרפֿן זײַן אומעטום, אין אַלע לענדער, ניט דווקא אין ארץ ישׂראל. גאַנץ מעגלעך אַז דאָס וואָס ייִדן האָבן אין משך פֿון לאַנגן גלות ניט געפֿונען קיין מעגלעכקייט אײַנצואָרדענען זיך פֿאַר זיך, אין אַן אייגענער מדינה, גאַנץ מעגלעך אַז אָט דער פֿאַקט שטאַמט טאָקע פֿון דער צו שטאַרקער עמאָציאָנעלער צוגעבונדנקייט פֿון ייִדן, פֿון עם ישׂראל צו איין און איינציקער ארץ ישׂראל. גאַנץ מעגלעך אַז ווען ניט די געטרײַקייט און צוגעבונדנקייט דווקא צו דעם איינציקן לאַנד, וואָלטן ייִדן אין משך פֿון לאַנגן גלות זיך געקאָנט אײַנאָרדענען אין אַ נײַער „ארץ ישׂראל", ערגעץ אַנדערשוווּ אויך. ווען אונדזער גלות האָט זיך אָנגעהויבן זײַנען נאָך אויף דער ערד געווען אויך פֿרײַע לענדער.

דאָס האָבן די חז״ל יע אָפּגעריסן ייִדן פֿון ארץ ישׂראל אָבער דאָך ניט אָפּגעריסן עמאָציאָנעל. האָט די געטרײַקייט צו ארץ ישׂראל אַריבערגעשטיגן די געטרײַקייט צו עם ישׂראל און ניט געלאָזט זיך אײַנצואָרדענען פֿאַר זיך ערגעץ אַנדערשוווּ, ניט דערלאָזט צו שאַפֿן אַ צווייט ארץ ישׂראל ערגעץ אַנדערשוווּ. האָט דער תלמוד געשאַפֿן ניט אומעטומיקייט פֿון עם ישׂראל הגם ער האָט ניט דערלאָזט צו שאַפֿן די אומעטומיקע מעגלעכקייט פֿון ארץ ישׂראל. דער תלמוד האָט אָפּגעריסן דאָס פֿאָלק פֿון מדינה, פֿון מלוכה. איך אַן אַ פֿאַרזיכיקער מדינה קען אַ פֿאָלק לעבן יאַרטויזנטער.

דער תּלמוד האָט אָפּגעריסן ייִדישקייט פֿון הר סיני; מתּן תּורה איז ניט קיין איינמאָליקער פּראָצעס, עס איז אַן אייביקייט וואָס הערט ניט אויף און טאָר ניט אויפֿהערן. די תּורה־ייִדישקייט איז לגמרי ניט קיין פֿאַרענדיקטע. פֿאַרקערט, וואַקסט זי און פֿאַרמערסט זיך. און ניט גאָט האָט איין מאָל געגעבן די ייִדן אַ פֿאַרטיקע תּורה, פֿאַרקערט, ייִדן, דאָס ייִדישע פֿאָלק שאַפֿט און אָן אויפֿהער, נײַע און נײַע תּורה. און אַלץ וואָס עס שאַפֿט זיך אין ייִדישקייט איז הייליק, געטלעך און דער רבונו של עולם אַליין לערנט אויך די תּורה וואָס שאַפֿט זיך כּסדר אין ייִדישן פֿאָלק.

מלכות שומרון איז באַלד נאָכן חורבן אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפּור, ווײַל דעמאָלט זײַנען נאָך קיין חז״ל ניט געווען זיי זאָלן אויפֿבויען אַ ייִדישקייט אויך אין גלות. פֿון אַלע פֿאַרצײַטיקע פֿעלקער זײַנען געבליבן נאָר ייִדן, נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק, ווײַל נאָר בײַ ייִדן זײַנען געווען חז״ל.

BIBLIOTECA

# אידעען־וועלט פֿון די חז״ל

מיט דעם וואָרט חז״ל מיינט מען תּמיד די שעפֿער פֿון דער תּלמודישער ליטעראַטור. עס איז פֿאַרקירצט פֿון „חכמינו זכרונם לבֿרכה״. דאָס וואָרט „חכם״ האָט דאָ ניט דעם באַטײַט וואָס איז אָנגענומען אין יידיש — סתּם אַ קלוגער, אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון זײַן געלערנטקייט. בײַ זיי האָט דאָס וואָרט חכם באַטײַט די העכסטע מדרגה פֿון געלערנטקייט. עס זײַנען געווען תּלמידי חכמים און חכמים. דער טיטול חכם איז געווען זייער הויך. אַ חכם איז בײַ זיי אין די אויגן געווען העכער פֿון נבֿיא (חכם עדיף מנבֿיא. בבֿא בתרא יב׳ א).

די חשיבֿות פֿון חז״ל איז ניט אומזיסט, ניט איבערגעטריבן. אויב עס איז דאָ אַ יידיש פֿאָלק (און דאָס איז געווען די הויפּט־זאָרג פֿון אַלע חכמי התּלמוד) — איז דאָס דער אויפֿטו פֿון חז״ל, ניט פֿון תּנך. פֿון תּנך האָלטן אַלע פֿעלקער, און מיטן תּנך אין די הענט האָט מען געקענט ברענען יידן אויף אַלע „הייליקע״ פֿייערן. דאָס איז אָבער אוממעגלעך בנוגע צום תּלמוד, צו אַלע שאַפֿונגען פֿון די חז״ל. ווער עס האַלט פֿון זיי איז במילא אַ ייד. דאָס יידישע פֿאָלק האָט קיום ניט מיטן תּנך נאָר דווקא מיט דעם תּלמוד. דעם תּנך האַלטן אַ סך פֿעלקער, דעם תּלמוד — נאָר יידן. בײַ חז״ל טרעפֿן זיך אויסדרוקן וואָס קענען ווערן פֿאַרשטאַנען ווי גרינגשעצונג לגבי נבֿואה — „דבֿרי נבֿואה״, און רש״י דערקלערט: שאינם צריכים לחזק דבֿריהם. עס איז אויך באַקאַנט דער זאָג פֿון חז״ל — אַז אַלע נבֿיאים און נבֿיאות האָבן ניט אויפֿגעטאָן אַזוי פֿיל וויפֿל דער שטעמפּל פֿון אחשורוש (וועגן המנס גזירה). די גזירה פֿון קיניג, געשטעמפּלט מיט דעם קיסרס שטעמפּל האָט מער געווירקט אויף די יידן, זיי זאָלן זיך אומקערן צו ייִדישקייט, ווי אַלע נבֿיאים און נבֿיאות. בדרך כּלל איז עס, אַז די חז״ל האָבן ניט געגלויבט אין די אויפֿטועןן פֿון די נבֿיאים מיט זייערע שיינע און געטלעך־פּראַכטיקע רייד. די נבֿיאים האָבן ניט מחדש געווען קיין שום תּורה, בעת די חז״ל האָבן כּסדר מחדש געווען. „מה חדש היום בבֿית המדרש?״ און „אי אפֿשר לבֿית המדרש בלא חידוש״ (חגיגה ג׳, א׳). די נבֿיאים האָבן כּסדר אַלץ קריטיקירט דאָס ביסל פּאָזיטיווע פֿאָדערונגען וואָס זיי האָבן געשטעלט זײַנען אַלגעמיינע, פֿאַר אַלע מענטשן. ווי אָבער דאַרף אַ ייד זיך פֿירן ער זאָל זײַן אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע — דאָס קען מען ניט געפֿינען בײַ די נבֿיאים. דאָס דאַרף מען זוכן בײַ די חז״ל. (פּראָפֿעסאָר אַ. אורבאַך אין זײַן „חז״ל. פּרקי אמונות ודעות״, זײַט 503). ער ווײַזט אויך אָן אויף אַ זײַטיקן פֿאַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט די חז״ל ווייניקער אַכט צו לייגן אויף די דבֿרי נבֿיאים — דאָס איז די באַציִונג פֿון די

ערשטע קריסטן וואָס האָבן זיך באַמיט צו דינען ווי אַ דירעקטער המשך פון די נביאים. דאָס זאָל האָבן געצוווּנגען די חכמי ישׂראל צו זוכן ייִדישקייט ניט אין תּנך, ניט בײַ די נביאים, נאָר דירעקט אין די אַנדערשקייטן פון ייִדישן אויפֿפיר. דערפֿאַר האָבן די חכמי ישראל געשטעלט די חכמים העכער פון די נביאים, וואָרום „אין נביא רשאי לחדש־דבר״ (מגילה ב׳ב׳) בעת חז״ל אָבער איז „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש״ און כל מה שתלמיד וותיק עתיד לחדש ניתנה למשה מסיני.

1. — דאָ האָבן מיר דעם ערשטן פּרינציפּ פון חז״ל: די ייִדישקייט אָדער די תּורה איז ניט קיין אָפּגעשטעלטע. ייִדישקייט בויטיקט זיך כּסדר אין חידושים, באַגייאונגען, צוגאָבן, וואָס זײַנען פריער ניט געווען. די נביאים האָבן ניט מחדש געווען, זיי האָבן גאָר ניט געטאָרט מחדש זײַן. חידושי תּורה זײַנען יע בײַ די חז״ל, אין די ישיבות. אָט פאַרוואָס „חכם עדיף מנביא״.

2. — דערפֿאַר ענטפֿערט שמאי אַז ביי ייִדן זײַנען פֿאַראַן צוויי תּורות — מדאורייתא און מדרבנן — פון תּורת משה און פון די רבנן — חז״ל.

3. — פון וואַנען האָבן די חז״ל גענומען אַלע חידושי תּורה, וואָס זיי האָבן אײַנגעשטעלט? ניט פון זיך, פון אייגענעם ווילן, ווי דאָס האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט עטלעכע משׂכּילים בשעתם („הדת והחיים״ פון ראובן אשר ברוידעס, למשל), זיי האָבן די חידושים זייערע גענומען פון דעם פֿאָלקס פירונגען. „פוק חזי״ גייט און זעט ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק פירט זיך, און טוט אַזוי.

4. — ווי ווײַט מעגלעך טאָרן די חידושים ניט זײַן אַבסאָלוט נײַע, ניט האָבן קיינע וואָרצלען אין דעם עבֿר פון פֿאָלק, פֿאַרקערט מוזן אַלע חידושים שטאַמען פון ייִדישקייט טאַקע, עס דאַרף זײַן פֿאַרוואָרצלט אין דער פֿריערדיקער ייִדישקייט. דאָס איז די שטענדיקע פֿראַגע פון חז״ל „מן התּורה מנין?״ — דער טײַטש: ווי שטאַמט אָפּ די נײַעס פון דער פֿריערדיקער ייִדישקייט.

## לימוד און תּלמוד

וועלן מיר אָנהייבן מיט דעם נײַעם וואָרט „תּלמוד תּורה״ וואָס די חז״ל האָבן אַרײַנגעפֿירט. ניטאָ דאָס וואָרט תּלמוד אין גאַנצן תּנך. ניט געווען בײַ ייִדן אין דער ערשטער לאַנגער תּנך־תּקופֿה אין גאַנצן דער אויסדרוק תּלמוד. דאָס איז אַ נײַ וואָרט, אַ נײַער אויסדרוק, וואָס ער איז פֿריער אין גאַנצן ניט געווען. און עס איז דאָך אַ חזקה, אַז מען פֿירט ניט אַרײַן קיין נײַ וואָרט כּל זמן עס איז ניט פֿאַראַן קיין נייער באַגריף, וואָס דאַרף אַ נײַ וואָרט, אַ נײַע באַצייכענונג. טאָ וואָס האָט געבראַכט די חז״ל צו אָט דעם נײַעם אויסדרוק?

בײַ די חז"ל זײַנען געווען צוויירלײַ ייִדישקייטן. געווען די תּורת משה — די תּורה שבכתבֿ און די ייִדישקייט וואָס אין פּראַקטישן לעבן, אָבער עס איז ניט פֿאָרמולירט בכתבֿ. און חז"ל האָבן דאָס זיך פֿאַרנומען מיטן פֿאָרמולירן די ייִדישקייט שבעל פּה, וואָס אין פּראַקטישן שטייגער, לערנען דאָס פֿאַרשריבענע און פֿאַרשרײַבן וואָס עס איז נאָך ניט פֿאַרשריבן. לערנען דאָס פֿאַרשריבענע איז געווען לימוד התּורה; פֿאַרשרײַבן דעם שטייגער, געפֿורעמט אין זאַצן, אָנגענומען אין די ישיבֿות — דאָס איז געווען תּלמוד תּורה. לימוד תּורה איז געווען שטודירן פֿאַרטיקע טעקסטן; תּלמוד האָט געמיינט פֿאָרמולירן נײַע טעקסטן.

געלערנט פֿאַרטיקע טעקסטן האָט מען איבערהויפּט מיט קליינע קינדער, מיט די „תּינוקות של בית רבן". מען האָט עס געלערנט אויסנווייניק, ווײַל ספֿרים זײַנען דאָך געווען זייער ווייניק. זיי זײַנען געווען די לומדי תּורה. אין די ישיבֿות האָט מען געדאַרפֿט שטודירן ניט קיין טעקסטן, נאָר דעם אָנגענומענעם שטייגער בײַ ייִדן; אים — דעם שטייגער — פֿאָרמולירן אין ווערטער, אין זאַצן, אוניפֿיצירן — אין אַלע ייִדישע ישובֿים זאָל זײַן איינע און די זעלביקע פֿאָרעם. דאָס איז די געאָגראַפֿישע אוניפֿיצירונג. און דאָס זעלבקע האָבן חז"ל זיך באַמיט צו אוניפֿיצירן אויך היסטאָריש. זען ווי אַזוי דער פֿאַקטישער שטייגער שטאַמט אַרויס פֿון דעם וואָס איז געווען אַמאָל בײַ ייִדן, די ייִדישקייט פֿון די איינקלעך שטאַמט אַרויס פֿון דער ייִדישקייט בײַ די זיידעס. אין די ישיבֿות ניט מיט די תּינוקות של בית רבן, נאָר די חכמים און תּלמידי חכמים האָט מען זיך פֿאַרנומען ניט מיט לימוד התּורה, נאָר מיט תּלמוד תּורה. לימוד התּורה כּדי צו פֿאַרפֿעסטיקן די תּורה שבכתבֿ אין די מוחות פֿון די קינדער. תּלמוד תּורה האָט געדאַרפֿט נעמען ייִדישע פּירונגען פֿון שטייגער און פֿון זיי שאַפֿן טעקסטן; פֿון מעשים שאַפֿן תּורות; פֿון אָנגענומענע פּירונגען שאַפֿן פֿאָרמולירונגען. דערמיט האָבן זיך פֿאַרנומען די ישיבֿות, אין די ישיבֿות — די חז"ל — די חכמים און תּלמידי חכמים! ניט מיט לימוד התּורה נאָר מיט תּלמוד תּורה. זיי האָבן פֿון דעם אָנגענומענעם ייִדישן שטייגער געשאַפֿן נײַע טעקסטן. זיי האָבן געגלויבט — און מיט רעכט — אַז די פּירונגען פֿון ייִדן, די הלכות וועלן אײַנהיטן און אײַנהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. אַ ייִדיש פֿאָלק וועט זײַן כּל זמן עס וועלן אָפּגעהיט ווערן ייִדישע פּירונגען, ייִדישע הלכות. דאָס ייִדישע פֿאָלק האַלט זיך ניט מיט גבֿורה אויף מלחמות, ניט מיט העלדישקייטן און פֿיזישער גבֿורה, נײַערט מיט דעם באַוווסטזיניקן און אָנגענומענעם אײַנהיטלעכן שטייגער. און דערפֿאַר איז „תּלמוד תּורה כּנגד כּולם", וויכטיקער פֿון אַלע מצוות, פֿון אַלץ. דערפֿאַר איז תּלמוד תּורה העכער פֿון די מצוות וואָס „פּרותיהם עומדים לעולם הבא". ווידער האָבן מיר דאָ אַ נײַעם באַגריף, וואָס איז אין תּנך לגמרי ניטאָ. עולם הבא — די וועלט וואָס דאַרף נאָך קומען, וואָס

וועט נאך קומען, די וועלט וועט קומען פון דעם וואס יידן פארנעמען זיך מיט דער יידישקייט שבעל פה. מיט דער יידישקייט שבשטייגער. קען עולם הבא פארשטאנען ווערן ווי פריוואט פאר יעדן יידן באזונדער — און מען קען מיט דעם אויסדרוק פארשטיין אויך ווי פארן כלל יידן, די צוקונפט פון יידישן פאלק בכלל. דערפאר איז אזוי וויכטיק געווען דאס לערנען די יידישקייט וואס איז נאך ניט פאראן בכתב. זאגט טאקע א גמרא אין מסיכתא סופרים (פרק טו׳ משנה ו׳), אז לכתחילה איז ריכטיקער צו לערנען די משנה. אבער זינט רבי האט רעדאקטירט און פארשריבן די משנה, זאלן בעסער יידן זיך פארנעמען מיטן ש״ס אידער מיט דער משנה, וואס איז פארשריבן.

פאר אונדז הײנט איז עס שווער צו פארשטיין ווי קען מען לערנען, אז עס זײנען ניטא קיין טעקסטן? אט די באציונג צו לערנען פארטיקע טעקסטן האבן מיר איבערגענומען פון אנדערע פעלקער. בײ יידן אריגינעל איז דאס וויכטיקסטע לערנען געווען דאס שאפן טעקסטן. פון וואס — פון שטייגער לעבן.

עס זאגט א גמרא, אז „מיום שחרב בית המקדש אין להקב״ה בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה בלבד״. אן דער הלכה איז ניטא קיין יידישקייט, און אן יידישקייט האט דער יידישער גאט גארניט וואס צו טאן אויף דער וועלט. אבער עס בלײבט דאך פארט א פראגע און אן דער הלכה האט דאך גאט בײ יידן דעם גאנצן תנך איז דאס דען קנאפ? — אלא מען מעג זאגן, אז אן דער הלכה, אן דעם יידישן אויפפיר האט טאקע אויך דער תנך ניט קיין כוח פארן קיום פון יידישן פאלק. דער תנך אליין מיט זײן גאנצער שיינקייט און גרויסער פראכט, קען דאך ניט אײנהיטן דעם קיום פון יידישן פאלק. דערפאר דארף מען קיין הלכות ניט פארשרײבן; זיי זײנען דאך סײ ווי פאראן אין שטייגער, אין פראקטישן לעבן, ווען דארף מען הלכות יע פארשרײבן? — ווען עס ענדיקט זיך די תקופה אין דער יידישער געשיכטע, דעמאלט איז די צײט צו פארשרײבן די הלכות — דעם שטייגער פון יידן אין דער תקופה וואס גייט אוועק אין דער אייביקייט.

דער כלל: די תורה שבכתב סומירט די יידישקייט פון דער תקופה וואס האלט אין אוועקגיין. האט תורת משה סומירט די יידישקייט וואס איז געווען בעל פה (אין שטייגער) בײ יידן פון יענער צײט, פון די אבות אן. האט עזרא אין א צײט ארום פארמולירט די יידישקייט וואס די סופרים האבן פארשריבן אין בבל, פון אל דעם וואס זיי האבן געדענקט און אײנגעהיט פון פארן גלות בבל. האבן דאס איצט די חז״ל גענומען זאמלען און אוניפיצירן און פארשרײבן די יידישקייט פון זייער צײט.

זײנען הלכות שבת טאקע ניט מער ווי „הלכה מרובה ומקרא מעט״ — זייער פיל הלכה אויף דעם וואס אין תורת משה איז פאראן זייער ווייניק. איז בשר

בחלבֿ אין דער תּורת משה איין קורצער פּסוק „לא תבשל גדי בחלב אמו‟. האָבן אָבער שפּעטער חז״ל אין דער תּורה מדרבנן פֿאַרשריבן זייער פֿיל. אָבער גאָר ניט ווי די משׂכּילישע אַפּיקורסים האָבן געגלויבט אַז די חז״ל האָבן דאָס אַזוי געוואָלט, סתּם גענומען פֿון זיך אַליין, פֿון זייער קאָפּ אָנגעשאָפֿן אַזוי פֿיל געזעצן און דינים. אַזוי האָבן דאָס טאַקע אויפֿגענומען די נאַאיווע משׂכּילים (ראובֿן אשר ברוידעס אין זיין „הדת והחיים‟, למשל). ניין, דאָס האָבן חז״ל אַזוי פֿאַרשריבן פֿון די פּירונגען פֿון פֿאָלק, דאָס האָט דאָס פֿאָלק ישׂראל אויף זיך אַרויפֿגענומען די גאַנצע גאַנץ קאָמפּליצירטע תּורה פֿון בשׂר בחלבֿ.

יעדער תּורה שבכּתבֿ און יעדער פּרט פֿון דער תּורה הכּתובֿה איז פֿריִער געווען בעל פּה־תּורה, און יעדער הײַנטיקע בעל פּה־ייִדישקייט, יעדער מנהג ישׂראל, יעדער אָנגענומענער דרך בײַ ייִדן, וועט ווען עס איז און דאַרף מיט דער צײַט ווערן פֿאַרשריבן. יעדער בעל פּה ווערט בכּתבֿ און יעדער בכּתבֿ איז אַמאָל געווען בעל פּה.

איז בײַ די אבֿות און אין מצרים די גאַנצע ייִדישקייט געווען נאָר בעל פּה. שפּעטער האָט דאָס ערשט משה, פֿאַרשריבן און ער האָט זיך כּסדר פֿאַררופֿן אויף די אבֿות און אויך גאָט אַליין טיטולירט זיך אלוהי אברהם, יצחק ויעקבֿ; האָט דאָס משה געגעבן בכּתבֿ, וואָס ייִדן האָבן געהאַט בעל פּה. האָבן די סופֿרים אין בבֿל סומירט בכּתבֿ די ייִדישקייט ווי זי האָט זיך אויסגעפֿורעמט אין בבֿל. האָבן חז״ל געפֿורעמט די ייִדישקייט ווי זי האָט זיך אײַנגעשטעלט אין דער צײַט פֿון דער פּערסישער תּקופֿה — די הלכה און אויך די אגדה — די נייע פֿאַר־שטעלונגען וועגן אַ גאָט וואָס זיצט און לערנט תּורה, וועגן אַ ישיבֿה של מעלה, וועגן שׂכר ועונש מיט דער גאַנצער אמונה אין גן־עדן און גיהנום. וועגן תּחית המתים, וועגן ייִדישקייט וואָס ווערט אָנגעלאָדן אויף יעדן יחיד באַזונדער בעת פֿריִער איז ייִדישקייט געווען פֿאַרבונדן מיטן כּלל ייִדן, וועגן אַ ייִדישקייט וואָס איז אין גאַנצן ניט פֿאַרבונדן דווקא מיט ארץ ישׂראל. דער עיקר נײַעס וואָס די חז״ל האָבן באַמיט זיך אַרײַנצוטראָגן אין די מוחות פֿון ייִדן איז, אַז ייִדיש־קייט איז ניט פֿאַרבונדן מיט ארץ ישׂראל דווקא, מיט דעם בית המקדש, אַז אויך אין גלות קענען זײַן ייִדן, און ניט נאָר יחידים נאָר אויך אַ ציבור און ניט נאָר מציון תּצא תּורה, נײַערט אויך „כּי מבבֿל תּצא תּורה און דבֿר ה׳ — מנהר פּקוד‟. אין דער געבענטשטער רויִקער צײַט פֿון תּקופֿת פּרס, אָן אַסימילאַציע און אָן מלחמות זײַנען געוואָרן, האָבן זיך אײַנגעשטעלט בײַ ייִדן אַ שטייגער־ייִדישקייט, אַ „תּורת חיים‟, אַ תּורה מדרבנן און אַ ייִדישקייט „מדאורייתא‟ — דבֿרי סופֿרים און דבֿרי תּורה. אָט די טעאָריע פֿון צוויי מקורים פֿון ייִדישקייט מדאורייתא און מדרבנן האָט זיך ווײַט ניט גיך אײַנגעשטעלט בײַ ייִדן. עס

איז גאַרניט אַנגענומען געוואָרן פון אַלע ייִדן, עס האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון די פּאַרטייען, איבערהויפּט פּרושים און צדוקים. די דריטע פּאַרטיי — די איסיים האָבן כמעט ניט געצומען קיין אָנטייל אין ייִדישן לעבן. די אמונה וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיי האָט שפּעטער אָנגעמאַכט ייִדן די גרעסטע צרות. אונדז אינטערעסירן איבערהויפּט די פּרושים, ווײַל דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק פון הײַנט שטאַמט פון זיי. די צדוקים וואָס האָבן אין גאַנצן געלייקנט די תורת חיים, די תורה פון פּאַקטישן ייִדישן פאָלק אין זייער צײַט — די צדוקים זײַנען אויך אונטערגעגאַנגען גלײַך מיטן חורבן פון דער מדינה. פון זייערע „ספרים של צדוקים״, פון זייער פילאָסאָפיע האָבן מיר ניט קיין אָנונג. מיר ווייסן נאָר אַז זיי האָבן אָנערקענט נאָר די ייִדישקייט מדאורייתא, נאָר דאָס וואָס עס איז געווען פאַרשריבן, בכתב שוין און גאָר ניט מדרבנן, גאָר ניט פון לעבעדיקן פאָלק.

און ווײַל נאָר די ייִדישקייט פון די פּרושים האָט אויסגעהאַלטן און אונדז דערפירט ביז הײַנט, דאַרפן מיר לערנען און זיך פאַרטיפן ווי האָבן די פּרושים בשעתם דערגרייכט זייער ציל — קיום האומה, כדי צו וויסן און זיך צו לערנען פון זיי פאַר דעם הײַנט, ווי מיר קענען און ווי מיר דאַרפן מקיים זײַן ייִדיש־קייט הײַנט, עס זאָל זײַן אַ ייִדישקייט של קיימא, קיום האומה אין די ווײַטער־דיקע דורות.

## די פּרושישע ייִדישקייט

מיר האָבן שוין פריִער געשריבן: ייִדישקייט האָט צוויי מקורים — מדאורייתא און מדרבנן. מדאורייתא מיינט די גאַנצע תורת משה, די תורה הכתובה. און מדרבנן מיינט אייגנטלעך פון פאָלקישן שטייגער, פון פאָלק וואָס לעבט און האַלט זיך אין זייער צײַט. די חז״ל, די חכמים האָבן דאָך ניט מוסיף געווען פון זיך גאָר ניט. זיי האָבן אַלץ גענומען פון ייִדישן לעבן בזמנם, אין זייער צײַט. מיר זײַנען הײַנט אַ סך איינזאַמער ווי דאָס ייִדישע פאָלק איז געווען אין זייער צײַט. מיר זעען דאָס הײַנט און נעכטן, און די לעצטע צענדליקער יאָרן. הײַנט דיקטירן אונדזערע „פרײַנד״ וואָס מיר האָבן צו טאָן. דאָס ייִדישע פאָלק האָט געגעבן די גרעסטע קרבנות כדי די פרײַנד (קיין בעסערע האָבן מיר ניט) זאָלן פּראָווען זייער פּאָליטיק. ווען פעלקער זײַנען אויפגעשטאַנען אויף אונדז להרוג ולאבד, מאַכן די גאַנצע וועלט „יודענריין״, האָט די גאַנצע וועלט שווײַגנדיק מסכים געווען און אַפילו שפּעטער ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין ערגעץ אויך די ייִדן וואָס זײַנען געבליבן לעבן. מיר זײַנען אַליין און קענען זיך פאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין. „אל תבטחו בנדיבים״ פאַרטײַטשט טביה דער מילכיקער ריכטיק: — „געטרויט ניט קיין הינט״. איז אָבער אונדזער

צרה הײַנט, וואָס גרויסע טײלן פֿון ייִדישן פֿאָלק גופֿא. אפֿשר די מערהײט דערווײַטערן זיך פֿון ייִדישקײט און פֿון ייִדישן פֿאָלק. ווי דערנענטערט מען אָט די אָפּטריניקע ייִדן? דעם גאַנצן ייִנגערן דור אײגנטלעך צו ייִדישקײט און צו ייִדישן פֿאָלק?

וואָס האָבן געטאָן בשעתּם די פּרושים?

קודם כּל האָבן זײ אַרויסגעשטעלט אַ פּרינציפּ — תּלמוד תּורה — „ותּלמוד תּורה כּנגד כּולם" — וויכטיקער פֿון אַלע מצוות, פֿון אַלץ. זײ האָבן אײַנגע־פֿירט — די ערשטע אין דער וועלט — אַלגעמײנע בילדונג. (אין אײראָפּע איז אַלגעמײנע בילדונג אײַנגעפֿירט געוואָרן ערשט אין 1805.) די חז"ל האָבן אײַנ־געפֿירט אַלגעמײנע בילדונג (פֿאַר ייִנגלעך!) אַ הונדערט יאָר פֿאַרן חורבן, פֿאַר דעם אָנהײב פֿון דער אָנגענומענער צײַט־רעכענונג, מיט אַ נײַנצן הונדערט יאָר פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער. אָבער נאָך וויכטיקער איז דער מהות פֿון ייִדישן לערנען. דאָס וואָרט איז אײנס, גלײַך — דערציִונג, לערנען — אָבער דער אינהאַלט איז זײער פֿאַרשײדן. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן באַציִונג פֿון ייִדן צו טעקסטן. בײַ אַלע אומות העולם מײנט לערנען — באַקענען די תּלמידים מיט טעקסטן, מיט אָנגענומענע טעקסטן. בײַ ייִדן אָבער איז דער עיקר פֿון לערנען געווען ניט די פֿאַראַנענע טעקסטן, נאָר אַנטוויקלען די סבֿרא — דאָס דענקען פֿון די תּלמידים. טעקסטן? — אַז מען טאָר גאָר ניט פֿאַרשרײַבן קײן הלכות כּל זמן זײ זײַנען לעבעדיק אין פֿאָלק, אין מעשׂים! לערנען טעקסטן מעג מען נאָר מיט קלײנע, מיט „תּינוקות של בית רבן". מיט דערוואַקסענע לערנט מען ניט קײן פֿאַרטיקע טעקסטן, נאָר עס איז „תּלמוד" — שאַפֿן נײַע טעקסטן פֿון נאָרמען וואָס אין שטײגער. כּדי צו קענען שאַפֿן די נײַע תּורות, צו קענען פֿאָרמולירן דעם שטײגער אין ווערטער איז וויכטיקער ניט דאָס וויסן, נאָר דאָס קענען דענקען, די סבֿרא... „קרא למה לי, הלוא סבֿרה היא" (תּענית כב־א׳), אָדער „דער פֿאַרדינסט פֿון לערנען איז די סבֿרא".

קען זײַן אַז אַ סך סוגיות אין גמרא זײַנען אַרײַנגענומען טאָקע כּדי צו אַנטוויקלען דאָס דענקען, „כּדי לחדד" — צו שאַרפֿן דאָס דענקען. בײַ אומות העולם איז וויכטיק דאָס וויסן. בײַ ייִדן — דאָס דענקען. עס באַרימט זיך אײנער פֿון די חז"ל: „וואָלט, חלילה, די תּורה פֿאַרגעסן געוואָרן, וואָלט איך זי גע־קענט באַנײַען מיט מײַן געדאַנק" (כּתובות קג׳ ב׳). קײן צו פֿיל וויסן טעקסטן האָט זיך גאָרניט געפֿאָדערט. פֿאַרקערט, איז עס שפּעטער אויפֿגעקומען אַ שפּאָט־וואָרט פֿאַר דעם גרויסן וויסער. עס איז געוואָרן אײַנגעפֿירט אַ האַרב ווערטל „חמור נושׂא ספֿרים" — וואָס איז די פּעולה וואָס ער איז אָנגעלאָדן מיט ספֿרים, אַז ער אַלײן זאָגט גאָרניט?

דערפֿאַר האָט מען שטאַרק ליב געהאַט יעדער נײַעם געדאַנק. אין העב־רעיִש איז פֿעפֿער — פּלפּל. איז דאָס וואָרט פּילפּל געוואָרן סינאָנים פֿאַר שאַרפֿזיניקייט. איז באַקאַנט אַ מאמר פֿון גמרא „טבֿא חדא פּילפּלא חריפֿתא מהני צני מלאי קרי״ — בעסער איין שאַרף פֿעפֿערל אײדער פֿולע קערב מיט גראָז (מגילה ז׳ א׳; חגיגא ו׳; יומא פּה׳), און הגם זיי זײַנען כּסדר געווען פֿאַרטאָן אין טעקסטן, האָט עס זיי ניט געשטערט זיך מודה צו זײַן: „דו פֿרעגסט מיך פֿאַרוואָס עס שטייט — טובֿ מאוד, — פֿרעג מיך בעסער צי עס שטייט אָדער ניט״. עס איז געווען אַזוי ווײַט, אַז איינער פֿון די חז״ל גיט זיך אַ זאָג: „דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט תּורה אַליין איז גלײַך ווי ער האָט ניט קיין גאָט״ (עבֿודה זרה יז׳ ב׳). עס זאָגט די גמרא „הלכתא היא — לכתחילה איז געווען דער מנהג, דער שטייגער — „ואסמכינהו רבנן אקרא״. דער מנהג איז שוין געווען פֿון פֿריִער. ערשט שפּעטער האָבן די רבנן פֿאַר אים געפֿונען אַ פּסוק, האָט מען צוגעשפּאַנט דעם פּסוק. אָבער דער עצם מנהג איז געווען פֿון פֿריִער. (קדושין ט׳א). פֿאַראַן נאָך אין אַנדערע ערטער אויך.

בײַ אומות העולם איז ביז איצט דער עיקר־ציל פֿון לערנען דאָס וויסן. בײַ ייִדן איז פֿון אָנהייב אָן דער ציל פֿון לערנען געווען ניט דאָס וויסן נאָר די פֿעיִקייט צו דערווײַזן זיך. ווען אַ ייִד קומט אויף יענער וועלט, פֿרעגט מען אים עטלעכע פֿראַגעס. צווישן זיי — צי האָסטו געפּילפּולט מיט חכמה? צי האָסטו געקענט אַרויספֿירן איין געדאַנק פֿון אַ צווייטן? (שבת לא׳א׳). דאָס איז געווען דער זינען און דער אינהאַלט פֿון לערנען. דער ציל פֿון לערנען איז אַרײַן אין דער עצם דעפֿיניציע פֿון פּראָצעס לערנען, ער איז פֿון גמרא אַריבער אין משנה תּורה פֿון רמבם און שפּעטער אויך אין יורה דעה. דער עיקר — ער איז געווען אין דער טראַדיציע פֿון ייִדישע גמרא־מלמדים און ישיבֿות. עס איז זייער פֿאַרדראָסיק וואָס אין הײַנטיקע ייִדישע שולן, וויפֿל זיי זײַנען דאָ האָט מען זיך אָנגעשטעקט מיט ניט־ריכטיקן און ניט־ייִדישן אינהאַלט פֿון דעם פּראָצעס לערנען. אין משך פֿון דורות האָט דער ייִדישער מעטאָד פֿון לערנען אַ „שטיקל גמרא״ אַזוי געווירקט אויף דעם ייִדישן דענקען בכלל, אַז אויך די ניט־ייִדישע לערערס פֿלעגן ניט אָן קנאה אַרויסזאָגן דעם זאָג „ייִדישע קעפּלעך״.

פּונקט אַזוי האָבן ייִדן אין זייערע ישיבֿות ניט געהאַט קיין באַשטימטע, אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַמען. פֿאַרקערט, לערנען איז גוט „ממה שליבו רוצה״, דאָס צו וואָס מען האָט אַ אינטערעס.

דער אונטערשייד איז לגמרי ניט קיין צופֿעליקער. ער איז פֿאַרבונדן מיט דעם גאַנצן לעבן פֿון ייִדן אַנדערש ווי די ניט־ייִדן. די ניט־ייִדן האָבן געדאַרפֿט

דערציִען אויספֿאָלגערס, בעת ייִדן האָבן געדאַרפֿט האָבן דענקערס און מענטשן וואָס קענען אַליין שטעלן אויף זיך... איך באַדויער זייער וואָס איך האָב ניט אויסגענוצט די גרויסע קאַרטאָטעק מײַנע וועגן די מקורים פֿון תלמודישער פּעדאַגאָגיק. איך האָב אַלע מאָל געטראַכט „למי?" פֿאַר וועמען וועל איך שרײַבן? ווער וועט עס אין אַכט נעמען. איצט איז געוויס ניטאָ ווען און פֿאַר וועמען.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צו די חז"ל און באַנעמען אַזאַ זאַג: „גאָט האָט אַנדערש ניט געמאַכט קיין פֿאַרבאַנד מיט ייִדן נאָר צוליב די זאַכן וואָס בעל פּה" (גיטין ס'). אין דעם קורצן זאָץ ליגט אַ גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישקייט. לאָמיר דאָס מער פֿאַרשטיין: וועגן וואָסער פֿאַרבאַנד רעדט דאָ ר' יוחנן? — דאָס איז דער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אַ קיום אַ דאַנק נאָר די דבֿרים שבעל פּה. נאָך ריכטיקער: דאָס ייִדישע פֿאָלק האַלט זיך אויף דער וועלט ניט מיט גרויסאַרטיקער תּורה וואָס איז בכּתבֿ, נאָר דווקא אַ דאַנק דעם ייִדישן שטייגער וואָס איז ניט פֿאַרשריבן. אָט דער באַזונדערער, פֿאַרזיכיקער שטייגער — ער האַלט אויף דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער קיום האומה — האַלט עס ר' יוחנן — איז דער בונד מיט גאָט. און גערעכט, ר' יוחנן! דאָס ייִדישע פֿאָלק האַלט זיך ניט מיט פֿיזישער גבֿורה, ניט מיט רכבֿ און סוסי־מלחמה, און אויך ניט מיט הייליקע רײַכטימער; ניט מיט הייליקע ספֿרי־תּורות שבהיכל, נאָר מיט דעם באַזונדערן פֿאַרזיכיקן שטייגער, וואָס איז אַפֿילו ניט פֿאַרשריבן, ניט פֿיקסירט בכּתבֿ. ווי די גמרא דריקט עס אויס „דבֿרים שבעל פּה". כּל זמן עס וועלן זײַן ייִדן ניט מיט תּורה, מיט אַלע גרויסע און הויכע טיטולן, ניט גרויסע תּלמידי חכמים, נײַערט ייִדן פּשוטע, אַפֿילו עם הארצים, אָבער זיי לעבן אַ באַזונדערן ייִדישן שטייגער, — וועט זײַן אַ ייִדיש פֿאָלק. דאָס איז דער יסוד פֿון דער חז"לישער פֿילאָסאָפֿיע. די גריכישע פֿילאָסאָפֿן האָבן זייערע אידעען אויסגעדריקט אין ווערטער. דאָס איז געווען דער דרך פֿון „סבֿי דבֿי אתונא". די חכמי ישׂראל האָבן זייערע אידעען אויסגעדריקט ניט מיט ווערטער, נײַערט אין מעשׂים. די חז"ל האָבן אַפֿילו זעלטן זיך דערלויבט מפֿסיק צו זײַן זייער לערנען די פּרטים פֿון ייִדישן שטייגער, כּדי צו פֿאָרמולירן זייער הויפּט־פּרינציפּ פֿון ייִדישן קיום אין פּשוטע ווערטער, ווי דאָ. (גטין ס'). דערפֿאַר איז „תּלמוד תּורה כּנגד כּולם" — וויכטיקער פֿון אַלע מצוות צוזאַמען, וויכטיקער פֿון בנין בית המקדש (מגילה טז' ב). דערפֿאַר איז „חכם עדיף מנבֿיא (ב"ב יב'). שיין און פּראַקטיק זײַנען די רייד פֿון די נבֿיאים, אָבער ניט מיט די „סתּם דבֿרי נבֿואה" וועט האָבן אַ קיום דאָס פֿאָלק ישׂראל (ערובֿין ס'; ב"ב יב'א'; בכורות מה'א'). דערפֿאַר האָבן חז"ל דעם תּנך אָנגערופֿן פּשוט „מקרא" — דער טײַטש — לעקטור, צום לייענען. און גאָט צאָלט פֿאַר דעם לערנען

אַ סך תנך גאָר ווייניק אָדער גאָרנית קיין עולם הבא. און מיר מעגן פאַרשטיין דאָ, אַז „עולם הבא״ מיינט ניט דווקא דעם באַזונדערן יחידן מיט זײַן גן עדן אויף „יענער וועלט״, נאָך זײַן טויט, נאָר עולם הבא מיינט די „קומענדיקע וועלט פון דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק לימות המשיח״. דער תנך איז ניט קיין תורה, וואָס האַלט אויף דעם קיום האומה, נאָר ניט מער ווי „מקרא״ — לעקטור סתם, און יעדער פּסוק, יעדער „אמר קרא״ קען נאָר „סומך״ זײַן — אונטערשפּאַרן, צוגעבן אַ כּוח אַ מנהג ישׂראל, אָבער ניט דער „קרא״ — דער פּסוק איז דער יסוד פון קיום האומה. ווײַל „מאי תורה? — מדרש תורה״ (קדושין מט׳ ב׳) ווי די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן מען זאָל אין די פּסוקים קענען אַרײַנטײַטשן אַלע פירונגען און שטייגער פון לעבעדיקן ייִדישן פאָלק. ווי די תורת משה וואָלט לכתחילה געגעבן געוואָרן נאָר כּדי אַרויסצודרשענען פון איר די פירונגען פון ייִדישן פאָלק. און דער גרויסער רבי עקיבא איז אויך גרויס דערמיט וואָס ער קען אַרײַנטײַטשן אַלץ אין דער תורה, און ער קען אַרויסטײַטשן אַלץ פון דער תורה. און לויט אַן אגדה זײַנען די שטריכעלעך און די באַפּוצונגען פון די אותיות אין דער תורה לכתחילה געגעבן געוועזן כּדי רבי עקיבא זאָל האָבן פון וואָס צו דרשענען. (מנחות כט׳ ב׳).

קענען מיר איצט קומען צו די פּרינציפּן פון ייִדישקייט, ווי די חז״ל האָבן עס אָנגענומען: צוויי תורות — וואָס זײַנען — מדאורייתא און מדרבנן; מדרבנן מיינט אין תוך אַרײַן — פון פאָלקס פירונגען; דאָס נײַע מוז האָבן וואָרצלען אין דעם פריערדיקן, אין דעם אַלטן. אַט צו די פּרינציפּן קענען מיר צוגעבן נאָך איינעם — ייִדישקייט וואַקסט, פאַרמערט זיך כּסדר, „דברי תורה פרין ורבין״.

דאָס איז זייער וויכטיק. בײַ אַנדערע פעלקער איז עס ניט וויכטיק אַזוי־זוי האָבן אָנגענומען זייערע רעליגיעס, ווען זיי האָבן שוין געהאַט פון פריער אַן אייגענע קולטור און אַן אייגענע רעליגיע. האָבן זיי געקענט אָפּטיילן זייער קולטור פון דער רעליגיע. די קולטור בלײַבט און רעליגיע איז אַ נײַע, אומאָפּהענגיק פון דער קולטור. ייִדן האָבן זייער רעליגיע ניט געביטן, ניט איבערגענומען פון קיינעם. די ייִדישע רעליגיע איז די ייִדישע פאַרהייליקטע קולטור. אַלע פירונגען, און אַלע שטייגער־מנהגים וואָס גייען איבער פון דור צו דור זײַנען פאַרהייליקט ווי רעליגיע. „כי עץ חיים היא״ — פּונקט ווי אַ בוים: גרויס און שטאַרק איז דער פאַרהאַלצטער בוים, אָבער דאָס לעבן פון בוים איז ניט אין די מעכטיקע שטאַמען און צווײַגן, נײַערט דווקא אין די שוואַכע און צאַרטע פרישע בלעטעלעך און קנאָספּן. אַזוי איז אויך מיט דער ייִדישער קולטור און רעליגיע: דער ייִדישער שטייגער, וואָס גייט איבער מדור לדור,

וואָס האַלט זיך אין משך פֿון דורות, וואָס ווערט אָפּגעהיט פֿון ייִדן אין אַ סך לענדער — דאָס איז פֿאַרהיילִיקט ווי די ייִדישע רעליגיע. עלטערע עלעמענטן פֿון קולטור — דאָס זײַנען די ייִדישע רעליגיע. די וואָס ווילן אײַנהאַלטן די ייִדישע רעליגיע ווי זי איז פֿאַרשריבן מיט אַ סך יאָרן, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, זיי ווילן „באַלזאַמירן" ייִדישקייט, ווי מען באַלזאַמירט אַ טויטן גוף. אָבער ייִדישקייט מוז זײַן אַ „תּורת חיים" — אַ לעבעדיקע תּורה. און אויב לעבן, מוז זי האַלטן אין איין וואַקסן און פֿאַרמערן זיך. דאָס לעבן פֿון בוים איז דווקא אין די שוואַכע, דינע און צאַרטע, פֿרישע בלעטלעך און קנאָספּן. אַזוי איז אויך מיט דער ייִדישער קולטור און אויך מיט דער רעליגיע. ווײַל די ייִדישע רעליגיע איז דאָך ניט קיין איבערגעגעבענע, קיין אײַנגעפֿירטע מיט גוואַלד אָדער אָן גוואַלד, ניט קיין אָפּגעלערנטע פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק. איז דאָך בײַ ייִדן די רעליגיע נאָר די פֿאַרהייליקונג פֿון דער אייגענער ייִדישער אוראַלטער קולטור און אײַנגעוווינטן שטייגער, וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור, וואָס האַלטן זיך במשך פֿון דורות, וואָס ווערן אָפּגעהיט בײַ ייִדן אין אַ סך לענדער. אַזוי ווי אויף אַ בוים חזרן איבער די פֿרישע צאַרטע בלעטער די פֿאָרעם און דעם שטייגער, דעם לוח און דעם שטייגער פֿון די אַלטע צווײַגן און בלעטער, אַזוי אויך בײַ אַ פֿאָלק חזרן די נײַע דורות איבער דאָס לעבן און דעם אויפֿפֿיר פֿון די פֿריִערדיקע. און די עלטערע, דאָס פֿאַרעלטערטע אין שטייגער — דאָס איז די רעליגיע. די קולטור איז אין לעבעדיקן שטייגער, די רעליגיע איז דער שטייגער פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות. די קולטור פֿון די עלטער־עלטער זיידעס איז אונדזער רעליגיע. אונדזער הײַנטיקער וואָכעדיקער שטייגער קען מיט דער צײַט, אין משך פֿון ווײַטערדיקע דורות ווערן רעליגיע. ער קען — דער הײַנטיקער שטייגער, אָבער ווען? אויב ער איז אָרגאַניש ייִדיש, ניט איבערגענומען, ניט נאָכגעמאַכט, אויב ער איז באמת אַ שטייגער בײַ ייִדן און אויב ער האַלט זיך דורותדיק בײַ ייִדן און ער צייכנט אויס ייִדן פֿון צווישן אַנדערע פֿעלקער מיט אַנדערע שטייגערס און פֿירונגען.

די וואָס מיינען אָפּצוהיטן ייִדישקייט, די ייִדישע רעליגיע אין דעם סכום און דער פֿאָרעם ווי עס איז פֿאַרשריבן געוואָרן, די פֿאַרשטייען ניט דעם גײַסט פֿון ייִדישקייט, פֿון ייִדישער רעליגיע. די דאָזיקע אָפּהיטערס פֿון „ייִדישקייט הכּתובֿה", ווי זי איז פֿאַרשריבן אין ספֿרי הלכה, צי אין שולחן ערוך וכדומה, די ווילן באַלזאַמירן ייִדישקייט, ייִדישע רעליגיע. און באַלזאַמירן קען מען נאָר אַ טויטן גוף, אַ געשטאָרבענעם. בעת אָבער ייִדישקייט און ייִדישע רעליגיע מוז זײַן לעבעדיק צוזאַמען מיט דעם ייִדישן פֿאָלק. ייִדישקייט איז בכּלל פֿריש און אַלט, שטייגעריש הײַנט און אַמאָליקער שטייגער — דאָס איז דער „עץ חיים היא". אַ פֿאַרשריבענע ייִדישקייט, ווי עס איז פֿאַרשריבן אין

שוין אַ טויטע, אַ געשטאָרבענע. אוודאי קען מען אָפּהיטן אויך טויטע רעלי־גיעס, אַ באַלזאַמירטע. דאָס וואָלט געווען אַ געשטאָרבענע, באַלזאַמירטע ייִדיש־קייט, אַ ייִדישקייט פון אַמאָל. און ייִדישקייט מוז אָבער זײַן אַ לעבעדיקע, זי מוז זיך כסדר באַנײַען, כסדר צוּוואַקסן און אָפּוואַרפן דאָס פאַרעלטערטע, זי מוז זײַן אַ לעבעדיקע, זי מוז האָבן נײַע צוגעקומענע מצוות און עבירות. אין וואָס באַשטייען זיי? מצוות זײַנען אַלץ דאָס וואָס פירט צו עולם הבא פון גאַנצן ייִדישן פאָלק, ניט אויף „יענער וועלט" וואָס נאָכן טויט, נאָר דווקא אויף דער וועלט, אויף דער וועלט פון לעבן, ווען די טויער און אָפּהיטער וועלן שוין ניט זײַן. עולם הבא — די צוקונפטיקע וועלט מיינט דאָס גאַנצע פאָלק, די צוקונפט פון גאַנצן פאָלק. און דאָס איז דער סימן מובהק פון מצוות און עבירות: אַלץ וואָס העלפט אויפהיטן ייִדישקייט פון דור־דורות צו ווײַטער־דיקע דורות, אַלץ וואָס טיילט אויס אַ ייִדן פון צווישן אַנדערע מענטשן און פעלקער — זײַנען מצוות און דאָס פאַרקערטע זײַנען עבירות. מיר קענען זיך באַצײַען פאַרשיידן צו דעם פאָלקס גלויבן אין פריוואַטן שכר ועונש נאָכן טויט. עס קען זײַן גאָר גרויסע העלדישקייט כלומרשט אין דעם זאָג „לא היה ולא נברא". אָבער ניט אין דעם גייט עס; דער גורל פון יעדער פריוואַטן ייִדן נאָך זײַן טויט גייט ניט אָן דעם פאָלק ווי אַזאַ. אויב דאָס ייִדישע פאָלק האָט אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַר דער פרומער ייִדישקייט פון יעדער יחיד, איז עס ניט פאַרן יחיד און זײַן גליקלעך לעבן אויף יענער וועלט. עס איז געגאַנגען און עס גייט וועגן דעם עולם הבא, וועגן דער צוקונפט פון גאַנצן פאָלק ווי אַזאַ אויף „יענער" וועלט וואָס דאַרף קומען אויף דער דאָיִקער וועלט, אויף דער וועלט פון לעבן.

דאָס וואָס איך האָב דאָ געשריבן איז ווײַט ניט אין אײַנקלאַנג מיט די אָנגענומענע אײַנשטעלונגען בײַם גאַנצן ייִדישן פאָלק, אָבער איך האָף און איך גלויב אַז דאָס איז געווען דער בראשיתדיקער אײַנשטעל בײַ ייִדן, ער האָט זיך שפּעטער געענדערט. קען זײַן, אַז די פאַרשטעלונג מײַנע גייט זיך צו שטאַרק פאַנאַנדער מיט די אָנגענומענע פאַרשטעלונגען, קען זײַן די השערה קען זייער גרינג אָפּגעפרעגט ווערן מיט ציטאַטן פון אַלע גדולים, אָבער לכל הפחות צו די וואָס ווילן ניט גלייבן אין פריוואַטן עולם הבא, פאַר די בלײַבט מײַן באַגריף דער איינציקער אָנהאַלט אין דער טראַדיציע, דער איינציקער אויסטײַטש פון דער טראַדיציע. דער עיקר איז אָבער, אַז ייִדישקייט מוז כסדר וואַקסן און פאַרמערן זיך, ווײַל זי איז אַ לעבעדיקע תורה, אַ „תורת חיים", וואָס מוז זיך כסדר ענדערן און באַנײַען. עס מוז אַלץ קומען פון דער פריִער־דיקער ייִדישקייט, מען מוז אָבער היטן צי איז עס ניט קיין „עבודה זרה". דער תנך בכלל האָט מורא געהאַט פאַר „אלוהים אחרים" — אַנדערע, ניט ייִדישע

געטער. די חז״ל אָבער מײַדן אויס בכּלל אָלערלײ עבֿודה זרה, בכּלל פֿרעמדע פֿירונגען, שטײגערן — יעדער עבֿודה, ניט דווקא לשם אַנדערע געטער. פֿאַר דער צײַט ביז די חז״ל, איבערהויפּט אין דער גליקלעכער הערשאַפֿט פֿון פּערסיע האָבן זיך אײַנגעשטעלט בײַ ייִדן אַ פֿעסטער אײגענער שטײגער, אײגענע ייִדישע מינהגים און זיטן ניט דווקא לשם גאָטעסדינסט. האָבן חז״ל ניט געוואָלט דערלאָזן קײן שום אָפּנײג פֿון ייִדישע פֿירונגען בכּלל.

## ייִדישקײט ווערט אַ חובֿ פֿאַר יעדער באַזונדערן ייִדן

אין תּנך בכּלל, די נבֿיאים רײדן צום ייִדישן כּלל, צום גאַנצן פֿאָלק. די חז״ל אָבער האָבן איבערגעטראָגן דעם חובֿ אָפּצוהיטן ייִדישקײט פֿון כּלל ייִדישן פֿאָלק אויף יעדער יחיד, אויף יעדער יחיד באַזונדער אויך. ניט נאָר דאָס דינען פֿרעמדע געטער איז פֿאַרבאָטן, נאָר בכּלל יעדער עבֿודה זרה, יעדער אַרבעט, יעדער פֿירונג, יעדער ניט ייִדישער שטײגער דאַרף אויסגעמיטן ווערן. דאָ האָבן חז״ל אַרײַנגעפֿירט נאָך אַ טיפֿערע, אַ ברײטערע ענדערונג אין ייִדישקײט. ביז די חז״ל איז ייִדישקײט געווען אַ כּלל־זאַך, אַ חובֿ פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, ניטאָ אין תּנך קײן ייִדישקײט פֿאַר יעדער באַזונדערן ייִדן. דאָס האָבן די חז״ל ווי אָנגעלאָדן דעם יאָך פֿון ייִדישקײט אויף יעדער ייִדן באַזונדער אויך. יעדער ייִד פֿאַר זיך אין זײַן הײם, אין זײַן טאָג־טעגלעכן לעבן איז באַלאָדן מיט ייִדישקײט, פֿון אין דער פֿרי ביז אין דער פֿרי, פֿון געבאָרן ווערן ביזן טויט. ערשט פֿון די חז״ל איז ייִדישקײט געוואָרן אַ „שולחן ערוך״ אויך פֿאַר יעדער ייִדן באַזונדער. און דעמאָלט איז אויך אַרײַן אין באַוווסטזײַן פֿון ייִדן דער נײַער באַגריף פֿון עולם הבא, פֿון שׂכר ועונש אויף יענער וועלט. ביז די חז״ל איז ניטאָ אין תּנך דער גאַנצער באַגריף פֿון שׂכר ועונש פֿאַר יעדער ייִדן באַזונדער, פֿאַר יעדער פּרט. דער תּנך רעדט כּסדר וועגן שטראָפֿן וואָס וועלן קומען פֿאַרן פֿאָלק בכּלל אויף דער וועלט, אויף דעם לעבן פֿון כּלל ייִדיש פֿאָלק. די חז״ל פֿירן אַרײַן אַ נײַעם גלויבן אין שׂכר ועונש פֿאַר יעדער ייִדן בפּרט, קלאָר — אויב ייִדישקײט פֿון כּלל פֿאָלק ווערט צונויפֿגעשטעלט פֿון יחידים־ייִדישקײט, אויב יעדער ייִד ווו ער איז און ווי ער איז דאַרף אַרײַנטראָגן זײַן חלק אין דעם אַלגעמײנעם סכום ייִדישקײט פֿון פֿאָלק בכּלל, מוז דאָך אויך זײַן עפּעס וואָס זאָל דעם יחיד באַצאָלן פֿאַר זײַן אָנשטרענג, פֿאַר זײַן אָפּהיטן ייִדישקײט. דאָ איז אין משך פֿון לאַנגע דורות אָנגעוואַקסן אַ גאַנצע אמונה אין שׂכר ועונש פֿאַר יעדן ייִדן באַזונדער. די אמונה פֿון גיהנום און גן־עדן פֿאַר יעדער ייִדן באַזונדער. ווען? קלאָר, אַז אויף יענער וועלט. אויף דער וועלט איז עס ניטאָ, קען עס ניט זײַן אויף דער וועלט. זעען מיר אָפֿט עפּעס פֿאַרקערט: „מדוע דרך רשעים צלחה? שלו כּל בוגדי בגד?״ פֿרעגט נאָך ירמיהו הנבֿיא.

דער אמתער משפּט און דין צדק קומט נאָכן טויט. קיין לעבעדיקע עדות זײַנען פֿון יענער וועלט ניטאָ.

דער גאַנצער גלויבן אין יחידישן עולם הבא, מיט קאָמפּליצירטן חשבון פֿון שׂכר ועונש האָט זיך גאַנץ פֿאָמעלעך אַנטוויקלט פֿון די חז״ל אָן, ווען עס איז ביסלעכווײַז און גאַנץ פֿאַמעלעך בטל געוואָרן דער ייִדישער קאָלעקטיווער מלוכה־אָרגאַניזם, דער קאָלעקטיוו פֿון ייִדישן פֿאָלק ווי אַזאַ. דעמאָלט איז די גאַנצע ייִדישקייט, דער גאַנצער ייִדישער שטייגער, וואָס איז אַנדערש, אָפּגעשיידט און פֿאַרענדערט פֿון אַלע שטייגערס פֿון אַנדערע פֿעלקער, דעמאָלט איז ייִדישקייט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פֿון יחידים־ייִדן. איטלעכער ייִד דאַרף אָפּהיטן ייִדישקייט, ווײַל קיין מדינה, קיין מלוכה וואָס זאָל אײַנהיטן ייִדישקייט איז ניטאָ מער, אָדער זי גייט סײַ ווי אונטער. דער קאָלעקטיוו — די מדינה, דער מלך איז מער ניט בכּוח מיט זײַנע דעקרעטן, מיט זײַנע ווענדונגען געווענדעט מער צום המון עם. ביסלעכווײַז און גאַנץ פֿאַמעלעך איז ייִדישקייט איבערגעגעבן געוואָרן צו יעדער ייִדישן יחיד, צו יעדער ייִדן, ווײַל קיין מלוכהשע, כּלל־ייִדישקייט איז מער ניט געווען. און ווען זי איז נאָך יע געווען האָט זי שוין קיין מאַכט ניט געהאַט, ניט געהאַט קיין אַנזען אין די אויגן פֿון פֿאָלק, אין די אויגן פֿון חז״ל. עס איז פֿאַר זיי קלאָר געוואָרן, אַז „עתידה תורה שתשכּח מישׂראל״ און דער כּוח אײַנצוהיטן ייִדישקייט איז מער ניט בײַ די פֿירערס, בײַ די וואָס שטייען בראש פֿון דער ייִדישער מדינה. ייִדישקייט איז געוואָרן אַ זאַך פֿון יעדער ייִדן באַזונדער, איז אויפֿגעקומען די נײַע טעאָריע פֿון שׂכר ועונש פֿאַר יעדער ייִדן באַזונדער. און מען דאַרף תּמיד געדענקען און ניט פֿאַרגעסן אַז דער פּראָצעס פֿון אײַנשטעלן די נײַע תּלמודישע ייִדישקייט האָט געדויערט אַרום טויזנט און פֿינף הונדערט יאָר — אַ צײַט וואָס איז איבערגענוג, אַז נײַע אידעען זאָלן זיך אײַנבירגערן און פֿאַרפֿעסטיקן. און פֿאַרפֿלאַנצט דעם גלויבן אין שׂכר ועונש פֿאַר יעדן ייִדן האָבן חז״ל אין זייער טיפֿן גלויבן אין דער גערעכטיקייט פֿון גאָט. „גאָט איז גערעכט און זײַן משפּט איז גערעכט״.

כּל זמן עס איז געווען אַ ייִדישער כּלל, אַ מדינה, איז ייִדישקייט געווען אַ זאַך פֿון דעם כּלל, אַ כּלל־זאַך. ווי אָבער דאָס כּלל פֿאָלק איז בטל געוואָרן, איז ייִדישקייט געוואָרן אַ זאַך פֿון יעדער פּרט, פֿון יעדער יחיד. דאָ ליגט אויך דער סוד פֿון קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק — דאָס איינציקע פֿאָלק פֿון פֿאַרצײַטן, וואָס איז געבליבן אַ פֿאָלק ביז הײַנט און ווײַטער. אַנדערע פֿעלקער האָבן קיין גלות ניט אויסגעהאַלטן.

דער צווייטער חורבן האָט ניט געלאָזט אין ריטואַל פֿון פֿאָלק אַזאַ טיפֿן

רושם ווי דער ערשטער חורבן — ניט קיין תעניתים, ניט קיין איכה־ספֿרים. עס גייען עטלעכע פֿון די חז״ל אויף די חורבֿות פֿון ירושלים. אַלע וויינען, רבי עקיבֿא לאַכט: ער גלויבט ביז דער פֿולער זיכערקייט, אַז „מה לעובֿרי רצונו כך...״ „אויב גאָט פֿירט אַזוי גוט די וואָס גייען ניט אין זײַנע וועגן, ווי וועט שוין גאָט באַצאָלן די וואָס עושים רצונו״ (סוף מסכת מכות). דאָס איז דער טיפֿער גלויבן אין גאָטס גערעכטיקייט.

מאַכן מיר אַן אויספֿיר פֿון געזאָגטן:

דער וואָס לערנט הלכות — דעם שטייגער פֿון פֿאָלק (פֿון זײַן צײַט!) איז זיכער מיט עולם הבא (מגילה כח׳ ב׳). ער איז זיכער אַז זײַן אַרבעט פֿירט צו דער זיכערער צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק״ בכלל. און דער וואָס לערנט נאָר די תורה שבכתב איז געגליכן צו איינעם וואָס האָט ניט קיין גאָט (עבֿודה זרה יז׳ ב׳). איך פֿאַרשטיי די שטרענגע גמרא, ווײַל ער גלייבט ניט אין דער געטלעכקייט פֿון ייִדישקייט.

וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אַן אָפּגעשניטענע (אַ פֿאַרענדיקטע), וואָלט ניט געווען קיין אָרט זיך צו האַלטן (סנהדרין, ירושלמי פּ״ט ה׳). און פּונקט אַזוי ווי משה אַליין פֿאַרשטייט ניט וואָס רבי עקיבֿא לערנט מיט תּלמידים אַזוי קען מען ווײַטער צײַען, אַז אויך רבי עקיבֿא פֿאַרשטייט ניט וואָס עס לערנט רמבם. און דער רמבם וואָלט זיכער ניט פֿאַרשטאַנען וואָס עס לערנען ליעסין אָדער לייוויק. און דערפֿאַר האָט מען ניט געוואָלט פֿאַר־שרײַבן קיין הלכות, דערפֿאַר זײַנען ווײַט ניט אַלע געווען צופֿרידן מיט דעם שולחן ערוך. פֿאַרשרײַבן קען מען מיינען פֿיקסירן אויף אייביק. און ייִדישקייט מוז כּסדר וואַקסן און טאָר ניט פֿיקסירט ווערן ווי אַ מומיע, חלילה.

## חז״ל ברעכן די תּורת משה

„עת לעשות לה׳ הפֿרו תּורתך״. חז״ל האָבן זיך ברייט באַנוצט מיט דעם פּסוק (אין תּהלים). חז״ל האָבן געפּסקנט, אַז „עין תּחת עין — איז גאָר ממון״ געלט צו באַצאָלן און ניט מיט אַן אויג ממש, ניט ווי עס שטייט בפֿירוש אין דער תּורת משה. גיט זיך עמיצער אַ זאָג: „ניט משה און ניט אליהו זײַנען אַרויף למעלה״ ווי עס דערציילט זיך בפֿירוש, און די שכינה איז קיין מאָל ניט אַראָפּ אונטן (סוכּה ה׳ א׳). רבן יוחנן בן זכאי נעמט און איז מבֿטל די מים המרדים. סתּם בטל געמאַכט אַפֿילו ניט געזוכט קיין פּסוקים. קומט אַ מדרש און גיט אַ שרײַב: „איך זאָג עדות אַז דאָס האָט גאָט ניט געהייסן ייִדן זאָלן זיך נעמען און הרגענען אַן אייגענעם ברודער (נאָך דער מעשׂה מיטן עגל

הזהב) (מדרש תדבי"א). און נאָך מער: אַ בן סורר ומורה (וואָס מען דאַרף אים פאַרשטיינען לויט דער תורה) איז ניט געווען און וועט ניט זײַן; ניט געווען און עס וועט ניט זײַן קיין "עיר הנדחת", ווי די תורת משה שרײַבט (סנהדרין עא׳ א׳). דער עצם הר סיני ווו די תורת משה איז געגעבן געוואָרן מיט אַזאַ געטלעכן פּאַראַד, האָט בײַ די חז"ל אויך ניט קיין מזל. זיי זאָגן אַז "נסתלקה קדושתו", גלײַך נאָכן מתן תורה איז ער אויס קודש געוואָרן (תענית כא׳ ב׳). יעדער לעבעדיקער ייִד, וואָס שאַפט תורה — ער איז אַ "סיני ועוקר הרים" ער רײַסט אַרויס, ער רײַסט אַראָפּ, די הייליקייט פון שטיינערנע טויטע בערג. אין תנך לויפט אליהו ווײַט אין מדבר צום הר אלוהים — צום באַרג ווו עס רוט גאָט. אין גמרא, בײַ די חז"ל איז אליהו דער אייביקער געט־לעכער שליח צו טאָן גוטס די ייִדן וואָס נויטיקן זיך; ער איז מיט ייִדן, ווו ייִדן זײַנען דאָ. ער איז דער "זכור לטוב" און ער וועט ברענגען אי"ה אויך משיחן. אַפילו בײַם אײַנשטעלן דינים און הלכות רעכענען זיי זיך ניט תמיד מיט דעם פסוק ווי עס שטייט אין תורת משה. זײַנען די הלכות שבת ווי "בערג וואָס האַלטן זיך אויף אַ האָר", ווײַל זיי זײַנען "הלכות מרובות און מקרא מעט" — פסוקים קנאַפּ און הלכות אַ סך.

אַפילו די הייליקייט פון ארץ ישראל איז אויך ניט מן השמים, נאָר ייִדן האָבן עס מקדש געווען בימי יהושע און בימי עזרא און מיר גיבן צו בימי וויצמאַן און בן גוריון.

און תחית המתים האָבן חז"ל אַרײַנגענומען ווי אַ יסוד פון ייִדישקייט, און דער רמבם האָט עס געמאַכט פאַר איינעם פון די י"ג עיקרים, הגם קיין ריכטיקן פסוק אין תורת משה האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען און אַפילו דער גרויסער מומחה אויף דרשנען דברי תורה — רבי עקיבא האָט דאָ אויך ניט באַוויזן זיין בריהשאַפט. (סנהדרין צא׳ ב׳).

עס קען זיך שטעלן אַ פראַגע: ווער פון וועמען האָט די אמונה אין תחית המתים און אַנדערע אמונות גענומען: צי די חז"ל האָבן די אמונות געבראַכט צום פאָלק, אָדער פאַרקערט — די אמונות שטאַמען פון פאָלק און חז"ל האָבן די אמונות גענומען פון פאָלק? קיין דירעקטן ענטפער אויף דער פראַגע האָב איך ניט געפונען, אָבער איך וויל עס אָפּלערנען פון דעם וואָס אין דער אגדה בכלל איז דער אַראַמישער עלעמענט פון שפּראַך אַ סך מער ווי אין הלכה. צי נעמט זיך דער פאַקט ניט פון דעם וואָס די אגדות זײַנען מער גענומען פון פאָלק, צוזאַמען מיט דער שפּראַך פון פאָלק? קען זײַן, אַז אויך דאָ האָבן חז"ל געלערנט פון פאָלק. קען זײַן.

## די געטרײַע ליבע צום פֿאָלק

פֿון דער גאַנצער תּלמודישער ליטעראַטור זעט מען אַרויס אַ אומגעװײנטלעכע געטרײַע ליבע פֿון חז״ל צום פֿאָלק װי עס איז. מען טאָר ניט זאָגן אויף די שעפֿער פֿון תּנך, אַז זיי האָבן דאָס פֿאָלק ישׂראל ניט ליב געהאַט, ניט געטרײַ אים געװען, אָבער עס איז אַ געװאַלדיקער אונטערשייד צװישן ליבע און ליבע. די נבֿיאים האָבן געדינט דעם פֿאָלק ביז מסירת נפֿש ממש. אָבער די נבֿיאים האָבן געהאַט אין האַרץ אַ אידעאַל פֿון אַ פֿאָלק, אַ מין אויבער־פֿאָלק, און אויף װיפֿל דאָס לעבעדיקע ייִדישע פֿאָלק האָט ניט געשטימט מיט זייער אידעאַל, האָבן זיי געליטן און אין זיי האָט געברענט דער נבֿיאישער גרימצאָרן. און אַזוי האָט זיי דאָס פֿאָלק ניט פֿאַרשטאַנען און ניט געליבט. קלאָגט זיך דער געטרײַסטער פֿון די גרויסע נבֿיאים — ירמיהו — װאָס אַלע קריגן זיך מיט אים און אַלע שילטן אים (קאַפּ׳ טו׳ י׳). אין אַן ענלעכער סיטואַציע זײַנען געװען אַלע נבֿיאים. די חז״ל אָבער האָבן ליב געהאַט דאָס פֿאָלק װי עס איז, זיי האָבן ניט געהאַט די גרויסע פֿאָדערונגען פֿון די נבֿיאים. זיי האָבן ליב געהאַט דאָס ייִדישע פֿאָלק װי עס איז, אָן פּרעטענזיעס; זיי האָבן געזען אין פֿאָלק װי עס איז דעם אידעאַל. זיי האָבן געלערנט ייִדישקייט פֿון פֿאָלקס פֿירונגען. „פּוק חזי״ — גייט און זעט װי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך און טוט אַזוי. האָבן זיי אַלע תּפֿילות װאָס זײַנען געשאַפֿן געװאָרן אין זייער צײַט, געבראַכט אין פֿאָלקישן אַראַמישן לשון, גאָר ניט דווקא אין העברעיִש. משה חלומט „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים״ — הלוואי װאָלטן אַלע ייִדן געװען נבֿיאים. מיט אַ סך דורות שפּעטער זאָגט הילל: „אויב זיי זײַנען ניט קיין נבֿיאים, זײַנען זיי דאָך אָבער בני נבֿיאים. און בכן דאַרף מען זיי פֿאָלגן. און די תּפֿילות און די זמירות װאָס חז״ל האָבן אײַנגעשטעלט זײַנען טאָקע על פּי רובֿ אין לשון פֿון פֿאָלק, אין אַראַמיש װי זיי האָבן דעמאָלט גערעדט.

איך גלייב אַז הילל האָט געקענט אַ ביסל עבֿרית, לכל הפּחות װי עס קען אַ הײַנטיקער תּלמיד פֿון אַ גימנאַזיע. און דאָך זײַנען אַלע היללס װערטלעך און אַרויסזאָגונגען געבראַכט אין לשון פֿון פֿאָלק — אין אַראַמיש. קענטיק אַז הילל האָט געהאַלטן: אַז דאָס פֿאָלק רעדט אַזוי, איז עס קודש. װײַל קדושה איז ניט פֿון הימל, נײַערט פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאָלק מאַכט זאַכן קודש, און דאָס פֿאָלק מאַכט זאַכן פֿאַר אויס קודש. לערנען מיר פֿון די חז״ל בכלל. ברענגט ניט צום פֿאָלק אייערע נײַע תּורות, נאָר לערנט זיך פֿון פֿאָלק. זאָל דאָס „מדרבנן״ זײַן „מהפֿאָלק״ גופֿא, װי די רבנן האָבן עס גענומען פֿון פֿאָלק און עס רעדאַקטירט, געפֿורעמט. און מהאי טעמא איז פֿאַלש געװען די גאַנצע השׂכּלה־באַװעגונג: זי איז געקומען צום פֿאָלק מיט אירע תּורות, מיט גע־

בראַכטע תּורות. און דאָס טאָר מען ניט. ניט „אלוהים אחרים״, ניט „עבֿודה זרה״ און אויך ניט קיין „קולטור זרה״. ווי אַ לערער דערלויב איך זיך צו זאָגן, אַז די מאָדערנע ייִדישע בילדונג פֿון אַלע ריכטונגען האָט אַ סך געזינ־דיקט וואָס מען האָט אין גאַנצן פֿאַרלאָזן די גאַנצע דורות־לאַנגע טראַדיציע פֿון דערציִונג און מיר זײַנען געגאַנגען זוכן אַלץ בײַ אַנדערע. ווי אַ דוגמא וועל איך ברענגען איין פֿאַקט: אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר (1921 — 1931), אין קורס פֿון פּעדאַגאָגיק, פֿלעגן מיר זיך ברייטער אָפּשטעלן אויף דעם פּראָצעס, וואָס די ייִדישע טראַדיציע פֿלעגט אָנרופֿן „גלוי אליהו״. עס איז ניט סתּם אַ לעגענדע, עס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס, וואָס קומט פֿאַר אָפֿטער אין לערנען. עס איז יע אַ סימן פֿון ריכטיקן מעטאָד. עס איז דאָס וואָס די גמרא רופֿט אָן „דבֿר מתּוך דבֿר״ (שבת לא׳). און די דערשײַנונג איז טאַקע אָפֿטער אַ סך אָפֿטער געווען אין טראַדיציאָנעלע ייִדישע ישיבֿות אײדער אין ניט־ייִדישע שולן, מיט זייער גאַנג פֿון לערנען. גלוי אליהו בײַ תּלמידים איז אַ סימן פֿון ריכטיקן מעטאָד בײַם לערער. אָבער מיר וועלן זיך אומקערן צו דער אַלגעמיינער טעמע אונדזערער.

## די תּנכישע העלדן אין די אויגן פֿון חז״ל

איך ווייס ניט צי עס איז מעגלעך אַ „היסטאָרישער אמת״. צי קען עמי־צער אונדז געבן אַן אמתן בילד פֿון פֿאַרצײַטן. איטלעכער זעט די פֿאַרגאַנ־גענהייט מיט די אויגן פֿון זײַן צײַט און פֿון זײַנע אינטערעסן. זײַנען אַלע תּנך־העלדן אַנדערש אין גמרא. משה איז אין דער תּלמודישער לעגענדע פּשוט מענטשלעכער ווי ער איז אין חומש. ער וויל ניט שטאַרבן ווי מענטשן בכלל. אָבער גאָר אַנדערש זײַנען אליהו און דוד. דער תּנך באַשרײַבט אליהו ווי אַ שטרענגען, בייזן, פּרינציפּן־אויסגעהאַלטענעם העלד. מיטן בליק פֿאַרברענט ער מענטשן, וואָס גייען אין אַנדערע וועגן. ער כאַפּט דעם מלך און שטעלט אים אָפּ און זאָגט אים אַרײַן „הרצחת וגם ירשת?״ גאָר אַן מורא. ער הרגעט אויס די בעל־נבֿיאים גאָר אָן רחמנות. ער ווערט אַנטוישט און אַנטלויפֿט פֿון ייִדן צו דעם געטלעכן באַרג. ער איז גרייט דאָרטן צו בלייבן אַפֿילו. באשר גאָט הייסט אים גיין צוריק צום פֿאָלק, ער גיט איבער די נבֿואה צו זײַן תּלמיד און אַליין גייט ער אַרויף אויפֿן הימל.

גאָר אַ צווייטער אליהו דערשײַנט פֿאַר אונדז אין דער תּלמודישער אגדה. קודם כּל איז ער גאָר אַ גוטער, אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער, וואָס ווייס נאָר צו טאָן גוטס אַלע נויט־באַדערפֿטיקע. ער לאָזט זיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר קנעכט כּדי אַ ייִד זאָל פּטור ווערן פֿון זײַן אָרעמקייט. ער קומט צו יעדן ברית, ווו מען גרייט פֿאַר אים אַן אַ שטול. ער קומט צו יעדער ייִדישן סדר, ער העלפֿט

די ייִדן לערנען תּורה, ער וואָרט צוגלײַך מיט ייִדן צו ברענגען משיחן, כאָטש אַנזאָגן ייִדן די גוטע בשורה פֿון גאולה. ניטאָ אין גאַנצן דער מאָמענט פֿון קאַמף, ניטאָ די שטרענגקייט, די בייזקייט, ער איז כּולו נאָר גוטס. ער אַנט־לויפֿט ניט פֿון ייִדן, חלילה, הגם זײַן אָרט איז אויפֿן הימל, דאָך איז ער כּסדר, כּמעט תּמיד מיט ייִדן, בײַ ייִדן. אַוודאי העלפֿט ער ייִדן לערנען (ניט דעם תּנך!). אַלע שווערע פּראָבלעמען אין גמרא, אַלע תּיק״וס בלײַבן פֿאַר אים, און ער וועט עס ברענגען אי״ה אויך משיחן.

אויך דוד המלך איז גאָר אַנדערש אין דער תּלמודישער אגדה. ניטאָ דער „איש מלחמה" וואָס אין תּנך. ניטאָ אין גאַנצן קיין מלחמות. אליהו האָט פֿאַרגעסן זײַן מלחמה מיט דער איזבֿל, און דוד המלך האָט בכלל פֿאַרגעסן זײַן מלחמה־פּירעכץ. ער זיצט גאָר און לערנט. ס'איז דאָ גענוג וואָס צו לער־נען. און אויך מלחמות זײַנען פֿאַרבונדן מיט דינים, מיט הלכות, וואָס מען דאַרף באַזאָרגן. ביידע — ווי דוד אַזוי אויך אליהו האָבן מער ניט קיין אינ־טערעסן פֿון אַ מדינה. ניטאָ קיין מדינה פֿאַר די חז״ל, ניטאָ בײַ זיי קיין אינ־טערעסן און קיין פּראָבלעמען פֿון מדינות... געענדערט די סיטואַציע פֿון ייִדן, ניטאָ מער קיין אָרגאַניזירט פֿאָלק, ניטאָ אויך קיין פּראָבלעמען פֿון אָרגאַניזירטן פֿאָלק בײַ די חז״ל און אין די פֿאָרשטעלונגען וועגן די באַליבטע העלדן. מיט די אַלגעמיינע פֿאָרשטעלונגען האָבן זיך געענדערט אויך די „ביל־דער פֿון די באַליבטע העלדן". גאָט אַליין איז דאָך אַנדערש געוואָרן אין די פֿאָרשטעלונגען פֿון חז״ל. אַזוי איז אויך אַנדערש די באַציִונג פֿון חז״ל צום תּנך. ווי געזאָגט שוין פֿריִער איז דער תּנך איצט דעגראַדירט געוואָרן ביז מקרא, ניט תּורה. ער העלפֿט ניט בויען דעם „עולם הבא" פֿון ייִדישן פֿאָלק. ער באַ־זאָרגט ניט דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. און דערפֿאַר האָבן חז״ל באַגרעניצט דעם תּנך: ניט מער ווי די פֿיר און צוואַנציק ספֿרים און מער ניט, און ניט פֿאַרנעמען זיך צו פֿיל מיטן תּנך. ניטאָ פֿאַר אים קיין „עולם הבא" פֿון פֿאָלק.

## דאָס פֿאָלק און זײַן אינטעליגענץ

שווער צו געפֿינען נאָך אין אַ צווייטער תּקופֿה אַזאַ אײַנשטימיקייט צווישן דעם פֿאָלק און זײַן אינטעליגענץ. פֿאַרשטייט זיך, עס זײַנען געווען נאָך ריכ־טונגען — די צדוקים און די איסיים. אָבער זיי זײַנען דאָך פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין דער געשיכטע און ניטאָ פֿון זיי קיין זכר. אינטערעסירן זיי אונדז נאָר ווי אַ בײַשפּיל מען זאָל ניט גיין אין זייערע וועגן.

און דער אַלגעמיינער אויספֿיר פֿון דער אַרבעט — דער פֿאָלקיזם האָט אויסגעפֿירט. און די פּרושים ווי די חז״ל זײַנען געווען די „פֿאָלקיסטן" פֿון פֿאַרצײַטן. פֿון זיי דאָס גאַנצע הײַנטיקע פֿאָלק. קודם כּל איז פֿאַר אונדז צו

לערנען די באַציִונג צו דער פֿאָלקישער שפּראַך. קוים רעדט די שפּראַך דאָס פֿאָלק ישׂראל, איז זי קודש. און די גאַנצע שאַפֿונג פֿון פֿאָלק הן אין תּפילות הן אין לערנען, — איז אַלץ אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאָלק און זײַן פֿירונג זײַנען דער מקור פֿון תּורה מדרבנן. און גאָט לערנט די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָס איז דער ווײַטסטער פֿאָלקיזם. די חז״ל האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין דעם נבֿיאישן גרימצאָרן קעגן פֿאָלק איבערהויפּט האָט זיי אויפֿגעבראַכט דער גרעסטער פֿון די נבֿיאים — ישעיהו. ערשטנס, זאָגט ער: ער האָט געזען גאָט זיצט אויף זײַן טראָן. און אין תּורת משה שטייט „לא יראני האדם וחי״. ער זידלט דאָס פֿאָלק; ער זאָגט „בתוך עם טמא שׂפֿתים אנוכי יושבֿ״. דערפֿאַר קומט די אגדה און פֿאַרמישפּט דעם נבֿיא צום טויט. ער באַהאַלט זיך אין אַ בוים מיט אַן אויסגעהוילטן שטאַם. צעזעגט מען דעם בוים, ער שטאַרבט ווען די זעג דערגרייכט צום מויל וואָס האָט געזאָגט אויפֿן ייִדישן פֿאָלק „בתוך עם טמא שׂפֿתיים״ (יבֿמות מט׳ב׳). דער גוטער רש״י גיט צו אויפֿן אָרט, אַז די בייזע רייד האָט דער נבֿיא געזאָגט ניט פֿון גאָט, נאָר פֿון זיך אַליין. גאָט קען גאָר ניט הייסן זאָגן אַזעלכע רייד אויף זײַן באַליבט פֿאָלק ישׂראל!

חז״ל האָבן שוין אונטערגעשיידט דת משה און דת יהודית (כּתובֿות עבֿ׳ א׳). און רש״י דערקלערט דאָס איז דת, וואָס ייִדן פֿירן זיך „אף על גבֿ דלא כּתיבֿא״ — אָנגענומען בײַ ייִדן, הגם ניט פֿאַרשריבן״. צוויי באַציִונגען זײַנען דאָס צום פֿאָלק. אַכטונג און גלויבן אין פֿאָלק, אָדער אומאַכטונג און קריטיק אַן אַ ברעג. די געשיכטלעכע סיבות פֿון אַזאַ פֿאַרשיידנקייט איז ניט דאָ צו דערקלערן, אָבער זיי טרעפֿן זיך אין אַ סך תּקופֿות — די צדוקים אַמאָל און די משׂכּילים אַ סך שפּעטער. אַזאַ מין אַכטונג און פֿאַרגלויבטקייט אין פֿאָלקיזם ווי בײַ די חז״ל איז שווער צו געפֿינען אין אַ צווייטער תּקופֿה. בכל אופֿן איז פֿון דעם ווײַט, דיאַמעטראַל ווײַט די הײַנטיקע אָרטאָדאָקסיע. דאָס איז דער פֿילאָסאָפֿישער גאַנג פֿון די חז״ל, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט ניט אין ווערטער, נײַערט אין הלכות, אין מעשׂים. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן חכמי אתונא און חכמי ישׂראל. דאָס איז אויך דער אונטערשייד צווישן די חז״ל און די ערשטע קריסטן, וואָס זײַנען נאָך געווען אין שויס פֿון ייִדישן פֿאָלק: גאָט אָדער דאָס פֿאָלק — ווער דאַרף פֿאַרנעמען דאָס הויפּטאָרט אין לעבן פֿון פֿאָלק? חז״ל זײַנען אַוועק אויף איין וועג, די ערשטע קריסטן — די ייִדישע קריסטן — אויף דעם צווייטן וועג.

## תּקופֿות און ספֿרים

שוין געזאָגט אַ סך מאָל: דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט און האַלט זיך דורך תּקופֿות. געענדיקט די גרויסע תּנך־תּקופֿה — ישׂראל אין זײַן לאַנד, האָט דאָס

ייִדישע פֿאָלק דאָס מאַטעריעלע לאַנד פֿאַרוואַנדלט אין רוחניות, אין „ארץ ישׂראל של מעלה", וואָס מען קען מיטנעמען אין האַרצן לדורות. אַוועק פֿון לאַנד מיט אַ... ספֿר, מיטן תּנך, ספֿר במקום לאַנד. אויסגעמעקט דעם „כּי מציון תּצא תּורה ודבֿר ה׳ מירושלים" (ישעיהו ב׳) און אָנשטאָט דעם געדרשנט „מבֿבֿל תּצא תּורה ודבֿר ה׳ מנהר פּקוד". און ווידער — אַ ספֿר — דער ים התּלמוד. די גרייס פֿון תּנך — די גרייס פֿון ארץ ישׂראל; די גרייס פֿון ים התּלמוד — די גאַנצע וועלט. דער תּנך — איין לאַנד, איין שפּראַך. דער תּלמוד — צוויי לענדער און מער ווי צוויי! צוויי שפּראַכן — עבֿרית און אַראַמיש און מער ווי צוויי — וואָרום גייט לערנט אַ שטיקל גמרא אָן ייִדיש!

מיט וואָס לעבט און האַלט זיך דאָס ייִדישע פֿאָלק? — מיט זײַנע ספֿרים. מיר לעבן איצט אין דער דריטער תּקופֿה; תּקופֿת השטעטל — אויך ספֿרים; ספֿרים וואָס זײַנען נאָך ניט צונויפֿגענומען אין איין „תּלמוד השטעטל".

...דער ווײַטערדיקער קיום האומה הענגט אָפּ פֿון דעם, צי וועט דאָס פֿאָלק אין דער וועלט אָפּהיטן דעם ספֿר פֿון דער תּקופֿת השטעטל — דעם תּלמוד השטעטל אָדער, חלילה, ניט.

## די גאָט־באַגריפֿן בײַ ייִדן

מיר האָבן אונדזער ייִדישקייט (אָדער אמונה) ניט איבערגענומען בײַ קיינעם, ניט אײַנגעהאַנדלט קיין דימענטענע צירונג, וואָס ענדערט זיך ניט, נאָר עס איז אַן „עץ חיים" וואָס האַלט כּסדר אין וואַקסן. „דבֿרי תּורה פּרין ורבין." אויך די גאָט־באַגריפֿן האָבן בײַ אונדז געהאַלטן אין איין וואַקסן, וואַקסן הייסט — זיך ענדערן.

איך נעם זיך צו דעם קאַפּיטל ניט אָן פּחד, ווײַל ייִדן האָבן תּמיד אויסגעמיטן זיך צו פֿאַרנעמען מיט דעם. און ריכטיק! אַז ייִדישקייט איז דאָך ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר אַ פֿאָלק־רעליגיע. קען מען אויסמײַדן אַלע גאָט־פּראָבלעמען און בלײַבן ייִדן. אָבער דאָך האָבן די גאָט־באַגריפֿן בײַ ייִדן דורכגעמאַכט אַ גוואַלדיקע אַנטוויקלונג.

אין אָנהייב פֿון תּורת משה איז פֿאַראַן „ורוח אלוהים מרחפֿת על פּני המים" — גאָטס גייסט שוועבט איבער דעם פּנים (אויבערפֿלאַך) פֿון די וואַסערן. שוועבן מיינט — באַוועגן זיך אויף איין אָרט. ניט אומזיסט איז אין העברעיִש ווינט און גײַסט — דאָס זעלביקע וואָרט — רוח. גאָט „גייט זיך" (מתהלך לרוח היום) אין דער קילקייט פֿון טאָג, שפּאַצירט זיך גאָט אין גאָרטן. גאָט זוכט אדמען און חוהן און רופֿט אים „איכּה?" — וווּ ביסטו? גאָט רעדט מיט די מענטשן, ווי פּשוטע צוויי מענטשן ריידן צווישן זיך. גאָט מאַכט חרובֿ די גאַנצע וועלט (מיטן

מבול) און האט חרטה נאך דעם ווען אלע אומשולדיקע זיינען שוין ניטא. דער פרינציפ פון גאטס גערעכטיקייט איז נאך ניטא. גאט וויל ניט אז אדם און חוה זאלן זיין ווי גאט „יודעי טוב ורע״. ער דערלאזט עס נישט די בויערס פון מגדל בבל, ווי ער וואלט עס מורא געהאט פאר קאנקורענץ. ערשט אברהם, דער ערשטער ייד ברענגט צו גאט דעם פרינציפ פון גערעכטיקייט, דעם „חלילה לך, השופט כל הארץ לא יעשה משפט!״ גאט מאכט אן אפמאך מיט אברהמען באַקרעפטיקט ער מיט איבערנאטירלעכע פראצעסן (ברית בין הבתרים). א צייט שפעטער — גאט שיקט משהן קיין מצרים ווידער מיט איבערנאטירלעכע פראצעסן: א ברענענדיקער דארן, וואס ווערט ניט פארברענט; די ערד ווו משה שטייט איז הייליק פון גאט אליין; משה זאל פאר פרעהן מאכן איבערנאטירלעכע זאכן. גאט איז מעכטיקער פון די מצרישע געטער.

און שפעטער, שוין אין כנען, ווידער פעלקער און געטער. דער יידישער גאט האט זיין פריוואטן נאמען. „כמוש״ איז דער גאט פון מואב און י. ה. ו. ה. איז דער נאמען פון יידישן גאט. ווי מען דארף די פיר אותיות לייענען איז ניט באקאנט קיינעם. ער ווערט ניט געשריבן אפט. עס פארבייטן אים די „יודן״. ער ווערט ניט ארויסגעזאגט. מען לייענט גאר אן אנדערווארט אדוני, וואס באטייט גאר הערשאפט, פון אדון. אויך דער נאמען ווערט ארויסגערעדט נאר אין דאוונען, בכלל ווערט ער פארביטן מיט דעם „אדושם״ (מסתמא פארגרייזט פון השם). דעם שם המפורש פלעגט ארויסזאגן נאר דער כוהן גדול איין מאל אין יאר, יום כיפור אין דער עבודה. אבער דאס וואס דער יידישער גאט האט יע א פריוואטן נאמען באווייזט, אז אויך יידן האבן געגלויבט: פעלקער האבן זייערע געטער און איטלעכער גאט האט זיין נאמען; דאס אויסמיידן דעם פריוואטן נאמען פון גאט קען האבן צוויי מאטיוון: מחמת הייליקייט און מחמת דעם ניט גלויבן מער אין א סך געטער. גאט איז איינער, דארף ער ניט קיין פריוואטע נעמען. אין דער גאנצער צייט פון תנך איז גאט ווי פאר זיך, באזונדער. ער האט זיין „משכן״ נאך אין מידבר ווען יידן וואנדערן. ער באווייזט זיך דארטן מיט א וואלקן („וירד ה׳ בענן״). משה גייט צו גאט אויף דעם הר אלוהים; דארטן, אויפן הימל קריגט משה די געטלעכע לוחות. גאט באגלייט די יידן פון מצרים ווי מיט א וואלקן. יידן טראגן מיט אין זייערע וואנדערונגען דעם „ארון הברית״. אין אים זיינען געטלעכע זאכן. דער ארון הברית באגלייט די יידן כמעט די גאנצע צייט פון בית ראשון. יידן פלעגן דעם ארון־הברית מיטנעמען אויף מלחמות, ער זאל זיי העלפן. אליהו לויפט צום געטלעכן בארג אין מידבר. דארטן איז גאט, ניט מיטן יידישן פאלק. משה רעדט מיט גאט „פנים אל פנים״, ער וויל זען גאט. אבער עס איז גאר אוממעגלעך א מענטש זאל זען גאט (כי לא יראני האדם וחי). אבער ישעיה דערציילט אז ער האט געזען גאט אויף

זײַן געטלעכן טראָן. די גאַנצע צײַט איז נאָך גאָט עטוואָס מאַטעריעלס און ער איז באַזונדער אין זײַנע ערטער. קען זײַן אַפּילו ווײַט פֿון ייִדן. גאָר נײַע פֿאַר־שטעלונגען וועגן גאָט זײַנען בײַ די חז״ל. קודם כּל ווילן ניט די חז״ל קיין שום מאַטעריעלע געטער, קיין שום מאַטעריעלע סימבאָלן פֿון גאָט. גיבן חז״ל דעם ערשטן ייִדן, אבֿרהמען, אַ האַק און זיי הייסן אים גיין און צעהאַקן אַלע מאַטע־ריעלע געטער פֿון זײַן טאַטן. די קופּערנע שלאַנג וואָס משה האָט געמאַכט, ווערט צעשטויסן נאָך בעתן בית ראשון. דערציילט אַ גמרא אַז ווען שלמה האָט געוואָלט אַרײַנפֿירן דעם ארון הברית אין זײַן נײַעם בית המקדש, האָבן זיך די טויערן פֿאַרמאַכט פֿון זיך אַליין און ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן דעם ארון אין בית המקדש (שבת ל׳ א׳). שפּעטער, מסתּמא אין די צײַטן פֿון ירמיהו ווערט טאַקע דער ארון הברית שטילערהייט באַשטאַט (גניזת הארון) אָבער וועגן דעם דערציילט ניט דער תּנך, נאָר די גמרא. בכל אופֿן זײַנען שוין אין צווייטן בית המקדש ניט אַרײַנגעבראַכט געוואָרן קיין שום מאַטעריעלע הייליקייטן.

חז״ל באַנוצן גאָר אַנדערע נעמען פֿאַר גאָט, ניט די פֿיר אותיות וואָס פֿרומע ייִדן מײַדן אויס אַרויסצוזאָגן ביז הײַנט (מען זאָגט „יוד קיי, יוד וואָו״ אָבער ניט יוד היי). די נעמען וואָס חז״ל באַנוצן זײַנען סימבאָלן — הקדוש ברוך הוא, אָדער „קודשא בריך הוא״ (אין אַראַמיש) רבונו של עולם, רחמנא, אבינו מלכנו און איבערהויפּט פֿירן אַרײַן גאָר נײַע באַגריפֿן די נעמען „המקום״ און „אין סוף ברוך הוא״... די צוויי נײַע נעמען האָבן אַ שײַכות צום קאָסמאָס בכלל. דער גאַנצער קאָסמאָס איז געטלעך און אומענדלעך — אין סוף. די אַנדערע נעמען זײַנען אין פֿאַרבינדונג מיט ייִדן, מיט דעם לעבן אויף דער ערד. דאָ קומט שוין דער גאַנצער קאָסמאָס. און גאָט איז „מרא דעלמא כּולא״, רבון כּל העולמים. ער דאַרף ניט קיינע סימבאָלן, ווײַל דער גאַנצער קאָסמאָס איז זײַן סימבאָל, איז מעיד אויף דעם באַשעפֿער.

## די תּורה און גאָט — ווער איז וויכטיקער

אַ מאָדנער נאָמען: די תּורה איז פֿון גאָט, גאָטס טאָכטער, זײַן שאַפֿונג, איז ווי קען זיך גאָר שטעלן אַזאַ פֿראַגע? אָבער די זאַך איז פֿאַרט אַזוי!

דאָס וואָרט תּורה מיינט אָנווײַזונג. און אין אַזאַ טײַטש ווערט דאָס וואָרט גענוצט אין די ערשטע פֿיר ספרים פֿון חומש — תּורה מיינט אַ דעטאַלער אָנווײַז ווי זיך צו פֿירן אין דעם אָדער יענעם באַשטימטן פֿאַל. „זאת תּורת החטאת״, „וזאת התורה לחטאת ולמנחה״ וכדומה. ערשט אין ספר דבֿרים קומט דאָס וואָרט תּורה פֿאַר דעם גאַנצן סכום געזעצן און אָנווײַזן „הואיל משה באר את התורה הזאת״, „וזאת התורה אשר שם משה״ און אַזוי אַ סך, כּסדר. בײַ די

נביאים פיגורירט שוין נאר ספר התורה, די גאנצע תורה. דא איז שוין דא „ויכתוב משה את התורה הזאת" (דברים לא' 9).

ביי די נביאים פיגורירט שוין נאר די תורה ווי א גאנצע, ניט ווי פרטימ־דיקע אנווייזן. אבער אלע זייערע רייד און אלע זייערע אנווייזן זיינען אין נאמען פון גאט. „כה אמר ה'", „כי תורה מאתי תצא" זאגט ישעיה אין נאמען פון גאט. די גאנצע תורה איז טאקע נאר פון גאט דירעקט, קיין פארזיכיקייט האט זי ניט.

אבער ביי די חז"ל האט שוין די תורה פאר זיך א מעמד, גאט לערנט די תורה, די תורה איז באשאפן געווארן א סך פריער ווי די גאנצע וועלט. גאט מוז אליין פאלגן דער תורה. אין דער בארימטער מחלוקת וועגן תנור דבי עכנאי, ווען די חכמים דיסקוטירן מיט ר' אליעזרן און עס קומט א בת קול פון הימל אז ר' אליעזר איז גערעכט, ענטפערט מען „אין אנו משגיחין בבת קול" מיר פאלגן ניט גאט און זיין בת קול. ווייל אין דער תורה שטייט „אחר רבים להטות". און אליהו איז אן עדות, אז גאט שמייכלט און זאגט צופרידן „נצחוני בני" די קינ־דער האבן מיך גובר געווען. זיי מיט דער תורה זיינען שטארקער פון מיר און פון מיין ווארט (בבא מציעא נט' ב'). רבי עקיבא דרשנט אז גאט האט איבערגעגעבן די חז"ל צו באשטימען די טעג פון יום טובים. און די חז"ל באשטימען עס לויט דער תורה, פארשטייט זיך. קיין לוח איז נאך ניט געווען. (ראש השנה כה' א'). עס גייט א פלוגתא אין דער ישיבה של מעלה וועגן עפעס אין טומאה און טהרה. האט גאט איין מיינונג און „כולהו מתיבתא דרקיע" האט א פרקערטע מיינונג. ווער פסקנט? ניט גאט, נאר מען שיקט דעם ליבן פריינד אונדזערן אליהו צו איינעם פון די לעבעדיקע חז"ל ער זאל פסקענען, ווייל ער איז דער מומחה, דער „יחיד אין די געביטן" (בבא מציעא פו' א'). ער פסקנט לויט דער תורה, און גאט וועט גערן פאלגן. דוכט זיך מיר אז אין דעם אלעם קען מען גרינג קלאר זען די פילאסאפישע הנחות פון די חז"ל, וואס זיי האבן ניט פארמולירט אין פילאסאפישע פארמולעס, נאר אין אגדות און אין הלכות. לעולם, פארשטייט זיך, איז גאט דער בורא עולם, אבער ער קען ניט באשאפן לויט זיין מאמענטאלן ווילן, נאר לויט באשטימטע געזעצן. די געזעצן פון באשאף דאס איז אויך א תורה, אן אורעלטע תורה. די דאזיקע תורה איז ניט געשריבן געווארן, און ניט געטראגן געווארן צו מענטשן און גאט באשאפט די וועלט „מביט בתורה ובורא את העולם" (בראשית רבה פא'). ניט לויט די פעסטע געזעצן פון דער „תורת הקוסמוס" קען גאט ניט שאפן און ניט באשאפן. דאס אלץ איז די „תורת הקוסמוס" וואס היינט רופט מען עס נאטור־וויסנשאפטן... און מען דארף זיי לערנען און גאט, הקב"ה זיצט די ערשטע דריי שעה פון טאג און לערנט. ער איז „עוסק בתורה". אויף דעם סמך פון דעם האט געוויס ר'

שניאור זלמן, דער בעל „התניא" געמעגט שרײַבן „אלוהים בגמטריא הטבע" (תניא חלק ב׳ פרק ו׳).

מיר ווילט זיך די זאַך פֿאָרשטיין אַ סך ברייטער: חז"ל האָבן אין דער וועלט געזען דרײַ אָפּטיילן, פֿון דרײַ געביטן, פֿון דרײַ פֿאַרשיידענע עלטערס. די ערשטע, די עלטסטע איז טאַקע די תורת הקוסמוס, וואָס איז אין גאַנצן ניסתר, זי איז בײַ גאָט און ער באַשאַפֿט די וועלט לויט אירע אָנווײַזונגען. זי איז טאַקע אַ סך עלטער פֿון דער וועלט, אַלע וועלטן זײַנען לויט איר באַשאַפֿן געוואָרן. שפּעטער ווען עס זײַנען געקומען מענטשן אויף דער וועלט, האָט גאָט זיי געגעבן אַ „תורת האדם" — דאָס איז די תורה פֿון די „בני נוח". ערשט נאָך שפּעטער, ווען עס זײַנען געקומען ייִדן אויף דער וועלט און זיי האָבן געקראָגן אַ תורה שבעל פה, וואָס משה האָט שפּעטער פֿאָרמולירט בכתב, און זי וואַקסט און זי הערט ניט אויף צו וואַקסן, און יעדער דור (און מיר אויך אין אונדזער דור!) זײַנען מחויב מחדש צו זײַן תורה, אין גײַסט פֿון אונדזער צײַט און דאָס איז אונדזער „תלמוד תורה"... די ייִדישע תורה איז נאָר דער דריטער טייל פֿון גאָטס תורה.

עס קומט איצט אויס, אַז גאָט איז אָפּהענגיק פֿון ייִדישקייט, און ייִדישקייט איז אָפּהענגיק פֿון ייִדן. גאָט ווערט שוואַך ווען ייִדן „פֿוילן זיך" צו זײַן פֿאַרטיפֿט אין דער תורה. שוואַכט זיך אָפּ ייִדישקייט, ווערט גאָט שוואַכער, ווערט גאָט אָרעמער (תענית ז׳ ב׳ און מגילה י׳ א׳) און ווען ייִדישקייט ווערט שטאַרקער, ווערט אויך גאָט שטאַרקער. דערציילט דער חומש אַז עמלק איז געקומען מלחמה האַלטן מיט ישׂראל, איז ווען משה פֿלעגט אויפֿהייבן די הענט, פֿלעגט ישׂראל שטאַרקער ווערן און פֿאַרקערט. דרשנט אויף דעם דער דרשן: ווען ייִדן ווענדן זיך צו גאָט, ווערט ישׂראל שטאַרקער, און ווען די ייִדן קערן זיך אָפּ פֿון גאָט, ווערן זיי שוואַכער... זאָגט עס אַ גמרא (תענית ז׳ב׳ און מגילה יא׳א׳): „צוליב דער פֿוילקייט פֿון ייִדן און זיי האָבן ניט געפֿאָלגט דער תורה, ניט געגאַנגען אין די ריכטיקע וועגן, איז גאָט געוואָרן אָרעמער". אַ מדרש זאָגט עס נאָך שאַרפֿער: ווען ייִדן טוען דעם רצון פֿון גאָט מאַכן זיי שטאַרקער די „גבֿורה של מעלה". און ווען ייִדן טוען ניט דעם רצון פֿון גאָט ווערט גאָט שוואַכער (איכה רבה, פּתיחתא א׳ לג׳). עס קומט אויס אַז גאָט בכלל איז אַ פֿונקציע פֿון ייִדישן פֿאָלק. זײַנען דאָס די עטאַפּן וואָס די גאָט-באַגריפֿן בײַ ייִדן האָבן דורכגעמאַכט:

1. — גאָט באַזונדער, פֿאַר זיך, ווײַט אַפֿילו פֿון ייִדן.

2. — גאָט אין אַן אָפּמאַך מיטן ייִדישן פֿאָלק; ער איז נאָר מיט ייִדן, ער איז די הייליקייט פֿון ישׂראל.

3. — גאָטס כּוח ליגט אין ייִדישקייט. פֿאַרגעסן ייִדן זייער גאָט איז גאָט בכּלל אָן כּוח. גאָט איז מער ניט אַ פֿאַרזיכיקער כּוח, ער איז אין גאַנצן אָפּ־הענגיק פֿון ייִדן. ניט נאָר גאָט איז ניט קיין מאַטעריע, נאָר ער איז אין גאַנצן נאָר גײַסט און גײַסט דאַרף זײַן פֿאַרבונדן מיט גוף. טאָ מיט וואָס איז גאָט פֿאַרבונדן? — אַ גמרא אין ברכות זאָגט: מה הקדוש ברוך הוא מלא כל העולם, כך הנשמה מלאה כל הגוף (ברכות י׳ א׳). גייט אַ צווייטער מדרש נאָך ווײַטער און זאָגט, אַז גאָט דאָס איז דאָס האַרץ פֿון ייִדישן פֿאָלק (איכה רבה, פּתיחתא טז׳), זאָגט דער זוהר, אַז „קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד״ (אחרי מות עז׳ א׳), אָדער אַנדערש: „הקב״ה וכנסת ישראל אקרי אחד״ (זוהר צג׳). און אויב אַזוי, אויב גאָט איז אַ פֿונקציע פֿון ייִדישקייט, ער איז דאָס „קדוש ישראל״ — די הייליקייט פֿון ייִדישקייט, טאָ וואָס הייסט דינען צו גאָט? — עס הייסט דינען דעם ייִדישן פֿאָלק, דינען ייִדישקייט, ווײַל ווידער אַמאָל איז דאָך ייִדישקייט און גאָט — אחד..

מען דאַרף מודה זײַן אַז אין גלות אייראָפּע זײַנען בײַ ייִדן די גאָט־באַגריפֿן געוואָרן צוריק אָפּגעשטאַנען, צוריקגעשטאַנען, אַפֿילו מיט מאַטעריעלעס. דאָס איז מסתּמא אונטער דער השפּעה פֿון דער מאַטעריעלער רעליגיע פֿון קריסטנ־טום. אָבער — עד כאן. לאָמיר דאָ בלײַבן שטיין. עס איז שוין אַזוי אויך צו פֿיל אַריבערגעפֿירט פֿון ניסתּר און ניגלה, און ייִדישקייט האָט עס ניט ליב, זיך צו פֿאַרנעמען מיט מעשׂה מרכּבֿה. ניטאָ בײַ ייִדן קיין טעאָלאָגיע, קיין וויסנשאַפֿט וועגן גאָט, ווײַל ניטאָ קיין פֿאַרזיכיקע

## שכינה

מיר האָבן שוין אויבן געשריבן אַז חז״ל האָבן אַרײַנגעפֿירט עטלעכע נײַע נעמען פֿאַר גאָט. יעדער נאָמען האָט אַן אידעע. אַזוי איז געוואָרן אויך דער נאָמען שכינה. דאָס וואָרט איז אייגנטלעך אין גאַנצן נייטראַל — פֿון וואָרט שכן, אויך אין ייִדיש — איינער וואָס וווינט נאָענט, פֿאַראַן דערבײַ, נאָענט. אין קריאַת שמע בײַנאַכט פֿאַרן שלאָף איז פֿאַראַן: אַרום מיר שטייען מלאכים מיך צו היטן און איבער מײַן קאָפּ איז „שכינת אל״ — די אַנוועזנהייט פֿון גאָט. שפּעטער איז געבליבן דאָס וואָרט „שכינה״ אַליין אין זעלבקין זינען — די אַנוועזנהייט פֿון גאָט. גאָטס פּריוואַטער נאָמען פֿון דער תּורה איז אין תּלמוד כּמעט ווי ניטאָ. עס קומען נעמען פֿאַרבונדן מיט רחמים, מיט דין, זעלטענער — די נעמען פֿאַר־בונדן מיט קאָסמאָסן — אין סוף, המקום. אָבער שכינה קומט זייער אָפֿט. חז״ל האָבן ווי ליבער געהאַט ניט צו נוצן צו אָפֿט פֿאַרהייליקטע נעמען. עס זאָלן זײַן מיט דעם וואָרט פֿאַרבונדן אַנדערע פֿילאָסאָפֿישע אידעען — האָב איך ניט געפֿונען.

פֿאַראַן נאָך אַ וואָרט פֿאַר גאָט, דאָס איז שדי. דער אָפּשטאַם פֿון וואָרט איז ניט קלאָר. צי איז עס אַ פּריוואַטער נאָמען פֿון ייִדישן גאָט, ווי עס קומט אויס אין אַ פּאָר ערטער, אָדער עס איז אַן אָפּצייכענונג פֿון גאָט — ניט קלאָר. מען זעצט איבער שדי — דער אַלמעכטיקער גאָט. אַזוי זעצט איבער אויך יהואש. הגם איין מאָל נוצט ער דאָס וואָרט שדי ווי אַן אייגננאָמען פֿון ייִדישן גאָט. חז״ל נוצן ניט דאָס וואָרט, סײַדן אין ציטאַטן פֿון תּנך. און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלמעכטיקייט שטימט ניט מיט די חז״ל באַגריפֿן פֿון גאָט. זיי האָבן דאָך שטאַרק באַגרעניצט גאָטס כּוח אין פֿאַרגלײַך מיט דער מאַכטיקייט פֿון דער תּורה

## פֿון כּלל־ייִדישקייט צו פּריוואַטער

אַלע מלוכה־פֿעלקער לעבן אַ כּלל־לעבן. די מדינה צווינגט אַרויף פֿאַרמען און נאָרמען פֿון דעם אַלגעמיינעם, פֿון דעם כּלל־לעבן און שטייגער. אַן דעם אַרויפֿצוואַנג פֿון דעם מדינה־אײַנשטעל, צעפֿאַלט דאָס קאָלעקטיווע לעבן. כ׳ווייס ניט צי אַן אַנדער פֿאָלק האָט אויסגעהאַלטן אַן אייגענעם, אָפּגעזונדערטן נאַציאָנאַלן, אַ פֿאַרזיכיקן שטייגער אָן אַ צוואַנג פֿון דער רעגירונג און דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט עס יע באַוויזן אויסגעהאַלטן אַן אייגענעם, אָפּגעזונדערטן שטייגער אָן אַ מדינה, אין גלותן.

וועלן מיר קודם כּל מאַכן צוויי גרונט־הנחות: פֿאָלק איז אומבאַדינגט אַ כּלל, ניט קיין אָפּגעזונדערטע, פֿאַרזיכיקע יחידים. דאָס איז איינס, און צוויי: ייִדן האָבן אויך אָנגעהויבן זייער פֿאָלקישקייט ווי אַ ציבור, ווי אַ כּלל מיט אַ פֿאַרזיכיקן קאָלעקטיוון שטייגער, ווי אַ פֿאָלק. כּל זמן עס איז געווען אַ ייִדישע מדינה, האָט זי אײַנגעהאַלטן דאָס כּלל־לעבן. ווען עס איז חרובֿ געוואָרן די ייִדישע מדינה, איז דער רייף וואָס בינדט צוזאַמען די יחידים־ייִדן אין איין פֿאָלק דאָך צעבראָכן געוואָרן, טאָ ווי און מיט וואָס האַלט זיך דער קאָלעקטיוו ייִדיש פֿאָלק בכּלל? וואָס האָט איצט — אָן דער מדינה צונויפֿגעהעפֿט דאָס ייִדישע פֿאָלק צוזאַמען? ייִדן זײַנען געווען באַזונדערע יחידים און דאָך אײַנגעהיט אַ פֿעסטן און צונויפֿגעבונדענעם כּלל־פֿאָלק?

כּדי צו ענטפֿערן אויף אָט דער פֿראַגע, דאַרפֿן מיר אָנהייבן גאָר פֿון ווײַט.

פֿאַראַן געזעלשאַפֿטלעכע חיות אין דער נאַטור. אַם מייִנסטן באַקאַנט זײַנען מורעשקעס, בינען און וועספּן. יעדער מורעשקע־בערגל איז אַ „פֿאָלק״. בײַ זיי איז יעדער יחיד נאָר אַ טייל פֿון כּלל. דאָס אייגענע אינדיווידועלע לעבן שפּילט ניט קיין ראָל. אַוועקגעבן דאָס אייגענע לעבן פֿאַרן כּלל — איז אַ גע־

ווינלעכע זאך. מען קען זאגן אז עס איז ניטא ביי די באשעפעניש קיין אינ־דיווידועל לעבן. דער יחיד פארן כלל און מער גארניט. יעדער מענטשן־פאלק הייבט אן אויך אזוי. דער יחיד פארן כלל. אין תנך קען מען נאך געפינען שפורן פון אט דער פסיכיק ביי פארצייטיקע ייִדן. ערשט פאר דעם ערשטן חורבן הייבט אן ביסלעכווייז ארויסצוטרעטן דער אינדיווידו. ירמיהו שטעלט, דאכט זיך, דער ערשטער די טענות פון יחיד, פון אינדיוויד „מדוע דרך רשעים צלחה ?״ גערעכטיקייט קומט ניט בלויז דעם כלל פאלק, נאר יעדן אינדיוויד באזונדער. דער יחיד פארלאנגט פון גאט גערעכטיקייט, ניט בלויז דער כלל. דער ספר איוב אין תנך איז דער גרעסטער יחידישער מאנער פון גערעכטיקייט. עס זיינען אבער פאראן חילוקי דעות וועגן דער צייט פון דעם ספרס אויפקום. קען זיין אז דער ספר דארף שוין געהערן צו א ווייט־שפעטערדיקער תקופה, וואס מיר גייען איצט איבער צו איר.

אין די צייטן פון דער חשמונאים־דינאסטיע איז ביי ייִדן שטארק אפגע־שוואכט געווארן דער באגריף פאלק און זיין גאנצקייט... די חז״ל האבן בכלל פארלארן דעם גלויבן און באציִונג בכלל צום מלוכהשן קאלעקטיוו. די הלכה בכלל האט שוין געהאט אין זינען דעם יחיד. גערעכטיקייט פארן יחיד! ביס־לעכווייז און בהדרגה האט זיך אנטוויקלט א נייע באציִונג: דער גאנצער אויפ־פיר פון ייִדן, די מצוות און עבירות זיינען ניט באדינגט מיט די אינטערעסן פון כלל, נאר דווקא פון יחיד. ווען? אין לעבן איז דא אזוי פיל אומרעכטן, רשע וטוב לו, צדיק ורע לו. אז עס קלעפט זיך לכתחילה ניט דער באגריף פון גאטס גערעכטיקייט צום יחיד. איז אויפגעקומען — און גאנץ פאמעלעך — דער באגריף פון שכר ועונש פארן יחיד, און ווען? — נאכן טויט. אין דער תורת משה איז געווען דער הויפט־מאטיוו „למען יאריכון ימיך על האדמה״ — דער כלל פאלק און זיין גליק. אין די צייטן פון חז״ל ווערט דער הויפט־מאטיוו דער שכר ועונש. שוין ניט דער כלל פאלק, נאר די פשוטע אינטערעסן פון יחיד, זיין שכר ועונש פריוואט. במילא האט זיך געמוזט צופאסן אויך דער באגריף פון „עולם הבא״. שוין ניט דער כללישער, ניט די צוקונפט פון פאלק בכלל, נאר דווקא דער פריוואטער עולם הבא פון יחיד גופא. איז אויפגעקומען דער באגריף פון גן עדן און גיהנום אויף יענער וועלט, נאכן טויט. צוויי ווערטער זיינען געווען אין דער שפראך, זיי זיינען געווען באשטימטע געאגראפישע פונקטן אויף דער ערד, אין דער סביבה פון ירושלים. זיינען זיי געווארן סימבאלן פון יענער וועלט, פון נאכן טויט. אזוי איז אויך אויפגעקומען די אמונה אין תחית המתים. עס איז אין גאנצן א נייער געביט אין דער ייִדישער רעליגיע, וואס איז אויפ־געקומען, ווען דער קאלעקטיוו פאלק האט אנגעווארן זיין מאכט איבערן יחיד ייִד.

„איז גערעכטיקייט דאָ, זאָל זי אויפֿקומען באַלד,
נאָר אויב זי וועט נאָך דעם ווי איך וועל פֿאַרשווינדן,
ערשט נעמען זיך צינדן, —
צעשמעטערט זאָל ווערן איר טראָן פֿון גוואַלט.
(ביאַליק — י. י. שוואַרץ).

אַזוי האָט ביאַליק מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר שפּעטער פֿאָרמולירט די פֿאַר־דערונג פֿון יחיד, וואָס דאָס איז געווען דער מקור פֿון דעם אויפֿקום פֿון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון שכר ועונש אויף יענער וועלט. און אָט דער גלויבן האָט געשפּילט אַ גוואַלדיק גרויסע ראָל אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק טאַקע אויף דער וועלט. מיט דעם כּוח פֿון יחידים און פֿון יחידישן גוטס אָדער שלעכטס אויף יענער וועלט האָט זיך געהאַלטן דער קיום פֿון פֿאָלק דורך דעם שווערסטן און ביטערסטן גלות אין איראָפּע. אַזוי אַרום האָט די אמונה אין יענער וועלט שטאַרק געהאָלפֿן דעם ייִדישן פֿאָלק אײַנצוהאַלטן זײַן קיום אויף דער וועלט. דערמיט האָט די אמונה אין יענער וועלט אויסגעפֿירט אַ גוואַלדיקע פֿונקציע אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק. קען זײַן אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וואָלט לאַנג אונטער־געגאַנגען, ווען ניט אמונה אין יענער וועלט...

איך האָב אָנגעשריבן דעם לעצטן זאַץ, און איך האָב חרטה: קיינער האָט ניט אַנולירט די אמונה אין מערב־איראָפּע און זי האָט לגמרי ניט אײַנגעהיט ייִדישקייט דאָרטן; קיינער האָט אַזוי אויך ניט אַנולירט אָפֿיציעל די אמונה אין יענער וועלט אין די נײַע ייִדישע ישובֿים און מיר זעען ניט דעם כּוח פֿון דער אמונה אין יענער וועלט, זאָל אײַנהיטן ייִדישקייט. אין יעדער דערשײַנונג זײַנען פֿאַראַן, קענען זײַן סוביעקטיווע און אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן. אין דעם אויפֿהאַלטן דעם ייִדישן קיום. די אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן פֿון ייִדישן קיום זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט דער גײַסטיקער אויטאָנאָמיע אין שטעטל (וואָס אַנדערע האָבן עס גערופֿן „געטאָ"). דער גלויבן אין יענער וועלט איז געווען בלויז דער סוביעקטיווער פֿאַקטאָר. די אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן זײַנען אַלע מאָל שטאַרקער.

# די תורה אין אייביקן וואַקסן

דעם תנך קענען אַלע פֿעלקער אָננעמען, דעם תלמוד — נאָר ייִדן; נבֿיאים האָבן ניט מחדש געווען קיין ייִדישקייט און זיי טאָרן גאָרניט מחדש זײַן; חז״ל — איבערהויפּט חידושים, אָן חידושים קען גאָר ניט זײַן קיין תורה; לימוד און תלמוד; לערנען טעקסטן און שאַפֿן טעקסטן; מדאורייתא און מדרבנן — צוויי תורות; מצוות — אָנזאָגן פֿון גאָט און הלכות — שטייגער פֿון פֿאָלק. גאָט גיט די תורה אָדער ער זיצט און לערנט תורה; פּרושים און צדוקים; וויסן און דענקען (ידיעה און סבֿרא); קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק דוקא דורך „דבֿרים שבבעל פּה״, ניט דורך תורה שבכּתבֿ; תנך איז נאָר מיקרא, ניט תורה; לימוד תורה אָדער מדרש תורה; אָנגענומענע פֿאַרטיקע תורות און אָרגאַנישע רעליגיעס; חז״ל פֿאַרלייקענען בפֿירושע מצוות פֿון דער תורה; „עץ חיים היא״ — וואָס איז לעבעדיק אין אַ בוים און וואָס לעבט אין ייִדישקייט; עולם הבא פֿאַרן כּלל פֿאָלק אָדער פֿאַר יעדער יחיד באַזונדער; די נבֿיאים — צום פֿאָלק, די חז״ל — פֿון פֿאָלק; די ליבע צום פֿאָלק בײַ די נבֿיאים און בײַ חז״ל; חז״ל פֿאַרהייליקן די שפּראַך פֿון פֿאָלק; די ייִדישע העלדן אין תנך און אין תלמוד; חכמי אתונא (גריכישן פֿילאָסאָפֿן) און חכמי ישׂראל; גאָט־באַגריפֿן בײַ ייִדן; גאָטס נעמען אין תנך און אין תלמוד; די תורה איז מאַכטיקער פֿון גאָט; גאָט־באַגריפֿן בײַ ייִדן; די ייִדישקייט ווערט איבערגעגעבן צו יעדער יחיד ייִד. יענע וועלט פֿאַרן כּלל פֿאָלק אָדער פֿאַר יעדער פּרט נאָכן שטאַרבן.

פֿון די חז״ל אָן האָבן ייִדן צוויי תורות. אַזוי האָט געענטפֿערט שמאי דעם צדוקי וואָס האָט געפֿרעגט בײַ אים: וויפֿל תורות זײַנען עס בײַ ייִדן? דאָס איז דאָך געווען די גאַנצע פּלוגתּא צווישן די פּרושים און די צדוקים. די לעצטע האָבן געהאַלטן אַז בײַ ייִדן איז נאָר איין תורה, די וואָס איז פֿון משהן. תורת משה, דת משה, ספֿר משה (עזרא ו׳ 18).

די תורת משה איז געווען בײַ ייִדן זייער שוואַך, כּמעט פֿאַרגעסן. אַזוינע יום טובֿים ווי פּסח, ווי סוכּות זײַנען ווי פֿאַרגעסן געוואָרן. ווען בײַ אַ רעמאָנט אין בית המקדש איז געפֿונען געוואָרן אַ ספֿר (מלכים ב׳ כב׳ כג׳) און דער ספֿר קומט צום קייסער, וויינט דער קייסער — ווי ווײַט דער שטייגער פֿון די ייִדן איז אַוועק פֿון דער תורה, ווי זי איז פֿאַרשריבן! ווען עזרא קלײַבט צונויף דאָס פֿאָלק און לייענט, און דערקלערט די תורה וואָס ער האָט געבראַכט פֿון בבֿל, וויינט דאָס פֿאָלק (עזרא י׳). דער שטייגער לעבן פֿון פֿאָלק איז שטאַרק אַנדערש, ניט ווי דאָס וואָס איז פֿאַרשריבן אין דער תורת משה... אַ סך איז טאַקע פֿאַרריכט געוואָרן, דאָס פֿאָלק האָט זיך אומגעקערט צו תורת משה. אָבער דאָך — די צײַט איז אַן אַנדערע, דער שטייגער איז אַנדערש. איז דאָך פֿאָרט געבליבן, געמוזט בלײַבן אַ דיסטאַנץ צווישן דעם טעקסט פֿון דער תורה הכּתובֿה, צווישן דער תורת משה און דעם שטייגער פֿון פֿאָלק ישׂראל. אגבֿ זײַנען דאָך אין תורת משה ניטאָ קיין פּרטים ווי מען דאַרף דורכפֿירן די געזעצן, וואָס זײַנען פֿאַר־

שריבן. האָבן זיך איַינגעשטעלט און זיך געפֿירט מנהגים, שטייגער אַרום די געז־עצן פֿון דער תּורת משה, אַנדערע וואָס זיַינען אין דער תּורת־משה אַפֿילו ניט פֿאַרשריבן.

איז געוואָרן אַ דיסטאַנץ צווישן דער תּורה הכּתובֿה און די פֿירונגען פֿון פֿאָלק. דער קייסער ווייגט, עס ווייגט דאָס פֿאָלק ווען עס הערט וואָס עזרא לייענט פֿאַר אים פֿון דער תּורה. די דיסטאַנץ איז אַלץ געוואָרן גרעסער און ברייטער: די תּורה איז איינס און דער אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק איז גאָר פֿאַר זיך, אַנדערש. אין דעם זיַינען געווען סכּנות: די תּורת משה האָט געקענט בלײַבן פּשוט ווי עפּעס פֿון פֿאַרצײַטן, וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום פּאַקטישן און פּראַקטישן לעבן פֿון פֿאָלק; דאָס לעבעדיקע פֿאָלק ישׂראל האָט ווי קיין שײַכות ניט צו דער ייִדישער תּורה. ווען מען דערמאָנט דעם פֿאָלק די תּורת משה — ווייגט דאָס פֿאָלק. דאָס געוויין איז די איינציקע דערמאָנונג פֿון אַמאָל.

האָט זיך עס אַזוי געפֿירט ביז אַ טייל פֿון די דענקער, פֿון די געלערנטע האָבן געמאַכט אַ גוואַלטיקן רעוואָלט: זיי האָבן געלערנט: דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ניט איין תּורה, נאָר גאַנצע צוויי תּורות: איינע איז די תּורת משה, די פֿאַר־שריבענע תּורה און די צווייטע תּורה איז די וואָס אין לעבן פֿון פֿאָלק, אין זײַן שטייגער און אין זײַנע פֿירונגען.

דערצו איז נייטיק געווען אַ שטאַרקער גלויבן אין פֿאָלק און אין זײַן פֿירונג. אַזאַ גלויבן איז ניט געווען בײַ נבֿיאים. דערפֿאַר האָבן זיי געזען די גוואַלטיקע דיסטאַנץ צווישן דער תּורה און דעם אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק. אַ מין על חטא. דאָס איז אַלץ. האָבן אָבער די „פֿאָלקיסטן" — די גלויבער אין פֿאָלק איַינגעשטעלט אַ נײַעם פּרינציפּ — דעם פֿאָלקס לעבן און זײַן שטייגער — איז אויך אַ תּורה, אויך אַ הייליקע תּורה.

מען קומט צו הללן פֿרעגן אַ שטייגער־דין. ענטפֿערט הלל: „פּוק חזי" — גייט און זעט ווי עס טוען פּשוטע ייִדן און טוט אויך אַזוי. טוט ווי דער פֿאָלקי־שער שטייגער איז. און ער דערקלערט „אם לא נבֿיאים הם, בני נבֿיאים זײַנען זיי! ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, אַזוי דאַרף מען טאָן. ווײַל — זאָגט דער קעגנער היללס — שמאי — בײַ ייִדן זײַנען ניט איין תּורה נאָר צוויי תּורות — תּורה שבכּתבֿ, די תּורת משה און דער שטייגער פֿון פֿאָלק. ביידע קעגנערס — הילל און שמאי — ביידע האָבן דאָך געהערט צו איין פּאַרטיי, צו די פּרושים. פֿאַר ביידן זײַנען די פֿירונגען און די מינהגים פֿון פֿאָלק געווען ווי אַ תּורה, אַ צווייטע תּורה. אַ נײַער פּרינציפּ אין ייִדישקייט — „מינהג ישׂראל דין הוא". ענלעכע מימרות זײַנען פֿאַראַן אַ סך. מיר וועלן ברענגען נאָר אַ פּאָר: „מנהג מבֿטל הלכה" (ירושלמי), און „לעולם אל ישנה אדם מן המינהג" (בבא מציעא פּו׳ ב׳).

דערבײַ איז פֿאַראַן אַ באַוואָרעניש — עס רעדט זיך וועגן מינהגים וואָס האָבן אַ סמך, וואָרצלען אין ייִדישקייט. פֿאַר חז״ל איז געווען אַ פֿעסטער מאָטיוו — אַן אָרט ווו דײַנע עלטערן און זייערע עלטערן האָבן זיך נוהג געווען אַ איסור, זאָלסטו נוהג זײַן אַ היתּר? (חולין ו׳, ב). האָבן די חז״ל און די פּרושים בכלל פֿון די מינהגים, פֿון דעם ייִדישן שטייגער, געשאַפֿן אַ נײַע תּורה, אַ צווייטע תּורה — תּורת משה און תּורת חיים, אָדער אויף זייער פֿאַרצײַטיקער שפּראַך אויף זייער ייִדיש — מדאורייתא און מדרבנן. אָדער ווידער תּורה שבכתב און תּורה שבעל פּה. דער נאָמען „שבעל פּה" איז ניט קיין שטאַרק גוטער. בעסער וואָלט געווען תּורה שבחיים (תּורת חיים איז יע פֿאַראַן!), אָדער תּורת ישׂראל (דת ישׂראל איז יע פֿאַראַן!). געקומען איז דער נאָמען שבעל פּה פֿון דעם, ווײַל חז״ל האָבן געגלויבט אַז די גאַנצע תּורה שבעל פּה איז אויך געגעבן פֿון גאָט, אָבער ניט בכתב נאָר אַזוי אָנגעזאָגט, בעל פּה. פֿאַר זייערע באַגריפֿן האָט דער נאָמען בעל פּה פֿולשטענדיק געפּאַסט, פֿאַר אונדזערע הײַנטיקע באַגריפֿן פּאַסט נישט דער נאָמען, זײַנען אין דעם חז״ל זיכער דאָך ניט שולדיק.

## מיט וואָס האָבן די חז״ל זיך פֿאַרנומען?

פֿאַר די חז״ל איז געווען קלאָר, אַז:

א. — פֿאָלק איז אַ סכום מענטשן וואָס האָבן איין געמיינזאַמען שטייגער לעבן, געמיינזאַמע פֿירונגען. ייִדן זײַנען און וועלן זײַן אַ פֿאַרזיכיק פֿאָלק כּל זמן זיי וועלן האָבן אין אַלע זייערע צעשפּרייטונגען (בכל תּפוצות ישׂראל) איין און דעם זעלביקן שטייגער, די זעלביקע פֿירונגען און מינהגים. האָבן חז״ל גענומען זיך צו שטודירן ניט קיין ספֿרים, אַפֿילו ניט די ספֿרי התּורה, נײַערט צו שטודירן, צו פֿאָרשן דאָס עצם לעבן פֿון פֿאָלק, זײַנע פֿירונגען און מינהגים.

ב. — די געמיינזאַמע שטייגער־פֿירונגען — זיי מאַכן פֿון די ייִדן איין פֿאָלק. די פֿירונגען און געמיינשאַפֿטלעכער שטייגער — זיי שאַפֿן דאָס פֿאָלקישע אין פֿאָלק. ניט לאַנד און ניט שפּראַך, ניט געביידעס און ניט הייליקייטן, בכלל קיינע מאַטעריעלע פֿאַרמעגנס — ניט זיי זײַנען די סימנים פֿון פֿאָלק נײַערט די איינ־הײַטלעכע שטייגער־פֿירונגען. האָבן די חז״ל זיך פֿאַרנומען ניט מיט שטודירן די שריפֿטן, ניט מיטן תּנך. וואָס איז שוין דווקא יע געווען בײַ ייִדן, ניט מיט דער תּורה שבכתב, נײַערט מיט דער ייִדישקייט, מיט די ייִדישע פֿירונגען און מינהגים, וואָס זײַנען פֿאַראַן אין שטייגער, אין לעבן בײַם לעבעדיקן פֿאָלק. דער מהות פֿון פֿאָלק איז ניט אין זײַן פֿילאָסאָפֿיע נאָר אין זײַנע מעשׂים, אין זײַן שטייגער. דער שטייגער דענקען שטאַמט פֿון דעם שטייגער פֿירונגען. עס איז ניט „סוף מעשׂה במחשבה תּחילה", נאָר פֿאַרקערט „סוף מחשבה במעשׂה תּחילה".

„צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה" (נדרים כא׳ ב׳). די פילאָסאָפיע פון אַ פאָלק, זײַנע אידעען און אַרויסזאָגונגען — שטאַמען אַלע פון זײַן אויפפיר און פון זײַנע מעשׂים.

ג. — דאָס ייִדישע פאָלק איז געטלעך, הייליק און זײַנע פירונגען זײַנען אויך הייליק. די מינהגים פון פאָלק זײַנען די קדושה פון פאָלק.

ד. — מיט דער באַציִונג צום פאָלק און צו זײַנע פירונגען ווי צו קדושה, ווי אָפשטאַמיקע פון גאָט מיט דער באַציִונג האָבן זיך די חז״ל אָפגעשיידט פון די נביאים: די נביאים האָבן געהאַט זייער אידעאַל פון אַ געטלעך פאָלק און פון אַ הייליקן אויפפיר. און זיי האָבן געוואָלט דאָס לעבעדיקע פאָלק זאָל אין זײַן טעגלעכן לעבן גיין אין וועגן פון זייער געטלעכן, נביאישן אידעאַל. און ווען ניט, ווען דאָס פאָלק האָט פאָרט ניט געקאָנט נאָכגיין, נאָכפאָלגן די אידעאַלע דרכים פון נביאים, האָבן זיי, די נביאים, געברענט פון כּעס און גרימצאָרן.

די חז״ל זײַנען געקומען צום פאָלק און זיך געלערנט די דרכים פון פאָלק. זײַן אויפפיר — דאָס איז די קדושה וואָס הייליקט די ייִדן. „וקדשנו במצוותיו". דורך די שטייגער־פירונגען איז דאָס ייִדישע פאָלק קודש. דערפאַר דאַרף מען שטודירן די פירונגען פון ייִדישן פאָלק.

ה. — יעדער שטייגער ווערט אין איטלעך אָרט געפירט אַנדערש. דאַרף מען דעם שטייגער אוניפיצירן, פאַראיינהייטלעכן. יעדער אויפפיר קען אין פּרטים זײַן פאַרשיידן. איז ניט געקוקט אויף דער אַכטונג צו יעדער אָרט און צו זײַנע פירונגען, געווען שטאַרק נויטיק צו אוניפיצירן דעם שטייגער. ווײַל אין שטייגער איז אויך איין פאָלק. צווייטנס, קענען פירונגען זײַן אייגענע פון אוראַלטע דורות, און עס קענען זײַן אויפפירן איבערגענומענע פון פרעמדע פעלקער, „דרכי אמורי", וואָס פון זיי דאַרף מען זיך היטן, ווײַל די פירונגען באַשטימען דאָס פאָלק. די דרכי אמורי פירן צו עם אמורי, אויס ייִדישקייט. נמצא, אַז כּדי אויפצוהיטן דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף מען דעם שטייגער אוניפיצירן און פעסט־שטעלן, צי איז ער דורכויס ייִדיש אָדער ניט?

ו. — אָט די צווײ אויפגאַבעס — אוניפיקאַציע פון ייִדישן שטייגער ניט געקוקט אויף דער צעשפּרייטקייט פון פאָלק און פעסטשטעלן דעם ריין־ייִדישן אָפשטאַם פון שטייגער, אָדער פון דער הלכה, ווי זיי האָבן אָנגערופן דעם שטייגער — דאָס איז געווען די אויפגאַב פון די ישיבות.

ז. — עס קען ניט זײַן קיין אמת־ייִדישער ישוב אָן אַ ישיבה, אָן אַן אַקאַ־דעמיע. די ישיבות האָבן זיך פאַרנומען מיט די ייִדישע פירונגען, מיט די הלכות, וואָס זײַנען נאָך ניט פאָרמולירט אין ווערטער, אין זאַצן. פאַרשרײַבן דאָס ניט־

פֿאַרשריבענע. דאָ איז דער אונטערשייד פֿון יענע, אַמאָליקע ישיבֿות און איצ־טיקע: יענע האָבן ניט געלערנט קיין פֿאַרטיקע טעקסטן; די הײַנטיקע שטודירן פֿאַראַנענע טעקסטן. יענע האָבן געשאַפֿן טעקסטן. געבליבן זײַנען טאַקע נאָר יענע ישובֿים ווו עס זײַנען געווען ישיבֿות — בבֿל און ארץ ישׂראל. עס זײַנען דאָך געווען ייִדן, גאַנצע ישובֿים אין אַנדערע לענדער אויך. דער גרעסטער פֿון זיי — אין העלעניסטישער מצרים. פֿון זיי איז קיין ייִדישקייט ניט געבליבן. ניט אָפּגעהיט דעם שטייגער, איז ניטאָ קיין היסטאָרישע ייִדישקייט. ייִדישקייט ציט זיך פֿון די אָבֿות אָן. האָבן חז״ל געגלויבט אַז אויך זיי, די אָבֿות האָבן געהאַט אַ ישיבֿה — דאָס איז די אגדה וועגן דער ישיבֿה פֿון שם ועבֿר, וווהין די אָבֿות האָבן געשיקט זייערע זין לערנען תּורה. אונדזער תּלמוד איז ווי פּראָטאָקאָלן פֿון דעם לעבן אין די ישיבֿות. אין אונדזער גמרא קומען ניט נאָר די אויספֿירן, די אָנגענומענע געזעצן, נײַערט אויך די גאַנצע דיסקוסיעס אַרום די דינים.

ח. — דער תּלמוד איז בכן ניט קיין פּירוש אויף דער תּורת משה, נאָר ער איז אַ פֿאָרמולירונג פֿון דעם ייִדישן שטייגער אין יענער צײַט.

אַזוי אַרום האָבן מיר געקראָגן צוויי תּורות — די תּורת משה, אָדער ווי זיי האָבן גערופֿן — מדאורייתא (אורייתא איז תּורה). אגבֿ האָט זייער פֿאַר־צײַטיקער ייִדיש־אַראַמיש פֿאַרמאָגט אַ סך ווייניקער העברעיִשע ווערטער ווי אונדזער הײַנטיקער ייִדיש. אונדזער ייִדיש איז אַ סך נענטער צו העברעיִש ווי דער ייִדיש פֿון די חז״ל) און די צווייטע תּורה — מדרבנן — פֿון אונדזערע גע־לערנטע. עס ווערן גענוצט נאָך אויסדריקן — תּורה שבכתבֿ און תּורה שבעל פּה. תּורת משה איז לכתּחילה געגעבן געוואָרן בכתבֿ און די מדרבנן איז דאָך ניט געווען פֿאַרשריבן, איז זי אָבער ניט ווייניקער געטלעך, זי איז בעל פּה, ווײַל אַזוי איז זי געגעבן געוואָרן — אויסנווייניק — בעל פּה. און דער נאָמען בעל פּה איז געבליבן אויך שפּעטער ווען די גאַנצע תּלמודישע ליטעראַטור איז שוין געווען פֿאַרשריבן.

## וואָסער תּורה איז וויכטיקער

די תּורת משה אָדער די תּורה שבכתבֿ האָט נאָך געהאַט בײַ די חז״ל נאָך אַ נאָמען — „מקרא״. דער טײַטש — לעקטור, צום לייענען. עטלעכע מאָל איז פֿאַראַן אין ש״ס אַז פֿאַר לערנען מקרא — דעם תּנך הייסט עס — צאָלט ניט גאָט דעם לערנער, אָדער דער שׂכר איז זייער אַ קליינער. מיר מעגן עס אויפֿ־נעמען, אַז פֿאַרן קיום האומה האָט די תּורת משה אַ קנאַפּערן ווערט. ניט דער הייליקער ספֿר היט דעם קיום פֿון פֿאָלק נאָר פֿאַרקערט — דאָס לעבעדיקע ייִדישע פֿאָלק נעמט אַרײַן אין זײַן ייִדישן שטייגער אויך די תּורת משה. אַ

צווייטע גמרא זאָגט עס נאָך קלערער, אָפֿענער. די חז״ל האָבן זייער אָפֿט אַרויסגעזאָגט טיפֿע אידעען אין קורצע זאַצן, וואָס מיר דאַרפֿן עס פֿאַרברייטערן און פֿאַרשטיין זייער מיין. אָט איז דער מאמר: ר׳ יוחנן זאָגט: לא כּרת הקב״ה ברית עם ישׂראל אלא בשבֿיל דבֿרים שבעל פּה״ (גטין ס׳) דער גאַנצער אָפּמאַך פֿון גאָט מיט זײַן ייִדיש פֿאָלק איז נאָר צוליב דער ניט פֿאַרשריבענער תּורה, צוליב זאַכן וואָס זײַנען ניט פֿאַרשריבן. מיט אַנדערע ווערטער: דער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק איז ניט אין דער פֿאַרשריבענער תּורה, אין דער תּורת משה, נײַערט אין דער ניטפֿאַרשריבענער, אין דער וואָס בעל פּה. און גערעכט ר׳ יוחנן! מיר איצט האַלטן אויך אַזוי: קיינע שיינע, פּראַקטיקע און הייליקע ספֿרים קענען ניט אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק, נײַערט אַ פֿאָלק וואָס היט זײַן אייגענעם שטייגער — צי יע פֿאַרשריבן, צי ניט פֿאַרשריבן — נאָר אַזאַ פֿאָלק האָט זײַן קיום און עס קען אַזאַ פֿאָלק אויך אײַנהיטן זײַנע פֿאַרהייליקטע שריפֿטן. בכן איז די תּורה שבעל פּה וויכטיקער ווי די תּורה שבכּתבֿ. דאָ קען מען אײַנזען אַ גאַנצע ענדערונג אַן וועלט־באַנעם פֿון ייִדן: ביז די חז״ל — אַז דאָס פֿאָלק פֿירט זיך ניט אַזוי ווי עס איז פֿאַרשריבן, ווײַנט דער קייסער, ווײַנט דאָס פֿאָלק ווען עזרא לייענט פֿאַר אים די תּורה. דאָס פֿאָלק דאַרף זיך פֿירן ווי עס איז פֿאַרשריבן. ווען ניט — זינדיקט דאָס פֿאָלק. בײַ די חז״ל — די פֿירונג, דער שטייגער פֿון פֿאָלק איז אויך געטלעך, הייליק, אַז עס שטימט ניט מיט דעם וואָס עס איז פֿאַרשריבן, מאַכט ניט אויס. עס איז אויך פֿון גאָט, געטלעך. אויב פֿון פֿאָלק איז עס ווי פֿון גאָט. זאָגט עס בפּירוש אַ גמרא: אויב עס וועט קומען אליהו הנבֿיא און ער וועט זאָגן אַז חליצה דאַרף מען פֿירן אויף איין שטייגער, דאַרף מען אים ניט פֿאָלגן, ווײַל דאָס פֿאָלק פֿירט זיך שוין אַנדערש (יבֿמות קב׳). די פֿירונג פֿון פֿאָלק איז וויכטיקער ווי דאָס וואָס עס ברענגט אליהו דאָך פֿון הימל, פֿון גאָט אַליין. אַזאַ באַציִונג צום פֿאָלק און צו זײַן פֿירונג איז פֿריִער ניט געווען. ווען ניט אַזאַ באַציִונג וואָלט דער גאַנצער תּלמוד ניט געקאָנט זײַן. און נאָך מער — עס וואָלט ניט געווען דאָס ייִדישע פֿאָלק אין גאַנצן. משה האָט געחלומט „מי יתן והיה כּל עם ה׳ נבֿיאים״, זאָגט הילל מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער — אם לא נבֿיאים הם — אויב אַפֿילו ייִדן זײַנען ניט קיין נבֿיאים, זײַנען זיי אָבער „בני נבֿיאים״ — קינדער פֿון נבֿיאים. אַזאַ אויסדרוק וואָלט בײַ די נבֿיאים ניט געקאָנט זײַן, בשום אופֿן ניט. דער גאַנצער תּלמוד איז אַ תּולדה פֿון דער געענדערטער באַציִונג צום פֿאָלק.

## הכּל תּלוי במזל, אַפֿילו ספֿר תּורה שבהיכל

אָט דאָס ווערטל איז אָנגענומען בײַ ייִדן, און מען קען עס זאָגן וועגן דעם מזל פֿון דער תּורה בײַ ייִדן. אין משך פֿון דעם גאַנצן גלות האָבן ייִדן אויסער־

געוויינטלעך געטריַי געהיט די תורה פֿון חז״ל. מיט דער תורת משה און מיטן תנך בכלל האָט מען זיך גאָר ווייניק אָפּגעגעבן. אין די ישיבֿות פֿלעגט מען קיין תנך לגמרי ניט לערנען. אין 1903 און אין 1904 האָט דער „בונד" געפֿירט אַ שטריַיק, אַ גאַנצע מלחמה אין ראַמײַלעס ישיבֿה אין ווילנע... איינע פֿון די פֿאָדערונגען איז געווען מען זאָל לערנען תנך. געדענק איך אַ טענה פֿון דעם עלטסטן ראש ישיבֿה ר׳ בן ציון חריף: „וואָס, תנך דאַרף מען לערנען? מען נעמט אַ תנך און מען לערנט. פֿאַרקערט געדענק איך: בײַ דער ישיבֿה האָט עקסיסטירט אויך אַ רוסישע שול (דאָס האָט די רעגירונג אַרויפֿגעצוווּנגען) האָט מען דאָרטן יע געלערנט תנך אויף רוסיש, פֿאַרשטייט זיך. די גראַמאַטיק פֿון העברעיִש אויף רוסיש (לויט פּאַפּערנעס בוך, וואָס מיר פֿלעגן דאַרפֿן איבער־שרײַבן, ווײַל אין פֿאַרקויף איז ער ניט געווען) און תנך לויט דער איבערזעצונג פֿון רוסישן הייליקן סינאָד... דערמאָנט זיך מיר ווי דער לערער פֿון העברעיִשער גראַמאַטיק זאבֿ קאַהאַן — אַליין אַ תלמיד פֿון דער אַמאָליקער ראַבינער־שול אין ווילנע, פֿלעגט ער זיך טאַקע אונטערשרײַבן תמיד „ראַווין" (רבֿ). דאָס יִדישע פֿאָלק האָט זיי אָבער ניט אָנערקענט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר רבנים. איז אָט ער פֿלעגט פֿון אונדז לאַכן: — ווו עס שטייט אין דער תורה „וכתבֿתי" (מיט דער נגינה אויף דעם לעצטן טראָף) ווייסן זיי ניט און „תלמודיסטן" זײַנען זיי! אין דער טראַדיציע בכלל איז געווען אָנגענומען — אַ לערנער, אַ למדן איז מען געווען פֿון גמרא. ווער עס האָט זיך פֿאַרנומען מיט תנך איז געווען אַ מלומד אַ געלערנטער. בײַ ייִדן איז ער געווען חשוד אויף אַפּיקורסות. „אַוודאי ער איז אַ קענער, ער קען אַ סך, אַפֿילו רייכערן אַ שבתדיק פּאַפּערעסל"... דעם תנך גופֿא פֿלעגט מען קנאַפּ לערנען, דער עיקר פֿלעגט מען זיך מחיה זײַן מיט אַ פּשטל, מיט אַ דרש פֿון אַ דרשן. תהילים פֿלעגט מען „זאָגן", ניט לערנען נאָר זאָגן סתם; תלמידי חכמים פֿלעגן אַמאָל מעיין זײַן אין אַ פּסוק. צו לערנען איז עס ניט געקומען. קיין לערנען תנך איז ניט געווען.

די מערכה פֿון תנך האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט אין אונדזער צײַט. עס איז געקומען מיט דער ליבע צו העברעיִש, מיט דער משׂכּילישער נעגאַציע צו תלמוד, צו דער תלמודישער שקלא וטריא. אַ ביסל איז דאָ געווען די השפּעה פֿון דער אַרומיקער וועלט, פֿון די קריסטלעכע פֿעלקער און זייער באַציִונג צו דער „בײַבל" און צום תלמוד. אַ ביסל האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל די ליטעראַטור־באַציִונג: תנך איז שיין, דער תלמוד — ווי קומט ער צו שיינקייט? צו ליטע־ראַטור בכלל? און בכלל וואָס זאָגט ער מיר ווי איך דאַרף לעבן און זיך פֿירן? ועל כּולם האָט דאָ געווירקט דער איבערגאַנג פֿון שטעטל אין שטאָט אַרײַן. דער תלמוד איז געווען דער גײַסטיקער אינהאַלט פֿון שטעטל. אין שטאָט איז אַזוי פֿיל קולטור, ליטעראַטור, ווער האָט עס גאָר צײַט פֿאַרן אָפּשליסן זיך אין

תּלמוד? בשעת עס איז דאָ אַזוי פֿיל צו לערנען? תּנך איז געוואָרן אין מאָדע, גמרא איז אויס מאָדע. פּונקט פֿאַרקערט ווי עס איז געווען אין דער דורותדיקער טראַדיציע. גאָר באַזונדער האָט דאָ צוגעשפּילט די באַציִונג אין ארץ ישׂראל און פֿון ארץ ישׂראל האָט זיך די באַציִונג אַריבערגעטראָגן אויך אין גלות. אין ארץ ישׂראל איז געווען אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג צו פֿאַרגעסן דעם גלות, ניט נאָר די פֿרעמדע הערשאַפֿט אין גלות, די אונטערטעניקייט, נאָר אויך די גאַנצע ייִדישע קולטור וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין גלות. דער תּנך איז אַ פּראָדוקט פֿון פֿאַרזיכיקן ייִדישן פֿאָלק אין זײַן לאַנד. דער תּלמוד איז צו פֿיל גלותדיק. דאָס האָט לעצטנס געשטאַרקט די באַציִונג צום תּנך. העכער און וויכטיקער ווי דער „גלותדיקער" תּלמוד.

אָבער פֿריִער נאָך בלײַבט פֿאַר אונדז צו פֿאַרענטפֿערן נאָך אַ שווערע פֿראַגע: ווי שטעלן מיר זיך פֿאַר דעם איבערגאַנג פֿון דער נבֿיאישער נעגאַציע מיט זייער שאַרפֿער קריטיק אַן אַ ברעג צו דער באַציִונג פֿון די חז"ל, וואָס איז אַזוי צופֿרידן מיט ייִדן און מיט זייער אויפֿפֿיר? דאָס איז דאָך אַן איבערגאַנג פֿון איין עק צו אַ צווייטן. ווי איז עס געקומען צו אַזאַ עקסטרעמער ענדערונג?

## פֿון די נבֿיאים ביז צו די חז"ל

די ערשטע משנה פֿון אבֿות זאָגט: „ונבֿיאים מסרוה לאנשי כּנסת הגדולה". פֿון די נבֿיאים צו די חז"ל. שטעלט זיך אָבער אַ פֿראַגע ווי אַזוי האָט זיך עס געביטן די באַציִונג פֿון די פֿירער צום פֿאָלק? פֿאַרוואָס האָבן די נבֿיאים געזען אין פֿאָלק אַלע צרות, נאָר שלעכטס, און די חז"ל האָבן צום זעלביקן ייִדישן פֿאָלק געהאַט אַזאַ געהויבענע באַציִונג? ווי איז פֿאַרגעקומען אָט דער איבער־גאַנג? די נבֿיאים — נאָר שלעכטס און די חז"ל נאָר גוטס; די נבֿיאים — נאָר קריטיק און די חז"ל — גאָר ניט קיין קריטיק; דאָס פֿאָלק ווייס ניט און וויל ניט וויסן גאָטס וועג; דאָס פֿאָלק — זײַנען בני נבֿיאים און „עמא מאי דבֿר" — ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, אַזוי איז גאָטס וועג. ניטאָ און עס קען ניט זײַן קיין געשיכטלעכער פּראָצעס, קיין געשיכטלעכע דערשײַנונג אָן סיבות. טאָ וואָס זײַנען די סיבות פֿון דער גרויסער ענדערונג?

די ערשטע סיבה, דער ערשטער פֿאַקטאָר איז דער גלות בבֿל. אַ גוואַלדיק גרויסע דערציִערישע השפּעה האָט געהאַט דער קורצער גלות.

גלות אַשור פֿון דער מלכות ישׂראל און גלות בבֿל פֿון דער קליינער מלכות יהודה — צוויי עקסטרעמען: גלות אַשור האָט אָפּגעווישט די צען שבֿטים פֿון ישׂראל. גלײַך זיך אַסימילירט און ניט קיין זכר. מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער רעדט ירמיהו „הבן יקיר לי אפרים... המו מעי לו" ער בענקט נאָך דעם

ייִדישן פֿאָלק וואָס איז פֿאַרלאָרן געוואָרן אין גלות אשור. לעגענדעס זײַנען גע־וואָרן בײַ ייִדן וועגן דעם כּלומרשט גליקלעכן לעבן פֿון די צען שבֿטים ערגעץ הינטער די הרי חושך, הינטערן טײַך סמבטיון... מער ניט ווי לעגענדעס. אַזוי גיך און אין גאַנצן זיך אַסימילירט און קיין זכר ניט געבליבן. גלות בבֿל — פּונקט פֿאַרקערט. אַוועק אין גלות זײַנען שבֿטים, געקומען פֿון דעם קורצן גלות איז אַ פֿאָלק ניט קיין באַזונדערע שבטים. שוין גייענדיק, פֿאַרטריבן אין גלות אַרײַן איז מען געגאַנגען און געוויינט „על נהרות בבֿל, שם ישבֿנו וגם בכינו״; מען האָט זיך געפּילט שלעכט „על אדמת נכר״ — אויף פֿרעמדער ערד, אין פֿרעמדן לאַנד. מלכות שומרון האָט זיך אויסגעייִדישט נאָך אין ארץ ישׂראל, ניט געוועזן ווער עס זאָל דעם פֿאָלק דערמאָנען זײַן ייִדישקייט, האָט דאָס פֿאַר־טריבענע פֿאָלק גאָרניט געבענקט „אַהיים״. די שפּעטערדיקע „שומרונים״, וואָס האָבן אָנגעטאָן ניט וויניק שאָדן און שוועריקייטן די געקומענע פֿון בבֿל — ווער קען וויסן צי זיי זײַנען אַלע געוועזן פֿון פֿרעמדע פֿעלקער וואָס אַשור האָט גע־בראַכט, פֿאַרטריבן קיין שומרון אַנשטאָט די פֿאַרטריבענע ישׂראלים, אָדער עס זײַנען צווישן זיי געוועזן אויך ייִדן געבליבענע פֿון די צען שבֿטים?... פֿאַר־קערט, האָט זיך אין בבֿל געשמידט ייִדישקייט. זײַנען אין גלות געוועזן נבֿיאים, וואָס האָבן געדעדט, געמונטערט, ניט געלאָזט פֿאַרגעסן. האָט עס דווקא דער פֿאַרטריבענער ישעיה (דער צווייטער) אין בבֿל געשפּאָט און אָפּגעלאַכט פֿון בבֿלשער רעליגיע מיט זייער גאָט. האָט דער ערשטער ישעיה נאָר געשטראָפֿט און געמוסרט, האָט דער צווייטער אין גלות — נאָר געמוטיקט און געטרייסט. האָט דאָס פֿאָלק אין גלות שטאַרק געדענקט און געבענקט נאָך דער פֿאַרלאָרענער פֿאַרזיכיקייט. פֿלעגט מען זיך צונויפֿנעמען און פֿאַרברענגען אין די פֿרײַע טעג און פֿאַרברענגען מיט זכרונות, מיט געזאַנגען פֿון דער היים, האָט מען אין גלות גענומען פֿאַרשרײַבן דעם פֿאָלקס זכרונות, די געזאַנגען. פֿון דעם איז אויס־געוואַקסן דער תּנך, די הויפּט טיילן זײַנע. עזרא האָט עס געבראַכט צום פֿאָלק ווי די תּורת ישׂראל. משה האָט געבראַכט די תּורה מסיני און דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זי זייער שוואַך אָנגענומען. עזרא האָט געבראַכט די תּורה פֿון גלות און ער האָט זיך באַמיט זי זאָל יע אָנגענומען ווערן. ניט אומזיסט פֿאַרגלײַכט די גמרא עזראן צו משהן.

שפּעטער איז פֿון בבֿל געגאַנגען אַ געקליבענע, באַוווּסטזיניקע עליה. מען איז לכתּחילה געגאַנגען אין אָרעמען, חרובֿן יהודה־לאַנד אויפֿבויען די פֿאָל־קישע פֿאַרזיכיקייט. אַז דער גאַנצער גלות בבֿל געווען וו אַ לעקציע צו פֿאַר־שטאַרקן דעם פֿאָלקישן באַוווּסטזײַן, צוצוגרייטן די באַוווּסטזיניקע עליה מיט דער פֿולער און קלאָרער כּוונה צו פֿאַרזיכיקייט. די פֿאַרזיכיקייט איז געווען אויך אין בבֿל, אין גלות נאָך, און פֿון גלות איז זי געבראַכט געוואָרן קיין ארץ

ישׂראל. אַוועק אין גלות זײַנען שבֿטים, צוריקגעקומען איז אַ פֿאָלק מיט אײַן קלאָרן ווילן און באַוווסטזײַן. דער גלות בבֿל האָט דערצויגן אַ פֿאָלק.

## די גליקלעכע תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע

נאָך דעם גלות בבֿל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע, אַ רויִקע עפּאָכע — אַ פּאָר הונדערט יאָר אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע. קיין מדינה האָט ניט גע־וואַגט אָנצופֿאַלן אויף אַפּראָווינץ פֿון פּערסיע און פּערסיע אַליין האָט אויך געלאָזט ישׂראל צו רו. — ארץ ישׂראל — אַ ווײַטע פּראָווינץ, האָט זיך פּערסיע ניט געמישט אין אינעווייניקסטן לעבן פֿון ארץ ישׂראל. האָט די ייִדישע באַ־פֿעלקערונג פֿון ארץ ישׂראל געלעבט רויִק, פֿאַר זיך. ניט געווען קיין השפּעות פֿון גרויסע שכנישע פֿעלקער, האָבן זיך אײַנגעשטעלט טראַדיציעס, דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿאַרמערט, פֿאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד. די תּקופֿה הייסט בײַ די היס־טאָריקער „די תּקופֿה אָן געשיכטע". ניט געווען קיין גרויסע טומלונגען, קיין מלחמות, איבערקערונגען. ניט געווען וואָס צו דערציילן. און דאָס איז דאָס גליק פֿון דער תּקופֿה.

מען דאַרף געדענקען, אַז דער ווichטיקסטער געשיכטלעכער פֿאַקטאָר איז די פּסיכיק פֿון דעם פֿאָלק. אַ פֿאָלק איז ניט קיין פּאַסיווער אָביעקט פֿון דרויסנ־דיקע פֿאַקטאָרן. וויכטיק איז די פּסיכיק פֿון פֿאָלק. זי גיט אַ שטויס דער גע־שיכטע. רוסלאַנד קען ניט האָבן קיין אמתע דעמאָקראַטיע, ווײַל אין משך פֿון אייביקע דורות איז דאָס פֿאָלק געוווינט געוואָרן צו זײַן קנעכטיש אונטערטעניק. מען האָט אין רוסלאַנד ניט געהאַט אין זינען די באַקוועמקייט פֿון קונה. צוקער איז אַ היטל. קיינער דאַרף ניט קיין היטל צוקער. מעל — אַ גאַנצער זאַק, פֿינף פּוד און אַזוי כּסדר: קיין שום אינטערעס ניט צו די קויפֿערס, צו זייער באַ־קוועמקייט. פֿאָלק — דאָס איז אַ מאַסע זיך צו שלאָגן פֿאַר די אויסטראַכטונגען פֿון די הערשערס. כּל זמן די פּסיכיק צו זײַן באַהערשט וועט ניט געענדערט ווערן וועט קיין רעוואָלוציע ניט ברענגען קיין פֿאָלק־הערשאַפֿט. קען ניט זײַן אַזאַ מערכה בײַ ענגלענדער וכדומה. האָט די רוסישע רעוואָלוציע אַנטפּלעקט די שטריכן פֿון פֿאָלקס כאַראַקטער און האָט געבראַכט צוריק צו דער פֿאַר־שקלאַפֿטקייט פֿון פֿאָלק, צו דער ממשלה פֿון איוואַן דעם גרויזאַמען.

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געהאַט פֿאַרשיידענע תּקופֿות אין זײַן געשיכטע. יעדער תּקופֿה האָט אַנדערש געשמידט דעם כאַראַקטער פֿון פֿאָלק. האָט די געשיכטע פֿון דעם פֿאָלק אין מלכות ישׂראל ניט געשאַפֿן בײַם פֿאָלק קיין באַ־ציִונג פֿון אַכטונג צו זיך, צום פֿאָלק, כּסדרדיקע הויף־איבערקערענישן. נאָך אליהו הנבֿיא זײַנען אַפֿילו קיין גרויסע קעמפֿערישע נבֿיאים ניט באַקאַנט פֿון

ישׂראל. דאָס פֿאָלק — כּסדרדיקע נייגונג צו נאָכמאַכערײַ, צו אַסימילאַציע. עס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין גלות אַשור, ווײַל שוין פֿריִער, בײַ זיך אין דער היים איז ניט געווען קיין זיכאַכטנדיק פֿאָלק; עס איז אַוועק אין גלות אַ פֿאָלק אָן פֿעסטע טראַדיציעס און אָן אַ פֿאַרזיכיקער פּסיכיק, ניט געווען ווער עס זאָל אײַנהיטן דאָס פֿאָלקישע באַוווסטזײַן, און ניט געווען קיין פֿאָלקיש באַוווסטזײַן.

האָט עס דווקא דער גלות בבֿל פֿון דער קליינער, אָרעמער יהודה דער־גרייכט דאָס פֿאַרקערטע. אין גלות האָבן געווירקט און געמוטיקט נבֿיאים. צווישן זיי דער גרויסער ישעיהו דער צווייטער. האָט דאָס פֿאָלק אײַנגעהיט די שטאָלצע נבֿואות וועגן דער נישטיקייט פֿון די געטער אין דעם מעכטיקן בבֿל. האָט דער גלות בבֿל אויסגעאַרבעט די פּסיכיק פֿון פֿאַרזיכיקייט און צוגעגרייט די כּסדר־דיקע עליות אַזוי ווײַט, אַז אַ ייִדישער מיניסטער אין פּערסיע האָט זיך אָפּ־געזאָגט פֿון זײַן הויכער שטעלע און איז אַוועק בויען דאָס חרובֿע פֿאָלק און לאַנד יהודה (נחמיה). דער נאָמען נחמיה קומט פֿון נחמה — טרייסט — נחמ יה — גאָט וועט טרייסטן). ייִדן האָבן געהאַט אויך אין איצטיקע צײַטן ייִדן אויף הויכע שטעלעס אין מדינות. קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט געלאָזט קיין ארץ ישׂראל, צו בויען אַ ייִדישע מדינה ווי דאָס האָט געטאָן נחמיה. און נאָך דעם האָט זיך אײַנגעשטעלט די געבענשטע פּערסישע תּקופֿה, אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע, אָן אימיטאַציע. האָט זיך בײַ ייִדן — און איבערהויפּט בײַם פּויערים־פֿאָלק אויסגעאַרבעט גאַר אַן אַנדער פּסיכיק, אַ פּסיכיק פֿון זיכאַכטונג און אַ פֿאָלקישער שטאָלץ. צוויי תּקופֿות — די פּערסישע תּקופֿה האָט צוגעגרייט דעם חשמונאים־אויפֿשטאַנד; די הערשאַפֿט פֿון די ,שמונאים־יורשים האָט צו־געגרייט דעם... חורבן. די גליקלעכע פּערסישע תּקופֿה האָט אויסגעהאָדעוועט די נײַע באַציִונג צום פֿאָלקס פֿירונגען פֿריִער — דאָס פֿאָלק פֿירט זיך ניט ווי עס שטייט אין תּורת משה — וויי־ווי, דער קייסער וויינט, דאָס פֿאָלק וויינט. איצט גאָר פֿאַרקערט: דאָס לעבן און די פֿירונגען פֿון פֿאָלק שטימען ניט מיט דער תּורת משה. איז דעם פֿאָלקס אויפֿפֿיר אויך אַ תּורה, אַ צווייטע תּורה אַז אליהו וועט קומען (מיט משיח) און וועט זאָגן אַז חליצה דאַרף מען פֿירן אַנדערש, דאַרף מען אים ניט פֿאָלגן, ווײַל „שכּבֿר נהגו העם אחרת" — דאָס פֿאָלק פֿירט זיך שוין אַנדערש און די פֿירונג פֿון פֿאָלק — זי דיקטירט געזעצן, ניט דער אָנזאָג פֿון הימל דורך אליהו (יבֿמות קבֿ׳ א׳). נאָך מער: ווען עס קומט אַ בת קול פֿון הימל און זאָגט אַז די מיינונג פֿון ר׳ אליעזר איז די ריכטיקע. שטעלט זיך אַוועק איינער פֿון די חז"ל און זאָגט „אין אנו משגיחין בבת קול" — מיר פֿאָלגן ניט קיין בת קול, ווײַל די תּורה זאָגט אַנדערש און די תּורה איז ניט הימל (בבא מציעא נט׳ ב׳). עס דערגייט ביז צו זאָגן „דבֿר זה מתּורת משה לא למדנו, מדבֿרי קבלה למדנו" (ראש השנה ז׳ א׳). אָדער עס שטייט: דת משה

ויהודית, דערקלערט רשי — יהודית שנהגו בנות ישראל אף על גב דלא כתיבא״ (כתובות עב׳ א׳). און אַזוי איז עס אַ סך מאָל: דעם פאָלקס פירונג איז דער דין. גאָר אַן אַנדער באַציונג צום פאָלק און צו זײַן פירונג. זיי האָבן דאָס לאַנד געמאַכט פאַר אַן ארץ ישראל. דאָס וואָרט „ארץ ישראל״ איז פאַראַן אין תנך נאָר צוויי מאָל און בײדע מאָל איז עס אין עזרא. אויב דאָס לאַנד איז געבליבן אין דעם באַוווסטזײַן פון פעלקער הייליק, איז דאָס טאַקע צוליב דער קדושה וואָס איז געקומען פון זיי, פון יענער צײַט. די גמרא דערציילט אַז צוויי מאָל האָבן יידן מקדש געווען ארץ־ישראל: אין די צײַטן פון יהושע און אין די צײַטן פון עזרא (חגיגה ג׳ ב׳). די ערשטע קדושה איז געווען אַ צײַטווײַליקע, ערשט די צווייטע קדושה איז געווען אַן אייביקע. וואָלט ניט געווען די פערסישע תּקופה מיט איר פאַרפעסטיקטן שטייגער, וואָס איז דערצו פאַרהייליקט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער „תורה שבעל פה״, וואָלט קיין „ארץ ישראל״ ניט געבליבן. עס וואָלט אויך ניט געווען קיין „עם ישראל״. לאָמיר איבערחזרן: פאָלק איז דער געמיינזאַמער שטייגער. דער שטייגער איז דורך די חז״ל פאַרהייליקט געוואָרן ווי די צווייטע תורה פון יידישן פאָלק — די תורה שבעל פה. ווען ניט זי, וואָלט לאַנג פון יידישן פאָלק ניט געבליבן קיין זכר, ווי עס איז ניט געבליבן פון מלכות שומרון. אויך דער תנך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן ענדגילטיק דורך די חז״ל (דור דור ודורשיו א׳). אַזוי אַרום דאַרף מען זאָגן, אַז ניט דער תנך האָט געמאַכט די יידן פאַר אַן אייביק פאָלק, ניט די נביאים מיט זייער פּראַק־טיקער פּאָעזיע. אַז די חז״ל האָבן אויסגעפורעמט אַ פאָלק, איז געוואָרן ווער עס זאָל זיך איבערנעמען מיט תנך. ניט דער תנך האָט געשאַפן דאָס פאָלק נאָר פאַרקערט — דאָס יידישע פאָלק — דער אויפבוי פון יידישן פאָלק דורך די חז״ל האָט אויפגעהיט דעם תנך. ניטאָ אין תנך דער מאָטיוו פון שבועות — ווי „זמן מתן תורה״. דאָס אייביקע יידישע פאָלק, וואָס איז דורכגעליטן און דורכגעלעבט דעם לענגסטן גלות, לענגער ווי דאָס גאַנצע לעבן פון אַנדערע פעלקער, דאָס איז ניט פון תנך און ניט זײַן אויפטו. דאָס איז יע דער אויפטו פון די חז״ל, וואָס האָבן פאַרהייליקט און פאַראייביקט דעם אויפפיר פון פאָלק און זײַנע מינהגים, זײַנע פירונגען. עס דערגייט אַזוי ווײַט אַז דער אומענדלעך גרויסער דרשן ר׳ עקיבא דרשנט: עס שטייט „צא ואמור להם״. מיינט עס, אַז משה זאָל זאָגן די יידן: שבזכותם — אין זכות פון יידישן פאָלק רעדט גאָט צו משהן. עס איז ניט דער יחוס פון משהן אויף דעם פאָלק ישראל, נאָר עס איז גאָר פאַרקערט: גאָט רעדט צו משהן אין זכות פון דעם יידישן פאָלק. די גאַנצע גרויסקייט פון משהן איז אין דעם זכות פון דעם פאָלק ישראל (מכילתא בא׳). אַזאַ אַכטונג און גלויבן אין פאָלק ישראל איז קיין מאָל ניט געווען פריער בײַ די נביאים.

## נביאים און חכמים

דורך דעם גאנצן תנך גייט דורך איין אידעאל און דורך דעם תלמוד א צווייטער: משה און אלע נביאים האבן געהאט א זייער געהויבענעם אידעאל. דער אידעאל איז געווען ביי זיי אין הארצן, אין מוח. זיי האבן געוואלט אן „עם אלוהים, א גוי קדוש", און טאמער איז דאס פאלק ניט געווען אזוי ווי זיי האבן געוואלט, האט געברענט דער נביאישער גרימצארן, איז „עם כבד עוון, זרע מרעים" און אזוי אן א ברעג און אן א סוף. וואס די יידן טוען, טויג ניט. טאמער פאסטן זיי, איז „הכזה צום אבחרהו?", טאמער קומען זיי אין בית־המקדש, איז „מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי?"; טאמער בעטן זיי ביי גאט, איז דאס פאלק אן „עם טמא שפתים" — גארניט, גארניט! אפילו דער גע־טרייסטער פון די גרויסע נביאים ירמיהו דערלויבט זיך צו זאגן „הגנוב, רצוח ונאוף" און אזוי ווייטער. פונקט פארקערט גלויבן די חז"ל: „פוק חזי", גייט און זעט ווי דאס פאלק פירט זיך. טאקע ניט קיין נביאים, אבער בני נביאים זיינען זיי — זאגט הילל. האבן די חז"ל געשאפן א צווייטע תורה פון פאלק פירונגען, די תורה שבעל פה. זי איז געטלעך, און ניט ווייניקער ווי די תורה שבכתב. אוים פון פאלק, איז עס אויך פון גאט, געטלעך, עס איז תורה, תורה שבעל פה. מען וואלט עס געקענט אנרופן „תורה שבשטייגער". דער שטייגער פון פאלק איז קודש. גאר אן אנדער, גאר א פארקערטע באציונג ווי ביי די נביאים. ניט דער אבסטראקטער, אויסגעחלומטער אידעאל פון אן עם אלוהים, א געטלעך פאלק, ביז צו פארהערלעכן און פארגעטלעכן דאס לעבעדיקע פאלק. גאר אן אנדער אידעאל — דער קיום פון יידישן פאלק, ס'זאל ניט אונטערגיין, עס זאל ניט חס וחלילה קיין „ויכלא זרעו של אברהם אבינו" (עס זאל זיך ניט ענדיקן די קינדער פון אברהם אבינו). און פאלק איז שטייגער, און יידיש פאלק איז דער פארזיכיקער, אן א וואסער עס צומיש פון פרעמדס, פון „דרכי אמורי". היטן דעם קיום פון פאלק מיינט היטן דעם שטייגער. און שטייגער איז הלכה — דער גאנג, די פירונג. ניט מצוות נאר הלכה. מצוות זיינען אנגעזאגט, גאט הייסט. הלכה איז ניט פון גאט, נאר פון פאלקישן שטייגער. הלכה טאר מען גאר ניט פארשרייבן. פארשריבענע הלכות קענען מיט דער צייט גאר ווערן ווי מצוות, און הלכות דארפן זיך, מוזן זיך ענדערן דערפאר זיינען די וואס ווילן פארשרייבן הלכות, די „כותבי הלכות כשורפי התורה" (תמורה יד׳ ב׳). מען דארף ניט פארשרייבן קיין הלכות, מען קען זיי מיטן שרייבן פאראייביקן און הלכות דארפן ניט זיין אייביק. גאר אנדערע באגריפן, גאר אנדערע אידעאלן, אן אנדער באציונג.

חז"ל האבן טאקע ניט געקאנט פארשטיין די נביאים: ווי האבן זיי אזוי

געקענט זידלען דאָס פֿאָלק? דאָס זעלביקע פֿאָלק וואָס זיי — די חכמים — זעען זײַן לעבן, זײַנע פֿירונגען ווי אַ תּורה? זיי זאָגן אַז „כּל הלכה שהיא רופפה בידך ואין אתּה יודע מה טיבה, צא וראה היך הציבור נוהג״ (ירושלמי פּא׳ ה׳) און דער גרעסטער פֿון די נבֿיאים ישעיהו זאָגט „בתוך עם טמא שׂפתים אנוכי יושבֿ״, ווי קען מען אַזוי באַליידיקן דאָס ייִדישע פֿאָלק?! האָבן טאַקע חז״ל געהאַלטן אַז ישעיהון קומט טויט־שטראָף און אין אגדה האָבן זיי טאַקע מקיים פּסק געווען — כּלומרשט האָט אים דער קייסער פֿאַרמישפּט צום טויט. האָט זיך דער נבֿיא באַהאַלטן אין אַן אויסגעהוילטן בוים, האָט מען צעזעגט דעם בוים און אַז די זעג איז געקומען צו דעם נביאס מויל איז ער אויסגעגאַנגען (יבֿמות מט׳ ב׳) דאָס מויל האָט דאָך געזינדיקט מיטן אויסדרוק „עם טמא שׂפתים״ און רשי דערקלערט אַז די באַליידיקנדע ווערטער האָט דער נבֿיא געזאָגט פֿון זײַן אייגענעם נאָמען, ניט פֿון גאָט. גאָט פֿון חז״ל קען ניט אַזוי שלעכט טראַכטן וועגן ייִדן. דערפֿאַר איז „חכם עדיף מנבֿיא״ (בבא בתרא יבֿ׳ א׳).

דערפֿאַר האָבן חז״ל ווי אָפּגעהאַקט דעם תּנך: נאָר די פֿיר און צוואַנציק ספֿרים און מער טאָר מען ניט. „כּל המכניס לתוך ביתו יותר מכ״ד ספֿרים, מהומה הוא מכניס לתוך ביתו״. דערפֿאַר האָט מען אַזוי פֿיל דיסקוטירט וועגן עטלעכע ספֿרים — יע אָדער ניט אַרײַנצונעמען אין קאַנאָן פֿון תּנך. „איזהו חכם, הרואה את הנולד״ (תּמיד לבֿ׳ א׳). זײַנען די כּתובֿים אחרונים אין דער גריכישער איבערזעצונג פֿון תּנך יע אַרײַן, אין ייִדישן תּנך — ניט. גאַנץ מעג־לעך אַז צווישן די „ספֿרים גנוזים״ זײַנען געווען נאָך, וואָס זײַנען ניט אַרײַן אין דער גריכישער איבערזעצונג. חז״ל האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פֿון תּנך לערנען. גאָט צאָלט ניט פֿאַר לערנען „מקרא״. מיר קענען (און מעגן!) עס פֿאַרשטיין, אַז זיי האָבן געהאַלטן דאָס לערנען תּנך קען ניט אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. און אַזוי האָט אויך געהאַלטן די גאַנצע טראַדיציע ביז דער השׂכּלה. דער תּנך טיילט ניט אויס דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון צווישן אַלע אַנדערע פֿעלקער, דאָס טוט אָבער יע דער ש״ס. פֿון תּנך האַלטן אַלע פֿעלקער און מיטן תּנך אין די הענט האָט מען געברענט ייִדן אויף אַלע „הייליקע״ אינקוויזיציע־פֿײַערן. ניט דער תּנך קען אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. דאָס האָט אָבער יע באַוויזן דער תּלמוד און דאָס לערנען, דאָס האַלטן פֿון תּלמוד. דערפֿאַר האָבן אַלע קריסטן שטאַרק געהאַלטן און האַלטן ביז איצט פֿון תּנך. זיי האָבן אָבער שטאַרק פֿײַנט דעם תּלמוד. טאַקע דערפֿאַר וואָס דער תּלמוד האַלט אויף דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. גאָט צאָלט פֿאַר תּלמוד תּורה, און תּלמוד תּורה מיינט גמרא, מיינט שאַפֿן נײַע טעקסטן פֿון פֿאָלקישן לעבן. דאָס איז תּלמוד. און תּורה מיינט תּורת חיים — די תּורה פֿון לעבעדיקן פֿאָלק. דאָס האָט אויפֿגעהאַלטן דעם

קיום האומה, דעם פֿאָלק און דאָס פֿאָלק האָט אויך אויפֿגעהאַלטן אײַנגעהיט דעם תּנך. די ייִדישע מפֿרשים פֿון תּנך, און אויך אונקלס דער איבערזעצער האָבן זיך תּמיד באַמיט צו אַקטואַליזירן דעם תּנך ער זאָל שטימען מיט די באַגריפֿן און פֿאַרשטעלונגען, וואָס דער תּלמוד האָט אַרײַנגעבראַכט. אַזוי איז געגאַנגען אין משך פֿון דער גאַנצער טראַדיציע ביז דער השׂכּלה. די תּורה האָט מען גע־לייענט, די נבֿיאים — צו מפֿטיר, תּהלים האָט מען געזאָגט, איובֿ האָט מען געלייענט אין טרויער, די מגילות האָט מען געלייענט אין יום טובֿים. פֿון אַ סיסטעמאַטישן שטודירן דעם גאַנצן תּנך האָט די טראַדיציע ניט געוווּסט.

אין חדר־סיסטעם האָט דער תּנך קיין פֿאַרזיכיקע ראָל ניט געשפּילט. גלײַך נאָכן חומש־חדר איז געקומען דער גמרא־חדר. לערנען תּנך איז געווען דער פּערזענלעכער גוסט פֿון מלמד. אַפֿילו צו קריגן סמיכה אויף רבנות האָט מען ניט געפֿרעגט קיין תּנך. אַזאַ איז געווען דער וועג פֿון דער טראַדיציע. דער אַל־געמיינער ציל איז געווען דער קיום האומה. דאָס איז דאָך געווען דער אַלגעמיי־נער ציל פֿון אַלץ בכלל, און איבערהויפּט פֿון לערנען. דער קיום איז אין שטייגער. די תּורה פֿון שטייגער איז אין תּלמוד, ניט אין תּנך. איז בכן קלאָר די באַציִונג צום תּלמוד און צום תּנך.

אַזוי איז געווען דער גאַנג פֿון דער טראַדיציע. גאָר אַ נײַעם צוגאַנג האָט אַרײַנגעבראַכט די השׂכּלה.

## צי האָט די טראַדיציע געפֿירט ריכטיק?

בכלל געמומען געטרוי איך דער טראַדיציע פֿון אַ פֿאָלק. בײַ אַ יחיד איז עס דער אינסטינקט, בײַ אַ „קאָלעקטיוון אָרגאַניזם" ווי אַ פֿאָלק איז עס די טראַ־דיציע. די אינסטינקטן היטן דעם קיום פֿון יחיד, די טראַדיציע היט דאָס לעבן פֿון כּלל פֿאָלק. מיר דאַרפֿן אָבער פֿאַרשטיין דעם וועג פֿון טראַדיציע, איר לאָגיק און איר פֿילאָסאָפֿיע. עס הייסט ניט אַז די טראַדיציע הייבט אָן פֿון אַ קלאָרער פֿילאָסאָפֿיע און זי פֿירט דאָס לעבן לויט די כּללים פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע. עס איז גאָר פֿאַרקערט: דאָס פֿאָלק פֿירט זײַן לעבן ניט טראַכטנדיק און ניט וויסנדיק פֿון קיינע פֿילאָסאָפֿיעס. מיר לערנען די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער פֿירונג פֿון פֿאָלק, פֿון זײַנע מעשׂים.

דאָס איז דאָך געווען דער אונטערשייד צווישן די „חכמי אתונא" — די גרי־כישע פֿילאָסאָפֿן און די חכמי ישׂראל — די חז"ל. די גריכן האָבן זייערע אידעען אויסגעדריקט אין ווערטער, אין ספֿרים. די חז"ל האָבן זייערע אידעען אויס־געפֿורעמט אין מעשׂים, אין פֿירונגען. די עצם פֿילאָסאָפֿיע, די אידעע פֿון די

פּירונגען איז אָפּט פּאַר זיי גופֿא געבליבן אומבאַקאַנט, אַ מין „נסתּר“, וואָס דאַרף אויפֿגעקלערט ווערן שפּעטער פֿון די פּירונגען צו די פֿאַרמולירונגען. דאָס וויל איך דאָ טאָן.

א. — דאָס פֿאַרזיכיקע לעבן פֿון פֿאָלק, דער שטייגער איז אַ תּורה. די תּורת חיים — די תּורה פֿון דעם לעבן איז וויכטיקער פֿון יעדער געשריבענער תּורה. מען דאַרף זיך פֿאַרנעמען, שטודירן קודם כּל דאָס לעבן. ווײַל מען דאָס פֿאָלק זאָל לעבן, דאַרף מען בעיקר זיך אָפּגעבן מיט זײַן שטייגער און אים פֿאַרמולירן.

ב. — דער שטייגער פֿון פֿאָלק איז ניט אָפּהענגיק פֿון לאַנד. קען זײַן אַז ייִדישקייט איז אין גלות־לענדער שטאַרקער ווי אין ארץ ישׂראל. בכל אופֿן ווערט ייִדישקייט תּמיד געבראַכט קיין ארץ ישׂראל. משה גיט די ייִדן די תּורה אין מידבר. עזרא ברענגט די תּורה פֿון בבֿל און אין ארץ ישׂראל ווערט גאַר ייִדישקייט פֿאַרגעסן ביז עס קומען נײַע עליות און באַנײַען (סוכּה כ׳ א׳). אויך נאָכן חורבן זײַנען אין ארץ ישׂראל געווען ייִדן אין אַ מערהײַט. אָבער דאָרטן איז ייִדישקייט אויסגעגאַנגען און צוזאַמען מיט ייִדישקייט איז אויך אונטערגעגאַנגען דאָס ייִדישע פֿאָלק. און אויך איצט, אין אונדזער צײַט איז ייִדישקייט געבראַכט געוואָרן פֿון גלות. אַל דאָס גוטס און דאָס ניט גוטע איז געקומען פֿון מיזרח־אייראָפּע. דער תּלמוד וואָס האָט אין משך פֿון צוויי טויזנט יאָר געשפּילט אַזאַ אומגעהויערע ראָל אין ייִדישן לעבן און דענקען, איז דאָך דאָס דווקא דער בבֿלי, ניט דער תּלמוד פֿון ארץ ישׂראל, וואָס האָט זיך אָפּט אַזוי גרויס געהאַלטן העכער פֿון דעם בבֿלי (זען למשל: פּסחים לד׳ ב׳; כּתובות עה, א׳; תּענית כג, ב׳; סנהדרין כד׳ א׳). הגם עס זײַנען אויך פֿאַראַן מאמרים וואָס פֿאַרטיידיקן די בבֿלער). דאָס הײַנטיקע גרויסהאַלטערײַ פֿון די ישׂראלים איז ווײַט ניט קיין נײַעס.

גרויסע, היסטאָרישע אויפֿטוען אין ייִדישער געשיכטע שטאַמען פֿון גלותן. אָבער ווײַט ניט פֿון אַלע גלותן גלײַך.

ג. — בבֿל און מצרים. דאָס גאַנצע ייִדנטום שטאַמט איבערהויפּט פֿון בבֿל, מיט בבֿלשער ייִדישקייט האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק געלעבט ביז הײַנט. מצרים אָבער האָט ניט געלאָזן קיין שפּור אין ייִדישקייט. איך רייד שוין ניט וועגן די קלענערע ישובֿים אין קליין־אַזיע וכדומה, וואָס זײַנען אין גאַנצן ווי פֿאַרגעסן געוואָרן. פֿאַרוואָס? וואָס איז געווען אין בבֿל אַנדערש און בעסער ווי אין מצרים?

איך גלייב אַז דאָס איז געווען דערפֿאַר וואָס אין בבֿל האָבן ייִדן געלעבט מאַנאַקולטורעל און מצרים איז געווען ביקולטורעל. לאָמיר דאָס דערקלערן. אין תּלמוד איז ניט קענטיק צי זײַנען אין די ייִדישע ישובֿים געווען אויך ניט ייִדן אָדער ניט. בבֿלל איז כּמעט שווער צו וויסן וועגן דעם הערשפֿאָלק אין לאַנד

און וועגן זײַן קולטור. ייִדן האָבן אין בבֿל געלעבט ניט בלויז אויטאָנאָם, נאָר כּמעט ווי אין גאַנצן פֿאַרזיך, אין גאַנצן אין אַן אייגענער וועלט. האָבן זיי אַלץ געקענט פֿאַרדייען אין זייער ייִדישקייט. אין דער העלעניזירטער מצרים אָבער האָבן ייִדן געלעבט אין צוויי קולטורן אײַנצײַטיק — די העלענישע און — אין בעסטן פֿאַל — אויך די ייִדישע. ווי שטאַרק עס איז געווען דער ייִדישער באַ־ווּסטזײַן בײַ פֿילונען, ווי געטרײַ ער איז געווען זײַן ייִדישן פֿאָלק, האָט ער דאָך פֿאָרט ניט געקענט שאַפֿן קיין מאָניזם פֿון דעם דואַליזם. די גריכישע וואָרט־פֿילאָסאָפֿיע האָט זיך ניט געלאָזט פֿאַרבינדן מיט דער ייִדישער שטייגער־פֿילאָ־סאָפֿיע און שוין זײַן פֿלימעניק איז געווען — דאַכט זיך — אַ משומד וואָס האָט ווי אַ גענעראַל געפֿירט אַן אַרמיי חרובֿ צו מאַכן ירושלים.

## דאָס שטעטל

און שפּעטער נאָך בבֿל איז די גאַנצע געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק געגאַנגען אין שטעטל. און דאָס שטעטל איז פּאַקטיש געווען אַ שטייגעריש־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דאָ קומען מיר צו זייער אַ טראַגישער פֿראַגע: דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ביז איצט געלעבט אָדער פֿאַר זיך, אין אַן אויטאָנאָמיע, אַלע מאָל אָבער מאָנאָקולטורעל: אין פּערסיע, אין בבֿל, אין אייראָפּע — די אויטאָנאָמיע איז געווען אין שטעטל. שטעטל איז געווען דער איינס פֿון דער גרעסערער אויטאָנאָמיע, אין צוויי אײנצײַטיקע קולטורן קענען ייִדן ניט בלײַבן קיין ייִדן. שטעטל איז קודם כּל געווען אַ מאָנאָקולטורעלע ייִדישע אויטאָנאָמיע. זי האָט געשאַפֿן, די גאַנצע גלות־קולטור און אַלץ וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ביז איצט געשאַפֿן, אַפֿילו די מדינה — אַלץ שטאַמט פֿון דעם מאָנאָקולטורעלן שטעטל.

איצט אָבער — קיין ייִדישע שטעטלעך זײַנען מער ניטאָ. עס איז געקומען דער אורבאַניזם. אין די גרויסע שטעט איז מער ניטאָ קיין מאָנאָקולטורעלע ייִדישע אויטאָנאָמיע. פֿרעגט זיך צי וועט ייִדישקייט קענען געדייען און האַלטן זיך אויך אַן אויטאָנאָמיע, אויך אין אַ ביקולטורעלער סבֿיבֿה? ביז איצט האָבן דאָס ייִדן ניט באַוויזן צו קענען. וועגן ווײַטער — גרויסע ספֿקות. די מדינה איז אויפֿגעקומען ווי אַ מאָנאָקולטורעלער איינס. איז דער קיום פֿון דער מדינה פֿאַר־בונדן מיט אַן אַ שיעור פּראָבלעמען, וואָס מיר קענען זיי ניט באַהאַנדלען.

ד. — די ייִדישע תּורות. די טראַדיציאָנעלע פֿאָרשטעלונג אַז גאָט האָט משהן געגעבן די תּורה פֿון האַנט אין האַנט, ווי עמיצער גיט דעם צווייטן עפּעס אַ מתּנה, — אַזאַ פֿאָרשטעלונג איז געווען פּאַסיק ווען ייִדן האָבן זיך פֿאָרגע־שטעלט גאָט ווי עפּעס גשמיותדיקס, וואָס וווינט אויפֿן הימל וכדומה. בײַ אונ־דזערע הײַנטיקע באַגריפֿן איז עס, חלילה, עפּעס ווי געצנדינסט, ניט אָנעמבאַר.

מיר שטעלן זיך איצט פֿאַר די זאַך עטוואָס אַנדערש: די ייִדישע תּורות זײַנען געשאַפֿן אין פֿאָלק ישׂראל אָבער מיט דעם געטלעכן גײַסט, וואָס לעבט אין זיי. פֿאַראַן סימנים אַז אויך די חכמי התּלמוד האָבן אַזוי באַגריפֿן. זיי האָבן עס אָבער ניט געהאַלטן פֿאַר וויכטיק דאָס צו פּראָקלאַמירן, ווײַל די ייִדישע רעליגיע איז דאָך ניט קיין טעאָלאָגיע, קיין גאָט־רעליגיע. האָבן זיי דאָך בכלל אויסגעהיט זיך צו שרײַבן אַ סך וועגן מה למעלה, און וועגן מעשׂי מרכּבֿה בכלל האָבן זיי גרינג אויך דאָס געקענט לאָזן. פֿאַר אונדז הײַנט איז געטלעכקייט בכלל די העכסטע מדריגה פֿון מענטשלעכקייט. מיר זאָגן געטלעכער גײַסט, געטלעכע גוטסקייט, געטלעכע חכמה אאַז״וו. די תּורות זײַנען געגעבן געוואָרן און ווערן געגעבן אָן אויפֿהער דורך דעם געטלעכן גײַסט וואָס לעבט אין יחידים פֿון פֿאָלק. מיר זאָגן „נתן לנו תּורת אמת" און „נותן התּורה". האָבן דאָך חז״ל געהאַלטן אַז „דבֿרי תּורה פּרין ורבין", אַז „כּל מה שהתּלמיד וותיק עתיד לחדש ניתּנה למשה מסיני". די תּורה הערט ניט אויף געגעבן צו ווערן.

זײַנען לויט אונדזערע הײַנטיקע באַגריפֿן פֿאַראַן בײַ דעם געטלעכן גײַסט פֿון דער מענטשהייט ניט קיין צוויי תּורות ווי שמאי האָט עס געזאָגט דעם צדוקי, נאָר דרײַ תּורות. די ערשטע תּורה איז אַ סך עלטער פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק. זי האָט גאָט קיין מאָל ניט געגעבן צו עמיצן. דאָס איז — די תּורה וואָס גאָט איז „מבֿיט בתּורה ובורא את העולם" ווי עס זאָגט אַ מדרש. דאָס איז די „תּורת הקוסמוס", וואָס די וויסנשאַפֿטלער פֿאַרנעמען זיך מיט איר. דער גאָט־גײַסט גיט זי און גיט און „זכה — נעשׂה לו סם חיים; לא זכה — נעשׂה לו סם המיתה". ערשט ווען מענטשן זײַנען געקומען אויף דער וועלט, איז געקומען די תּורת האדם. און ווידער אַ סך שפּעטער האָט עס אבֿרהם געקראָגן די תּורת ישׂראל. און אַלע דרײַ תּורות „פּרין ורבין" האַלטן אין איין וואַקסן און זיך פֿאַרמערן. איז אויך די ייִדישע תּורה אָדער ייִדישקייט פּושט צורה ולובֿש צורה. האָט זי לאַנגע דורות געלעבט בײַ ייִדן בעל פּה, פֿון די אבֿות אָן (און אפֿשר נאָך פֿריִער — פֿון שם ועבֿר אָן) ביז משה האָט זי סומירט בכּתבֿ. נאָך אַ סך דורות האָט זיך ווידער אָנגעזאַמלט אַ סך ייִדישקייט ביז די חז״ל האָבן אָפּגעשניטן דעם תּנך און אין אַ לאַנגער צײַט אַרום איז עס סומירט אין תּלמוד. און ווידער האָט דאָס אוראַלטע פֿאָלק ישׂראל געלעבט און געשאַפֿן, אָנגעלעבט — און עס איז געקומען די צײַט צו פֿיקסירן די „תּורת השטעטל" בכּתבֿ. אַזוי וואָלט עס געווען ווען די אַנטוויקלונג גייט נאָרמאַל: אין יעדער תּקופֿה פֿון דער ייִדישער געשיכטע זאַמלט זיך תּורת־חיים, תּורת השטייגער. קומט דער סוף התּקופֿה און סומירט עס בכּתבֿ. וואָלטן עס געווען נאָרמאַל דרײַ תּורות איצט: תּורת משה, אין העברעיִש, תּורת הפּרושים — אין צוויי שפּראַכן — עבֿרית און אַראַמית און תּורת השטעטל מיט דרײַ שפּראַכן

— עבֿרית, אַראַמיש און יידיש. דער אורבאַניזם קען ניט ירשענען דאָס שטעטל סײַדן די תּורת השטעטל וועט זײַן סומירט בכּתבֿ. איז עס ניט געקומען. פֿאַרוואָס ניט געקומען?

## באַנקראָט פֿון טשערנאָוויץ

מיר האָבן דערקלערט דעם אויפֿקום פֿון חז״ל דורך דער פּסיכיק וואָס די פּערסישע תּקופֿה האָט אַנטוויקלט בײַ יידן. עס איז געווען מוטיקייט און גלויבן אין פֿאָלק... גאָר דאָס פֿאַרקערטע איז געווען בײַם סוף פֿון דער שטעטל־תּקופֿה. גלות איירָאָפּע איז געווען דער שרעקלעכסטער פֿון אַלע פֿריערדיקע גלותן. פֿאַראַן אַ גמרא: גאָט האָט אײַנגעזען אַז די יידן קענען ניט אַריבערטראָגן דעם גלות עשיו (קריסטלעכע פֿעלקער) האָט ער זיי פֿאַרטריבן צו ישמעאלן. האָבן יידן יע אויסגעהאַלטן דעם גלות איירָאָפּע, אַ דאַנק דעם שטעטל. אָבער די פּסיכיק בײַ יידן איז געוואָרן אַ דערדריקטע, אַ געפּלאָגטע; אומגלויבן אין זיך, אומצוטרוי צו זיך, דער מה יפֿית־ייד; די שרעקלעך־הילפֿלאָזע תּפֿילה „שומר ישׂראל, שמור שארית ישׂראל״ — היט דו גאָט, ווײַל אַליין קענען מיר גאַרניט. האָט מען זיך אין טשערנאָוויץ אויסגעקריגט וועגן די נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער אַ, און מען איז זיך צעפֿאָרן כּדי אַליין אין די אייגענע היימען, מיט די אייגענע קינדער בטל צו מאַכן אַלץ וואָס מען האָט גערעדט אויף דער קאָנפֿערענץ. האָט זיך נתן בירנבוים אַנטוישט און איז אַוועק זוכן יידישקייט אַזש בײַ דער אגודה. האָבן אויף דעם זעלביקן וועג זיך געלאָזט איצט אויך אַנדערע, יינגערע, זײַנען זיי אַוועק ניט אַזוי ווײַט, אָבער אַוועק. טשערנאָוויץ האָט ניט באַנומען איר אייגענע אויפֿגאַב. מער ניט ווי צעריצט די געגנדז. דער איבערגאַנג פֿון תּקופֿות — פֿון שטעטלשער מאָנאָקולטורעלער אויטאָנאָמיע, ביז צום צעשטערערישן אורבאַניזם איז געבליבן ניט פֿאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשאַצט. איז מיט יאָרן שפּעטער גע־קומען קיין ווילנע דער טיף־פֿילנדיקער און טיף דענקענדיקער ייד יעקבֿ לעש־טשינסקי, האָט ער געבראַכט אַ פֿרײדיקע ידיעה אין ייוואָ אַרײַן: די מערהייט פֿון יידישן פֿאָלק אין אַמעריקע לעבט אין פֿינף גרויסע שטעט... ער האָט דער־זען קאָנצענטראַציע, אײַן קלייניקייט! די סכּנות פֿון אורבאַניזם האָט ער ניט דערזען. האָט אויך דובנאָוו דער אָפּשאַצער פֿון אויטאָנאָמיע, ניט דערזען, אַז אין אורבאַניזם איז ניטאָ און עס קען ניט זײַן בײַ יידן קיין אויטאָנאָמיע. ניט דערזען אַז אויטאָנאָמיע דאַרף ניט געגעבן ווערן. עס דאַרף זײַן דאָס פֿאָלק וואָס וויל זי, וואָס איז גרייט זי צו בויען. האָט דאָס שטעטל יע באַוויזן איר כּוח צו שאַפֿן. האָט עס געשאַפֿן אַ רײַכע ליטעראַטור אין בײדע שפּראַכן, האָט עס געשאַפֿן אַלע באַוועגונגען און אַלע נײַע ריכטונגען, האָט עס געבויט אַלע נײַע ישובֿים אין דער וועלט, האָט עס אויפֿגעבויט אַ מדינה. האָט דאָס שטעטל פֿאַרמערט דאָס

ייִדישע פֿאָלק פּירפּאַכיק, אַלץ איז געגאַנגען סטיכיש, ווײַל די אינטעליגענץ האָט ניט פֿאַרשטאַנען די פּראָצעסן וואָס גייען אין פֿאָלק. די פּסיכיק פֿון פֿאָלק איז געווען אַזוי אַנדערש ניט ווי בײַ די חז״ל בשעתם, אַז וועגן אַ באַוווסטזיניקן סומירן פֿון שטעטל האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. אַסימילאַציע, עמאַנציפּאַציע און אויטאָעמאַנציפּאַציע, אַן אַנטלויפֿן פֿון שטעטל, דאָס זײַנען געווען די איי־דעאַלן. און עס זיינען געווען מעגלעכקייטן צו בויען אַ בעסערע מערכה פֿאַר ייִדישקייט און פֿאַר ייִדן. מען האָט עס אָבער ניט דערזען.

## אויב ניט איצט טאָ ווען?

חרובֿ זײַנען געוואָרן די אַלע אַלטע ישובֿים פֿון ייִדן, ניטאָ מער קיין שטעטל, דער אורבאַניזם איז אָנגעקומען צו פֿרי. די גאַנצע איצטיקע קולטור שאַפֿט זיך דורך די רעשטעלעך פֿון שטעטל. ניטאָ קיין יונגע שעפֿער. דער אור־באַניזם איז ביקולטורעל, ניט שעפֿעריש. דאָס שטעטל איז חרובֿ געוואָרן. מיט איין מאָל זײַנען מיר געוואָרן ביקולטורעל און גאָר די שעפֿערישקייט איז ווי אָפּגענומען. מיר האָבן אין לענדער ייִדישע שולן און גרויסע און גאָר ניט קיין שלעכטע. ייִדן זײַנען געטרײַ איבערגעגעבן די שולן. איך ווייס פֿון שולן וואָס גיבן אויס אַ סך געלטער, און זיי גיבן אַרויס און דרוקן די שריפֿטלעכע אַר־בעטן פֿון די תּלמידים. און פֿאַראַן צווישן די אַרבעטן אויך גוטע, און קיינער פֿון די אָט צוזאַגנדיקע קינפֿטיקע שרײַבערס איז דאָך ניט אויסגעוואַקסן קיין ייִדישער שרײַבער. איך אַליין זײַענדיק אַ לערער בײַ ייִדן אין אַ גרויסער און גאָר ניט קיין שלעכטער שול, האָב איך געהאָט אָנגעמערקט און געהאָפֿט אויף אַ סך תּלמידות, אַז זיי וועלן אויסוואַקסן ייִדישע שרייבערס. און אַלע האָפֿענונ־גען האָבן אָפּגענאַרט, ניט מקוים געוואָרן, הגם זײַענדיק אין שול האָבן זיי גע־קאָנט לאָזן האָפֿן. און די סיבה איז אומבאַדינגט דער ביקולטוריזם אין אורבאַ־ניזם. צי איז מעגלעך אין אורבאַניזם אַ ייִדישע מאָנאָקולטור? איך גלייב באמונה שלמה אַז יע. אָבער ניט דאָ איז עס דער פּלאַץ וועגן דעם זיך צו פֿאַרשפּרייטן. דערווײַל דאָ איז געגוג צו זאָגן, אַז רעגירונגען זײַנען שוין געקומען צו מולטי־קולטורעלע פּראָגראַמען, וואָס נעמען אַרום אַ סך געביטן פֿון לעבן (קאַנאַדע מיט אירע רעגירונג־אָפּיסן אויף דעם געביט). עס וועט נאָך דויערן אַ סך צײַט ביז ייִדן וועלן נעמען אויסנוצן די מעגלעכקייטן. דאָס איז שוין איצט אַ פֿראַגע פֿון ייִדן גופֿא. דער פּרינציפּ וועט דערגיין צו אַלע לענדער. דערווײַל איז דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם גאָר דערגאַנגען צו אַ מאָדנער, פֿאַלשער קול־טור־פּאָליטיק, וואָס קיין שום אַנדער פֿאָלק האָט עס ניט: אַנשטאָט צו זוכן אַ היים פֿאַר ייִדישקייט ווי עס איז איצט, האָט מען גענומען בויען אַ היים פֿאַר פֿאַרצײַטיקער ייִדישקייט, אויסמעקן די גאַנצע גלות־קולטור. ניט דער גלות טויג

ניט, נאָר עס טויג ניט די גאַנצע גלותדיקע קולטור פֿון פֿאָלק; אויסמעקן די רבּנים, די עלטסטע, די פּרוכטיקסטע תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע. די פּראָגראַם איז געווען: אומקערן זיך צו דער קולטור פֿון פֿאַרן גלות — צו דער קולטור פֿון תּנך, צו דער שפּראַך פֿון תּנך, אויסמעקן אַלץ וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן פֿון תּנך און ביז דעם נײַעם ישובֿ אין ארץ ישׂראל. דאָס איז געווען אַ פּאָליטיק פּונקט פֿאַרקערט פֿון דער קולטור־פּאָליטיק פֿון חז״ל אין זייער צײַט.

א. — די חז״ל — די שפּראַך און די קולטור פֿון לעבעדיקן אין זייער צײַט פֿאָלק, אָפּגעהאַקט דעם תּנך, זײַן שפּראַך און זײַן קולטור.

דער ציוניזם — פֿאַרוואָרפֿן די שפּראַך פֿון לעבעדיקן פֿאָלק, אומקער צום תּנך, צו דער שפּראַך פֿון תּנך, צו די פּראָפּעסיעס פֿון תּנך; אַ ביטול און האַס צו דער גאַנצער ייִדישקייט, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין גלות.

ב. — די חז״ל שאַפֿן נײַע טעקסטן פֿון דירעקטן לעבן; זיי גיבן אין וואָרט אַלץ וואָס איז געווען אין לעבן — דעם פֿאָלקס פּירוגגען (די הלכה); דעם פֿאָלקס גײַסט, זײַן פֿאָלקלאָר, זײַן פּסיכיק און זײַנע באַגריפֿן פֿון וועלט און ייִדישקייט, אַפֿילו ווען עס קען אויסקומען קעגן דער פֿאַרהייליקטער תּורת משה: גאָט לערנט די תּורה פֿון פֿאָלק; נײַע גאָט־באַגריפֿן.

דער ציוניזם — די שפּראַך פֿון פֿאָלק איז אַ זשאַרגאָן, בטל און מבֿוטל. די שפּראַך פֿון תּנך טאָר ניט זײַן ענלעך צו דעם העברעיִש פֿון ייִדישן דאַוונען: מען האָט פֿאַרצײַטן די שפּראַך פֿון תּנך אַנדערש גערעדט. דערפֿאַר דאַרף מען אויך איצט אָננעמען יענע פֿאַרצײַטיקע אויסשפּראַך. אַלע שפּראַכן האָט מען מיט טויזנט, מיט מער צוריק אַנדערש גערעדט. אָבער קיינעם פֿאַלט ניט אײַן מען זאָל הײַנט ריידן פּונקט ווי פֿאַרצײַטן... די „ריכטיקע" אויסשפּראַך פֿון עבֿרית איז דווקא די וואָס אין די אַראַבישע לענדער און די אויסשפּראַך פֿון העברעיִשע קלאַנגען דאַרף זײַן ענלעך צו אַראַבישער אויסשפּראַך.

ג. — אַלע ייִדישע פּרנסות זײַנען גלײַך בײַ די חז״ל.

בײַ די ציוניסטן — אַלע ייִדישע פּרנסות העסלעכע און שעדלעכע. מען מוז זיך אומקערן צום פּויערימשאַפֿט, אַפֿילו ווען אין דער וועלט האָט מען שוין גענומען אינדוסטריאַליזירן די ערד־אַרבעט.

פֿאַרוואָס אָט דער מאָדנער דראַנג זיך צוריקקערן צו דער פֿאָלקישער קינד־הייט; פֿאַרוואָס דער טאָטאַלער אָפּזאָג פֿון פֿאָלק־קולטור? פֿאַרוואָס פּונקט פֿאַר־קערט ווי בײַ די חז״ל?

מיר האָבן שוין פֿריִער געשריבן, אַז די באַציִונג פֿון אינטעליגענץ צום פֿאָלק דאַרף מען זוכן אין דער פּסיכיק און זי איז אַ תּולדה פֿון גלות. האָט די געבענטשטע פּערסישע תּקופֿה געשאַפֿן די געבענטשטע באַציִונג פֿון די חז״ל. האָט די חשמונאים־דינאַסטיע געשאַפֿן דעם חורבן אינעווייניק אין פֿאָלק, אים צוגעגרייט צום חורבן דורך רוים.

און דער שווערסטער און דער סאַדיסטישסטער גלות אייראָפּע, בײַ די פּעל־קער האָט געשאַפֿן די פּסיכיק פֿון דער אַסימילאַטאָרישער השׂכּלה און פֿון איר טאָכטער — די פּסיידאָ־נאַציאָנאַלע פּסיכיק פֿון ציוניזם. עס וועט נאָך לאַנג גע־דויערן ביז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט זיך אויסהיילן פֿון אָט דער אַנטי־ייִדישער, אַנטינאַציאָנאַלער פּסיכיק. דערווײַל איז געקומען

## דער תּנכיזם

אַ באַזונדערער קולט פֿון תּנך. געגנוג דער תּנך צו זײַן אַ ייִד. אַ פֿאַלשע דורך און דורך אידעע, וואָס האָט באַהערשט אַלע „גוטע און פֿרומע״. דאָס ייִדי־שע פֿאָלק האָט ווי אויפֿגעהערט צו דענקען, מען גייט נאָך דעם גרויסן פֿירער. אַז אויך פֿירערס קענען מאַכן פֿעלערן — דאָס וויל מען גאַרניט טראַכטן. כּה אמר — אַזוי האָט געזאָגט דער פֿירער! און ווער עס וויל ניט פֿאָלגן דער איז ערגער ווי אַ כּופֿר בעיקר. ווען מיר גיין כּסדר.

פֿאַרוואָס דער תּנכיזם? מיט וואָס האָט ער זוכה געווען?

— גאָר פּשוט: אַלע גויים האַלטן פֿון תּנך. די גמרא האָט מען פֿײַנט. ווער רעדט נאָך די הײַנטיקע ייִדישע קולטור! חס מלהזכּיר!

די ייִדישע מפֿרשים מיט זייער אַקטואַליזאַציע האָט מען פֿײַנט, דערפֿאַר אָבער זײַנען פֿון גרויס חשיבֿות די פּראָטעסטאַנטישע צעשנײַדערס פֿון תּנך. זיי האָבן געשאַפֿן אַ גאַנצע תּנך־וויסנשאַפֿט, מיט אַ גאַנצער כירורגיע פֿון תּנך. דאָס איז גוט. פֿאַרוואָס גוט? ווײַל אַזוי איז בײַ גויים. איז דאָס אַ ניט־ייִדישער וועג. בײַ אונדז איז אַלע מאָל וויכטיק צו אַקטואַליזירן טעקסטן, צופּאַסן טעקסטן צום פּראַקטישן לעבן, אַפֿילו איבערמאַכן אַ וואָרט, נאָר צוצופּאַסן דעם טעקסט צום הײַנט. ייִדן דאַרפֿן אַלע ספֿרים אין זייער אַקטועלן לעבן, מיר דאַרפֿן און באַמיִען זיך אַלץ צו אַקטואַליזירן אין הײַנטיקן לעבן. די קריסטן לערנען ניט צו אַקטואַליזירן, נײַערט צו היסטאָריזירן דעם טעקסט. ייִדן דאַרפֿן די „אושפּיזין קדישין״ — די הייליקע געסט — די אָבֿות און אַנדערע צו זיך אין סוכּה אַרײַן. די קריסטן היסטאָריזירן: דער פּסוק שטאַמט פֿון דער און יענער — פֿון אַן אַנדער צײַט. ייִדן דאַרפֿן אײַנשפּאַנען די גאַנצע געשיכטע אין שווערן וואָגן פֿון

הײַנטיקן לעבן. די גוים לערנען דעם אַמאָל. בײַ ייִדן — ווי און וואָס קען מען פֿון די פּסוקים לערנען הײַנט. בײַ די גוים — ווי איז געווען דאָס לעבן ווען די פּסוקים זײַנען געשריבן געוואָרן. — דאָס זײַנען צוויי פֿאַרקערטע וועגן. ווײַזן הײַנטיקע ייִדן מיט דער פּסיכיק וואָס דער גלות האָט געשאַפֿן, אַז זיכער זײַנען די גוים גערעכט...

הײַנט ווײַטער: אַ פֿאָלק ווערט פֿון אַ שטייגער. דער תּנך האָט ניט קיין שטייגער. קען ער ניט אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. גרינג צו האַלטן פֿון תּנך, ער איז צו גאָרניט ניט מחייב. ייִדיש פֿאָלק האַלט זיך מיט שטייגער, מיט פּשוטע פֿירונגען און ניט מיט פּראַקטיקע רייד פֿון נביאים. כּדי צו קולטיווירן דעם תּנך, האָט מען פֿון אים געמאַכט אַ גאַנצן ספּאָרט. ווער מיט דער פּילקע, מיט די פֿיס און די ייִדן מיטן תּנך. קערן זיך ווערלטן. ווו נאָר אַ ייִדישע שול, תּנכעוועט מען טאָג און נאַכט, מען גרייט זיך צו דער „טשעמפּיאָנאַטשיפּ" — ווער עס שפּרינגט בעסער, ווער עס כאַפּט אַרײַן מער פּונקטן. פֿערד, מיט זייערע פֿיס, מיידלעך מיט זייערע פּנימער און ייִדן מיט זייער תּנך. נו גוט, איז וואָס איז אַז איינער געווינט דעם וועלט־קאָנקורס פֿון תּנכעוון? ניין, רבותי. ניט מיטן תּנך קען לעבן און זיך האַלטן דאָס ייִדישע פֿאָלק. אַפֿילו ווען אַלע ייִדישע קינדער וועלן זײַן תּנכיסטן וועט ניט אַ האָר זיכערער ווערן דער קיום פֿון פֿאָלק. איך דאַנק גאָט וואָס איך בין שוין אויס לערער און בין ניט מחויבֿ אָנטייל צו נעמען אין די שפּרינג־פֿאַרמעסטונגען אין תּנך. איך וואָלט דאָך בײַ ייִדן געווען פֿאַררעכנט ערגער פֿון דעם ערגסטן אַפּיקורס: וואָס הייסט? — יענער גדול האָט דאָך עס אָנגענומען...

את חטאי אני מזכיר: זײַענדיק אַ לערער האָב איך אויך שטאַרק געזינדיקט. איך האָב ליב דעם תּנך און איך האָב צופֿיל צײַט פֿון די ייִדישע לימודים אָפּגעגעבן דעם תּנך. עס איז געווען אַ טעות, וואָס איך קען איצט ניט פֿאַרריכטן. בכל אופֿן דער תּנכיזם איז אַ פֿאַלשער וועג אין דער ייִדישער דערציִונג און פֿאַלש אין דער קולטור.

# תנך, גמרא און תלמוד השטעטל

איך גיי זיך ניט קריגן, חלילה, מיט דער טראַדיציע: אַז מען האָט דרך ארץ פאַרן פאָלק, האָט מען דרך ארץ אויך פאַר זײַן טראַדיציע, פאַר זײַנע אײַנגעשטעלטע גלויבונגען און אָנגענומענע אמתן. אָבער „דיברה תורה בלשון בני אדם". איך שטעל זיך ניט פאָר אַז די תורה שטעלט עס פאָר אַזוי מענטשלעך, פשוט: גאָט האָט געהאַט בײַ זיך אַן אָנגעשריבענע תורה אַ סך דורות און אַז עס איז געקומען די צײַט, האָט ער זי געוואָלט איבערגעבן צו פעלקער. קיינער האָט ניט געוואָלט, האָט ער זי געגעבן צו ייִדן. און דאָ איז ער געווען זייער שטרענג: נעמט איר אָן די תורה פון מײַן האַנט איז גוט, אלא ניט, איר ווילט ניט, איז „פה תהי קבורתכם", דאָ וועט איר אומקומען... דאָס איז דערציילט בלשון בני אדם צוליב עפּעס אַ כּוונה. אין דער אמתן האָבן אויך די חז"ל ערנסט געמיינט און קלאָר באַגריפן אַז דער „מתן תורה" איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס וואָס ציט זיך דורות, און זיי האָבן פאַרבונדן דעם יום טוב שבועות מיט דעם „זמן מתן תורה" (ניטאָ די פאַרבינדונג אין חומש), הגם זיי האָבן אַליין אַקטיוו זיך פאַרנומען מיט דעם שאַפן די תורה און ניט בלויז זי איבערנעמען פּאַסיוו, הגם זיי האָבן עס קלאָר געוווּסט אַז „תורה — מגילה ניתנה" (גיטין ס׳, ב׳), אַז די תורה האָט זיך געגעבן ביסלעכווײַז. און אַזוי איז אויך דער פּראָצעס פון געבן די תורה גאָרניט אַזוי איינפאַך, פשוט פון האַנט צו האַנט, פון גאָטס האַנט צו משהס. וועלן מיר גיין כסדר.

קודם כל — וואָס מיינט דאָס וואָרט „תורה"? דער טײַטש פון וואָרט איז אָנווײַז. תורת ישראל מיינט אָנווײַזן ווי ייִדן דאַרפן זיך פירן; תורת ישראל מיינט אויך ווי ייִדן פירן זיך. און ייִדישקייט איז אָנגעשיקט געוואָרן גאָר ניט מיט איין מאָל: אַוודאי איז די תורה פון גאָט. פאַרוואָס דען פירן זיך ייִדן דווקא אַזוי און ניט אַנדערש? קיין קייסער, קיין מאַכטהאָבער האָט עס ניט אײַנגעפירט, עס איז פון פאָלקס גאָט. דאָס גאַנצע פאָלק אומעטום, פון פאַרצײַטן אָן, איז עס פון פאָלקישן גאָט.

פון די חז"ל אָן רעדט זיך תמיד וועגן צווייערליי תורות — שבכתב און שבעל פה. פאַראַן ייִדישקייט וואָס איז פאַרשריבן, פאַרשריבן דײַטלעך וואָס אַ ייִד דאַרף טאָן און וואָס אַ ייִד טאָר ניט טאָן. און פאַראַן אַ צווייטע תורה, אַ צווייטע ייִדישקייט וואָס איז ניט פאַרשריבן. אין לעבן איז זי דאָ, אין ייִדישן שטייגער, אין דער פירונג טאָג־טעגלעך, אָבער זי איז ניט פאָרמולירט בכתב,

אין שריפֿט. און רבי יוחנן האַלט אַז דווקא אָט די ייִדישקייט וואָס אין שריפֿט איז זי ניטאָ, אָבער אין לעבן יע, זי איז וויכטיקער, זי האַלט אויף די ייִדישקייט, זי היט דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. ער זאָגט עס: „לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה" (גיטין ס'). ווען צום סוף פֿון בית ראשון בעת אַ רעמאָנט אין בית המקדש האָט מען בײַ דער אַרבעט געפֿונען אַ ספֿר, און דער מלך האָט עס געלייענט, האָט ער געוויינט אויף דער דיסטאַנץ צווישן דעם וואָס עס איז געשריבן אין דעם ספֿר און צווישן דעם פּאַקטישן אויפֿפֿיר פֿון ייִדן. אין געפֿונענעם ספֿר איז ריכטיקע ייִדישקייט; אין דעם אויפֿפֿיר אָבער איז ניטאָ קיין ייִדישקייט. דאָס זעלביקע דערציילט זיך, אַז בעת עזרא האָט געלייענט פֿאַרן פֿאָלק די תּורה וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פֿון בבֿל, פֿון גלות, האָט אויך דאָס פֿאָלק געוויינט, ווײַל ווײַט, זייער ווײַט איז דער אויפֿפֿיר פֿון ייִדן פֿון דעם ווי ער דאַרף זײַן לויט דער תּורה, וואָס עזרא לייענט פֿאַרן פֿאָלק... די חז"ל אָבער זעען די זאַכן אַנדערש: עס זײַנען לכתּחילה פֿאַראַן צוויי תּורות, צוויי ייִדישקייטן: די וואָס איז פֿאַרשריבן און די ייִדישקייט וואָס אין לעבן איז זי יע דאָ און איז לגמרי ניט פֿאַרשריבן. ביז די חז"ל: ייִדן פֿירן זיך ניט ווי די געשריבענע תּורה הייסט! וויינט דער קייסער, וויינט דאָס פֿאָלק: אוי וויי! מיר זינדיקן, גאָט וועט אונדז שטראָפֿן!... די חז"ל אָבער האָבן אַן אַנדער דרך: ייִדן לעבן אַנדערש, ניט ווי די תּורה הייסט. דאָס איז דערפֿאַר ווײַל ייִדן פֿירן זיך ניט לויט דער געשריבענער תּורה, נײַערט לויט דער צווייטער תּורה, וואָס איז ניט פֿאַרשריבן. אָבער הגם ניט פֿאַרשריבן איז זי הייליק און וויכטיק ווי די געשריבענע, נאָך וויכטיקער, דווקא זי, הגם ניט פֿאַרשריבן, דאָך האַלט זי אויף דעם קיום האומה (רבי יוחנן דאָרטן אין גיטין ס'). דאָס איז אין גאַנצן אַ נײַער צוגאַנג. בײַ די חז"ל — אַ גרויסע דיפֿערענץ צווישן דעם פֿאַרשריבענעם און דעם פֿאַקטישן אויפֿפֿיר פֿון ייִדן — אוי, וויי! שלעכט! עס וויינט דער קייסער, עס וויינט דאָס פֿאָלק: מיר האָבן געזינדיקט! די חז"ל אָבער — ייִדן האָבן אַן אַנדער אויפֿפֿיר, ניט ווי עס איז געשריבן. דאָס איז לויט דער צווייטער תּורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויך ווי די תּורת משה, נאָר ניט פֿאַרשריבן נאָר אויסוויניק, בעל פּה. עס איז אויך ייִדישקייט, אפֿשר נאָך וויכטיקער ווי די פֿאַרשריבענע. איז דאָס געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין באַוווסטזײַן פֿון די חז"ל און זיכער אויך פֿון גאַנצן פֿאָלק. עס איז אויפֿגעקומען אַ נײַער גלויבן, אַ נײַע פֿאָרשטעלונג וועגן מתּן תּורה: די פֿירונג פֿון פֿאָלק, זײַנע זיטן און מינהגים זײַנען אַ תּורה — יע פֿאַרשריבן אָדער ניט פֿאַרשריבן — אַלץ איינס. ייִדישקייט האָט צוויי מקורים — מדאורייתא און מדרבנן — דאָס וואָס עס איז פֿעסטגעשטעלט פֿון דער תּורת משה און דאָס וואָס די רבנן — די אַנערקענטע, אויטאָריטעטע געלערנטע שטעלן פֿעסט —

בײדע זײַנען פֿון גאָט געגעבן. קען זײַן אַז דער עצם באַגריף „געגעבן פֿון גאָט" האָט בײַ זײ אױך געהאַט אַן אינהאַלט, ניט קײן מאַטעריעלן װי מיר טײַטשן די װערטער פּשוט, נײַערט קען זײַן אַז אױך זײ האָבן פֿאַרשטאַנען דעם ענין ניט פּרימיטיװ דערלאַנגט װי אַ מענטש דערלאַנגט עפּעס פֿון האַנט צו האַנט. עס איז אונדז אױסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אױף די גאָט־באַגריפֿן פֿון חז״ל, און מיר האָבן געזען, װי טיף סימבאָליש חז״ל האָבן גענומען די באַגריפֿן, אַזױ אַז מיר מעגן גלײבן, אַז זײ האָבן פֿאַרשטאַנען בערך אַזױ: זאַכן װאָס זײַנען אײַנגעפֿירט בײַם גאַנצן פֿאָלק פֿון קדמונים, דאָס גאַנצע פֿאָלק גלײבט אין זײ, אין זײער הײליקײט און זײ האַלטן זיך דורות לאַנג, זײ זײַנען אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פֿון לעבעדיקע מענטשן, זײ פֿורעמען דעם גײַסט פֿון פֿאָלק, — זײ זײַנען פֿון גאָט, װײַל גאָט און דער אײביקער גײַסט פֿון פֿאָלק זײַנען שױן בײַ די חז״ל געװען אידענטיש. גאָרניט װי שפּעטער זײַנען די באַגריפֿן פֿון גאָט געװאָרן בײַ ייִדן צו פֿיל מאַטעריאַליזירט, מסתּמא אונטער דער השפּעה פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, װאָס בײַ זײ אין די באַגריפֿן זײַנען נאָך פֿאַראַן אַ סך געצנדינערישע עלעמענטן, בעת בײַ ייִדן האָבן טאָקע די חז״ל געגעבן דעם ערשטן ייִדן אַבֿרהמען אַ האַק אין האַנט און געהײסן צעברעכן אַלע מאַטעריע־לע געטער פֿון זײַן טאַטן און אַלע מאַטעריעלע גאָט־באַגריפֿן פֿון אַלע געצנדי־נערישע פֿעלקער בכלל. אַזױ זײַנען אױך די באַגריפֿן פֿון מתּן תּורה. מיר זאָגן אױך איצט עס איז „געטלעכע שײַנקײט", „געטלעכע פֿירונג", וכדומה אין זינען פֿון מדרגות בערך אַזױ: עס קען זײַן אַ חיהשער אױפֿפֿיר — כּעס, רחמנות און עס קענען זײַן העכערע, מענטשלעכע מדרגות פֿון די געפֿילן און פֿירונגען, אַזױ פֿירט זיך אַ מענטש בכלל און אַזױ פֿירט זיך אַ ייִד, עס איז ייִדיש, ייִדיש־פֿאָלקיש און די העכסטע מדרגה — עס איז געטלעך. עס קען זײַן חיהשער כּעס פֿון אַן אָקס, מענטשלעכער כּעס איז אַ סך העכער, ייִדישער כּעס — נאָך הע־כער און עס קען זײַן געטלעכער צאָרן פֿון די נבֿיאים, למשל. מעגן מיר זיך פֿאָרשטעלן, מעגן מיר גלײבן אַז אין דעם זינען האָבן אױך פֿאַרשטאַנען חז״ל „מתּן תּורה". בכלל אָבער זײַנען די געביטן פֿון מחשבֿה ניט אָנגענומען בײַ ייִדן זיך צו גריבלען אין זײ. עס איז „מעשׂה מרכּבֿה", װאָס עס איז בעסער אױסצומײַדן. װעלן מיר אױך זיך ניט פֿאַרשפּרײטן. דער עיקר װאָס מיר דאַרפֿן איז, אַז די חז״ל האָבן אַרײַנגעפֿירט בײַ ייִדן אַ נײַעם באַגריף „תּורה שבעל פּה", װאָס איז פֿריִער אין גאַנצן ניט געװען אַפֿילו בײַ די נבֿיאים. פֿאַראַן עטלע־כע מדרגות פֿון באַגריף „תּורה". אין די ערשטע פֿיר ספֿרים פֿון חומש מײנט יעדער אָנװײַז באַזונדער תּורה. זאת תּורת החטאת, העולה, תּורת הצרעת, תּורת הזבֿ וכדומה זאַכן װאָס האָבן ניט קײן שײַכות צו געטלעכקײט. ערשט אין ספֿר דבֿרים װערט דאָס װאָרט תּורה גענוצט נאָר װי דער סכום אָנװײַזן װי ייִדן

דאַרפֿן זיך פֿירן ניט פֿאַר גאָט, נאָר פֿאַר ייִדישקייט. תורה און ייִדישקייט זײַנען געוואָרן אידענטיש — צוויי ווערטער פֿאַר איין באַגריף. עס איז „תורת משה", „תורת אלוהים", „תורת השם". און די חז"ל האָבן אַרײַנגעפֿירט גאָר אַ נײַעם באַגריף פֿון „תורה שבעל פה", תורה מדאורייתא און מדרבנן; תורה הכתובה און שבעל פה. די תורה שבכתב באַשטייט פֿון מצוות — אָנגעזאָגט, גאָט הייסט. אָבער די תורה שבעל פה באַשטייט ניט פֿון מצוות, נאָר פֿון הלכות. און הלכה מיינט פּשוט דער גאַנג, דער שטייגער, דער אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק. דאָס וואָס עס איז אָנגענומען פֿון אייביק אָן מדאורייתא, תורת אלוהינו זײַנען מצוות. דאָס אָבער וואָס איז אין דער תורה שבכתב גאָר ניטאָ, עס איז מדרבנן, אָדער פֿון פֿאָלק, פֿון פֿאָלקישן לעבן און שטייגער, עס איז „תורת חיים" — זי באַשטייט פֿון הלכות — פֿון שטייגער־פֿירונגען. דאָס איז דער ייִדישער גאַנג. עס איז אַ גוואַלדיקער נײַעס פֿון היללן זײַן ענטפֿער אויף אָן אָנפֿרעג „פּוק חזי" — גייט און זעט ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, און ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, אַזוי איז דער דין, אַזוי דאַרף מען זיך פֿירן. אין תנך וואָלט מסתמא געווען דער ענטפֿער „לדרוש את אלוהים". מען דאַרף פֿרעגן בײַ גאָט. דאָ איז דער ענטפֿער דירעקט „פֿרעגט דאָס פֿאָלק". מיט איין מאָל איז בײַ די חז"ל דער „עם כבד עון, זרע מרעים, בנים משחיתים", דער „עם טמא שפֿתים", מיט איין מאָל איז דאָס זעלביקע געוואָרן דער „עם ה'", דער „אם לא נביאים הם, בני נביאים הם" בײַ היללן (פּסחים סו, א' און ב'). מיט איין מאָל קענען עס די חז"ל ניט מוחל זײַן ישעיה הנביא פֿאַר זײַנע בייזע רייד אויף ייִדן. און זיי, די חז"ל האָבן עס פֿאַרמישפּט ישעיהן טויט־שטראָף (יבמות מט, ב') פֿאַר זײַן זאָגן אויף ייִדן „עם טמא שפֿתיים" און דער גוטער רשי וואָס מאַכט תמיד שלום צווישן פּסוקים, גיט צו אַז אַט די בייזע רייד אויף ייִדן האָט ישעיה געזאָגט ניט פֿון גאָטס נאָמען נאָר פֿון זיך אַליין. ס'קען גאָר ניט זײַן אַז גאָט זאָל זאָגן עפּעס אַזוינס אויף ייִדן. אַט אַזוי ווײַט זײַנען עס די באַגריפֿן וועגן ייִדן בײַ די חז"ל לגבי די נביאים!

## ווי עס איז געקומען צו דער איבערקערעניש

ווי אַזוי איז עס געוואָרן אַזאַ מין ענדערונג אין די באַגריפֿן? ווי איז אויפֿגעקומען אַט דער „פֿאָלקיזם" בײַ די חז"ל? עס האָבן דאָך געמוזט זײַן טיפֿע סיבות צו דעם. איך גלייב אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער גליקלעכסטער תקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע, די השפּעה פֿון דער פּערסישער הערשאַפֿט אויף די ייִדן. דאָס איז די צײַט פֿון נחמיה ביז די חשמונאים. עס איז געווען אַ „שטילע" צײַט, אָן געשיכטע, אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע. די ייִדן האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט און פֿאַרמערט, געוואָרן אַ גאַנץ פֿאָלק, פֿאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד. זיי האָבן דאָס לאַנד געמאַכט פֿאַר אַן „ארץ ישראל".

אויב אָט דער פּאָס לאַנד איז געבליבן אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט דאָס „הייליקע לאַנד” פֿאַר אַ האַלבער וועלט פֿעלקער, איז דאָס געוואָרן איצט דווקא. פֿאַראַן אין גמרא (חגיגה ג׳, ב׳) אַז צוויי קדושות האָט געהאַט ארץ ישׂראל — די ערשטע אין די צײַטן פֿון יהושוע און די צווייטע קדושה אין די צײַטן פֿון עזרא. די צווייטע קדושה איז געווען אַן אייביקע, די ערשטע אָבער איז געווען בלויז אַ צײַטווײַליקע. און אַזוי איז עס אויך פֿאַר אונדז: וואָלט ניט געווען די פּערסישע תקופֿה און איר השפּעה, וואָלט די גאַנצע ארץ ישׂראל לאַנג שוין פֿאַרלאָרן איר גאַנצן ווערט אין די אויגן פֿון דער וועלט און אויך פֿון ייִדן. אין דער צײַט האָט זיך געביטן די פּסיכיק פֿון ייִדן. בײַ ייִדן איז פֿריִער געווען אַ געפֿאַלענע שטימונג בנוגע צו זיך, צום אייגענעם פֿאָלק — אַ קליין פֿאָלק און אַ שוואַך פֿאָלק, מחמת דעם אַ כּסדרדיקער דראַנג נאָכצומאַכן אַנדערע פֿעלקער, זיך אַסימילירן. דאָס איז אַ כאַראַקטער־שטריך פֿון ייִדן פֿריִער און אויך שפּע־טער. אָבער ניט אין דער פּערסישער תקופֿה. פֿאַרקערט האָט זיך איצט אַנט־וויקלט בײַ ייִדן אַ דרך ארץ צו זיך, אַ ליבע און אַכטונג צו אַלע ייִדישע זיטן און פֿירונגען, און צום גאַנצן ייִדישן פֿאָלק און צו דער גאַנצער ייִדישקייט בכלל. נאָר די גײַסטיקע ענדערונג, אָט דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ האָט עס מעג־לעך געמאַכט דעם רעוואָלט פֿון די חשמונאים בכלל. מען דאַרף קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן אַז דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין יעדער ביאָגראַפֿיע פֿון איין מענטשן איז דער גײַסט פֿון דעם מענטשן, און דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר פֿון דער געשיכטע פֿון איטלעך פֿאָלק איז דער גײַסט פֿון אָט דעם פֿאָלק. די גליקלעכע, רויִקע צײַט האָט געביטן די גײַסטיקע באַציִונג פֿון ייִדן צום אייגענעם פֿאָלק: ניט נאָר די ייִדישקייט פֿון פֿאַרצײַטן, פֿון דער פֿאַרשריבענער תורה איז הייליק און טײַער, ווייל עס איז „אונדזערס” — ייִדיש; נײַערט דער גאַנצער שטייגער, דער פֿיר ווי ייִדן לעבן, אָט די „תורת חיים” איז ליב און טײַער און ניט ווײַל גאָט הייסט, און ער וועט נאָך שמײַסן ווען מען וועט אים ניט פֿאָלגן. ניין, עס איז ליב ווײַל עס איז אונדזערס, ווײַל מיר ייִדן פֿירן זיך אַזוי. ניט געווען מער קיין נבֿיאים וואָס זאָלן שיטן פֿעך און שוועבל אויף ייִדן. משה האָט געחלומט „מי יתן והיה כל עם ה׳ נבֿיאים”, איז איצט געקומען הילל און האָט טיטולירט אַלע ייִדן מיט דעם טיטול „בני נבֿיאים”. און ייִדן בכלל האָבן גאָר אַן אַנדער דרך ארץ געקראָגן צו די אייגענע ייִדישע פֿירונגען. „ס׳איז גוט צו זײַן אַ ייִד!” דאָס איז געווען די שטימונג בײַ די פּשוטע ייִדן. דעמאָלט איז עס אויפֿגעקומען גאָר אַ נײַע ייִדישקייט, אַ ייִדישקייט שבעל פּה, וואָס אַ סך ריכטיקער וואָלט געווען זי צו רופֿן „ייִדישקייט שבשטייגער”, אָדער „תורה שבשטייגער”. גאָר אַ נײַער באַגריף פֿון ייִדישקייט, פֿון תורה. עס איז ניט אין אַ ספֿר וואָס מען געפֿינט צופֿעליק אין בית המקדש (אַז מען געפֿינט האָט דאָך עמעצער אַוועק־

געלייגט). איצט איז עס אַנדערש: איר פֿרעגט וואָס איז ייִדישקייט? ווי איז ייִדישקייט? — ענטפֿערט הילל: „פּוק חזי“ — גייט אַרויס און זעט, קוקט ווי ייִדן פֿירן זיך, ווי זיי טוען און אַט אַזוי איז ייִדישקייט! דאָס איז אַ גרויסער נײַעס אין ייִדישקייט. און ניט נאָר אין איין אָרט. אָט איז אַ צווייטע גמרא: „מנהג מבטל הלכה“ (ירושלמי יבמות י״ב הלכה א׳), אָדער אַזאַ אָרט: „אויב עס וועט קומען אליהו (מיט משיחן!) און ער וועט זאָגן אַז חליצה דאַרף מען דורכפֿירן אויף איין אופֿן, דאַרף מען אים ניט פֿאָלגן ווײַל „שכּבר נהגו העם“. „דאָס פֿאָלק פֿירט זיך שוין אַנדערש(!)“ (יבמות ק״ב א׳). איז דער מינהג פֿון פֿאָלק וויכטיקער ווי אליהוס רייד, וואָס קומען דאָך זיכער פֿון גאָטס מויל. דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרלאָרן יעדער אינטערעס צו אַסימילאַציע: מיט סובאָרדיי־נירטע פֿעלקער אַסימילירן זיך ייִדן קיין מאָל ניט. מען אַסימילירט זיך נאָר מיט הערשנדקע פֿעלקער, אָבער דאָס פּערסישע הערשנדיקע פֿאָלק איז געווען ווײַט, גאָר ניט אָפּט האָט זיך פּערסיע געמישט אין ייִדישן לעבן. נחמיה האָט ערשט אײַנגעפֿירט דעם יום טוב סוכּות, וואָס איז לגמרי ניט געווען אָנגענומען בײַ ייִדן, הגם אין תּורת משה איז ער אַזוי אָנגעגעבן. דער יום טוב פּסח איז אויך לגמרי ניט געווען אײַנגעפֿירט בײַ ייִדן כּמעט ביזן ערשטן חורבן (מלכים ב׳, כ״ב). וועגן עליה לרגל ווערט אין תּנך לגמרי ניט דערציילט, ווי עס וואָלט גאָרניט געפֿירט זיך. בכלל איז זיך גאָר שווער פֿאָרצושטעלן ווי ייִדישקייט פֿון הײַנט וואָלט זיך געקענט צופּאַסן צו ייִדישקייט פֿון תּנך־צײַט. עס קומט אויס אַז ניט דער תּנך און ניט די נביאים האָבן געמאַכט ייִדן פֿאַר אַן אייביק פֿאָלק. דאָס איז דער אויפֿטו פֿון דער פּערסישער תּקופֿה. נאָך מער — אויך דער תּנך אַליין איז אויסגעפֿורעמט אין יענער צײַט, און שפּעטער דורך די חז״ל. אין תּנך איז כּמעט ניט דערמאָנט דאָס וואָרט ארץ ישראל, ניטאָ אין תּנך דער נאָמען „חג מתּן תּורה“ פֿאַר שבֿועות, ער איז ניט מער ווי חג הבּיכּורים. די אַלע איבעריקע פֿאַרבינדונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק מיט דער ייִדישער תּורה, מיט ארץ ישראל, מיט מתּן תּורה — דאָס אַלץ איז געקומען נאָכן תּנך, אין דער צײַט פֿון פּערסישער תּקופֿה און פֿון די חז״ל.

בכן קענען מיר קומען צו אַן אויספֿיר, אַז דאָס אייביקע ייִדישע פֿאָלק מיט די אייביקע ייִדישע באַגריפֿן שטאַמען גאָר ניט פֿון דער תּנך־צײַט, ניט פֿון תּנך, ניט פֿון די נביאים און ניט פֿון דעם תּנך שטאַמט אונדזער „נצח ישראל“. דאָס אַלץ קומט פֿון בית שני, בעיקר פֿון דער פּערסישער תּקופֿה, ווען ייִדן זײַנען געוואָרן אַן אמת פֿאַרזיכיק פֿאָלק מיט אַ פֿאַרזיכיקן באַוווסטזײַן און מיט אַן אַלזײַטיקער אינעווייניקסטער גײַסטיקער פֿאַרזיכיקייט.

## די אַנטוויקלונג פֿון יידישער תּורה

ייִדישקייט אָדער די ייִדישע תּורה האָט בכן זיך אַנטוויקלט אין עטלעכע עטאַפּן. מיר וועלן זיי אָנמערקן בקיצור. אין חומש בראשית איז כמעט ניטאָ דאָס וואָרט תּורה. ייִדן זײַנען געווען, דורכגעמאַכט אַ גלות, אָפּגעזונדערט זיך פֿון אַנדערע סעמיטישע פֿעלקער, משפּחות, געוואָרן אַ באַזונדערער וואַנדערנ־דיקער אײנס, אַ פֿאָלק. זײַן הויפּט־סימן איז געווען „עבֿרים" — פֿון יענער זײַט טײַך פּרת. ניט געווען קיין תּורה, קיין שריפֿטלעכע ייִדישקייט, דער אייגענער פֿאַרזיכיקער שטייגער האָט אַזוי די ערשטע ייִדן אויסגעטיילט פֿון צווישן אַלע אַנדערע וואַנדערער. אין באַזונדערן, פֿאַרזיכיקן לעבן האָבן זיך אויסגעצײַטיקט באַזונדערע אייגנשאַפֿטן פֿון שפּראַך, פֿון זיטן און פֿירונגען. עס האָט זיך אײַנ־געהיט דאָס געפֿיל פֿון קרובֿהשאַפֿט מיט אַנדערע שבֿטים. אָט דער פֿאַרזיכיקער שטייגער, ניט פֿאַרמולירט און ניט פֿאַרשריבן איז דאָך געווען גענוג אָפּצוהיטן די פֿאַרזיכיקייט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. אמת, עס איז געווען אַן אָפּ־זונדערונג אַ דרויסנדיקע — די מצרים האָבן זיך געהאַלטן ווײַט פֿון ייִדן קול־טורעל און שטייגעריש. עס איז בײַ ייִדן אָבער געווען אַ פֿאַרזיכיק באַוווסט־זײַן און אַן אייגענע טראַדיציע. משה קומט צו ייִדן, רעדט ער תּמיד אין נאָמען פֿון דער אייגענער טראַדיציע, פֿון דעם אייגענעם, באַזונדערן גאָט. ער רעדט תּמיד אין נאָמען פֿון אלוהי אַבֿרהם, יצחק ויעקבֿ, אלוהי האָבֿות. משה גיט ניט די ייִדן קיין נײַע רעליגיע. ער האָט געלעבט צווישן ייִדן, ער קען גוט דעם ייִדישן שטייגער און פֿון דעם באַוווסטזײַן, וואָס שטאַמט אַרויס פֿון שטייגער. ער פֿאַרמולירט שפּעטער פֿאַר ייִדן אין די לוחות און נאָך פֿריִער די פּרינציפּן פֿון זייער אייגענער ייִדישקייט. עס איז זיכער ריכטיק די גמרא וואָס זאָגט, אַז אַבֿרהם אָבֿינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תּורה. דאָס איז אַ פֿאַרמול וואָס לייענט זיך גלײַך פֿון ביידע זײַטן: אַבֿרהם האָט מקיים געווען די גאַנצע תּורה וואָס משה האָט פֿאַרמולירט. און פֿאַרקערט די זעלביקע זאַך: משה האָט פֿאַר־מולירט דעם שטייגער וואָס האָט זיך געפֿירט בײַ ייִדן נאָך פֿון אַבֿרהם אָבֿינו אָן. דאָס איז געווען דער ערשטער געשריבענער קאָדעקס פֿון ייִדישקייט. מיט דעם פֿאָלק פֿון נעכטיקע קנעכט האָט עס משה געוואָלט אויפֿבויען דאָס מוס־טער־פֿאָלק פֿון אַ „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש". איז עס געווען אַ צו ווײַטע דיסטאַנץ צווישן משהס אידעאַל און דעם פּשוט־פֿאָלקישן גאָט־באַגריף בײַ דעם אָקאָרשט באַפֿרײַטן פֿון קנעכטשאַפֿט פֿאָלק. בײַם פֿאָלק איז דער אידעאַל געווען דאָס מצרישע פֿאָלק מיט זײַנע געטער, זייערע מאַטעריעלע סימבאָלן. בײַ משהן — גאָט־אידעע, אָן קיינע מאַטעריעלע סימבאָלן. דער ערשטער צוזאַמענשטויס — דער עגל הזהבֿ. בײַ דעם פֿאָלק: פֿאַרוואָס זאָל דער ייִדישער גאָט ניט האָבן

קיין מאַטעריעלן סימבאָל פֿון אַן אָקס, אַזוי ווי דער מצרישער גאָט אין געשטאַלט פֿון אָקס? ייִדן פֿרייען זיך, טאַנצן לוסטיק: זיי האָבן דערגרייכט די גײַסטיקע הייך פֿון מצרישן פֿרײַען פֿאָלק!

פֿאַר משהן — אַ חורבן פֿון זײַן אידעאַל, פֿון אַן אַבסטראַקטן אידעען־גאָט. קיין אידעאַל פֿאַרקערפּערט זיך ניט אין זײַן פֿולן געשטאַלט. משה האָט אויך זײַן אידעאַל ניט דערגרייכט. משה שטאַרבט אין מידבר, ווײַט פֿון זײַן אידעאַל. די גאַנצע צײַט פֿון בית ראשון בלײַבט די דיסטאַנץ צווישן דעם אידעאַל אין די מוחות פֿון די נבֿיאים און דעם לעבעדיקן פֿאָלק. דאָס פֿאָלק מיט זײַנע פֿאַרשטעלן איז איינס און די גרויסע אידעאַליסטן — די נבֿיאים זײַנען עפּעס גאָר אַנדערש. גאָר פֿאַמעלעך, אין משך פֿון יאָרהונדערטער ווערט דער אידעאַל אַ פֿאַקט אין לעבן. ערשט דער גלות בבֿל און די פּערסישע תּקופֿה אין ארץ ישׂראל פֿאַרקערפּערן טיילווײַז דעם אידעאַל פֿון משהן און די נבֿיאים. איז די שומרון־מלוכה געווען און געבליבן אַ קליינער, קורצדויערנדיקער עפּיזאָד אין דער געשיכטע... גאָר פֿאַרקערט איז געווען דער גורל פֿון גלות בבֿל. ערשט דאָ פֿורעמט זיך אויס דאָס פֿאַרזיכיקע, אייגנאַרטיקע ייִדישע פֿאָלק, וואָס בויט אויף דאָס לאַנד ישׂראל מיט זײַן גײַסטיקער פֿאַרזיכיקייט. דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט אין צוויי אויטאָנאָמע טעריטאָריעס — אין בבֿל־פּערסיע גופֿא און אין ארץ ישׂראל. און די פֿאַרזיכיקע ייִדישקייט קומט אויס שטאַרקער אין בבֿל, וואָס שיקט פֿאַרשטאַרקונגען קיין ארץ ישׂראל (סוכה כ׳, א׳). ערשט איצט ווערט די תּורה די שטענדיקע באַגלייטערין פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער בראשיתדיקער טײַטש סתּם אַנווײַז ווערט פֿאַרגעסן. שוין ניטאָ מער „זאת תּורת נגע הצרעת״, „זאת תּורת החטאת״. ניטאָ אויך דער מערצאָל — פֿאַרשיידענע אָנווײַזן. עס איז תּורה — דער אַלגעמיינער אָנווײַז פֿון ייִדישקייט בכלל. צוערשט האָט עס געקאָנט זײַן איטלעכער אָנווײַז אַ תּורה פֿאַר זיך. איצט איז עס שוין ניט מער אַזוי, נאָר „ספֿר התּורה״ — דער אַלגעמיינער אָנווײַז פֿון ייִדישקייט בכלל, דער אַלגעמיינער סכום פֿון אַלע אָנווײַזן בין אדם למקום. פֿון איצט אָן איז עס „תּורת משה״. אָבער דער נאָמען באַטײַט אַז די תּורת משה שעפּט ניט אויס גאָר די ייִדישקייט, עס זײַנען פֿאַראַן נאָך עלעמענטן פֿון ייִדישקייט וואָס זײַנען אין דער תּורת משה ניט דערמאָנט. איז אויפֿגעקומען דער באַגריף „מדרבנן״. פֿאַראַן ייִדישקייט מדאורייתא (פֿון דער תּורה. אורייתא — תּורה) און פֿאַראַן ייִדישקייט וואָס שטאַמט מדרבנן. תּורה בכלל ווערט דערהויבן, זי פֿאַרפֿליכט אַלעמען, אַלעמען, אַפֿילו גאָט אַליין מעג טאָן נאָר אַזוי ווי די תּורה הייסט. אַפֿילו דער גאַנצער באַשאַף פֿון דער וועלט איז אויך נאָר לויט דער תּורה, ווי עס זאָגט אַ מדרש „מביט בתּורה ובורא את העולם״. אַזוי ווי אַן אינזשינער בויט לויט די געצייכנטע פּלענער, אַזוי בויט גאָט די וועלט לויט די פֿאַרשריפֿטן פֿון דער

תּורה, לויט זייערע באַגריפֿן זײַנען, הייסט עס, פֿאַראַן — די קאָסמישע תּורה, וואָס לויט איר באַשאַפֿט גאָט זײַן וועלט; די מענטשלעכע תּורה, די תּורה פֿון די בני נוח און לסוף טיילט זיך אַרויס פֿון די אַלע די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אָבער די תּורת משה וואָס די סופֿרים מיט עזרא בראש האָבן זי שוין געהאַט פֿאַרשריבן שעפּט ניט אויס גאָר די ייִדישקייט וואָס איז פֿאַראַן אין שטייגער, דער ייִדישער שטייגער איז אַ סך רײַכער. ייִדן פֿירן זיך אַזוי און אין תּורת משה איז עס ניטאָ. עס איז אויך ייִדישקייט, עס איז „תּורת חיים" — פֿון ייִדישן לעבן, פֿון ייִדישן שטייגער.

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער ייִדישער געשיכטע, ווען דער אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק ווערט אויפֿגענומען ניט ווי אַ ווידערשפּענונג צו דער תּורה, ווי אַ זינד, וואָס מען דאַרף באַקעמפֿן, נאָר עס ווערט אויפֿגענומען ווי אַ ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון ייִדישקייט מיט די זעלביקע רעכט וואָס תּורת משה.

דאָ קומט בולט אַרויס די מחלוקת צווישן די פּרושים און די צדוקים. די צדוקים האָבן ניט קיין אַכטונג צום פֿאָלק און צו זײַנע פֿירונגען. פֿאָלק, פֿאָלקישע פֿירונגען — אויך ייִדישקייט! די תּורה איז נאָר וואָס עס איז געשריבן און מער ניט! דאָס איז די לאָגיק פֿון די צדוקים. גאָר פֿאַרקערט איז דער גלויבן פֿון די פּרושים: איר ווילט עכטע ייִדישקייט — גייט און זעט ווי ייִדן פֿירן זיך אין זייער פֿאַרזיכיקער טראַדיציע. עס איז ניט פֿאַרשריבן אין ספֿרים, איז עס פֿאַרשריבן — נאָך בעסער ווי פֿאַרשריבן, פֿאַראייביקט אין די פֿירונגען פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאַרשרײַבן איז כּדי מען זאָל דורכפֿירן. און אויב מען פֿירט אַזוי, הגם עס איז ניט פֿאַרשריבן, איז עס דאָך געוויס גוט!

פֿרעגט אַ צדוקי בײַ שמאי: וויפֿל תּורות האָבן ייִדן? ענטפֿערט שמאי קורץ און קלאָר „צוויי תּורות! — בכּתבֿ און בעל פּה — די וואָס אין ספֿר און די דירעקטע אין שטייגער. אַז איך פֿאַרטיף זיך אין תּנך, פֿאַרגעס איך דאָס פֿאָלק. איך זע, איך פֿיל דעם גרויסן יחיד, דעם נבֿיא, קיין פֿאָלק אָבער, דאָס פֿאָלק צו וועמען די רייד זײַנען געווענדעט — דאָס פֿאָלק זע איך ניט. ווען איך האַלט אָבער אַ גמרא, דערפֿיל איך באַלד דאָס פֿאָלק, ניט דעם גרויסן יחיד אַליין. דער גרויסער קעמפֿער פֿאַר ייִדישקייט אליהו — אַנטלויפֿט גאָר פֿון ייִדישן פֿאָלק, ער איז איינער און זיי ווילן אים גאָר טייטן! גאָר אַנדערש איז עס מיט די חז"ל: זיי קענען גאָר ניט זײַן אָן דעם פֿאָלק. אַ פֿיש אָן וואַסער און אַ חכם אָן דעם גאַנצן פֿאָלק. די חז"ל אָטעמען מיט פֿאָלקישקייט ניט ווייניקער ווי אַ פֿיש אין וואַסער. צוויי תּורות זײַנען דאָס און צוויי וועגן אין פּראָצעס פֿון לערנען. מען קען נעמען טעקסטן און זיי אײַנלערנען, פֿאַראייגענען די ווערטער וואָס

זײַנען שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן פֿריִער; מען האָט זיי שוין לאַנג אַריבער־געפֿירט פֿון מעשׂים אין ווערטער. און עס קען זײַן אַ צווייטער מין לערנען: נעמען דערשײַנונגען, פּראָצעסן, פֿירונגען וואָס זײַנען נאָך אין ווערטער ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן און זיי — אָט די האַנדלונגען איבערזעצן אין ווערטער. צוויי פֿאַרקערטע פּראָצעסן זײַנען דאָס: אָדער מען פֿירט אַריבער ווערטער אין מעשׂים, אָדער פֿאַרקערט — פֿון מעשׂים אין ווערטער. מעשׂים, פֿירונגען, האַנד־לונגען אויסדריקן אין ווערטער. די חז״ל האָבן גענומען דעם צווייטן וועג — זיי האָבן זיך פֿאַרמאָסטן די פֿירונג פֿון פֿאָלק אויסדריקן אין ווערטער, אין זאַצן. אין דער תּנך־צײַט איז ייִדישקייט איבערהויפּט אין ווערטער. צו מעשׂים איז עס זעלטן דערגאַנגען. אין די צײַטן פֿון חז״ל איז ייִדישקייט ניט אין ווערטער נאָר אין מעשׂים, אין האַנדלונגען און טואונגען אַריבערפֿירן די האַנדלונגען אין ווערטער — דאָס איז די גאַנצע אויפֿגאַב פֿון די חז״ל. פּונקט פֿאַרקערט פֿון דעם וואָס ווערט איצט געטאָן אין אַלע שולן. אָבער דאָס איז אָן אַ זײַט, ניט צו דער טעמע. דער עיקר פֿאַר אונדז דאָ איז דער פֿאָלקיזם פֿון די חז״ל: די ייִדישע פֿירונגען פֿון פֿאָלק — זיי זײַנען אַ תּורה. אויב עס איז פֿון פֿאָלק איז עס געטלעך, פֿון גאָט. בעל פּה האָבן זיי עס גערופֿן. איך וואָלט עס אָנגערופֿן פּשוטער, דירעקטער „תּורה שבשטייגער״! אָבער, פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר גייען ניט קאָרעגירן די חז״ל.

וואָסער תּורה איז וויכטיקער פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק — צי די וואָס מדאורייתא (פֿון דער תּורה) אָדער די ייִדישקייט פֿון פֿאָלק, די בעל פּה־ייִדישקייט?

אין גמרא און אין מדרשים זײַנען פֿאַראַן אַ סך איבערגעחזרט, אַז די חז״ל האָבן געהאַלטן די פֿאָלקישע פֿירונגען, די ניט פֿאַרשריבענע פֿאַר וויכטיקער. זיי האָבן דאָס אָפּט פֿאַרגליכן צו — וואָסער, ווײַן און געצוקערטן ווײַן; אָדער צו עסן רויע קערנער, געמאָלענע ברויט און לעקעך (הקדמה צום זוהר). ייִדן זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן פֿון גלות (געזאָגט מצריים, געמיינט — פֿון גלות בכלל) נאָר מחמת דעם וואָס זיי האָבן געהיט זייער „מסטורין״ (דאָס וואָרט מסטורין, מיט אַ טית און ניט מסתּורין מיט תּיו מיינט ניט פֿאַרבאָרגעניש, נאָר מיסטעריעזע ייִדישקייט. מיסטעריעז ווײַל ניט פֿאָרמולירט אין ווערטער). איך וועל פֿון די פֿילצאָליקע ערטער ברענגען נאָר איינס: זאָגט רבי יוחנן „גאָט האָט ניט געמאַכט קיין אָפּמאַך מיט ייִדן נײַערט נאָר צוליב די דבֿרים שבעל פּה, צוליב די בעל פּה־עלעמענטן פֿון ייִדישקייט (גיטין ס׳). און רבי יוחנן איז געווען איינער פֿון די ערשטע אמוראים, דירעקט נאָך רבינו. און עס איז אַזוי פֿאַרשטענדלעך, פּשוט: ייִדישקייט איז אין מעשׂים, מען דאַרף עס טאָן כּדי צו זײַן אַ ייִד. איז דאָס וואָס עס איז „בעשׂיה״ אין מעשׂים, דאָס איז „בלמידה״ —

אין לערנען. אַפֿילו אַ פּשוטע ברכה, אויב עס איז נאָך דער ברכה ניטאָ עפּעס אַ מעשׂה, ווערט די ברכה אַ „ברכה לבֿטלה" אַן אומזיסטע ברכה. פֿון אַ מצווה גייט עס אַריבער אין אַ מין עבֿירה. בכן איז עס קלאָר: די ייִדישע פֿירונגען פֿון פֿאָלק — זיי זײַנען דער עיקר פֿון ייִדישקייט. אַ גמרא דערציילט וועגן אַ מחלוקת צווישן רבי עקיבֿא און רבי טרפֿון — וואָס איז גרעסער (וויכטיקער) — לימוד אָדער מעשׂה. רבי עקיבֿא האַלט אַז לימוד איז וויכטיקער, רבי טרפֿון האַלט אַז מעשׂה איז וויכטיקער, און די גמרא דערציילט אַז לימוד איז גרויס ווײַל ער ברענגט צו מעשׂים (קדושין מ', ב'). מיט זיי דאַרף מען זיך פֿאַרנעמען פֿריִער. דער תּנך האָט בײַ די חז"ל געקראָגן אַ נײַעם נאָמען „מקרא". עס איז פֿון וואָרט קרא — לייענען. דער תּנך דאָס איז לעקטור. און היות ווי זיי — די חז"ל — האָבן אײַנגעפֿירט דעם באַגריף פֿון שׂכר ועונש אויף יענער וועלט, נאָכן טויט, איז פֿאַר זיי געווען קלאָר, אַז פֿאַר לערנען מקרא קריגט מען ניט קיין שׂכר אויף יענער וועלט. ווען זײַנען ייִדן געוואָרן אַ פֿאָלק פֿאַר דער אייביקייט? ניט פֿון תּנך און ניט מיטן תּנך. די נבֿיאים האָבן טאַקע געשאַפֿן די שענסטע ליטעראַטור. קיין פֿראַגע ניט, נאָר וווּ איז עס ייִדן געלעגן אין זינען די שיינקייטן פֿון תּנך? האָבן פֿעלקער זיך געהאַלטן מיט דעם הייליקן תּנך פֿון גאָט, און מיטן תּנך געברענגט ייִדן אויף אַלע פֿײַערן. דער תּלמוד אָבער האָט געהאַט דעם זעלביקן גורל וואָס דאָס איינציקע פֿאָלק, פֿון תּלמוד.

פֿאַראַן בײַ ייִדן אַ באַגריף פֿון „יין נסך": מען דאַרף ניט ניצן קיין ווײַן פֿון פֿעלקער, ווײַל עס קען זײַן אַז זיי האָבן פֿון דעם ווײַן גענוצט פֿאַר זייערע געטער, פֿאַר זייער רעליגיע. און ביז הײַנט מײַדן ייִדן אויס צו נוצן ווײַן פֿון פֿעלקער. איז ניט דער תּנך אַזאַ מין „ספֿר נסך" — אַ ספֿר וואָס ווערט גענוצט פֿאַר פֿרעמדע געטער? פֿאַר פֿרעמדע רעליגיעס? אין מײַנע יונגע יאָרן האָב איך געטראָפֿן אַ ישיבֿה־בחור וואָס האָט זיך געשמדט און געוואָרן אַ מיסיאָנער, פֿלעגט ער זיך אַרומטראָגן מיט אַ תּנך און באַווײַזן פֿון תּנך אַרויס זײַן „אמת", ביז מײַן טאַטע ע"ה האָט אים איין מאָל פֿאַרבעטן צו אונדז אין שטוב און נאָך דעם ווי ער האָט אַלע זײַנע באַווײַזן אויסגענוצט, האָט אים דער טאַטע געזאָגט: „ווען אַלע נבֿיאים וואָלטן גערעדט נאָר פֿון דײַן גאָט, אַך און וויי, וואָלטן מיר דען געגלויבט?" און ער האָט אים פֿאַרטריבן פֿון אונדזער שטוב. ווי האָבן ייִדן געקאָנט טראַכטן וועגן די שיינקייטן פֿון תּנך, אַז עסן פּסח אַ שטיקל מצה איז געווען פֿאַרבונדן מיט מסירת נפֿש אין פּשוטסטן זינען פֿון וואָרט, מחמת גוישער רציחה, כלומרשט אין נאָמען פֿון זייער רחמנותפֿולן גאָט. ווען איך איבערפֿראַזירן אַ וואָרט פֿון דער גמרא: שיין איז ייִדישקייט, אָבער דער גלות בײַ פֿעלקער האָט עס פֿאַרמיאוסט...

איך האָב פֿון מײַן אַרבעט געלייענט פֿאַר אַ פֿרײַנד, האָט ער מיר געזאָגט: „עס שמעקט פֿון דעם מיט 'אַנטיגויזם'". האָב איך אים געזאָגט: איך בין ניט שולדיק. איך האָב אַ לעבן אָפּגעלעבט צווישן גוים, זיי האָבן מיר אויסגעלערנט אַ סך, און אויך אײַנגעפּלאַנצט געפֿילן...

## גאָט לערנט תורה בײַ ייִדן

אין דער תורה פֿיגורירן נאָר מצוות. מצווה באַטײַט אָנזאָג, געהייסן, גאָט הייסט, אַלץ איז פֿון גאָט. אין גמרא קומען ניט קיין מצוות נאָר הלכות. הלכה איז גאַנג, פֿירונג, שטייגער. ניט פֿון גאָט נאָר פֿון פֿאָלק. אין תנך איז דאָס פֿאָלק משועבד צו גאָט, טאָן דאַרף מען וואָס גאָט הייסט. אין גמרא דאַרף מען טאָן ניט קיין מצוות פֿון גאָט, נאָר הלכות — שטייגער פֿון פֿאָלק, לערנען פֿון פֿאָלק. מצוות הייסט גאָט; הלכות הייסט דאָס פֿאָלק. אַזאַ שטאַרקער „פֿאָלקיזם" איז געווען בײַ חז"ל. אָבער עס איז ניט געווען קיין רעוואָלט קעגן גאָט. ניין! זיי האָבן געגלייבט אַז גאָט אַליין טוט אַזוי, ער לערנט זיך אויך פֿון ייִדישן פֿאָלק. אויך ער — דער רבונו של עולם — זיצט מיט חכמי ישׂראל פֿון גן עדן אין זײַן „ישיבֿה של מעלה" און אויך ער אַליין לערנט תורה פֿון ייִדן. און די חכמי ישׂראל דיסקוטירן מיט גאָט. פֿאַראַן אין גמרא אַ פּראַקטיקע אגדה: אַ מחלוקת אין ישיבֿה, אַלע קעגן איינעם (ר' אליעזר בן הורקנוס). ער ברענגט אַלע ראיות, אויך פֿון דער נאַטור, אַז ער איז גערעכט. עס קומט אַ בת קול פֿון הימל און זאָגט, אַז ער, ר' אליעזר איז גערעכט אין דער דיסקוסיע. שטעלט זיך אָוועק ר' יהושע און זאָגט: „מיר פֿאָלגן ניט קיין בת קול פֿון גאָט. עס שטייט אין דער תורה 'אחרי רבים להטות', איז די מערהייט גערעכט!" (בבא מציעא נ"ט, ב'). און אונדזער ליבער אליהו הנבֿיא זאָגט עדות, אַז גאָט איז ניט אין כּעס געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט געשמייכלט און געזאָגט „נצחוני בני!" מײַנע קינדער האָבן מיך באַזיגט. ניין, אַזוינע באַגריפֿן וועגן גאָט און וועגן דער תורה זײַנען ניט מעגלעך בײַ אַנדערע פֿעלקער!

עס איז מיר בפֿירוש אַ שאָד וואָס די חז"ל האָבן ניט געלאָזן קיין סיסטעמאַטישן קורס פֿון זייערע גאָט־באַגריפֿן און פֿון זייער פֿילאָסאָפֿיע בכלל. איך האָב געשריבן „עס איז מיר אַ שאָד, מיר פֿאַרדריסט עס, אָבער זיי האָבן זיך ניט גערעכנט מיט מיר, זיי זײַנען פֿאַר זיך געווען גערעכט: אידעען דאַרפֿן זיך אויסדריקן אין מעשׂים, ניט אין ווערטער, אין מעשׂים אין לעבן און ניט אין ווערטער אין ספֿרים. אידעען אין מעשׂים בלײַבן, אידעען אין ווערטער בלײַבן ניט, זיי ווערן פֿאַרגעסן. אידעען אויסגעדריקטע אין מעשׂים זײַנען לעבעדיקע, תורת חיים זײַנען זיי; אידעען אין ווערטער זײַנען ווי קינדער ניט געבאָרענע.

בכל אופן קענען מיר ניט פֿאַרגלײַכן די ייִדישע באַגריפֿן מיט די ניט־ייִדישע, מיר קענען ניט לערנען קיין גזירה שווה פֿון זיי פֿאַר אונדז. קען זײַן אַז דאָס איז טאַקע די סיבה וואָס די ייִדישע פֿילאָסאָפֿיע פֿון חז״ל האָט זיך אײַנגעהיט אַ סך מער ווי די גריכישע פֿילאָסאָפֿיע.

## די אויפֿגאַבן פֿון די ישיבֿות

אָבער אויב ייִדישקייט מיינט — דער אויפֿפֿיר פֿון ייִדן, אויב הלכות מיינט דעם שטייגער פֿון פֿאָלק, אויב תּורת חיים מיינט די תּורה פֿון לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק, — טאָ צו וואָס איז בכלל לערנען? וואָס האָט מען דורות לאַנג געהאַלטן אין שטודירן? פֿאַרוואָס איז ניט געניג דער פּשוטער ענטפֿער פֿון היללן „פּוק חזי״ — גייט און זעט ווי ייִדן פֿירן זיך, לערנט ניט פֿון ספֿרים נאָר פֿון לע־בעדיקע ייִדן! זײַנען דאָ פֿאַראַן עטלעכע ענטפֿערס.

ערשטנס, קען מען לערנען פֿון לעבעדיקע ייִדן נאָר אין דער זעלביקער צײַט. מיר קענען לערנען דאָס לעבן פֿון ייִדישע שטעטלעך איצט ניט דירעקט אין די שטעטלעך. זיי זײַנען שוין ניטאָ. בירושה פֿון תּקופֿה צו תּקופֿה איבער־געבן קען מען נאָר שטייגער־עלעמענטן וואָס זײַנען פֿאַרמולירט אין ווערטער, פֿאַרמולירן אידעען אין מעשׂים, אין פֿירונגען קען מען אין דער זעלביקער צײַט, אָבער עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן פֿון דור צו דור, פֿון תּקופֿה צו תּקופֿה.

צווייטנס, דאַרף די הלכה זײַן איינהייטלעך בײַ אַלע ייִדן. און אַ לעבעדיקע הלכה איז ניט איינהייטלעך אומעטום וווּ ייִדן לעבן. יעדער שטעטל האָט זיך זײַנע מינהגים און פֿירונגען, און אַלערליי ניואַנסן, פֿאַרשיידנאַרטיקייטן. און עס איז משמעות דעמאָלט געווען קלאָר ווי הײַנט, אַז כּדי עס זאָל זײַן איין פֿאָלק, דאַרף אויך די הלכה ווערן דורכגעפֿירט איינהייטלעך אין די פּרטים, אין די קליינע דעטאַלן. אַלע ייִדן, אומעטום — די זעלביקע הלכות, דער זעלביקער שטייגער און די זעלביקע פּרטים פֿון די הלכות. אויב דער זעלביקער אויפֿ־פֿיר, איז אויך די זעלביקע געוווינהייטן, די זעלביקע פּסיכיק, דער זעלביקער גײַסט, דאָס זעלביקע פֿאָלק; דאָס זעלביקע לשון, זײַנען די זעלביקע וויצן און ווערטלעך, די זעלביקע אינטאָנאַציע, די זעלביקע ברכות און קללות און

דריטנס, דאַרפֿן אַלע זיטן און פֿירונגען זײַן אייגענע, פֿון אייגענעם פֿאָלק, ניט קיין פֿרעמדע, פֿון אַנדערע פֿעלקער גענומען, זיי דאַרפֿן אין אַלע דעטאַלן האָבן אַן אייגענעם ייִדישן אָפּשטאַם. אָט די אויפֿגאַבעס האָבן געהאַט די ישיבֿות. אין די ישיבֿות זײַנען געווען די חכמים און תּלמידי חכמים. זיי האָבן זיך ניט פֿאַרנומען מיט אײַנלערנען טעקסטן, נאָר מיט שאַפֿן די טעקסטן. נעמען פֿירונ־

גען פון שטייגער און זיי פאַרוואַנדלען אין טעקסטן. עס האָבן משכּילים גע־חוזקט, אָפּגעלאַכט וואָס אַלע ייִדן אין דער גאַנצער וועלט שפּײַען אַלע גלײַך אויס צו עלינו און שפּרינגען אַלע גלײַך קדוש. צי זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון איינהייטלעכקייט פון גאַנצן ייִדישן פאָלק אין אַלע זײַנע צע־שפּרייטונגען? אָדער אפשר האָבן זיי עס ניט געוואָלט פאַרשטיין, אָבער אָפּגע־לאַכט האָבן זיי. ניטאָ בײַ ייִדן קיין מאַטעריעלע הייליקייט, קיין מאַטעריעלע אייניקייט, וואָס זאָל צונויפבינדן דאָס גאַנצע פאָלק אין איין איינס, האָט די איינהייטלעכקייט פון שטייגער דאָס געטאָן, פאַרבונדן אַלע ייִדן אומעטום אין איין גאַנצקייט. צי איז דאָס געווען בײַ די חז״ל אַ נבֿיאישער פאַרויסזען, אָדער סײַ ווי האָבן זיי שוין ניט געהאַט קיין אמונה אין די מאַטעריעלע הייליקייטן פון ייִדישן פאָלק, דעם ארון הברית, וואָס איז פאַרצײַטן אַזוי פאַרהייליקט געווען בײַ ייִדן, האָט מען נאָך באַשטאַט אין ירמיהוס צײַטן (מסתמא ניט אָן זײַן השפּעה); די אמונה אין בית המקדש און אין ארץ ישׂראל בכלל האָבן ייִדן אַליין מיט דער חשמונאים־דינאַסטיע בראש, אַרויסגעהאַקט מיט בלוט פון ייִדישע הערצער. אייגנטלעך האָט עס נאָך ירמיהו באַקעמפט (קאַפּ׳ ז). אָט די איינהייט־לעכקייט פון גאַנצן פאָלק האָבן אײַנגעפעסטיקט די חז״ל דורך דער איינהייט פון די פירונגען און מנהגים.

און דער אַלגעמיינער אויספיר פון אַל דעם געזאָגטן, געשריבענעם ביז איצט איז: ניט די נבֿיאים און ניט דער תּנך האָבן אויסגעפורעמט און געפירט דאָס ייִדישע פאָלק ביז הײַנט. דאָס האָבן אויפגעטאָן די חז״ל. ניט די נבֿיאים מיט זייערע שיינע און שענסטע רעדעס. דעם אמת האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען די שׂונאי ישׂראל, וואָס קענען ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז מיר לעבן ווי אַ פאָלק ביז הײַנט. דערפאַר האָבן זיי ליב דעם תּנך. ער שטערט זיי ניט פײַנט צו האָבן ייִדן שׂינאת מוות, אָבער דעם תּלמוד האָבן זיי פײַנט ביז גאָר: דאָס איז ער שולדיק וואָס די פאַרהאַסטע ייִדן האַלטן זיך אויף דער וועלט. אַגבֿ דאַרף איך זיך דאָ מודה זײַן: איך בין חושד אויך אונדזערע אייגענע „תּנכיסטן״, אַז אין זייער ליבע צום תּנך איז פאַראַן אַן עפּעס אויך פון נאָכמאַכן די ניט־ייִדן, פון גיין אין זייערע וועגן. גיבן מיר אָפּ דעם תּנך וואָס אים קומט — זײַן שיינקייט און די מאַכטיקייט פון וואָרט, אָבער צו דער אייביקייט פון ייִדישן פאָלק האָט דער תּנך קנאַפּ וואָס צוגעגעבן. דאָס איז אין גאַנצן דער אויפטו פון גמרא. דער וויכטיקסטער טייל פון תּנך זײַנען די נבֿואות — פּראַקטיק־מעכטיקע רעדעס אין נאָמען פון גאָט. ניט זיי האָבן אָבער אויסגעפורעמט דאָס ייִדישע לעבן אין דער געשיכטע. דער תּלמוד פאַרמאָגט זיכער ניט די שיינקייט פון תּנך, ער איז וואָכעדיק, אָבער דווקא ער האָט אונדז געגעבן אַ פּראָגראַם ווי צו לעבן און ווי זיך צו האַלטן אין גלות.

## וואָס לערנען מיר פֿאַר אונדזער איצט

מיר האָבן געבראַכט די גאַנצע פּלוגתּא — תּנך און גמרא ניט ווײַל מיר האָבן זיך סתּם אָנגענומען פֿאַרן כּבֿוד פֿון תּנך, אָדער גמרא. מיר האָבן געוואָלט זיך אָפּלערנען פֿון אַמאָל אויף דעם הײַנט. וועלן מיר פּרובירן גיין כּסדר.

דער תּנך איז סומירט געוואָרן ווען אין לעבן איז שוין דער תּנכישער ייִד ניט געווען. האָט דער תּנך סומירט דאָס ייִדישע לעבן פֿון דער גאַנצער תּקופֿה זײַנער. פֿון לעבן אין ספֿרים אַרײַן. די ספֿרים דאָס זײַנען זיי די ירושה פֿון דער תּנכישער תּקופֿה.

דער תּלמוד האָט סומירט די ייִדישקייט פֿון אַ גרויסער, לאַנגער תּקופֿה. סומירט דאָס ייִדישע לעבן אָן דער פֿעסטקייט פֿון מדינה אָדער אין גאַנצן אָן איר. דער תּנך איז פֿאַרענדיקט, די גמרא, די חז״ל האָבן געבויט און געפֿורעמט דאָס לעבן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק אין גאַנצן אָן מדינה. דאָס איז געווען און איז דאָס איינציקע פֿאָלק וואָס האָט אײַנגעהאַלטן זײַן קיום אָן אַ מדינה אין משך פֿון אַזאַ לאַנגער צײַט. דאָס איז די תּלמודיש־שטעטלשע תּקופֿה.

איצט איז אָט די תּקופֿה געענדיקט. ניטאָ מער קיין ייִדישע שטעטלעך, ניטאָ דאָס פֿאַרזיכיקע ייִדישע לעבן, אָן אַ מדינה און דאָך פֿאַר זיך! צעזייט און צעשפּרייט, — און דאָך אויסגעהאַלטן! אויסגעהאַלטן, געבראַכט און דערבראַכט ביז אונדז, ביז הײַנט!

דערבראַכט, אָבער געענדיקט! מער ניטאָ די ייִדישע שטעטלעך פֿון מיזרח־אייראָפּע, מער ניטאָ דאָס תּלמודיש־שטעטלשע ייִדישע לעבן. דער תּלמוד האָט אונדז געלערנט צו זײַן אַ פֿאָלק אָן אַ מדינה, הײַנט ווערן צוריק אַ מדינה. ריכטיקער — גלות און מדינה איינצײַטיק, „בבֿל וירושלים״ — בבֿל — גלות און ירושלים — מדינה איינצײַטיק.

ווו איז אָבער אונדזער ירושה, וואָס מיט איר קומען מיר אין אָט דער נײַער תּקופֿה? וואָס ברענגען מיר מיט זיך ווי אין דער מדינה אַזוי אויך אין די גלותן? אין די שטעט אַרײַן? מיר זײַנען שוין דאָך איצט אויך מער ניט אין פֿאַרזיכיקע שטעטלעך, נאָר אין אורבאַניזם, אין שטעט. מיט וואָס קומען מיר? וואָס נעמען מיר מיט זיך? וואָס איז די ירושה פֿון דער לענגסטער תּלמודיש־שטעטלשער תּקופֿה? צי קומען מיר אין דער נײַער תּקופֿה אַרײַן אָנגעלאָדן מיט דער פֿולער ירושה פֿון דער פֿריִערדיקער תּקופֿה, וואָס ענדיקט זיך איצט, אָדער מיר פֿאַרוואַרפֿן די ירושה אונדזערע און מיר קומען אין דער נײַער תּקופֿה ריין, ליידיקע אָן גאַרניט? קומען אָן ירושה איז גרינגער, אָבער זייער סכּנותפֿול: מיר ווערן כּסדר באָמבאַרדירט פֿון אַרום מיט אַלערליי קול־

טורן און פסיידאָקולטורן. אָן אַן אייגענער אַנלאָדונג איז גרינג אַרונטערצופאַלן אונטער אַלערליי פרעמדע השפעות און גרינג אַנצונעמען אַלערליי פרעמדע קול־טורן. און יעדע פרעמדע קולטור איז געפערלעך ניט נאָר ווײַל זי איז פרעמד, נאָר ווײַל דאָס פרעמדע איז ניט עכט, ניט אָרגאַניש אייגן. געגליכן ווי אײַנ־געהילט אין אַלערליי פרעמדע מלבושים אָבער אָן אַן אייגענער אָרגאַנישער הויט. אוודאי קען מען און מען דאַרף פאַרדײַען פרעמדע שטאָפן, אָבער אָן אַן אייגענער הויט קען קיין שום אָרגאַניזם ניט לעבן, ניט אײַנהאַלטן זיך, במילא אויך ניט פאַרדײַען קיין פרעמדס. קיין שום אָרגאַניזם קען ניט לעבן, ניט אויפ־האַלטן זיך, אָן פאַרדײַען פרעמדס.

דער גרעסטער תנך־קענער איז ניט פאַרהיט פון פרעמדע השפעות, פון אַרונטערפאַלן אונטער השפעות פון פרעמדע קולטורן, פון אַסימילאַציע אַפילו אין דער אייגענער פאַרזיכיקער מדינה. ניין! ניט דער תנך האָט עס אונדז גע־האָלפן אין אונדזער קיום אין די פינצטערע גלותן. אַסימילאַציע איז שלעכט ניט נאָר ווײַל עס איז פרעמד, נאָר אויך ווײַל זי איז אַלע מאָל אַ נאָכגעמאַכטע, אַ סוראָגאַט פון אַ קולטור און ניט קיין עכטע קולטור. די העלעניסטישע פעל־קער זײַנען געווען זייער ווײַט פון די העלענישע. דער תנך און די תנך־געטרײַ־קייט פון די ייִדן אין העלעניסטישן מצרים האָט ניט געהאָלפן אויפצוהיטן דעם קיום פון ייִדנטום אין יענעם לאַנד. דער תנך איז שיין, גרויסאַרטיק, די געט־לעכסטע ליטעראַטור אין דער גאַנצער וועלט. גערן מסכים צו דעם אמת! קיין פראַגע ניט! די גאַנצע וועלט האָט אָנערקענט די געטלעכקייט פון תנך, האַלט אַ קריסטלעכע געזעלשאַפט פאַר אַ גרויסער מצווה צו האַלטן אַ תנך־ספר אין יעדן צימער פון יעדן האָטעל. מיר קענען זיך לגמרי ניט פאַרמעסטן מיט זיי אין דער געטרײַקייט צום תנך. אָבער ניט דאָס איז אונדזער פראָבלעם. אונדזער פראָבלעם איז איצט, בײַם איבערגאַנג פון תלמודיש־שטעטלשער תקופה אין דעם אורבאַניזם דער קיום פון ייִדישן פאָלק, און דערצו האָט דער תנך ניט געהאָלפן ביז איצט און ער קען אויך ווײַטער ניט העלפן. תנך איז ליטעראַטור, „מקרא״, לעקטור און מער ניט.

„אם יש את נפשך לדעת (ביאַליק) — אויב דײַן נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל (ביאַליק־שוואַרץ), דעם סוד און יסוד פון אונדזער קיום אויף דער וועלט... אוי, ברודער, דו געפײַניקטער, אויב ווייסט ניט פון דעם אַלעם, אין בית מדרש קום, אַן אַלטן און פאַרעלטערטן... — — — ... ייִדן פאַרחושכטע, מיט דאַרע און צעקנייטשטע פנימער... פאַרגעסן דאָס שווערע לעבן אין אַ בלאַט גמרא, פאַררעדן זייער דלות מיט אַן אַלטן מדרש... דאָ שטייסטו אויף דער שוועל פון הויז פון אונדזער לעבן, און ס׳זעט דײַן אויג דעם אוצר פון

נשמה אונדזערע" (ביאַליק־שוואַרץ. ציטירן די גאַנצע פּאָעמע איז דאָ אומ־מעגלעך). דער תּנך מיט דער פּראַקטיקער נבֿואה האָט אַהער ניט קיין שײַכות.

## וועגן דעם „תּנכיזם"

גראַד איז בײַ מיר נעכטן געזעסן אַ ייִד, וואָס זײַנע אייניקלעך האָבן אָנטייל גענומען אין אַ תּנך־קאָנקורס. דערציילט ער: די קינדער האָבן חדשים שוין ניט געלערנט, האַלבע נעכט פֿלעגן זיי זיצן און „תּנכעווען" — אַ קלייניקייט עפּעס אַזוינע „פֿערד־געיעגן" (אַזוי רופֿט ער דעם קאָנקורס)!... נו, האָבן זיי ניט געוווּנען און זיי וועלן שוין קיין מאָל דעם תּנך אין האַנט ניט נעמען...
דאָס איז דער אויפֿטו פֿון די קאָנקורסן וכדומה.

אַז עמעצער שרײַט גאַנצע טעג, אַז ער האָט ליב זײַן מאַמען, מעגט איר וויסן, אַז ער האָט שטאַרק פֿײַנט זײַן טאַטן. ער באַהאַלט זײַן שׂינאה צום טאַטן מיט דער ליבע צו דער מאַמען. אַזוי איז עס אויך מיט דעם תּנכיזם איצט, וואָס אַ ייִד מיט זייער אַ לײַכטער האַנט האָט עס פֿאַרשפּרייט אין ארץ ישׂראל און אין די גלותן. ניט וויכטיק איז די דעקלאַרירטע ליבע, וויכטיק איז די פֿאַרבאָרגענע שׂינאה, וואָס מען באַהאַלט הינטער די ליבע־דעקלאַראַציעס. דער תּנך איז אונדז ליב, די תּנכישע ייִדישקייט איז אונדז ליב; ווי גוט וואָלט עס געווען ווען מיר וואָלטן אין אונדזער געשיכטע ניט געהאַט גאָרניט אַחוץ דעם תּנך... און אָט דאָ ליגט די סכּנה פֿון דעם תּנכיזם. און אָט פֿאַרוואָס, אין וואָס עס ליגט די סכּנה פֿון תּנכיזם: דער תּנך איז אונדז אַ ירושה פֿון אַ לאַנג פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה, פֿון אַן אור־תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. געגליכן צו דער געוויקסן־וועלט, צו דער חיות־וועלט וואָס האָט עקסיסטירט אויף דער וועלט אין אַמאָליקע געאָלאָגישע תּקופֿות. מען קען זײַן שטאַרק פֿאַרליבט אין יענע אַמאָליקע מאַמאָנטן און דינאָזאַוורען, וואָס זײַנען אויסגעשטאָרבן, אָבער מען קען זיי ניט אויפֿלעבן צוריק. מען וואָלט געשיקט צו אַ דאָקטאָר עמעצן וואָס וויל ניט אַנדערש ווי אויפֿלעבן די אַמאָליקע וועלדער פֿון פֿאַרצײַטיקע לעפּידאָנדענדראָנען במקום די הײַנטיקע סאָסנעס. ניין, עס איז אוממעגלעך אויפֿצולעבן די תּנכישע תּקופֿה מיט דער תּנכישער קולטור. דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון מאָרגן קען זײַן אָדער אַ דירעקטער יורש פֿון ייִדישקייט פֿון דעם הײַנט, פֿון דעם נעכטן, בשום אופֿן ניט פֿון דעם אייער־נעכטן. די מדינה קען זײַן אָדער אַ היים פֿאַר דער תּלמודיש־שטעטלשער ייִדישקייט, אָדער זי וועט, חלילה, ניט זײַן קיין ייִדישע בכלל. העברעיִש האָט באַ־זיגט ייִדיש. הלוואי זאָל זי בײַשטיין אַזוי קעגן ענגליש. צי וועלן אָבער די העברעיִש־ריידנדיקע דורות זײַן נענטער צו די ייִדיש־ריידנדיקע דורות פֿון די זיידעס און די באָבעס? גאָט וויס. זײַנען זיי מער ייִדן ווי די ענגליש־ריידנדי־

קע, פראַנצויזיש־ריידנדיקע דורות אורבאַנישע ייִדן? פאַר מיר איז עס קלאָר: וויל מען המשך פון ייִדישן פאָלק, קען עס זײַן נאָר פון דער תלמודיש־שטעטל־שער ייִדישקייט. יעדער אַנדער פּראָבע וועט צו קיין קיום ניט קענען פירן. סײַדן מען וויל אָנהייבן פון אָנהייב. אַבֿרהם אָבֿינו האָט אָנגעהויבן אין ייִדישקייט, מיר הייבן אָן אַ נײַע, אַ בעסערע. דערציילט די גמרא: ווען ייִדן האָבן געמאַכט די גאָלדענע קאַלב און גאָט האָט געוואָלט אומברענגען אַלע ייִדן, און מאַכן פון משהן אַ נײַ פאָלק, זאָל משה האָבן געזאָגט: „זאָל משה שטאַרבן, און טויזנט ווי משה, און זאָל ניט געניזקט ווערן אַ נאָגעלע פון ייִדן"... ניט דער תנך וועט קענען שאַפן אַ המשך פון ייִדישן פאָלק. מיט דער צו שטאַרקער ליבע צום תנך באַמיט מען זיך צו פאַרדעקן די קעגנערשאַפט צו דער ייִדישקייט פון די ייִדישע שטעטלעך.

אײן וועג איז דאָ פאַרן קיום הייִדישקייט, דער וועג פון המשך. פון וואָס? — המשך פון ייִדישקייט וואָס איז געווען בײַ ייִדן, ווען זיי האָבן געהיט זייער אייגענע שפּראַך, זייער אייגענעם שטייגער, זייער ייִדישקייט...

איז וואָס דאַרף איצט זײַן די אויפגאַב פון אונדזער הײַנטיקן לערנען? ניט פאַרטיפן זיך אין דעם תנך. קלאָר, ניט פאַרטיפן זיך אויך אין דעם תלמוד. נײַערט די הײַנטיקע ייִדיש־וויסנשאַפט דאַרף זיך אַרײַנטיפן אין דעם ייִדישן לעבן און אין דער ייִדישקייט פון די שטעטלעך וואָס זײַנען איצט אונטערגעגאַנגען און ניטאָ מער. און דאָס ייִדישע לעבן אין זיי איז ניט געפורעמט אין הלכות. פאַראַן ערגעץ אַ גמרא, אַז לעולם איז בעסער צו יאָגן זיך נאָך דער משנה, אָבער זינט רבי האָט די משנה פאַרשריבן, דאַרף מען יאָגן זיך, זיך פאַרנעמען מיט דער גמרא, ניט מיט דער משנה (מסכתּא סופרים). אויך איצט — דער תנך, די גמרא זײַנען פאַרשריבן, אויסגעשריבן, זיי קענען אַזוי אין דער שריפטלעכער פאָרעם גיין פון דור צו דור אָן אויפהער. אין סכּנה אונטער־צוגיין איז דווקא די לעצטע, די שטעטלשע תּקופה, און אָן איר קען ניט זײַן קיין המשך פון ייִדישקייט בכלל. די אויפגאַב פון דעם דור איז פורעמען אין שריפט, אין הײַנטיקע הלכות דאָס ייִדישע לעבן, די ייִדישקייט פון אונדזערע שטעטלעך.

אַ גרויסן אויפטו האָבן געבראַכט די הונדערטער ביכער פון חורבן. פון כמעלניצקיס חורבן איז אונדז געבליבן נאָר איין ספר „ביוון מצולה" אַליין. פון איצטיקן, גרעסערן חורבן זײַנען אונדז געבליבן הונדערטער ביכער. זיי זײַנען אָבער ניט קיין „הלכות", ניט קיין ירושה פאַר דעם אורבאַניזם, און מיר נײַטיקן זיך דווקא אין אַ ירושה. מיר לערנען: קודם כל דאָס לשון. חז"ל האָבן געקענט עבֿרית ניט ערגער פון הײַנטיקע, הגם אין קיין אולפּנים ניט געלערנט.

זיי האָבן אָבער געפֿירט זייער תּורה דווקא אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. היטן דאָס די הײַנטיקע ייִדישע לומדים? חז״ל האָבן געהאַט דרך ארץ פֿאַרן פֿאָלק. במילא אויך פֿאַרן לשון פֿון פֿאָלק. און די הײַנטיקע? — אַז מען אַנטלויפֿט פֿון פֿאָלקישן לשון איז אַ סימן, אַז מען וויל אַנטלויפֿן אויך פֿון פֿאָלק.

פֿורעמען דאָס ייִדישע שטעטלשע לעבן אין הלכות פֿאַרן אורבאַניזם — דאָס איז די אויפֿגאַב פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט איצט.

פֿון דעם געזאָגטן ביז איצט קען מען מאַכן אַ פֿאַלשן אויספֿיר: דער תּנכיזם איז אַ פֿאַלשע ריכטונג, פֿון דעם איז געדרונגען, אַז דער „תּלמודיזם״ — דער דרך פֿון אונדזערע פֿרומע, אַז דער תּלמוד איז דער איינציקער אינהאַלט פֿון לערנען, וואָס דאַרף צונעמען די גאַנצע יוגנט, די גאַנצע צײַט פֿון לערנען אַ גאַנץ לעבן, — אָבער אַזאַ אויספֿיר איז ווידער פֿאַלש, פֿאַלש און שעדלעך. און אָט פֿאַרוואָס: דער ריכטיקער וועג פֿון די חז״ל איז געווען גאָר אַנדערש. זיי האָבן דאָך ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין פֿאַרטיקע טעקסטן. זיי האָבן דאָס פּאַקטישע לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק אין זייער צײַט פֿאַרוואַנדלט אין טעקסטן, זיי האָבן די פֿירונגען פֿון שטייגער אין זייער צײַט פֿאַרוואַנדלט אין טעקסטן, טעקסטן נײַע וואָס זײַנען ביז זיי ניט געווען. אָבער די הײַנטיקע פֿרומע פֿאַרנעמען זיך אין זייערע שולן, אין די ישיבֿות דווקא מיט טעקסטן, נאָר מיט טעקסטן; זיי פֿאַרזעען דאָס לעבן, ווילן עס ניט זען, ניט וויסן פֿון דעם, ניט דאָס לעבן שטודירן, נאָר די פֿאַרצײַטיקע טעקסטן, מער ניט ווי די טעקסטן פֿון פֿאַרצײַטן. דאָס איז ווידער ניט דער וועג פֿון די חז״ל, ניט דער ריכטיקער וועג פֿאַרן הײַנט. מיר האָבן לאַנגע דורות געהאַט אַ דורכויס פֿאַרזיכיקן אייגענעם שטייגער. דאָס איז געווען כּל זמן עס האָט געלעבט דאָס שטעטל, דאָס ריין ייִדישע פֿאַרזיכיקע שטעטל. אָט דאָס פֿאַרזיכיקע ייִדישע לעבן, דער פֿאַרזיכיקער אייגענער שטייגער, ער דאַרף עס ווערן די נײַע תּורה. שמאי האָט ריכטיק געענטפֿערט דעם צדוקי אין זײַן צײַט, פֿאַר זײַן צײַט „צוויי תּורות האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק — די תּורת משה, די שבכתבֿ, און די תּורה מדרבנן״ — וואָס עס האָבן פֿיקסירט די רבנן פֿון זייער צײַט. משה האָט פֿאַרוואַנדלט דאָס ייִדישע לעבן פֿון די אָבֿות אין תּורה; די חז״ל האָבן פֿאַרוואַנדלט אין תּורה דאָס פֿאַרזיכיקע ייִדישע לעבן פֿון זייער צײַט. דאָס איז אין זייער צײַט געווען די „תּורת חיים״, די תּורה פֿון לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק, וואָלט מען הײַנט געדאַרפֿט אַריבערפֿירן דאָס אָקאָרשט אָפּגעהאַקטע ייִדישע לעבן אין די שטעטלעך אין אַ תּורה; פֿון מעשׂים צוריק אין ווערטער, אין זאַצן, אין פֿאָרמולירטע הלכות פֿון הײַנט. ווי אַ דוגמא וועל איך נעמען איין פּונקט פֿון דער נײַער, הײַנטיקער „מסיכתא שבת״, וואָס דאַרף ערשט איצט געשאַפֿן ווערן, ניט די פֿאַראַנענע אין

ש״ס מסיכתא שבת, נאָר די נײַע מסיכתא וואָס דאַרף עס פֿאַרוואַנדלען דעם שטעטלשן שבת אין הלכות. איך נעם נאָר איין פּרט — דעם שטעטלשן שבת־בײַטאָגיקן שפּאַציר נאָכן שבתדיקן שלאָף און „גלעזל וואָרעמס״ (טיי). אין דער תורת משה וואָלט עס געווען „וזאת תורת השפּאַציר״. אין הלכות פֿון די חז״ל וואָלטן מיר געהאַט ווען מען גייט, ווי לאַנג מען גייט „יוצא צו זײַן״ מיט דער „מצוות השפּאַציר של שבת״, וועגן וואָס מען מעג און וועגן וואָס מען דאַרף ניט שמועסן בעת אַזוינע שפּאַצירן. האָבן חז״ל געשריבן „במה מדליקין״ — וואָס צינדט מען אָן לכּבֿוד שבת. הײַנט איז דאָס ניט קיין פֿראַגע — מדליקין בעלעקטרי און געגנוג. הײַנט וואָלט מען געדאַרפֿט לערנען „במה מדברים ובמה לא מדברים בשעת אָט די שבתדיקע שפּאַצירן״. דאָס איז בלויז איין קליינע דוגמא פֿון דעם מיט וואָס די הײַנטיקע ישיבֿות וואָלטן געדאַרפֿט זיך יע פֿאַר־נעמען הײַנט. הײַנט וואָלט שמאי געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע וויפֿל תורות זײַנען בײַ ייִדן? — וואָלט ער געענטפֿערט — דרײַ, דרײַ תורות זײַנען איצט בײַ ייִדן: די תורת משה, די תורת חז״ל און די תורת השטעטל.

עס מיינט ניט אַז די תורה, די ייִדישקייט פֿון שטעטל דאַרף זײַן געשאַפֿן אין פֿאָרעם פֿון אונדזער ש״ס. יעדע תורה האָט איר פֿאָרעם. די תורת השטעטל דאַרף גאָרניט זײַן קיין קאָפּיע פֿון דער תורת חז״ל, פֿון תלמוד. פּונקט אַזוי ווי דער תלמוד איז אַנדערש פֿון דער תורת משה, אַזוי קען און דאַרף זײַן אַנ־דערש די תורת השטעטל.

אַוודאי איז די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אַ ליטעראַטור פֿון שטעטל, אָבער ווײַט ניט אַלץ פֿון דער ליטעראַטור איז ראוי אַרײַנצוקומען אין דעם תלמוד השטעטל. און אָט דער אָפּקלײַב איז אויך אַ טעמע פֿאַר די ייִדישקייט־אַקאַדע־מיעס פֿון הײַנט.

דאָס וואָס עס איז דאָ געשריבן מיינט ניט, אַז מען דאַרף ניט, אַז עס איז ניט נייטיק צו לערנען גמרא. פֿאַרקערט, אַ פֿאָלק וואָס פֿאַרלאָזט זײַנע שריפֿטן איז ניט ווערט דעם נאָמען פֿאָלק. אָבער דער תלמוד און בכלל די גאַנצע תלמו־דישע ליטעראַטור האָט אין זיך גוואַלדיקע אוצרות פֿון ייִדישן היסטאָרישן דענקען, וואָס מען טאָר ניט פֿאַרלאָזן. אין תלמוד איז פֿאַראַן אַ גרויסע און אַ טיפֿע פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישקייט, נײַ פֿאַר יענער צײַט, אידעען וועגן גאָט, און וועגן לעבן פֿון פֿאָלק און פּעלקער בכלל. דאָס אַלץ איז אַן אומגעהויערע וויכ־טיקע טעמע פֿאַר לערנען. אָבער הלכות פֿון לעבן דאַרף מען לערנען ניט פֿון דעם תלמוד, נאָר מען דאַרף זיי שאַפֿן, מען דאַרף שאַפֿן דעם תלמוד השטעטל.

איצט בקיצור וועגן אונדזערע שפּראַכן: דער תנך מיט זײַן שפּראַך. פֿון דעסטוועגן איז אין תנך אַרײַן זייער פֿיל אַראַמיש. אַז דאָס פֿאָלק רעדט אַראַ־

מיש, זײַנען די ספֿרים אַרײַן אין זייער אָריגינעלער שפּראַך אויך אין תּנך. דער תּלמוד איז שוין אין גאַנצן אויף דער שפּראַך פֿון פֿאָלק, אויף אַראַמיש. אין דער שפּראַך ווי דאָס פֿאָלק רעדט, אין דער שפּראַך שאַפֿן די געלערנטע. ווען איז עס אָבער געזאָגט געוואָרן? — ווען דאָס פֿאָלק רעדט דווקא אַן אייגענע שפּראַך, ניט די שפּראַך פֿון אַ צווייטן, פֿון דעם הערשנדיקן פֿאָלק, ווי דאָס איז געווען, למשל,, אין העלעניזירטן מצרים, און די ייִדן האָבן גערעדט גריכיש. און דערפֿאַר איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען זייער גאַנצע ייִדישקייט, גאָר ניט געבליבן אין ייִדישן לעבן. דער זעלביקער גורל דערוואַרט אַלע ייִדישקייטן וואָס לעבן אין די שפּראַכן פֿון הערשנדיקע פֿעלקער. עס כאַפּט מיר אָן אַ שרעק, ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז גאָר די ייִדישקייט וואָס ווערט געשאַפֿן אין ענגליש האָט ניט קיין קיום, און פֿאַרקערט, זי ציט נאָך אין אומקום אויך די שבֿטים ייִדן וואָס ריידן ענגליש. אין אונדזער דור זײַנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען גרויסע אָנשיכטונגען פֿון ייִדישער קולטור אין רוסיש, פּויליש, אין דײַטש, אַ שרעק, אַ וויטיק, אָבער פֿאַרפֿאַלן! אַזוי איז דאָס געזעץ פֿון דער ייִדישער געשיכטע. און הײַנטיקע אָר־טאָדאָקסיע באַמיט זיך גאָר צו מאַכן פֿון דער תּורה שבעל פּה אַ נײַע תּורה שבכתבֿ: נאָר וואָס עס איז פֿאַרשריבן און ווי עס איז פֿאַרשריבן — נאָר דאָס און נאָר אַזוי איז און אַזוי דאַרף זײַן ייִדישקייט און דאָס ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך געפֿירט אין זײַן שטעטלשער פֿאַרזיכיקייט — דאָס אַלץ איז בטל ומבֿוטל און איז גאָרניט ווערט און מען דאַרף עס גאָרניט נעמען אין אַכט. די חז״ל האָבן געהאַט אַכטונג צום פֿאָלק און צו זײַן פֿירונג, „מנהג מבֿטל הלכה״ (הלכה עוקבֿת מקרא, סוטה ט״ז, א׳. עוקבֿת — מאַכט רש״י עוקרת). פֿון תּמיד אָן האָבן גרויסע אויטאָריטעטן ניט געוואָלט פּיקסירן אויף שטענדיק קיין הלכות, ניט פֿאַרשרײַבן אויף שטענדיק. און „מנהג אבֿותינו תּורה היא״ (מנחות כ׳, ב׳, אין תּוספֿות); אַלע מאָל איז געווען דער כּלל „פּוק, חזי עמא מאי דבר״ — וואָס דאָס פֿאָלק טוט און ווי עס פֿירט זיך (ערובֿין י״ד, ב׳), ווײַל קרא (דער פּסוק אין דער תּורה) איז נאָר אַן „אסמכתּא בעלמא״ (יומא פּ׳, ב׳) און מוטבֿ שתּעקר תּורה ולא תּשכּח תּורה מישׂראל (תּמורה י״ד, ב׳) און „כּיון שיצא אדם מדבֿר הלכה לדבֿר מקרא שובֿ אין לו שלום (חגיגה י׳, א׳). און לסוף „לא הרשנו הקבּ״ה ללמוד מן הנבֿיאים, אלא מן החכמים, אנשי הסבֿרות והדעות״ (רמבם, הקדמה לפירוש המשנה). די חז״ל האָבן געהאַט דרך ארץ פֿאַרן פֿאָלק און פֿאַר זײַנע פֿירונגען אויף וויפֿל זיי זײַנען אייגענע, ניט קיין נאָכגעמאַכטע. די הײַנטיקע אָבער רעליגיעזע באַמיִען זיך אַרויפֿצוצווינגען די פֿאַרשריבענע הלכות איבער די פֿירונגען פֿון פֿאָלק, פּונקט דאָס פֿאַרקערטע ווי די חז״ל בשעתם. דאָס איז דערפֿאַר ווײַל די הײַנטיקע (כּבֿודם במקומם) האָבן ניט קיין דרך ארץ פֿאַרן פֿאָלק. עס איז צו באַוווּנדערן ווי די חז״ל האָבן אָנגעווענדעט

אַלע מיטלען צוצופּאַסן די געשריבענע תורה צו דעם לעבעדיקן פאָלק: שבת־ליכט, עירובין, כתובה, שטר עיסקא, יום טוב שני של גלויות, בטל געמאַכט בפירושע מצוות פון דער תורה הכתובה — מים המאררים, עין תחת עין, וקצותה את כפה; דאָס עצם ניט פאַרשרײַבן קיין הלכות. אייגנטלעך הייסט עס ניט פיקסירן די הלכות לדורות... דאָס אַלץ איז ניטאָ בײַ די הײַנטיקע פרומע. זיי מאַכן גוואַלדן וועגן אָפּהיטן די הלכה אַזוי ווי אַ מצווה. בײַ זיי איז רעכט צו פאַרוואַנדלען טויזנטער ייִדן אין רעכטלאָזע ממזרים, צוליב אַ „קוצו של יוד"; בײַ זיי איז רעכט ניט צו לאָזן חתונה האָבן אַ כהן מיט אַ גרושה, ווײַל אַמאָל, פאַרצײַטן האָט אַ כהן געהאַט באַשטימטע פונקציעס. בײַ זיי איז רעכט אַז אַן אלמנה אָן קינדער זאָל בלײַבן זיצן אַן אייביקע אלמנה, ווײַל זי קען ניט קריגן קיין חליצה. די פאַרצײַטיקע האָבן בטל געמאַכט דעם „בן סורר ומורה" און נאָך, מחמת דאָס לעבעדיקע פאָלק איז העכער פון דעם פאַרשריבענעם וואָרט. די הײַנטיקע ווילן אַז „יקוב הדין את ההר", זיי צעדרייען דעם עצם באַגריף „הלכה". און אפשר איז עס גאָר אַ פראַגע פון מאַכט? ווער עס זאָל זײַן דער בעל דעה? קען זײַן.

## צי קען דער הײַנטיקער תנכיזם עפּעס העלפן?

מיר לעבן אין אַ צײַט פון סכנות פאַרן קיום פון פאָלק. אַלע אויפגאַבעס אויף דעם פראָנט. מיט דער גרינגער האַנט פון אין מענטשן איז בײַ אונדז געוואָרן אַ תנכיזם. מען דאַרף לערנען דעם תנך, מען דאַרף מאַכן קאָנקורסן, קאָנקורסן אין שפּרינגען, אין שווימען און אויך קאָנקורסן אין תנך. אויך די „תורה" גייט אַרויס מציון. צי קען זי אָבער העלפן אײַנהאַלטן דעם קיום האומה? — ענטפערן מיר — ניין! דער גאַנצער תנכיזם נעמט זיך פון אַ פאַלשער הנחה. עפּעס קומט דאָ דער תנכיזם צו פאַרבײַטן. וואָס? דעם לימוד פון גמרא. ביז איצט איז עס געווען בײַם פאָלק אָנגענומען — לערנען מיינט אַ בלאָט גמרא. איז דאָס דאַרף עס דער תנך פאַרבײַטן. איז דאָ פאַראַן עטלעכע פאַלשקייטן:

ערשטנס, פון וואַנען נעמט זיך אָט די פאַרשטאַרקטע ליבע צום תנך? קודם כל איז דאָ פאַראַן עפּעס וואָס דער תנכיזם דאַרף פאַרבײַטן. דער תנך איז גוט, ווײַל עפּעס טויג ניט. דער תנך דאַרף עס פאַרבײַטן. פשוט גערעדט, מיינט עס: ביז איצט האָט בײַ ייִדן געוועלטיקט לערנען די גמרא. דאַרף מען עס פאַרבײַטן מיט דעם תנך.

פאַרוואָס אַזאַ נייגונג צום תנך? פשוט, ווײַל גענוג שוין מיט דער גמרא! פאַרוואָס אַזאַ ליבע צום תנך? איך וואָלט ניט וועלן זיך גראָבן שטאַרק אין דער פראַגע. מען קען דאָ אַוועק צו ווײַט, מען קען דאָ געפינען אַ באַכמאַכן די

גוים, אַ שׂינאה צו דער ייִדישער טראַדיציע וכדומה. פֿאַרוואָס? ווײַל עס איז אַן אַנטי־פֿאָלקישקייט. וועל איך זיך בעסער ניט גריבלען אין דעם אַלעם. דער עיקר — לא זו הדרך! מיר גייען אַרײַן אין אַ נײַע תּקופֿה — אין אורבאַניזם. מיר מוזן ירשענען די ייִדישקייט פֿון פֿריִער. ירשענען קען מען נאָר דאָס נעכ־טיקע, ניט דאָס אייערנעכטיקע. מען קען ירשענען די אייגענע עלטערן, אָבער מען קען ניט ירשענען די עלטער־באָבען, איבערהיפּן די טאַטע־מאַמע. וויפֿל מען זאָל ניט לערנען דעם תּנך, וועט מען ניט זײַן קיין תּנך־ייִדן. מען וועט זײַן הײַנטיקע שטעטלשע ייִדן וואָס וויסן דעם תּנך. מען וועט אָבער ניט זײַן קיין תּנכישע ייִדן. ייִדן האָבן געלערנט אַן אייביקייט גמרא און זיי זײַנען ניט געוואָרן ייִדן פֿון נהרדעא און פֿון פּומבדיתא. זיי זײַנען געווען און געבליבן שטעטלשע ייִדן וואָס זײַנען שטאַרק פֿאַרטאָן אין אַ שטיקל גמרא — לערנער פֿון גמרא אָבער ניט קיין שעפֿער פֿון גמרא. וואָס אָבער דאַרף איצט געלערנט ווערן? — לויט דעם גאַנג פֿון אונדזער געשיכטע דאַרף מען איצט זיך פֿאַר־טיפֿן ניט אין תּנך און אויך ניט אין גמרא, נײַערט דער עיקר דאַרף זײַן דער תּלמוד השטעטל — די ייִדישקייט פֿון שטעטל.

# מפני חטאינו

אזא תפילה זאָגן יידן אַלע יום טובים אין מוסף שמונה עשׂרה. די תּפילה, הייסט עס, איז שוין געשאַפן געוואָרן אין גלות. מיר האָבן געזינדיקט, זײַנען מיר פאַרטריבן געוואָרן, אַרויסגעטריבן געוואָרן מארצנו — פון אונדזער לאַנד. אַ שטראָף קען זײַן פון צוויי מינים: עס קען זײַן אַ „נאַטירלעכע" שטראָף: גע־קראָכן אויף שוואַכע ביימער, ביסטו אַראָפּגעפאַלן, געגעסן צופיל נאַשערײַען, האָסטו פאַרשאַדט דעם מאָגן. עס קען אויך זײַן אַן אמתע שטראָף: שלעכט גע־לערנט, האָט דער רבי געשמיסן. די נאַטירלעכע שטראָף איז אַ תּולדה, אַ פּראָ־דוקט פון דער זינד גופא. די זינד ברענגט די שטראָף. די אומדירעקטע שטראָף איז בלויז אַ שטראָף פון אַ שטרענגען באַשעפער. עס קומט ניט פון דער זינד דירעקט. ווי איז דער גלות? ווי האָבן פאַרשטאַנען דעם גלות די מחברים פון דער תּפילה: איז דער גלות אַ תּולדה פון די יידישע זינד, פון דעם יידישן אויפ־פיר, אָדער דער גלות איז אַ שטראָף פון דעם שטרענגען, בייזן גאָט? דאָס איז די ערשטע פראַגע.

אין וואָס באַשטייט דער גלות? — זאָגט ווײַטער די תּפילה: מיר קענען ניט ברענגען די קרבנות וואָס מיר זײַנען מחויב צו ברענגען. פון דעם איז גע־דרונגען, אַז די תּפילה איז געשאַפן געוואָרן דעמאָלט נאָך ווען קרבנות זײַנען געווען אַזוי וויכטיק אין רעליגיעזן אויפפיר פון יידן. הײַנט, למשל, דערמאָנען ניט קיין קרבנות אַפילו די פרומסטע נטורי קרתא. די קרבנות זײַנען ווי אַרויס־געפאַלן אין גאַנצן פון דעם סכום רעליגיעזע פּראַקטיק. דער גלות האָט נאָך ניט באַוויזן זײַנע בלוטיקע שאַרפע ציין. פרעגט זיך ווײַטער: זײַנען מיר דאָס זינדיקער פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט? זיי זיצן אַלע אין זייערע לענדער, נאָר יידן זײַנען אַזוי זינדיק, אַז זייער גאָט, דער „אבינו שבשמים" האָט זיי אַזוי שטרענג באַשטראָפט, מער און שטרענגער פון אַלע פעלקער? אַזוי שלעכט זײַ־נען מיר?

אַזוי בייז און שטרענג איז עס אונדזער גאָט, דער „אבינו שבשמים"? ער קען בשום אופן ניט באַנוגענען זיך מיט זײַן שטראָף? פאַרוואָס האָט ער — דער מלך העולם — ניט פאַרטריבן אין קיין גלות קיין שום אַנדער פאָלק אוי־סער יידן? זײַנען מיר דאָס איינציקע זינדיקע פאָלק צווישן אַלע פעלקער אין דער וועלט? דאַוונען יידן און בעטן זיך בײַ גאָט, און ער אָבער איז אַזוי שטרענג און אין גרימצאָרן אויף זײַן פאָלק, אַז עס העלפט ניט: אַפילו אַ כמעלניצקי,

אַ היטלער, און אַלץ גאַרניט, נאָך ניט גענוג?! און אָן ברעקל רחמנות בײַ דעם „בעל הרחמים", בײַ דעם „סלחן ומחלן"... ווי קען מען דאָס אַלץ פֿאַרשטיין?

און עס קומען ווײַטער פֿראַגעס: ווער און ווען וועט קענען דעם גלות איבעררײַסן? ווען וועט קומען משיח און ווי וועט ער קומען? דאַרף ער זײַן ניט אַנדערש ווי אַן „עני ורוכב על חמור"? איז די אַגדה וועגן משיחן וואָס זיצט בײַ די טויערן פֿון רוים און בינדט דאָרטן זײַנע ווונדן נאָר אַן אַגדה, אַ לעגענדע, אָדער עס איז אַ רעאַלעווירקלעכקייט? זײַנען אַלע פּראָבעס פֿון משיחן, הן די מיסטישע און הן די רעאַליסטישע, געווען נאָר פֿאַלשע משיח השקרס, אָפּנאַרער און ליגנער, אָדער עס זײַנען געווען ערלעכע און ניט גע־לונגענע פּרוּוון? זײַנען בכן אַלע פּרוּוון אויסצולייזן דאָס פֿאָלק פֿון גלות מיט רעאַלע מיטלען — פֿאַלשע? משיח קען קומען נאָר מיט ניסים פֿון הימל און ניט אַנדערש. זאָגן די פֿרומע, אַז משיח פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק קען קומען נאָר פֿון הימל. זײַנען אַלע פּרוּוון רעאַליסטישע צו ראַטעווען די ייִדן ניט מער ווי ווי אַ פֿאַלש־משיחישע מרידה אין דער ייִדישער אמונה? איז דער ד״ר הערצל אויך ניט מער ווי אַ פֿאַלשער משיח? און מען טאָר גאָר ניט פּרובירן באַפֿרײַען ייִדן פֿון גלות? און בכלל ווי איז עס: צי דאַרף די הלכה און די ייִדישע רעלי־גיע בכלל העלפֿן דעם ייִדישן פֿאָלק אין זײַנע צרות, אָבער דאָס ייִדישע פֿאָלק עקסיסטירט כּדי מקיים צו זײַן די הלכה און די אמונה בכלל ווי זי איז אויס־קריסטאַליזירט געוואָרן פֿאַרצײַטן. און אפֿשר איז עס פֿאַרקערט: די פֿאַרצײַטיקע האָבן געשאַפֿן די הלכות לטובֿת דעם ייִדישן פֿאָלק, און די הײַנטיקע גלייבן אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק עקסיסטירט כּדי מקיים צו זײַן די הלכות און די אמונה בכלל? אפֿשר פֿעלט די הײַנטיקע פֿרומע די אמונה אין ייִדישן פֿאָלק, די אמונה און אַ געפֿיל פֿון רחמנות און מיטגעפֿיל צו ייִדן? די אהבֿת ישׂראל? אפֿשר פֿאַרבײַטן זיי, אַנשטאָט אהבֿת ישׂראל פֿאַרמאָגן זיי נאָר אהבֿת תּורת ישׂראל. אָבער אהבֿת תּורת ישׂראל אָן אהבֿת ישׂראל מוז פֿאַרפֿירן.

און די פֿראַגעס זײַנען ווײַט ניט געענדיקט. מיר גייען ווײַטער:

זײַנען גערעכט די וואָס זאָגן אַז משיח קען קומען נאָר פֿון הימל? ניט דירעקט פֿון פֿאָלק? זײַנען אפֿשר גערעכט די וואָס זאָגן, אַז אויסגעלייזט קענען ייִדן ווערן נאָר דורך אַ פֿרעמדן משיח, וואָס וועט קומען באַפֿרײַען אַנדערע פֿעלקער? אַז די פֿעלקער וועלן זיך באַפֿרײַען, וועט אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק במילא ווערן פֿרײַ? דאָס זײַנען צוויי דיאַמעטראַלע ריכטונגען. ביידע גלייבן אָבער ניט אין ייִדישן פֿאָלק אַליין. די גלייבן אין גאָט וואָס אין הימל, יענע גלייבן אין פֿעלקער וואָס אויף דער ערד, אָבער אויך ניט אין פֿאָלק גופֿא. פֿאַר די איז דאָס פֿאָלק ישׂראל אַן עני ואבֿיון און לויט יענע קענען ייִדן בויען נאָר „אַ פֿאַבריק פֿון טליתים אויפֿן הר הזיתים" (פֿון אַ שפּאָט־לידל).

ווײַטער — דאָס פֿאָלק לײַדט, זאָל עס לײַדן! אַבי די אַגדות און הלכות זאָלן אָפּגעהיט ווערן. כּדי דאָס פֿאָלק זאָל זיך באַפֿרײַען, דאַרף עס מקיים זײַן אַלע מצוות, וועט גאָט רחמנות האָבן און וועט שיקן זײַן משיחן — זאָגן איינע.

כּדי דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל ווערן באַפֿרײַט פֿון זײַנע צרות, דאַרפֿן די פֿעלקער זיך באַפֿרײַען פֿון זייערע בײזע רעזשימען. וועט קומען אַ גאולה פֿאַר די פֿעלקער, וועט אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק געהאָלפֿן ווערן. דער צד השווה בײַביידע ריכטונגען — דאָס פֿאָלק ישׂראל אַליין איז אָנמעכטיק. עס דאַרף זיך פֿאַרדינען בײַ גאָט אָדער בײַ פֿעלקער כּדי עס זאָל באַפֿרײַט ווערן פֿון גלות. צי דאַרף די אמונה די ייִדישע העלפֿן דעם ייִדישן פֿאָלק, אָדער דאָס ייִדישע פֿאָלק עקסיסטירט כּדי מקיים צו זײַן די אמונה? און פֿאַרוואָס קענען ייִדן אויפֿגעריכט ווערן נאָר אין איין און איינציקן לאַנד אויף דער וועלט? פֿאַרוואָס האָבן פֿאַרצײַטיקע ייִדן געקענט קומען אין אַ לאַנד וואָס איז געווען באַזעצט, עס איבערנעמען, זיך באַזעצן און עס פֿאַרהייליקן פֿאַר דער גאַנצער וועלט, פֿאַרוואָס אָבער קענען עס ניט הײַנטיקע ייִדן קומען אין אַ לאַנד און עס מאַכן הייליק? פֿאַרוואָס קענען ייִדן זײַן ייִדן אין תּל אָבֿיבֿ און זיי קענען ניט זײַן קיין ייִדיש פֿאָלק אין ניו יאָרק? פֿאַרוואָס קומען טויזנטער ייִדן באַגײַסטערט פֿון ישׂראל, און פֿאַרוואָס קענען די זעלביקע ייִדן ניט מאַכן אַזאַ ירושלים אין ניו יאָרק טאָקע? אַזוי פֿיל געטרײַע ציוניסטן אין אַ לאָס אַנדזשעלעס, און פֿאַרוואָס מאַכן זיי ניט קיין ארץ ישׂראל אין לאָס אַנדזשעלעס?

פֿאַרוואָס קען ארץ ישׂראל זײַן נאָר דאָרטן בײַם ירדן און פֿאַרוואָס באמת קען ניט זײַן קיין ארץ ישׂראל בײַם האָדסאָן? פֿאַרוואָס האָבן ייִדן יע געקאָנט אויפֿבויען אַ שטאַט דאָרטן און ניט געקאָנט אויסבילדן אַ שטאַט אין אַמעריקע? פֿאַרוואָס פּרעטענדירן איצט מעקסיקאַנער אויף מיזרח לאָס אַנדזשעלעס און פֿאַרוואָס קענען ייִדן ניט פּרעטענדירן און האָבן ניט אויף וואָס צו פּרעטענדירן? ניט זיי האָבן און ניט זיי ווילן האָבן? און פֿאַרוואָס שוין פֿאַרצײַטן איז אין ארץ ישׂראל ייִדישקייט כּסדר אָפּגעשוואַכט געוואָרן („פֿאַרגעסן געוואָרן" רופֿט עס די גמרא) און אַלע מאָל איז עס ווידער געבראַכט געוואָרן פֿון בבֿל, פֿון גלות? רופֿט אָן די גמרא: עזרא, הלל, חייא ובניו און ביז הײַנט אַזוי? פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס נאָכן חורבן זײַנען די ייִדן, וואָס זײַנען געבליבן אין ארץ ישׂראל — און זיי זײַנען געווען אַ מערהייט — פֿאַרוואָס זײַנען אַלע אַסימילירט און פֿאַרלאָרן געגאַנגען און אין בבֿל, אין די גלותן בכלל יע געבליבן? און פֿאַרוואָס האָבן פֿאַרצײַטיקע ייִדן יע געקאָנט אויפֿבויען אַ נײַע ייִדישקייט לויט זייערע השׂגות און פֿאַרוואָס קענען עס הײַנט די פֿרומע בשום אופֿן ניט? און די וואָס בויען יע כּלומרשט מאַלפּעווען בלויז נאָך די שכנים? פֿאַרוואָס האָבן

פֿאַרצײַטיקע ייִדן געשאַפֿן הלכות, און די הײַנטיקע קענען נאָר אָפּהיטן די הלכות, ניט שאַפֿן? עס קומט אויס, אַז די פֿאַרצײַטיקע האָבן געשאַפֿן הלכות כּדי זיי זאָלן העלפֿן דעם קיום פֿון פֿאָלק און די הײַנטיקע ווילן גלייבן, אַז דאָס פֿאָלק עקסיסטירט כּדי אָפּצוהיטן די פֿאַרצײַטיקע הלכות? פֿאַרוואָס אַזאַ אונטערשייד? איך האָב נאָך ניט אויסגעשעפּט אַלע „פֿאַרוואָסן"; אַלע פֿראַגעס.

און אויף אַלע פֿראַגעס איז פֿאַראַן איין ענטפֿער — מפּני חטאינו... איך נעם אָן דעם ענטפֿער. מען דאַרף אים אָבער גוט דערקלערן. מיר וועלן אָנהייבן פֿון אַ קליינעם געשיכטלעכן איבערזיכט. אין גמרא קען מען געפֿינען מאמרים ווי אין זינען פֿון דעם אַז דער גלות איז אַ שטראָף און אויך ווי אין זינען פֿון אַ תּולדה. דער גלות איז אַ פּראָדוקט פֿון ייִדישן אויפֿפֿיר. דערציילט אַ גמרא, אַז ווען שלמה האָט חתונה געהאַט מיט פּרעהס טאָכטער איז אַראָפּ גבֿריאל און אַרײַנגעשטעלט אין ים אַ פֿלאָקן. אַרום דעם פֿלאָקן איז אויסגעוואָקסן אַן אינדזל און אויף אָט דעם אינדזל איז אויסגעוואָקסן אַ שטאָט וואָס האָט געדריקט ייִדן. ווײַטער שטייט אַז ווען דוד וואָלט זיך ניט צוגעהערט צו לשון הרע, וואָלט אפֿשר דער גאַנצער גלות ניט געווען (שבת נ"ו, ב'). קומט אויס אַז דער גלות איז אַ שטראָף. די תּפֿילות זײַנען פֿול מיט „אשמנו, בגדנו", מיט „אבֿינו מלכּנו חטאנו לפֿניך" אָן אַ סוף. פֿון דער צווייטער זײַט פֿעלט עס ניט, פֿאַרקערט קיין לעגענדעס, אַז גאָט איז אַ שותּף צו ייִדישע צרות. „בכל צרתם לו צר". גאָט קען אָבער ניט העלפֿן, „גזרה היא מלפֿני" — עס זײַנען געזעצן. דער אויפֿפֿיר האָט געבראַכט די צרות. דער גלות איז אַ תּולדה, אַ פּראָדוקט פֿון דעם אויפֿ־פֿיר, פֿון די זינד, „מפּני חטאינו", אָבער די זינד קעגן וועמען?

אויב מיר וועלן פֿאַרשטיין גאָט אין ייִדישן זינען — גאָט דאָס איז דער גײַסט פֿון פֿאָלק, זײַן נשמה און זײַן גורל, האָבן מיר געזינדיקט קעגן גאָט און דער גלות מיט אַלע זײַנע דערשײַנונגען הן אין פֿאָלקישן כאַראַקטער, הן אין פֿאָלקישע גורלות — אַלץ נעמט זיך פֿון די זינד קעגן גאָט, קעגן דעם גײַסט פֿון פֿאָלק.

אויב אָבער מען פֿאַרשטייט גאָט ניט אין ייִדישן זינען, נאָר גאָט איז גאָר אַן אומאָפּהענגיק באַזונדערער וועזן, דעמאָלט האָבן מיר געזינדיקט ניט קעגן גאָט, נאָר קעגן זיך אַליין, אַ טאָפּעלע זינד: געזינדיקט קעגן זיך און געזינ־דיקט ווידער קעגן זיך מיט דעם אַרויפֿלייגן אונדזערע זינד קעגן זיך אויף דעם אָביעקטיוון גאָט. נעמען מיר אָן, פֿאַרשטייט זיך, דעם ייִדישן באַגריף. דער גײַסט פֿון פֿאָלק איז אין גלות אייראָפּע אַזוי געפֿאַלן, אַזוי אָרעם געוואָרן. דער כּוח פֿון ייִדישן גאָט איז אין דער געטרײַקייט פֿון פֿאָלק (אַזוי אין חומש, אַזוי אויך אין גמרא), אַז די ייִדן האָבן אָנגעוואָרן דעם גלויבן און דעם צוטרוי צו

זיך: אויסלייזן פֿון צרות קען אָדער גאָט פֿון הימל, אָדער פֿעלקער ווען משיח וועט קומען צו זיי... קעגן גאָט אין גוישן זינען האָבן יידן ניט געזינדיקט, ער האָט קעגן יידן שטאַרק געזינדיקט. שטעלט זיך אָוועק איינער פֿון די חז״ל (ר׳ לוי) און טענהט זיך אויס מיט דעם רבונו של עולם: „ביסט אַרויף אויף דעם הימל, צו ווײַט פֿון פֿאָלק און דו זעסט ניט די צרות פֿון דײַנע קינדער״ (תענית כ״ה, א׳. דאָרטן רעדט זיך וועגן רעגן). שטעלט זיך אָוועק ר׳ לוי יצחק פֿון באַרדיטשעוו און טענהט די זעלביקע טענות מיט מער כּוח און אַלגעמיינער: „וואָס ווילסטו פֿון דײַן פֿאָלק ישׂראל? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דײַן פֿאָלק ישׂראל?״ (אין באַרימטן „קדיש״). האָט אים געענטפֿערט דער יידישער גאָט דורכן מויל פֿון ד״ר הערצל: ראַטעוועט זיך פֿון גלות, וועט איר שוין במילא אויך ראַטעווען מיך, אײַער גאָט, פֿון מײַן שוואַכקייט״...

## ווער האָט געבראַכט דעם גלות?

אַלע זאָגן און אַלע לערנען אַז חרובֿ געמאַכט האָט רוים. אָבער גערעכט איז די היסטאָריאָסאָפֿיע פֿון תּלמוד: ניט רוים האָט געבראַכט דעם חורבן, דעם גלות, נאָר קמצא און בר קמצא. די געבענטשטע פּערסישע תּקופֿה האָט פֿאַר־שטאַרקט דאָס פֿאָלק ישׂראל און האָט אויך שטאַרק געמאַכט דעם יידישן גאָט. אָבער די דינאַסטיע פֿון די חשמונאים־אייניקלעך האָט געבראַכט דעם חורבן ביסלעכווײַז. די צײַט פֿון דער אומגליקלעכער דינאַסטיע, וואָס דער תּלמוד האָט טאַקע כּמעט ווי איגנאָרירט, זי האָט אויך אָפּגעשוואַכט ביז גאָר דעם יידישן גאָט. אַ בוים שאַצט מען לויט זײַנע פּרוכט, און אַ תּקופֿה דאַרף מען אויך שאַצן לויט די רעזולטאַטן וואָס זי לאָזט. האָט די פּערסישע תּקופֿה — אַ פּאָר הונ־דערט יאָר אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע — דערצויגן אַ יידיש פֿאָלק מיט אַ שטאַרקן באַוווסטזײַן, מיט אַ זיך־אַכטונג, זי האָט צוגעגרייט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די ערשטע חשמונאים, זי האָט אויך בײַם פֿאָלק אַנטוויקלט אַ געפֿיל פֿון אַ שטאַרקן גאָט.

אָבער ניט אַזוי די דינאַסטיע פֿון די חשמונאים. זיך געריסן, געפֿירט מלחמות צווישן זיך פֿאַר דער הערשאַפֿט איבערן פֿאָלק. אַרײַנגעפֿירט דעם רוימישן וואָלף פֿאַר אַ שופֿט; פֿאַרגאָסן בלוט פֿון אָרעם פֿאָלק, און געריסן שטײַערן. האָט דאָס אויסגעמאַטערט, פֿאַראָרעמט פֿאָלק שטום געטראָגן דעם יאָך פֿון די פֿאַררוימישטע חשמונאים און געשוויגן... ניט אומזיסט האָבן די חז״ל אַזוי ווייניק, אַזוי קאַלט זיך באַצויגן צו זיי. דערפֿאַר איז פֿאַרן חורבן געווען אַזאַ פּלאָנטער, אַזאַ „בולמוס״ אין ירושלים. ניטאָ קיין יידיש פֿאָלק, פֿאַראַן גרופּעס און גרופּקעס וואָס שלאָגן זיך צווישן זיך. אַזוי האָט זיך געקענט טראַכטן דער יונגער טיטוס: ער פֿאַרשפּאָרט מלחמה צו האַלטן. די יידן אַליין

וועלן טאָן זײַן אַרבעט, און ער קען בעסער די צײַט פֿאַרברענגען בײַ דעם ידישן קייסערס שוועסטער, די שיינע וועראָניקע. איז עס לגמרי ניט געווען קיין מלחמה פֿון רוים קעגן ידן. ניט געווען קיין ידיש פֿאָלק, צעבראָכענע טיילן. ידישע זעלנער זײַנען געווען אין דער רוימישער אַרמיי קעגן ידן. געווען אַ געשמדטער ייד מיט אַן אַרמיי, גאָר פֿון גרויסן יחוס דערבײַ — אַזש אַ פּליי־מעניק פֿון דעם גרויסן באַרימטן ידישן פֿילאָסאָף פֿילאָן. אייגנטלעך — וואָס איז דער באַרימטער פֿעטער שולדיק אין שמד פֿון פּלימעניק? איז עפּעס יע פֿאַראַן אַ שײַכות: דער באַרימטער פֿילאָן האָט געדענקט ניט בלויז אויף גרי־כיש, נאָר ער האָט געדענקט גריכיש וועגן ידישקייט. די עצם געדאַנקען זײַ־נען געווען גריכישע. דאָס איז די ערשטע מדרגה פֿון אויסידישונג: דענקען וועגן ידן מיט פֿרעמדע קולטור־באַגריפֿן. דער ערשטער טריט — די גריכישע שפּראַך, דער צווייטער טריט — די גריכישע געדאַנקען. און דער פּלימעניק האָט נאָר געמאַכט דעם לעצטן טריט — זיך בלויז געזעגנט מיטן גאַנצן ידישן פֿאָלק בכלל. וואָלט דער גרויסער פֿעטער געדענקט ידיש וועגן די גריכן, וואָלט, מעגלעך דער פּלימעניק ניט געהאָלפֿן חרובֿ מאַכן יהודה, אין נאָמען פֿון גרויסן אייביקן רוים מיט זײַנע געטער קעגן דעם קליינעם יהודה מיט זײַן באַנקראָ־טירטן גאָט. אין ירושלים האָבן ידן איינע די אַנדערע אויסגעשאָכטן, געבראַכט דעם חורבן, געקעמפֿט מיט רוימישע דרכים קעגן רוים. און אין רוימישן לאַ־גער איז געזעסן דער ספֿק בוגד יוסף בן מתתיהו, וואָס האָט שוין אָנגענומען אַ נאָמען פֿון „אייביקן" רוים — יוסף פֿלאַוויוס און געשריבן זײַן היסטאָריע ניט אין אַ ידישן לשון, ניט אין ידישן גײַסט. רוים איז מעכטיק, רוים איז אייביק, וועט ער אויך געניסן פֿון אָט דער אייביקייט... האָט ער דערציילט די רוימער וועגן דער העלדישקייט פֿון זײַן פֿאָלק. און „העלדישקייט" שוין אין רוימישן גײַסט. וואָס איז דער אונטערשייד צווישן רוים און ירושלים? ירושלים איז שוין אַליין אַוועק אויפֿן רוימישן וועג. דער ניט־רוימישער וועג איז געווען אין קליינעם דערפֿל יבֿנה, וווּ עס זײַנען שוין פֿריִער אויך מסתמא געווען חכמים, ידישע חכמים אַנטלאָפֿענע פֿון פֿאַררוימישטן ירושלים. דער אונטערשייד איז געווען אין פּרינציפּ — מלוכה אָדער הלכה. אַלע — די מערהייט ירושלים האָט געוואָלט מיט רוימישער פֿילאָסאָפֿיע, מיט רוימישע דרכים קעמפֿן קעגן רוים. האָבן אַלע אייגנטלעך געגלויבט אין רוים, אין פּרינציפּ פֿון מלוכה. אין ידישן גאָט, אין גאָט פֿון ידישן, פֿאַרזיכיקן שטיגער, פֿון הלכה איז געבליבן בלויז דאָס דערפֿל יבֿנה. „אלה ברכבֿ ואלה בסוסים ואנחנו בשם אלוהינו": אַ פֿאָלק לעבט און האַלט זיך ניט מיט שטאַרקע מלוכות, נײַערט מיט דעם איינ־הייטלעכן שטייגער, מיט דער הלכה... איז געזעסן אין רוימישן לאַגער דער ידישער היסטאָריקער מיטן אַדאָפּטירטן רוימישן נאָמען פֿלאַוויוס און ער האָט

דערציילט די רוימער וועגן דער רוימישער העלדישקייט פֿון יידישער מסדה, וואָס עס ווילט זיך מיר בשום אופֿן ניט גלייבן אין דער מעשׂה. די עצם העל־דישקייט איז שוין ניט קיין יידישע. אין די אויגן פֿון רוים איז עס העלדישקייט פֿון יאוש, פֿאַר יידן אז עס געווען און געבליבן „מאבד עצמו לדעת"... אַ גרויסע העלדישקייט פֿאַר רוימער, אין גײַסט פֿון רוים... ווילט זיך מיר ניט גלייבן אין דער אמתדיקייט פֿון דער מעשׂה. העלדישקייט יידישע, אין גײַסט פֿון דעם יידישן גאָט און פֿון דעם יידישן גײַסט, אָט די העלדישקייט איז יע געווען אין יבֿנה. ירושלים גייט אויס אין בלוט וואָס יידן אַליין פֿאַרגיסן לויטן רוימישן אופֿן, און רבן יוחנן בן זכאי האָט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון פֿאַררוימישטן ירושלים און איז „מתקן תקנות" פֿאַר אַ יידישן שטייגער אָן מלוכה, אָן ירושלים, ווי „בטלניש" דאָס האָט געמוזט אויסזען אין די אויגן פֿון די העלדן אין ירושלים, אין מסדה, אין די אויגן פֿון פֿאַררוימישטן געשיכטלער! און ער — דער אויס־געבטלטער שטייגער — ער האָט געראַטעוועט דאָס יידישע פֿאָלק פֿון אומקום. דער יידישער הלכה־פּרינציפּ, דער איינהייטלעכער שטייגער — ער האָט גובֿר געווען דעם רוימישן מלוכה־פּרינציפּ.

אַזוי אַרום איז דער גלות ניט קיין שטראָף נאָר אַ תּולדה, אַ פּראָדוקט פֿון דעם יידישן אויפֿפֿיר. און אָנגעהויבן האָט זיך צו גרייטן דער חורבן נאָך לאַנג פֿאַרן חורבן, אין די צײַטן פֿון די חשמונאים־אייניקלעך, ווען ירושלים האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף די וועגן פֿון רוים. זאָגן כּסדר יידן אין דעם לאַנג־דויעריקן גלות „אָבֿינו מלכּנו חטאנו לפֿניך" און עס האָט געדאַרפֿט זײַן ניט מלכּנו — אָבֿינו רוחנו, חטאנו קעגן דעם יידישן גײַסט, קעגן דעם יידישן גאָט.

## און נאָכן חורבן ירושלים

אויך נאָכן חורבן האָבן יידן זיך ניט גרינג באַפֿרײַט פֿון רוימישן גײַסט. האָט רבי עקיבֿא דער בעל הלכה גובֿר געווען רבי עקיבֿא דעם בעל מלוכה. איז בר כּוכבֿא געוואָרן טאָקע בר כּוזיבֿא. געבליבן איז רבי עקיבֿא דער בעל הלכה. פֿאַרלאָרן איז געוואָרן מסדה, דער גאַנצער פּרינציפּ פֿון מסדה, פֿאַרלאָרן זײַנען אַלע וואָס זײַנען געגאַנגען לויט דעם פּרינציפּ — אַלע — די צדוקים, אַלע בעלי מלוכה. געבליבן זײַנען נאָר די בעלי הלכה, יבֿנה וחכמיה.

איין פֿראַגע איז מיר אָבער געבליבן. דאָס וואָרט מארצנו — „פֿון אונדזער לאַנד". ווי איז אָט דאָס סתּם לאַנד געוואָרן „אונדזער לאַנד"? לויטן חומש האָט עס גאָט לכתּחילה באַשטימט פֿאַר אבֿרהמס קינדער „לזרעך אתּן את הארץ הזאת" (בראשית כ"ד, 7). די גמרא האָט אָבער ניט ליב קיין בראשיתדיקע הייליקייטן און די גמרא זאָגט אַז יידן אַליין האָבן הייליק געמאַכט דאָס לאַנד.

איין מאָל — בימי יהושוע און אַ צווייט מאָל בימי עזרא. קדושה ראשונה און קדושה שניה. הייליק זײַנען ייִדן — מיט וואָס? מיט זייער שטייגער „וקדשנו במצותיו״. האָבן ייִדן פֿון זייער הייליקייט משפּיע געווען אויך אויפֿן לאַנד. פֿרעגט זיך: פֿאַרוואָס האָבן ייִדן אַזוי פֿיל געליטן אין גלות־אייראָפּע, בײַ אַלע קריסטלעכע פֿעלקער, פֿאַרוואָס האָבן זיי ניט פֿאַרוואַנדלט אַ צווייט לאַנד, ניט געמאַכט עס פֿאַר אַן „ארצנו״? ניט פֿאַרהייליקט עס? ניט פֿאַרהייליקט עס ווי־דער מיט דעם ייִדישן שטייגער?

איך בין ניט קיין טעריטאָריאַליסט. די טעריטאָריאַליסטן האָבן אַליין פֿאַר־געסן זייער טעריטאָריע, דערמאָנען זיי עס ניט אַפֿילו אין זייער זשורנאַל. איך גלייב ניט אין דעם: פֿעלקער און מדינות שלאָגן זיך, ממיתן זיך צוליב טערי־טאָריעס, וועט קיינער ניט געבן און — נאָך מער — קיינער האָט קיין מאָל ניט געגעבן קיין לענדער, קיין טעריטאָריע צו ייִדן. מען האָט יע געגעבן, אָבער אַלע מאָל האָט מען געגעבן פֿרעמדס — „אויף פֿרעמדס איז מען אַ בעל צדקה״. ניט קיינער גיט און ניט ייִדן זײַנען געווען און ניט זיי זײַנען פֿעיִק צו שאַפֿן אַן אייגענע ייִדישע טעריטאָריע. וואָלטן מיר יע געווען פֿעיִק, וואָלטן מיר איצט געהאַט ניט איינע, נאָר עטלעכע ייִדישע לענדער. אַט פּרעטענדירן איצט מעק־סיקאַנער אויף מיזרח לאָס אַנדזשעלעס, פּרעטענדירן אוקראַיִנער אויף טיילן פֿון קאַנאַדע. און ייִדן?

עס זײַנען מיט מער ווי דרײַ הונדערט יאָר צוריק געקומען דרײַ און צוואַנ־ציק ייִדישע משפּחות און זיך באַזעצט אין נײַעם אַמסטערדאַם (ניו יאָרק). האָט מען געזוכט אָפּשטאַמיקע פֿון יענע ייִדן. האָט מען זיי צווישן ייִדן ניט געפֿונען. אויסגעייִדישט זיך לאַנג שוין. ווי די געבליבענע פֿון יענע ייִדן אין בראַזיל, אין מעקסיקע, אין גאַנץ לאַטײַן־אַמעריקע. אויסגעייִדישט זיך. נאָך מיט אַ פֿופֿ־ציק יאָר צוריק האָבן אין אַמעריקע געשפּילט אַ גרויסע ראָל ייִדן פֿון דײַטש־לאַנד. ניטאָ איצט קיין סימן פֿון זייערע אָפּשטאַמיקע אין ייִדישן לעבן.

און פֿון מיזרח־אייראָפּע? אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה זײַנען מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אין אַמעריקע געווען געטרײַע, ייִדיש־ריידנדי־קע, ייִדיש־דענקענדיקע ייִדן וואָס האָבן אין זייערע לאַנדסמאַנשאַפֿטן „ווי אויפֿ־געלעבט זייערע שטעטלעך״. און הײַנט? — הלוואי זאָלן אַ פֿופֿציק פּראָצענט בלײַבן אין ייִדישן פֿאָלק... שוין הײַנט האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט אין אַמעריקע פֿאַרגעסן אַז ייִדן האָבן אַן אייגענע שפּראַך. נאָך אַ דור און ייִדן (געוועזענע, אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדן) וועלן פֿאַרגעסן אַז עס איז געווען אַ ייִדיש פֿאָלק. עס גייט צו דעם אין אַלע נײַע ישובֿים אין דער גאַנצער וועלט.

וועט די ייִדישע מדינה זײַן אַן אויסנאַם? הלוואי! — איז די פֿראַגע אַ

טאָפּעלע: ערשטנס — פאַרוואָס זײַנען ייִדן אַנדערש פון אַנדערע פעלקער? אַנדערע פעלקער קאָנצענטרירן זיך צו שאַפן אייגענע „טעריטאָריעס" (ניט מלוכות, נאָר טעריטאָריעס), און ייִדן ניט? און צווייטנס, פאַרוואָס האָבן עס ייִדן געטאָן און זיך געהאַלטן אַזוי צוויי טויזנט יאָר אין גלותן? און פאַרוואָס קענען זיי עס ניט איצט? פאַרוואָס ווילן זיי עס ניט איצט? איז עס געוואָרן אַ צווילינג־פראַגע. אויף ביידע ענטפערט די ייִדישע געשיכטע. געהאַלטן האָט זיך דאָס ייִדישע פאָלק אין זײַן פאָלקישקייט כל זמן עס האָבן געלעבט די שטעטלעך, און ייִדן זײַנען געווען אַ פאָלק נאָר אין די שטעטלעך. איצט זײַנען אויסגעגאַנגען די שטעטלעך, גייט אויס אויך דאָס ייִדישע פאָלק. די שטעטלעך זײַנען געווען איינסן פון אַ ייִדישער אויטאָנאָמיע, צי די ייִדן האָבן יע געוואָלט אָדער ניט געוואָלט. און די צווייטע פראַגע — פאַרוואָס ווילן עס ניט ייִדן? — דאָס איז אָרעמקייט פון דעם ייִדישן גײַסט. פאַרוואָס איז ער אַזוי אָרעם געוואָרן, אונדזער ייִדישער גײַסט־גאָט?

פאַראַנען צײַטן אין דער ייִדישער געשיכטע ווען ער איז שטאַרק אין די הערצער פון ייִדן, און פאַראַן צײַטן פאַרקערטע. אין גלות־בבל איז ער שטאַרק געווען, אין גלות, און געווען גאָר שוואַך בײַ די געבליבענע אין ארץ ישׂראל. אין דער פּערסישער תּקופה איז דער ייִדישער גײַסט געווען זייער שטאַרק אין ארץ ישׂראל. אין גלות־אייראָפּע איז דער ייִדישער גײַסט שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער איז אָרויסגעצויגן געוואָרן דורך דעם גוישן סאַדיזם, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרהייליקט. אָרעם איז געווען דער ייִדישער גײַסט־גאָט און ייִדן זײַנען זייער גערן פּטור צו ווערן פון אים. — ערשט אין דער מדינה שטאַרקט זיך דער ייִדישער גײַסט. צי וועט די מדינה האָבן אַ השפּעה אויף די גלותן? — הלוואי! דערווײַל איז עס ניט קענטיק. וואָלט יע געווען אַזאַ השפּעה, וואָלטן ייִדן אין אַ ניו יאָרק און אין אַנדערע גרויסע אַמעריקאַנער שטעט שוין געהאַט עטלעכע ארץ־ישׂראלס. פאַרוואָס איז אַזאַ השפּעה ניט געווען? ווײַל אויך אין ארץ ישׂראל איז ער — דער ייִדישער גײַסט — ניט געווען. דער „שלילת הגלות" האָט געיאָגט דעם ייִדישן גײַסט, דעם גײַסט פון ייִדישן פאָלק ערגער ווי מיט בײַטשן.

האַלטן מיר בײַ דעם „מפּני חטאינו". צוליב אונדזערע זינד זײַנען מיר גע־קומען אין גלות און מפּני חטאינו לעבן מיר אין גלות.

קעגן וועמען זינדיקן מיר עס אַזוי? — ניט קעגן גאָט אין הימל. — דער גאָט איז אַ שטאַרקער בעל חוב צו ייִדן. קעגן דעם ייִדישן גײַסט זײַנען מיר שולדיק, אַזוי אָרעם זײַנען מיר, אַז אַפילו מאָנען בײַ גאָט האָבן מיר ניט קיין מוט, קיין גלויבן.

## פֿאַרקריפּלטע און פֿאַלשע באַגריפֿן וועגן גאָט

דערווײַל הערשן בײַ ייִדן אַזוינע ניט־ייִדישע באַגריפֿן וועגן אַ גאָט־פּערזאָן. מסתמא איז דאָס אונטער דער השפּעה פֿון קריסטן. בײַ זיי איז גאָט אַ פּערזאָן, מיט אַ „משפּחה", מיט אַ זון ממש — אַ גאָט־זון, און פֿרומע פֿרויען זײַנען מקריבֿ זייער פֿרויענשאַפֿט און זיי ווילן זײַן בעסער „גאָטס כּלות" וכדומה נאָך אַזוינע אַנטראָפּאָמאָרפֿישע פֿאָרשטעלונגען וועגן גאָט, וואָס זײַנען ניט דערלאָז־לעך בײַ ייִדן.

אמת, די גאָט־באַגריפֿן האָבן בײַ ייִדן אויך דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און טיפֿע אַנטוויקלונג. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון די באַגריפֿן וועגן דעם אַז גאָט שפּאַצירט „לרוח היום" און ער רעדט זיך דורך, שמועסט זיך דורך מיט די אָדער יענע מענטשן, ער גייט אַראָפּ כּדי צו זען די זינד פֿון סדום און עמורה (בראשית י"ח, 21) ביז די באַגריפֿן פֿון תּלמוד איז זייער ווײַט. לאָמיר דאָ ברענגען עטלע־כע פֿון די מאמרים. קודם כּל אַ מאמר אַז גאָטס כּוח איז אָפּהענגיק פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס מיר האָבן שוין געבראַכט אויבן. אָט איז דער מאמר: „מחמת די פֿוילקייט פֿון ייִדן צו היטן די תּורה (ייִדישקייט) איז גאָט געוואָרן אָרעם" („מך", און „מך" איז אָרעם (תּענית ז', ב'). „ווי די נשמה פֿילט אויס דעם גאַנצן גוף, אַזוי איז גאָט פֿול אין דער וועלט" (ברכות י', א'). גאָט פֿרעגט בײַ בית דין של מטה ווען עס איז ראש השנה (ירושלמי, ראש השנה פּ"ה; דעם טעקסט גופֿא האָב איך ניט אונטער דער האַנט. זען אָבער אין בבֿלי ראש השנה כ"ה, א' אין דער משנה, אַזוי אויך ראש השנה כ"ט, א'). ווען ייִדן ווערן געטרײַערע ייִדן, ווערן ייִדן שטאַרקער (ווידער אַ משנה). מען טאָר ניט צו פֿיל רימען גאָט (מגילה י"ח, א'), ניט אָנגעגעבן קיין סיבה. איך מיין, ווײַל עס איז ניט שײַך צו לויבן דעם גײַסט פֿון דער וועלט. נאָך מער איז עס אין מדרשים. „גאָט איז די האַרץ פֿון ייִדישן פֿאָלק" (איכה רבה, פּתיחתא ט"ז). נאָך מער אין זוהר „קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל ארי אחד (אחרי ע"ג, א; אמור צ"ג). בכלל איז אָבער בעסער זיך ניט צו פֿאַרנעמען מיט די טעאָלאָגישע גאָט־פּראָ־בלעמען (מגילה י"ח, א; חגיגה י"ג, א'). ניטאָ אין תּלמוד גאָט זאָל רײדן צו אַ מענטשן, העכסטן איז אַ בת קול. די תּורה איז געשטעלט העכער פֿון גאָט, גאָט לערנט די תּורה פֿון ייִדישן פֿאָלק. ייִדן פֿירן מיט גאָט מחלוקתן און חכמים פּסקענען. בקיצור — ניט גאָט הערשט נאָר די תּורה, די תּורה איז געשאַפֿן, און ווערט כּסדר געשאַפֿן פֿון ייִדן אַן אויפֿהער, און גאָט לערנט די תּורה פֿון זײַן פֿאָלק. ייִדן גלייבן אָבער אין אַ פּערזענלעכן גאָט מיט מלאכים און נאָך אַ סך אַזוינע זאַכן (ווי עס שטייט אין דער תּפֿילה „ונתנה תוקף"). דאָס איז אַלץ זיכער אַ השפּעה פֿון די שכנהשע פֿעלקער, און דאָס פֿאַרטונקלט די אמתע

יידישע באַגריפֿן וועגן גאָט ווי וועגן דעם סכום געזעצן (גזרות) וואָס הערשן אין קאָסמאָס און אין גאַנצן באַשאַף בגלל. פּראַקטיק דער מדרש: „מביט בתורה ובורא את עולמו". אין וואָסער תּורה? ניט דווקא בײַ ייִדן. די תּורה בײַם באַשעפֿער איז אַ סך ברייטער און גרעסער. ייִדן האָבן זיך ניט פֿאַרנומען מיט דער גאַנצער תּורה פֿון גאָט. ייִדן האָבן געשאַפֿן די געטלעכע תּורה בין אדם לעמו, ניט דווקא בין אדם לחברו און אויך ניט בין אדם לאלוהיו, נאָר איבערהויפּט בין אדם לעמו. די גריכן האָבן ניט געשאַפֿן אַזאַ „תּורת הקיום" פֿאַר זייער פֿאָלק, און זייער פֿאָלק איז טאַקע אומגעקומען. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך קאָנצענטרירט נאָר אויף קיום האומה און זיי האָבן זייערס אויסגעפֿירט! ייִדן האָבן געצײַטערט פֿאַר „ספרים חיצונים". דאָס זאָגט דער גרעסטער פֿון תּנאים — רבי עקיבֿא, אַז דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ספֿריו חיצונים האָט ניט קיין חלק עולם הבא. לויט אַ טיפֿערן זינען מיינט עס — ער טוט גאָר ניט פֿאַרן עולם הבא פֿון פֿאָלק, לימות המשיח (ערשטע משנה אין פּרק „חלק").

אָבער פֿאַרוואָס איז ניט אויפֿגעקומען קיין צווייטע ארץ ישׂראל, ווען די ערשטע איז חרובֿ געוואָרן? מילא, די ערשטע איז געווען באַשטימט פֿון גאָט לויטן חומש. אָבער ייִדן האָבן דאָס הייליק געמאַכט, האָבן זיי דאָך געקאָנט אויך מקדש זײַן אַ צווייט לאַנד אויך? אָבער דורך דער גאַנצער געשיכטע האָבן ייִדן קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין שטאַרקע צונויפֿגעבונדנקייט, קיין שטאַרקע ברידערלעכקייט. און כּדי צו שאַפֿן אַזאַ הייליקייט דאַרף מען זײַן שטאַרק צונויפֿגעבונדן, דאַרף דאָס פֿאָלק זײַן אין איינעם.

שוין איינס פֿון די עלטסטע ספֿרים אין תּנך (שופֿטים) קלאָגט זיך אויף דער צעריסנקייט צווישן די שבֿטים. נאָך בײַ דעם פֿאָטער יעקבֿן אין שטוב קריגן זיך די ברידער — די שבֿטים, פֿאַרקויפֿן זיי יוספֿן פֿאַר אַ קנעכט. שוין דער ערשטער מלך שאול לײַדט פֿון דער צעקריגטקייט. די גאַנצע צײַט פֿון מלכות דוד און שלמה איז אַ צײַט פֿון רעוואָלטן און קריגערײַען, ביז די מלוכה ווערט געשפּאָלטן. קיין פֿרײַנדשאַפֿט צווישן די צוויי מלוכות פֿון איין פֿאָלק איז ניטאָ סײַדן אין גלות, אַ גלות פֿאַרבינדט די ייִדן צוזאַמען. אין מצרים זײַנען ייִדן געוואָרן אַ פֿאָלק מיט אַ פֿאָלקישן באַוווּסטזײַן. זיי רופֿן צום ייִדישן גאָט. שפּעטער אין גלות בבֿל איז עס די צײַט ווען עס איז צונויפֿגענומען געוואָרן דער פֿאָלקלאָר, און פֿון דעם איז אויסגעוואָקסן דער תּנך. דער גרויסער גלות־נבֿיא — ישעיה דער צווייטער איז דער ערשטער פֿון די נבֿיאים, וואָס איז געשטימט פֿאָלקיש ממש. דאָס פֿאָלק ישׂראל איז אין זײַנע אויגן העכער און בעסער פֿון שטאַרקן בבֿל. דער גלויבן אין ישׂראל־פֿאָלק איז שטאַרק. און אָט דער כּוח, דער גלויבן פֿון ישׂראל אין ישׂראל האָט געבויט דאָס לאַנד.

שפּעטער אָבער, אין לאַנד קומען אויף פּאַרטייען, און קיין פֿרײַנדשאַפֿט איז צווישן זיי ניטאָ. די קעגנזײַטיקע שׂינאה שטאַרקט זיך דווקא אין באַלאַגערטן ירושלים. און אָט די צעקריגטקייט האָט עס געבראַכט דעם שרעקלעכן גלות. נאָך פֿאַרן חורבן האָבן ייִדן זיך צעשאָטן איבער לענדער. איצט העלפֿט שוין אויך ניט דער גלות. אין יעדן לאַנד באַזונדער, האָבן ייִדן אַ דראַנג זיך צו צעשפּרייטן, ניט צו שאַפֿן קיין געמיינזאַמע גאַנצקייט. אַזאַ צעריסן פֿאָלק האָט ניט געקאָנט אויפֿבויען קיין געמיינזאַם לאַנד. ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער ציט עס מער צו די לאַנד־פֿעלקער ווי דאָס אייגענע פֿאָלק צווישן זיך. און אַז ייִדן זײַנען פֿון צו שטאַרקע צרות געלאָפֿן זיך ראַטעווען קיין מדינת ישׂראל, קען מען ניט באַרימען זיך מיט פֿרײַנדשאַפֿט צווישן ייִדן, מיט אַ פּשוטן שלום אַפֿילו.

די גרויסע אימיגראַציעס האָבן דאָך ניט געשאַפֿן אין ערגעץ קיין שטאַרקע קאָנצענטראַציעס מיט איין גײַסט, מיט איין גאָט, מיט איין פֿעסטן פֿאָלק־געפֿיל. ייִדן זײַנען אין גלות, ווײַל דער גלות איז אין זיי. הלוואי זאָלן איצט די ייִדן אין מדינת ישׂראל געראַטעוועט ווערן פֿון צעריסנקייט. הלוואי!

די געמיינזאַמע רעליגיע העלפֿט ניט צונויפֿבינדן דאָס פֿאָלק, ניט די רע־ליגיע פֿאַרן פֿאָלק, נאָר גאָר פֿאַרקערט מען האַלט אַז דאָס פֿאָלק לעבט כּדי צו היטן די רעליגיע. גלות, צרות אדרבא, נאָר די רעליגיע זאָל ניט לײַדן! אין די שטעטלעך זײַנען ייִדן יע געווען איין פֿאָלק. אָבער דאָס האָבן דאָך ניט ייִדן אויפֿגעהאַלטן די שטעטלעך, נאָר פֿאַרקערט האָבן די שטעטלעך געהאַלטן די ייִדן, און זיי זײַנען גערן געלאָפֿן פֿון די שטעטלעך. אָפֿט דוכט זיך אויס, אַז צווישן ייִדן הערשט מער שׂינאת ישׂראל אַנשטאָט אהבת ישׂראל. „אוהבֿ ישׂראל" איז אַ זעלטענער טיטול. האָבן זיך ייִדן צעשאָטן אין אַלע אימיגראַציעס, אין ערגעץ ניט געשאַפֿן קיין קאָנצענטראַציעס. ייִדן זײַנען געלאָפֿן אין „בעסערע" ראַיאָנען. און בעסערע ראַיאָנען זײַנען די ווו ייִדן זײַנען ווייניקער. כּדי צו שאַפֿן אַ צווייט ארץ ישׂראל, אַן אייגן קאָנצענטרירט לאַנד דאַרף מען ליב האָבן דאָס פֿאָלק. ליב האָבן דאָס פֿאָלק מיינט טײַער האַלטן זײַן שפּראַך, זײַנע געוווינהייטן און זײַנע זיטן און מינהגים. ווו האָבן מיר עס בײַ ייִדן?

אַלע דענקענדיקע ייִדן האָט איצט אַרומגענומען אַ שטאַרקע זאָרג: אַסימי־לאַציע פֿרעסט אויף דאָס ייִדישע פֿאָלק. מיט יעדן דור ווערט ממש די צאָל ייִדן קלענער און קנאַפּער. ייִדן אַנטלויפֿן פֿון ייִדן און פֿון ייִדישקייט. מען צעשיט זיך אומעטום ווו מען לאָזט נאָר. קען מען ניט און מען האָט ניט געקאָנט בויען אין ערגעץ קיין קאָנצענטראַציע! טאָמער איז געווען אַ פּאַרטיי פֿון טעריטאָ־ריאַליזם עליה השלום, האָט זי פֿאַרגעסן, קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן טערי־

טאַריעלע קאָנצענטרירטקייט אויף די ערטער. מדינת ישׂראל פֿאַרבינדט יע איצט אַ סך ייִדן, אָבער דאָס איז בלויז סימפּאַטיע, ניט קיין דראַנג פֿאַר זיך אַליין. צו דעם איז נאָך זייער ווײַט. גאָט ווייס.

מפני חטאינו גלינו — פֿון אָנהייב אָן איז דער גלות געקומען ווײַל עס האָט געפֿעלט אהבת ישׂראל. מפני חטאינו זײַנען ייִדן די גאַנצע צײַט אין גלות און ניט געקאָנט אין ערגעץ אויפֿבויען קיין צווייט ארץ ישׂראל. און דער חטא באַשטייט אין דעם וואָס ייִדן האָבן ניט געהאַט און זיי האָבן ניט קיין אהבת ישׂראל. ייִדן האָבן ניט געוואָלט פֿאַרשטיין דעם אמתן זינען פֿון דעם ייִדישן גאָט, אַז עס קען ניט זײַן קיין אהבת הבורא, ווען עס איז ניטאָ קיין אהבת ישׂראל. אין גלות מצרים איז געבאָרן געוואָרן דאָס פֿאָלק־געפֿיל, און ער האָט געפֿירט קיין ארץ ישׂראל. דאָ איז דאָס געפֿיל שוואַך געוואָרן און עס האָט געבראַכט דעם גלות. דער וווּנדערלעכער גלות בבל מיט זײַן שטאַרקער אהבת ישׂראל האָט געבויט דעם צווייטן בית. די אהבת ישׂראל איז געווען אַזוי שטאַרק אַז עס איז געוואָרן אַן אמונת ישׂראל. דער אוראַלטער ספר שופֿטים באַקלאָגט זיך, אַז ווען ייִדן לעבט זיך רויקער, צעשיטן זיי זיך. בלויז צרות פֿאַרבינדן זיי, נעמען זיי צונויף צוזאַמען. דאָס חזרט זיך איבער דורך דער גאַנצער געשיכטע.

דער דריטער בית האָט זיך געבויט צום אומגליק אָן אהבת ישׂראל, אַ פּשיטא שוין אָן אמונת ישׂראל. און די סכּנה פֿון דעם איז געבליבן. אַנשטאָט אהבה איז גאָר געקומען דאָס פֿאַרקערטע — שלילת הגלות, וואָס איז געווען און איז ביז הײַנט נאָך אַ שלילת הגולה, ריכטיקער אַ שׂינאת ישׂראל... ייִדן האָבן נאָך ביז הײַנט ניט באַנומען די גרייס פֿון אָט דער טראַגעדיע.

## דער שעפֿערישער גלות

אַ פֿאָלק זײַנען ייִדן געוואָרן אין מצרים. ניט דווקא מיטן אייגענעם ווילן, נאָר די באַציִונג פֿון די מצרים האָט שטאַרק געהאָלפֿן: אַ באַזונדער לאַנד (גושן), די מצרים האָבן זיך אָפּגעזונדערט פֿון ייִדן, נאָך אין יוספֿס צײַטן. זאָגט עס ריכטיק אַ מדרש: ייִדן זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מצרים (און זיך אויפֿ־געהאַלטן אין מצרים) אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן אָפּגעהיט זייערע נעמען, זייער שפּראַך און זייערע מסטורין — דעם אייגענעם ניט געשריבענעם שטייגער. אָט דאָס האָט זיי געמאַכט פֿאַר אַ פֿאָלק באַזונדער. אָן דעם צוואַנג פֿון דרויסן, שוין אין מידבר האָבן ייִדן שטאַרק געבענקט נאָך דעם מצרישן אָפּ־גאָט און פֿון דעם איז געקומען דער גאָלדענער קאַלב. אין אייגן לאַנד איז עס געווען ווײַט ניט בעסער.

ווײַטער איז געקומען דער גלות בבל, און עס איז געוואָרן אַ ייִדיש פֿאָלק מיט אַ פֿאַרזיכיקער קולטור, מיטן תנך, מיט אַ שטאַרקן באַוווסטזײַן, מיט אַ

גלויבן אין איגן פֿאָלק, און דאָס איז דאָך דער גלויבן אין ייִדישן גאָט! האָט אָט דער גליקלעכער גלות אויפֿגעבויט דעם צווייטן בית.

צום גליק איז דער גלות ניט געענדיקט געווען, ער האָט זיך געצויגן נאָך אַ פּאָר הונדערט יאָר — די פּערסישע תּקופֿה. אַ צײַט אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע. אָן מלחמות, ווײַל קיינער האָט ניט געוואָגט אָנצוהייבן זיך מיט דער שטאַרקער פּערסיע. אָן אַסימילאַציע — ווײַל פּערסיע איז געווען ווײַט, און מיט סובאָרדינירטע פֿעלקער אַסימילירט מען זיך ניט. אָט די גליקלעכע פּערסישע צײַט האָט אויפֿגעבויט דאָס פֿאָלק; דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרנומען דאָס לאַנד, און האָט זיך פֿעסט אײַנגעלעבט מיט דעם אייגענעם שטייגער, מיט דער אמונת ישׂראל. דער ייִדישער אייגענער שטייגער איז דאָך דער פֿאַרלאַנג פֿון ייִדישן גאָט. האָט עס געקענט קומען צום רעוואָלט פֿון די חשמונאים. די העלעניזאַציע איז געקומען אין די שטעט. די דערפֿער (ווי שפּעטער די שטעטלעך) זײַנען געווען אויסגעהאַלטן, ניט העלעניזירט!

דאָ האָט זיך אָבער אָנגעהויבן די „דינאַסטיע", די באַרימטע, גרויסאַרטיקע מיוחסדיקע דינאַסטיע מיט אירע אומגליקן. ווידער איז דאָס פֿאָלק צעטיילט געוואָרן. דאָס מאָל אויף צוויי טיילן — מלוכה־אָנהענגערס און הלכה־אָנהענגערס. וואָס איז וויכטיקער פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק? די מלוכה־אָנהענגערס האָבן גאָר ווייניק געהאַלטן פֿון די הלכה־אָנהענגערס און פֿאַרקערט האָבן די הלכה־אָנהענגערס כּמעט ניט דערמאָנט די מלכים פֿון דער דינאַסטיע. די הלכה־אָנהענגערס האָבן זיך גערעכנט מיטן פֿאָלק, „הזהרו מבני עמי הארץ שמהם תּצא תּורה", פֿאַר די מלוכה־אָנהענגערס איז דאָס פֿאָלק געווען נאָר פֿון וועמען צו ציען שטײַערן און וועמען צו שיקן זיך שלאָגן אויף די כּסדרדיקע מלחמות. ניט אומזיסט זײַנען די שטײַער־מאָנער געווען שטאַרק פֿאַרהאַסט בײַם פֿאָלק. צי האָט די מלוכה פֿון די חשמונאים געהאָלפֿן דעם קיום פֿון פֿאָלק? דאַכט זיך אַז קיין היסטאָריקער וועט ניט ענטפֿערן פּאָזיטיוו אויף דער פֿראַגע. מען קען פֿאַרקערט זאָגן אַז פֿון די אייניקלעך אָן האָט זיך גענומען גרייטן דער חורבן. פֿאַר די אָנהענגערס פֿון הלכה איז געבליבן גילטיק דער זאָג פֿון הלל „פּוק חזי" — גייט און זעט ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך. די אָנהענגערס פֿון מלוכה האָבן געקוקט אויף די רוימישע שׂררות. די מלוכה־אידעאָלאָגיע האָט געבראַכט דעם סוף פֿון דער מלוכה, דער קאַמף קעגן רוים איז לכתּחילה געווען פֿאַרשפּילט, ווײַל ייִדן זײַנען געגאַנגען מיט רוימישע וועגן. איז רוים מעכטיקער. רוים איז געווען אַ מלוכה פֿון פּאַטריציער. דאָס לעבן פֿון אַ „באַרבאַר" איז נאָר אַ שפּיל פֿאַר די רוימער, פֿאַר זייער פֿאַרגעניגן. קען דען זײַן אַ גרעסערער פֿאַרגעניגן ווי צו זען ווי אַ לייב צעפּליקט אַ לעבעדיקן קנעכט אָדער ווי גראַציעז עס מאַכן

זיך דעם טויט צוליב גלאַדיאַטאָרן אין די אויגן פֿון אידעלע דאַמען און הערן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די געגנט אויסגעאַרבעטע געזעצן פֿון רוים, וואָס זײַנען אַ מוסטער פֿאַר אַלע אייראָפּעיִשע מדינות — די רוימישע געזעצן הייסן די פֿאַר־שקלאָפֿטע געפֿאַנגענע צושמידן צו די רודערן פֿון זייערע רוימישע שיפֿן. און אַז די שיף טרינקט זיך, טאָרן די צוגעשמידטע קנעכט זיך ניט ראַטעווען. פֿאַר־שטייט זיך, אַז רוימישע זעלנער זײַנען אַלע געבאָרן כּדי צו שטאַרבן פֿאַר דעם כּבֿוד פֿון זייערע העלדישע גענעראַלן... צו זיי זײַנען דאָס געפֿאַרן די לעצטע חשמונאים זיך לערנען חכמה... און מענטשישקייט.

ווי קומען ייִדן צו אַזאַ מענטשישקייט?! אַז בסך הכּול זײַנען אַלע ייִדן גאָר גלײַך, אַז טאָמער ווערט איינער פֿאַרמישפּט צום טויט, איז „ברור לו מיתה יפֿה", אַז אַ סנהדרין האָט איין מאָל פֿאַרמישפּט אַ מענטשן צום טויט איז זי אַ „רוצחישע סנהדרין", טאָרן די מיטגלידער ניט עסן קיין פֿלייש, אַז אַ ייִד דערזעט אַ בלוטסטראָפּן אין אַן איי, וועט ער שוין ניט עסן דאָס איי... אויך זיי גייען מלחמה האַלטן קעגן רוים! דער רוימישער גאָט האָט געמוזט גובֿר זײַן אין מלחמה. די ייִדישע הלכה האָט גובֿר געווען די רוימישע מלוכה. דאָס איז געווען אין דעם גאַנג פֿון אַ לאַנגער געשיכטע, ניט אין מלחמה פֿון די צעקריגטע און צעשלאָגענע צווישן זיך ייִדן — ייִדן מיט רוים...

...די וועלט איז איצט שטאַרק ווײַט פֿון ישעיהוס חלום „מען וועט צע־ברעכן די שווערדן צו מאַכן אַקער־אײַזנס". דערווײַל פֿירט נאָך אַ קליין מענ־טשעלע פֿון קאָרסיקע אַ וועלט מיט פֿראַנצויזן צו שטאַרבן, כּדי ער זאָל ווערן „דער גרויסער נאַפּאָלעאָן" און ער גייט אַרויס אין דער פֿרי נאָכן געשמאַקן שלאָף צום שלאַכט־פֿעלד און דערזעט עס פֿאַרזייט מיט הרוגים, גיט ער זיך אַ זאָג: „נישקשה, אין איין נאַכט וועלן אין פֿראַנקרײַך געבאָרן ווערן מער ווי פֿל דאָ ליגן" און זײַנע אַמביציעס קענען מקוים ווערן! און עס קען אַ משוגענער היטלער ווערן דער גאָט פֿון אַ פֿאָלק און ברענגען צום טויט מיליאָנען מענטשן, און אַ פֿאָלק פֿון פּראָפֿעסאָרן און פֿילאָסאָפֿן איז גליקלעך אים נאָכצוגיין: זייערע מאָרד־אינסטינקטן, זייער סאַדיזם זאָלן עכט זײַן! האָבן פֿאַרט גוים אויסגע־טראַכט ניט סתּם אַ טויט, אַ „מיתה יפֿה", נאָר סאַדיסטיש זאָל אַ מענטש אויס־גיין אויפֿן קרייץ, זאָל מען אים אַ געבונדענעם אָוועקזעצן אויף אַ שפּיציקן פֿלאָקן, און זאָל ער זיך מאַטערן צום פֿראַגעניגן פֿון קינד און קייט. דאָס איז רוימיש, רוימישער גײַסט, זייער מאַרס־גאָט. ווי קומען ייִדן זיך פֿאַרגלײַכן מיט זיי? מסדה איז אַ רוימישע מעשׂה, אויסצופּײַנען זיך פֿאַר רוים. דאָס קליינע דערפֿל יבֿנה איז דער ייִדישער גײַסט, דער ייִדישער גאָט.

...אָך און ווי וואָס מיר מוזן נאָך איצט נאָכגיין אין זייערע וועגן...

איז אָוועק רבן יוחנן בן זכאי פֿון פֿאַררוימישטן ירושלים אין דעם קליי־נעם דערפֿל יבֿנה און האָט דאָרטן געשאַפֿן עטלעכע תקנות, הלכות, כּדי מיט זיי אײַנצוהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. מיט הלכות, ניט מיט מלחמות.

## דער גלויבן אין פֿאָלק

כּדי אָפּצוהיטן דעם פֿאָלקישן שטייגער, כּדי צו קענען באַזירן דעם גאַנצן קיום אויף דעם שטייגער, דאַרף מען פֿאַרמאָגן אַ שטאַרקע אמונה אין פֿאָלק, מען דאַרף גלייבן אין גײַסט פֿון פֿאָלק, און דאָס איז דאָך דער גאָט פֿון פֿאָלק.

צוויערליי צײַטן זײַנען פֿאַראַן אין דער ייִדישער געשיכטע. פֿאַראַן צײַטן פֿון „פֿאָלקיזם״. אין אַזוינע צײַטן איז מען מונטער, מוטיק, מען איז צופֿרידן מיט ייִדישקייט. און פֿאַראַן צײַטן פֿאַרקערטע, אַן גלויבן, אָן מוט, מען איז דער־שלאָגן, מען לאָזט זיך דריקן און אונטערדריקן.

פֿעסטע שטימונג איז געווען בעת די ערשטע חשמונאים, אַ דערשלאָגענע שטימונג — בעת דער אַריסטאָקראַטיש־חשמונאים־דינאַסטיע. צעפֿליקט און אויסגעמאַטערט פֿון די כּסדרדיקע מלחמות, די שטײַער־מאַנער האָבן געריסן דעם לעצטן ביסן. ניט קענטיק קיין פֿאָלק, קיין ווילן פֿון פֿאָלק. עס גייט אַ שטילע עמיגראַציע פֿון ארץ ישׂראל, עס ווערן נײַע ישובֿים. ניטאָ אין זיי אויך קיין שטאַרקע פֿאָלקישקייט. קיין גלויבן אין פֿאָלקישקייט. סײַדן אין דער אוי־טאָנאָמיע אין בבֿל. עס איז דער לעצטער קאַפּיטל, דער „פֿלאַנטער פֿון טיטוס״ (פּולמוס טיטוס). אַן אמתער פּלאָנטער. ייִדן אין די אַרמייען וואָס באַלאַגערן ירושלים און אין באַלאַגערטן. מען שלאָגט זיך צווישן זיך מער ווי מיט די רוימער. ניטאָ קיין געמיינזאַמקייט, קיין פֿעסטער פֿאָלקישער ווילן. אַ ייִדישער גענעראַל, אַ געשמדטער שלאָגט זיך מיט טיטוסן צוזאַמען, דער ייִדישער קיי־סער איז מער רוימער ווי ייִד. דעם קייסערס שוועסטער פֿירט גאָר אַ ראָמאַן מיט טיטוסן. און טיטוס וויס: ער דאַרף זיך ניט אײַלן, יאָגן: די ייִדן וועלן אַליין טאָן זײַן אַרבעט. ער קען פֿאַרברענגען זײַן צײַט מיט דער שיינער ווע־ראָניקע... דאָס ייִדישע פֿאָלק איז סײַ ווי אויסגעשעפּט און אָן גלויבן, אָן מוט, אָן גלויבן אין זיך, אין דעם אייגענעם גאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גלות אָן אַ סוף. רבי עקיבֿא דער בעל הלכה איז שטאַרקער פֿון רבי עקיבֿא דעם קעמפֿער פֿון בר כּוכבֿא. דער קעמפֿער קומט אום, דער בעל הלכה איז געבליבן. כּדי צו הייבן דעם מוט בײַם פֿאָלק, אונטער דער רוימישער צענזור, ווערט עס דער יום טובֿ פּסח — סימבאָל פֿון באַפֿרײַאונג פֿון רוים, ווערט עס בני ברק מיט אַ הגדה אויף אַ גאַנצער נאַכט, ווערט דער אומשולדיקער לבֿן הארמי דער נאָמען פֿון פֿאַרהאַסטן רוים. ביתּר פֿאַלט, אַן עק, אַ סוף. ייִדן לעבן בײַ ישמעאלן

אין בבל און ידן לעבן אין קריסטלעכער איראָפּע. אין „אדום“, דאָ איז דער גלות — אַ שרעק, „לעג וקלס“ — צו שאַנד און צו שפּאָט. דער אַנטירוימישער כאַראַקטער פון פּסחדיקע סדרים איז לאַנג פאַרגעסן. געבליבן אַ הלכה. ניט מער.

פאַראַן אַ וואָכעדיקע תּפילה פול מיט דעם פּעסימיזם: „שומר ישראל, היט דו דאָס רעשטל פון ישראל און עס זאָל ניט גיין פאַרלאָרן ישראל, וואָס זאָגן נאָך ׳שמע ישראל׳...“ ניטאָ קיין ברעקל גלויבן אין פאָלק. מיט וואָס לעבט מען? מיט דעם וואָס עס איז ניטאָ וווהין צו לויפן, ניטאָ קיין קאָמוניקאַציע מיט לענדער. אָן אַ לאַנד, אויפן אָרט — נאָר פּויערים און פּריצים. ניט מעג־לעך קיין אַסימילאַציע. לעבן ידן אין שטעטלעך. מיט וואָס? מיט לעגענדעס — אַמאָל איז געווען און אַמאָל וועט זײַן, מיט אַ גלויבן אין משיחן וואָס גאָט וועט שיקן, ווײַל ידן אַליין קענען גאָרניט טראַכטן וועגן באַפרײַען זיך. לײַדן ידן פון קריסטלעכן סאַדיזם, פון בלבולים, פון אינקוויזיציעס, פון צלם־טרע־גערס, פון אַלעמען. ידן אין די שטעטלעך האָבן אַ פעסטן שטייגער, אַ הלכה. מען לײַדט און מען לעבט. זײַנען די שטעטלעך געווען אויך אויטאָנאָם־ידיש, ווײַל פאַרשלאָסן. איז דער גלות געווען פאַרן שטעטלשן קאָלעקטיוו און דער יחיד האָט געלעבט אין שטעטל איין פאַרזיכיק־ידיש לעבן, און עס האָט דורות־דיך זיך פאַרפעסטיקט אַ מאָניסטיש־ידישער טיפּ מענטש. אין צרות און דאָך פאַרזיכיק, איין גײַסט און איין אינהאַלט, איין קולטור, איין שפּראַך. איז אין די שטעטלעך אויסגעוואָקסן אַן אייגנאַרטיקע, אַן איינציקאַרטיקע ידישע קולטור. אָבער דאָס ידישע פאָלק איז געבליבן שולדיק. „מפּני חטאינו“. ניט קעגן אַ גאָט אַ ווײַטן און אַ פרעמדן ערגעץ אין די הימלען, נאָר קעגן דעם ידישן גײַסט־גאָט איז מען געבליבן שולדיק, קעגן דעם „אבינו אלהינו“ איז מען געבליבן זינדיק און שולדיק. ווי האָט געזאָגט לייוויק אין ירושלים, אין זײַן לעצטער רעדע — „די גאַנצע פאַראַכטונג צו דעם גלות, און די גאַנצע אַכטונג צו דעם ידן אין גלות“, צו דער אייגנאַרטיקער און אייגענער ידישער קולטור וואָס מיר מוזן איבערגעבן אונדזערע יורשים. אָן דעם וועט קיין ידיש פאָלק ניט זײַן מער. עס איז אַ ווייטיק צו זאָגן, אָבער פאַרשווײַגן טאָר מען ניט: די נעג־גאַציע צו ידיש לשון איז נאָר אַ טייל פון ברייטערער נעגאַציע, ווײַל עס איז די שפּראַך פון דעם אומבאַליבטן פאָלק. וואָלט ידיש געווען די שפּראַך פון ענגלישן פאָלק, למשל, וואָלטן ידן געהאַט פאַר דער שפּראַך גרויס דרך ארץ און שטאָלצירט מיט איר. לאָמיר האָפן אַז ארץ ישראל וועט בײַטן די פּסיכיק.

# שלילת הגלות

פון אַלע לענדער און פון אַלע מדינות ווו ייִדן האָבן געהאָפט צו בויען אַ פרייַ ייִדיש לעבן איז געבליבן בלויז ארץ ישראל, בלויז מדינת ישראל. אַלע אַנדערע לענדער האָבן אָפּגענאַרט, אַלע האָפענונגען זייַנען אויסגערונען, אַלע אַנדערע יישובים זייַנען נייַע, אַלע זייַנען זיי אורבאַניש, אין אַלע זיי גייט פאַר־לאָרן ייִדיש לשון און צוזאַמען מיט אים גייט אויך פאַרלאָרן ייִדישקייט בכלל. געווען אויך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה בלויז איין שעפערישער ייִדישער יישוב — בלויז אין מיזרח־אייראָפּע. אַלע אַנדערע יישובים אין אייראָפּע און אַנדערשוווּ האָבן וועגעטירט, געהאַלטן אין אונטערגייך, בלויז איין יישוב אין מיזרח־אייראָפּע האָט פאַרמערט פיזיש דאָס ייִדישע פאָלק, בלויז ער האָט גע־מאַכט דאָס ייִדישע פאָלק וואַקסן אין צאָלן; אַלע נייַעסן אין קולטור, אין געזעל־שאַפטלעכקייט, אַלע אויפטוען — אַלץ האָט שוין דעמאָלט געשטאַמט נאָר פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. אויך די מדינה איז אויסגעחלומט געוואָרן, אויפ־געבויט און אויסגעקעמפט, אויסגעקרענקט און אויסגעבלוטיקט געוואָרן דורך דעם ייִדנטום פון מיזרח־אייראָפּע. גאַנץ מעגלעך אַז ביז הייַנט ווערט מדינת ישראל געשטיצט פון די ייִדן וואָס שטאַמען פון מיזרח־אייראָפּע.

און דער סימן וואָסער יישוב עס לעבט און וואָסערער עס האַלט אין אונ־טערגאַנג איז — אייגנטלעך צוויי סימנים: ייִדיש לשון און פאַרזיכיקער ייִדי־שער שטייגער. ווו ייִדיש לשון איז ניטאָ מער, דאָרטן איז אויך ייִדיש פאָלק מער ניטאָ. ווו קלײנע, באַזונדערע ייִדישע משפחות פאַרלירן זייער ייִדישן שטיי־גער — דאָרטן איז בכלל ייִדישקייט פאַרלאָרן. נאָר אַ פראַגע פון צייט: קלענע־רע יישובים גייען גיכער אונטער, גרעסערע האַלטן זיך לענגער, אָבער אויך זיי גייען אונטער. שעפעריש איז געווען בלויז דער ייִדישער גרויסער יישוב פון מיזרח־אייראָפּע. איצט, מיטן חורבן פון מיזרח־אייראָפּע, איז געבליבן בלויז מדינת ישראל מיט שעפערישער וואַקסנדיקער ייִדישקייט.

אָבער ווי אַ קללה פון גאָט, גייט אויך דאָרטן די גרויסע שעפערישקייט, די קרבנות־רייַכע אויפבוי־אַרבעט מיט אַ פאַלשן לאָזונג פון „שלילת הגלות", וואָס ווערט פאַרשטאַנען און אויסגעטייַטשט אין גאַנצן פאַלש. דער טייַטש פון וואָרט איז פשוט „אָפּלייקענונג פון גלות". גלות באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: ערשטנס, איז עס אָפּהענגיקייט פון אַנדערע. זיי, די פרעמדע דיקטירן דאָס לעבן. צווייטנס, האָט דאָס ייִדישע פאָלק אין גלות געשאַפן אַ שפּראַך און אַ קולטור, וואָס האָבן גובר געווען דעם גלות. דאָס ייִדישע פאָלק האַלט זיך און לעבט

טאַקע מיט דעם כּוח פֿון אַט דער קולטור. אַ גרויסער טייל פֿון דער ספּעציפֿיש־ יידישער קולטור איז פֿאַרהייליקט ווי רעליגיע. בכלל אָבער איז עס געווען יידשקייט, אַנדערשקייט, פֿאַרזיכיקייט, אַן אַנדער פֿאָלק. יידן — אַ פֿאַרזיכיק פֿאָלק. בויט זיך יידישקייט אין ארץ ישׂראל מיט אַ שאַרפֿער נעגאַציע צום גלות. ווי געזאָגט אָבער אויבן, באַשטייט גלות פֿון צוויי עלעמענטן — אָפּהענגיקייט און פֿאַרזיכיקע קולטור. וואַרפֿט אָבער ארץ ישׂראל אָפּ ביידע עלעמענטן: ווי די אָפּהענגיקייט אַזוי אויך די פֿאַרזיכיקע קולטור: ארץ ישׂראל מוז באַשאַפֿן גאָר אַן אַנדער קולטור, די וואָס פֿון גלות טויג ניט, זי איז שלעכט, זי איז מיאוס, מיר ווילן זי ניט צוזאַמען מיט איר שפּראַך. ארץ ישׂראל דאַרף האָבן אַן אַנדער שפּראַך און אַן אַנדער קולטור. אונטער דעם לאָזונג פֿון שלילת הגלות איז געגאַנגען און עס גייט ביז איצט אַ שאַרפֿער קאַמף אויסצוראָטן יעדן שפּור פֿון קולטור וואָס שטאַמט פֿון גלות. אַזוי ווי קיין אַנדער קולטור, ניט פֿון גלות האָבן מיר ניט, איז דער קאַמף געגאַנגען קעגן אַלץ, קעגן דער גאַנצער קולטור און איבערהויפּט, פֿאַרשטייט זיך, קעגן דער שפּראַך יידיש, וואָס איז געבאָרן און אויסגעוואַקסן אין גלות. איז עס אָנגענומען געווען אַז פּאָרט אַ ייד קיין ארץ ישׂראל, פֿאָרט ער „טאַבולאַ ראַזאַ" — אַן אָפּגעווישטער טאָוול, ער זאָגט זיך אָפּ פֿון זײַן גאַנצער קולטור וואָס דורות האָבן געלעבט מיט איר. ער הייבט אָן אין ארץ ישׂראל אַ נײַ לעבן, אַ נײַע געשיכטע. אין דער נעגאַטיווער פּראָגראַם — וואָס ניט — איז דער יישוב אין ארץ ישׂראל געגאַנגען אין דעם אַלט־באַקאַנטן וועג פֿון אַלע אַנדערע יישובים: מען זאָגט זיך אָפּ פֿון אַלץ, פֿון לשון און פֿון דער קולטור בכלל. אַזוי טוען יידן אין אַלע לענדער, אין אַלע אימיגראַציע־ לענדער. אָבער אין אַלע אימיגראַציע־לענדער איז פֿאַראַן, געפֿינען יידן אַ פֿעס־ טע, אײַנגעפֿונדעוועטע קולטור פֿון דעם הויפּטפֿאָלק, איז גרינג דער איבער־ גאַנג. עס איז אַסימילאַציע. וואָס טוט מען אָבער אין ארץ ישׂראל? די אָרטיקע אַראַבישע קולטור איז ניט קיין הערשנדיקע. מיט אַזוינע אַסימילירן זיך יידן אין ערגעץ ניט. די הערשנדיקע טערקן זײַנען ווײַט, אין לאַנד גופֿא זײַנען כּמעט קיין טערקן ניטאָ. האָבן יידן אָנגעטאָן יע טערקישע פֿעסקעס כּדי צו באַווײַזן די גרייטקייט זיך צו אַסימילירן, אָבער קיין עכטע אַסימילאַציע האָט ניט גע־ קאָנט זײַן; ניטאָ מיט וועמען. זײַנען יע יחידי סגולה געפֿאָרן פֿון ארץ ישׂראל שטודירן אין טערקישן אוניווערסיטעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זײַנען דאָס געווען יחידים, קיין מאַסן־אַסימילאַציע האָט ניט געקאָנט זײַן. בלײַבט דאָך פּאָרט די זעלביקע קשיא: וואָסער קולטור זאָל ארץ ישׂראל יע אָננעמען? האָט מען אויך צו דער פֿראַגע געבראַכט אַן ענטפֿער. טאַקע אויך פֿון רוסלאַנד. נאָך די פּאָגראָ־ מען אין די אַכציקער יאָרן, ווען די טעאָרעטיקער פֿון אַסימילאַציע האָבן זיך שטאַרק אַנטוישט, איז אויפֿגעקומען די „אויטאָעמאַנציפּאַציע". דער פֿרײַערדי־

קער רעדאַקטאָר פֿון אַ רוסיפֿיקאַטאָרישן זשורנאַל, האָט די נײַע טעאָריע גע־שריבן אין דײַטש, ניט ווי ער האָט פֿריִער זײַן זשורנאַל געפֿירט — אין רוסיש. אויטאָעמאַנציפּאַציע האָט דאָך אויך געמיינט אויטאָאַסימילאַציע. אַז ייִדן דאַרפֿן בײַטן זייער שפּראַך — דאָס איז דאָך קלאָר. איז ניט רוסיש, איוואַן וויל ניט, האָבן ייִדן דאָך אַן אייגענע פֿאַרצײַטיקע שפּראַך העברעיִש. איז דער אידעאַל געוואָרן אַסימילאַציע אין דער פֿאַרצײַטיקער אייגענער ייִדישער שפּראַך און אין דער פֿאַרצײַטיקער קולטור. וואָס איז „זיכער" געווען שענער און בעסער פֿון דער הײַנטיקער ייִדישער. די הײַנטיקע ייִדישקייט טויג ניט — דאָס איז ליתּ מאָן דפּליג, דאָס תּנכישע איז לכּל הדעות גוט און פֿײַן. דאַרפֿן ייִדן איינס און צוויי ווערן פֿון קרעמער און בעל־מלאָכות — פּויערים און ריידן עבֿרית, תּנכיש. ארץ ישׂראל איז אַ לאַנד פֿון דעם תּנך־פֿאָלק, פֿאַר דעם תּנכישן פֿאָלק. ווי בײַט מען זיך אָבער? — דאָס איז קיין פֿראַגע ניט געווען: מען נעמט און מען ווערט. עס וווּנדערט מיך ביז גאָר ווי ווײַט מען האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער נאַטור פֿון ייִדן. אַז ייִדן זײַנען הונדערטער יאָרן געווען סוחרים און בכלל פֿאַרמיטלער, טאָ ווי קענען זיי זיך אומבײַטן מיט איין מאָל און ווערן פּויערים? ניט שוין זשע האָט די פּראָפֿעסיע און דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן ניט געלייגט קיין סימנים אויף דעם כאַראַקטער פֿון ייִדן? זײַנען דען ייִדן געבליבן אַ ווײַכער טייג, וואָס מען קען פֿון אים קנעטן וואָס מען וויל? אָדער עס איז געווען אַזאַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג צו ענדערן דאָס פֿאָלק אַז מען האָט געגלייבט — אַלץ איז מעגלעך צו טאָן מיט ייִדן און אַלץ איז מעגלעך צו מאַכן פֿון ייִדן. דער פֿאַרלאַנג איז דער פֿאָטער פֿון גלויבן, וואָס מען האָט געגלייבט אין אים. האָבן משׂכּילים געגלייבט אַז ייִדן קענען ווערן רוסן, דײַטשן, פֿראַנצויזן — אַלץ „מער ניט פֿון ייִדישן גלויבן". האָבן ציוניסטן געגלייבט אַז ייִדן קענען ווערן פֿאַרצײַטיקע צלפֿחדס און אבֿינועמס. „וועלן איז קענען". האָט אַ „רבֿ" אין מאָסקווע געקאָנט דרשענען אין דער גרויסער שול (שלמה זלמן מינאָר): „ברידער און שוועסטער! זײַט רוסן פֿון משהס גלויבן", האָט ער געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן אַז עס וועט זיך נאָר פֿון וועלן. „וויל איך — קען איך". טאָקע פֿאַרוואָס ניט? מען דאַרף נאָר ריידן רוסיש ווי אַ רוס, און טרינקען בראָנפֿן ווי אַ רוס, און מען קען אײַנ־ריידן זיך און אַנדערע אַז מען איז, דאַנקען גאָט, אַ רוס, אַ פֿאָלנער איוואַן. מען האָט זיך גאָר ניט געכאַפּט, אַז ווען אַ ייִד טרינקט בראָנפֿן ווי אַ רוס, פֿאַרברענט ער זײַן מאָגן. און קיין עכטער איוואַן וועט ער פֿאָרט ניט זײַן! האָבן ייִדן אין דער ברייטער וועלט געגנומען אומעטום ריידן די „גוטע" שפּראַך פֿון לאַנד און מען האָט זיך באַמיט אײַנצורײדן, אַז שוין, מען איז עס! ווי אַקטיאָרן האָבן ייִדן נאָכגעמאַכט אַלע פֿעלקער און זיך אײַנגערעדט, אַז מען איז שוין ניט מער קיין ייִדן. און אין ארץ ישׂראל האָבן ייִדן זיך אײַנגערעדט, אַז מען איז שוין

ניט קיין יאנקל, קיין דוד און קיין שמערל, נאָר סאַמאַראַדנע צלפחדס און אַבינועמס. אַט דאָס אײַנריידן וואָס מען האָט זיך אײַנגערעדט האָט יע געווירקט אויפֿן כאַראַקטער פֿון ייִדן, אויף זייער אויפֿריכטיקייט: ייִדן האָבן אויפֿגעהערט צו זײַן וואָס מען איז, מען איז געוואָרן אין לעבן כּלומרשט אַרטיסטן וואָס שפּילן אַ ראָל פֿון אַנדערע. קיין גוטס און קיין אויפֿריכטיקייט האָט עס די ייִדן ניט צו־געגעבן. עס קען ניט זײַן אַז די דאָזיקע אומעכטקייט האָט ניט געווירקט אויף דעם גאַנצן לעבן פֿון ייִדן. אַט די אומעכטקייט האָט אין אַלע לענדער געהאַט אַ קולטור פֿון אַ מערהייט, אַ פֿעסטע און אַן אײַנגעוואָרצלטע, איז דער „מוס־טער" געווען פֿאַר ייִדן אַ קלאָרער, אַ באַשטימטער, איינער. אין ארץ ישׂראל אָדער אין ישׂראל איז אָבער אַזאַ פֿעסטע מערהייט־קולטור ניט געווען, האָבן די אימיגראַנטן פֿאַר זיך ניט דעם קלאָרן, באַשטימטן מוסטער וועמען נאָכצו־מאַכן, אין וועמעס דרכים צו גיין... די פֿעסטע, איינהייטלעכע לאַנד־קולטור דאַרף נאָך איצט אויסגעשמידט ווערן, זי האַלט זיך אין שמידן. און ווער דאַרף עס זי אויסשמידן? — טאַקע די זעלביקע „עולים" (אימיגראַנטן), וואָס פֿאַר זיי איז עס אויך אַ פֿאַרלאַנג אָבער ניט קיין אײַנגעלעבטער שטייגער. און אַט אין דעם בבֿל פֿון שטייגערס, אין דעם באַגער פֿון אַן איינהייטלעכן שטייגער דאַרף עס די שול ערשט אויסשמידן דעם באַגערטן נײַעם שטייגער. איך ווייס אָבער ניט צי האָט ווען עס איז, וווּ עס איז אַ שול אַליין יע אויפֿגעשטעלט אַ שטיי־גער. דערווײַל איז ניטאָ קיין אַלגעמיינער שטייגער. ניטאָ קיין איינהייטלעכער טיפּ פֿון אַ ישׂראל־ייִד. דאָס מאַכט זייער פֿיל שווערקייטן פֿאַר דער פּאָליציי; דאָס דאַרף אויך שטערן דעם שרײַבער פֿון אמתן ישׂראל־ראָמאַן. דערצו קומט נאָך צו דער אומדרך־ארץ וואָס איין ייִד האָט צו אַ צווייטן ייִדן. עס איז דאָך באַקאַנט ווי איין ייִד זאָגט צום צווייטן אין אַ פֿול געפּאַקטן וואַגאָן: „וואָס, איר זײַט אַ ייִד? טאָ רוקט זיך אַ ביסל". פֿרומע ייִדן ווייסן אַז „דינא דמלכותא דינא" איז געזאָגט נאָר ווען די מלכות איז אַ גוייִשע, אָבער ווען די מלכות איז גאָר אַ ייִדישע, איז עס גאָר ניט קיין עבֿירה זי אָפּצונאַרן... וועגן ניט־פֿרומע איז שוין אָפּגערעדט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַז אין ארץ ישׂראל איז עס געווען און עס איז אַ סך שוואַכער דאָס צונויפֿשמעלצן זיך פֿון די פֿאַרשיידענע אימי־גראַציעס אין איין טיפּ. דאָ איז פֿאַראַן מער געמאַכטקייט, ווייניקער עכטקייט. ארץ ישׂראל איז אַ לאַנד פֿול מיט אידעאַליזם, יעדער שפּאַן ערד איז ממש דורכגעזאַפּט מיט קרבנות און מיט קרבנות־גרייטקייט. לויט אונדזער באַגריף פֿון קדושה, אַז קדושה איז ניט עפּעס אַזאַ מין געטלעכע סובסטאַנץ וואָס גאָט גיסט אַרויף אויף זײַנע אויסגעקליבענע, נײַערט קדושה איז געטרײַקייט און איבערגעגעבנקייט צום פֿאָלק, איז ארץ ישׂראל טאַקע הייליק וואָס הייליקער קען גאָר ניט זײַן. אָבער דאָס געפֿיל פֿון ארץ ישׂראל־הייליקייט ווערט אָפּגע־

שוואַכט בײַ די וואָס לעבן אין לאַנד גופֿא. מענטשן קענען דאָך ניט כּסדר האַלטן אין איין איבערלעבן דאָס זעלביקע געפֿיל, מען געוווינט זיך צו. האָט די מדינה אַרײַנגענומען גאָר אַ גרויסע אימיגראַציע, אַ גוואַלדיק גרויסע, אָבער אָט די אימיגראַציע פֿון פֿאַרשיידענע וועלטן איז ווײַט ניט פֿאַרדײַט.

פֿאַרקערט, ברענגט עס צו אַ פֿאַרגרעסערטער ירידה (עמיגראַציע) פֿון לאַנד. מען רעדט ווייניקער וועגן איר, אָבער עס איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז אין יעדער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט זײַנען פֿאַראַן טויזנטער און מער נאָך יורדים פֿון ישׂראל און צווישן זיי — אַ סך יורדים־סאַבּרעס (געבאָרענע אין ישׂראל). די ירידה פֿון ארץ ישׂראל איז ווײַט ניט אַלע מאָל צוליב די גרויסע גליקן וואָס דערוואַרטן די ייִדן־אימיגראַנטן, מען פֿאַרט פֿון ארץ ישׂראל, ווײַל מען פֿאַרלירט ביסלעכווײַז די געטרײַקייט־געפֿילן צום לאַנד. „איך האָב זיך שוין גענוג אָנ־געאָטעמט מיט דעם גײַסט פֿון ארץ ישׂראל. איצט זאָלן אַנדערע פֿאָרן". דאַרף מען מודה זײַן, אַז די אַלע אויסגערעכנטע סיבּות ברענגען אַ באַשטימטן בּבֿל קיין ארץ ישׂראל. כּל זמן די עליה איז געווען אַ ריין אידעאַליסטישע איז די פֿראַגע ניט געווען לגמרי. יעדער עולה איז לכתחילה געווען אַ „ישׂראלי", אָבער ווען די אימיגראַציע, די עליה איז געוואָרן אַ מאַסן־דערשײַנונג, איז די סיטואַ־ציע געוואָרן שווער און שווערער. די שול אין ישׂראל האָט יע אַנטוויקלט אַ שלילה, אַ נעגאַציע צו גלותדיקער ייִדישקייט, אָבער זי האָט ניט און ניט גע־קאָנט האָבן קיין דערפֿאָלג אין אַנטוויקלען אַן עכטן נײַעם ייִדן, אַ ישׂראל־טיפּ.

## וואָרענונגען

מען קען ניט זאָגן, אַז עס זײַנען ניט געווען קיין וואָרענונגען קעגן דער קולטור־פּאָליטיק אין לאַנד. און דאָס לגמרי ניט מצד די „ייִדישיסטן". אין 1911 האָט אחד העם, נאָך אַ באַזוך אין דער גימנאַזיע געשריבן, אַז זי האָדעוועט „פֿאַרצײַטיקע ייִדן" (יהודים קדמוניים). ער האָ אָבער ניט אָנגעוויזן, ווי וואָלט ער פֿאַרגעלייגט. וועגן דער „שלילת הגלות" האָט ער פֿאַרויסגעזאָגט, אַז זי קען אַנטוויקלען אַ סך נאָך נעגאַציעס, און „ווער קען פֿאַרויסזען זייער סוף". איך האָב ניט געזען קיין דיסקוסיע אויף דער טעמע. אין 1913 איז מיר אויסגעקו־מען צו זײַן אויף דעם ערשטן אַרויסלאָז פֿון דער גימנאַזיע. עס איז אַרויסגע־טראָטן אַ יונג בחורל און האָט אויסגעגאָסן אַ מבול מיט קריטיק אויף דעם גלות־ייִדן בכלל, און ער האָט געענדיקט „עד שקמנו אנו" (ביז מיר זײַנען גע־קומען). ער האָט זיך קעגנגעשטעלט קעגן דעם ייִדיש פֿאָלק בכלל. זײַ און מיר, זײַנע רייד האָבן ניט אַרויסגערופֿן קיין דיסקוסיע. עס איז נאָך געווען אין די האָניק־חדשים פֿון שלילת הגלות. אין זעלביקן יאָר האָט מיר געזאָגט איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון העברעיִשן שולוועזן בכלל (ש. ווילקאָמיץ פֿון ראש פּינה),

אַז דער טאָג ווען ער וועט פֿאַרגעסן יידיש, וועט זײַן דער גליקלעכסטער טאָג אין זײַן לעבן. און ער איז ניט געווען קיין סתם־פּלאַפּלער.

ערשט אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט עס דער העברעיִשער שרײַבער־פֿאַר־באַנד אונטער דעם אָנפֿיר פֿון ביאַליקן (אין 1933) אָרגאַניזירט אַ „מישפּט איבער דער יוגנט״ (זען „מאזנים״ יענעם יאָר, זומער). שרײַבערס זײַנען אַרויס־געטראָטן קעגן דער יוגנט פֿאַר איר אָפּגעפֿרעמדטקייט פֿון יידישקייט בכלל, ניט־אינטערעס צו ליטעראַטור, צום יידישן פֿאָלק בכלל וכדומה. פֿאַרקערט, האָבן די דערצי‏ִערס געהאַלטן אין איין פֿאַרטיידיקן די יוגנט און דעם גאַנג פֿון דער דערציִונג בכלל: אַזוי איז גוט, אַזוי דאַרף מען. שלילת הגלות איז געווען איינ־צײַטיק אַ שלילת היידישקייט בכלל. די יוגנט איז ווי אויפֿגעשטאַנען קעגן דעם יידישן פֿאָלק אין גאַנצן. קיין אַנדער יידיש פֿאָלק, ניט אין גלות איז דאָך ניטאָ. עס זײַנען געווען נאָך אַנדערע וואָרענונגען, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט גע־האָלפֿן. שלילת הגלות אין איר פֿאַלשן באַנעם ווי אַ נעגאַציע פֿון גלותדיקער יידישקייט בכלל האָט געהערשט אומעטום, אין דער גאַנצער קולטור־פּאָליטיק און אין שול. דאָס גלותדיקע פֿאָלק טויג ניט. אין ארץ ישׂראל דאַרף אויפֿקומען אַ נײַ פֿאָלק, אַ נײַער טיפּ ייד! אין אַלע אימיגראַציע־לענדער איז עס געווען מעגלעך: עס הערשט די לאַנד־קולטור, די קולטור פֿון הויפּטפֿאָלק. גאָר אַנ־דערש איז עס געווען אין ארץ ישׂראל. איז געגאַנגען אַ שטאַרקע עמיגראַציע פֿון דער יוגנט פֿון ארץ ישׂראל. אין זעלביקן יאָר 1913 האָב איך אין ראש פּינה געזען נאָר עלטערע יידן — די געקומענע קאָלאָניסטן און קינדער אין שול. קיין יוגנט נאָך דער שול האָב איך דאָרטן ניט געזען. ווען איך האָב אויף דער טעמע געפּרובירט ריידן מיט דעם געטרײַען פּיאָנער ווילקאָמיץ, האָט ער זיך פּשוט צעוויינט מיט טרערן. אַזוי אָנגעווייטאָגט איז בײַ אים געווען די דערשײַ־נונג. און טאַקע: אויב ניט דאָס יידישע פֿאָלק אין דער וועלט, אויב ניט יידן פֿון גלות, טאָ צוליב וואָס זאָל די יוגנט בלײַבן אין ארץ ישׂראל, אַז אַנדערשוווּ קען מען זיך בעסער אײַנאָרדענען?..

אַנדערש איז געוואָרן די לאַגע ווען די עמיגראַציע איז בכלל געוואָרן שווע־רער. מען מוז בלײַבן אין ארץ ישׂראל. דעמאָלט איז אויפֿגעקומען די „כּנענים באַוועגונג״. מען מוז טאַקע בלײַבן אין ארץ ישׂראל, אָבער פֿון דעם יידישן פֿאָלק קען מען זיך אָפּרײַסן אַפֿילו בלײַבנדיק אין ישׂראל גופֿא. מען איז בירגער פֿון לאַנד ישׂראל, אָבער אין דעם זעלביקן לאַנד האָבן דאָך געלעבט ניט בלויז יידן. נאָך פֿריִער פֿון יידן זײַנען דאָך געווען די פֿאַרשיידענע כּנענישע שבֿטים. איז די יוגנט אין ארץ ישׂראל, געבאָרן אין ארץ ישׂראל, דערצויגן געוואָרן אין מאָ־ניסטישע שולן, דורכויס יידישע, — אָט די יוגנט געפֿינט פֿאַר נייטיק זיך צו

פּראָקלאָמירן פֿאַר כּנענים. ניט קיין ייִדן זײַנען זיי, נאָר דירעקטע אָפּשטאַמיקע פֿון יענעם כּנענים־פֿאָלק, וואָס האָט אַמאָל, נאָך פֿאַר די ייִדן געלעבט אין זעל־ביקן לאַנד ארץ ישׂראל... דאָס לאַנד ישׂראל יע אָבער ניט דאָס פֿאָלק ישׂראל. זיי הייבן אָן אַ נײַע קולטור פֿון אַ נײַ פֿאָלק, זייער אָנהייב איז „אלף" (אַזוי האָט טאַקע געהייסן זייער זשורנאַל). איז געשען: אַ יוגנט, געבאָרן אין לאַנד, גע־האָדעוועט זיך אויפֿן תּנך, אויף דער שפּראַך פֿון תּנך, אין אַ שול וואָס איז דורכויס מאָניסטיש ייִדיש, ניטאָ קיין פֿאַרטיילונג אויף ייִדישע און „אַלגעמיינע" לימודים, וואָס זײַנען ניט ייִדיש, די יוגנט וואָס לעבט אין לאַנד אָנגעפּילט מיט אידעאַליזם און קרבנות אָן אַ ברעג, — אָט די יוגנט פּראָקלאַמירט זיך: „ביין! זיי זײַנען ניט קיין ייִדן, כּנענים זײַנען זיי! ייִדן ווילן זיי ניט זײַן, ייִדן זײַנען גלותדיק פֿאַרהאַסט בײַ זיי ווי בײַ אַלע אַנדערע ניט־ייִדן, זיי קלײַבן זיך אויס אַ היפּאָטעטיש פֿאָלק, וואָס איז איצט לגמרי ניטאָ, און זיי מעלדן זיך פֿאַר „כּנענים"! (זען מײַן אַרטיקל „אַ נײַע צרה — כּנענים עליך ישׂראל" אין „קיום"־זשורנאַל, פּאַריז, אַפּריל 1951 אַרויסגעגעבן פֿון געטרײַען ציוניסט י. עפּרויקין). פֿרײַנד פֿון ארץ ישׂראל זײַנען געווען אויף מיר ברוגז פֿאַרן אַרטיקל: „איך האַלט אין איין זוכן עבֿירות און איך מאַך פֿון אַ וואָרט אַ קוואָרט: מאַלע וואָס עטלעכע יוגנטלעכע דרייען אַ קאָפּ, מיט זייערע אויסטראַכטענישן! זיי האָבן ניט געוואָלט פֿאַרשטיין אַז דער כּנעניזם איז במקום ירידה, מען קען בלײַבן זיצן אין ארץ ישׂראל און דאָך גאָרנ־ט האָבן קיין געמיינזאַמס מיטן ייִדישן גלות־פֿאָלק, וואָס האָט זיך מיט איין מאָל אַרײַנגעריסן אין זייער „כּנען־לאַנד". בכלל וואָלט בעסער געווען אָן עליה, געגנוג גלות־ייִדן אין „זייער" לאַנד...

דערשײַנונגען — ווי מען זעט זיי. מען זעט זיי ווי מען וויל זיי זען. און די אָנפֿירער פֿון דער קולטור־פּאָליטיק אין לאַנד האָבן זיך ניט דערשראָקן פֿאַרן כּנעניזם, זיי זײַנען לגמרי ניט געווען אומצופֿרידן: איז דאָך כּנעניזם נענטער צום תּנך אידער דאָס גלותדיקע פֿאָלק.

מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז די אַסימילאַציע פֿון ייִדן אין אַלע לענ־דער איז נאָר אָן אויבנאויפֿיקע. אמתע טיפֿע אַסימילאַציע פֿאָדערט יאָרן און דורות אַפֿילו. אין תּוך אַרײַן איז די אַסימילאַציע מער אַ דעקולטוריזאַציע. אין ארץ ישׂראל איז די לאַגע געווען ערגער ווי אַנדערשוווּ. די עליה האָט אַרײַנגע־בראַכט אין לאַנד אַ סך שטייגערס, אַ סך פֿאַרשיידענע קולטורן און שפּראַכן. זיי אַלע פֿאַרדײַען איז ווײַט שווערער ווי אין יעדער אַנדער לאַנד מיט נאָרמאַ־לער אימיגראַציע. קיין אָרטיקער אײַנגעוואָרצלטער שטייגער, קיין פֿעסטע אייג־הייטלעכע קולטור איז ניט געווען, ניטאָ, ניטאָ קיין פֿאַרדײַער, וואָס זאָל קענען ניוועלירן, אויסגלײַכן אַלע געבראַכטע קולטורן און שטייגערס. אַלץ דאַרף אויפֿ־

טאָן די שול, איבער אירע כּוחות און מעגלעכקייטן. קען זײַן אַז מיט אָט דעם בבל פֿון קולטורן איז פֿאַרבונדן די געוויסע דעמאָראַליזאַציע, וואָס עס דער־ציילן וועגן איר די צײַטונגען פֿון ישׂראל. דער אומבאַליבטער גלות איז טאַקע ניטאָ, חרוב געוואָרן, אָבער די גאַנצע „גלותדיקייט" האָט זיך יע גערעאַטעוועט, קיין ישׂראל טאַקע. איז די דערציִונג ווי אין אַ קלעם: „שלילת הגלות" מיינט איצט ניט די ייִדן אין די גלותן, נאָר עס מיינט די גלותדיקייט וואָס איז גע־בראַכט געוואָרן אין לאַנד אַרײַן! ארץ ישׂראל איז געוואָרן גלותדיק, אַ שטיק גלות. איז די יוגנט אין גאַנצן צעפּלאָנטערט: ארץ ישׂראל, זייער ארץ ישׂראל איז פֿולשטענדיק גלותדיק געוואָרן: וואָס טויג די עליה בכלל? ווער דאַרף זי? זי ברענגט נאָר אַרײַן דעם גאַנצן פֿאַרהאַסטן גלות! ער פֿאַרפּליִצט דאָס לאַנד ישׂראל. וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט די ישׂראל־יוגנט מיט די ייִדן פֿון ברוקלין און פֿון ווילנע?

האָט זיך באַוויזן אַן עליה פֿון רוסלאַנד. די פּירערס פֿון לאַנד האָבן גע־בענקט נאָך אָט דער עליה, האָט מען זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט איר. די ייִדן זײַנען דאָך די וואָס האָבן בכלל אויסגעחלומט דעם חלום פֿון בנין הארץ, דאָס האָבן זיי דאָך אָדער זייערע עלטערן אויסגעחלומט דעם „שיבת ציון", דער גאַנצער פּיאָנערן־גײַסט שטאַמט דאָך פֿון זיי. און אָט קומען זיי! ווי גוט עס איז! און הלוואי וואָס מער! איז אָבער די יוגנט אין גאַנצן ניט צופֿרידן: אויב פֿריי־ווילעגיעס, — זײַנען זיי בילכער: זיי זײַנען דער רוקנביין אין לאַנד, זיי טראָגן אויס די כּסדרדיקע מלחמה און אַלע שווערקייטן פֿון לאַנד, — קומען אַנדערע גאָר און זיי נעמען גאָר צו אַלע פּריווילעגיעס! וויל גאָלדע מאיר פֿאַרן דער־קלערן. צי געלינגט איר? איך גלייב ניט: די גאַנצע דערציִונג וואָס האָט אויפֿ־געהאָדעוועט די זעלביקע יוגנט איז געווען גאָר אַנדערש, גאָר אַ פֿאַרקערטע.

מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק האָבן שוין די דערציִערס אַליין אויך באַ־מערקט, אַז דער יוגנט פֿעלט עפּעס געטרײַקייט צום ייִדישן פֿאָלק. מען האָט גענומען זוכן מיטלען ווי צו דערנענטערן די יוגנט צו דעם הײַנטיקן ייִדישן פֿאָלק. נאָך לאַנגע וויכּוחים איז געבליבן אַז מען דאַרף אײַנפֿירן אַ נײַעם לימוד „תודעה יהודית" — ייִדיש באַוווסטזײַן. געווען מיינונגען קעגן דעם: באַוווסט־זײַן קען ניט זײַן אויסגעלערנט; אַ ייִד ווערט מען ניט אַפֿילו מיט דעם רמב"מס „אני מאמין", וואָס מען זאָגט און מען גלייבט אין דעם. מען קען ניט ווערן קיין געטרײַער ייִד אויסלערנענדיק אַפֿילו דאָס בעסטע בוך פֿון ייִדישן באַוווסטזײַן. עס איז ניט קיין ענין פֿון וויסן, עס איז עמאָציע און שטיגער. מען קען עס ניט אײַנפֿלאַנצן דורך לערנביכער, דורך דעפֿיניציעס און דערקלערונגען. עס האָט ניט געהאָלפֿן. מען האָט דעם לימוד יע אײַנגעפֿירט, און... מען דערמאָנט

אים מער ניט, מען שעמט זיך — אַ פֿולער דורכפֿאַל. האָט עס שוין גאָלדע ניט איין מאָל געזאָגט, אַז די אינעווייניקסטע סכּנות שרעקן זי מער ווי די דרויסנ־דיקע. און מען דאַרף געדענקען, אַז די ישׂראל־יוגנט איז די איינציקע אין דער גאַנצער וועלט, וואָס ווערט דערצויגן אין אַ מאָניסטישער דורכויס־ייִדישער שול, די שול האָט ניט קיין קאָנקורענץ פֿון אַ לאַנדשול מיט איר פּראָגראַם און השפּעה! די גאַנצע סבֿיבֿה איז בלויז אַ ייִדישע. פֿאַרוואָס זשע דאַרף מען גאָר האָבן נאָך אַ לימוד פֿון ייִדישן באַוווּסטזײַן?! צי איז ניט די שול אַליין שול־דיק? צי רײַסט זי ניט אָפּ די תּלמידים פֿון דעם הײַנטיקן ייִדישן פֿאָלק? דאָ דערמאָנען מיר זיך אחד העמס קורצע שורה: „מען דערציט פֿאַרצײַטיקע ייִדן". דאָ דאַרף מען צוגעבן: מען וויל דערציִען פֿאַרצײַטיקע ייִדן און מען אַנטוויקלט אַן אַנטי־פֿאָלקיש געפֿיל צום הײַנטיקן ייִדישן פֿאָלק. מיר דאַכט זיך אַז דאָס איז דאָס איינציקע פֿאָלק אין דער גאַנצער וועלט, אַז די נאַציאָנאַלע שול זאָל זיך באַמיִען אָפּצורײַסן די תּלמידים פֿון הײַנטיקן פֿאָלק. איך וועל זיך ניט פֿאַרנע־מען דאָ מיט דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס זײַנען ייִדן אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע פֿעל־קער; פֿון וואַנען נעמט זיך די נעגאַציע, פּשוט גערעדט — שׂינאה צום אייגע־נעם פֿאָלק? דאָס מוז זײַן אַ באַזונדערע סטודיע. דאָ איז גענוג דער פֿאַקט אַליין: ייִדישן שולן אין דער אייגענער ייִדישער מדינה באַמיִען זיך צו באַהעפֿטן די תּלמידים צו די פֿאַרצײַטיקע ייִדן און במילא אָפּצורײַסן זיי פֿון דעם פֿאָלק איצט, ווי עס איז איצט. די לאָגיק פֿון דעם פֿאַקט איז דאָ אַזאַ:

דאָס הײַנטיקע פֿאָלק טויג ניט — ווײַל דעם זײַנען דאָך אַלע מסכּים — די משׂכּילים, די רוסיפֿיקאַטאָרן — אַלע, אויך די העברעיִסטן. מער ניט וואָס פֿריִער פֿון אַלע אַנדערע בענקען ייִדן נאָך דעם „לשון המדינה", שטרעבן די העברעער צו דער אייגענער פֿאַרצײַטיקער שפּראַך, צו העברעיִש. ארץ ישׂראל איז געקומען ווי אַן אַנטוויקלונג אין מדינה־פֿאָלק; העברעיִש איז אויפֿגעקומען ווי אַן אַנטוויקלונג אין דעם „לשון המדינה". אָבער אַז דאָס הײַנטיקע ייִדישע פֿאָלק און זײַן לשון טויגן ניט — ווײַל דעם איז ניט געווען קיין ספֿק, קיין פּלוגתּא. במנה וגמור: ארץ ישׂראל האָט געהאַט אַ קליינע עליה, אָבער זי איז אין גאַנצן געווען מעור אחד — אַלע זײַנען געווען אידעאַליסטן, אַלע — נע־גירער פֿון ייִדיש, נעגירער פֿון גלותדיקער ייִדישקייט בכלל. בײַ דעם אויספֿעלן פֿון דרך ארץ צו ייִדיש, איז מען געווען זייער ברוטאַל אין קאַמף קעגן ייִדיש. שטיינער וואַרפֿן, אַפֿילו אַ באָמבע אויף אַ דרוקערײַ וואָס דרוקט ייִדיש, פֿאַר־ברענען אַ קיאָסק וואָס פֿאַרקויפֿט ייִדישע צײַטונגען — זײַנען כּשרע מצוות געווען. קיין חרם האָט מען ניט גענוצט, ווײַל מען איז געווען וועלטלעך, ניט געהאַלטן פֿון רעליגיע. צו די מצווה־אַרבעטן פֿלעגט מען שיקן יוגנטלעכע, תּלמידים פֿון גימנאַזיע. קיין אַכטונג צום ייִדישן פֿאָלק בכלל, וואָס דאָס איז

די הויפּט־אויפגאַב פון אַלע שולן בײַ אַלע פעלקער, האָט די מצווה שטיינער וואָרפן ניט צוגעגעבן. נאַציאָנאַלע דערציִונג מיט שׂינאה צום פאָלק — דאָס איז אַן אוניקום אין דער גאָרער וועלט. עס דערמאָנט אחד העמס זאָג, אַז די שלילה (שלילת הגלות) וועט פירן צו אַנדערע שלילות און ווער קען פאָרויסזען זייער סוף.

## העברעיִש אין ארץ ישׂראל

מען באַרימט זיך — ארץ ישׂראל האָט „מחיה המתים" געווען — אַ טויטע שפּראַך לעבעדיק געמאַכט. איז דאָס לגמרי פאַלש. קיין טויטע שפּראַכן האָט נאָך קיין פאָלק ניט מחיה המתים געווען. העברעיִש איז קיין מת ניט געווען. לשון קודש האָט בפירוש געלעבט בײַ ייִדן. אויף אַ טויטער שפּראַך גייען ניט אַרויס קיין צײַטונגען ווי אויף העברעיִש, עס דרוקן זיך ניט קיין ביכער ווי אויף העברעיִש, אויף העברעיִש זײַנען געווען פּאָעטן, אַ ליטעראַטור בכלל. אַזאַ שפּראַך איז עס בפירוש פאַלש צו זאָגן אַז זי איז געווען געשטאָרבן. סוחרים האָבן זייערע חשבונות געפירט אויף העברעיִש. פאַרקערט איז די צאָל העברעיִש־לייענערס געווען מסתמא ניט קלענער אפשר גרעסער ווי איצט, בכל אופן אַ גרעסערער פּראָצענט ייִדן האָט געניצט און געלייענט העברעיִש ווי איצט, הגם מען לערנט אַ סך. קיין שום פאָלק נעמט ניט אָן אַ שפּראַך דורך שולן און לערערס בכלל. ווײַל העברעיִש איז געווען לעבעדיק בײַם ייִדישן פאָלק, האָט מען זי געקאָנט באַנוצן אין ארץ ישׂראל. וואָלט העברעיִש געווען באמת גע־שטאָרבן, וואָלט ניט געווען קיין עליה, וואָלט געווען יע אַן עליה, וואָלט זי ניט געקענט אָנהייבן מיט אַמאָל ריידן העברעיִש. העברעיִש האָט בפירוש געלעבט בײַ פרומע ייִדן, ווי אַ לעבעדיקער חלק אין זייער דאַוונען און לערנען אין דער וואָכן און איבערהויפּט, שבת־יום טוב. וואָס עס איז יע באַנײַט געוואָרן — דאָס איז די הבֿרה הספרדית.

וואָס זײַנען געווען די מאָטיוון אָנצונעמען די נײַע הבֿרה? — מען האָט עס מאָטיווירט מיט דעם וואָס פאַרצײַטן האָט מען זיכער גערעדט אַזוי. ווייס איך ניט, קען זײַן אַז עס איז אַזוי: פאַרצײַטיקע ייִדן אין תּנך־צײַט האָבן טאַקע אַזוי גערעדט. אָבער אַלע שפּראַכן אין דער וועלט ווערן איצט גערעדט אַנדערש, ניט ווי מען האָט זיי גערעדט פאַרצײַטן. דאָך פאַלט קיינעם ניט אײַן, מען זאָל איצט נעמען ריידן ווי מען האָט גערעדט פאַרצײַטן. שפּראַכן ענדערן זיך. די אַזוי גערופענע ספרדישע הבֿרה איז גענוצט געוואָרן איבערהויפּט בײַ ייִדן אין די אַראַבישע לענדער. קען זײַן, אַז עס איז געווען אַ שטאַרקע השפּעה פון די אַראַבישע פעלקער מיט זייער אויסשפּראַך. קען זײַן. אָבער פון דעם איז ניט געדרונגען אַז מען דאַרף בײַ אַלע אייראָפּעיִשע ייִדן, בײַ דער מערהייט פון

ייִדישן פֿאָלק בכלל בײַטן די אויסשפּראַך. ווידער איז דאָ געווען נאָך אַ מאָטיוו, אַן אַנדער מאָטיוו. דאָס איראַפּעיִשע העברעיִש, די אַשכּנזישע איז צו פֿיל, צו לעבעדיק געווען בײַ ייִדן. עס האָט זיך געוואָלט נוצן אַזאַ אויסשפּראַך וואָס איז ניט אַזוי גענוצט בײַ ייִדן, דורך ייִדן. איז „כּאָסן״ (חתן) צו פֿיל ייִדיש, דערפֿאַר איז כאַטאַן (חתן) בעסער, ווײַל די מערהייט פֿון ייִדישן פֿאָלק האָט קיין מאָל אַזאַ וואָרט ניט געהאַט און ניט געהערט. און אַזוי כּסדר. עס איז מיר אויסגעקומען אַמאָל צו לייענען אַ מאמר פֿון דוד יעלין, וואָס האָט זיך באַרימט: זײַן מוטער איז פֿון איראַק, איר מוטערשפּראַך איז געווען אַראַביש, דערפֿאַר איז איר אויסשפּראַך אין העברעיִש געווען אַ „ריכטיקע״. ווײַל העברעיִש דאַרף מען זיך לערנען ריידן פֿון די אַראַבער. דאָ חזרט זיך איבער דאָס געווינטלעכע בײַ ייִדן נאָכמאַכן די שכנהשע פֿעלקער. צוויי זײַנען, הייסט עס, געווען די מאָטיוון פֿאַר דער נײַער הבֿרה: זי איז נענטער צו אַראַביש און ווײַטער פֿון ייִדיש. ווײַטער, „ניט גענוצט בײַ ייִדן״ איז געווען אַ מעלה. קיין פֿראַגע ניט. והא ראיה — ייִדישע נעמען אין ארץ ישׂראל און אין ישׂראל. מען נוצט ניט קיין „פּראָסטע״ ייִדישע נעמען ווי בערל, שמערל, זעלדע שיינדל וכדומה. מען נוצט נעמען תּנכישע. גוט. אָבער אָט זײַנען פֿאַראַן אויך תּנכישע נעמען ווי אבֿרהם, יצחק, יעקבֿ, משה, דוד, שלמה און נאָך און נאָך. אָבער זיי ווערן כּמעט ווי ניט גענוצט — צו פֿיל אומבאַליבט געוואָרן, ווײַל צו פֿיל גענוצט אין גלות. אַלץ וואָס ייִדן האָבן גענוצט איז ניט באַליבט, מען דערווײַטערט זיך פֿון דעם.

ישׂראל, איצט די מדינה האָט אַ גרויסע השפּעה אויף די גלותן. די השפּעה איז ניטאָ אויף די ייִדן וואָס ריידן ענגליש. צו די ייִדן ריידן אויך די ישׂראל־געסט דווקא ענגליש. די רעליגיע האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן איר ראָל פֿון פֿריִער. איבערהויפּט נאָך ווען די קאָנסערוואַטיווע און רעפֿאָרמער האָבן אַרײַנגעפֿירט ענגליש אויך אין דאַוונען. הערט אויף דאָס פֿאָלק צו קענען העברעיִש. אַ סך לערנען, אַלע לערנען און מען קען ניט. נוצט מען העברעיִש נאָר קעגן ייִדיש. דאָרטן ווו מען רעדט נאָר ענגליש, דאָרטן דערמאָנט מען ניט אַפֿילו קיין העברעיִש. מען דערמאָנט זיך וועגן העברעיִש נאָר דאָרטן ווו מען רעדט ייִדיש. קעגן ענגליט (אָדער שפּאַניש) האָט העברעיִש ניט קיין דריסת הרגל, עס האָט אַפֿילו ניט די „חוצפּה״ דערמאָנט צו ווערן. ווי נאָר אָבער מען דערמאָנט ייִדיש, גלײַך דערמאָנט מען זיך העברעיִש. מען נוצט העברעיִש ווי אַ מיטל צו באַקעמפֿן ייִדיש. ווי נאָר אָבער עס קומט צו ענגליש זײַנען געענדיקט אַלע דיסקוסיעס. דאָס איז דער ענדגליטיקער סוף פּסוק.

און דער אַלגעמיינער אויספֿיר: דאָרטן ווו ייִדיש לעבט, האַלט זיך אויך מער־אָדער־ווייניקער לשון קודש, העברעיִש. דאָרטן אָבער ווו ייִדיש איז שוין

ניטאָ — דאָרטן איז פֿון העברעיִש קיין זכר אַפֿילו ניטאָ. איז אָביעקטיוו דער העברעיִזם ניט מער ווי אַ הילפֿמיטל קעגן יידיש און אַ מיטל צו פֿאַרשטאַרקן די לאַנדשפּראַך און במילא אָפּשוואַכן אויך די פּאָזיציע פֿון העברעיִש. אַזוי דינט מען אָפּט אַ געץ און מען מיינט אַז מען דינט צום אמתן גאָט. וואונדערט עס מיך: ווי פֿלאַך יידן דענקען! דער עם חכם ונבון!

אַט לייען איך (אין „קעמפּער"), אַז אויך אין ישׂראל איז דער מצב פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור ניט פֿויגלדיק — די יוגנט לייענט גערנער איבערזעצונגען פֿון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור. עס איז פֿאַרשטענדלעך: די העברעיִשע ליטעראַטור האָט דאָך אויך צו טאָן מיט יידן. איז זי גוט דאָרטן ווו עס איז פֿאַראַן אַ שטאַרקער אינטערעס צו יידישקייט און צו יידן. אָבער אַז דאָס יידישע פֿאָלק איז ווערט בלויז קריטיקירט צו ווערן און אויך ישׂראל ווערט „צו פֿיל" יידיש, צו פֿיל „גלותדיק", ווילט זיך בעסער אַנטלויפֿן פֿון דעם גלות וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אויך אין ישׂראל. שלילת הגלות איז געוואָרן שלילת היידישקייט, און אַט די גלותדיקע יידישקייט האָט דאָך פֿאַרפֿלייצט די מדינה, איז גוט צו אַנטלויפֿן בכלל. און די יידישע יוגנט אין ישׂראל איז דאָך די איינציקע אין דער וועלט וואָס וואַקסט אין אַ ריין־יידישער סבֿיבֿה, וואָס לערנט אין אַ ריין יידישער מאַניסטישער שול, אין אַ שול ווו אַלע לימודים זיינען גלייך יידיש, ניטאָ דאָרטן קיין „אַלגעמיינע לימודים", וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו יידישקייט. די יידישע יוגנט אין ישׂראל לעבט אין אַ לאַנד ווו יעדער טראָט ערד איז אָנגעזאַפּט מיט יידישער היסטאָריע, מיט יידישער מי און אַרבעט, מיט גבֿורה און מיט עקשנות, מיט קרבנות און מיט קרבנות־גרייטקייט אַן אַ ברעג. די יידישע יוגנט אין ישׂראל האָט ערשט די פֿולע מעגלעכקייט צו זען, צו פֿילן און באַגרייפֿן דעם כּוח פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַלע גלותן און געבליבן! אָבער די דערציִונג פֿאַרנעמט זיך גאָר אויף אַ פֿאַרקערטן וועג פֿון קריטיקירן דאָס יידישע פֿאָלק, וואַקסט די יידישע יוגנט אין ישׂראל אויס „אַנטיגלותדיק". היות אָבער דער גלות האָט פֿאַרפֿלייצט אויך ישׂראל, לויפֿט די יוגנט, לויפֿט זי צו כּנענים, צו וועמען און צו וואָס מען טראַכט אויס, אַבי צו לויפֿן פֿון יידן און יידישקייט, וואָס איז שלעכט לכל הדעות. ביז וואַנען קען מען לויפֿן? ווי ווייט קען מען לויפֿן? און וווהין לויפֿט מען? צו וועמען? קיין נבֿיא בין איך ניט. מיר האָבן לעצטנס געזען: יידן ישׂראלים קענען לויפֿן פֿון יידישן פֿאָלק צו זייערע שׂונאים. ניטאָ קיין גבֿול — עד כּאן און ווייטער קענען מיר ניט. קיינער קען ניט גאַראַנטירן, אַז מיט דער צייט וועלן ישׂראלים ניט אַריינטראָגן אין כּנסת קיין געזעץ־פּראָיעקט, מען זאָל אומבייטן דעם „חוק השבֿות". פֿאַרקערט זאָל מען באַגרענעצן די עליה פֿון גלות־יידן, ווייל זיי זיינען ניט צוגעפּאַסט צום טיפּ פֿון ישׂראלים, ווייל זיי האָבן אַ

שלעכטע השפּעה אויף די יונגע ישׂראלים וכדומה. ווער קען אַלץ פֿאַרויסזען, ווי ווײַט די אַנדערשקייט פֿון די ישׂראלים וועט גרייכן און ווי זיי וועלן אידענטיפֿיצירן זיך ווי איין פֿאָלק מיט דעם גלות־פֿאָלק? צי דאָס וויסן וועגן דעם גלות־פֿאָלק וועט ניט שטערן דער איינהייט פֿון יידישן פֿאָלק. מיר האָבן נאָך ווײַט ניט דערגרייכט דעם שפּיץ פֿון דער שפּאַלטונג צווישן יידן און ישׂראלים. ווי ווײַט דאָס קען דערגיין און ביז וואַנען דאָס קען גרייכן — גאָט ווייס. עס זאָל אונדז אָדער אונדזערע קינדער ניט וווּנדערן אויב ישׂראלים וועלן אַרויסווײַזן אַ דירעקטע שינאה צו יידן, אויב ישׂראלים וועלן באַקעמפֿן יידן, פֿאַרבאָטן עליה פֿון יידן וכדומה. אין פּערספּעקטיוו — צוויי פֿאַרשיידענע פֿעלקער, צוויי ווײַטע פֿעלקער און די ישׂראלים זײַנען ווײַט פֿון יידן, ווילן ניט אָנערקענט ווערן פֿאַר יידן, באַמיִען זיך כּסדר אָפּצוגרענעצן זיך פֿון יידן, אויב עס וועלן נאָך זײַן יידן אין די גלותן און ישׂראל וועט זיך מער ניט נייטיקן אין עקאָנאָמישער הילף מצד דעם גלות. נאָך אין 1927 האָט עס מיר געזאָגט אַ יידישער שרײַבער אין תּל אבֿיבֿ, אַז די איינציקע אויפֿגאַב פֿון אַמעריקאַנער יידן איז צו שאַפֿן פֿינף מיליאַרד דאָלאַר פֿאַר ישׂראל. און נאָך דעם? — נאָך דעם וועלן זיי סײַ ווי אונטערגיין און געענדיקט. געענדיקט מיט דער יידישער געשיכטע. אַזוי איז געווען די גאַנצע קולטור־פּאָליטיק פֿון ארץ ישׂראל און פֿון מדינת ישׂראל; באַפֿרײַען זיך פֿון גלות האָט געמיינט באַפֿרײַען זיך פֿון דער גאַנצער יידישער קולטור, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין גלות, וואָס שטאַמט פֿון גלות, ניט נאָר באַפֿרײַען זיך פֿון דעם גלות־יאָך, נײַערט באַפֿרײַען זיך פֿון דעם גאַנצן קולטור־שטייגער, פֿון דער גאַנצער יידישקייט, וואָס שטאַמט פֿון גלות. די נעגאַציע, וואָס קעגן איר האָט אחד העם געוואָרנט, וואָס די העברעיִשע שרײַבערס האָבן געוואָרנט קעגן איר — דאָס איז געווען די פּאָליטיק, די קולטור־פּאָליטיק פֿון לאַנד. דראַמאַטיש איז געווען דער קאַמף וואָס עס האָט געפֿירט קעגן דער פּאָליטיק דער פּראָפֿעסאָר ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש, דער מחבר פֿון „בבֿל וירושלים“, וואָס איז געשטאָרבן אַ פּאָר חדשים אידער זײַן ווערק איז אַרויס. ער האָט אַ גאַנץ לעבן געקעמפֿט פֿאַר דער איינהייט פֿון בבֿל (געמיינט דעם גלות בכלל) מיט ירושלים. דערפֿאַר האָט מען אים בשום אופֿן ניט געלאָזט, ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין ירושלים — אים ווי אַ פּראָפֿעסאָר און די אַביטוריענטן פֿון די ווילנער יידישע גימנאַזיעס ווי תּלמידים אין ירושלימער אוניווערסיטעט. אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען זיי אָנגענומען, מער ניט אין פּוילישע אוניווערסיטעטן און אין ירושלימער בשום אופֿן ניט. מען האָט אויך ניט געוואָלט אָננעמען אין ירושלים אַ צווייטן פּראָפֿעסאָר — פֿישל שניאורסאָן. פֿאַרוואָס? „ווײַל איך קען צו פֿיל עבֿרי“ האָט ער זיך אין אַ וויץ אויסגעדריקט. ער איז געווען צו פֿיל מזרח־אייראָפּע־ייִד, צו זיבעצן יאָר סמיכה. דעמאָלט איז עס גע־

ווען אַ פּסול, אַ דעפעקט, מען האָט עס ניט געקאָנט דערלאָזן. אַן אַמעריקאַנער ייִד האָט פאַרגעלייגט הונדערט טויזנט דאָלאַר, מען זאָל אײַנפירן אַ קורס ייִדיש, האָט מען עס ניט גענומען. די גאַנצע פּאָליטיק איז געווען אָפּצורײַסן ישׂראל פון גלות, ארץ ישׂראל אָפּצורײַסן פון עם ישׂראל. אָבער ארץ ישׂראל האָט געהאַט איר גאַנצן יחוס אין דעם עם ישׂראל. אָן דער אייביקער צוגעבונדנקייט פון ייִדן צו אָט דעם שטיקל לאַנד, האָט ארץ ישׂראל ניט קיין שום ווערט. זײַנען ייִדן געפאָרן קיין ארץ ישׂראל, געליטן, געשוויצט, זיך געמאַטערט, געהאָרעוועט קינ־דער גאָר ניט קיין גלותדיקע. און די קינדער האָבן... עמיגרירט פון ארץ ישׂראל. די ירידה איז אָפּט געווען גרעסער פון דער עליה. לאַנד ישׂראל אָן דעם ייִדישן פאָלק — פאַראַן אַ סך בעסערע לענדער פון ארץ ישׂראל. איז אין ארץ ישׂראל געוואַקסן אַ יוגנט וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום גלות און צום גאַנצן גלות־פאָלק. און די געטרײַע ליבע צו ארץ ישׂראל — דאָס האָט דער גלות גע־שאַפן, אַנטוויקלט. האָט אָבער די דערציִונג אָפּגעריסן פון ייִדישן פאָלק, האָט ארץ ישׂראל אויך פאַרלאָרן איר חן. איז די יוגנט געוואַקסן אין ארץ ישׂראל אָן דער צוגעבונדנקייט צום פאָלק און במילא אויך צום לאַנד. מען קען זײַן גוטע, געטרײַע ישׂראלים און בלײַבן ווײַט און פרעמד צו ייִדן פון גלות. אין דעם איז געווען די סכנה פון שפּאַלטונג.

עס ווילט זיך מיר ניט דערמאָנען איין פאַקט, וואָס ווערט פאַרשוויגן אויך אין ישׂראל: וויפל ישׂראל־מיידלעך עס זײַנען אַוועק חתונה־האָבן מיט אַראַבער און וויפל אַראַבישע באַקעמפער פון ישׂראל עס האָבן ייִדישע מאַמעס. איך מיין אָבער אַז דער פאַקט טאָר ניט פאַרשוויגן ווערן, ווי ווייטיקדיק ער זאָל ניט זײַן. די העברעיִשע דערציִונג האָט בפירוש אָפּגעריסן די יוגנט פון ייִדישן פאָלק. האָט זי אפשר אויסגעלערנט העברעיִש, אָבער אין דער זעלביקער צײַט אָפּגע־ריסן די יוגנט פון ייִדישן פאָלק. פאַרקערט האָט זיך די יוגנט געהאַלטן גרויס איבער די פּשוטע ייִדן, זיי האָבן זיך געפילט בעסער, העכער פון ייִדן. איז דער שאָדן געווען גרעסער פון די נוצן.

אין איין לאַנד האָט די העברעיִשע דערציִונג ניט געבראַכט דעם שאָדן. דאָס איז געווען די קליינע ליטע צווישן די ביידע וועלט־מלחמות. ליטע מיט אירע זעכצן העברעיִשע גימנאַזיעס כּמעט אין יעדן שטעטל (ייִדישע גימנאַזיעס איז געווען איינע). פאַרוואָס? מיט וואָס איז ליטע געווען אַנדערש? אין ליטע איז ניט געווען, כּמעט ניט געווען קיין העכערע לאַנד־קולטור. ליטוויש און ליטווישע קולטור האָט נאָך ניט אימפּאָנירט די ייִדן. ניט ווי רוסיש, אַפילו ניט ווי פּויליש. האָט די מלוכה־קולטור ניט קאָנקורירט מיט ייִדישקייט. פאַרקערט, איז דאָס לעבן אין די שטעטלעך געווען דורכויס ייִדיש. איז די יוגנט געוואַקסן

דורכויס אין ייִדישער קולטור. איז דער ייִדישער באַזיס געווען פֿעסט. האָט די שול געדאַרפֿט אָנבויען דעם „צוויטן גאָרן". דער באַזיס איז געווען געגעבן פֿון לעבן דירעקט. דאָס ייִדישע לעבן איז אומעטום געווען גענוג שטאַרק אויך אָן דער שול. אין אַלע אַנדערע לענדער ווו די שול האָט געדאַרפֿט שאַפֿן אויך דעם באַזיס, האָט דעם דאָזיקן „באַזיס" געשאַפֿן גאָר די לאַנד־קולטור, איז געווען לאַנד־קולטור און העברעיִש. ווו איז דאָ פֿאַראַן אַן אָרט פֿאַר ייִדישקייט? פֿאַר פּשוטער פֿאָלקישער ייִדישקייט? אין אַלע אַנדערע לענדער, אויך אין דעם לאַנד ישׂראל האָט די העברעיִשע שול, די שלילת הגלותדיקע שול בפּירוש אָפּגעריסן די יוגנט פֿון ייִדישקייט, פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָ איז די גרויסע סכּנה: אַ פֿאָלק אָן אַ יוגנט, אַ יוגנט אָן אַ פֿאָלק! אַ פֿאָלק אָן אַ יוגנט ענדיקט די געשיכטע. אַ יוגנט אָן אַ פֿאָלק דאַרף אָנהייבן. אָבער וואָס הייבט עס אָן? דאָס איז לגמרי ניט קלאָר, ניט באַוווּסט. בכל אופֿן איז עס אַ נײַ פֿאָלק. ווער ווייס?

אָט איז אָנגעקומען אַ ווײ־געשריי פֿון אַרגענטינע: מען גייט אויסרײַסן פֿון די שולן דאָס ביסל ייִדיש וואָס עס איז נאָך געבליבן. דערצו האָדעוועט מען לערערס אין ירושלים (מכון גרינבערג און אַנדערע). ווּהין דאָס פֿירט? — צו העברעיִש? מען האָט שוין לאַנג געזען די גליקן פֿון העברעיִש אין יענע שולן ווו מען וואַרפֿט אַרויס ייִדיש: איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זאָל מען וויסן דעם כּלל: ווו עס איז ניטאָ קיין ייִדיש, דאָרטן האָט העברעיִש אַפֿילו ניט קיין דריסת הרגל, אויב אַפֿילו די בעסטע לערערס און די בעסטע העברעער זאָלן דאָרטן פֿלאַנצן עבֿרית.

— * —

איז עס ניט קיין טראַגעדיע? — אָט האָט זיך באַוויזן אַן עליה פֿון רוסישע ייִדן. האָט די „פּני פֿון דער מדינה" שטאַרק געוואַרט אויף אָט די עולים פֿון רוסלאַנד: דאָס רוסישע ייִדנטום! דאָס וויגעלע פֿון מאָדערנער ייִדישקייט, פֿון אַלץ וואָס עס איז אָנגעוואַקסן אין ייִדישקייט! זאָלן זיי קומען! זיי וועלן פֿאַרשטאַרקן דעם גײַסט, דעם גײַסט פֿון ייִשובֿ. גרויסע האָפֿענונגען און דערוואַרטונגען! אין קלייניקייט: דאָס וויגעלע פֿון דער גאַנצער ייִדישער קולטור! איז גרויס די שׂמחה. זײַנען געקומען עטלעכע ייִדישע שרײַבערס, זינגערס... אין קיין אַנדער לאַנד איז ניט אויפֿגעקומען קיין איין נײַער שרײַבער, קיין איין פּאָעט. אין רוסלאַנד יאָ! פֿאַראַן ייִדישע שולן אין דער וועלט, אין רוסלאַנד ניטאָ, און דאָך! דאָך זײַנען יע אויפֿגעקומען דווקא אין רוסלאַנד שרײַבערס און פּאָעטן. זײַנען אַ טייל פֿון זיי געקומען קיין מדינת ישׂראל. זיי האָבן געקעמפֿט, געליטן און אויסגעקעמפֿט זייער פֿרײַהייט. אָט זײַנען זיי געקומען! אַ קבלת פּנים — גרויסאַרטיק. אָבער די יוגנט איז פֿאַרקרימט, ניט צופֿרידן: „פּריווילעגיעס — זײַנען מיר, די יוגנט, בילכער!". זיי שרײַבן ייִדיש, איז עס דאָך פּסול בײַ

אונדז! ווער דאַרף עס? קען דאָס גערעאַטעוועטע ייִדישע וואָרט ניט קומען צו דער יוגנט, שטום איז דאָס ייִדישע וואָרט פֿאַר דער יוגנט אין לאַנד, טויב איז די יוגנט פֿאַר דעם ייִדישן וואָרט וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון קאַלכאויוון. האָט דער אָפֿיציעלער אַלטער בכבֿודיקער זשורנאַל פֿון העברעיִשן שרײַבערטום געגעבן עטלעכע פּאָעמעס פֿון די געקומענע („מאזניים״), זײַנען זיי געווען אין דער איבערזעצונג. אָבער איבערזעצונגען האָט דאָך זיי געגעבן אויך די רוסי־שע רעגירונג! און אין גרויסע אויפֿלאַגעס! אָט לייען איך (אין אַן ענגלישער צײַטונג. קיין ייִדישע איז גאָר ניטאָ און ניטאָ פֿאַר וועמען) אַז מען קען קריגן די פּאָעמעס פֿון די ייִדישע „הרוגי מלכות״. די ייִדישע קהילה פֿאַרשפּרייט זיי. בעט איך און איך קריג אַ דאַר בראָשורל מיט עטלעכע ענגלישע איבערזעצונ־גען פֿון אַ דרײַ פּאָעמעס. דער אָריגינאַל? ניטאָ גאָר... האָט די רוסישע רעגי־רונג געגעבן גרעסערע און ברייטערע אויסגאַבעס פֿון איבערזעצונגען. דאָרט האָט די אַנטיסעמיטישע רעגירונג שטום געמאַכט דאָס ייִדישע וואָרט. און דאָ, אין אַמעריקע, האָט די הייליקע אַרבעט פֿון דערשטיקן דאָס ייִדישע וואָרט גע־טאָן ווער? — דאָס ייִדישע פֿאָלק אַליין. און ווער האָט עס געטאָן אין מדינת ישׂראל? — דאָס האָט געטאָן דאָס נײַע אויפֿגייענדיקע פֿאָלק פֿון ישׂראל! פֿרעמד איז די יוגנט צום ייִדישן געראַטעוועטן וואָרט, פֿרעמד איז דאָס וואָרט פֿון פֿאָלק אין דעם ייִדישן היימלאַנד. און די טראַגעדיע איז ניט פֿון לשון, די טראַגעדיע איז פֿון פֿאָלק ישׂראל: אומקום און אויפֿגאַנג. וואָס קומט אום? — די גאַנצע ייִדישקייט וואָס ביז הײַנט. וואָס קומט אויף? — גאָט ווייס. קיין המשך פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק — איז עס ניט און אַ נײַ פֿאָלק? וואָס איז זײַן שײַכות צו אונדז? צי קענען איצט געבאָרן ווערן נײַע פֿעלקער? צי קען אויפֿקומען אַ נײַ ייִדיש פֿאָלק? אָן אַ ירושה פֿון דעם אַלטן? פֿעלקער ווערן געבאָרן אין פֿאַרזיכיקייט, אין אַ באַזונדערן שטייגער. צי איז עס איצט מעגלעך? — צו פֿיל ספֿקות! זאָגן ייִדישיסטן, אַז ווען מען וועט זאָגן „טיש״ אַנשטאָט „טייבל״, וועט דער קיום האומה זײַן געזיכערט. איז עס צו פֿיל סימפּליצירט. מיר ריידן וועגן ייִדיש לשון וואָס זאָל ירשענען די גאַנצע קולטור שבעל פּה פֿון אונדזער ייִדיש פֿאָלק, אַן ייִדיש לשון גייט די גאַנצע קולטור־ירושה פֿאַרלאָרן. מיט די ייִדישע ווערטער בלויז איז נאָך די בעל פּה־ייִדישקייט ניט געראַטעוועט. אָן די דאָזיקע בעל פּה־ייִדישקייט איז ניטאָ קיין ייִדיש פֿאָלק, קען ניט זײַן קיין ייִדיש פֿאָלק, וועט ניט זײַן אַזאַ ייִדיש פֿאָלק. איז אין מדינת ישׂראל אויפֿגעריכט געוואָרן העברעיִש? אפֿשר יע. אָבער בפֿירוש אָן דער גאַנצער בעל פּה־קולטור. העברעיִש אָן ייִדיש האָט ניט און קען ניט האָבן קיין בעל פּה־ייִדישקייט. האָט מען די ווערטער באַנײַט, אָבער אין די נאַקעטע ווערטער איז דאָס פֿאָלק ניטאָ. קען מען זײַן העברעיִש־ריידער און מיט אַן אָפּגעמעקטער ירושה. אָן דער ירושה איז מען

דען יע אַ ייִד? פֿאַר די ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן איז לשון קודש — העברעיִש — אַ מעלה: די קולטור־ירושה איז פֿאַרגאַנצט — פֿון אבֿרהם אבֿינו, פֿון תּנך אָן דורך אַלע שפּעטערדיקע דורות און תּקופֿות איז ייִדיש אַלע מאָל געווען מיט לשון קודש ווי אַ טלית מיט ציצית. האָט מען אַנגענומען העברעיִש אָן ייִדיש, איז עס ציצית אָן אַ טלית. האָבן אַנדערע געוואָלט ייִדיש אָן העברעיִש, אָן לשון קודש איז עס אַ טלית אָן ציצית.

האָט מען צוויי דורות פֿאַרבראַכט אין אַ געראַנגל, אין אַ „ריבֿ לשונות", אין אַ שפּראַכן־קאַמף, וואָס לא היה ולא נבֿרא און מען האָט פֿאַרזען די אמתע סלע המחלוקת, צוליב וואָס מען קריגט זיך: צי קען אויפֿקומען אין מדינת ישׂראל אַ נײַע תּקופֿה פֿון אוראַלטן ייִדישן פֿאָלק אָן דער גאַנצער קולטור־ירושה וואָס אין ייִדיש אָדער ניט? קען יע אין מדינת ישׂראל אויפֿקומען אַ נײַ פֿאָלק, וואָס איז שולל דעם גלות, עס וויל ניט די קולטור־ירושה פֿון גלות? האָט עס שוין געבראַכט גרויסע שאָדנס, און גאָט ווייס וואָס פֿאַר אַ שאָדנס עס קען נאָך, עס וועט נאָך ברענגען. עס קען אויך אויפֿקומען אַ פֿאָלק מיט אַ נײַ העברעיִש, וואָס וועט פּשוט פֿײַנט האָבן ייִדן, מיט אַלע פֿליטערלעך פֿון אַנטיסעמיטיזם. די שעה זאָל ניט זײַן, אָבער קיין שום אוממעגלעכקייט איז דאָ ניטאָ. עס קען אויפֿקומען אַ פֿאָלק וואָס וועט פֿײַנט האָבן ייִדיש מיט ייִדישקייט אַזוי ווי אַנדע־רע און נאָך מער, כּדי אָפּצומעקן דעם אייגענעם פּיזישן אָפּשטאַם. פֿאַראַן אין לעבן פֿון דער מדינה בפֿירושע סימנים פֿון אָט אַזאַ אַנטוויקלונג. עס דאַכט זיך מיר, עס ווילט זיך מיר דאַכטן, אַז די „פּני" אין דער מדינה פֿילן שוין איצט די סכּנה, אָבער עס איז נאָר אַ טייל פֿון דער „פּני" — אַ קלענער טייל פֿון דער פֿילנדיקער אינטעליגענץ. די מערהייט אָבער לעבט נאָך אַלץ אין דעם גן עדן פֿון די נאַראָנים: „גוט איז אונדז, ווייל איז אונדז — מיר טראָגן מיט זיך גאָרניט פֿון דעם גלות, אויסגעליידיקט ווי אַלע ברעקלעך חמץ ערבֿ פּסח"...

איז בכן:

1. ניט קיין שפּראַכן־קאַמף איז עס, נײַערט אַ קולטור־קאַמף — צי קען איצט אויפֿקומען אַ ייִדיש פֿאָלק אָן דער קולטור־ירושה פֿון גלות אָדער ניט?

2. אָן ייִדיש טראָגט מדינת ישׂראל אין זיך זאָמען פֿון שׂינאת ישׂראל און זיי קענען אויפֿשפּראָצן און געבן פֿרוכט, וואָס הלוואַי זאָלן זיי בעסער ניט אויפֿקומען.

3. דער גאַנצער שפּראַכן־קאַמף איז געווען אַ בפֿירושע טעות, ער האָט פֿאַרשטעלט דעם אמתן קאַמף — די קולטור־ירושה פֿון גלות אָדער אָן איר.

ווען מיר ריידן וועגן שפּראַכן בײַ ייִדן דאַרף מען האָבן אין זינען דעם

„ניגלה און ניסתר״ אין לשון. ניגלה — דאָס איז אַלץ וואָס איז פֿאַראַן אין לשון — די רייד און די ווערטלעך, און אַלע אויסדריקן וואָס זײַנען פֿאַראַן אין דעם בעל פּה און בכתבֿ פֿון דער שפּראַך, אין דער ליטעראַטור. דער ניסתּר — דאָס איז פֿאַראַן אין לשון און עס איז ניט געקומען צום אויסדרוק ניט אין רייד און ניט אין כּתבֿ. דאָס איז אין דער בחינה פֿון מעגלעכקייטן, דאָס איז די שפּראַך פֿון דענקען, פֿון געדאַנקען, וואָס זײַנען ניט געקומען צום אויסדרוק און וואָס וועלן אפֿשר לגמרי ניט קומען צום אויסדרוק, אָבער זייער השפּעה אויפֿן דענקען איז ניט אָפּצושאַצן. קען זײַן אַז מען קען שוין איצט באַמערקן די פֿאַראַרעמונג פֿון יידישן דענקען אין פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאַרמינערונג אין נוצן יידיש לשון. קען זײַן.

## אינעווייניקסטע סכנות וואָס לויערן אויף מדינת ישׂראל

אייגנטלעך איז זייער שווער עפּעס צו זאָגן וועגן ארץ ישׂראל, ווײַל עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שווערע צענזור: ווי נאָר מען דערמאָנט עפּעס אַ נעגאַטיוון שטריך, ווערט מען גלײַך פֿאַרשרײַען פֿאַר אַ „שונא ציון״, רחמנא ליצלן, און אַלץ וואָס אַזאַ „שונא ציון״ שרײַבט איז לכתחילה פֿאַלש און טריף, און אַלץ וואָס ער שרײַבט, איז פֿון אָנהייב אָן סתם בייזע רייד און מער גאָרניט; ניטאָ אים וואָס צו לייענען.

דאָס טאָר אָבער ניט אָפּהאַלטן פֿון צו זאָגן דעם אמת.

בכן צו די אינעווייניקסטע סכּנות, וואָס זײַנען אינעווייניק אין דעם יישובֿ גופֿא, וואָס וואַקסן מיטן יישובֿ און וואָס לאָזן אים ניט אָפּ. וועלן מיר גיין כּסדר:

1. קודם כּל קומט דאָ אַרויף די אַלגעמיינע נעגאַטיווע באַציִונג צום גלות־פֿאָלק. שרעקלעך שלעכט איז דער גלות. קיין שום פֿראַגע ניט. קיין דיסקוסיע אויף דעם געביט. אָבער פּונקט פֿאַרקערט איז דאָס פֿאָלק אין גלות, וואָס האָט הונדערטער יאָרן אָפּגעלעבט אין גלות, און דאָך אײַנגעהיט און אַנטוויקלט זײַן אייגענע, פֿאַרזיכיקע קולטור, האָט געקאָנט מבֿטל זײַן אַל דאָס פֿרעמדס און זיך האַלטן בײַ דעם זײַניקן. האָט מען אין ישׂראל ניט געקענט אָפּטיילן דעם עצם גלות פֿון דעם גלות־פֿאָלק, וואָס שווערער דער גלות, אַלץ מער אַכטונג קומט דעם גלות־פֿאָלק, וואָס איז בײַגעשטאַנען דעם גלות. האָט מען אין ישׂראל פּשוט פֿאַרביטן די יוצרות: אַנשטאָט דער נעגאַציע פֿון גלות, האָט מען נעגירט דאָס פֿאָלק פֿון גלות. און קיין אַנדער פֿאָלק האָבן מיר ניט. איז אַרויס אין ישׂראל אַ נעגירן דאָס יידישע פֿאָלק בכלל. און אויב ניט דאָס יידישע פֿאָלק וואָס אין די גלותן, טאָ צו וואָס די גאַנצע ארץ ישׂראל?

2. דעמאָראַליזאַציע ביז גאָר. מאָראַל פֿון אַ פֿאָלק איז ניט אין ביכער און ניט אין פּרינציפּן. עס איז אין לעבן, אין שטייגער, אין אויפֿפֿיר. מען קען ניט אויסלערנען קיין מאָראַל. עס איז איינגעשטעלט פֿון דורות. כּל זמן קיין ישׂראל איז געגאַנגען אַ שטרענג געקליבענע עליה (אימיגראַציע), איז דער אָפּקלייב געווען אַ נאַטירלעכער, פֿון זיך אַליין זיינען נאָך אין עמיגראַציע־לענדער אָפּ־געקליבן געוואָרן בלויז פּאַסיקע ישׂראלים, אָן אַ פּגם. איז די מאָראַל מיטגע־בראַכט געוואָרן פֿון גלות, צוזאַמען מיט דעם אידעאַל. די מאָראַל פֿון יישובֿ איז געקומען פֿון גלות, די מאָראַל האָט געבראַכט די מענטשן, עס איז געווען אַ הייַ־ליקייט וואָס יעדער עולה האָט געטראָגן אין זיך. קיינע גזלנים און קיין פּאָלי־ציע האָט מען ניט געדאַרפֿט. דאָס איז געווען אין די עולים פֿון לכתחילה, פֿון פֿריִער נאָך. באַשיידענע אָרעמקייט איז געווען ניט קיין מוז, קיין נויט, נאָר אַן אידעאַל. אַזוי דאַרף עס זיין. „ווילסט רייַך ווערן, האָסטו געדאַרפֿט פֿאָרן קיין אַמעריקע, ניט קיין ארץ ישׂראל". נאָך אין די דרייַסיקער יאָרן פֿלעגן מיר זיך ווײַצלען אַז אין ארץ ישׂראל דאַרף מען ניט קיין שלעסער אויף טירן. עס איז באַקאַנט געווען אַ ווערטל, אַז ארץ ישׂראל וועט ווערן אַ נאָרמאַלער יישובֿ, ווען עס וועלן זיין ייִדישע גנבֿים... איז דער יישובֿ געוואָרן אַ ביסל „שוין צו נאָר־מאַל". צו פֿיל ייִדן זיינען צעקריגט מיט אַלע געזעצן, און ניט בלויז גנבֿות. ייִדן זיינען אַ דערפֿינדעריש פֿאָלק, געפֿינט מען וועגן ווי צו ווערן רייַך, אויס־מייַדנדיק אַלע געזעצן. די טעג באַקומען אַ בריוו פֿון אַן אַלטן פֿרייַנד אין ירושלים. שרייַבט ער: מיר זיינען באַרימט מיט אונדזער עקספּאָרט, אָבער אונדזער הייַנטיקער עקספּאָרט געפֿעלט מיר ניט. מיר עקספּאָרטירן שוין, ברוך השם, רויבערס, גנבֿים, אַלערליי פֿאַרברעכערס. אַ חרפּה פֿאַר די פֿרייַנדלעכע פֿעלקער... אין לאַנד גופֿא — עס איז אַ וויטיק צו לייענען אַ ישׂראל־כראָניק אין אַ צייַטונג. אויסרעכענען פֿאַרשפּאַר איך, מען קען עס געפֿינען אין יעדער צייַטונג אַלע טאָג. און פּאָליציע? — עס איז איבער די כּוחות פֿון יעדער פּאָליציע אויסצוראָטן אַלע מעגלעכע עבֿירות קעגן מאָראַל.

פֿון וואַנען אַזאַ דעמאָראַליזאַציע? אין קיין איין לאַנד זיינען די ייִדישע איינוווינערס ניט אַזוי רייַך מיט „צעקריגטע מיט די געזעצן" ווי אין ישׂראל. אַ נייַע טרויעריקע דערשייַנונג אין ייִדישן לעבן. אָפֿט דאַכט זיך מיר, אַז ווען די געזעצן וואָלטן געווען אויף אַ גוייִשער שפּראַך, אַרויסגעגעבן פֿון ניט־ייִדן, וואָלט מיט איין מאָל אויפֿגעהערט אַ גרויסער טייל פֿון די עבֿירות... לאָמיר עס זאָגן מיט פּשוטע ווערטער: „וואָס געזעצן? — איך בין קליגער פֿון זיי... און נאָך בעסער: „איך האָב זיי אין דר'ערד מיט זייערע געזעצן"... אַז עס פֿעלט אַכטונג צום אייגענעם פֿאָלק, פֿעלט אַכטונג אויך צו די געזעצן פֿון אייגענעם לאַנד. עס איז צום באַדויערן וואָס עס איז ניט באַקאַנט קיין סטאַטיסטיק פֿון

די פֿאַרברעכנס און פֿאַרברעכערס. אַזאַ סטאַטיסטיק וואָלט אַ סך געקענט קלאָר מאַכן. בכל אופֿן דערציילן די פֿאַרברעכנס גאָר אַ סך. מען האָט געוואָלט אָנ־היבן פֿון אָנהייב, אַ נײַ פֿאָלק גייט מען שאַפֿן, גייט מען בויען. ניטאָ די אַלטע, אײַנגעווייניקסטע טראַדיציעס, ניטאָ די נאַטירלעכע אײַנגעוואָקסענע דורך דורות מאָראַל, איז הפֿקר! פֿרײַ פֿון אַלץ, פֿרײַ צו טאָן וואָס עס גלוסט זיך. בכל אופֿן איז דער מאָראַלישער פּרצוף פֿון דעם ישוב אין לאַנד אַזאַ וואָס רופֿט אַרויס טיפֿע זאָרג. ווײַט ניט מיט פּאָליציע אַליין קען מען עס לייזן.

3. עס שטייען פֿאַר נאָך שוועריקייטן, גרויסע שוועריקייטן. הײַנט זעען מיר בלויז די אָנהייבן און מיר קענען ניט וויסן ווי זיי וועלן זיך אַנטוויקלען. אין דער ערשטער ריי איז דאָס דער קאַמף צווישן די רעליגיעזע און וועלט־לעכע שיכטן פֿון ישוב. די פֿרומע ווערן אַלץ מוטיקער און דרינגנדיקער. זיי ווילן אַרײַננעמען די גאַנצע מאַכט אין לאַנד. זיי ציִען צו צו זייער קאַמף אַלע פֿרומע שיכטן פֿון דער וועלט, פֿון אַלע גלותן, איבערהויפּט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון אַמעריקע. זיי מאַכן אַ טומל, אַז די וועלטלעכע ייִדן גייען אומברענגען די גאַנצע ייִדישע רעליגיע. די זעלביקע פֿרומע וואָס אין אַמעריקע פֿאַרשווײַגן זיי אַלץ — דעם אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער שפּראַך, דעם חורבן פֿון שבת, כשרות אויף וויפֿל נאָר דאָס גיט פּרנסה גרויסע קרײַזן אָנהענגערס. אין זייער פּרעסע שרײַען זיי נאָר וועגן ישׂראל. אָבער זיי מײַדן אויס צו ריידן, צו זאָגן עפּעס פֿאַר זייער לאַנד, וועגן זייערע קהילות מיט זייערע שולן. זיי אַגיטירן כמעט ניט פֿאַר דער ייִדישער דערציִונג. מיט איין וואָרט — אין די אייגענע היימען איז מען שטילער און פֿרידלעכער. ווי נאָר עס קומט צו ישׂראל מאַכט מען דעם גרויסן גוואַלד.

קלאָר איז, אַז עס גייט דאָ איבערהויפּט וועגן דער מאַכט. מען האָט אַ סך געוווּנען שוין. קודם כּל האָט מען באַפֿרײַט די אייגענע זין און טעכטער פֿון דער אַרמיי. פֿון דער אַרמיי זײַנען זייערע תּלמידים פּטור. קלאָר, אַז אַ גרויסער טייל פֿון זייערע יונגע אָנהענגערס זײַנען מיט זיי כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון מיליטער, פֿון דער אַרמיי און פֿון גיין אויף מלחמה. מיט דער הילף פֿון אָט דער יוגנט דערלויבט מען זיך אַפֿילו אויף פֿיזישע אָנפֿאַלן, כּלומרשט איז דאָס אָן זייער וויסן, אָבער איך האָב אַלע מאָל געוואָרט, אַז זיי, די אויטאָריטעטן וועלן מעלדן: „די גמרא זאָגט: איטלעכער וואָס הייבט אויף אַ האַנט אויף אַ צווייטן איז אַ רשע, און, זיי דערלויבן ניט זייערע תּלמידים זאָלן זײַן רשעים". אַזאַ מעלדונג איז קיין מאָל ניט געווען. איז עס אָנצונעמען, אַז די אָנפֿאַלן זײַנען מיט דעם וויסן פֿון „די גדולי התורה והיראה", מיט דעם וויסן און מיט דער ברכה פֿון די אויטאָריטעטן. דאָס איז אַ דערשײַנונג וואָס איז ניט געהערט געוואָרן

אין קיין איין גלות־לאַנד. ווידער אַמאָל קומען מיר צו דער דעמאָראַליזאַציע.ביידע פֿאַקטאָרן צוזאַמען קענען דערפֿירן דעם קאַמף גאָט וויס ביז וואָס. עס איז שוין דערגאַנגען ביז שיקן בריוור־באָמבעס צו אַ רבֿ וואָס געפֿעלט ניט.

פֿון דער צווייטער זײַט זײַנען די קעגנערס פֿון די פֿרומע אויך ניט צו פֿיל „טוביש". איך קען קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן אַ פֿראַזע וואָס איך האָב געהערט פֿון אַ שאָפֿער פֿון אַ שירות צווישן תל אבֿיבֿ און פּתח תקווה וועגן די פֿרומע וואָס שטערן שבת דער פֿאַרבינדונג „עוד נשחט אותם ברחובֿות" (מיר וועלן זיי נאָך קוילן אין די גאַסן)... איך פֿאַרגעס ניט דעם „אידעאַל" פֿון אַ יונגן ייִדן אין ארץ ישׂראל — ער וועט נאָך קוילן די פֿרומע ייִדן אין די גאַסן. און אָט דער יונגער מאַן איז געווען אַ סאַבראַ, געבאָרן און דערצויגן אין ארץ ישׂראל, און ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזוינע שווידערלעכע „אָך און ווי אידעאַלן". אין קיין איין גלות־לאַנד איז די סכּנה ניט אַזוי גרויס ווי אין מדינת ישׂראל.

4. איצט קומען מיר ווידער צו אַ נײַער סכּנה. דאָס איז דער קאַמף צווישן עדות. איבערהויפּט איז מסוכּן דער אַנטאַגאַניזם צווישן די ייִדן פֿון צפֿון־אַפֿרי־קע מיט די ייִדן פֿון אייראָפּע און פֿון אַמעריקע. גענויער — דאָס איז דער געראַנגל צווישן די ייִדן וואָס זײַנען געקומען פֿון די אַראַבישע לענדער, מיט די אייראָפּעיִשע ייִדן, מיט די „וואָס־וואָסן", ווי זיי רופֿן אין אַ שפּאָט־לשון די אייראָפּעיִשע ייִדן. עס איז אַ פֿראַגע צי וועט די מדינה באַווײַזן צו ניוועלירן דעם תּהום איידער עס וועט אויסברעכן דער פֿיזישער געראַנגל צווישן די צווײי דיאַמעטראַל־ווײַטע שיכטן ייִדן.

5. עס קען נאָך אויך זײַן אַ ווײַטערדיקער געראַנגל צווישן „כּנענים" און ייִדן. דאָ איז נייטיק אַ געוויסע אויפֿקלערונג: מיר האָבן שוין פֿריִער געשריבן, אַז מיט דעם וואָרט „כּנענים" באַצייכנט מען די ברייטע קרײַזן פֿון ישׂראלים, וואָס זאָגן זיך אָפּ פֿון זייער אַנגעהעריקייט צום ייִדישן פֿאָלק אין די גלותן בכלל. זיי געהערן צום לאַנד, אָבער ניט צום פֿאָלק ייִדן; זיי האָבן אויך ניט קיין שײַכות צו דער קולטור פֿון גלות. זיי ווילן גאָר ניט זײַן קיין המשך פֿון דעם גלותדיקן פֿאָלק. זיי געהערן בלויז צום לאַנד. אין דעם לאַנד האָבן גע־לעבט אַנדערע פֿעלקער, די כּנענים. זײַנען זיי אַ המשך פֿון יענע כּנענים, וואָס האָבן ניט קיין שום שײַכות צו דעם ייִדישן פֿאָלק. דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון הײַנט האָט זיך אָנגעהויבן גאָרניט אין ארץ כּנען, נאָר אין בבֿל, אין אַנדערע לענ־דער, אָבער ניט אין ארץ כּנען. זיי זײַנען די יורשים פֿון יענע כּנענישע שבֿטים, אָבער בשום אופֿן ניט קיין המשך פֿון דעם ייִדישן הײַנטיקן פֿאָלק. אָט די כּנענים זײַנען לגמרי ניט צופֿרידן מיט דער עליה. זי ברענגט פֿון גלות גלותדיקע ייִדן. די נײַע אימיגראַנטן ברענגען מיט זיך דעם גײַסט פֿון די גלותדיקע לענדער,

און דער גײַסט איז לגמרי פֿרעמד דעם לאַנד. זייער צאָל וועט כּסדר גרעסער, זיי קומען פֿון די שולן, פֿון דער דערציִונג. און זייערע אינטערעסן זײַנען אָפֿט ווײַט ניט אין הסכּם מיט די אינטערעסן פֿון די פֿרישע אימיגראַנטן. זיי זײַנען איצט שוין ווײַט ניט צופֿרידן מיט דער עליה פֿון רוסישע ייִדן. אָבער דאָס זײַנען נאָר די בלימעלעך. די פֿרוכטן קענען נאָך קומען.

די דאָזיקע אַלע אינעווייניקסטע סכּנות פֿאַר דעם ייִשובֿ אין ארץ ישׂראל זײַנען קענטיק שוין איצט. זיי הייבן ערשט אָן זיך צו אַנטוויקלען. ווי זיי וועלן זיך ווײַטער אַנטוויקלען, און ווי וועט די יונגע מדינה זיי אַלע גובֿר זײַן. לאָמיר האָפֿן און גלייבן. מדינת ישׂראל האָט זיך אַנטוויקלט ניט אָן ניסים. לאָמיר זשע ווײַטער אויך האָפֿן. איך האָב זיי נאָר אָנגעמערקט דאָ, אָבער ניט אַנאַליזירט. איך שרײַב די זאַצן, איך לייען עס אַליין מיט אמתן האַרצווייטיק — גאָט ווייס צו וואָס מיר גייען. אָבער איך גלייב אַז מען מוז עס זאָגן...

# די ראָל פֿון עם ארצים אין קיום פֿון פֿאָלק

קודם כּל דאַרף קומען אַ קלאָרע דעפֿיניציע פֿון באַגריף עם הארץ, עם ארצים. מיר געפֿעלט אָם בעסטן די דעפֿיניציע פֿון רמבם (אין פּרקי אבֿות) „תּורה אין בהם אלא מעשׂים יש", עס הייסט: קיין ייִדישע תּורה האָבן זיי ניט, אָבער מעשׂים, פֿירונגען האָבן זיי יע. זיי פֿירן זיך ווי ייִדן. אַפֿילו אַז זיי האָבן ניט קיין תּורה, זיי זײַנען ניט קיין געלערנטע. פּראָסטע ייִדן, וואָס פֿירן זיך אָבער ווי ייִדן. פֿאַראַן געלערנטע וואָס קענען אַ סך תּורה, אָבער זייער אויפֿפֿיר איז ווײַט ניט קיין ייִדישער. פֿאַראַן אַפֿילו גויִים, וואָס קענען גוט לערנען. בכן עם הארץ, עם ארצים — דאָס זײַנען ייִדן אָן תּורה, אָבער זייער אויפֿפֿיר, זייער שטייגער איז אַ טראַדיציאָנעל ייִדישער.

די צווייטע באַמערקונג זאָל זײַן אַ ריין גראַמאַטיקאַלישע: אַלע טאָפּל־ווערטער פֿון העברעיִש וואָס זײַנען אַנגעקומען אין ייִדיש האָבן זייער מערצאָל־פֿאָרעם ניט אין ערשטן וואָרט ווי אין העברעיִש נאָר אין צווייטן וואָרט, ווי זיי וואָלטן געווען איין וואָרט. ספֿר תּורה — אין מערצאָל אין העברעיִש ספֿרי תּורה, אין ייִדיש אָבער איז דער מערצאָל ספֿר תּורה — ספֿר תּורות; בעל מלאכה — בעלי מלאכה אין העברעיִש און אין ייִדיש בעל מלאכות. בעל הבית — אין עבֿרית בעלי הבית, אין ייִדיש — בעל בתּים (אַרויסגערעדט — באַלעבאַטים). דערפֿאַר שרײַב איך עם ארצים, ניט עמי הארץ.

די דריטע באַמערקונג: דאָס וואָרט עם הארץ ווערט גענוצט ווי אַ זידל־וואָרט, כּמעט אַזוי ווי „גראָבער יונג"... דאָ אָבער באַנוץ איך דאָס וואָרט עם הארץ אָן שום ווילן עמעצן צו באַליידיקן, פֿאַרדאַמען. חלילה! מיר גייט דאָ פּשוט אין דער היסטאָרישער ראָל פֿון די עם ארצים אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק. נאָך די אויפֿקלערונגען קענען מיר צוגיין צום אינהאַלט פֿון דעם אַרטיקל.

## דער באַגריף עם הארץ

דאָס וואָרט עם הארץ איז זייער אַן אַלטס. שוין דער ערשטער ייִד, אבֿרהם אָבֿינו האָט געהאַט צו טאָן מיט עם ארצים, מיט די בני חת. אין גאַנץ תּנך ווערט דאָס וואָרט באַנוצט נאָר צו באַצייכענען די שטענדיקע אײַנוווינערס פֿון לאַנד. אבֿרהם רעדט צו די בני חת, ער קויפֿט בײַ זיי דאָס אָרט פֿון מכפּלה מקבר צו זײַן זײַן ווײַב שׂרה. די בני חת זײַנען דאָס די וואָס צו זיי געהערט דאָס אָרט. און אַזוי איז אין גאַנץ תּנך — עם הארץ — דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד,

און אַזוי פֿאַרטײַטשט ריכטיק אויך יהושע. ערשט די גמרא טראָגט אַרײַן דעם נײַעם אינהאַלט פֿון דעם וואָרט עם הארץ, ווי מיר באַנוצן עס הײַנט אויך ווי אַ מענטש וואָס האָט ניט געלערנט. ווי אַזוי דאָס וואָרט האָט געענדערט זײַן באַטײַט — פֿון אַ פֿאָלק אין לאַנד ביז אַ פּראָסטער, אומגעלערנטער מאַן, ווי די ענדערונג איז געקומען איז מיר ניט באַקאַנט. איך מיין אָבער אַז עס איז פֿאַרבונדן מיט דעם קומען פֿון גלות בבל, מיט עזרא און נחמיה. די געקומענע פֿון בבל האָבן געבראַכט מיט זיך די תורה און זיי זײַנען געווען באַקאַנט מיט איר אינהאַלט, מער ווי די ייִדן וואָס זײַנען געווען אין ארץ ישראל. די „אָר־טיקע" ייִדן פֿון ארץ ישראל, די „עם הארץ" זײַנען געווען ניט באַקאַנט מיט דער תורה, מיט ייִדישקייט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פֿון גלות. אָט דעמאָלט איז פֿאַר די עולים פֿון בבל קלאָר געוואָרן אַז די אַלטגעזעסענע ייִדן פֿון לאַנד, די עם ארצים זײַנען אין גאַנצן, אָדער כמעט אין גאַנצן אומבאַקאַנט מיט דער תורה, דעמאָלט האָט זיך בײַ זיי פֿאַרבונדן דער באַגריף עם הארץ מיט אומ־געלערנטקייט, אין קעגנזאַץ צו די עולי בבל, וואָס זײַנען געווען באַהאַוונט אין דער תורה, אין ייִדישקייט.

די גמרא פֿרעגט: איזהו עם הארץ? (סוטה כ״ב, א׳). קיין איין איינהייט־לעכער ענטפֿער איז ניטאָ, פֿאַרשיידענע. דאָס אַלגעמיינע איז, וואָס דער עם הארץ איז ניט אָפּגעהיט אין ייִדישן שטייגער, ווי זיי האָבן דאָס געבראַכט פֿון בבל, פֿון פּערסיע. האָבן זיי אײַנגעטיילט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג אויף עם ארצים — די אָרטיקע ייִדן וואָס זײַנען ניט אָפּגעהיט אין אַלע פּרטים און אויף „חברים" — די וואָס מען קען זיך אויף זיי פֿאַרלאָזן, זיי זײַנען אָפּגעהיט אין ייִדישקייט אין אַלע פּרטים. שפּעטער איז אויפֿגעקומען נאָך אַ צווייטער קעגנזאַץ — עם הארץ און תלמיד חכם. און אָט דער ווידעראַנאַנד איז געבליבן ביז איצט.

עס איז פֿון פֿאַרצײַטן אָן געווען אַ האַס צווישן די צוויי גרופּעס ייִדן: די תלמידי חכמים האָבן גאַנץ פֿײַנט געהאַט אָן עם הארץ און פֿאַרקערט האָבן עם ארצים. אָבער וואָס פֿאַרט איז עם הארץ, ניט סתם ווי אַ זידל־וואָרט, נאָר ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכע גרופּע אין ייִדישקייט? קיין תורה האָבן זיי ניט, אָבער מעשׂים האָבן זיי. „והם טובים לישוב" גיט צו דער רמבם. אויב אָן עם הארץ איז לכתחילה געווען ניט אָפּגעהיט אין פֿירונגען, איז איצט, דורך דער גאַנצער שטעטל־תּקופֿה דער פֿולער ייִדישער שטייגער געווען בײַ די עם ארצים: קיין תורה האָבן זיי ניט, אָבער די פֿירונג, דער שטייגער איז דורכויס אַ ייִדישער. שוין גאָר פֿאַרצײַטן איז דער ייִדישער שטייגער, די פֿירונגען און מינהגים געווען אַזוי פֿעסט אײַנ־געשטעלט, אײַנגעוואָרצלט בײַ אַלע ייִדן, אויך בײַ די עם ארצים, אַז הילל קען

זיך פֿאַרגינען צו ענטפֿערן: איר ווייסט ניט ווי אַ ייִד דאַרף זיך פֿירן, טאָ גייט און זעט ווי ייִדן פֿירן זיך, „פוק חזי" — גייט און זעט און טוט ווי אַלע ייִדן טוען. קומט אויס, אַז הילל פֿאַרלאָזט זיך אויך אויף די עם ארצים. קיין תורה האָבן זיי טאַקע ניט, אָבער דער שטייגער איז בײַ זיי שטרענג אָפּגעהיט און דער שטייגער איז דער א׳ און ת׳ פֿון ייִדישקייט. אויף דעם שטייגער האַלט זיך דאָס פֿאָלק. פֿאַרזיכיקער שטייגער איז פֿאַרזיכיק פֿאָלק. פֿאָלק איז שטייגער און שטייגער איז פֿאָלק. דעם כּלל האָבן זייער גוט געהיט די חז״ל. „לא המדרש עיקר אלא המעשׂה" (פרקי אבֿות). עס איז ניט ווי עס שטייט „סוף מעשׂה במחשבֿה תּחילה", נאָר פּונקט פֿאַרקערט „סוף מחשבֿה במעשׂה תּחילה". פֿון דעם שטייגער און אויפֿפֿיר בכלל שטאַמט די גאַנצע תּורה, זי איז די טאָכטער פֿון שטייגער, פֿון אויפֿפֿיר. ייִדישקייט האָט זיך געפֿורעמט ניט אין זאַצן, נאָר אין מעשׂים. פֿון די מעשׂים זײַנען געקומען די זאַצן, די פֿאַרמולירונגען. די מעשׂים, די פֿירונגען האָבן די עם ארצים.

אַז מען קומט צו הללן עפּעס פֿרעגן, און ער האָט פֿאַרגעסן, איז „ראה מעשׂה ונזכּר הלכה" (סנהדרין פ״ב, א׳). אַלע תּורות האָבן אַ ווערט ווען עס איז פֿאַראַן אַ מעשׂה. תּורה וואָס באַזירט זיך ניט אויף מעשׂים, אַ ברכה אַפֿילו אויב נאָך איר קומט ניט קיין מעשׂה, איז זי אַ ברכה לבֿטלה. פֿאַראַן אין גמרא אַ פּלוגתּא צווישן ר׳ עקיבֿא און ר׳ טרפֿון וואָס איז וויכטיקער — „תּלמוד גדול" אָדער „מעשׂה גדול"? די מחלוקת איז פֿאָרגעקומען שוין נאָכן חורבן, ד״ה אַז די דיסקוסיע איז געווען וואָס קען מער אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק אָן אַ מדינה, דער תּלמוד אָדער די פּראַקטיק. און דער אויספֿיר איז „מעשׂה גדול" און דער לימוד איז גוט אויב נאָר ער איז „מבֿיא לידי מעשׂה" (קדושין מ׳, ב׳). דערפֿאַר האָט געקאָנט אין תּלמוד קומען אַזאַ זאַץ: „הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תּצא תּורה" (סנהדרין צ״ו, א׳). ווּעלן מיר דאָס דערקלערן אַנדערש ווי רש״י דערקלערט עס. עס מיינט ניט אַז אָפּשטאַמיקע פֿון רשעים זײַנען באַרימטע געלערנטע. נאָר עס מיינט, אַז פּראַקטישע ייִדישקייט פֿון עם ארצים — זי ווערט שפּעטער פֿאַרמולירט ווי תּורה. ווידער אַמאָל ניט סוף מעשׂה במחשבֿה תּחילה, נאָר פֿאַרקערט סוף מחשבֿה במעשׂה תּחילה. די פּראַקטישע ייִדישקייט ווערט שפּעטער פֿאַרמולירט אין זאַצן און פֿון אַ תּורה שבעל פּה ווערט אַ תּורה שבכתבֿ; די פּראַקטישע ייִדישקייט פֿון ייִדישן עם ארצישן אויפֿפֿיר ווערט פֿאַרמולירט אין זאַצן פֿון תּורה. און עם ארצים זײַנען די וואָס היטן, וואָס פֿירן פּראַקטישע ייִדישקייט. די פּראַקטיק פֿון עם ארצים ווערט דערהויבן צו ווערן ייִדישע תּורה. דער מקור פֿון ייִדישקייט איז די דורותדיק אײַנגעשטעלטע פֿירונגען, מנהגים. און די זײַנען אָפּגעהיט בײַ די עם ארצים. דער באַגריף פֿון

עם ארצים *) איז אַ נײַער. די מימרא שטאַמט פֿון אַן אמורא, שוין נאָך חתימת המשנה, ניטאָ אין מסורת הש״ס קיין אָנווײַז דער מאמר זאָל זײַן אין תּלמוד אַ צווייט מאָל; דער עצם אינהאַלט פֿון דער ייִדישקייט בײַ די עם ארצים איז שוין אַנדערש. דאָס זײַנען שוין די עם ארצים וואָס פֿירן שוין דעם ריכטיקן שטייגער, דעם אָנגענומענעם בײַ ייִדן בכלל. עס איז שוין ניטאָ דער אַנטאַגאָ־ניזם צווישן חבֿר און עם הארץ. דער עם הארץ איז דער באָדן, וואָס פֿון אים וואַקסט ייִדישע תּורה. דאָ איז נייטיק איבערצוחזרן בכלל דעם שטייגער פֿון די ייִדישע הלכות:

1. דער מקור איז די פֿירונגען פֿון פֿאָלק; די אייגענע, ניט די נאָכגע־מאַכטע.

2. פֿון די פֿירונגען קומען שפּעטער די פֿאָרמולירונגען אין ווערטער, אין זאַצן.

3. שטייגער־פֿירונגען, מנהגים גיבן זיך איבער פֿון דור צו דור.

4. תּלמוד מיינט שאַפֿן פֿון פֿירונגען, זאַצן און טעקסטן. לימוד מיינט — לערנען און וויסן טעקסטן וואָס זײַנען שוין פֿאַראַן.

דאָס וואָס דער זאַץ איז פֿאַראַן איין מאָל באַווײַזט אַז דער זאַץ איז נאָך ניט גע־ווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט. עס איז נאָך פֿון פֿריִער געווען די פֿריִערדיקע באַציִונג צום עם הארץ, מיט פֿאַראַכטונג, שׂינאה און אָפּלאָך. פֿון עזראס צײַטן זײַנען שוין אַריבער אַ פּאָר הונדערט יאָר. פֿאַר דער צײַט האָט זיך דער ייִדישער שטייגער פֿאַרפֿעסטיקט, איבערהויפּט אין ערדאַרבעטערישן ייִשובֿ; די עם ארצים האָבן זיך שוין פֿעסטער אײַנגעלעבט מיט די דורותדיקע טראַדיציעס, די עם ארצים זײַנען שוין די אויפֿהיטער פֿון פּראַקטישער ייִדישקייט. אַזוי גייט עס כּסדר, אין גאַנצן תּנך. קיין שום באַליידיקונג איז אין דעם וואָרט ניטאָ. אַן אַלט געזעסע־נער איז אַן עם הארץ. אַזוי איז עס אַלע מאָל אין תּנך. ערשט אין גמרא, ווי די גמרא נוצט דאָס וואָרט איז שוין פֿאַראַן דער באַגריף פֿון אַ ניט געלערנטן מענטשן, דאָ איז דער אונטערשייד צווישן עם הארץ און „חבֿר״. אויף אַ חבֿר קען מען זיך פֿאַרלאָזן, אַז ער פֿירט זיך אין אַלע פּרטים ווי די חז״ל האָבן אָנ־גענומען. אַן עם הארץ קען מען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף אים. עס קומט אויס אַז די שטענדיקע אײַנוווינער פֿון לאַנד זײַנען ניט אָפּגעהיט אין די מצוות און מען קען זיך אויף זיי ניט פֿאַרלאָזן. ערשט אין צײַט פֿון צווייטן בית המקדש

*) דער אָפּשטאַם פֿון וואָרט עם הארץ און זײַן באַטײַט אין תּלמוד (ניט ווי אין תּנך) האָט אַ סך פֿאַרשונגען און דערקלערונגען. די דערקלערונג וואָס איך ברענג דאָ, האָב איך אין דער ליטעראַטור ניט געפֿונען. אין גמרא איז עם הארץ דער קעגנזאַץ צום באַגריף חבֿר. אין תּנך איז די איבערזעצונג פֿון יהואש — דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד — די ריכטיקע.

איז אויפֿגעקומען דער נײַער אינהאַלט פֿון דער וואָרט עם הארץ. חבֿרים זײַנען קענטיק די געקומענע קיין ארץ ישׂראל. מסתמא פֿון גלות בבֿל, פֿון פּרס. די אָרטיקע, די געבליבענע אין לאַנד, ייִדן וואָס זײַנען אין גלות ניט געגאַנגען, די זײַנען דאָס די עם ארצים, די עמי הארץ, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אַסימילירט. עס באַקלאָגט זיך דער גרויסער, הויכער באַאַמטע פֿון פּערסיע — נחמיה אויף דעם ביסל ייִדן וואָס זײַנען אין גלות ניט געווען, געווען די גאַנצע צײַט אין דער „היים", אין ארץ ישׂראל און זיי האָבן זיך זייער שטאַרק אַסימילירט. די ייִדישע שפּראַך (נחמיה רופֿט זי „יהודית" — די שפּראַך פֿון יהודה) האָט מען פֿאַרגעסן, קינדערריידן „אַשדודיש", אַ שפּראַך פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, גע־מישטע חתונות אָן אַ שיר. גאַנץ מעגלעך אַז די „שומרונים", וואָס האָבן שטאַרק געשטערט דעם אויפֿבוי פֿון לאַנד, און קעגן זיי האָט נחמיה געמוזט שטאַרק קעמפֿן, ממש ווי ער דערציילט מיט איין האַנט אַרבעטן, בויען און מיט דער צווייטער האַלטן גרייט דאָס געווער זיך צו פֿאַרטיידיקן. דעמאָלט איז עס גע־וואָרן דער גרויסער אונטערשייד צווישן די געקומענע פֿון בבֿל „חבֿרים" און די געבליבענע אין לאַנד „עם ארצים, עם הארץ". ייִדישקייט איז נאָך אַמאָל געבראַכט געוואָרן קיין ישׂראל פֿון גלות.. די געקומענע פֿון גלות בבֿל זײַנען געווען אָפּגעהיט אין די מצוות און עבֿירות און די געבליבענע אין לאַנד זײַנען געווען פֿאַרגרעבט און אַסימילירט. די תּורה איז ווידער געבראַכט געוואָרן צו ייִדן פֿון גלות. די גמרא זאָגט: „ראוי היה עזרא שתּנתן תּורה על ידו". ער איז ניט קלענער פֿון משהן.

## דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק

דאָס לעבן פֿון קאָלעקטיוו באַשטייט ניט פֿון דעם פֿיזישן לעבן פֿון זײַנע יחידים. אַ וואַלד איז ניט סתּם דאָס לעבן פֿון די ביימער אין וואַלד און דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק באַשטייט ניט פֿון דער סומע פֿון דעם לעבן פֿון די יחידים אין פֿאָלק. עס מוזן נאָך זײַן דערשײַנונגען פֿון דעם קאָלעקטיוו ווי אַזאַ. די נאַטור־וויסנשאַפֿט רעדט וועגן דער ביאָלאָגיע פֿון דעם וואַלד, פֿון דער סאָזשל־קע און אַזוי מוז מען אויך ריידן וועגן די סאָציאַלע פּראָבלעמען פֿון דעם קאָ־לעקטיוו פֿאָלק. די אַלע פֿאָלק־פּראָבלעמען שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם „קולטור־קרײַז".

מיר ריידן וועגן דער „קולטור־צירקולאַציע" בײַ יעדער פֿאָלק. אויך בײַ ייִדן. אַזוי ווי אין לעבן פֿון יעדער יחיד איז די בלוט־צירקולאַציע, אַזוי איז די קולטור־צירקולאַציע בײַ אַ פֿאָלק. אין דער קולטור־צירקולאַציע האָבן מיר צוויי שטראָמען: דעם אַרויפֿשטראָם און דעם אַראָפּשטראָם. דער אַרויפֿשטראָם: דאָס לעבן פֿון דעם פֿאָלקישן עם ארצישן קאָלעקטיוון אויפֿפֿיר ביז אויספֿורעמונג אין

זאַצן, אין וואָרט, אין קונסט. דאָס איז די אויפֿגאַב פֿון דער אינטעליגענץ אין פֿאָלק. פֿאַרשפּרייטן די אויסגעפֿורעמטע דורך די קינסטלערס, מוזיקערס, שרײַבערס צוריק אין פֿאָלק אַרײַן — דאָס איז דער אָראָפּשטראָם, דאָס איז דאָס לעבן פֿון קאָלעקטיוו פֿאָלק.

## בלוט־צירקולאַציע און קולטור־צירקולאַציע

אַ מענטש לעבט כּל זמן עס לעבט אין אים די בלוט־צירקולאַציע. אַ פֿאָלק לעבט כּל זמן עס לעבט אין אים די קולטור־צירקולאַציע. דער אַרויפֿשטראָם פֿון קולטור — פֿון דעם פֿאָלקס קאָלעקטיוו, פֿון דעם פֿאָלקישן שטייגער צו די קינסטלער, וואָס פֿאַרוואַנדלען דעם פֿאָלקישן שטייגער אין קונסט און וויסנשאַפֿט, אין פּראָזע און פּאָעזיע. אָט דער אַרויפֿשטראָם פֿון קולטור מאַכט עס דאָס פֿאָלקישע שטייגערישע לעבן צו קונסט. איטלעך פֿאָלק און זײַן קונסט, און זײַן וויסנשאַפֿט. דעם פֿאָלקס נשמה איז אין די שאַפֿונגען. די שעפֿער זײַנען, דאַכט זיך, יחידים, אָבער אין די שאַפֿונגען אַנטפּלעקט זיך די נשמה פֿון דעם פֿאָלק, זײַן שטייגערישע טראַדיציע, זײַן גײַסט. איצט הייבט זיך אָן די אַראָבעט פֿון דעם אָראָפּשטראָם — פֿון די קינסטלערס צוריק צום פֿאָלק, צוריק אין פֿאָלק אַרײַן. דאָס איז די אַרבעט פֿון די שולן, פֿון אַלע קולטור־פֿאַרשפּרייטערישע אינסטיטוציעס. דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע אין פֿאָלק. אַ מענטש לעבט כּל זמן די בלוט־צירקולאַציע בײַ אים איז גאַנץ, אַ פֿאָלק לעבט כּל זמן די קולטור־צירקולאַציע בײַ אים איז גאַנץ. אַ יחיד ווערט געבאָרן אין גאַנצן נאַקעט פֿיזיש און גײַסטיק. אין משך פֿון די ערשטע יאָרן פֿון זײַן לעבן נעמט ער איבער דעם גײַסט פֿון זײַן פֿאָלק, ער לעבט זיך אַרײַן אין דער פּסיכיק פֿון זײַן פֿאָלק. ער לעבט זיך אַרײַן אין דעם גײַסט פֿון זײַן פֿאָלק. דאָס אַלץ קומט פֿאַר אָן ווערטער. ער נעמט עס אַלץ אויף ניט מיטן באַוווסטזײַן, ער קריגט עס איידער ער ווייס פֿון דעם. אַלץ וואָס דער מענטש טוט און אַלץ וואָס ער דענקט, אַלץ איז דורכגעדרונגען מיט דעם פֿאָלקישן גײַסט, וואָס ער האָט אַרײַנגענומען נאָך איידער ער האָט געקראָגן זײַן וויסן, זײַן באַוווסטזײַן. ער ווערט געבאָרן מיט די פֿיזישע אייגנשאַפֿטן פֿון זײַן פֿאָלק; פּונקט אַזוי ווערט ער געבאָרן מיט די גײַסטיקע אייגנשאַפֿטן פֿון זײַן פֿאָלק. איידער ער ווייס פֿון דעם, איז ער באַשאָנקען מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון זײַן פֿאָלק. ער האָט זיי געירשנט דורך זײַנע עלטערן פֿון אַלע פֿריִערדיקע דורות. מען קען אין די מעשׂים און אין די געדאַנקען פֿון יעדער יחיד געפֿינען דעם אָפּהילך פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות. בײַ אַ מענטשן איז עס קענטיקער ווי בײַ חיות, ווײַל מענטשן האָבן אַ שפּראַך און אַלע זייערע האַנדלונגען, אַלע זייערע רעאַגירונגען ווערן באַגלייט מיט אַרויסזאָגונגען, מיט ווערטער. דער אָנהייב פֿון קולטור איז אין די האַנדלונגען פֿון

דעם פאָלק. אַ פאָלק לעבט כּל זמן עס האָט זײַנע דורותדיקע טראַדיציעס, זײַן שטייגער האַנדלען און דענקען.

אַ מענטש ווערט געבאָרן פריִער אידער ער ווייס פון זײַן אייגענעם, פאַר־זיכיקן לעבן; אַ פאָלק ווערט אויך געבאָרן פריִער אידער עס הייבט אָן זײַן וויסיקע, באַוווסטזיניקע געשיכטע. אַבְרָהָם אָבינו איז דער ערשטער באַוווסט־זיניקער ייִד. ער האָט וויליק און באַוווסטזיניק זיך אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון זײַן משפּחה. אָבער דאָס ייִדישע פאָלק איז געבאָרן געוואָרן פריִער, אַ צײַט פריִער אידער אַבְרָהָם איז געקומען צו זײַן פאַרזיכיקן באַוווסטזײַן. די תּקופה פון לעבן פאַר זיך, נאָך אידער מען ווייס פון דעם, דאָס קען מען געפינען נאָר אין די לעגענדעס פון פאָלק. דערפאַר זײַנען בײַ ייִדן פאַראַן לעגענדעס וועגן ייִדן נאָך פאַר אַבְרָהָמען, אַזש פון שם ועבר, וואָס צו זיי, אין זייערע ישיבות האָבן די אָבות געשיקט זייערע זין צו לערנען תּורה... אָט די פאַרזיכיקייט פון האַנדלען און דענקען — דאָס שיידט אויס דעם מענטשן, דאָס שיידט אויס דאָס פאָלק פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער. ווען שטאַרבט אַ פאָלק? — ווען עס הערט אויף צו רעאַגירן, צו האַנדלען און צו דענקען פאַר זיך. אין לעבן פון אַ פאָלק, ווי אין לעבן פון אַ יחיד זײַנען פאַראַן תּקופות. די ערשטע תּקופה איז דאָס אָנבאַוווסטזיניקע אַרײַנלעבן זיך אין דעם גײַסט פון פאָלק. דאָס האָט זיך אויסגעאַרבעט דורך זײַן געשיכטע. דער כּלל פאָלק אין יעדער יחיד; אין יעדער יחיד געפינט זיך דער כּלל פאָלק. שפּעטער קומט דאָס באַוווסטזיניקע און וויליקע לעבן פון דעם יחיד אין זײַן פאָלק, די וויליקע און באַוווסטזיניקע אָנגעהעריקייט פון יחיד צום פאָלקישן דורותדיקן קאָלעקטיוו. אַ פאָלק הערט אויף צו לעבן ווען עס הערט אויף צו האָבן אייגענע פאַרזיכיקע פאָרמען און נאָרמען פון האַנדלען און רעאַגירן. דאָס פאָלק פאַרלירט זײַן פאַרזיכיק האַנד־לען און זײַן פאַרזיכיק דענקען; עס פאַרלירט זײַן פאַרזיכיק לשון. דערמיט פאַרלירט עס אויך זײַנע טראַדיציעס, זײַן פאָלקישן זכּרון. עס שטאַרבט דאָס פאָלק. דער ערשטער סימן פון אָפּשטאַרבן איז דאָס פאַרלירן די אייגענע, פאַר־זיכיקע האַנדלונגען. עס שטאַרבן יחידים. דאָס לעבן פון אַ יחיד איז זייער קורץ, עס ציילט זיך מיט יאָרן; עס שטאַרבן פעלקער. דאָס לעבן ציילט זיך מיט יאָרהונדערטער, אפשר טויזנטער. קיין אייביקייט איז בכלל ניטאָ. פעלקער שטאַרבן ווען זיי הערן אויף צו רעאַגירן אויף זייער שטייגער, ווען זיי פאַר־לירן זייער שטייגער, זייער שטייגער און זייער פאָלקישן זכּרון. דער שטייגער און לשון ווערן אָפּגעהיט איבערהויפּט דורך דעם עם ארצישן שיכט אין פאָלק. עס הייסט אַז אַ פאָלק לעבט כּל זמן עס האָט אַן אַקטיוון עם ארצישן שיכט. דאָס לעבן און שטאַרבן פון אַ פאָלק הענגט אָפּ פון דעם עם ארצישן שיכט אין דעם פאָלק. פעלקער קענען לעבן אָן געלערנטע, אָן שרײַבערס, עס קענען זײַן פעל־

קער אָן אַן אַלף בית אַפֿילו. עס קענען אָבער ניט לעבן קיין פֿעלקער אָן עם ארצים. יוחנן וואָסערטרעגער פֿירט דעם גרויסן געלערנטן, דעם אורח חיים ראַטעווען די שטאָט פֿון די סכּנות פֿון פֿאַלשע געלערנטע. יוחנן קען אַפֿילו זײַן תּהלים ניט זאָגן ריכטיק. ער סימבאָליזירט בײַ פּרצן אין דער דערציילונג אָט דעם עם ארצישן שיכט. ער האָט דעם כּוח וואָס דער אורח חיים האָט ניט... נאָך מער, נאָך ווײַטער — דער אורח חיים און אַלע געלערנטע ייִדן בכלל שטאַמען פֿון יוחנן וואַסערטרעגער, וואָס לערנען קען ער טאַקע ניט, אָבער מעשׂים פֿון טראַדיציע־שטייגער — דאָס איז זײַן דרך, זײַן וועג אין לעבן.

וואָס צייכנט אויס דעם ערשטן ייִדן, אַבֿרהמען פֿון צווישן אַלע אַנדערע? — דאָס ערשטע מאָל טרעפֿט זיך בײַ אַבֿרהמען די פֿאָדערונג וואָס ער — דער מענטש — שטעלט צו גאָט: חלילה לך, השופט כּל הארץ, לא יעשׂה מישפּט! אַבֿרהם צעברעכט דעם טאָטנס געצן. ניטאָ און עס טאָרן ניט זײַן קיין שום מאַטעריעלע אָפּבילדער פֿון גאָט; מען וואַרפֿט אַבֿרהמען אין קאַלך־אויוון, אָבער ער ווערט ניט פֿאַרברענט. דאָס זײַנען סימבאָלן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק דורך זײַן לאַנגער געשיכטע. צדקה ומישפּט פֿאַרפּליכטן אויך גאָט; גאָט איז ניט מער קיין כּוח וואָס קען טאָן וואָס ער וויל, ווי ער וויל. גאָט ווי מענטשן מוז אויך אויספֿאָלגן די געזעצן פֿון צדקה ומישפּט. ניטאָ און עס קענען ניט זײַן בײַ ייִדן קיינע מאַטעריעלע פֿאַרשטעלונגען וועגן אַ גאָט, מיט גלידער ווי אַ מענטש. דאָס אַלץ זײַנען עלעמענטן פֿון ייִדישקייט פֿון אייביקע דורות, און זיי זײַנען אַלע אָנגעגעבן בײַ דעם ערשטן ייִדן. ציט זי זיך אַזוי — די ייִדישע געשיכטע פֿון אייביק ביז אייביק צווישן פֿעלקער געצנדינער. אַנדערש, פֿאַרזיכיק איז ייִדישקייט און געבליבן אין משך פֿון טויזנטער יאָרן פֿאַרזיכיק אַנדערש.

ווער איז ניט אָפּגעהיט אין מצוות און מען קען זיך אויף אים ניט פֿאַרלאָזן? דאָס איז די וואָס זײַנען געבליבן אין לאַנד בעתן גלות, די וואָס זײַנען אין גלות גאָר ניט געגאַנגען, די עם הארץ — דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד. איז עס געוואָרן עם הארץ אַ סינאָנים פֿון אַ ייִדן וואָס מען קען זיך אויף זײַן ייִדישקייט ניט פֿאַרלאָזן. ווער איז יע באַגלייבט אין ייִדישקייט — דער „חבר", דער געקומענער פֿון גלות בבֿל.

עס איז שטאַרק צו באַוווּנדערן די גוואַלטיק גוטע השפּעה וואָס דער קורצער גלות בבֿל האָט געהאַט אויף ייִדן. מען נעמט אָן אַז עס זײַנען געווען צוויי נבֿיאים, וואָס זייערע רייד זײַנען געבראַכט אין ספֿר ישעיהו. ביז דעם קאַפּיטל מ׳ האָט גערעדט דער נבֿיא ישעיהו דער ערשטער. פֿון קאַפּיטל מ׳ און ווײַטער האָט גערעדט אַ נבֿיא אין גלות. דער ערשטער איז געווען שטאַרק אין כּעס אויף ייִדן, דער צווייטער, דער גרויסער אַנאָנים (מען רופֿט אים ישעיהו דער צוויי־

טער) האָט געמוטיקט, געטרייסט די ייִדן. עס איז אַ וווּנדער, ווי ער לאַכט אָפּ פֿון די געטער פֿון בבֿל. געוויינטלעך איז אַ פֿאָלק אין גלות געפֿאַלן בײַ זיך, האַלט פֿון זיך ווייניקער ווי פֿון הערשנדיקן פֿאָלק. ישעיהו דער צווייטער לאַכט אָפּ פֿון די בבֿלשע געטער. ער האַלט זייער פֿון פּערסיע, וואָס האָט אײַנגענומען בבֿל. געוויינטלעך האָט אַ פֿאָלק אין גלות שטאַרק דרך ארץ פֿאַרן בעל הבית־פֿאָלק, דאָס פֿאָלק — גרויס און זײַנע געטער זײַנען גרויס און מעכטיק. דער נבֿיא אין גלות איז שטאָלץ מיט זײַן ייִדיש פֿאָלק, ער לאַכט גאָר אָפּ פֿון בבֿל מיט זײַנע געטער. קענטיק אַז אין גלות האָט מען זיך שטאַרק צוגעהערט צו דעם נבֿיא. בכלל האָט דער קורצער גלות געהאַט אַ גוואַלטיק גוטע דערציִערי־שע השפּעה אויף דעם ייִדישן פֿאָלק. אַוועק אין גלות זײַנען שבֿטים, געקומען פֿון גלות איז אַ פֿאָלק מיט אַ פֿאָלקישן באַוווּסטזײַן, מיט אַ געטרײַקייט און איבערגעגעבנקייט. עזרא לייענט די תורה, וויינט דאָס פֿאָלק. עס איז אַמאָל, פֿריִער, נאָך אַ צײַט פֿאַרן גלות בעת אַ רעמאָנט געפֿונען געוואָרן אין בית המקדש אַ ספֿר (מען מיינט אַז דאָס איז געווען דער ספֿר דבֿרים). דער קייסער לייענט דעם ספֿר און וויינט. דער קייסער האָט געוויינט. בײַ עזרא וויינט דאָס גאַנצע פֿאָלק הערנדיק די תורה. דאָס גאַנצע געקומענע פֿאָלק איז באַוווּסטזיניק געטרײַע ייִדן, ניט דער קייסער אַליין. איבערהויפּט גרויס איז די געטרײַקייט צו ייִדישקייט בײַ די „חבֿרים" וואָס זײַנען געקומען פֿון בבֿל, אָבער ניט די געבליבענע אין לאַנד, די עם הארץ. דאָס פֿאָלק וואָס איז געבליבן אין לאַנד, דער עם הארץ. אָט אַזוי איז באַשאַפֿן געוואָרן דער גרויסער אונטערשייד צווישן דעם געקומענעם „חבֿר" און דעם געבליבענעם אין לאַנד „עם הארץ". די חבֿרים, די געקומענע פֿון בבֿל זײַנען אָפּגעהיט אין אַלע מצוות און עבֿירות ווי עזרא און זײַנע תּלמידים האָבן געלערנט.

פֿאַרקערט, דאָס עם הארץ — די געבליבענע אין לאַנד — פֿרעגט זיי בחרם, זיי וויסן גאָר ניט, אין גאַנצן אַסימילירט. מען דאַרף געדענקען אַז געלאָזן זיך אין דעם שווערן וועג צוריק פֿון בבֿל צו דער אַלטער היים האָבן דאָך די געטרײַסטע פֿון גלות. מען איז דאָך ניט געפֿלויגן אין אַעראָפּלאַנען, מען איז געגאַנגען אָדער געריטן אויף דעם לאַנגן וועג, אויף דעם שווערן וועג.

עס איז אַ פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט דער גלות בבֿל דערצויגן געטרײַע גוטע ייִדן און דער אומגליקלעכער גלות אשור האָט אין אַ קורצער צײַט אין גאַנצן אַסימילירט די צען שבֿטים פֿון מלכות שומרון, אַז עס איז פֿון די ייִדן קיין זכר ניט געבליבן און אין אַ הונדערט יאָר אַרום נאָכן גלות שומרון בענקט דער נבֿיא ירמיהו נאָך דעם „הבן יקיר לי אפרים" און עס איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל זיך אָפּרופֿן, אַלע אין גאַנצן אַסימילירט, ניט געבליבן מער קיין ייִדן פֿון

שומרון, פון די גאַנצע צען שבטים. אַזאַ גוואַלדיקער אונטערשייד. גלות בבל האָט ממש דערצויגן גוטע ייִדן, גלות אשור האָט די ייִדן אין גאַנצן אַסימילירט, אָפּגעמעקט געוואָרן דער ייִדישער זכרון פון שומרון. דער אונטערשייד איז גע־ווען ווי אין די פאַרטרײַבערס (אשור און בבל) אַזוי אויך אין די פאַרטריבענע (שומרון און יהודה). אין די פאַרטרײַבערס: אשור איז געווען רוצחישער, אָן רחמנות. איך האָב אַמאָל געלייענט אַן איבערזעצונג פון סנחרבֿס באַרימערייען, אַז זײַנע רײַטוועגענער זײַנען געלאָפן ביז די אַקסן אין בלוט פון די אומגע־בראַכטע פעלקער. גאָר פאַרקערט האָבן זיך באַצויגן די קייסאָרים פון בבל, איבערהויפּט פון פערסיע שפּעטער (זען מגילת אסתר). דאָס איז דער אונטער־שייד אין די באַהערשער. עס איז אָבער געווען אַן אונטערשייד אויך אין די ייִדן פון שומרון און פון יהודה.

אין מלכות שומרון זײַנען די ייִדן גופא געווען קנאַפּערע ייִדן, איידער אין מלכות יהודה. אשור האָט פאַרטריבן קנאַפּע ייִדן. בבל האָט פאַרטריבן באַ־וווסטזיניקע ייִדן. גאָר אַנדערע ייִדן זײַנען עס געווען אין יהודה. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אַסימילירן, בעת אין מלכות שומרון איז גאָר ניט געווען אַזאַ ייִדישקייט. אויב עס איז דאָ אַ ייִדיש פאָלק ביז הײַנט, איז עס פון בבל. אויך די געבליבענע אין בבל ייִדן האָבן לגמרי זיך ניט אַסימילירט. מען קען זאָגן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק בכלל פון הײַנט שטאַמט פון בבלער ייִדן.

אָט פון יענער צײַט שטאַמט עס דער נײַער באַגריף עם הארץ. די געבליבענע אין לאַנד, די עם הארץ זײַנען געוואָרן דער קעגנזאַץ צו די אָפּגעהיטענע געקומענע ייִדן. פון בבל זײַנען געקומען געטרײַע ייִדן, געלאָזט אַלע גליקן פון גלות און זיך געלאָזט איבער די דעמאָלטיקע וועגן־אומוועגן. געקומען און זיך געלאָזט בויען אַ היים פאַרן גאַנצן פאָלק. זיי האָבן געבויט מיט מסירת נפש. אַפילו אַ ייִד אַ מיניס־טער אין גלות האָט זיך געלאָזט קיין ישראל און ער האָט אַ סך אויפגעטאָן (נחמיה). דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק פון הײַנט שטאַמט דאָך איבערהויפּט פון בבל. האָט דאָך דאָס ייִדישע פאָלק אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער איבער־הויפּט געלערנט דעם „תלמוד בבלי". די אמתע, געטרײַע, איבערגעגעבענע ייִדן זײַנען געווען די געקומענע פון בבל, ניט די אַלטגעזעסענע אײַנוווינער פון לאַנד, ניט די עם ארצים. עס איז דערגאַנגען ביז צו אַזאַ מאמר „אין פורעניות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ" (בבא בתרא ח') — אַלע צרות נעמען זיך צוליב די עם ארצים. אָדער נאָך מער, נאָך ווײַטער: „ממזר תלמיד חכם קודם לכוהן גדול עם הארץ (הוריות י"ג). די עם ארצים האָבן אויך גאָר ניט ליב געהאַט די תלמידי חכמים. דער נאָמען תלמיד חכם האָט פאַרביטן דעם פריִער־דיקן נאָמען „חבר". פאַראַן זייער פיל אַזוינע מאמרים אין תלמוד. און פאַר־

קערט איז מיר אַ סך ליבער אַ פֿאַרקערטער מאמר אין גמרא: „הזהרו מבני עם הארץ שמהם תצא תורה" (סנהדרין צ"ו, א'). דווקא די מימרא איז ווייניקער באַקאַנט. אָבער דווקא די מימרא איז מיר זייער ליב. מיר דוכט זיך אַז דווקא דער מאמר כאַראַקטעריזירט ריכטיק די אַנטוויקלונג פֿון ייִדישקייט בכלל. לאָמיר דאָס דערקלערן: ייִדישקייט, ייִדישע רעליגיע שיידט זיך אונטער פֿון אַלע אַנדערע רעליגיעס בײַ די אַלע אייראָפּעיִשע פֿעלקער (און אויך אַמעריקע!). אַלע פֿעלקער האָבן אַ רעליגיע איבערגענומען פֿאַרטיקערהייט. בײַ דעם ייִדישן פֿאָלק איז די רעליגיע אָבער געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט. פֿון די עשׂרת הדיברות ביז דעם „שולחן ערוך" — אַ ווײַטער מהלך. ווי ווערט געשאַפֿן אַ דין, אַ מצווה? עס איז לגמרי ניט אַזוי אײנפֿאַך: עס האָבן זיך אַוועקגעזעצט די רבנים און געשאַפֿן דינים. אַזוי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט נאַיִווע משׂכּילים (זען „הדת והחיים" פֿון ר. א. ברווידעס). אין דער אמתן איז עס לגמרי אַנדערש. די רעליגיע בכלל און יעדער דין בפֿרט וואַקסט אַן ביסלעכווײַז. בראשית איז עס אַ מינהג. ייִדן פֿירן זיך אַזוי. למשל, מען עסט שבת אין דער פֿרי רעטשישניק (אַ טייגעכץ פֿון רעטשענע מעל). אַזאַ מינהג איז געווען בײַ ווילנער ייִדן. ווען אַזאַ מינהג פֿאַרפֿעסטיקט זיך, ווערט פֿאַרשפּרייט, ווערט פֿון אַ מינהג אַ דין. כ'האָב ערגעץ געזען אין אַ ספֿר: „ונוהגין לאכול קוגל" — עס איז אַ שטייגער צו עסן שבת קוגל. געשריבן האָט ער לשון קודש (העברעיִש), אָבער קיין העברעיִש וואָרט פֿאַר קוגל איז ניט געווען, שרײַבט ער דעם וואָרט אין ייִדיש. עס הייסט אַז דער אונטערשייד צווישן אַ מינהג און אַ דין איז אין עלטער און אין פֿאַרשפּרייטקייט. מיר נוצן תּפֿילין אָדער רש"יס אָדער דעם רבינו תמס. ווי האָבן אָבער ייִדן זיך געפֿירט פֿאַר רשי? ווייס איך ניט. עס איז אַן אָפּשטאַם פֿון אַן אוראַלטן מינהג „טוטפֿות" (יהואש פֿאַרטײַטשט שטערנבאַנד). קענטיק אַז גאָר אַמאָל איז עס בײַ די אורפֿאָרצײַטיקע ייִדן געווען אַ מין צירונג צו טראָגן צווישן די אויגן (בין עיניך). דער נאָמען פֿון דער צירונג איז געווען „טוטפֿות". אין משך פֿון אַ סך דורות איז פֿון דעם געוואָרן די הײַנטיקע תּפֿילין. אַן ענלעכן פּראָצעס האָט דורכגעמאַכט די מצווה פֿון מצה, טלית וכדומה. וואָס עלטער אַלץ מער פֿאַרהייליקט איז די מצווה. ווי שוין פֿריִער דערמאָנט דער זאַץ: „ונוהגים לאכול קוגל" — אַ מינהג בײַ ייִדן צו עסן שבת קוגל. קיין דין, קיין מצווה איז דאָס נאָך ניט געוואָרן... אַזוי גייט עס: מינהג, אַלגעמיינער מינהג, דין — מצווה. בײַ די ייִדן קען מען געפֿינען אַלע סטאַדיעס פֿון די מצוות. פֿון מינהג ביז מצווה. דאָס איז דערפֿאַר וואָס די ייִדישע רעליגיע איז אַן אָרגאַניש אייגענע, אַ ייִדישע פֿון אָנהייב אָן. בעת אַנדערע פֿעלקער האָבן דאָך איבערגענומען רעליגיעס מיט מינהגים פֿון אַנדערע פֿעלקער.

## תּקופֿות אין דער ייִדישער געשיכטע

די געשיכטע פֿון אַנדערע פֿעלקער ציט זיך ווי איין שטראָם. אָנגעהויבן גייט זי אַזוי איין און דער זעלביקער שטראָם ביז דאָס פֿאָלק גייט אונטער. גע־באָרן, געלעבט און געשטאָרבן. דאָס ייִדישע פֿאָלק אָבער האָט ניט איין גע־שיכטע. נאָך אין גמרא איז פֿאַראַן אָנגעגעבן, אַז גאָט האָט צעשפּרייט די ייִדן איבער דער וועלט, בײַ פֿאַרשיידענע פֿעלקער, כּדי מען זאָל זיי ניט קענען אומ־ברענגען מיט איין מאָל. עס איז ניט איין געשיכטע, נאָר אַ סך. וויפֿל לענדער, מדינות, אַזוי פֿיל געשיכטעס. אין איין לאַנד ענדיקט זיך די געשיכטע פֿון ייִדן, לעבט אָבער דאָס פֿאָלק ישׂראל אין אַנדערע מדינות, אין אַנדערע לענדער. וויפֿל לענדער, אַזוי פֿיל גורלות, אַזוי פֿיל געשיכטעס. האַלט עס די גמרא פֿאַר אַ גליק, וואָס גאָט האָט עס באַשערט דעם ייִדישן פֿאָלק (פּסחים פּ״ז, ב׳).

דובנאָוו האָט געוואָלט שרײַבן די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק — איין פֿאָלק איז אויך איין געשיכטע. אַרויס זײַנען אָבער אַ סך געשיכטעס פֿון אַ סך ייִדי־שע שבֿטים. יעדער שבֿט מיט זײַן געשיכטע אין זײַן תּקופֿה. איין פֿאָלק מיט אַ סך געשיכטעס פֿון אַ סך שבֿטים.

„איך פֿאַל, איך הייב זיך אויף און גיי ווײַטער״ — אַזוי כאַראַקטעריזירט די ייִדישע געשיכטע אַ פּאָעט (לייוויק), אָבער דאָס איז אפֿשר ריכטיק בנוגע צו דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, ייִדישקייט בכלל. עס איז אָבער ניט ריכטיק פֿאַר באַזונדערע ייִדישע שבֿטים. אַ סך שבֿטים ייִדישע זײַנען אונטערגעגאַנגען און זיי זײַנען קיין תּחית המתים ניט אויפֿגעשטאַנען. קיין געשטאָרבענע זײַנען ניט אויפֿגעקומען צוריק. דאָס האָט איטלעך מאָל אַן אַנדער שבֿט איבערגענומען די ירושה און געפֿירט ווײַטער די געשיכטע פֿון גאַנצן פֿאָלק. דער שבֿט וואָס ער פֿירט די געשיכטע אין זײַן צײַט, דאָס איז דער העגעמאָן־שבֿט, וואָס נעמט איבער די ירושה פֿון די אומגעקומענע שבֿטים און פֿירט ווײַטער די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿון ייִדישקייט.

די ערשטע משנה פֿון מסכתּא אבֿות פּרוווט געבן די איבערגאַנגען פֿון דער ייִדישער געשיכטע — משה, די שופֿטים, די נבֿיאים, די כּנסת הגדולה. מיר וועלן אַנדערש רעכענען די תּקופֿות: די ערשטע, אומבאַוווסטזיניקע תּקופֿה (ביז אַבֿרהמען); די אבֿות (ביז יציאת מצרים); וואַנדער־תּקופֿה אין מידבר און משה; פֿאַרזיכיקע מדינה; גלות בבֿל; בית שני; תּקופֿת פּרס — די גליקלעכע און די חשמונאים־תּקופֿה — דאָס אָנוואַקסן פֿון גלותן; תּלמודישע תּקופֿה אין אַזיע; אין אייראָפּע; דאָס אָנוואַקסן פֿון אַן אייגענער ייִדישער שפּראַך, די אָפּ־שוואַכונג פֿון ייִדיש־לשון און די טראַגישע רעזולטאַטן פֿון דעם. דאָ האַלטן מיר איצט.

יעדער נײַער העגעמאָן־שבֿט ירשנט די ייִדישקייט פֿון די פֿריִערדיקע תּקופֿות און פּאַסט זי צו צו זײַן צײַט, צו זײַן לעבן.

## צווייערליי ירושות

ירושות קענען זײַן פֿון צוויי מינים. מען ירשנט צירונג, ווי די באָבע האָט עס גענוצט. מען ענדערט ניט די צירונג, זיי בלײַבן ווי געווען, און פֿאַראַן ירושה ווי למשל, אַ קאַפּיטאַל אין וואַקסן, אין ענדערן זיך, ווען עס איז גאָר שווער צו זאָגן וווּ איז די געירשנטע און וווּ איז דאָס נײַע. עס איז ירושה אין וואַקסן. בײַם איבערנעמען די ירושות פֿון ייִדישקייט איז אַלע מאָל פֿאַראַן אַ קאַמף צווישן דעם אַלטן מיט דעם נײַעם, די ירושה־ייִדישקייט מיט דעם נײַעם שטייגער, מיט דעם וואָס האַלט אין אַנוואַקסן. מיר לעבן איצט אין צײַט פֿון אַזאַ איבערגאַנג פֿון דער שטעטל־תּקופֿה צום אורבאַניזם; פֿון דער שטעטלשער ייִדישקייט אין אייראָפּע צו דער נײַער ייִדישקייט אין אַמעריקאַנער אורבאַניזם און צו דער באַנײַטער מדינה־פֿאַרזיכיקייט.

דאָס לעבן פֿון פֿאָלק אין אַ תּקופֿה באַשטייט אין דער קולטור־צירקולאַציע: שטייגער, אַרויפֿשטראָם און אַראָפּשטראָם צוריק אין לעבן פֿון פֿאָלקישע מאַסן. איז די קולטור־צירקולאַציע גאַנץ, איז דאָס לעבן פֿון פֿאָלק געזיכערט. די גאַנצע זאָרג פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק הייבט זיך אָן איצט ווײַל די קולטור־צירקולאַציע איז ניט גאַנץ. די קולטור־צירקולאַציע הייבט זיך אָן מיט דעם עם ארצישן שטייגער. קומען מיר ווידער צו דער ראָל פֿון די עם ארצים אין קיום פֿון פֿאָלק. איצט איז דער קאַמף ניט בלויז צווישן דער נײַער און דער אַלטער ייִדישקייט, עס גייט אַ קאַמף צווישן דער אָרגאַנישער ייִדישקייט פֿון אונדזער אייגענער ירושה און די פֿרעמדע קולטור־השפּעות און פֿרעמדע שפּראַכן.

שפּראַכן זײַנען ניט בלויז אַ מיטל זיך צו קאָמוניקירן, זיך צו פֿאַרשטיין, שפּראַך פֿאַר זיך איז דער זיכּרון פֿון פֿאָלק פֿאַר אַלע די גײַסטיקע ווערטן, וואָס האָבן ניט קיין נאָמען אין דעם ניגלה פֿון פֿאָלק. האָבן מיר דאָ אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם באַגריף ניגלה און ניסתּר אין דער קולטור פֿון אַ פֿאָלק. ניגלה איז אַל דאָס וואָס קען אָנגערופֿן ווערן, וואָס האָט אַ נאָמען. אָבער דער גאַנצער ניגלה איז בלויז איין קליינער טייל פֿון דעם פֿאָלקס גײַסט. און אָט דער גײַסט איז אַ סך רײַכער און פֿילזײַטיקער פֿון דעם אַלץ וואָס קען אָנגערופֿן ווערן מיט ווערטער, מיט נעמען. נאָר אַ טייל פֿון פֿאָלקס גײַסט קען זיך אויסדריקן אין ווערטער און אין אַלערליי קונסטן.

דער גײַסט פֿון אַ פֿאָלק בכלל אָבער איז אַ קוואַל ניט אויסצושעפּן, און וויפֿל מען שעפּט ניט פֿון דעם קוואַל, אַלץ רײַכער ווערט דער קוואַל און

גאַנץ מעגלעך אַז קיין שום פֿאָלק קען ניט אויסשעפּן זײַן גאַנצן ניסתר. אַט פֿאַרוואָס פֿעלקער קעמפֿן אַזוי פֿאַר זייער שפּראַך. איטלעך פֿאָלק האַלט טײַער זײַן ירושה, און די ירושה איז ניט אויסצושעפּן, ניט אַנטפּלעקט צו ווערן. דער גאַנצער גײַסט פֿון פֿאָלק, זײַן נשמה האַלט זיך אויף אין זײַן שפּראַך. פֿעלקער וואָס האָבן זיך ליב, וואָס האָבן ליב זייער פֿאָלקישן גײַסט, ווילן בשום אופֿן ניט אָפּזאָגן זיך פֿון זייער שפּראַך, פֿון זייער גאַנצער נשמה. ווי אַ קוואַל פֿון וואַסער וואָס מען קען ניט אויסשעפּן, אַזוי איז די נשמה פֿון אַ פֿאָלק. וואָס עלטער אַ פֿאָלק, אַלץ רײַכער זײַן ניסתר, זײַן פֿאַרבאָרגענער גײַסט, וואָס זײַן הויפּט־אַנטפּלעקער איז די שפּראַך. אוראַלטע שפּראַך פֿאַרלאָזט — דערשטיקט דעם גײַסט פֿון פֿאָלק, זײַן נשמה און זײַן שעפֿערישקייט. אין יעדער שאַפֿונג אַפֿילו פֿון אַ יחיד ליגט דער גײַסט, די נשמה פֿון דעם כּלל־פֿאָלק פֿון אַלע דורות ביז איר און די ירושה פֿאַר ווײַטערדיקע דורות. מען האָט ניט דער־לויבט צו פֿאַרשרײַבן קיין הלכות, ווײַל וואָס פֿאַרשריבן איז שוין דער לעצ־טער סך הכּול און אַ לעבעדיק פֿאָלק טאָר ניט און וויל ניט מאַכן אַזאַ סוף פּסוק, אַזאַ יתגדל ויתקדש. דאָ איז געלעגן די נשמה פֿון דעם לאַנגן געראַנגל צווישן די פּרושים און צדוקים אַמאָל און ער גייט אָן אויך הײַנט און וועט מסתּמא זיך ציִען כּל זמן דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט לעבן. צדוקים וואָס האָבן זיך געהאַלטן מסתּמא פֿאַר די צדיקים, האָבן די גאַנצע ייִדיש־קייט געזען אין דער תּורת משה. זי איז געענדיקט, שוין אין גאַנצן פֿאַר־שריבן בכתב, ווי זי איז געגעבן געוואָרן. דאָס, מיט וואָס דאָס פֿאָלק לעבט איצט, אין זייער צײַט, דאָס איז ניט וויכטיק. די גאַנצע ייִדישקייט איז שוין פֿאַרמולירט און געפֿורעמט און זי קען ניט און דאַרף ניט באַנײַט ווערן. ייִדיש־קייט איז ווי אַן אוצר וואָס גייט איבער ניט געענדערט פֿון עלטערן צו קינדער. און דער אוצר דאָס איז די תּורת משה, וואָס איז איין מאָל געגעבן געוואָרן, און מען טאָר גאָרניט ענדערן אין איר. פֿאַרקערט זײַנען געווען די פּרושים, די „פֿאָלקיסטן" פֿון יענע צײַטן. דאָס וואָס איז לעבעדיק און אַקטיוו אין פֿאָלק דאָס איז אַלץ ייִדישקייט, גלײַך ווי געגעבן פֿון גאָט, אויפֿן באַרג סיני. מתּן תּורה איז אַ פּראָצעס וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ, אַן אייביקער פּראָצעס, כּל זמן דאָס פֿאָלק לעבט און אַלץ וואָס דאָס פֿאָלק לעבט מיט דעם, אַלץ איז געגעבן גלײַך, דאָס פֿאַרשריבענע איז שוין ניט לעבעדיק, דאָס וואָס לעבט קען ניט פֿאַרשריבן ווערן, טאָר ניט פֿאַרשריבן ווערן; דאָס וואָס לעבט, דאַרף ניט פֿאַרשריבן ווערן, טאָר ניט פֿאַרשריבן ווערן, איז שוין ווי געשטאָרבן; אַלץ וואָס לעבט ענדערט זיך בסדר, מוז זיך ענדערן. איז „פּעמים שביטולה של תּורה זוהי יסודה" (מנחות צ"ט). דאָס נײַע ווי דאָס אַלטע, אַלץ וואָס פֿון פֿאָלק איז געטלעך, איז פֿון גאָט, אַל דאָס פֿאָלקישע איז געטלעך. אין יעדער תּקופֿה הייבט זיך די קולטור אָן פֿון

די עם ארצים, און זייער שטייגער, וואָס ווערט געפֿירט סתּם ווי אַלטע טראַדי־ציעס, אָן חשבונות, געוווינהייטן, מנהגים. פֿון דאַנען די גאַנצע קולטור־צירקו־לאַציע אין פֿאָלק, פֿון דאַנען הייסט עס דאָס גאַנצע פֿאָלקישע לעבן. דאָס אַלטע לעבן, דער אַלטער שטייגער טרעט אָפּ זײַן אָרט דעם נײַעם שטייגער. און אָט דער איבערגאַנג פֿון אַלטן צום נײַעם איז קיין מאָל ניט קיין שלומדיקער. אַלע מאָל זײַנען פֿאַראַן שיכטן אין פֿאָלק, וואָס האַלטן זיך פֿעסט פֿאַר דעם אַלטן און זיי באַמיִען זיך אײַנצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס, ניט אָפּגעבן דאָס אָרט דעם נײַעם לעבן, דעם נײַעם שטייגער.

דער ערשטער איבערברוך, דער איבערגאַנג פֿון וואַנדער־תּקופֿה צו דער ערדאַרבעט־תּקופֿה איז פֿאָרגעקומען גאָר פֿאַרצײַטן. שווער צו געפֿינען שפּורן פֿון יענעם איבערגאַנג. אַנדערש אָבער איז דער איבערגאַנג איצט אין דער באַהאַנדלטער תּקופֿה.

וואָס פֿאַר אַ צוויי כּוחות זײַנען איצט דאָ? — עס איז דאָ די געפֿאָרמירטע, געפֿורעמטע תּורת משה און עס איז דאָ דאָס לעבן פֿון פֿאָלק. אַ גרויסער מרחק צווישן די צוויי ייִדישקייטן. ער איז אָנגעוואַקסן נאָך לאַנג פֿריִער. עס ווערט דערציילט אין תּנך אַז בעת אַ רעמאָנט אין בית המקדש האָט מען געפֿונען אַ ספֿר. דער ספֿר קומט צום קייסער. עס איז נאָך פֿאַרן ערשטן חורבן, פֿאַר גלות בבֿל. אָבער עס איז שוין פֿאַראַן אַ דיסטאַנץ צווישן דעם לעבעדיקן שטייגער פֿון לעבעדיקן פֿאָלק און צווישן דער ייִדישקייט וואָס עס איז פֿאַראַן פֿאַרשריבן אין דעם ספֿר וואָס מען האָט געפֿונען. דער קייסער וויינט בײַם לייענען: ווי ווײַט דאָס לעבן איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער ייִדישקייט וואָס איז פֿאַרשריבן אין דער תּורה וואָס מען האָט געפֿונען... נאָך שפּעטער — עזרא לייענט און דערקלערט דעם פֿאָלק די תּורה וואָס ער האָט געבראַכט פֿון בבֿל. דאָס ייִדישע פֿאָלק הערט מיט אַ געוויין: ווי אָפּגעשטאַנען עס לעבט, ניט ווי עס שטייט אין דער תּורה: צוויי פֿאַרשידענע ייִדישקייטן זײַנען דאָס — די געשריבענע ייִדיש־קייט און די ייִדישקייט פֿון פּראַקטישן לעבן. דאָס פֿאָלק הערט וואָס עזרא לייענט און עס וויינט: דאָס לעבן שטימט ניט מיט דער תּורה! עס וויינט דער קייסער, עס וויינט דאָס גאַנצע פֿאָלק. די דיסטאַנץ איז אָבער געבליבן, וויפֿל עזרא האָט זיך באַמיט מיט זײַנע „תּקנות עזרא", האָט עס דאָך ניט געבראַכט צו אַן איינ־שטימונג, די דיסטאַנץ איז געבליבן. דערווײַל איז דורך די פּערסישע תּקופֿה אין ייִדישקייט. די תּקופֿה האָט אַרײַנגעבראַכט גרויסע ענדערונגען אין דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק. מיר מוזן דאָ זיך אָפּשטעלן אויף די נײַעסן אין דער פּסיכיק.

פֿאַראַנען צוויי סאָרטן תּקופֿות. פֿאַראַן תּקופֿות אין דער ייִדישער געשיכ־טע וואָס דערדריקן די שטימונג, דאָס פֿאָלק פֿילט זיך שלעכט און דערדריקט:

אונדזער ייִדישקייט איז אַ שלעכטע, אַ פֿאַלשע, מיר זײַנען אַוועק פֿון דער ריכ־טיקער ייִדישקייט ווי זי איז פֿאָרמולירט אין דער תּורה. און עס זײַנען פֿאַראַן תּקופֿות וואָס דערמוטיקן דאָס פֿאָלק. די תּקופֿה פֿון די גרויסע נבֿיאים אין סוף פֿון ערשטן בית איז אַ בייזע באַשולדיקונג קעגן דעם פֿאָלק און זײַן פֿירונג. דאָס פֿאָלק איז שלעכט. די תּורה איז די ריכטיקע ייִדישקייט, דאָס פֿאָלק איז שלעכט. דער גלות בבֿל טראָגט אַרײַן אַ נײַע שטימונג. די נבֿיאים אין גלות און נאָכן גלות האָבן ניט קיין טענות צום פֿאָלק. די גאַנצע פּערסישע תּקופֿה — די בעסטע תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע: אַ פּאָר הונדערט יאָר אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע, דאָס פֿאָלק האָט זיך אײַנגעלעבט, פֿאַרפֿעסטיקט, האָט זיך אויך די שטימונג בײַם פֿאָלק געביטן: מער צוטרוי און מער גלויבן אין זיך, אין דער אייגענער פֿאָלקישקייט. איז געקומען אויך אַ נײַע באַציִונג צום שטייגער פֿון פֿאָלק, צום אויפֿפֿיר, צום פֿאָלקישן שטייגער. זײַנען אין פֿאָלק פֿאַראַן צוויי ריכטונגען:

איין ריכטונג האַלט אַז די איינציקע ריכטיקע ייִדישקייט איז די תּורת משה און מען דאַרף ניט לייגן קיין אַכט אויף דעם אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאָלק פֿירט זיך שלעכט.

די צווייטע ריכטונג האַלט פֿאַרקערט: ייִדישקייט איז ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך. קוים פֿירט זיך דאָס פֿאָלק אַזוי, איז דאָס די ריכטיקע ייִדישקייט. עס שטימט ניט מיט דער תּורה, איז דאָס ווײַל עס זײַנען בײַ ייִדן פֿאַראַן צוויי תּורות. איינע איז „מדאורייתא", פֿון דער פֿאַרשריבענער תּורה, און די צווייטע איז פֿון דעם אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק. זי איז „מדרבנן" — פֿון אונדזערע געלערנטע, די פֿאַרצײַטיקע תּורה און די איצטיקע. צוויי תּורות זײַנען דאָס... זײַנען דאָס צוויי ריכטונגען. דאָס איז דער אָפּשטאַם פֿון די צוויי הויפּט־פּאַרטייען ביי ייִדן — די פּרושים און די צדוקים. די צדוקים האָבן געהאַלטן נאָר פֿון תּורת משה. דעם פֿאָלקס פֿירונג איז לגמרי ניט וויכטיק, ניט אָנצונעמען. די פּרושים, פֿאַר־קערט, האָבן געהאַלטן: די תּורת משה, ווי זי איז פֿאַרשריבן, איז איין תּורה, איין ייִדישקייט, און אַחוץ דער איז דאָ נאָך אַ צווייטע ייִדישקייט אין שטייגער און פֿירונג פֿון פֿאָלק. אַז אַ צדוקי פֿרעגט בײַ שמאי וויפֿל תּורות זײַנען דאָס פֿאַראַן בײַ ייִדן, ענטפֿערט שמאי קלאָר און דײַטלעך — צוויי תּורות בײַ ייִדן: איינע איז „מדאורייתא", פֿון דער תּורת משה, און די צווייטע „מדרבנן" — פֿון פֿאָלקס פֿירונג, ווי די געלערנטע פֿאָרמולירן עס. די נעמען פֿון די צוויי ריכ־טונגען זײַנען פֿאַר אונדז דאָ ניט וויכטיק, מיר וועלן זיך מיט דעם ניט פֿאַר־נעמען דאָ. און דער קאַמף צווישן די צוויי ריכטונגען איז געווען אַ פֿאַרבי־טערטער. פֿון „ספֿרים של צדוקים" ווייסן מיר אייגנטלעך גאָרניט. עס זײַנען

דאָך ניט איבֿנגעהיט געוואָרן בײַ אונדז די ספֿרים פֿון די צדוקים. פֿאַרקערט, איז די גאַנצע תּורה וואָס בײַ אונדז אין דער רעדאַקציע פֿון די פּרושים. די צדוקים זײַנען דאָך אין גאַנצן אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער ייִדישקייט, ניט געבליבן פֿון זיי גאָרניט, ניט זיי אַליין אויך ניט. די צדוקים האָבן פֿאַרענדיקט די געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. די גאַנצע ווײַטערדיקע געשיכטע פֿון ייִדנטום שטאַמט נאָר פֿון די פּרושים. מיר קענען הײַנט אַרויספֿירן פֿון דער געשיכטע דעם איינציקן ריכטיקן אויספֿיר: אַ לעבעדיק פֿאָלק קען אײַנהיטן זײַן תּורה, די פֿאַרשריבענע תּורה קען אָבער ניט אײַנהיטן דאָס פֿאָלק. דער אויספֿיר הײַנט וואָלט געקלונגען: דער קיום פֿון פֿאָלק איז אין דעם לעבעדקן שטייגער. מיר שטייען איצט אין אַן איבערגאַנג — פֿון שטעטל צו שטאָט, פֿון מיזרח־אייראָפּע צו נײַע לענדער, וואָס איז בכן וויכטיקער פֿאַרן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק הײַנט: די פֿאַרשריבענע תּורה אָדער די ייִדישקייט ווי זי האָט געלעבט אין דער געענדיקטער תּקופֿה, אין שטעטל? מיר גייען און דאַרפֿן גיין אין וועג פֿון פֿאַרצײַטיקע פּרושים; מיר דאַרפֿן ייִדישקייט פֿון שטעטל פֿאַרוואַנדלען אין אַ תּורה.

וויפֿל ייִדישקייטן זײַנען פֿאַראַן? — האָט אין זײַן צײַט שמאי געענטפֿערט — צוויי. הײַנט וואָלט שמאי געענטפֿערט — דרײַ ייִדישקייטן זײַנען פֿאַראַן: די תּנכישע, די בבֿלישע און די תּלמודיש־אייראָפּעישע.

דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן ירמיהו וואָס האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן חורבן און צווישן ר׳ יוחנן בן זכאי, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם צווייטן חורבן. ירמיהו קלאָגט און וויינט אויפֿן חורבן פֿון לאַנד: ער ווייס, אַז מיטן חורבן פֿון לאַנד שומרון איז אויך חרובֿ געוואָרן דאָס פֿאָלק ישׂראל פֿון שומרון. קלאָגט ער אויפֿן חורבן פֿון לאַנד, וואָס איז אויך דער חורבן פֿון פֿאָלק. אָבער רבן יוחנן בן זכאי וויינט ניט, קלאָגט ניט. מיט דעם חורבן פֿון לאַנד ווערט דאָס פֿאָלק ניט חרובֿ, כּל זמן עס האָט נאָך אַן אייגענעם שטייגער, אייגענע פֿירונגען. איז ער געלאָפֿן פֿון כּמעט חרובֿן ירושלים אין דעם שטילן דערפֿל יבֿנה און דאָרטן „מתקן געווען תּקנות". פֿאַר אים איז שוין געווען קלאָר: ניט לאַנד, ניט מדינה, ניט פּאָליטישע פֿאַרזיכיקייט נײַערט פֿאַרזיכיקער שטייגער און אויפֿפֿיר וועט אויפֿבאַהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק אַפֿילו אין פּאָליטישער אָפּהענגיקייט. כאַראַקטעריסטיש איז אַזאַ מאמר אין גמרא: „ווען די חכמים זײַנען אַרײַן אין „ווײַנגאָרטן פֿון יבֿנה", האָבן זיי געזאָגט „די תּורה האָט אין פֿאַרגעסן ווערן", האָבן זיי גענומען און מחדש געווען אַ הלכה. די הלכה וועט עס יע קענען אויפֿהאַלטן מער און בעסער ווי די צעקריגטע ירושלים. ירמיהו האָט אויך געגלייבט אין גלות. די וואָס גייען אין גלות זײַנען ווי די גוטע פֿײַגן, בעת די ייִדן וואָס בלײַבן אין לאַנד ישׂראל זײַנען ווי די שלעכטע פֿײַגן. אָבער ער

האָט ניט געהאַט קיין זיכערקייט אין קיום פֿון פֿאָלק. דער בײַשפּיל פֿון דעם הבן יקיר לי אפרים, דער „ילד שעשועים״, וואָס איז אויסגעגאַנגען גלײַך מיטן גיין אין גלות, האָט געשראָקן דעם נביא. רבן יוחנן בן זכאי האָט שוין גע־גלייבט אין דער הלכה מער ווי אין דער מלוכה. די מלוכה גייט אונטער, זאָל בלײַבן די הלכה, וועט זי אויפֿטאָן מער ווי די מלוכה. די מלוכה גייט אונטער אין בלוט, וואָס ווערט פֿאַרגאָסן פֿון דרויסן — דורך רוים און אינעווייניק — דורך די צעקריגטע ייִדן אַליין, טאָ זאָל שוין בעסער זײַן אַ רויִקע אָפּהענגיקייט איידער אַזאַ שלימזלדיקע פֿאַרזיכיקייט ווי בײַ דער חשמונאים־דינאַסטיע. אָבער כּדי די הלכה זאָל באמת קענען דערפֿילן איר אויפֿגאַב צו דערהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק דאַרף זי דאָך דורכמאַכן דעם פֿולן ציקל פֿון דער קולטור־צירקולאַ־ציע: פֿון שטייגער צו דער פֿאַרמולירונג און צוריק אין שטייגער אַרײַן.

קיין מאָל נאָך איז די קולטור־צירקולאַציע ניט געווען אַזוי ווי אין די צײַטן פֿון חז״ל. איבערהויפּט האָבן זיי זיך פֿאַרנומען מיט דעם שטייגער פֿון פֿאָלק. געשעפּט האָבן זיי טאַקע פֿון לעבן גופֿא, ניט פֿון תורת משה. אין די ישיבֿות האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט דעם פֿורעמען און פֿאַרמולירן דעם שטייגער — פֿון פֿאָלקישן שטייגער אין די ישיבֿות אַרײַן. דאָס איז דער אַרויפֿשטראָם. גאַנץ און פֿול איז אויך געווען דער אַראָפּשטראָם — פֿון די ישיבֿות צוריק אין פֿאָלקס לעבן אַרײַן. דער גאַנצער תּנך איז געווען „מקרא״ — לעקטור, צום לייענען. אין דער לעבעדיקער קולטור־צירקולאַציע האָט דער פּסוק, דער מקרא, קיין אָרט ניט פֿאַרנומען. דאָס איז דער זינען פֿון דעם פּסק פֿון חז״ל, אַז פֿאַרן פֿאַר־נעמען זיך מיט מקרא איז דער שׂכר דער קלענסטער. עס מיינט ניט, אַז פֿאַר דעם קומט אַ קלענערער חלק עולם הבא, איך טײַטש עס אויס, אַז דאָס העלפֿט ווייניקער דעם קיום האומה, פֿאַר דעם װײַטערדיקן קיום פֿון פֿאָלק אויף דער וועלט, פֿאַר דעם עולם־הבא — דעם קומענדיקן לעבן פֿון פֿאָלק. די פּראַקטיקע נבֿיאישע דרשות שטאַמען דאָך ניט פֿון פֿאָלקס לעבן; די זאַמען פֿון די גרויסע און מעכטיקע נבֿואות זײַנען ניט געווען פֿאַרזייט אין באָדן פֿון פֿאָלקס לעבן. זיי קענען באַגײַסטערן דעם לייענער, אָבער זייער פֿאַקטישע השפּעה אויף דעם לעבן פֿון פֿאָלק איז די קלענסטע, זיי גייען ניט אַרײַן אין דעם פּראָצעס פֿון דער קולטור־צירקולאַציע. ניטאָ אין דער גמרא קיין פֿראַגמענט, וואָס זאָל זיך קענען פֿאַרגלײַכן מיט אַ קאַפּיטל נבֿואה, אָבער עס איז „אויב ניט נאָך העכער״ — עס איז דורך און דורך פֿון פֿאָלק, פֿאָלקיש איז דאָס, האָט עס געקאָנט אַרײַן אין דער קולטור־צירקולאַציע — פֿון פֿאָלקישן עם ארצישן שטייגער דורך דער פֿאַראײַנהייטלעכונג און פֿורעמונג אין די ישיבֿות און צוריק אין פֿאָלקס לעבן אַרײַן, אין זײַן שטייגער. פֿאַר דעם וועט יע דער דער ייִדישער גאָט באַצאָלן: עס איז אַ פֿעסטער ציגל אין דער אייביקייט פֿון פֿאָלק, אין זײַן קיום. פֿאַרן

פֿאַרנעמען זיך מיט דער תּלמודישער ליטעראַטור וועט גאָט — דער ייִדישער גאָט — צאָלן דעם פֿולן פּרײַז. דאָס איז דער קיום האומה. און טאַקע דערפֿאַר האָבן גויים אַזוי געהאַסט דעם תּלמוד. דער תּנך, פֿאַרקערט, איז בײַ זיי הייליק וואָס הייליקער קען גאָר ניט זײַן. מיט דעם הייליקן תּנך און מיט געזאַנגען פֿון אונדזער תּהלים האָט מען געברענט ייִדן אויף אַלע „הייליקע" פֿײַערן, און דער „גאָט פֿון רחמנות" האָט עס אַזוי ליב געהאַט צו זען ווי די זינדיקע ייִדן פּרעג־לען זיך אין זייער אייגן פֿעטס. דער גאָט אַזוי ווי זײַנע מענטשן. דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט זײַן אַזוי מיטן תּלמוד: האַלט מען שוין פֿון תּלמוד, איז מען שוין אַ ייִדי, און מען ברענט אים ווי אַ ייִדן.

— * —

האָבן מיר דאָ באַהאַנדלט צוויי תּקופֿות פֿון אונדזער געשיכטע: די תּנך־תּקופֿה און די תּלמודישע תּקופֿה מיט איר קולטור־צירקולאַציע וואָס איז גע־ווען אַזוי בולט קלאָר אַז זי האָט אויפֿגעהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק אויך שפּע־טער. גייען מיר איצט איבער צו דער דריטער תּקופֿה מיט איר קולטור־צירקו־לאַציע. דאָס איז די תּלמודיש־שטעטלשע תּקופֿה, וואָס האָט זיך איצט געענ־דיקט. די סימנים פֿון דער תּקופֿה:

א. ייִדן לעבן באַזונדער, הונדערטפּראָצענט פֿאַר זיך און אַליין. ניטאָ קיין ייִדישע מערהייטן, עס איז דורכויס ייִדיש, אָן קיינע צומישונגען.

ב. ייִדן מישן זיך לגמרי ניט מיט די ניט־ייִדן. די לעצטע זײַנען געווען פּריצים און פּויערים. די ייִדן האָבן ניט געפּאַסט צו קיין איינער פֿון זיי. ניטאָ און ניט מעגלעך קיין אַסימילאַציע.

ג. די ייִדישע פּרנסות זײַנען לגמרי אַנדערע, פֿאַרזיכיקע. דרײַ וועלטן זײַ־נען דאָס געווען — פּריצים אין הייפֿן, פּויערים אין דערפֿער און ייִדן אין שטעט־לעך.

ד. די ייִדישע רעליגיע איז אין תּוך לגמרי אַן אַנדערע: די ניט־ייִדן האָבן אַן אַנגענומענע רעליגיע. ניט פֿון זייער קולטור. צוויי געביטן בײַ זיי: די אָר־גאַנישע קולטור פֿון זייער אייגענער טראַדיציע און די רעליגיע, וואָס איז אַ פֿרעמדע, צוגעפּאַסט צום קולטור־צושטאַנד פֿון יענעם פֿאָלק.

ה. קולטורעל שטייען די ייִדן ניט אין פֿאַרגלײַך העכער פֿון אַנדערע. די ניט־ייִדן האָבן אַן עם ארצישן שיכט — די פּויערים. אָבער זיי האָבן ניט קיין אַרויפֿשטראָם. די פּריצים לעבן לגמרי ניט מיט דער „וואָלגאַרער" פֿאָלקישער קולטור פֿון די פּויערים. ניטאָ קיין קולטור־צירקולאַציע. צוויי באַזונדערע וועלטן — פּויערים און פּריצים. בײַ ייִדן אָבער — איין קלאַס, אָרעם און רײַך, איין

קולטור, איין שטייגער, איין אָרגאַנישע רעליגיע, וואָס איז לויט איר אינהאַלט די אייגענע יידישע קולטור.

ו. יידן פֿילן די אייגענע העכערקייט, די אַלגעמיינע „עבֿרידיקייט״, אַלע קענען לייענען, קענען דאַווענען אַליין. זיי דאַרפֿן ניט קיין רבֿ זאָל מיט זיי דאַווענען. „יורקע, פּעטרוק״ זײַנען זידל־ווערטער. עס איז אַ טראַגעדיע ווען קינדער בלײַבן ווי „יורקע, פּעטרוק״. דער וועג פֿון עם ארצים ביז למדנים איז אָפֿן פֿאַר אַלעמען. די גאַנצע לערן־סיסטעם איז אַזוי געבויט, אַז יעדער אָרעמאַן זאָל קענען האָבן קינדער „עלוים״ און קענען דערגרייכן די העכסטע מדרגות אין לערנען. דער אַרויפֿשטראָם פֿון קולטור איז איינער פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק. עס איז אויך גאַנץ דער אַראָפּשטראָם פֿון קולטור. די אַלע דרײַ תּקופֿות זײַנען אַלע געענדיקט.

## די אורבאַנישע תּקופֿה

די אַלע אַנדערשקייטן און אַלע פֿאַרזיכיקייטן זײַנען אָבער אַלע אַוועק מיט דעם אָנקום פֿון אורבאַניזם. דאָס גאַנצע מערבֿ־אייראָפּעיִשע יידנטום איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון דער איינקלאַסיקייט. גלײַך אין אָנהייב פֿון נײַנצנטן י״ה איז אַוועק אַ שמד־מגיפֿה, וואָס האָט אָפּגעמעקט דאָס גאַנצע יידנטום. אַ סבֿרא אַז אַלע יידן וואָס היטלער ימ״ש האָט געפֿונען אין דײַטשלאַנד שטאַמען פֿון נײַ אָרײַנגעקומענע (אַרטור רופּין), קיין אוראַלטע אָרטיקע יידן זײַנען אין די לענדער ניט געבליבן. די יידן האָבן מער ניט קיין קולטור־צירקולאַציע. אָן דער קולטור־צירקולאַציע זײַנען זיי ווי ביימער וואָס שטייען נאָך אײַנגעוואָרצלט, אָבער זיי קענען שוין מער ניט פּראָדוצירן קיין פֿרישע בלעטער און בלומען... פֿאַרלאָרן די יידישע פֿאַרזיכיקע שפּראַך, פֿאַרלאָרן די גאַנצע שעפֿערישקייט. ניטאָ מער קיין קולטור־צירקולאַציע, פֿאַראַנען יידן, אָבער ניטאָ קיין יידנטום. ניטאָ בײַ זיי קיין שעפֿערישקייט, ניטאָ מער קיין יידישע קולטור, ניטאָ מער קיין יידיש פֿאָלק דאָרטן. זיי זײַנען ווי לעבעדיקע פֿאָסילן פֿון אַן אונטערגעגאַנגענעם פֿאָלק. ניטאָ מער קיין עם ארצים וואָס האָבן ניט קיין תּורה, אָבער מעשׂים, שטייגער האָבן זיי. איז ניטאָ מער קיין קולטור־צירקולאַציע, ניטאָ מער קיין לעבעדיק יידיש פֿאָלק.

איז געבליבן יידישקייט, אַ יידיש פֿאָלק נאָר אין מיזרח־אייראָפּע. דאָ איז אָנגעוואַקסן אַ נײַע קולטור, זי איז וועלטלעך, אָבער בשום אופֿן ניט אַזוי ווי די וועלטלעכע יידן מיט זשיטלאָווסקין בראש האָבן עס פֿאַרשטאַנען: ניט וואָס די נײַע וועלטלעכע קולטור קומט במקום די אַלטע, אָפּגעלעבטע שטעטל־קולטור. חס ושלום! עס איז אַ נײַע פֿאָרמאַציע פֿון דער זעלביקער פֿאַרזיכיק־יידי־

שער קולטור. וועלטלעכקייט איז ניט עפּעס, וואָס מעקט אָפּ דאָס אַלטע, אַלץ וואָס וואַקסט אָן אין ייִדישקייט איז לכתּחילה וועלטלעך, שפּעטער ערשט, ווען עס עלטערט זיך אין ייִדישקייט, ווען עס ווערט טראַדיציע, ווערט עס פֿאַרהייליקט ווי רעליגיע. די ייִדישע רעליגיע איז דאָך ניט קיין פֿרעמדע, קיין אָנגענומענע, עס איז און עס דאַרף זײַן אייגנס, דער אָפּשטאַם דאַרף זײַן אַן אייגענער, פֿון אייגענעם לעבן, פֿון דער אייגענער איצטיקער תּקופֿה. די חז״ל האָבן אויף יעדער נײַעס געפֿרעגט „מן התורה מניין?" ווי שטאַמט דאָס נײַע פֿון דעם אַלטן? אַזוי האָט איצט די נײַע וועלטלעכע ייִדישע קולטור געדאַרפֿט זוכן די אייגענע וואָרצלען אין דעם אַלטן, „מן השטעטל מניין?" ווי שטאַמט דאָס נײַע פֿון דעם אַלטן? דאָס שטאָטישע פֿון דעם שטעטלשן, פֿון דעם פֿריִערדיקן. דער גרעסטער אויפֿטו פֿון דער נײַער נײַער קולטור איז אונדזער נײַע ליטעראַטור. איז זי אין גאַנצן פֿון שטעטל. דאָס איז איר מעלה. איז טבֿיה דער מילכיקער — דער ייִד פֿון שטעטל. איז מנחם־מענדל ניט סתּם אַ „מנחם־מענדל", אָפּצולאַכן פֿון אים. מנחם־מענדל איז דער פּיאָנער, דער ערשטער שטעטלשער ייִד, וואָס רײַסט זיך מיט אַלע כּוחות פֿון שטעטל אין שטאָט. דאָס איז דער פּיאָנער פֿון ייִדישן אורבאַניזם. ער איז געפֿאַלן. וואָסערע פּיאָנערן זײַנען דאָס ניט געפֿאַלן? אָבער מנחם־מענדלס אייניקלעך לערנען פֿילאָסאָפֿיע אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, אַמעריקאַנער פֿילאָסאָפֿיע. גוייִם מעגן נעמען אַ כּליזמר און אים אַוועקשטעלן אויפֿן דאַך (אויסגענוצט ווולגאַר שאַגאַלס אַ טיפּזיניקן סימבאָל) און לאַכן. עס לאַכט זיך זיי, פֿאַר אונדז איז עס ווײַט ניט קיין געלעכטער, פֿאַר אונדז איז טבֿיה אַ גראַנדיעזער דענקמאָל נאָך דעם שטעטל מיט דעם שטעטלשן ייִדן; פֿאַר אונדז איז מנחם־מענדל דער פּיאָנער פֿון אורבאַניזם אין אַמעריקע... ווייווי ווי ייִדן לערנען די אייגענע תּורה מיט גויִשע לאָך־פּירושים! פֿאַר גוייִם איז ליטעראַטור זיך צו פֿאַרווײַלן. מיר דאַרפֿן לערנען! ניט לאַכן! שלום עליכם האָט אָנגעהויבן נאָך אַ דריטע עפּאָפּייע — „מאָטל פּייסי דעם חזנס ייִנגל". ער האָט זי אָבער צום אומגליק ניט פֿאַרענדיקט — ווי מאָטל איז אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע. צי איז ער ניט אפֿשר אַ מאיר ווײַסגאַל? אָדער איך ווייס? וויפֿל זײַנען זיי דאָ אָט די אויסגעוואַקסענע מאָטלס?! דער עיקר — עס איז אויך אַ בלאָט גמרא, וואָס מיר דאַרפֿן לערנען און לערנען! ווי אָרעם אין געדאַנק עס איז דאָס אויסשליסן פֿון שול אָט די „נײַע גמרא"! לאָמיר אָבער זיך צוריק אומקערן צו אונדזער טעמע — דער איבערגאַנג פֿון שטעטלשער פֿאַרזיכיקייט צום אורבאַניזם אין מיזרח אייראָפּע.

צווייערליי ייִדישע ייִשובֿים זײַנען געווען אין רוסלאַנד. געווען ייִדן אויסערן תּחום, אין די רוסישע שטעט אויך אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג. אָבער די מערהייט ייִדן זײַנען געבליבן אין תּחום, אין די אַלטע ראַיאָנען וואָס רוסלאַנד

האָט צוגענומען פֿון פּוילן. מיר וועלן עס רופֿן לויט דער אַלטער טערמינאָלאָגיע — תּחום און אויסערן תּחום. אויסערן תּחום איז דאָס לעבן געגאַנגען פּונקט אַזוי ווי אין מערבֿ־אייראָפּע: צוויי, דרײַ דורות און אויס מיט ייִדישקייט. די טאַטעס — פּולע ייִדן, די קינדער אָדער אייניקלעך — פּולע רוסן, אָן אַ סימן פֿון ייִדישקייט. אין דעם אויפֿבלי פֿון דער נײַער ייִדישקייט, אין דער וועלט־לעכער ייִדישקייט נעמען די ייִדן פֿון אויסערן תּחום (פֿון „טיף ראָסיי") ניט קיין אָנטייל. אַלץ וואָס עס איז בײַ ייִדן אָנגעוואַקסן שטאַמט אַלץ פֿון תּחום. דאָ איז דאָס לעבן געווען גאָר אַנדערש און אַנדערע באַדינגונגען. לאָמיר אויס־רעכענען די ספּעציפֿישע אַנדערשקייטן פֿון דעם תּחום.

א. קיין רוסן זײַנען דאָ כּמעט ווי ניט געווען. ייִדן האָבן דאָ געלעבט צווישן אַנדערע פֿעלקער, וואָס זײַנען אויך פֿאַריאָכט געווען בײַ די רוסן.

ב. אַלע פֿעלקער אַרום האָבן געשטרעבט צו אויטאָנאָמע פֿאַרזיכיקייט לכל הפּחות אין קולטור. אַזוי האָבן אויך די ייִדן געדענקט און געשטרעבט.

3. ייִדן האָבן געשמאַק גערעדט רוסיש, אָבער אין אַ שפּראַך אַסימילירט מען זיך ניט. קיין געזעלשאַפֿט אָבער אַ רוסישע איז ניט געווען. האָבן ייִדן אַפֿילו ריידנדיק רוסיש געזעלשאַפֿטלעך געקענט לעבן נאָר אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, נאָר צווישן ייִדן.

ד. קיין אָבליגאַטאָרישער שול־צוואַנג איז אין רוסלאַנד בכלל ניט געווען, האָבן ייִדן אַליין געזאָרגט פֿאַר דער דערציִונג פֿון זייערע קינדער. אויסער די טראַדיציאָנעלע חדרים פֿאַר ייִנגלעך, האָבן אין דעם צווייטן העלפֿט פֿון נײַנצנטן י"ה זיך אַנטוויקלט געזעלשאַפֿטלעכע שולן, איבערהויפּט פֿאַר מיידלעך, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין חדר־טראַדיציע. דאָס באַזאָרגן די שולן האָט געבראַכט צו אָרגאַניזירטער אַרבעט בשותּפֿות. די שולן זײַנען געווען נאָר אין פּרט. ניט ווייניקער האָט אָרגאַניזירט די ייִדישע געזעלשאַפֿט די ברייטע ייִדישע צדקה, וואָס איז בײַ ייִדן אַזוי אַלט, אַז דער רמב״ם שרײַבט נאָך (אין „יד החזקה") אַז ער האָט ניט געזען קיין ייִדישע קהילה אָן אַ צדקה־קאַסע (קופּה של צדקה).

ה. אויך די רעגירונג מיט אירע אויסנאַם־געזעצן פֿאַר ייִדן בכלל האָט ניט ווייניק געווירקט צו פֿאַרבינדן ייִדן צוזאַמען.

מהאי טעמא האָט זיך דאָ אין תּחום אַנטוויקלט די פֿאַרזיכיקע ייִדישע קול־טור און ליטעראַטור בפּרט.

אויך דאָ איז די נײַע ייִדישע קולטור געווען באַגרענעצט ווי פֿון רעכטס אַזוי אויך פֿון לינקס. פֿון רעכטס — האָט דאָך די אָרטאָדאָקסיע ניט געוואָלט

וויסן פֿון קיין שום נייעס, ניט געוואָלט וויסן און ניט צוגעלאָזט צו דער יוגנט קיין שום נייעס. פֿון דער צווייטער זייט פֿון לינקס האָבן ייִדן געהאַט מער דרך ארץ פֿאַר פֿרעמדס ווי פֿאַר אייגנס. רוסיש איז שיין און גוט, אָבער ייִדיש איז גאָר עפּעס אַ זשאַרגאָן. ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. דאָ האָט ניט גע־קאָנט אָנוואַקסן אַזאַ באַוועגונג ווי פֿון די פּרושים פֿאַרצייטן. פֿאַרוואָס? דאָ מוז איך איבעררייסן און מאַכן אַ זייטיקע דערקלערונג.

## תּקופֿות דערמוטיקנדיקע און דערדריקנדיקע

ווי געזאָגט שוין ניט איין מאָל גייט די ייִדישע געשיכטע אין תּקופֿות. פֿאַראַן תּקופֿות וואָס דערמוטיקן, וואָס הייבן די שטימונג פֿון פֿאָלק און זיין זיך־אַכטונג. און פֿאַראַן פֿאַרקערט תּקופֿות וואָס דערדריקן, וואָס אַנטמוטיקן און אין דער געשיכטע פֿון יעדער פֿאָלק שפּילט דער זעלבסטגעפֿיל פֿון פֿאָלק די ערשטע ראָל אין זיין גורל.

די פּערסישע תּקופֿה איז געווען די גליקלעכסטע אין דער ייִדישער גע־שיכטע. אַ פּאָר הונדערט יאָר אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע. האָט די תּקופֿה געשאַפֿן אין ייִדן אַ פּסיכיק פֿון זיך־אַכטונג. דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אין די אויגן פֿון ייִדן גופֿא ניט מער אַ זינדיק פֿאָלק, וואָס איז ווערט אַלע צרות און אומגליקן ווי אַ שטראָף פֿאַר די זינד. פֿאַרקערט, משה האָט אַמאָל געחלומט „מי יתּן והיה כּל עם ה׳ נבֿיאים”, האָט מיט אַ סך יאָרהונדערטער שפּעטער הילל געזאָגט אויף ייִדן „אם לא נבֿיאים הם, בני נבֿיאים הם”. הילל האָט מסתּמא געקאָנט אַ ביסל עבֿרית, אָבער אַלע ווערטלעך און אַלע מימרות וואָס דער ש״ס ברענגט פֿון היללען זיינען אַלע ניט אין דער תּנך־שפּראַך נאָר אין דער שפּראַך וואָס דאָס פֿאָלק רעדט. אַז מען פֿרעגט ביי אים ווי דאַרף אַ ייִד זיך פֿירן אין אַ פּראַקטישן פֿאַל, ענטפֿערט ער „פּוק חזי” — גייט און זעט ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, טוט ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך. איז דער גאַנצער ש״ס געגעבן אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. איין מאָל איז פֿאַראַן אין גמרא אויסגעדריקט אַן אומצופֿרידנקייט פֿון דעם „אַריסטאָקראַט” רבי מיט דער שפּראַך פֿון פֿאָלק...
די פּערסישע תּקופֿה איז געווען אַ גליקלעכע ניט נאָר ווייל זי האָט ניט געוווּסט פֿון קיין מלחמות און ניט פֿון קיין אַסימילאַציע, נאָר אויך מיט דעם וואָס זי האָט אין פֿאָלק געשאַפֿן אַ מוטיקייט, אַ זיך־אַכטונג, אַ דרך ארץ פֿאַר דעם שטייגער און פֿאַר דעם גאַנצן גייסטיקן אינהאַלט פֿון פֿאָלק. אָט די שטימונג האָט עס דערצויגן דאָס ייִדישע פֿאָלק, האָט פֿאַרפֿעסטיקט דעם גלויבן אַז אַ חוץ דער תּורת משה איז דאָס לעבן און די פֿירונג פֿון פֿאָלק פֿאַר זיך אַ צווייטע תּורה, אַ תּורה שבעל פּה, הגם ניט פֿאַרשריבן אין ערגעץ. קוים אָבער איז עס פֿון פֿאָלק איז עס געטלעך; וואָס פֿאָלקיש דאָס איז אויך געטלעך. דער גאַנ־

צער כּוח פֿון חז״ל צו גלייבן אַז ייִדישקייט האָט צוויי תּורות — בכּתב און בעל פּה איז געקומען אַ דאַנק אָט דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק. אָט די שטימונג האָט עס געשאַפֿן און אויפֿגעהאַלטן דעם גאַנצן „פֿאָלקיזם״ און זי האָט געשאַפֿן די פֿאָלקישע ריכטונג פֿון די פּרושים. דערפֿאַר איז געווען אין פֿאָלק אַ פֿולע, אַ גאַנצע קולטור־צירקולאַציע: די פֿירונג פֿון פֿאָלק, זײַן שטייגער אין לעבן, מעג ער קומען פֿון עם ארצים, איז „הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תצא תּורה״ — פֿדן דעם עם ארצישן שטייגער קומט די תּורה. גייט אַ געזונטער אַרויפֿשטראָם — פֿון שטייגער ביז צו די ישיבות (די אַקאַדעמיעס) וואָס לערנען ניט קיין טעקסטן, נאָר זיי שטודירן דירעקט דאָס פֿאָלקישע לעבן און זיי שאַפֿן פֿון דעם לעבן טעקסטן, וואָס גייען צוריק אין אַראָפּשטראָם, צוריק אין פֿאָלקס לעבן. אַזוי איז דאָך געשאַפֿן געוואָרן דער גאַנצער תּלמוד! און ניט קענטיק אין גמרא לגמרי די עקסיסטענץ פֿון אַנדערע פֿעלקער און ניט זייער השפּעה. פֿון פֿאָלק צו דער פֿאָלקישער אינטעליגענץ און צוריק צום פֿאָלק. דאָס איז דער תּלמוד!

פּונקט דאָס פֿאַרקערטע איז איצט בײַם אָנקום פֿון אורבאַניזם. אַ שוידער־לעכער קאַפּיטל פֿון גלות אייראָפּע, אין די לאַפּעס פֿון די קריסטלעכע פֿעל־קער. דער ערגסטער, דער שוידערלעכסטער גלות. וואָס אונדזער פֿאָלק — גע־לערנט אין גלותן — האָט ווען עס איז געהאַט. „הייליקע״ פֿײַערן, פּאָגראָמען, סתּם „שטיפֿערײַען״ האָט דעם גאַנצן תּהום פֿון דעם גלות אייראָפּע ריכטיק פֿאַרשטאַנען ביאַליק אין זײַן פּאָעמע „אויב דײַן נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל״ (אין אָריגינאַל „אם יש את נפשך לדעת״). האָט אָט דער גלות געשאַפֿן אַ שטי־מונג פֿון געפֿאַלנקייט, פֿון יאוש און געדריקטקייט. אויסרעכענען פּרטים פֿון דעם גלות, פֿון דער גאַנצער גוייִשער קריסטלעכער רציחה — ביכער גאַנצע צו קנאַפּ. אַבֿרהמס קינדער ווערן געוואָרפֿן אין קאַלך־אויוון. אַ שטיקל גליק איז די געטאָ. און פֿון דעם גלות איז אָנגעוואַקסן אַ פּסיכיק בײַם פֿאָלק „בושנו מכּל עם״. איז כּל זמן די געטאָ איז נאָך געווען, האָבן ייִדן געקאָנט אַנטלויפֿן פֿון גלות צום „בלאַט גמרא״. אָבער ווי נאָר עס איז געקומען דער אורבאַניזם, אין קלאַס־געזעלשאַפֿט, איז געקומען די בענקעניש נאָך דער גויִישער געזעלשאַפֿט, בענקט מענדעלסאָן, בענקען אַלע. און אַז די גרויסע, די גוטע ייִדן אײַלן זיך ניט צו ברידערן זיך מיט די ייִדן, איז אַוועק אַ שמד־מגפֿה און אויסייִדישונג. אין אייראָפּע — צום אָנהייב פֿון נײַנצנטן י״ה; אַן אַסימילאַציע, וואָס האָט אין גאַנצן אָפּגעווישט דעם ייִדישן יישובֿ אין דײַטשלאַנד. די ייִדן וואָס היטלער האָט געפֿונען אין דײַטשלאַנד שטאַמען פֿון נײַ־אַרײַנגעוואַנדערטע (אַרטור רופּין), אַוועקגעוואָרפֿן די ייִדישע שפּראַך און מיט איר צוזאַמען די גאַנצע ייִדישקייט. און ייִדן זײַנען געוואָרן לעבעדיקע פֿאָסילן — רעשטלעך פֿון אַן אַמאָליקן פֿאָלק. ווו און ווי האָט דאָ געקענט אָנוואַקסן אַ נײַע פּרושישע באַוועגונג?

## שמד און ערבֿ־שמד אין פֿאָרעם פֿון אַלערליי טעאָריעס פֿון רעפֿאָרעם

האָט אָט די אויסיידישונג אָוועקגעמאַרשירט אין איראָפּע אין אָנהייב פֿון נײַנצנטן י״ה, האָט זי זיך אין רוסלאַנד איבערגעחזרט אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן י״ה: אַסימילאַציע, זיך „צונויפֿשמעלצן" מיטן „גרויסן" רוסישן פֿאָלק — דער אידעאַל פֿון 19טן י״ה. האָט דאָך אַפֿילו ארץ ישׂראל געדאַרפֿט ראַטעווען ניט נאָר פֿון ייִדישע צרות, נאָר פֿון ייִדישקייט גופֿא.

אָט פֿאַרוואָס עס האָט ניט געקאָנט אַנוואַקסן קיין פּרושישע באַוועגונג. איז אין רוסלאַנד געגאַנגען אַ שמד־מגיפֿה פֿון דער יוגנט (ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה). עס איז געווען אַ מורא צו געבן אַ יונגן ייִדן די האַנט, טאָמער איז ער אַ משומד. האָט אחד העם געשריבן „עם כי יחרב, מי יבֿנהו?" האָט קלויזנער געדרשנט אַז ווען מען זאָל אים געבן אַן ארץ ישׂראל מיט ייִדיש, נעמט ער ניט. „ער דאַרף ניט אַזאַ ארץ ישׂראל", האָט דער ירושלימער אוניווערסיטעט בשום אופֿן ניט געוואָלט אָננעמען קיין תּלמידים פֿון ווילנער ייִדישע גימנאַזיעס... דאָס און טויזנטער אַנדערע פֿאַקטן ווײַזן די שווידערלעכע באַציִונג פֿון ייִדן צו ייִדישקייט. פֿאַר אונדז דאָ איז עס נייטיק געווען כּדי קלאָר צו מאַכן פֿאַרוואָס נאָך גלות־פּרס האָט יע געקאָנט קומען אַ פּרושים־באַוועגונג, אָבער בשום אופֿן ניט נאָכן גלות־איראָפּע.

איז יע געווען אַ פֿאָלקיסטישע פּאַרטיי אין פּוילן, איז זי געווען די שוואַכסטע, מען האָט זי כּמעט ניט אָנגעזען. די ייִדישע ליטעראַטור האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרפֿעסטיקן זיך אין ייִדישן לעבן... ביז עס איז געקומען דער חורבן.

## ווען מיר סומירן די גאַנצע אַרבעט

א. דאָס לעבן פֿון אַ פֿאָלק איז די קולטור־צירקולאַציע. זי הייבט זיך אָן מיט דעם פּשוטן שטייגער פֿון די עם הארצים. פֿון דעם פּשוטן שטייגער גייט דער אַרויפֿשטראָם צו די געלערנטע, צו די קינסטלערס וואָס פֿאַרוואַנדלען דעם שטייגער פֿון דעם פּשוטן פֿאָלק אין קונסט, אין וויסנשאַפֿט. דאָס גייט צוריק אין פֿאָלק, איבערהויפּט דורך די שולן און קולטור־שטייגער. דאָס איז דער אַראָפּשטראָם פֿון קולטור.

ב. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אין זײַן געשיכטע דורכגעלעבט עטלעכע פּעריאָדן מיט אַ גאַנצער קולטור־צירקולאַציע.

ג. נאָך דעם שווערן גלות־איראָפּע איז זייער שווער עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַזאַ ריכטונג ווי עס איז געווען די פּרושים־ריכטונג פֿאַרצײַטן. די פּסיכיק

פֿון פֿאָלק איז ניט פּאַסיק. — אָט פֿאַרוואָס איז איצט שווער צו גלייבן אין קיום האומה —

מיר האָבן איצט ניט קיין געזונטן עם ארצישן ייִדנטום, וואָס זאָל קענען זײַן דער באַזיס פֿון דער קולטור־צירקולאַציע. מיר וועלן איבערחזרן די דעפֿיניציע פֿון עם הארץ פֿון רמבם: „תורה אין בהם אבל מעשים יש והם טובים לישוב". דאָס הייסט אַ פּשוטער שטייגער־שיכט וואָס פֿירט דעם שטייגער בלויז מחמת טראַדיציע אָן געלערנטקייט. אַזאַ ברייטער עם ארצישער שיכט איז געווען בײַ אונדז אין שטעטל. ניטאָ אָבער אין אורבאַניזם. מיר האָבן איצט גאָר אַן אַנדער טיפּ עם ארצים: אין ייִדישקייט זײַנען זיי טאַקע שרעקלעכע עם ארצים, אָבער זיי זײַנען „געבילדעטע", געלערנטע, אָנגעלערנט גאָר מיט פֿרעמדע תורות און מיט פֿרעמדער בילדונג... ייִדישע עם ארצים וואָס זײַנען געלערנט און געבילדעט אין פֿרעמדער קולטור.

דאָ ליגט די סכנה פֿאַרן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק: עס פֿעלן אונדז עם ארצים. בײַ די רוסן איז פֿאַראַן אַ ווערטל „ניטאָ קיין שלעכטס אָן עפּעס גוטס". ניט געווען בײַ ייִדן אין רוסלאַנד קיין אַלגעמיינער שול־צוואַנג. האָבן ייִדן אַליין געזאָרגט פֿאַר דער דערציִונג — האָבן ייִדן געבויט שולן (די ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע שול איז געגרינדעט געוואָרן אין 1824 אין אומאַן). איבערהויפּט האָבן זיך די ייִדישע שולן צעוואַקסן אין צאָל און איכות אין איצטיקן, צוואַנציקסטן י"ה. און על כולם איז דאָס געשען אין דער צײַט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען די חברה „מפיצי השׂכּלה" האָט געקראָגן געלטער פֿון דער רעגירונג (פֿון דעם „טאַטיאַנע־פֿאָנד" צו העלפֿן די גליטענע פֿון מלחמה). און די שולן זײַנען כּמעט אַלע געווען אויף ייִדיש (וויינעקער — אויף העברעיִש). ווער האָט געקענט זיך ריכטן אַז די פּאָליאַקן וועלן אַזוי דריקן און שטיקן די ייִדישע שולן; ווער האָט געקענט נבֿיאות זאָגן, אַז דווקא די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט דאָס אַלץ דערשטיקן?

„כּל רעיה בגדו בה" — ווער האָט עס געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן אַז די פּאָליאַקן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז געחלומט פֿון אַן אייגענער שול און פֿון אַן אייגענער קולטור, אַז זיי וועלן אַזוי הינטיש שטיקן און דערשטיקן די ייִדישע קולטור? און דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן? זיי וועלן מאַכן פּוילן „יודנריין"?

ווער האָט עס געקאָנט גאָר חלומען אַז דווקא די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט דערשטיקן די ייִדישע שולן, די גאַנצע ייִדישע קולטור, צעשיסן און אויסראָטן? ווער האָט עס געקענט זײַן דער בייזער נבֿיא און פֿאָרויסזאָגן, אַז די איינציקע שעפֿערישע מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישקייט וועט אַזוי האַמטנע, מיט דער

רוסישער האָק צעפּערטלט ווערן? ווער האָט עס געקענט אויסטראַכטן אַז די צײַט פֿון צאַריזם איז געווען די צײַט פֿון יידישער קולטור, וואָס דווקא די רע־וואָלוציע ווערט אַלץ חרובֿ מאַכן און פּשוט צעשיסן?

עס איז אַלץ פֿאַרט יע געשען, און מיר שטייען אין דער גאַנצער וועלט פֿאַר דער סכּנה פֿון אונטערגאַנג, און די סכּנה ליגט אין דעם וואָס מיר האָבן מער ניט קיין יידישע עם ארצים, קיין עם ארצים וואָס זײַנען יידן, וואָס פֿירן זיך און לעבן אַ יידיש לעבן אויך אָן תּורה.

הזהרו מבני עמי הארץ, שמהם תּצא תּורה" — די גאַנצע תּורה — די גאַנצע יידישע קולטור שטאַמט פֿון דעם עם ארצישן פֿאָלקישן שטייגער און לעבן. ניטאָ איצט בײַ יידן אין ערגעץ קיין יידישע עם ארצים!

...איז וואָס? אונטערגאַנג? יתגדל ויתקדש? ניין! און ניין! און ווידער ניין!

ניטאָ איצט קיין יידישע עם ארצים, אָבער זיי זײַנען געווען מיט איין דור צוריק, אין די חרובֿע אונטערגעגאַנגענע שטעטלעך. דאַרף הײַנט די גאַנצע יידישע קולטור־שאַפֿונג בויען דעם אַרויפֿשטראָם פֿון דער איצט חרובֿער עם ארצישער יידישקייט פֿון די שטעטלעך, פֿון די חרובֿע שטעטלעך בויען און פֿורעמען די גאַנצע קולטור און שאַפֿן דעם אַראָפּשטראָם פֿון דער געפֿורעמטער קולטור, דעם אַראָפּשטראָם פֿון קולטור — פֿון די הייכן פֿון וויסנשאַפֿט און קונסט צוריק צום פֿאָלק.

דאָס איז איצט דער חובֿ פֿון דער יידישער אינטעליגענץ אומעטום אין דער וועלט. און ראשית חכמה — פֿון ישׂראל:

לאָמיר צוריק מאַכן גאַנץ די קולטור־צירקולאַציע אין יידישן פֿאָלק פֿון די חרובֿע שטעטלעך דורך די וואַרשטאַטן פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט צוריק אין די שטעטלשע ראַיאָנען פֿון די שטעט.

לאָמיר נאָך דערמאָנען איין כּלל פֿון די חז״ל: די בעסטע און די ריכטיק־סטע רייד טאָרן ניט בלײַבן בלויז רייד. די בעסטע רייד אָן מעשׂים, אַפֿילו אַ ברכה אויב ניטאָ נאָך איר, אויב זי ווערט ניט באַגלייט מיט מעשׂים אין פּראַק־טישן לעבן, בלײַבט אַ „ברכה לבֿטלה". וואָס דאַרף זײַן דער אינהאַלט פֿון דער קולטור? ניט דער תּנך ווי עס איז מיט דער גרינגער האַנט פֿון איין פּערזאָן געוואָרן אַ מאָדע. דער „מיקרא" איז שוין ניט געווען אין צײַט פֿון תּלמוד נו־ציק. ניט פֿון יידישע מקורים שטאַמט דער הײַנטיקער „תּנכיזם". אויך ניט דער תּלמוד איז איצט אַקטועל. נאָר עס מוז קומען די יידישקייט וואָס איז נאָך ניט

געפֿורעמט אין ווערטער און אין זאַצן. ערגעץ ווו איז פֿאַראַן אַ פּראַקטיקער זאַץ אַזאַ אין גמרא, אַז זינט די משנה איז פֿיקסירט געוואָרן זאָלן ייִדן בעסער זיך פֿאַרנעמען מיט דער גמרא וואָס איז נאָך ניט פֿיקסירט. דאַרף אויך איצט הערשן דער כלל. עס דאַרף פֿאַרנעמען דעם הויפּטאָרט דער „תלמוד־השטעטל", וואָס דאַרף נאָך ערשט געפֿורעמט און פֿיקסירט ווערן.

ESCUELA ISRAELITA YAVNE DE LA BENEFICENCIA
NIDJE ISRAEL
MEXICO
BIBLIOTECA

# דאָס ייִדישע פֿאָלק גייט ניט אונטער

פֿאַראַן אָפֿט גאָר אַ גרויסע דיסטאַנץ צווישן די עצם טואונגען וואָס מענטשן טוען און צווישן די דערקלערונגען, ווי מענטשן דערקלערן די מעשׂים זייערע. פֿאַראַן אַ גרויסע ווײַטקייט צווישן די מאָטיוון וואָס ברענגען אונדז צו די מעשׂים און צווישן די מאָטיווירונגען וואָס מיר דערקלערן, וואָס מיר מאָטיווירן מיט זיי די זעלביקע מעשׂים. די מאָטיוון זײַנען די אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן וואָס ברענגען די מעשׂים, די סיבות פֿון טואונגען. די מאָטיווירונגען זײַנען די שפּעטערדיקע דערקלערונגען וואָס מיר טראַכטן צו כּדי צו באַרעכטיקן די האַנדלונגען וואָס זײַנען שוין דורכגעפֿירט געוואָרן פֿרײַער.

אַזוי איז אויך מיט דעם גאַנג פֿון באַוועגונגען, מיט געזעלשאַפֿטלעכע, היסטאָרישע פּראָצעסן. באַוועגונגען און זייערע אידעאָלאָגיעס זײַנען אָפֿט גאָר ניט אין הסכּם. איך ווייס ניט צי איז קריסטנטום געווען אין הסכּם מיט די רציחות פֿון אינקוויזיציע. גיכער איז דאָ די רעליגיע געווען ניט מער ווי אַ צוגעטראַכטער דעק־מאַנטל פֿאַר דעם רציחה־דראַנג אין די מענטשן גופֿא. דער זנות־דראַנג ליגט אין מענטשן גופֿא פֿון דער נאַטור, די רעליגיעזע זנות איז געווען נאָר אַ מין דערקלערונג צו לעגאַליזירן די מעשׂים. איך ווייס ניט צי די רעוואָלוציע האָט זיך אומבאַדינגט גענייטיקט אין דער גיליאָטינע. אפֿשר איז די רציחה געלעגן אין דעם אויפֿברויז פֿון דעם פֿאָלק און די רעוואָלוציע האָט בלויז באַרעכטיקט דעם דראַנג. די מיליאָנען מענטשן וואָס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אין נאָמען פֿון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זײַנען לגמרי ניט געווען קיין דירעקטער פּועל יוצא, קיין אומבאַדינגטע נויט פֿון דער רעוואָלוציע. זיי זײַנען געווען אַ דירעקטער אַקט פֿון די רוצחישע אינסטינקטן אין די מענטשן, אין די הערשער, וואָס די רעוואָלוציע איז געווען אַ גוטער הכשר פֿאַר זיי. דער מאָטיוו פֿון מלחמות און זייערע מאָטיווירונגען זײַנען לגמרי ניט אידענטיש. און ניט נאָר ווײַל די דיפּלאָמאַטן ווילן באַוווסטזיניק פֿאַרלייקענען די אמתע מאָטיוון, נאָר עס איז אפֿשר אַ כּלל אין די פֿירונגען פֿון מענטשן, פֿון מענטשלעכע געזעלשאַפֿטן. מען דאַרף קיין מאָל, דאַכט זיך, ניט זוכן די מאָטיוון אין די מאָטיווירונגען, וואָס ווערן געגעבן.

## דער גאַנג פֿון ציוניזם און זײַן אידעאָלאָגיע

פֿאַראַן אַ סך פּאָעזיע אין דער אידעאָלאָגיע, און עס איז גאָר ניט קיין עבֿירה חלילה. די שענסטע פֿרוי וויל זיך אויספּוצן וואָס שענער. „אַלע ווייסן

נאָך וואָס אַ ׳כּלה גייט צו דער חופּה׳, אָבער ווער עס וויל אויפֿדעקן דעם נאַקעטן נאַטור־אינסטינקט, דער איז מנבל פּה״ (אַ גמרא). דאָס גאַנצע לעבן פֿון אַ מענטשן איז ריין נאַטור, מענטש און הונט — אַלץ איינס. אָבער עס וואָלט ניט געווען קיין מענטשלעכע קולטור ווען עס וואָלט, חלילה, געבליבן די נאַקעטע נאַטור נאָר.

דער ציון־אידעאַל איז געלעגן אין אונטערבאַוווסטזיַין פֿון ייִדן פֿון גלות אָן... ער האָט געדרעמלט, ער איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן כּסדר מיט ריטור־אַל אינעווייניק און מיט צרות פֿון דרויסן. ער איז געבליבן פּאַסיוו ביז דעם אָנקום פֿון אורבאַניזם אין רוסלאַנד. ביז דעמאָלט האָבן ייִדן געקאָנט לעבן ווי אַ באַזונדער פֿאָלק, ווי אַ קלאַס פֿאַר זיך. געווען בײַ פֿעלקער צוויי קלאַסן: פּריצים און פּויערים, זײַנען ייִדן אַ דריטער, פֿאַרזיכיקער קלאַס. פּריצישע הייפֿן, פּויערישע דערפֿער און ייִדישע שטעטלעך — דרײַ באַזונדערע וועלטן: הערשער, אַרבעטהענט און פֿאַרמיטלערס. דער אורבאַניזם האָט אָבער אויסגע־מישט די קלאַסן, אַלע מענטשן זײַנען געוואָרן איין קלאַס: דאָס שטעטל האָט געגומען אונטערגיין, די עקאָנאָמישע פֿונקציעס פֿון דעם ייִדישן קלאַס האָבן זיך אויסגעלאָזט. דער גלות האָט מער ניט געקאָנט זיך אידענטיפֿיצירן מיטן ייִדישן פֿאָלק. דער פֿאַרזיכיקער ייִדישער שטיגער לעבן האָט גענומען אונטער־גיין. ייִדן האָבן גענומען לויפֿן פֿון די שטעטלעך אין די שטעט און נאָך ווײַ־טער — אין עמיגראַציע. פֿון מערבֿ־אייראָפּע — פֿריִער, פֿון מיזרח־אייראָפּע — שפּעטער. דער פּראָצעס פֿון אורבאַניזאַציע, מיטן אונטערגאַנג פֿון שטעטל, מיטן אונטערגאַנג פֿון שטעטלשער פֿאַרזיכיקייט, איז די גאַנצע שטייגערישע ייִדישקייט אונטערגעגאַנגען. טעאָרעטיש איז ייִדישקייט געבליבן זייער חשובֿ. פֿאַרקערט — וואָס מער די שטייגער־ייִדישקייט איז אונטערגעגאַנגען, אַלץ מער און אַלץ הילכיקער האָבן ייִדן גענומען אַרויסהייבן די גרויסקייט פֿון די ייִדישע קולטור־ווערטן. אײַ, פֿעלקער! גיט אונדז כּבֿוד פֿאַר אונדזער תּנך, צאָלט אונדז פֿאַר אונדזער נצרתן בחור וואָס איר האָט געקרוינט פֿאַר אַ גאָט!... איז די דאָזיקע באַרימערײַ און דאָס איבערנעמען זיך מיט די גרויסקייטן פֿון אַמאָלי־קער ייִדישער שאַפֿונג, מיט דער פֿיקסירטער און אָנערקענטער תּורה געווען ניט מער ווי יענער ייִד וואָס איז געגאַנגען זיך שמדן און אויפֿן וועג געהאַלטן אין איין שרײַען, אַלע זאָלן הערן „שמע ישׂראל...״ אין דער פּסיכאָלאָגיע רופֿט מען דאָס „קאָמפּענסאַציע־מאָטיווירונגען״ און אויף פּראָסט מאַמע־לשון הייסט עס „אַ תּירוץ פֿאַר די בענטשליכט״. דאָס איז איינע פֿון די מאָטיווירונגען וואָס קומען צו פֿאַרבאַהאַלטן די אמתע מאָטיוון. אין גאַנץ מערבֿ־אייראָפּע איז די אורבאַניזאַציע אַוועק לויט די מאָטיוון, ניט לויט די מאָטיווירונגען — אַוועק צו אַסימילאַציע. צי עס איז טאַקע געווען אַן אַסימילאַציע, אָדער מער ניט ווי

אַ סוספּענסיע, אַן אמתע, אַ פֿולע אַסימילאַציע אָדער בלויז אַ צעלאָזונג — דאָס איז ניט שײַך אַהער. אָבער די ייִדן אין פֿראַנקרײַך, אין דײַטשלאַנד, אין איטאַליע — האָבן אומעטום געגלייבט און געמיינט פֿולע אַסימילאַציע.

געבליבן איז נאָר איין געביט וווּ אַסימילאַציע איז ניט געווען מעגלעך. דאָס איז געווען דער ייִדישער תּחום (דער ראַיאָן אין רוסלאַנד, וווּ ייִדן האָבן געמעגט וווינען), גאַליציע און רומעניע. דאָ זײַנען די ייִדן געבליבן לעבן אין די שטעטלעך, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט, פֿאַר זיך. צווייטנס, זײַנען אין די געביטן ניט געווען די הערשנדיקע פֿעלקער. אין תּחום זײַנען ניט געווען קיין רוסן, עס האָבן דאָרטן געלעבט סובאָרדינירטע פֿעלקער. מיט אַזוינע אַסימילירן זיך ייִדן ניט. ניט די רעכט אָדער אָנרעכטיקייט האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל. די ייִדן וואָס האָבן געלעבט אויסערן תּחום, אין „טיף ראָסיי", ווי ייִדן פֿלעגן דאָס רופֿן, האָבן זיך ייִדן אַסימילירט ניט ווייניקער ווי אין מערבֿ־אייראָפּע מיט רעכט. פֿאַרקערט, אין גאַליציע האָבן ייִדן יע געהאַט רעכט, און דאָך זיך ניט אַסימילירט, ווײַל קיין דײַטשן זײַנען דאָרטן ניט געווען. דערצו האָבן זיך אין רוסלאַנד אַ שאָט געטאָן די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן און די פֿאַרשטאַרקטע אויסנאַם־געזעצן. די פּאָגראָמען זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן דורך דער ייִדישער רוסיפֿיצירטער (און דאָך ניט אַסימילירטער!) אינטעליגענץ, ווי אַ באַווײַז, אַז „איוואַן איוואַנאָוויטש" ווײַל ניט חבֿרן זיך מיט „איוואַן כאַצקעלעוויטשן" אַפֿילו ווען ער איז אַ רוסיפֿיצירטער (פֿון א. גאָלדפֿאַדענס אַ ליד נאָך די פּאָגראָמען [1885], אין „ייִדישן וועקער"). דאָ, דווקא אין מיזרח־אייראָפּע, איז געקומען דער ציוניזם. דער נאָמען פֿון פּינסקערס בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע" גיט אַ פּסיכאָלאָגישן שליסל צו דער ריכטונג. לעולם בלײַבט דער פֿריִערדיקער אידעאַל פֿון עמאַנציפּאַציע (פּינסקער האָט פֿריִער רעדאַקטירט אַ רוסישן, רוסיפֿיקאַטאָרישן זשורנאַל), געהאָפּט מיט אַלע ייִדישע אינטעליגענטן צוגלײַך אויף גלײַכע רעכט, עמאַנציפּאַציע. די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגעריסן אָט די האָפֿענונג: איוואַן ווײַל ניט אויפֿנעמען יאַנקלען אַפֿילו ווען ער ווערט שוין אויך אַן איוואַן. דעמאָלט איז געקומען די אידייע פֿון אויטאָעמאַנציפּאַציע: ייִדן קענען און דאַרפֿן זיך עמאַנציפּירן אַפֿילו אָן אַנדערע גוטע פֿעלקער. אַליין זיך עמאַנציפּירן, זיך באַפֿרײַען. פֿון וואָס זיך עמאַנציפּירן — דאָס דאַרף מען ניט פֿרעגן בײַ אַ משׂכּיל בן משׂכּיל ווי לעאָן פּינסקער איז געווען — דער זון פֿון שׂימחה פּינסקער. לכתּחילה איז עס בײַ פּינסקערן געווען דער זעלביקער ציל ווי בײַ די משׂכּילים אין מערבֿ־אייראָפּע — באַפֿרײַען זיך פֿון דער גלות־קולטור. לכתּחילה איז בײַ פּינסקערן גופֿא ניט געווען זײַן פּלאַן פֿאַרבונדן מיט ארץ ישׂראל, עס שטראָמט פֿון רוסלאַנד אַן עמיגראַציע „בנערינו ובזקנינו" — אַלט און יונג, מען לויפֿט וווּהין די אויגן טראָגן. אומעטום קען זײַן „אויטאָעמאַנצי־

פּאַציע". דאָ האָט זיך אָבער פּינסקער צונויפגעטראָפן מיט דער פרי־ערדיקער „חיבת ציון־באַוועגונג". דער ציוניזם איז אויפגעקומען אין רוסישן תחום. אור־באַניזם, אַן אַסימילאַציע ווי אין מערב. אין תחום האָבן ייִדן אַלץ געדאַרפט באַזונדער, פֿאַר זיך טאָן. אַפילו סאָציאַליסטישע אַרבעט האָט געדאַרפט טאָן פֿאַר זיך אַן אייגענע פּאַרטיי (בונד). ייִדן סאָציאַליסטן פֿון אויסערן תחום האָבן גע־לאַכט פֿון בונד, אים באַקעמפט. קולטור מאָדערנע, מער אורבאַנישע — אויך פֿאַר זיך. דאָס איז געווען דער מקור פֿון וועלטלעכער קולטור אין מיזרח־איי־ראָפּע און אויך אין אַמעריקאַנער אימיגראַציע. דאָ איז געווען דער מאַסן־געברויכער, דאָ איז געווען דער קולטור־שעפער. קיין אַנדער געברויכער האָט דאָך אַפילו דער רוסיפיצירטער ייִדישער אינטעליגענט ניט געהאַט. האָט ער געמוזט זיך צוגעוווינען צו ייִדיש אויך.

## ניט די רעליגיע האָט אויפגעהאַלטן ייִדישקייט

לכתחילה האָט די ייִדישע רעליגיע אייגנטלעך פֿאַרהייליקט דעם גאַנצן ייִדישן שטייגער. מיט דער עמאַנציפּאַציע איז פֿון דער רעליגיע געבליבן בלויז אַ סינאַגאָגאַלע צערעמאָניע און ניט מער. אין אייראָפּע האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ „שמד־מגיפה", וואָס האָט אין משך פֿון עטלעכע דורות ניט נאָר פֿאַרלענדט דאָס ייִדיש לשון, נאָר עס זײַנען בכלל ניט געבליבן קיין ייִדן מער. די ייִדן וואָס היטלער האָט געפֿונען אין אַ בערלין זײַנען על פּי רוב געווען אָפּשטאַמיקע פֿון אַרײַנגעוואָנדערטע ייִדן. אַן ענלעכע שמד־מגיפה איז אויך געווען אין רוסלאַנד, נאָר מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער, אין אָנהייב צוואַנציקסטן י"ה ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָ איז בײַ די ייִדן פֿון אויסערן תחום אַפילו קיין רע־פֿאָרמירטע רעליגיע ניט געבליבן; בכלל זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. אין דײַטשלאַנד האָבן ייִדן זיך באמת אַרײַנצוגיסן אין דײַטשישן פֿאָלק בכלל. אין רוסלאַנד האָט דאָס לאַנד בכלל ניט אַרײַנגענומען קיין ייִדן, האָבן זיי זיך געטוליעט צו די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן. מיט זיי האָט מען זיך אַסימי־לירט, אין זיי האָט מען זיך אַרײַנגעגאָסן. דער צווייטער דור ייִדן אין „טיף ראָסיי" האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין אין ייִדישן טוער, קיין אין שרײַבער, קיין ייִדישע נעמען. אַלע און אַלץ וואָס האָט פֿאַרבונדן דעם אייגענעם לעבן מיט ייִדישקייט — אַלץ קומט פֿון תחום.

דאָ האָבן זיך צונויפגעטראָפן עטלעכע פּראָצעסן: דער געלאָף פֿון שטעטל, די פּאָגראָמען, דער אוראַלטער משיח־אידעאַל וואָס איז פֿון אייביק אַן פֿאַר־בונדן מיט ארץ ישראל, מיט דער מצווה פֿון „ישוב ארץ ישראל", די אַנטוישונג פֿון רוסיפיקאַציע, דער אידעאַליסטישער גלויבן אין דער העכערקייט פֿון פויע־

רים־טיפֿ, דער ווילן צו פֿאַרוואַנדלען יִדן אין אַ פּויערים־פֿאָלק. דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן אין ארץ ישׂראל די עטלעכע קאָלאָניעס פֿון דער ערשטער עליה.

אַזוי איז געקומען דער ציוניזם. אַלע ייִדישע באַוועגונגען, אַלע נײַע טעאָריעס, דער גאַנצער אויפֿלעב פֿון ייִדישער קולטור, ליטעראַטור, קונסט, סאָציאַליזם — אַלץ איז געקומען פֿון תּחום נאָך דעם גרויסן איבערברוך אין די אַכציקער יאָרן. דאָס אַלטע לעבן איז מער ניטאָ, ניטאָ אויך קיין שום מעגלעכקייט זיך צו אַסימילירן ווי אין מערבֿ־אייראָפּע; אַלץ פֿאַר זיך און אַלץ אַליין! ניטאָ מער קיין גלויבן אין עמאַנציפּאַציע, איז געקומען דער אידעאַל פֿון אויטאָעמאַנציפּאַציע — אַליין זיך עמאַנציפּירן; ניטאָ קיין מעגלעכקייט זיך אויסצוגלײַכן (אַסימילאַציע איז דער טײַטש אויסגלײַכן זיך) מיט דעם לאַנדפֿאָלק, איז אויסגלײַכן זיך מיט זיך אַליין.

עס טרעפֿט אַ וואָרט וואָס פּאַסט אַקוראַט אַרײַן אין די שטימונגען פֿון זײַן צײַט און עס נעמט זיך אָן. דער ציוניזם האָט אימפּאָנירט מיט זיין קרובֿהשאָפֿט צום משיח־אידעאַל.

## די אַנטי־ציוניסטן

שטאַרק קעגן זײַנען געווען די פֿרומע. זיי האָבן אַלע מאָל מורא פֿאַר אַנרירן עפּעס אין ציגל פֿון דעם אַלטן בנין. עס איז דערגאַנגען ביז צו ספּעציעלע זשורנאַלן קעגן (זשורנאַל „הפּלס"). עס זײַנען געווען קעגן ציוניזם אַלע ייִדישע סאָציאַליסטן. זיי זײַנען אַלע געבליבן געטרײַ דעם אידעאַל פֿון אַסימילאַציע. דאָס איז שולדיק די צאַרישע, אַנטיסעמיטישע רעגירונג. ווען אָבער די פּראָגרעסיווע סאָציאַליסטן וועלן איבערנעמען די מאַכט, וועט דאָך זיכער ניט זײַן מער קיין דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן. דאַרף מען קעמפֿן דאָ. זיי זײַנען אויך געווען קעגן עמיגראַציע: מען דאַרף בלײַבן און קעמפֿן אויף די ערטער. אַנטיסעמיטיזם פֿאַרט זיך נאָר מיט רעאַקציע. דער גלויבן איז געבליבן אַפֿילו בײַ די ייִדישע סאָציאַליסטן אין תּחום, זיי האָבן זייער סאָציאַליזם געמוזט פֿירן אַליין, פֿאַר זיך, אין אַן אייגענער פּאַרטיי (בונד). דער אומגלויבן אין די פֿעלקער, די אַנטוישונג האָט געפֿירט צום ציוניזם. פֿאַר די פֿרומע איז דער ציוניזם געווען אַן עבֿירה קעגן גאָט, קעגן גלויבן, פֿאַר די סאָציאַליסטן איז דער ציוניזם געווען אַן עבֿירה קעגן גלויבן אין סאָציאַליזם. געווען נאָך איין מין קעגנערס — ייִדישיסטן. וועגן דעם וועלן מיר ריידן עטוואָס שפּעטער.

## צו זיך און פֿון זיך

פֿאַראַן אידייען אַלטע, אײַנגעלעבט אין פֿאָלק און עס קענען זײַן אידייען נײַע, פֿרישע, האָבן נאָך ניט קיין וואָרצלען אין פֿאָלק, זיי זײַנען נאָך פֿאַרנעפּלט,

ניט קלאָר, ניט איינגעבירגערט. וואָלט די „אויטאָעמאַנציפּאַציע" געשריבן אַ מין ליפּשיץ, וואָלט ער אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק זיך עמאַנציפּירן כּדי צו קענען פֿריי אַנטוויקלען די שפּראַך און די נייע וועלטלעכע קולטור... און ער וואָלט... קיין אָפּהילך ניט געהאַט אין פֿאָלק. האָט די בראָשור געשריבן אַ משׂכּיל בן משׂכּיל, אַ געוועזענער רעדאַקטאָר פֿון אַ רוסיפֿיצירנדיקן זשורנאַל. איז ביי אים עמאַנציפּאַציע געווען פֿאַרבונדן מיט אַ פֿאַרקערטן אידעאַל אַוועקצוגיין פֿון שטעטל, פֿון דעם נייעם וועלטלעכן אינהאַלט ניט ווייניקער ווי פֿון דעם אַלטן. איז אָבער וווהין קען מען גיין? צו די לאַנד־פֿעלקער ניט, פֿון דעם שטעטל מוז מען דאָך אַוועק, פֿון גאַנצן אינהאַלט זיינעם. איז דאָ געקומען דער אידעאַל פֿון פֿאַרציינטיקן ייִדן, מיט דעם תּנך־ייִדן. טעאָרעטיש — אַ פּראַקטיקער וועג: פֿון שטעטלשער טראַדיציע אַוועק. זי איז ניט באַליבט, מען קען עס דערגרייכן אויך אָן אַנדערע פֿעלקער, מען דאַרף ניט וואַרטן אויף זייער חסד אַריינצונעמען אונדז אונטער זייערע פֿליגלען. ייִדיש לשון — וואָכעדיק, איז דער תּנך־לשון דאָך שענער און בעסער און אָנגענומענער, און — ועל כּולם — דער פּויערים־אידעאַל. כּידוע זיינען דאָך די ייִדישע פּרנסות ניט בלויז קבצנותדיק, נאָר קרעמעריש, אַפֿילו אוממאָראַליש. די תּנך־ייִדן האָבן זיך ניט פֿאַרנומען מיט די פּרנסות, זיינען געווען פּויערים! אין קליינינקייט! „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". פּויערים — זיינען די שענסטע, די בעסטע, די ערלעכסטע מענטשן!... ווילן מיר ייִדן נעמען און ווערן פּויערים... קען זיין, אַז מיט דער אידיליזאַציע פֿון פּויערים האָבן ייִדן זיך אָנגעשטעקט פֿון די פּראָגרעסיווע רוסן. די האָבן געפֿילט אַליין אַ שולד ווי פּריצים קעגן די פּויערים־שקלאַפֿן. האָבן זיי מחמת דעם שולד־געפֿיל אידעאַליזירט דעם פּויער. האָט טאָלסטאָי זיך אויסגעפּוצט ווי אַ באָרוועסער פּויער און... זיך געלאָזט פֿאָטאָגראַפֿירן ווי ער גייט מיט דער סאָכע... האָבן ייִדן אויך געווען גלייבן אין פּויער מיט דער סאָכע. דאָס איז געווען אין טעאָריע. אין דער פּראַקטיק אָבער — דורכויס פֿאַלש. קיינער קען ניט אָננעמען אַ קולטור, ווי מען קען עס טאָן בנוגע צו אַ רעליגיע. אין אַ קולטור וואַקסט מען דורך דער געשיכטע. אַ זיידע קען ניט מיט איין מאָל נעמען און ווערן אַן אייניקל. אַן אַלטער, צעוואַקסענער בוים קען ניט אומקערן זיך צו זיין יוגנט. דאָס ייִדישע פֿאָלק קען ניט אומקערן זיך צו דער תּנך־תּקופֿה.

ייִדן קענען ניט ווערן איצט אַ העברעיִש פֿאָלק, סיידן זיי זאָלן איינציינטיק זיך אָפּזאָגן פֿון דער גלות־קולטור, ד"ה ווערן פֿון דאָס ניי אַ נייגעבאָרן פֿאָלק. אָבער פֿעלקער ווערן געבאָרן נאָר אין אַ דורכויס באַזונדערער, אָפּגעזונדערטער סבֿיבֿה. דאָס איז ניטאָ, קענען ייִדן זיך אַריינגיסן אין אַ צווייט פֿאָלק, אָבער ניט ווערן פֿון דאָס ניי אַ ניי פֿאָלק. גאָר ניט קלוג איז געווען דער פּויערים־

אידעאַל. פּויערים זײַנען געוואָרן ניט פֿון ערדאַרבעט, נאָר פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג, פֿון דורותדיקער קנעכטשאַפֿט, ווען זיי זײַנען געווען פּשוט הענט צו דער אַר־בעט, הילף צו די פֿערד. ייִדן האָבן זיך פֿאַרליבט אין פּויערימטום, ווען די וועלט האָט פֿאַרענדיקט מיט דער פּויערימשאַפֿט. אַנולירט די פּויערים־קנעכט־שאַפֿט אייגנצײַטיק מיט דעם שטעטל. דעמאָלט האָבן ייִדן געגומען חלומען וועגן אַ פּויערים־קלאַס. ניטאָ מער קיין פּויערים, מען דאַרף עס ניט. די זעלביקע אינדוסטריאַליזאַציע וואָס האָט אַנולירט דאָס שטעטל האָט אויך אָפּגעמעקט דעם דאָרף. געציילטע עטלעכע פּראָצענט פּראָדוצירן איצט מער און בעסער אַלע אַגריקולטור־פּראָדוקטן פֿאַרן גאַנצן לאַנד. אויס מיט פּויערים; אורבאַניזם איז פֿאַרבונדן מיט אינדוסטריאַליזאַציע. אַגריקולטור איז אויך אינדוסטריאַליזירט. אויב מען קען נאָך ווי עס איז פֿאַרענטפֿערן די פּרוּוון פֿון דער רוסישער רע־גירונג צו שאַפֿן ייִדישע קאָלאָניעס; אָבער עס איז ניט מעגלעך צו פֿאַרשטיין די פּראָפּאַגאַנדע פֿון אַגריקולטור בײַ ייִדן אין סוף פֿון יאָרהונדערט און אַפֿילו נאָך אין די פֿערציקער יאָרן האָט נאָך אַזאַ דענקער ווי זשיטלאָווסקי געשריבן וועגן דעם (אין „טאָג"). ווען ניט די צווייטע עליה, וואָלט מסתמא פֿון די אַלטע קאָלאָניעס מער קיין שׂריד ניט געבליבן, און עס וואָלט גאָרניט געווען קיין אויפֿבוי פֿון ישׂראל.

אַזוי איז אויך געווען אַ פֿאַטאַלער טעות, אויב ניט ערגער פֿון אַ טעות, די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וואָס איז לכתחילה געווען געבויט מיט אַסימי־לאַציע־צילן. מיר קענען איצט קוים זיך פֿאָרשטעלן ווי אַנדערש עס וואָלט אויסגעזען דער ייִדישער ייִשובֿ אין אַרגענטינע, ווען די קאָלאָניעס וואָלטן געווען געבויט שטאַרק נאָענט איינע צו דער צווייטער — איין געדיכטער שטח, און ניט דווקא פּויערים־ווירטשאַפֿט, נאָר אויך אינדוסטריעס און קאָאָפּעראַטיוון און דערצו וואָלט ייק"א ניט אַוועקגעגעבן אירע שולן דער רעגירונג, נאָר געבויט אַ פֿאַרזיכיקן, אייגענעם דערציִונגס־וועזן... טאַקע מפּני חטאינו — צוליב אונדזערע אייגענע זינד זײַנען מיר אין גלות. און ניט קעגן אַ שטרענגן, בייזן גאָט האָבן מיר געזינדיקט, נאָר קעגן זיך אַליין, קעגן דער אייגענער געטלעכ־קייט אין אונדז...

## טעאָריעס און פּראַקטיק

אין לעבעדיקע באַוועגונגען יאָגט זיך די פּראַקטיק אַוועק ווײַט פֿאַרויס פֿון די טעאָריעס. די אידעאָלאָגיע שטייט אָפּ פֿון דער פּראַקטיק, פֿון דער דירעק־טער אַרבעט טאָג אײַן, טאָג אויס. פֿאַרקערט, פֿאַראַן באַוועגונגען וואָס האַלטן זיך בלויז בײַ דער טעאָריע, זיי פּוצן, זיי רייניקן, פֿילאָסאָפֿירן כּסדר וועגן איר... ווײַל קיין פּראַקטיק האָבן זיי ניט. דאָס זײַנען טויטע באַוועגונגען. דאָך

איז עס תּמיד צום באַדויערן ווען די טעאָריע, די אידעאָלאָגיע שטייט אָפּ פֿון דער פּראַקטיק: די פֿאַרעלטערטע, די פֿאַלשע טעאָריע ווירקט און פֿאַרפֿירט אָפּט די פּראַקטיק אויף פֿאַלשע וועגן. דאָס ווירקט שוין שרעקלעך.

דער אויפֿבוי פֿון ארץ ישׂראל, פֿון מדינת ישׂראל גייט כּסדר פֿאָרויס, און די אידעאָלאָגיע איז אינגערטער און זי האַלט זיך אָפּט בײַ פֿאַרעלטערטע און פֿאַלשע אידייען. האָט די צווייטע עליה נאָך דער דורכגעפֿאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אין 1905, פֿאַרענדיקט מיט דעם פּויערים־אידעאַל פֿון די קאָלאָניעס. ערד־אַרבעט אין קאָאָפּעראַציע, קיבוץ און קבֿוצה. און אַלזײַטיקע ווירטשאַפֿט, ניט בלויז אַגריקולטור.

איך ווייס ניט, צי די ערשטע גרינדער פֿון דגניה האָבן באַוווּסטזיניק געוואָלט באַווײַזן דעם ספּעציפֿיש ייִדישן צוגאַנג צום סאָציאַליזם, צו דער קאָמונע. עס איז אָבער אַזוי אַרויס. צוויי וועגן זײַנען דאָס: איין וועג — יעדע אידייע איז אַ מאָטיוו פֿאַר קאַמף, פּאָליטיק, מלחמות, מען מוז דאָך אויסקעמפֿן פּאָזיציעס פֿאַר דעם אידעאַל, פֿאַר דער אידייע! דאַרף מען קעמפֿן. איז דער סאָציאַליזם בײַ פֿעלקער אַוועק אויף אָט דעם וועג פֿון קאַמף. דאַרף קריסטנטום באַהערשן די וועלט. איז עס אַ מצווה צו ברענען און בראָטן אַפּיקורסים און ייִדן, כּדי קריסטוסעס תּורה זאָל באַהערשן די וועלט. דאַרפֿן די גלייביקע אין סאָציאַליזם קעמפֿן פֿאַר זייער רעליגיע, איז ווידער מלחמות און קאַמפֿן. ווייווי וויפֿל בלוט און אומגליקן דער קאַמף פֿאַר גליק האָט שוין געבראַכט. און ווער ווייס וויפֿל ער וועט נאָך ברענגען... דאָס איז ניט דער ייִדישער וועג. בײַ ייִדן איז עס אַנדערש: אַן אידייע איז ניט קעמפֿן פֿאַר איר נאָר כּדי זי מקיים צו זײַן. גלייבט מען אין סאָציאַליזם, איז „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות סאָציאַליזם" — אַליין, אין קליינע גרופּקעס. איז עס גאָר אַן אַנדער וועג. ניט דער וועג גייט איבער דער וועלט. האָבן פֿאַרצײַטן די איסיים געהאַט זייער אידעאָלאָגיע, האָבן זיי זיך פֿאַרקליבן אין מידבר כּדי דאָרטן מקיים צו זײַן זייער גלויבן. אָבער קיינע מלחמות! איז סאָציאַליזם אויך אַ מצווה, דאַרף מען מקיים זײַן די מצווה. אין לעצטן סך־הכּל ווייס איך נאָך ניט ווער, וואָסער וועג עס וועט מער השפּעה האָבן אויף דער מענטשהייט.

דער צווייטער נײַער פּרינציפּ — ניט די פֿאַרעלטערטע אַגריקולטור, נאָר די אַלזײַטיקע ציוויליזאַציע, אַלע געביטן און אַלע צווײַגן פֿון שעפֿערישן לעבן. האָט עס די צווייטע עליה געענומען בויען אַן אַלזײַטיקע ציוויליזאַציע. און דער דריטער אייגענער וועג: אַרבעטער־קלאַס מיינט גאָר ניט צו זײַן דווקא אָנגעשטעלטע בײַ יענעם: ער בויט און מיר דינען זײַנע, זײַן איניציאַטיוו. אַרבעטער מיינט אויך אַרבעט בכלל. אַרבעטער קענען און דאַרפֿן זײַן אַ געזעלשאַפֿט

אַליין צו בויען. איז די הסתדרות געוואָרן דער פּיאָנער פֿון אַן אַלזײַטיקער ווירטשאַפֿט.

ניט די פּרימיטיווע קאָלאָניעס האָבן אויפֿגעבויט, צוגעגרייט די הײַנטיקע מדינה, דאָס האָבן אויפֿגעטאָן די ייִדישע אַרבעטער אויף זייער ייִדישן וועג. ניט וואָס מען איז געגאַנגען זוכן אין די אַדער יענע „שולחן ערוכס" ווי ייִדן דאַרפֿן זיך פֿירן. חלילה! מען האָט געטאָן ווי מען פֿאַרשטייט די פֿאָדערונגען פֿון צײַט און אָרט. און במילא זײַנען די וועגן געווען ייִדישע. האָט דאָס שטיקל לאַנד — איינע פֿון די קראַנקסטע אין דער וועלט זיך אויסגעהיילט, געוואָרן איינע פֿון די געזינטסטע אין דער וועלט. דאָס לאַנד שפּיגלט אָפּ דעם כאַראַקטער פֿון פֿאָלק וואָס באַווינט עס. ווער עס האָט דאָס לאַנד, וואָס איז געווען געדיכט באַפֿעלקערט, פֿאַרוואַנדלט אין אַ מידבר, אין אַ ווילדעניש פֿאַר שלאַנגען און עקדישן און ווער עס מאַכט פֿון דעם לאַנד אַ ווינקל פֿון פּראָגרעס און קולטור.

און דער דריטער פּרינציפּ: דאָס ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע האָבן ייִדן אויפֿגעהערט צו פֿאַרטיילן קולטור אויף צוויי באַזונדערע געביטן: ייִדישע קולטור באַזונדער — קודש און אַלגעמיינע קולטור — פֿאַר אַנדערע פֿעלקער — וואָכעדיקייט, ניט אונדזער געביט... ניין, אַלץ וואָס עס איז מענטשלעך דאַרף זײַן אויך ייִדיש, דאַרף פֿאַרייִדישט ווערן הן אין שפּראַך און הן אין גײַסט. דער ייִדישער גײַסט דאַרף אַרײַנגעבלאָזן ווערן אין אַלע געביטן פֿון מענטשלעכן שאַפֿן און דענקען. האָט ארץ ישׂראל אָפּגעשאַפֿט די מחיצה צווישן „חכמת יוון" און „חכמת ישׂראל", האָבן ייִדן מגייר געווען אויך די חכמת יוון. ניט נאָר פֿאַר אַ קאַפּיטל תּנך און אַ בלאַט גמרא צאָלט דער ייִדישער גאָט, אָבער ניט פֿאַר אַטאָם־פֿיזיק. ניין, דער ייִדישער גאָט אידענטיפֿיצירט זיך מיט די אינטערעסן פֿון ייִדישן פֿאָלק...

איך דאַרף דאָ אָפּטרעטן אַן אַ זײַט און באַוואָרענען: איך זאָג ניט, אַז די שעפֿער פֿון תּלמוד, די חז"ל, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די חכמת ישׂראל פֿון חכמת יוון, האָבן געמאַכט אַ פֿעלער. זיי האָבן נאָר אין זייער צײַט געטאָן ווי זיי האָבן פֿאַרשטאַנען די אינטערעסן פֿון ייִדישן פֿאָלק אין זייער צײַט. אַנדערע צײַטן און אַנדערע אויפֿגאַבעס. קערן מיר זיך אום צו אונדזער הײַנט, שטייט פֿאַר אונדז די פֿראַגע:

### צי גייט די אידעאָלאָגיע פֿון ציוניזם מיט דער פּראַקטיק?

ניין, די אידעאָלאָגיע ווי דער מענטשלעכער געדאַנק בכלל איז אינערט און ער שטייט ווײַט אָפּ.

געבענטשט איז אַ באַוועגונג וואָס די פּראַקטיק, די טאָג־טעגלעכע אַרבעט גייט פּאָרויס און די אידעאָלאָגיע שטייט אָפּ, בלײַבט הינטערשטעליק. פֿאַראַן בײַ ייִדן באַוועגונגען וואָס זײַנען געבליבן בײַ דער ריינער אידעאָלאָגיע און זיי האָבן ניט לגמרי קיין פּראַקטיק. פֿאַראַן באַוועגונגען וואָס האָבן טיפֿע וואָרצלען אין פֿאָלק, זיי זײַנען לעבעדיק אין פֿאָלק אין משך פֿון תקופֿות. זייער פּראַקטיק ציט זיך פֿון תקופֿה צו תקופֿה, די סבֿיבֿה אַרום בײַט זיך, אָבער די אַרבעט גייט ווײַטער, אַנדערש — אָבער דער היסטאָרישער פּראָצעס ציט זיך, גייט ניט פֿאַרלאָרן. אַנדערש איז מיט באַוועגונגען וואָס האָבן ניט קיין וואָרצלען אין פֿאָלק, אין דער געשיכטע פֿון פֿאָלק, זיי זײַנען געבאָרן פֿון דער קאָנעקטור אין זייער צײַט און אין זייער אָרט. געביטן די צײַט און אָרט — שטאַרבט אָפּ די באַוועגונג, די טעאָריע, די אידעאָלאָגיע קען זיך האַלטן ביז זי גייט אויס. איך וועל ניט ברענגען קיינע דוגמאות פֿון אונדזער געשיכטע. מיר האַלטן זיך בײַ דער טעמע פֿון ציוניזם. די פּראַקטיק גייט פּאָרויס און די טעאָריע בלײַבט הינטערשטעליק. וועלן מיר נעמען אַ פּאָר פּונקטן פֿון אָפּגעשטאַנענקייט.

## דער ציון־מאָניזם

עס איז בײַ אונדז אַן אַלטע טבֿע: מאָניזם. גלייבן מיר אין איין גאָט — זײַנען מיר מבֿטל אַלע אַנדערע, גלייבן ייִדן אין איין ריכטונג, זײַנען אַלע אַנדערע בטל ומבֿוטל. קען מדינת ישׂראל זיך שטעלן קעגן אַלע אַנדערע ייִשובֿים? איר זײַט גלות, מעגט איר אונטערגיין, וועט איר אונטערגיין, נאָר ארץ ישׂראל וועט בלײַבן. דאָס גאַנצע פֿאָלק ישׂראל איז נאָר אין ארץ ישׂראל און מער ניט... ציון מיינט קיבוץ גלויות ווײַל ניטאָ אין זיי קיין המשך פֿון קיום, אַלע גלותן גייען אויפֿן וועג בטל צו ווערן, און ווער עס וויל זײַנע דורות זאָלן בלײַבן, זאָלן נעמען אַ חלק אין קיום האומה, דאַרף אַריבערפֿאָרן קיין ארץ ישׂראל...

מיין איך, אַז אָט דער מאָניזם איז אַ טעות און אַ געפֿערלעכער טעות. אמת, מיר האָבן אַ ביטערע דערפֿאַרונג מיט אונדזערע גלותן. אָבער די זעלביקע ביטערקייט האָט אונדזער געשיכטע אויך אין ארץ ישׂראל. מיר זײַנען אַ וועלט־פֿאָלק, עם עולם ניט נאָר אין צײַט — אַן אייביק פֿאָלק, נאָר אויך אין געאָגראַפֿיע — אַ וועלטפֿאָלק. מיר האָבן אַזאַ לאַנגע געשיכטע ניט ווי אַ לאַנדפֿאָלק, נאָר ווי אַ וועלטפֿאָלק. ארץ ישׂראל איז טאַקע אַרײַנגעוואַקסן אין אונדזער פּסיכיק ווי אַ סימבאָל, אָבער ווי אַ פֿאַקטישער ייִשובֿ האָט ארץ ישׂראל גאָר ניט קיין גרעסערע פֿאַרדינסטן פֿאַרן קיום האומה ווי אַנדערע ייִשובֿים. עס זײַנען בײַ אונדז אין פּסיכיק פֿאַראַן „ארץ ישׂראל של מעלה" און „ארץ ישׂראל של מטה". די „של מעלה" איז דער סימבאָל וואָס באַגלייט אונדזער פֿאָלק טאַקע

אַן אייביקייט. דער סימבאָל האָט טאַקע געהאָלפֿן אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק אין אַלע לענדער, אין אַלע „ארץ" זאָל זײַן „ישׂראל". אָבער דער כּוח פֿון סימבאָל האָט ניט קיין דירעקטע שײַכות צו דער מאַטעריעלער ארץ ישׂראל.

פֿאַראַן באַגריפֿן פֿון גאָט ווי פֿאַרזיכיקע עקסיסטענץ, ווי אַן „אַבסאָלוטע רעאַליטעט" און עס קען זײַן אַ באַגריף וועגן געטלעכקייט בײַ ייִדן, אין פֿאָלק. איז אָט די „פֿאַרזיכיקע גאָט-עקסיסטענץ" נאָר אַ מאָדיפֿיקאַציע פֿון אַ מאַטע־ריעלן גאָט. און אַזאַ פֿאָרשטעלונג איז פֿרעמד דעם ייִדישן גײַסט. אַזוי איז אויך ארץ ישׂראל: ארץ ישׂראל ווי אַ סימבאָל אומעטום און די מאַטעריאַליזירטע ארץ ישׂראל — צוויי באַזונדערע באַגריפֿן.

ארץ ישׂראל של מעלה איז ניט אידענטיש מיט ארץ ישׂראל של מטה; ארץ ישׂראל של מעלה איז קיין מאָל ניט חרובֿ געוואָרן. זי לעבט און האָט געלעבט אין די הערצער פֿון ייִדן. די „של מטה" איז עס געוועזן חרובֿ. די של מעלה האָט עס אויפֿגעבויט די של מטה.

# עם ישׂראל און ארץ ישׂראל

ווען איך פֿאַרגלײַך אויף וואָס וויינען ייִדן מער — אויף חורבן הארץ אָדער אויף חורבן העם, דוכט זיך מיר אַלע מאָל אַז ייִדן קלאָגן אין זייערע תּפֿילות און קינות אויף דעם חורבן פֿון לאַנד מער ווי אויף דעם חורבן העם. און דאָס איז בפֿירוש אַן אומרעכט: דאָס לאַנד פֿילט ניט דעם גלות, דעם חורבן, דאָס פֿאָלק פֿילט און לײַדט, דאָס פֿאָלק לײַדט און וויינט אָן אַן אויפֿהער, אָבער ניט דאָס לאַנד. און ייִדן באַוויינען מער דעם חורבן פֿון לאַנד: „אויף דעם קלאָג איך און איך וויין ווען איך זע אַלע שטעט זײַנען אויף זייער באָדן און די געט־לעכע שטאָט איז דערנידערט ביזן אָפּגרונט" (פֿון אַ תּפֿילה)... די גאַנצע צײַט פֿון גלות פֿלעגן ייִדן האַלטן עס פֿאַר אַ גרויסן זכות צו שטאַרבן אין ארץ ישׂראל. דער וואָס שטאַרבט אין ארץ ישׂראל וועט באַפֿרײַט זײַן פֿון „גילגול מחילות" ווען משיח וועט קומען; ווער עס גייט פֿיר איילן אין ארץ ישׂראל, דער איז באַזאָרגט מיט גן עדן. מײַנער אַן עלטער־זיידע (אָדער אַן עלטער־עלטער־זיידע) ר' יאַנקעלע סוויענציאַנער האָט זיך געלאָזט פֿאָרן מיט אַ פֿערד און וואָגן אויף דער עלטער זעקס וואָכן צײַט פֿון ווילנע קיין אָדעס, נאָר כּדי זוכה צו זײַן צו קומען צו קבֿורה אין ירושלים. און ווען די מאַמע ע"ה איז געקומען קיין ארץ ישׂראל, איז זי גאָר גיך געגאַנגען אויפֿן הר הזיתים זוכן איר זיידנס קבֿר. אַ זעקעלע ערד פֿון ארץ ישׂראל איז אַ גרויסער גליק מיטצונעמען אין קבֿר אַרײַן. איך ווייס ניט ווי עס האָבן זיך באַצויגן צו אַזאַ מאַטעריאַליזאַציע פֿון היילי־קייט די אויטאָריטעטן פֿון דער ייִדישער רעליגיע. נאָר עפּעס שטימט עס ניט מיט דעם אויסמײַדן אַלערליי מאַטעריעלע הייליקייטן. עס איז מיר אָבער ניט באַקאַנט קיין דירעקטער פֿאַרבאָט פֿון אַזאַ פֿאַרהייליקונג, איז בפֿירוש בײַ ייִדן געווען אַזאַ מאַטעריעלע קדושה צו ארץ ישׂראל, צו דער ערד און צו די שטיי־נער פֿון ארץ ישׂראל. וויפֿל מאָל אַ טאָג פֿלעגן עס ייִדן איבערחזרן די תּפֿילה „ולירושלים עירך ברחמים תשובֿ". די גאַנצע וועלט איז גלות, בלויז דאָס לאַנד פֿון ארץ ישׂראל איז ניט גלות. „ישובֿ ארץ ישׂראל" איז אַלע מאָל געווען פֿאַר־רעכנט פֿאַר אַ גרויסער מצווה, אַפֿילו ווען זי איז געווען אין גאַנצן אָן ייִדן, אַ גוייִש לאַנד. איך וועל זיכער אַרויסרופֿן אַ ברוגז בײַ לייענער ווען איך זאָל פּרובירן פֿאַרגלײַכן ווער האָט מער אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישקייט, אין ייִדישער תּורה מער אינהאַלט — צי ירושלים דארץ ישׂראל אָדער ירושלים דליטע (וויל־נע)? ירושלים אין עטלעכע טויזנט יאָר און ירושלים דליטע אין עטלעכע הונ־דערט יאָר. און פֿון דעסט וועגן איז ירושלים ניט אין פֿאַרגלײַך מער פֿאַרהיי־

ליקט ווי ווילנע. קיין פֿאַרגלײַך ניט. ירושלים איז געווען אַ שטאָט נאָך איידער ייִדן האָבן זי אײַנגענומען פֿון יבֿוסי־פֿאָלק. און געווען איז עס אַ שטאָט מיט אַלע אומווירדיקייטן וואָס אין אַלע כּנענישע שטעט. עס האָט אַפֿילו ניט געפֿעלט מסתּמא דער געץ פֿון מולך, וואָס מען פֿלעגט פֿאַר אים פֿאַרברענען קינדער. דאָס האָבן ייִדן גענומען אָט אַזאַ טריפֿע שטאָט און זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ סימ־באָל פֿון הייליקייט פֿאַר אַ וועלט מיט פֿעלקער, גאַרניט פֿאַר ייִדן אַליין. פֿרעגט זיך: האָבן דאָס ייִדן ניט געקענט אויפֿבויען אַ נײַע שטאָט און אויך אין איר אַרײַנגעבן קדושה? און ווען מען זאָל גלייבן די גרויסע נבֿיאים, זײַנען ייִדן אין גלות געווען בעסערע ייִדן איידער אין תּנך־צײַט. פֿאַרוואָס האָט ניט געקענט זײַן קיין צווייטע ארץ ישׂראל, קיין צווייטע ירושלים?

ווען ד״ר הערצל האָט נאָכן קעשענאָווער פּאָגראָם, נאָך זײַן אַנטוישונג צו קריגן אַ טשאַרטער אויף ארץ ישׂראל פֿון טערקײַ, ווען ער האָט געבראַכט דעם אוגאַנדע־פֿאָרשלאָג, האָבן דווקא די רוסישע ציוניסטן דאָס אויפֿגענומען מיט אַ היסטערישן געוויין. און דווקא די רוסישע ציוניסטן וואָס זײַנען געווען נענ־טער צו קעשענעוו, און פֿאַר זיי איז דאָך קעשענעוו געווען אַ סימבאָל פֿון דעם וואָס האָט געקענט זײַן אין אַלע שטעט, און פֿון דעסט וועגן איז בײַ זיי, דווקא בײַ זיי די ערשטע רעאַקציע געווען אַ געוויין. זיי זײַנען טאַקע געווען נענטער צו קעשענעוו, אָבער זיי זײַנען אויך געווען נענטער צו דער ייִדישער טראַדי־ציע, וואָס האָט אײַנגעפֿלאַנצט אין דער פּסיכיק פֿון פֿאָלק אַן ענגע פֿאַרבינדונג צווישן עם ישׂראל און ארץ ישׂראל. איינע אָן דער צווייטער קען גאָר ניט זײַן, טאָר גאָר ניט זײַן. האָבן דווקא די רוסישע ציוניסטן אויפֿגענומען דעם אוגאַנדע־פֿאָרשלאָג מיט אַ געוויין. זיי האָבן אין דעם אײַנגעזען אַ בגידה, אַ פֿעלשונג. אויב ניט ארץ ישׂראל דאַרף מען גאָר ניט. דאַכט זיך, דאָס לאַנד האָט אַ ווערט נאָר ווען דאָס פֿאָלק איז אינעווייניק, אין לאַנד, פֿאַר זיך גופֿא איז דאָס לאַנד ווי אַלע לענדער. אָבער ניין. ניט אַזוי זעען עס ייִדן. ייִדן גייען קיין ארץ ישׂראל „לבֿנות ולהבנות“ — בויען דאָס לאַנד און געבויט ווערן אַליין. בויען דאָס לאַנד קומט אַפֿילו פֿריִער ווי אַליין“, אויפֿבויען דאָס פֿאָלק. אויפֿבויען דאָס פֿאָלק ערגעץ אַנדערשוווּ, אין אַן אַנדער לאַנד, אַבי נאָר דאָס פֿאָלק זאָל באַ־פֿרײַט ווערן — וועגן דעם האָבן ייִדן ניט געוואָלט הערן אַפֿילו אין אַזאַ שווי־דערלעכער צײַט ווי נאָכן קעשענאָווער פּאָגראָם. ייִדן האָבן געקלאָגט און גע־וויינט וואָס „אַנדערע שטעט שטייען פֿעסט און גאַנץ, אָבער די געטלעכע שטאָט איז געפֿאַלן ביזן אָפּגרונט“ (פֿון אַ תּפֿילה) אפֿשר מער ווי אויף דעם חורבן פֿון פֿאָלק; דאָס לאַנד פֿאַר זיך אַליין אָן דעם פֿאָלק איז געוואָרן אַ הייליקייט וואָס קאָנקורירט מיט דעם פֿאָלק: וואָס איז וויכטיקער — גאולת העם אָדער גאולת הארץ? איז דאָך ארץ ישׂראל ניט געווען פֿון אָנהייב אָן עיר קודש און ניט באַ־

שאַפֿן געוואָרן ספּעציעל פֿאַר די ייִדן. איז דאָך ירושלים געווען אַ שטאָט פֿון יבֿוסי, אַ שטאָט מיט אַלע געצנדינערישע אומוועדיקייטן. דאָס האָבן דאָך די ייִדן פֿאַרוואַנדלט די שטאָט פֿון געדיכטער טומאה אין העכסטער קדושה, היי־ליקער פֿון אַלע אַנדערע שטעט אין דער וועלט. פֿאַר מיר — און איך בין זיכער ניט קיין בן יחיד — זײַנען אַ סך פֿון די קיבוצים הייליק, אפֿשר הייליקער ווי פֿאַרצײַטיקע פֿאַרהייליקטע ערטער. די קדושה פֿון ארץ ישׂראל איז אַן אוראַלטע פֿון די אבֿות אָן, דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט קדושה הײַנטיקע, פֿון די הײַנטיקע דורות. פֿאַראַן אַ קדושה אַ רעליגיעזע און אַ קדושה אַ נאַציאָנאַלע, וואָס איז נאָך ניט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיעזער. איז אָט די נאַציאָנאַלע קדושה פֿאַר מיר העכער פֿון דער רעליגיעזער. די נײַע קדושה וועגט בײַ מיר אין די אויגן איבער די אוראַלטע קדושה. פֿאָרנדיק אין גליל ערגעץ דורך אַ הויכן וואַלד (ארץ ישׂראל און וואַלד — דאָס האָבן ייִדן באַשאַפֿן דעם נס!) האָב איך בײַ דער זײַט פֿון וועג געזען שטיינער מיט אויפֿשריפֿטן „דאָס אָרט איז הייליק, ווײַל דאָ איז באַגראָבן דער און יענער תּנא". פֿאַר מיר איז דער וואַלד היילי־קער ווי צוואַנציק קבֿרים פֿון תּנאים. דער וואַלד וואָס ייִדישע הענט האָבן גע־פֿלאַנצט און אַזוי גאַנץ ארץ ישׂראל. דאָס טײַכל חרוד (עין חרוד), וואָס ייִדישע בחורים האָבן געזונט געמאַכט... מיט איין וואָרט: קדושה, הייליקייט גיסט זיך ניט אַראָפּ פֿון הימל, נאָר עס איז אַ פּראָדוקט פֿון פֿאָלק, זײַן הייליקער שווייס. ווער עס האָט געמאַכט פֿון ארץ ישׂראל אַ קראַנקן מידבר — שלאַנגען און עקדישן און ווילדע וועספּעס (צרעה אין חומש), קדחת און טראַכאָמע און כאַראָע און וואָס ניט. און ווער עס האָט פֿון זעלביקן לאַנד געמאַכט איינע פֿון די געזינטסטע ווינקלען פֿון דער וועלט.

בלײַבט דאָך אָבער ווידער די אַלטע פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט דאָס זעלביקע פֿאָלק, וואָס פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל שווייס און קדושה, ניט געגומען קיין צווייט ווינקל און אים באַזעצט, אים געשאָנקען אַ ביסל פֿון זײַן קדושה. און אפֿשר וואָלט יענץ לאַנד געווען גליקלעכער, אַן אַראַבישע שכנים וואָס האָבן זייער טראַדיציע אַנצופֿאַלן אויף יענע וואָס שאַפֿן און עס צורויבן. אויך איצט דאַרפֿן זיי ניט אַזוי דאָס לאַנד, ווי די רײַכקייטן וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן. בלײַבט דאָך פֿאָרט אָט די קשיא: פֿאַרוואָס דווקא אָט דאָס אומגליקלעך לענדל און עס קען ניט זײַן אַ צווייטס? און אָן די צרות פֿון ארץ ישׂראל?

ארץ ישׂראל האָט שוין ביז איצט געגעבן אַ סך דעם ייִדישן פֿאָלק. לאָמיר אויסרעכענען: געגעבן אַן אידעאַל, אַ גלויבן, אויפֿגעוועקט אַ דרעמלענדיקע ענערגיע, האָט פֿאַרבונדן דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס האָט געהאַלטן און האַלט ווײַטער אין צעשיטן זיך. עס דאַרף נאָך געבן אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט אַלע ייִשובֿים

אין דער וועלט. קענען דאָך ייִדן איצ אַלע ייִשובֿים בײַ זיך אָפּהיטן אַ סך ייִדישקייט־מצוות. אפֿשר וועט עס נאָך קומען.

ארץ ישׂראל האָט אָבער אויך געקאָסט דעם ייִדישן פֿאָלק אַ סך: זי האָט פֿאַרשטאַרקט די נעגאַציע צו דער אַקטועלער ייִדישקייט, ווײַל עס איז דאָך גלותדיק, זי האָט פֿאַרמערט און פֿאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט. עס קענען נאָך קומען נאָך און אַנדערע דעפֿעקטן, וואָס מיר ווילן דאָ ניט רעכענען. היסטאָריש אָבער האָט ארץ ישׂראל, דער גלויבן און די עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט דווקא צו דעם איינציקן לאַנד האָט אָט דאָס געפֿיל ניט דערלאָזן די ייִדן זיך אײַנצואָרדענען ניט אין גלות בײַ פֿיל מעגלעכקייטן וואָס זײַנען זיכער געווען. ארץ ישׂראל האָט פֿאַרלענגערט דעם גלות. ארץ ישׂראל האָט ניט דערלאָזט דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל אויפֿבויען אַ צווייט ארץ ישׂראל. ארץ ישׂראל האָט יע געשאַפֿן אַ הייליקע באַציִונג צום לאַנד, אָבער אין דער זעלביקער צײַט האָט זי געשאַפֿן אַ ביטול־באַציִונג צו ייִדישקייט און צו ייִדן אין דער וועלט, צו אַלע דערהויבענע אינהאַלטן וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק אין גלות האָט געשאַפֿן.

איך גיי ניט אויסרעכענען ווי אַ קרעמער דעם באַלאַנס פֿון די פּלוסן און מינוסן. דאָס איז אַן אויפֿגאַב פֿאַר דער געשיכטע. די פּראָצעסן גייען נאָך אָן, זיי זײַנען אין סטאַדיע פֿון ווערן, אין „סטאַדו נאַסצענדי”, ווי מען רופֿט עס אין כעמי. נאָך פֿריצײַטיק צו מאַכן באַלאַנסן. אַזאַ באַלאַנס וועלן אפֿשר קענען די אייניקלעך מאַכן. וואָס מיר פֿערזענלעך טוט וויי איז די נעגאַטיווע באַציִונג צו דער גאַנצער וועלטלעכער ייִדישער קולטור, די שלילת הגלות, וואָס דער ציוניזם האָט געשאַפֿן און טראָגט אין זיך גרויסע סכּנות פֿאַרן המשך פֿון ייִדישקייט בכלל — פֿאָלק און לאַנד. די באַציִונג צום לאַנד — אַן אַ שיר געטרײַקייט, הייליקייט, מסירת נפֿש. דאָס איז גרויס און הייליק. די באַציִונג אָבער צום פֿאָלק, צו זײַן גײַסטיקן אינהאַלט — נעגאַציע, שלילה. האָט נאָך אחד העם אין זײַן באַרימטן פֿאַרגלײַך „אַ לאַנד אַז עס ווערט חרובֿ, און אַ פֿאָלק אַז עס ווערט חרובֿ”... האָט דער ציוניזם אין ארץ ישׂראל ניט אויסגעהיילט דאָס פֿאָלק פֿון דער עגאָפּאָביע וואָס די השׂכּלה האָט אײַנגעפֿלאַנצט. ארץ ישׂראל וואָלט געדאַרפֿט זײַן אַ היים פֿאַר דער גאַנצער נײַער קולטור, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן, האָט אָנגעהויבן צו שאַפֿן און די גוֹיִם האָבן דאָס ניט געלאָזט זיך אַנטוויקלען, אַ היים און אַ פֿרײַער המשך, דער מאָרגן זאָל זײַן אַ דירעקטער המשך פֿון דעם לעבעדיקן הײַנט, ווי דער הײַנט איז אַ המשך פֿון דעם לעבעדיקן נעכטן. האָט ארץ ישׂראל פֿאַרמישפּט דעם גאַנצן אינהאַלט און ארץ ישׂראל האָט גאָר געוואָלט ווערן אַ מין המשך פֿון דעם פֿאַרצײַטן און פֿון פֿאַר־

צײַטיקער ייִדישקייט. יעדער מענטש טראָגט יע אין זיך די ירושה פֿון פֿאַרצײַטן, אָבער ער קען זי קריגן נאָר דורך זײַנע דירעקטע עלטערן. איבערהיפּן די דירעקטע עלטערן און טראָגן די ירושה פֿון פֿאַרצײַטן, דירעקט פֿון פֿאַרצײַטן טאָקע, ניט דורך די לעבעדיקע דורות איז אין גאַנצן אוממעגלעך. און וויפֿל די גאַנצע דערציִונג אין ארץ ישׂראל האָט זיך ניט באַמיט, אַז די אויפֿקומענדיקע דורות זאָלן זײַן אַ דירעקטער המשך פֿון די תּנך־ייִדן, איז עס בשום אופֿן ניט מקוים געוואָרן און די יונגע דורות טראָגן אַ צעדריבלטע ירושה פֿון גלות־ייִדן פּלוס אַ גאַנץ היפּשע השפּעה פֿון די אַראַבישע שכנים, אָבער בשום אופֿן ניט קיין שפּור פֿון דער תּנכישער ייִדישקייט. אגבֿ איז עס ניט מעגלעך אויך.

קומט אַרויס פֿון דער גאַנצער אָפּהאַנדלונג, אַז די צו שטאַרקע ליבע צו ארץ ישׂראל האָט במילא פֿאַרמינערט די באַציִונג צו עם ישׂראל. וואָלט געווען אַ שטאַרקערע ליבע צום פֿאָלק ישׂראל, וואָלטן ייִדן זיך אײַנגעאָרדנט פֿאַר זיך און פֿאַרנומען לענדער ווען עס זײַנען נאָך געווען אַזוינע; וואָלטן זיי אַפֿילו אין דער פֿרעמד, אין פֿרעמדע לענדער זיך באַזעצט באַזונדער, פֿאַר זיך, אין ייִדישע ראַיאָנען, אין ייִדישע ישובֿים. קומט אויס, אַז די ליבע צו ארץ ישׂראל האָט פֿאַרלענגערט דעם גלות, האָט געשאַפֿן גלותדיקייט אַפֿילו דאָרט ווו עס איז מעגלעך געווען אײַנצואָרדענען זיך ניט גלותדיק.

קומט אויס אַז די געטרײַע ליבע צו ארץ ישׂראל פּלוס נאָך איין גײַסטיקע אייגנשאַפֿט פֿון ייִדן האָט פֿאַרלענגערט דעם גלות, האָט ניט דערלאָזן זיך אײַנצואָרדענען פֿאַר זיך, ניט גלותדיק. צוויי זײַנען די פֿאַקטאָרן וואָס האָבן געשטאַרקט די גלותדיקייט אין ייִדן: די צו שטאַרקע עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו ארץ ישׂראל און די שווידערלעכע געפֿאַלנקייט און געפֿיל פֿון געפֿאַלנקייט און זינדיקייט בנוגע צום לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק. געווען תּקופֿות וואָס האָבן געמוטיקט און געשטאַרקט און געווען, פֿאַרקערט, תּקופֿות, וואָס האָבן אַנטמוטיקט און אויסגעוואָרצלט יעדן גלויבן אין פֿאָלק. אַ מוסטער פֿון דעם ערשטן מין, אַ תּקופֿה פֿון דערהויבנקייט איז געווען די פּערסישע. קיין מאָל איז בײַ די ייִדן ניט געווען אַזאַ דערהויבענע באַציִונג צו זיך, צו יחידים און צום פֿאָלק בכלל ווי אין דער פּערסישער תּקופֿה. דאָס האָט זי צוגעגרייט דאָס פֿאָלק צום חשמונאים־אויפֿשטאַנד. פֿאַרקערט האָט די תּקופֿה פֿון דער פֿאַרזיכיקער מדינה אין גאַנצן דערדריקט דאָס פֿאָלק. זי האָט געפֿירט צום חורבן, און דער תּקופֿה איז דער חורבן ביסלעכווײַז געוואַקסן. דער שווידערלעכער גלות־אייראָפּע און די תּפֿילות אשמנו, בגדנו ,חטאנו לפֿניך האָבן געשאַפֿן בײַ ייִדן אַזאַ אומגלויבן און אַזאַ געפֿאַלענע באַציִונג צום גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, אַז וועגן אײַנאָרדענען זיך

פֿאַרזיך האָט שוין קיין רייד אַפֿילו ניט געקאָנט זײַן. אָט די באַציִונג דאָס איז די עגאָפֿאָביע (האָס און ביטול צו זיך), זי האָט עס געשטערט ייִדן זיך צו באַ־זעצן ערגעץ ווו. ארץ ישׂראל איז אַנדערש: די באַציִונג צום לאַנד איז אַנדערש. די באַציִונג האָט געהאָלפֿן, געמוטיקט. לבֿנות ולהבנות — דאָס ערשטע, דעם לבֿנות האָט מען שוין מקיים געווען; דאָס צווייטע, דער להבנות — זיך איבער־בויען — דאָס איז ווײַט נאָך ניטאָ. בכלל איז עס אַ פֿראַגע צי קען מען איבער־מאַכן אַ פֿאָלק. שווער איבערמאַכן דעם כאַראַקטער פֿון איין מענטשן. נאָך שווע־רער איז עס איבערמאַכן די נאַטור פֿון אַ פֿאָלק.

פֿאָלק איז אַ נאַטור־פֿאַרטיילונג. עס איז ניט קלאַס, ניט פּאַרטיי, ניט אָר־גאַניזאַציע, בכלל ניט עפּעס געשאַפֿן פֿון מענטשן, עפּעס אַ געזעלשאַפֿט, וואָס מען קען זיך צושרײַבן צו איר, און אַז מען וויל ניט שרײַבט מען זיך אויס און יוצא. פֿאָלק איז ווי סאָרטן, פֿון דער נאַטור, ווי סאָרטן פֿון בהמות, פֿון געוויקסן. מען קען ניט זיך פֿאַרשרײַבן אין אַ פֿאָלק, ווי אין אַ געזעלשאַפֿט. עס דאַרף געדויערן דורות דער אַריבערגאַנג פֿון איין פֿאָלק צו אַ צווייטן. אַ גע־שמדטער ייִד האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע ייִדישע וויליקע פֿליכטן און אָרגאַ־ניזאַציעס, אָבער ער האָט זיך נאָך ווײַט ניט באַפֿרײַט פֿון די נאַטירלעכע ייִדי־שע אייגנשאַפֿטן, ער און זײַנע קינדער זײַנען נאָך ווײַט ניט באַפֿרײַט פֿון די ייִדישע פֿיזישע און פֿיזיאָלאָגישע שטריכן אין קערפּער. איטלעך פֿאָלק האָט זיך זײַנע עסנס, זײַנע געטראַנקען, זײַנע פֿאַרווײַלונגען, זיטן און מינהגים, זײַנע אידעאַלן, זײַן גאַנג אין לעבן, און איטלעך פֿאָלק שאַפֿט זיך זײַנע אידעאַלן, זײַ־נע שטרעבונגען און זײַן רצון. האָט רוים געהאַט אַ ווערטל, אַז אַ מענטש צו אַ מענטשן איז אַ וואָלף. איז דאָס ווערטל ניט פּינקטלעך. אַ וואָלף פֿאַרצוקט ניט צוליב פֿאַרווײַלונג, ער פֿאַרצוקט צוליב עסן, שטאַרקערע וועלף זאָלן באַפֿאַלן אַ שוואַכערן — ניין, ניטאָ אַזאַ נאַטור בײַ וועלף. דאָס איז אָבער יע פֿאַראַן בײַ מענטשן. בויען ספּעציעלע צירקן צו זען ווי מענטשן מאַכן זיך דעם טויט איי־נער דעם צווייטן, ווי הונגעריקע רויב־חיות פֿאַרצוקן מענטשן, דאָס אַלץ איז אַ פֿאַרגעניגן בײַ רוימער. איז אָבער בײַ ייִדן געווען אַן אידעאַל פֿון „ואהבֿת לרעך כמוך״. און אַפֿילו אויב מען פֿאַרמישפּט אַ מענטשן צום טויט, איז „ברור לו מיתה יפֿה״, און ווען שופֿטים פֿאַרמישפּטן אַ מענטשן צום טויט, טאָרן זיי ניט עסן קיין פֿלייש. פֿעלקער זײַנען אַנדערש און זייערע באַגריפֿן זײַנען אַנדע־רע, פֿאַרשיידענע. מען קען ניט פֿאַרגלײַכן. אַנדערש זײַנען די שטריכן פֿון פּנים און אַנדערע זײַנען די באַגריפֿן אין מוח. דורות דאַרפֿן אַריבערגיין ביז אַ קו פֿון איין סאָרט זאָל זיך אויסגלײַכן מיט אַ קו פֿון אַ צווייטן סאָרט, און דורות דאַרפֿן אַריבערגיין ביז מענטשן פֿון איין פֿאָלק זאָלן ווערן דורכויס ענלעך צו מענטשן פֿון צווייטן פֿאָלק, אַנדערש אויך גײַסטיק. איז „גרממיא של אדום

אם הם יוצאים מאבדים את כל העולם" (אַ גמרא). דער ערשטער ייִד פֿאָדערט אויך פֿון גאָט „צדקה ומשפט". פֿון פֿאַרצײַטן אָן אין פֿאַרשיידענע וועלטן.

צו ענדערן די נאַטור פֿון אַ פֿאָלק מוזן אַריבערגיין דורות. האָט זיך בײַ ייִדן אײַנגעשטעלט אַזאַ באַציִונג טאַקע אין משך פֿון לאַנגע דורות — אַזאַ באַ־צונג צו ארץ ישׂראל און צו עם ישׂראל, האָט זיך עס ניט געביטן אין משך פֿון גלות אייראָפּע.

און דער אויספֿיר פֿון דער גאַנצער אויפֿקלערונג איז —

ייִדן זײַנען אין גלות איבערהויפּט ווײַל זיי האָבן צו פֿיל געהאַלטן פֿון ארץ ישׂראל און צו ווייניק געהאַלטן פֿון עם ישׂראל. ייִדן האָבן ניט געפּרובירט איינ־אָרדענען זיך פֿאַרזיכיק, אויטאָנאָם, אַפֿילו ווו דאָס איז געווען מעגלעך, פֿאַר זיך, אומאָפּהענגיק, ניט גלותדיק. פֿרײַ, פֿאַרזיכיק קענען ייִדן זײַן נאָר אין ארץ ישׂראל, ניט אין קיין שום אַנדער לאַנד. אַלע לענדער זײַנען גלות, און זיי מוזן בלײַבן גלות. בלויז נאָר איין לאַנד קען זײַן היימיש, ניט גלות. דאָס איז נאָר ארץ ישׂראל. וואָלטן ייִדן געגלייבט אין עם ישׂראל, וואָלטן זיי געמוזט גלייבן, אַז יעדער לאַנד ווו ייִדן לעבן קענען זיי עס פֿאַרוואַנדלען אין אַן ארץ ישׂראל.

און אַז עס איז געקומען אַ נײַע באַוועגונג, כּלומרשט אין גײַסט פֿון אַ צווייטער ארץ ישׂראל — דער טעריטאָריאַליזם, איז ער אויך אַוועק אויף אַ פֿאַלשן וועג. קודם כּל — קיינער האָט קיין מאָל ניט געגעבן און וועט ניט געבן קיין טעריטאָריע, קיין לאַנד. פֿאַר יעדער פּיצל טעריטאָריע שלאָגן זיך פֿעל־קער, וועט קיינער ניט נעמען און אַוועקגעבן ייִדן אַ טעריטאָריע. צווייטנס, וואָלטן ייִדן געהאַט אַ נטיה צו זיך, צו ייִדישע פֿירונגען און מינהגים, וואָלטן זיי זיך אומעטום באַזעצט צוזאַמען, געדיכטע ייִדישע יישובֿים און דאָס וואָלטן געווען „טעריטאָריעס". וואָלטן ייִדן געהאַט אַ באַציִונג צו ייִדישקייט, וואָלטן זיי במילא געלעבט געדיכט צוזאַמען און עס וואָלטן זיך באַקומען במילא „טע־ריטאָריעס". האָבן דען ייִדן ניט געקאָנט שאַפֿן אין ניו־יאָרק, אין שטאָט ניו יאָרק קיין ייִדישע טעריטאָריע? ייִדן אַנטלויפֿן דאָך פֿון ייִדישקייט און פֿון ייִדן? האָבן דאָך ייִדן געבויט ארץ ישׂראל ניט ווי אַ טעריטאָריע, נאָר ווי קאָלאָניעס אין שכנות מיט אַראַבער.. באשר די אַראַבער האָבן געצוווּנגען די ייִדן צו זײַן באַזונדער, ווײַל מען וואָלט זיי אויסגעקוילעט ווי די אַראַבער קענען. האָבן דאָך די אַראַבער געצוווּנגען די ייִדן צו בויען אַ פֿאַרזיכיקע, באַזונדערע ארץ ישׂראל מיט אַ הגנה זיך צו באַשיצן. אַ ייִדישע ארץ ישׂראל האָבן די אַראַבער אַרויפֿ־געצוווּנגען אויף די ייִדן. האָבן ייִדן גאָר ניט געוואָלט בויען קיין פֿאַרזיכיקע יישובֿים אין פֿרײַע לענדער, ווו דאָס איז מעגלעך געווען. עס האָבן יע געבויט אַזוינע פֿאַרזיכיקע יישובֿים פֿרומע ייִדן, ווי למשל ניי־סקוויר. אָבער דאָס איז

ניט פֿאַר ייִדישקייט, נאָר פֿאַר גאָט, פֿאַר ייִדישער רעליגיע. זיי פֿאַרשטייען פֿאַלש די ייִדישע רעליגיע. ייִדישע רעליגיע און ייִדישקייט איז די זעלביקע זאַך. ייִדישע רעליגיע איז ניט געגעבן געוואָרן אַ פֿאַרחתמעטע אַ פֿאַרענדיקטע. ייִדישע רעליגיע טאָר זיך ניט אָפּשטעלן צו וואַקסן. „עץ חיים היא למחזיקים בה" ווי אַ בוים האַלט אין וואַקסן, אין אַנטוויקלען נײַע קנאָספּן, בלעטער און צווײַגן, און נײַע פּרוכטן, אַזוי אויך מיט ייִדישקייט אָדער מיט ייִדישער רע־ליגיע... ייִדישקייט וואַרפֿט אַראָפּ אַלטע, פֿאַרעלטערטע עלעמענטן און נעמט כּסדר אָן נײַע. ייִדישקייט קען ניט און טאָר ניט זײַן הײַנט ווי עס איז פֿאַר־שריבן אין שולחן ערוך. פֿאַר דער צײַט זײַנען צוגעקומען אַ סך נײַע פֿאָרמען און עלעמענטן און זיי זײַנען אַלע הייליק בקדושת הפֿאָלק. איז די ייִדישע שפּראַך ניט ווייניקער קודש ווי אַראַמיש און ווי לשון קודש. זײַנען אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַראַן ספֿרים וואָס זײַנען הייליק און הייליקער ווי אוראַלטע. זײַ־נען פֿאַראַן נײַע „קינות" וואָס זײַנען אַקטועלער און וויכטיקער ווי די קינות וואָס ווערן געזאָגט. ייִדישקייט מוז זיך כּסדר באַנײַען. די פֿרומע ווילן פֿאַר־וואַנדלען ייִדישקייט אין אַ געגעבענע און פֿאַרענדיקטע רעליגיע, וואָס עס איז ניט געווען און איז ניט פֿאַראַן.

אויך די וועלטלעכע ייִדן האָבן פֿאַלש פֿאַרשטאַנען. פֿאַראַן יונגע, ערשט אָנגעוואַקסענע ייִדישקייט און אַלטע פֿירונגען. די אַלטע זײַנען שוין פֿאַרשריבן, די נײַע זײַנען נאָך ניט פֿיקסירט און ניט פֿאַרשריבן, אָבער קוים פֿירן זיך ייִדן אַזוי און אַנדערש ווי אַלע פֿעלקער, איז עס ייִדישקייט. די נײַע, ניט פֿאַרשרי־בענע עלעמענטן זײַנען די וואָס מיר רופֿן „וועלטלעכע". וועלטלעכע ייִדן טאָרן זיך ניט אָפּזאָגן פֿון אַלטער אײַנגעשטעלטער ייִדישקייט. דאָס איז ווי די יונגע אָקאָרשט אָנגעוואַקסענע צווײַגעלעך וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פֿון די אַלטע צווײַגן און פֿאַרהאַלצטע שטאַמען. וועלטלעכע ייִדן מעגן אַרײַנלייגן אין די אַלטע אָנ־גענומענע בײַם פֿאָלק שטייגער־נאָרמען נײַע אינהאַלטן, נײַע עלעמענטן, אָבער ניט אָפּוואַרפֿן. האָבן יום טובֿים ווי פּסח, שבֿועות און סוכּות געביטן זייער אינ־האַלט. דער ריין אַגריקולטור־יום טובֿ סוכּות, למשל, דער „חג האסיף", ווען פּויערים ענדיקן דעם יאָר־ציקל, ווען מען גרייט זיך אָן שפּײַז ביז צו דער קומענדיקער גערעטעניש מיט דעם יום טובֿ פֿון וואַסער, ווען עס דאַרפֿן זיך אָנהייבן די נײַע רעגנס און אָנפֿילן די גריבער־אײַנזאַמלונגען פֿון וואַסער. דאָס איז דער יום טובֿ פֿון אַגריקולטור. איז ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „זכר ליציאת מצרים", מיט אַ „כי בסוכות הושבֿתי את בני ישראל בצאתם ממצריים" (ויקרא כג, 43) . איז סוכּות דער „זמן שׂימחתנו" פֿון אַלע ערדאַרבעטער: עס איז דאָ עסן אויף אַ יאָר, ביז קומענדיקן גערעטעניש. איז עס געוואָרן אַ „זכר ליציאת מצרים". און אַזוי פּסח — דער יום טובֿ פֿון נאָמאַדן מיט זייערע שאָף,

ווען עס הייבן אָן געבאָרן צו ווערן און מצות — דאָס ברויט פֿון נאָמאַדן, וואָנ־דערער איז אַלץ געוואָרן אַ זכר ליציאת מצרים, איז אין רוימישע צײַטן גע־וואָרן דער סדר מיטן גאַנצן האָס צו „לבן הארמי" געמיינט גאָר ניט לבן דעם ארמי נאָר די פֿאַרהאַסטע רוים... און אַזוי אויך שבֿועות דער חג הגז, דער חג הביכּורים בײַ ערדאַרבעטער, און שפּעטער דער מתּן תּורה (וואָס איז אין דער תּורה ניט דערמאָנט).

אַזוי האָבן וועלטלעכע ייִדן געקענט און גערדאַרפֿט אַרײַנגעבן אין די אַלטע יום טובֿים נײַעם אינהאַלט. האָבן די וועלטלעכע עס ניט געטאָן, האָבן זיי פֿאַר־לאָרן זייער אינהאַלט, בכלל אָן אינהאַלט און ניט געהאַט וואָס איבערצוגעבן די קינדער. האָט עפּעס אַ נאַרישער גײַסט אָנגעיאָגט אויף די וועלטלעכע אַ ווילן אָפּצוזאָגן זיך פֿון דעם גאַנצן ייִדישן דורותדיקן שטייגער און זיי האָבן גאָרניט געהאַט קיין אייגענעם נײַעם אינהאַלט אַרײַנצוגעבן אין די אַלטע פֿירונגען, נאָר סתּם גענומען ברעכן און רײַסן. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען אַז וועלטלעכקייט איז ניט קיין נײַע, קיין אַנדער ייִדישקייט, נאָר עס איז אַ סימן פֿון יונגקייט, פֿון נײַעס. אַלץ וואָס עס איז אין ייִדישקייט האָט זיך אָנגעהויבן וועלטלעך.

ערשט שפּעטער ווען עס איז געוואָרן אַ מינהג בײַ אַלע ייִדן, איז עס פֿאַר־הייליקט געוואָרן. אַלץ וואָס איז איצט רעליגיעז איז אַמאָל געווען וועלטלעך. אַלץ וואָס עס איז איצט וועלטלעך וועט מיט דער צײַט — אויב עס וועט בלײַבן בײַ ייִדן, און אויב ייִדן וועלן בלײַבן — זײַן רעליגיעז פֿאַרהייליקט. וועלטלעכע ייִדישקייט איז ניט קיין אַנדערע, ניט קיין נײַע ייִדישקייט, נײַערט עס איז די ערשטע סטאַדיע פֿון די געגעבענע מינהגים.

ווי זעט זיך פֿאָרויס די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אורבאַניזם? קיין נבֿיא וואָס זאָל פֿאָרויסזאָגן איז ניטאָ איצט. דאָס אייציקע וואָס מיר קענען לערנען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט אויף דער צוקונפֿט, דאַרף מען זאָגן אַז דער גאַנג פֿון דעם גרעסטן און רײַכסטן ישובֿ, פֿון ייִדנטום אין אַמעריקע, איז עס שווער צו האָפֿן אויף אַ פֿעסטער און שטאַרקער צוקונפֿט. מיר דאַכט זיך אַז ייִדנטום אין אַמעריקע גייט אויפֿן וועג פֿון ייִדנטום אין מערבֿ־אייראָפּע... עס הייסט — ייִדן לויטן אָפּשטאַם וועלן זײַן, קיין קאָלעקטיווע, פֿאָלקישע ייִדיש־קייט — דאָס איז ניט פֿאָרויסצוזען. עס וועט זײַן אַ ייִדישע גאַטעסדינסט — פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען. אָבער קיין לעבעדיקע ייִדישקייט איז עס ניט. פֿאַראַן ייִדישקייט־רעשטלעך פֿון אַמאָל, נאָר פֿון אַמאָל און עס איז מעגלעך ייִדישקייט פֿרישע, וואָס איז נאָך ניט געווען. פֿאַראַן ייִדישקייט אין באַציִונג צו גאָט און פֿאַראַן ייִדישקייט וואָס שטאַמט פֿון פֿאָלק און פֿון זײַנע באַדערפֿענישן. אַמעריקאַנער ייִדישקייט איז פֿון דעם ערשטן מין, זי וואַקסט נאָר פֿון פֿריִער־

דיקן, אָבער זי אַנטוויקלט זיך ניט, זי פֿאַרמערט זיך ניט. געווען אויך אין מערבֿ־אייראָפּע ייִדן לומדים, ייִדן געלערנטע, תּלמידי חכמים. דאָס איז ווי מעכ־טיקע ביימער מיט שטאַרקע שטאַמען, אָבער קיין פֿרישע בלעטלעך וואַקסן שוין ניט אויף זיי. אַמעריקאַנער ייִדישקייט לעבט נאָך, אָבער אַלץ מיט רעשטלעך פֿון אַמאָל. קיין נײַע ייִדישקייט וואַקסט ניט אָן.

אַמעריקאַנער ייִדישקייט האָט בפֿירושע סימנים פֿון אונטערגאַנג. איך וועל אויסרעכענען:

1. שוין מער אַ פּאָר צענדליק יאָר ווי מען רעדט וועגן זעקס מיליאָן ייִדן אין די שטאַטן. ווּ איז אָבער דער נאַטירלעכער צוווּקס פֿאַר דער צייט? קיין גענויע סטאַטיסטיק איז אין אַמעריקע ניטאָ. אָבער אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַר־מערט זיך ניט — דאָס איז ווי אָנגענומען בײַ אַלעמען. דאָס מיינט אַז די אויס־ייִדישונג בײַ ייִדן אין אַמעריקע נעמט צו דעם גאַנצן צוווּקס. און ווער ווייס? — קען זײַן אַז דער ייִדישער ייִשובֿ פֿאַרמינערט זיך גאָר אַנשטאָט זיך צו פֿאַר־גרעסערן.

אַמעריקע איז אַ „גוט" לאַנד: מען קען אַוועקגיין פֿון ייִדישקייט אויך אָן שמד. וואָלט נייטיק געווען אַ שמד, וואָלטן מסתּמא געווען גרויזאַמע צאָלן פֿון געשמדטע. עס איז אָבער ניט קיין פֿראַגע, אַז אין צענדליקער יאָרן אַרום, וועט מסתּמא די צאָל ייִדן אין לאַנד זײַן מיט מיליאָנען קלענער ווי הײַנט.

2. אָפֿיציעלער אָפּגאַנג פֿון ייִדישקייט זײַנען די חתונות מיט גויִים. דער פּראָצענט פֿון אַזוינע חתונות וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר.

3. אַמעריקאַנער ייִדן גיבן זייער פֿיל צדקה. דאָס איז זייער גוט, אָבער מען דאַרף דעם פֿאַקט לערנען: א) וואָס פֿאַר פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַ־פֿעלקערונג גיט צדקה? ב) צי ווערן די צאָלן צדקה־געבערס גרעסער אָדער קלענער? ג) די צדקה איז פֿאַר ייִדן אין אַנדערע לענדער. די ייִדן אין „גוטע" לענדער דאַרפֿן ניט קיין פֿאָנדן, זיי האָבן ניט קיין באַדערפֿעניש און קאָלעק־טיווע אויפֿגאַבעס. דאָס דערמאָנט שטאַרק די ייִדן פֿון מערבֿ־אייראָפּע מיט אַ הונדערט יאָר צוריק און מער. קרעמיע האָט אַ סך געטאָן פֿאַר ייִדן, אין אַנ־דערע לענדער. זײַנע אייגענע קינדער זײַנען שוין ניט געווען קיין ייִדן. דובנאָוו שרײַבט אַז די מוטער האָט זיי געשמדט. ווער האָט אָבער אָפּגעשמדט די קינ־דער פֿון משה מענדעלסאָן? אַמעריקאַנער ייִדן גיבן גוואַלדיק גרויסע סומעס פֿאַר ייִדן אַנדערשוווּ, אָבער גאָר ווייניק אויפֿן אָרט. ד) ניטאָ קיין געשעפֿטלעכע פֿאַרלאַגן. ביכער גייען אַרויס, די שרײַבערס געפֿינען מעצענאַטן און אַזוי האַלט זיך נאָך דערוויַל די ייִדישע ליטעראַטור. אָבער ווי לאַנג? פֿון מײַן אייגענער דערפֿאַרונג ווייס איך אַז די הילף אַרויסצוגעבן אַ בוך קומט ניט פֿון די שטאַטן,

פֿון אַנדערע לענדער ווי דער ייִדישער ישוּבֿ איז ייִנגער, נאָך אין אים פֿאַראַן די טראַדיציע פֿון שטעטל, פֿון יענער זײַט ים. ה) ניטאָ מער קיין יונגע, הי געבאָרענע ייִדישע שרײַבערס. די ייִדישע ליטעראַטור ענדיקט זיך. די שרײַבערס און די לייענערס אויך זײַנען נאָך אַלע געקומענע, ניט אַמעריקאַנער. טאָמער זײַנען געקומען קיין ישׂראל ייִדישע שרײַבערס פֿון רוסלאַנד, און איך האָב געהאָפֿט אַז צווישן זיי זײַנען דאָ אויך יונגע — האָב איך געקראָגן דעם נומער 3 פֿון זשורנאַל „בײַ זיך" מיט די ביאָגראַפֿיעס פֿון 21 געקומענע שרײַבערס, ווײַזט זיך אַרויס — קיינער פֿון זיי איז ניט ייִנגער פֿון 57 (וועגן איין שרײַבערין איז ניט אָנגעגעבן איר עלטער). אויך די זעלביקע געשיכטע: ניטאָ קיין ייִנגערע שרײַבערס. דער דורכשניט־עלטער פֿון 20 געקומענע שרײַבערס איז 57,8 יאָר. קיין ניסים זײַנען אויך דאָ ניטאָ. די ייִדישע ליטעראַטור האַלט זיך דערווײַל אויף עלטערע ייִדן. קיין יונגע זײַנען אויך דאָ ניטאָ. די ייִדישע ליטעראַטור וואָס ווערט לכתּחילה געשריבן אין ענגליש איז ענגלישע ליטעראַטור, ניט קיין ייִדישע. עס איז ענגלישע ליטעראַטור וועגן ייִדן, ניט קיין ייִדישע. און הגם זי האַלט זיך בעסער ווי די ייִדישע, איז דאָך איר מערכה ניטאָ וואָס מקנא צו זײַן, ניט בעסער ווי די מערכה פֿון דער כּלומרשט ייִדישער ליטעראַטור אין דײַטש, אין רוסיש וכדומה. מען דאַרף דאָך זוכן מיט ליכט אַזאַ איינעם וואָס זאָל איצט נעמען לייענען אַ לעוואַנדע, אַן אַמאָליקן „וואָסכאַד". געוועזן און ניטאָ מער, און אַזוי וועט זײַן דער גורל אויך פֿון דער כּלומרשט ייִדישער ליטעראַטור אויף ענגליש. ניט בעסער. דער סך הכּול בלײַבט דער זעלביקער. דאָס ייִדישע פֿאָלק ווערט אַן שרײַבערס שטום. דאָס איז די ערשטע מדרגה פֿון אונטערגאַנג: אַ בוים וואָס שטייט נאָך אויף זײַנע וואָרצלען, אָבער קיין פֿרישע בלעטער און בלומען שאַפֿט ער שוין ניט. אַ גרויסער קיבוץ ייִדן, גייען די פּראָצעסן פּאַמעלעכער. אין שטעט מיט אַ קלענערער צאָל ייִדן, גייט די אויסייִדישונג גיכער. דער פּראָצעס גייט אָבער אַן אומעטום. קיין ייִדישער ישוּבֿ איז ניט באַוואָרנט פֿון דעם. די אַלגעמיינע צאָל פֿון אַקטיווע ייִדן וואַקסט ניט, הלוואי זאָל זי ניט קלענער ווערן.

דער נשׂיא פֿון מדינת ישׂראל בן צבֿי האָט געזוכט ייִדן אומעטום. האָט ער געפֿונען איין משפּחה וואָס איז אין גלות ניט געווען. קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזט ארץ ישׂראל. איז די משפּחה געווען אַראַביזירט. אפֿשר זײַנען געווען נאָך משפּחות ייִדישע, אָבער זיי האָבן זיך אַראַביזירט און אַליין פֿאַרגעסן זייער אָפּשטאַם. אַזוינע אַמאָליקע ישוּבֿים ייִדישע זײַנען געווען אין אַלערליי לענדער, און ביסלעכווײַז זײַנען זיי אונטערגעגאַנגען, זיך אַסימילירט און אַליין פֿאַרגעסן זייער אָפּשטאַם. אין גרעסערע ייִדישע קיבוצים גייט דער פּראָצעס פּאַמעלעכער און וועט געדויערן לענגער. אָבער ער גייט אומעטום.

ביי מיר שטייען בילדער פֿון אַ ייִדישן מאָלער. אַ גאַנץ לעבן האָט ער ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פֿון זײַן אַמאָליקער היים, און ער האָט אַלץ געמאָלט פּוי־לישע ייִדן. זײַן טאָכטער האָט נאָך גערעדט ייִדיש, געקאָנט ריידן ייִדיש. איר טאָכטער האָט שוין פֿאַרגעסן אַז זי האָט געהאַט אַ ייִדישן זיידן. איז דאָס אַן אַלגעמיינער פּראָצעס: וואָס אַ דור ווערט די צאָל ייִדן קנאַפּער, קלענער. אַמע־ריקע איז אַ גוט לאַנד: מען פֿאַרשפּאָרט זיך צו שמדן, מען קען ווערן אויס ייִד אויך אָן שמד. ווען ייִדן זײַנען געווען אַ פֿאָלק פֿאַר זיך, האָבן זיי געשאַפֿן אויך אַ שפּראַך פֿאַר זיך. ווען ייִדן ווערן אויס פֿאָלק, ריידן זיי די שפּראַכן פֿון לאַנד, פֿאַרגעסן זיי זייער שפּראַך, זייער פֿאַרזיכיקע שפּראַך זייער פֿאַרזיכיקייט בכלל.

צי האָט ארץ ישׂראל עפּעס געהאָלפֿן דעם קיום פֿון עם ישׂראל? איך גלייב אַז אַ סך. די האָפֿענונג אויף ארץ ישׂראל האָט געגעבן כּוח אַריבערצוטראָגן די צרות פֿון גלות איירָאָפּע. פֿון דער צווייטער זײַט אָבער האָט ארץ ישׂראל, די האָפֿענונג אויף ארץ ישׂראל פֿאַרלענגערט דעם גלות. האָבן ייִדן אַ גלות לאַנג געהאָפֿט אויף „ולירושלים עירך ברחמים תשובֿ". גאָט וועט שיקן זײַן איבער־נאַטירלעכן משיח, ווײַל זיי אַליין קענען ניט דערגרייכן. געווען מאָמענטן ווען ייִדן האָבן געקאָנט זיך אײַנאָרדענען פֿאַר זיך, טאַקע אונטער אַ פֿרעמדער הער־שאַפֿט, אָבער פֿאַר זיך און פֿאַרזיכיק. ייִדן האָבן די געלעגנהייטן ניט אויסגע־נוצט, ווײַל עס איז דאָך ניט ארץ ישׂראל. געווען צײַטן, ווען ייִדן האָבן געקאָנט אויפֿבויען אַ פֿאַרזיכיק לעבן אויך אונטער פֿרעמדער הערשאַפֿט. איז דאָך די בעסטע צײַט אין ארץ ישׂראל אויך געווען אונטער פּערסיע. ייִדן האָבן עס קיין מאָל ניט אויסגענוצט, ניט געשאַפֿן: אויסער ארץ ישׂראל טאָר ניט זײַן קיין ארץ ישׂראל. ארץ ישׂראל — אַ ייִדיש לאַנד — קען און טאָר זײַן נאָר אין איין אָרט און מער ניט, ניטאָ קיין אַנדער ארץ ישׂראל און עס טאָר ניט זײַן! דאָס האָט זיכער פֿאַרלענגערט דעם גלות.

# אורבאַניזם

(אַלגעמיינע באַטראַכטונגען)

בכלל זײַנען ייִדן אַ פֿאָלק וואָס האָט געלעבט אָן אייביקייט אין שטעטלעך, פֿאַר זיך און פֿאַזיכיק. ייִדישע שטעט זײַנען געווען שטעטלדיק; יעדער גרויסע שטאָט איז געווען אַ סכום פֿון עטלעכע באַזונדערע קלענערע שטעטלעך. אין די פֿאַרזיכיקע שטעטלעך זײַנען ייִדן געוואָרן דאָס וואָס זיי זײַנען, דער אַלגעמיינער ייִדישער כאַראַקטער און די פּרטים פֿון אויפֿפֿיר שטאַמען אַלע פֿון שטעטלשן שטייגער. ייִדישע שטעטלעך זײַנען היסטאָריש עלטער פֿון כמעט אַלע פֿעלקער וואָס צווישן זיי לעבן ייִדן הײַנט און וואָס זיי באַלעבאַטעווען איבער ייִדן הײַנט. איטלעך שטעטל איז געווען פֿאַר זיך אַ באַזונדערער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און שטייגערישער איינס, וואָס האָט געלעבט אונטער זײַן פּריץ. און די באַזונדערע שטעטלעך — די איינסן פֿון אויטאָנאָמען ייִדישן קולטור־שטייגערישן, פֿאַרזיכיקן לעבן האָבן זיך פֿאַרבונדן אין גאַנצע ישובֿים. צי זיי האָבן געהאַט פֿאַרזיכיקע וועדים אָדער ניט, אָבער זיי זײַנען געווען שטאַרק פֿאַרבונדן קולטורעל און רעליגיעז. עס איז אמת געווען זייער שווער אָפּצוזונדערן, אויסצוטיילן רעליגיע פֿון קולטור־שטייגער בכלל.

צו זײַן אַ ייִד אין שטעטל האָט מען לחלוטין ניט געדאַרפֿט לערנען. אַפֿילו אַן חדר האָט אַ ייִד געקענט זײַן נאָר אַ ייִד. קיין אַנדער שטייגער איז ניט געווען, און אין דעם ספּעציפֿיש שטעטלשן ייִדישן שטייגער איז אַ ייִד געווען אַרײַנגעוואַקסן און אײַנגעוואַקסן פֿון ערשטן טאָג פֿון זײַן לעבן. קיין אַנדער שטייגער איז ניט געווען. אַ ייִד האָט געקענט זײַן אַן עם הארץ גמור, אָבער דווקא אָט די עם ארצים האָבן געשאַפֿן דעם שטייגער און אים אָפּגעהיט, און ייִדישקייט איז בײַ זיי געווען דורותדיק פֿעסט אײַנגעוואָרצלט; פֿון דורות אַוועקגעגאַנגענע פֿאַר דורות קומענדיקע. דורות פֿאַרגייען און דורות קומען אָבער דער שטייגער בלײַבט און דאָס איז דאָס פֿאָלק.

עס האָבן ייִדן געקענט אַפֿילו איינציקע משפּחות בײַ וועגן, אין קרעטשמעס, בײַ פּריצים אין די הייפֿן, געקאָנט אָפּלעבן דורות אַזוי, און אײַנהיטן ייִדישקייט. אמת, עם ארצישע ייִדישקייט, אָבער דורותדיק פֿעסט. אָט די עם ארצישע ייִדישקייט איז געווען געגליכן צו אַ ברייט צעגאָסענעם טײַך — ער שטראָמט צי ער שטראָמט ניט? — ניט קענטיק; שטיל און כמעט ווי אומבאַוועגלעך זײַנען די וואַסערן. שטראָמיק און רויִשיק, רעשדיק און שטורמיש

ווערט דער טײַך, ווען זײַנע וואַסערן קומען צו אַ שמאָלן געלעגער, צווישן פֿעס־טע, שטאַרקע און האַרטע ברעגן...

וועגן אַט די עם ארצישע ייִדישע מאַסן האָט נאָך דער רמבם געשריבן „שתורה אין בהם, אבֿל מעשׂים יש" און ער גיט צו „והם טובֿים לישובֿ". און עס איז ריכטיק אַזוי: ניט די תּורה פֿון די בעלי התּורה האַלטן אויף דעם קיום פֿון פֿאָלק, נײַערט דער פֿעסטער שטייגער פֿון דעם עם ארצישן מאַסיוו. נאָך פֿריִער זאָגט עס די גמרא: „הזהרו מבני עמי הארץ שמהם תצא תּורה" (סנהדרין צ"ו). און עס מיינט ניט אַז סתּם קינדער פֿון עם ארצים זײַנען בעלי תּורה. עס מיינט יע, אַז דער שטייגער פֿון די עם ארצים איז דער באָדן וואָס פֿון אים וואַקסן די בלומען פֿון תּורה און חכמה, די בלומען און די פֿרוכט.

אויף הײַנטיקן לשון וואָלטן מיר עס געזאָגט: שטייגער אָן תּורה אָדער תּורה אָן שטייגער — וואָס איז וויכטיקער? פּסקנט די גמרא און דער רמבם שפּעטער, אַז דער באָדן איז פֿריִער און „שמהם תצא תּורה" — פֿון אַט דעם באָדן, פֿון אים וואַקסט די תּורה.

ניט דער שולחן ערוך האָט געלערנט ייִדן דעם דרך פֿון ייִדישקייט, נאָר ער האָט בלויז פֿאָרמולירט דאָס ווי ייִדן האָבן געלעבט און זיך געפֿירט. אַזוי איז פֿון אייביק אָן דער וועג פֿון ייִדישקייט: בראשית איז דער פֿאָלקישער שטייגער. פֿון אים קומען שפּעטער אַרויס די פֿאָרמולירונגען. ייִדישער שטיי־גער און ייִדישע הלכה — ווו איז דער מקור און וואָס איז די תּולדה? איז דער אויפֿפֿיר, דער שטייגער, דער מקור און די הלכה איז דער אויספֿיר פֿון שטייגער. און דער שטייגער, דער אויפֿפֿיר איז געוווען דורותדיק פֿעסט דווקא אין די פֿאַרזיכיקע, דורכויסיקע ייִדישע שטעטלעך. איר זוכט ייִדישקייט — גייט אין שטעטל אַרײַן. דאָרטן געפֿינט איר ניט נאָר הלכה, מעשׂים, נאָר אויך אַלזײַטיקן ייִדישן פֿאָלקלאָר און פּסיכיק און גײַסט. און אויב מיר זאָרגן איצט וועגן צו־קונפֿט פֿון ייִדישקייט איז עס ניט דערפֿאַר וואָס עס פֿעלן געלערנטע נײַערט וואָס עס איז מער ניטאָ קיין דויערנדיקער ייִדישער שטייגער, ניטאָ קיין עם ארצישער פֿאָלקישער מאַסיוו. ניטאָ דער באָדן וואָס פֿון אים וואַקסן אַרויס די בלומען און די פֿרוכטן פֿון ייִדישקייט — די וויסנשאַפֿטן און די הלכות פֿון ייִדישקייט.

אַ מענטש ווערט געבאָרן אָן וויסן און אָן רײַכקייטן. שטאַרבן שטאַרבט אַ מענטש אַפֿילו מיט אַ סך וויסנס און רײַכקייטן. אַ פֿאָלק ווערט געבאָרן אָן אַן אַלף בית אַפֿילו, עס גייט אויס אַ פֿאָלק מיט רײַכע ביבליאָטעקן און מיט גרוי־סע פֿאַרמעגנס. דער עיקר — ווען עס האָט ניט מער קיין פֿאָלקישן עם ארצישן מאַסיוו מיט באַזונדערן אויפֿפֿיר און שטייגער. אַט דעם פֿעסטן באָדן פֿון ייִדיש־

קייט, פון יידישן קיום האָבן געשאַפן די יידישע שטעטלעך, די אויסגעלאַכטע, אָרעמע שטעטלעך. אָט דער פאַרזיכיקער, דער אויסגעלאַכטער שטייגער פון די שטעטלעך — ער איז געווען דער פעסטער און רײַכער באָדן וואָס פון אים און אויף אים זײַנען אויסגעוואַקסן די בלומען און די פרוכטן פון יידישקייט — די תּורות און די וויסנשאַפטן פון יידישן וויסן און שאַפונגען.

אויך די שפּראַך, דאָס יידישע לשון וואָס האָט זוכה געווען צו טראָגן דעם נאָמען פון פאָלק — יידיש פאָלק און יידיש לשון — אויך אָט די שפּראַך איז אויסגעוואַקסן, געבאָרן און זיך אַנטוויקלט פון פאַרזיכיקן שטייגער, פון דער שטייגערישער פאַרזיכיקייט.

דאָס יידישע פאָלק איז לאַנגע יאָרהונדערטער געווען אַ באַזונדער פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער, אויסגעליטן שווערע און שווערערע גלותן, געשאַפן וויסנשאַפטן און גײַסטיקע רײַכטימער נאָר אַ דאַנק דער פאַרזיכיקייט פון די יידישע שטעטלעך. דאָס איז דער כּוח פון שטעטל. דאָרטן זײַנען מיר ניט געווען קיין מערהייט, נאָר דורכויס אַליין, הונדערט פּראָצענט אַליין און הונדערט פּראָצענט פאַר זיך. אין אָט דער פאַרזיכיקייט, פון דער פאַרזיכיקייט איז אויסגעוואַקסן און זיך צעוואַקסן און אַנטוויקלט דאָס יידישע פאָלק מיט אַלע זײַנע פאַרזיכיקייטן און מיט אַלע גײַסטיקע רײַכטימער הן בעל פּה — אין אויפפיר און הן בכתב — אין שריפטן און אין וויסנשאַפטן; אַלץ איז געבאָרן און געוואַקסן אָרגאַניש פון יידישן שטייגער און אויפפיר. ניט געווען קיין גענומענעס פון דער פרעמד, און אויב יע, איז עס אַזוי פאַריידישט געוואָרן, אַז דער פרעמדער מקור איז שוין ניט קענטיק געווען. אָן די שטעטלעך מיט זייער קולטור־מאַניזם, מיט זייער שטייגערישער פאַרזיכיקייט, וואָלט קיין יידיש פאָלק ניט געווען. אַלע פּראָבלעמען פון קיום זײַנען אויסגעוואַקסן הײַנט נאָר מיט דעם אומקום פון יידישן שטעטל. מיט דעם אָנקום פון אורבאַניזם, נאָר ווײַל עס זײַנען מער ניטאָ די פאַרזיכיקע יידישע שטעטלעך, ניטאָ מער די שטעטלשע פאַרזיכיקייט. אָן די שטעטלעך וואָלט מער קיין יידיש פאָלק ניט געווען.

## יידישקייט שבעל פּה און יידישקייט שבכתב

אין גאַנצן תּנך, וואָס איז אונדזער ירושה איבערהויפּט פון בית ראשון גע־פינען מיר ניט קיין אָנדײַט פון צווייערליי יידישקייטן — פון יידישקייט וואָס איז בכתב און אַ יידישקייט, וואָס איז אין דער תּורה גאָרניט פאַראַן, ניט פאַר־שריבן און דאָך איז עס פאָרט יידישקייט, אַנדערש ווי בײַ אַלע אַנדערע פאַר־זיכיקע פעלקער; בײַ יידן, אין דעם יידישן שטייגער איז עס יע דאָ און בײַ אַנדערע פעלקער איז עס ניטאָ, איז דאָס יע יידישקייט און ניטאָ אין דער

ייִדישער תּורה! ווי קומט עס? ווי איז עס מעגלעך? איז עס אָדער דערפֿאַר ווײַל די ייִדישע תּורה נעמט ניט אַרום גאָר די ייִדישקייט; ווײַל די געשריבענע ייִדישקייט, די תּורה הכּתובֿה, די תּורת משה איז נאָר אַ טייל פֿון דער ייִדישקייט בכלל; אָדער אַלץ וואָס עס איז ניטאָ אין תּורת משה איז בכלל ניט וויכטיק, ניט קיין ייִדישקייט, סתּם פּירונגען וואָס האָבן ניט קיין ווערט, קיין באַטײַט ניט און מען דאַרף זיי גאָר ניט. די גאַנצע פּראָבלעם וועגן אַט דעם ייִדישן שטייגער וואָס אין לעבן איז עס יע פֿאַראַן און עס איז ניט פֿאַרשריבן — די גאַנצע פּראָבלעם איז אָנגעוואַקסן ערשט אין דער צײַט פֿון בית שני און ווײַט ניט אין אָנהייב. עס האָט גאַנץ היפּש געדויערט ביז עס איז פֿאַרפֿעסטיקט געוואָרן בכלל אַ ייִדישער שטייגער אין ייִדישן לעבן. ווי אַ טייל פֿון ייִדישן שטייגער איז אויך געווען די באַקאַנטשאַפֿט אין פֿאָלק מיט דער תּורת משה. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ דיסטאַנץ צווישן דעם ייִדישן פֿאָלקישן שטײַגער און צווישן דעם וואָס עס איז פֿאַראַן פֿאַרשריבן, און וואָס דאָס פֿאָלק האָט געוווּסט פֿון תּורת משה. איז אַרויסגעוואַקסן אַ מחלוקת, אַ פֿאַרשיידענער צוגאַנג, אָדער אַ פֿאָלקישער צוגאַנג: קוים איז עס אין פֿאָלק, אין שטייגער, — איז עס ייִדישקייט און איז אָבליגאַטאָריש פֿאַר ייִדן; אָדער מען דאַרף זיך ניט רעכענען מיטן אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק — ניט דאָס פֿאָלק האָט געגעבן די תּורה און ניט די פּירונגען פֿון פֿאָלק זײַנען מאַסגיביק פֿאַר אמתער ייִדישקייט. אַזוי זײַנען געבאָרן געוואָרן צוויי ריכטונגען אין ייִדישקייט — אַ פֿאָלקישע און אַן אַנטיפֿאָלקישע. דעמאָלט האָבן זיי געקראָגן די נעמען פֿון פּרושים און צדוקים. און די מחלוקת איז געווען אַ דורותדיקע און אַ האַרבע. פֿאַראַן אַפֿילו אין גמרא אַ פּלוגתּא צי אַ צדוקי איז ווי אַ נכרי (אַ ניט־ייִד) אָדער ניט (ערובֿין ס״ט, ב׳). אין אַ צווייטן אָרט איז פֿאַראַן אַזאַ זאַץ: „משבטלה סנהדרין של צדוקים וישבֿה סנהדרין של ישׂראל" — אַז עס איז בטל געוואָרן אַ צדוקישע סנהדרין און עס איז געוואָרן אַ ייִדישע סנהדרין"... קומט אויס אַ צדוקישע סנהדרין איז גאָר ניט קיין ייִדישע. ווי די צדוקים האָבן געזען די פּרושים ווייסן מיר ניט, ווײַל פֿון זיי, פֿון די צדוקים איז גאָרניט געבליבן. די תּורה שבכתבֿ וואָס זיי האָבן געהיט ווי זי איז געשריבן האָט ניט אײַנגעהיט די צדוקים פֿון אונטערגאַנג, גלײַך מיטן חורבן פֿון דער מדינה. ייִדן פֿון הײַנט זײַנען אָפּשטאַמיקע פֿון די פּרושים. אַ לעבעדיק פֿאָלק קען אײַנהיטן דעם קיום פֿון פֿאָלק און פֿון זײַנע ספֿרים. ספֿרים אָבער קענען ניט אײַנהיטן דעם לעבעדיקן קיום פֿון פֿאָלק. זאָל קיינער ניט דעקלאַמירן דעם גרויסאַרטיקן שקר, אַז דער תּנך האָט אײַנגעהיט דאָס לעבן פֿון פֿאָלק. דאָס פֿאַרקערטע איז ריכטיק, אַז דאָס לעבעדיקע פֿאָלק האָט אויפֿגעהיט אויך די פֿאָלקישע ספֿרים, צווישן זיי דעם תּנך. קיינע פּראַכט־אויסגאַבעס פֿון גמרא האָבן ניט אויפֿגעהיט דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָס

פאַרקערטע איז ריכטיק: דאָס לעבעדיקע פאָלק האָט אײַנגעהיט דעם תלמוד מיט אַלע זײַנע נושאי כלים, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַלטן אין לערנען. די צדוקים זײַנען אונטערגעגאַנגען, ווײַל פון לעבעדיקן שטייגער, פון דער שטײַגער־ייִדישקייט האָבן זיי דאָך ניט געהאַלטן, און דער הייליקער ספר התורה, וואָס זיי האָבן יע געהאַלטן, קען ניט אײַנהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. אַ פאָלק דעם ספר יע, אָבער ניט אַ ספר דאָס פאָלק.

בײַ אַלע אַנדערע פעלקער האָט ניט געקענט אויפקומען אַזאַ מחלוקת ווי צווישן די צדוקים און פרושים: זייערע רעליגיעס זײַנען אַלע גענומען פון דער פרעמד, אָנגענומען ווען די פעלקער זײַנען שוין געווען מיט אַן אייגענע קול־טור און שטייגער. די רעליגיע האָט בלויז אַרומגענומען דאָס וואָס צו גאָט, דעם שטייגער פון פאָלק, זײַן פירונג האָט די נײַע רעליגיע ניט אָנגערירט. זײַנען עס געבליבן צוויי באַזונדערע געביטן: קולטור און שטייגער באַזונדער און רעליגיע ווידער באַזונדער. אַזאַ פאַרטיילונג האָבן דאָס געוואָלט די צדוקים. בײַ די ייִדן אָבער בכלל און בײַ די וואָס האָבן אײַנגעשטעלט די גאַנצע היסטאָ־רישע ייִדישקייט, איז בכלל ניט געווען קיין רעליגיע באַזונדער. דאָס לעבן פאַר זיך און רעליגיע — ווידער באַזונדער. דער גאַנצער שטייגער, אַלע נאַציאָנאַלע און פאָלקישע פירונגען זײַנען דאָס די רעליגיע. איז עס געוואָרן אַ פּראָבלעם: וואָס איז מיט דעם פאָלקישן שטייגער, וואָס איז לגמרי ניטאָ אין דער פאַר־שריבענער תורה? ייִדן פירן זיך אַזוי, איז עס ייִדישקייט, ייִדישקייט איז געט־לעך, אָבער אין דער תורה איז עס דאָך פאַרט ניטאָ! האָבן די צדוקים גע־לערנט: קוקט און זעט. טיילט אָפּ די רעליגיע פון שטייגער. וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צום קייסער אָדער צום פאָלק איז ווידער באַזונדער. דער שטייגער האָט ניט קיין שײַכות צו גאָט, צו רעליגיע. האָבן די פרושים געלערנט אַנדערש: אַלץ, דער גאַנצער שטייגער, קוים איז עס ייִדיש, אַנדערש ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער, איז עס הייליק. — איר פרעגט ווי מען דאַרף זיך פירן? האָבן ייִדן געפרעגט בײַ היללן. האָט הילל געענטפערט: פוק חזי — גייט און זעט ווי ייִדן פירן זיך, אַזוי טוט. ייִדן — דאָס ייִדישע פאָלק זײַנען „בני נביאים". ווי ייִדן פירן זיך, אַזוי דאַרף מען: — איך, הילל, זאָג אײַך אין פאָלקישער שפּראַך — פוק חזי (ניט אין העברעיִש „צאו וראו"); פוק חזי — גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טוט אַזוי. מיר וועלן שפּעטער זען פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ „אַנטינבֿיאישער" צוגאַנג צום פאָלק און צו זײַן פירונג. דאָ איז וויכטיק בלויז דער פּרינציפּ: קוים איז עס פאָלקיש איז עס ניט ווייניקער היי־ליק ווי די געשריבענע תורה. איז עס אויך תורה, נאָר עס איז „מדרבנן" — פון די לערערס. ייִדן האָבן צוויי תורות — מדאורייתא (תורת משה) און מדרבנן. דאָ איז פאַר אונדז ניט וויכטיק פון וואַנען עס איז געקומען דער שטאַרקער

„פֿאָלקיזם“ פֿון די פּרושים. עס איז וויכטיק בלויז אונטערצושטרײַכן דעם גלויבן פֿון חז״ל אַז אַלץ, דער גאַנצער אויפֿפֿיר פֿון ייִדן מוז זײַן אַ תּורה. ניטאָ קיין רעליגיע פֿאַר גאָט באַזונדער און דעם פֿאָלקס שטייגער איז באַזונדער. ניין, דער גאַנצער שטייגער, די גאַנצע ייִדישקייט איז פֿון גאָט. אויב פֿון פֿאָלק איז עס במילא שוין אויך פֿון גאָט. דער צוגאַנג שיידט אָפּ ייִדן פֿון אַלע אַנדערע פֿעל־קער וואָס זייער רעליגיע איז אַן איבערגענומענע.

שטעלט זיך אָבער אַ צווייטע פֿראַגע: ווי אַזוי האָבן די פּרושים פֿאַר־וואַנדלט דעם אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק אין אַ תּורה? בדרך כּלל איז דער אויפֿפֿיר ניט איינהייטלעך, איטלעך שטעטל טראָגט אַרײַן זײַנע ניואַנסן, זײַן געמיט און זײַנע שטייגער־נאָרמעס. ווי ווערט אַ שטייגער פֿאָרמולירט אין זאָצן? ווי ווערט ער איינהייטלעך? פֿאַר אַלע שטעט און שטעטלעך? און איבערהויפּט ווי גייט איבער דורך דורות, אײַנגעהיט די פֿורעמס און די נאָרמעס? און ווײַטער — ווו איז דער קריטעריִ אָפּצושאַצן וואָס עס איז מקורדיק ייִדיש און וואָס עס איז גאָר אפֿשר פֿרעמדס, ניט אָרגאַניש ייִדיש? אָט מיט די פֿראַגן האָבן זיך פֿאַר־נומען חז״ל אין זייערע ישיבֿות. קודם כּל איז פֿאַר זיי געווען קלאָר, זיי האָבן געגלייבט אין דעם אַז גאָר דאָס פֿאָלקישע איז אויך געטלעך. שווער מיר צו זאָגן ווי זיי האָבן גענוצט דעם באַגריף „געטלעך“ — צי האָבן זיי געמיינט בוכ־שטעבלעך, אות באות — געטלעך מיינט אַז גאָט האָט געהייסן, אָנגעזאָגט, אָדער זיי האָבן געמיינט אַזוי ווי מיר נוצן הײַנט דאָס וואָרט: געטלעך — שיין, אָדער גוט, אָדער דערהויבן. ווי מיר זאָגן איצט, למשל, געטלעכע מוזיק. ווײַטער האָבן זיי געוואָלט אוניפֿאָרמירן די אַלע עלעמענטן פֿון שטייגער, אומעטום, אין אַלע ישובֿים זאָלן אַלע ייִדן נוצן מער וויניק דעם זעלביקן טעקסט פֿון די תּפֿילות, די זעלביקע מינהגים און די זעלביקע נוסחאות. דער תּלמוד ווי מיר האָבן אים, פֿאַרמאָגט אַלע די עלעמענטן און נאָך עפּעס: אין תּלמוד געפֿינען מיר די גאַנצע שקלא וטריא — אַלע דיסקוסיעס ווי מען איז דערגאַנגען צו דעם לעצטן אויס־פֿיר, צו דער אינטעגראַלער מיינונג. עס זײַנען ווי פּראָטאָקאָלן פֿון די ישיבֿות, פֿון זייערע אָפּהאַנדלונגען. די חז״ל האָבן געגלייבט אַז קוים פּירט זיך דאָס פֿאָלק אַזוי, איז עס זיכער פֿון גאָט. האָט גאָט געגעבן צוויי תּורות, ניט איינע. מער ניט וואָס די איינע איז געגעבן געוואָרן בכּתבֿ און די צווייטע איז געגעבן געוואָרן לכתחילה אויסווייניק, בעל פּה.

דאָס פֿאָלק האָט ליב ניסים, האָט מען ניט געפֿרעגט קיין קשיות: אויב פֿון מעמד הר סיני אָן טאָ ווי איז עס אײַנגעהיט געוואָרן די גאַנצע צײַט און ווי איז אָט די תּורה איבערגעגאַנגען פֿון דור צו דור בעל פּה? און אויב אַזוי טאָ פֿאַרוואָס אַזוי פֿיל דיסקוסיעס? איז דער גאַנצער תּלמוד פֿול מיט די דיסקוסיעס פֿון חז״ל, ווי

עס וואָלטן געווען פּראָטאָקאָלן פון זייערע דיסקוסיעס און אָפּהאַנדלונגען. איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן דעם רמב״ם. למשל, האָט ער גענומען און מיט זײַן „שטאַרקער האַנט״ („היד החזקה״) נאָך אַמאָל איבערערדאַקטירט דעם גאַנצן תלמוד, געגעבן נאָר די אויספירן, גאָרניט פון די דיסקוסיעס. אָבער דאָס פאָלק האָט בפירוש ניט געפאָלגט דעם רמב״ם. מען האָט געלערנט דווקא דעם תלמוד, מען איז געווען ווי פאַרקאָכט אין די דיסקוסיעס מער ווי אין די אויספירן פון זיי. דאָס פאָלק האָט ווי מיטגעמאַכט די דיסקוסיעס. האָט דאָס פאָלק געגלייבט אין דער תורה מן השמים אויך דאָס וואָס בעל פה, אויך דאָס ניט פאַרשריבענע. מען האָט ניט געפרעגט פאַרוואָס איז די תורה שבעל פה קיין מאָל אַפילו ניט דערמאָנט געוואָרן, ווי זי וואָלט לגמרי ניט געווען אין דער תורה שבכתב. די תורה שבכתב איז געווען פאַרשריבן און דאָך איז זי אָפּט פאַרגעסן געוואָרן און די תורה שבעל פה, וואָס איז ניט געווען פאַרשריבן איז דאָך ניט פאַרגעסן געוואָרן. ווי אַזוי? ווי אַזוי האָט זי זיך פאַרט אײַנגעהיט? פאַר די וואָס באַמיען זיך צו פאַרשטיין די גאַנצע אַנטוויקלונג פון יידישקייט אָן ניסים, איז דערפאַר קלאָר דער צווייטער נאָמען, די פאַרטיילונג פון יידישקייט: די וואָס בכתב האָבן זיי גערופן „מדאורייתא״. אורייתא איז אויף אַראַמיש תורה — פון דער תורה. די תורה (יידישקייט) בעל פה האָבן זיי אַליין גערופן „מדרבנן״ — פון אונדזער־רע געלערנטע, די יידישקייט וואָס די געלערנטן האָבן באַשטימט. אין דער תורת משה זײַנען פאַראַן מצוות — פאַרזאָגן, גאָט האָט אָנגעזאָגט, געהייסן. די בעל פה־תורה, די וואָס מדרבנן — פון די געלערנטע, האָט ניט קיין מצוות, ניט אָנגעזאָגט, ניט גאָט האָט געהייסן. נאָר עס זײַנען „הלכות״ — פון וואָרט „הלך״ — דער גאַנג, אַזוי גייט דאָס פאָלק ישראל. אַזוי איז דער גאַנג פון יידן. דאָ ווײַזט זיך אַרויס דער „פאָלקיזם״ פון דער גאַנצער תורה שבעל פה. „מדרבנן״ האָט אייגנטלעך געמיינט ניט אַז די רבנן האָבן אויסגעטראַכט, נאָר עס איז פון פאָלק, פון יידישן שטייגער, וואָס די רבנן, די געלערנטע האָבן אויסגעפורעמט פון פראַקטישן יידישן שטייגער. ווי דאַרף מען ברענגען די ביכורים קיין ירושלים? אין דער תורת משה, אין דער „אורייתא״ זײַנען ניטאָ קיינע פּרטים. דערציילט די גמרא די פּרטים פון דעם מינהג, און אַזוי דאַרף מען זיך פירן! דער מינהג ישראל איז דער דין. און אַזוי מיט דער גאַנצער יידישקייט: צוויי מקורים פון יידישקייט: „מדאורייתא״ — פון דער תורת משה און מדרבנן — די פאָרמען און נאָרמען, וואָס זײַנען אײַנגעשטעלט דורך די געלערנטע און זיי — די רבנן — האָבן גענומען פון די פירונגען פון פאָלק. מדרבנן האָט אייגנטלעך געמיינט — פון דעם פאָלק. עס איז מינהג ישראל! — וויפל תורות האָבן יידן? האָבן זיי — די חז״ל — קלאָר געענטפערט — צוויי: די תורת משה און די פאָלקישע פירונגען; מדאורייתא און מדרבנן. די מצוות און די הלכות, די

אָנגעזאָגטע תּורה און דער שטייגער. דאָס ערשטע מאָל אין דער ייִדישער געשיכטע איז דער שטייגער פֿון פֿאָלק אָנערקענט געוואָרן ניט ווי בײַ די נבֿיאים — זינדיק, נאָר פֿאַרקערט הייליק, געטלעך. דאָס ערשטע מאָל איז דער אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק אָנגענומען ווי הייליק, ווי פֿון גאָט, געטלעך. די חז״ל האָבן ניט געזידלט דאָס פֿאָלק ווי די נבֿיאים, נאָר פֿאַרקערט געהאַלטן: אויב ייִדן פֿירן זיך אַזוי, איז דאָס די „הלכה״, דער שטייגער פֿון ייִדן און במילא איז עס הייליק. פּונקט פֿאַרקערט ווי דאָס האָבן געהאַלטן די נבֿיאים. קיין מאָל פֿריִער איז ניט געווען אַזאַ האַרמאָניע, אַזאַ איינשטימיקייט צווישן דעם גאַנג פֿון פֿאָלקישן שטייגער און צווישן די אָנווײַזונגען פֿון די געלערנטע; קיין מאָל איז בײַ ייִדן ניט געווען אַזאַ „פֿאָלקיזם״ — אַזאַ גלויבן אין פֿאָלק — אַלץ וואָס פֿאָלקיש איז במילא געטלעך. דאָס איז דער נײַעס וואָס די חז״ל האָבן אײַנגעשטעלט, אײַנגעפֿירט. צוויי פֿאַרקערטע באַציִונגען זײַנען דאָס געווען. איר קומט אין בית המקדש אַרײַן, טאָ ווער בעט אײַך גאָר צו טרעטן מײַנע הייפֿן? (ישעיהו); צו גנבֿענען, גזלענען און אָפּטאָן אַל דאָס שלעכטס און קומען אין דער הויז וואָס רופֿט זיך מיט גאָטס נאָמען און זאָגן „שוין, מיר זײַנען געראַטעוועט״ (ירמיהו). דאָס איז פֿון איין זײַט. און פֿון דער צווייטער זײַט — מיט ליבע באַשרײַבן ווי ייִדן ברענגען ביכּורים. ניטאָ אין דער תּורת משה קיין באַשרײַבונג ווי מען דאַרף עס טאָן, אָבער די פֿירונג פֿון פֿאָלק איז גוט ווי די תּורה — בײַ די חז״ל.

פֿרעגט זיך: בײַ וועמען איז עס געוואָרן די ענדערונג? צי איז מיט איין מאָל דאָס פֿאָלק געוואָרן געטלעך, „ועמך כּולם צדיקים״, אָדער די חז״ל האָבן מיט אַנדערע אויגן געקוקט און געזען דאָס זעלביקע פֿאָלק: זינדיק אין די אויגן פֿון די נבֿיאים, גוט און פֿײַן אין אויגן פֿון חז״ל. האָבן חז״ל אָפּגעשלאָסן דעם תּנך. פֿיר און צוואַנציק ספֿרים און מער ניט. אַל דאָס איבעריקע איז „ספֿרים חיצוניים״. אויך פֿאַר דעם תּנך וועט גאָט ניט צאָלן, ד״ה די צוקונפֿט פֿון פֿאָלק וועט קיין נוצן ניט האָבן פֿון דעם. די גאַנצע היציקע קריטיק פֿון די נבֿיאים איז נאָר קריטיק, קיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם ווי מען דאַרף לעבן, וואָס מען דאַרף טאָן — דאָס וועט איר אין תּנך ניט געפֿינען, דאָס האָבן די נבֿיאים ניט אָנגעוויזן. אַ פֿאָלק קען ניט לעבן מיט קריטיק בלויז, מיט נעגאַציע פֿון דעם לעבן. עזרא לייענט פֿאַרן פֿאָלק די תּורת משה, דאָס פֿאָלק וויינט. צי האָט דאָס זעלביקע פֿאָלק זיך אומגעקערט צוריק צו לעבן מיט דער תּורת משה וואָרט אין וואָרט? וואָס האָבן מיט איין מאָל די חז״ל גענומען זיך גרייסן מיטן פֿאָלק און מיט זײַן אויפֿפֿיר? גייען ייִדן אין בית המקדש, זאָגט ישעיה „ווער בעט אײַך?״ פֿאַסטן ייִדן, — געפֿעלט עס ווידער ניט דעם נבֿיא. ניט דאָס איז אַ תּענית ווי גאָט וויל. וואָס ייִדן טוען געפֿעלט ניט דעם נבֿיא. אַלץ שלעכט און שלעכט. און מיט איין מאָל זאָגט הילל „פּוק חזי״ — גייט און זעט ווי דאָס

פֿאָלק טוט און טוט אַזוי ווי דאָס פֿאָלק, ווײַל דאָס פֿאָלק, קען זײַן, זײַנען ניט קיין נבֿיאים, אָבער יונגע נבֿיאים, „בני נבֿיאים" זײַנען זיי. איז עס דאָס פֿאָלק מיט איין מאָל געוואָרן גוט און פֿרום, אָדער די חז"ל האָבן גענומען קוקן אויפֿן פֿאָלק מיט אַנדערע אויגן? ווייסן מיר — אַ פֿאָלק בײַט זיך ניט מיט איין מאָל. אַ סך איינפֿאַכער איז אָנצונעמען אַז די חז"ל האָבן גענומען קוקן אויפֿן פֿאָלק מיט אַנדערע אויגן. אַז אַ לערער קומט אין קלאַס נאָך דעם ווי ער האָט זיך אין דער היים געקריגט מיט דער ווײַב, זעען אים אויס די תּלמידים שלעכט און אומווירדיק און פֿאַרקערט. נעמען מיר אָן אַז די חז"ל האָבן אַן אַנדער צו־גאַנג געהאַט צום פֿאָלק. דאָס וואָס די נבֿיאים האָבן קעגן דעם געקערט ווערלטן, דאָס איז בײַ די חז"ל גוט געווען. ניטאָ אין תּורת משה, מילא אָבער דערפֿאַר איז עס דאָך דאָ אין אויפֿפֿיר פֿון פֿאָלק, איז עס אויך געטלעך, פֿון גאָט. עס איז אַ סך גרינגער אָנצונעמען די ענדערונג פֿון זען, אָדער אָננעמען אַן ענדערונג אין פֿאָלק. דאָס פֿאָלק לעבט מיט זײַן שטייגער און מיט זײַנע טראַדיציעס. די נבֿיאים האָבן עס געזען ווי זינד. די חז"ל — ווי הייליק, פֿון גאָט.

פֿאַרוואָס אָבער האָט זיך עס בײַ די חז"ל געשאַפֿן גאָר אַן אַנדער באַציִונג צום זעלביקן פֿאָלק?

דאָ דאַרף מען לערנען אַ קליינעם קאַפּיטל פֿון פֿאָלק־פּסיכאָלאָגיע.

דאָס ייִדישע פֿאָלק, האָבן מיר אַ כּלל, לעבט תּקופֿותווײַז. זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע תּקופֿות. דערדריקנדיקע תּקופֿות און פֿאַרקערט דערמוטנדיקע. אין די דערדריקנדיקע תּקופֿות איז פֿאַראַן אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו ייִדישקייט, אַ פֿאַרלאַנג זיך צו באַפֿרײַען פֿון ייִדישקייט מיט אירע צרות און פֿאַרקערט איז עס אין דערמוטיקנדיקע תּקופֿות. חז"ל זײַנען געקומען נאָך דער גליקלעכער תּקופֿה פֿון פּערסישער הערשאַפֿט, ווען עס איז ניט געווען ניט קיין מלחמות און ניט קיין אַסימילאַציע. איז בײַ זיי געווען אַזאַ געהויבענע באַציִונג צו אַלץ וואָס עס איז ייִדיש. איז די שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק, איז די פֿירונגען און מינהגים פֿון ייִדן, איז די גאַנצע ייִדישקייט פֿון לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק פֿאַרהייליקט גע־וואָרן ווי אַ צווייטע תּורה. זײַנען בײַ ייִדן געוואָרן צוויי תּורות. מדאורייתא (תּורת משה) און מדרבנן — פֿון פֿאָלק.

## אַלע סכּנות פֿון אונטערגאַנג שטאַמען פֿון דעם אורבאַניזם

ביז איצט זײַנען מיר געווען אַ באַזונדער, פֿאַרזיכיק פֿאָלק. איטלעך שטעטל — אַן איינס פֿון אַט דעם באַזונדערן, פֿאַרזיכיקן פֿאָלק. ייִדן האָבן ניט געקאָנט זיך אַסימילירן: די פּויערים אין דאָרף — צו נידעריק, דער פּריץ אין הויף — צו הויך. יע „געטאָ" אָדער ניט „געטאָ", אָבער באַזונדער און פֿאַרזיכיק

זײַנען ייִדן געווען, אַלע ייִדן, אַלע גדולי ישׂראל האָבן זייער קינדהייט און אַ טייל פֿון זייער יוגנט פֿאַרבראַכט אין פֿאַרזיכיקן שטעטל. דער מענטש אין דעם ייִדן האָט זיך געפֿורעמט און אויסגעפֿורעמט אין דעם פֿאַרזיכיקן שטעטל. אַלע ייִשובֿים וווּ עס זײַנען ניט געווען קיין שטעטלעך זײַנען ייִדן ווי אַ פֿאָלק אונטער־געגאַנגען. אַזוי זײַנען געווען די קליינע ייִשובֿים אין דרום־אַמעריקע וכדומה. אַזוי איז עס געווען אין מערבֿ־אייראָפּע. ייִדן האָבן זיך דערפֿרייט מיט דעם אונטערגאַנג פֿון דער קלאַסן־געזעלשאַפֿט, מיט דעם אורבאַניזם; ניטאָ מער קיין פּריצים, פּויערים און ייִדן אויך באַזונדער, נײַערט אַלע בילדן איצט איין קלאַס — אײַנוווינער פֿון שטאָט. און ייִדן ניט אין שטעטלעך, ייִדן אין די שטעט זײַ־נען גיך אונטערגעגאַנגען ווי אַ באַזונדער פֿאָלק. אַזוי איז עס געווען אין די פֿרײַערדיקע קליינע שטאָטישע ייִדישע ייִשובֿים אין דרום־אַמעריקע, און אַזוי איז עס אויך געוואָרן אין די ייִשובֿים אין מערבֿ־אייראָפּע. זיי זײַנען אין איי־ראָפּע יע און ניט אונטערגעגאַנגען. עס זײַנען דאָ ייִדן, אָבער קיין ייִדיש לעבן און קיין ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט איז ניטאָ מער. ייִדן זײַנען דאָ, אָבער קיין ייִדישקייט איז שוין ניטאָ. און אַז ניטאָ קיין ייִדישקייט איז שוין אויך ניטאָ קיין ייִדנטום. ייִדן באַזונדערע, אָבער קיין געמיינזאַמקייט, קיין פֿאָלק איז שוין ניטאָ. אַן שטעטל איז ניטאָ קיין ייִדישקייט.

וואָס זײַנען די סימנים פֿון ייִדישקייט? שעפֿערישקייט. שאַפֿן קענען יחידים אויך, אָבער קיין יחיד קען ניט שאַפֿן ערגעץ אין אַ מידבר. אַ בוים היט זײַן כאַראַקטער אַנדערש אין אַ וואַלד פֿון ביימער, גאָר אַנדערש ווי דער זעלביקער אַרט בוים זעט אויס אין איינזאַמקייט. זײַנען אין מערבֿ־אייראָפּע ניטאָ קיין קאָלעקטיווע ייִדישע סימנים פֿון שעפֿערישקייט.

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט קיין מאָל ניט געשאַפֿן קיין מאַטעריעלע רײַכטי־מער, קיין לענדער, קיין בנינים, קיין פּאַלאַצן. טאָמער יע עפּעס מאַטעריעלס, זײַנען דאָס חורבֿות פֿון פּאַרצײַטן: אַ כּותל מערבֿי און מסתּמא נאָך עפּעס — חורבֿות פֿון אַמאָליקע ייִשובֿים. האָבן אָבער ייִדן געלאָזט עפּעס אַנדערש און עפּעס מער ווי טויטע שטיינער. האָט זיך געענדיקט די תּנך־תּקופֿה, האָבן ייִדן געלאָזן דעם תּנך. אויך אַ בנין, און נאָך עפּעס אַ מין! האָט זיך געענדיקט די תּקופֿה פֿון תּלמוד איז געבליבן דער „ים התּלמוד" וואָס ייִדן אין דער וועלט האָבן געלעבט מיט אים, געלעבט אין אים אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. האָט זיך געענדיקט די ייִדישקייט פֿון אַלעקסאַנדריע של מצרים, האָט זי אָבער ניט געלאָזן קיין לעבעדיקע ירושה אין שטיגער און אין לעבן פֿון ייִדנטום. איז זי אונטערגעגאַנגען לעולם וועד. האָט זיך געענדיקט די גאָלדענע תּקופֿה פֿון ספֿרד, זײַנען געבליבן ספֿרים. לערנען מיר די ערשטע משנה פֿון אָבֿות: „משה האָט

געקראָגן די תורה פֿון סיני און זי איבערגעגעבן...״ און אַזוי ווײַטער ביז די אנשי כּנסת הגדולה. די משנה שטעלט זיך דאָ אָפּ. עס איז איר צײַט, ווען די משנה איז געשאַפֿן געוואָרן, אָבער ייִדישקייט גייט ווײַטער: די אנשי כּנסת הגדולה האָבן ייִדישקייט איבערגעגעבן צו די חז״ל; די חז״ל אין ארץ ישׂראל און אין בבֿל. קיין שום ירושה האָט מסדה ניט געלאָזן — ניט מסדה און ניט ביתר. געבליבן איז אַ ירושה פֿון נהרדעא און פּומבדיתא. לערנען מיר די משנה ווײַטער: די חז״ל האָבן איבערגעגעבן ייִדישקייט צו אשכּנז און אשכּנז האָט איבערגעגעבן ייִדישקייט צו די ייִדישע שטעטלעך אין מיזרח־אייראָפּע. אָט דאָ שטייען מיר איצט. ווו איז די ירושה פֿון די ייִדישע שטעטלעך און ווו זײַנען די יורשים פֿון דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט? דאָס איז אונדזער פּראָבלעם.

די ירושה פֿון די ייִדישע שטעטלעך ווייסן מיר זייער קלאָר וואָס זי איז און ווו זי איז — דאָס איז די ייִדישע ליטעראַטור אין בײדע שפּראַכן, דאָס איז די גאַנצע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַלע ייִשובֿים אין דער גאָרער וועלט, די נײַע, די אויפֿגעקומענע — אַל דאָס איז אַ ירושה פֿון די שטעטלעך. אַ רײַכע ירושה! וואָס טוען ייִדן מיט די ירושות פֿון פֿאַרגאַנגענע תּקופֿות? — ייִדן לערנען, מען נעמט אַרײַן די ירושות אין דעם נײַעם לעבן. האָבן חז״ל אַרײַנגענומען דעם תּנך אין זייערע לערנונגען. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז שטאַרק פֿאַלש די מיינונג, אַז דער תּלמוד איז אַזאַ מין פּירוש אויף דער תּורת משה. דער תּלמוד איז געווען — אַזוי צו זאָגן אַ פּירוש — איז ער געווען אַ פּירוש אויף דעם ייִדיש לעבן פֿון זייער צײַט. דאָס איז גאָר ניט אַזוי פּשוט אויסצופֿורעמען זאַצן פֿון דעם פּראַקטישן לעבן און שטייגער. דער גאַנץ אָפֿטער אויסדרוק „מן התּורה מניין?״ האָט יע געזוכט די פֿאַרבינדונג פֿון דורות און תּקופֿות. „פֿון גאָרניט איז גאָרניט״, ווי עס זאָגט אַ לאַטייניש ווערטל און יעדער מינהג, און יעדער געדאַנק הײַנט האָט אַן אָפּשטאַם אין דעם נעכטן און אין דעם אַמאָל, איז עס כּדאַי צו זוכן און צו געפֿינען דעם אָפּשטאַם פֿון איט־לעכן מינהג פֿון הײַנט אין דעם ייִדישן אַמאָל. דאָס איז געווען דער זינען פֿון דעם כּסדרדיקן פֿרעגן זיך „מן התּורה מניין?״. און אויב מען האָט אַזאַ אויס־דרוק, אָדער פּסוק ניט געפֿונען, איז מען זיך באַגאַנגען אויך אָן דעם. ווײַל סוף כּל סוף איז דער תּלמוד געווען ניט קיין פּירוש אויף דעם חומש, נאָר אַן אויס־פֿורעמונג פֿון זייער לעבן־שטייגער אין ווערטער און דאָס זוכן אַ סמך (אַן אָנ־שפּאַר) אין דער תּורה איז געווען בײַ זיי גופֿא נאָר אַ בײַזאַך „ואסמכינהו רבנן אקרא״ — מען האָט דעם פֿאַקטישן שטייגער אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פּסוק, אויב מען האָט אַזאַ געפֿונען. דערבײַ איז אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט דער פֿאַקט וואָס זיי האָבן ניט געזאָגט, ניט גענוצט דאָס וואָרט „תּורה״, נײַערט זיי האָבן געזאָגט „אמר קרא״. ניט פּסוק נאָר קרא — פֿון סתּם לעקטור. און דער

גאַנצער תּנך האָט בײַ זיי געהייסן „מקרא" — ווידער ניט תּורה נאָר סתּם לעקטור. און בכלל איז פֿאַראַן אַ סך מאָל אין ש"ס, אַז מען דאַרף זיך ניט פֿאַרנעמען צו פֿיל מיטן תּנך. און אַזוי האָט מען זיך טאַקע געפֿירט אין טראַדיציע. געוווען בײַ ייִדן אַ חומש־חדר און גלײַך דעם נאָך חומש־חדר איז געקומען דער גמרא־חדר. קיין תּנך־חדר איז גאָר ניט געוווען בײַ ייִדן אין דער טראַדיציע. די ייִדישע טראַדיציע האָט זיך מיטן תּנך כּמעט ניט פֿאַרנומען. עס איז טאַקע ריכטיק אַז לומדים האָבן אָפֿט געדענקט אַ פּסוק ניט פֿון תּנך נאָר פֿון גמרא, וווּ דער פּסוק איז געבראַכט געוואָרן. נאָך מער — פֿאַרן לערנען מקרא ווערט גאָט גאָרניט צאָלן אויף יענער וועלט און דער וואָס פֿאַרנעמט זיך נאָר מיט תּורה אַליין איז ווי ער האָט ניט קיין גאָט (ע"ז ע"ז, ב') און גאָט האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיטן ייִדישן פֿאָלק נאָר צוליב די דבֿרים שבבעל פּה, ניט צוליב דער תּורה הכּתובֿה (גטין ס', ב'). אין דער אמתן האָבן זיך חז"ל פֿאַרנומען בעיקר נאָר מיט דער תּורה שבבעל פּה, דאָס הייסט מיט דער ייִדישקייט וואָס איז געווען אין פּאַקטישן לעבן פֿון זייער צײַט, פֿון זייער תּקופֿה.

פֿאָרמולירן, פֿורעמען אין ווערטער און באַגרינדן — דאָס איז געווען די דירעקטע אויפֿגאַב פֿון די חז"ל. און די אַרבעט האָבן זיי געשטעלט העכער ווי דאָס לערנען „מקרא" (די גאַנצע תּורה!) מיט דעם סתּם נאָמען מקרא — לעקטור.

בכן זײַנען עס געווען צוויי שיטות אין ייִדישקייט: די תּורה שבכּתבֿ איז דער יסוד פֿון דער גאַנצער ייִדישקייט און זי איז געגנוג אויפֿצוהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק; און די צווייטע שיטה — ייִדישקייט איז דער גאַנצער לעבעדיקער אויפֿפֿיר פֿון לעבעדיקע ייִדן אויף וויפֿל נאָר ער איז ניט קיין געבראַכטער פֿון דער פֿרעמד, ניט „מינהג אמורי" אויף וויפֿל ער האָט אַ ייִדיש־פֿאָלקישן אָפּשטאַם.

וואָסערע פֿון די צוויי שיטות האָט זיך באַרעכטיקט געשיכטלעך? וואָסער שיטה האָט געפֿירט צום קיום און וואָסערע פֿון די צוויי האָט געפֿירט צום אומקום?

די געשיכטע האָט געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע: דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק פֿון הײַנט שטאַמט אין גאַנצן פֿון די פּרושים, פֿון די צדוקים איז ניטאָ קיין זכר בײַם לעבעדיקן פֿאָלק. סײַדן אין געשיכטע־ביכער — אַמאָל זײַנען געווען! אַמאָל זײַנען געווען מאַמאָנטן און זיי זײַנען אויסגעשטאָרבן; אַמאָל זײַנען אויך געווען צדוקים וואָס האָבן געהאַלטן ניט פֿון דער לעבעדיקער ייִדישקייט אין זייער צײַט, נאָר זיי האָבן געהאַלטן פֿון דער פֿאַרצײַטיקער ייִדישקייט, וואָס אין זייער צײַט איז זי שוין געווען אַן „אַמאָליקע", אַ געוועזענע... די צדוקים זײַנען גלײַך ווי די מאַמאָנטן און דינאָזאַווערן געווען און זײַנען ניטאָ מער. דאָס איז דער פּסק פֿון דער געשיכטע.

צי קענען מיר עפּעס לערנען פֿון דעם, פֿון אונדזער אַמאָל פֿאַרן הײַנט, פֿאַר אונדזער הײַנט? — זייער פֿיל צו לערנען. מיר קענען פּסקענען אַלע אונדזערע ספֿקות און דיסקוסיעס. דער ענטפֿער איז קלאָר: מען קען ירשענען אַ טאַטן, אַ מאַמען, אָבער ניט קיין עלטער־באָבען דירעקט. געענדיקט די תּקופֿה פֿון שטעטל — די לענגסטע און רײַכסטע תּקופֿה אין אונדזער געשיכטע, אָבער זי איז געענדיקט. עס איז געקומען דער אורבאַניזם אין ייִדישן לעבן. ער קען ירשענען, איבערנעמען בלויז אַ ירושה פֿון שטעטל, אָבער בשום אופֿן ניט קיין ירושה דירעקט פֿון תּנך־ייִדנטום און אויך ניט פֿון בבֿלישן תּלמוד בשעתו. וויפֿל מען זאָל ניט „תּנכעווען", וויפֿל קונצן און ספּאָרט־פּאַרמעסטונגען מען זאָל ניט פּראַווען מיטן תּנך, וועט עס אַלץ ניט זײַן קיין תּנך־ייִדישקייט. און מאַכן שפּרינג־פּאַרמעסטונגען מיטן תּנך וועט בשום אופֿן ניט דערנעענטערן אונדז צוריק צו דער תּנך־תּקופֿה.

בכן קענען מיר ריידן און טראַכטן נאָר וועגן „יפֿותו של שטעטל באוהלי שטאָט". בשעת מיר זאָגן שטעטל מיינען מיר ניט, חלילה, די טעכנישע אָפּגע־שטאַנענקייט, די בלאָטעס, דאָס וואַסער־טראָגן וכדומה. מיר מיינען יע די גײַס־טיקע אייגנשאַפֿטן פֿון שטעטל. זיי זײַנען אין שטעטל געווען במילא, אָן אָנ־שטרענג און אין דעם איצטיקן אורבאַניזם וועלן זיי מוזן פֿאָדערן שטאַרקן אָנ־שטרענג פֿון קאָלעקטיוון ווילן.

בכן וואָס זײַנען די סימנים מובֿהקים פֿון דעם שטעטל? ניט די צאָל ייִדן איז דאָ וויכטיק — צי דרײַ צענדליק ייִדן אָדער דרײַ מיליאָן. וויכטיק איז די אַבסאָלוטע פֿאַרזיכיקייט. ייִדן לעבן און לעבן זיך אויס פֿאַר זיך, אין גאַנצן פֿאַר זיך. שטעטל מיינט אויטאָנאָמע באַזונדערע ייִדישקייט, מאָניסטיש, נאָר ייִדיש, אָן „עבֿודה זרה" פֿון „דרכי אמורי".

האָט מענדעלסאָן געגאַרט נאָך דער געזעלשאַפֿט פֿון גויִים, פֿון הויפּטפֿאָלק (זען זײַן „ירושלים"). האָט וועגן דעם געחלומט, זיך געבעטן בײַ די רוסן! בײַ די „גרויסע זין פֿון צפֿון" מענדעלסאָנס מיטצײַטלער אין פּעטערבורג לייב נעוואַכאָוויטש אין זײַן ערשטן שריפֿט פֿון אַ ייִדן אין רוסיש (1802). און אַז „די געהויבענע זין פֿון צפֿון" — די רוסן — האָבן פֿאַרט ניט געוואָלט אַרײַנ־נעמען אַזאַ ליבן, געטרײַען ייִדישן חנפֿהניק, האָט ער זיך געשמדט מיט זײַן פּאַטראָן אַבראַם פּרץ — אַן איידעם פֿון דעם ייִדישן פּריץ יהושוע צייטלין (1806). מענדעלסאָן האָט געלאָזן דעם שמד פֿאַר זײַנע קינדער.

צי קען געהאַלטן זײַן אַזאַ פֿאַרזיכיקע ייִדישקייט אין אַ גרויסער שטאָט?

— יע, עס איז מעגלעך און מען קען עס זען. אָבער ניט בײַ ייִדן. איך האָב געזען אַ דורכויס פֿראַנצויזיש שטעטל אין אַן ענגלישער פּראָווינץ אין קאַנאַדע.

עס איז געווען בײַ ייִדן אין ניו יאָרק אין געוויסע צײַטן ווען עס זײַנען אָנגע־קומען גרויסע צאָלן אימיגראַנטן און זיי האָבן זיך נאָך ניט „אַמעריקאַניזירט״. דאָס זײַנען אָבער געווען נאָר צײַטווײַליקע סעגרעגאַציעס, איידער ייִדן האָבן זיך געפֿילט בכּוח צו לעבן אויסגעמישט דווקא צווישן ניט־ייִדן. אַזאַ ראַיאָן האָט בײַ ייִדן געהייסן „אַ בעסערער״ ראַיאָן. ביז איצט האָבן ייִדן אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווילן צו שאַפֿן אַזוינע באַזונדערע ייִדישע שטעטלעך אין די ראַמען פֿון גרויסע שטעט. ניט דערפֿאַר וואָס אַזוינע פֿאַרזיכיקע ראַיאָנען זײַנען ניט מעגלעך, נאָר גאָר פּשוט — ייִדן האָבן עס ניט געוואָלט און זיי ווילן עס ניט אויך איצט. אין אַזאַ מין שטאָט ווי עס איז מאָנט־רעאָל אין קאַנאַדע מיט אַ צווייאיקן כאַראַקטער — פֿראַנצייזיש־קאַטויליש און ענגליש־פּראָטעסטאַנטיש האָבן ייִדן געהאָט די געלעגנהייט צו שאַפֿן אויך אַ ייִדישן, באַזונדערן טייל — אַ ייִדישן — דרײַ פֿעלקער, דרײַ שפּראַכן און דרײַ קולטורן מיט דרײַ רעליגיעס. האָבן אָבער ייִדן עס ניט געוואָלט.

אַזאַ מין ווילן צו פֿאַרזיכיקער אָפּגעזונדערטקייט האָבן יע אַרויסגעוויזן עקסטרעם פֿרומע ייִדן אין אַמעריקע. אָבער מיט זיי, מיט די פֿרומע איז אַן אַנדער צרה. די הײַנטיקע פֿרומע ייִדן אָנערקענען בלויז די ייִדישע רעליגיע, נאָר אַ טייל פֿון דער ייִדישער קולטור וואָס איז פֿאַרהייליקט ווי רעליגיע. זיי ווילן אָבער ניט — בשום אופֿן — אַרײַננעמען אין סכום ייִדישקייט די נײַערע אַנטפּלעקונגען און שאַפֿונגען פֿון ייִדישקייט וואָס זײַנען נאָך ניט געשטעמפּלט מיט אַ רעליגיעזן שטעמפּל. און די ייִדן, וואָס האָבן יע אַ ווילן אָנצונעמען די גאַנצע ייִדישע קולטור — אויך די נײַערע, וואָס האָט נאָך ניט געקראָגן קיין רעליגיעז־פֿרומע סאַנקציע, די האָבן ביז איצט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווילן צו שאַפֿן פֿאַרזיכיקע ייִדישע ראַיאָנען אין די ראַמען פֿון גרויסע שטעט. דאָס איז אָבער ניט קיין באַווײַז אַז אויך אין דער צוקונפֿט וועט אַזאַ ווילן ניט זײַן.

דערווײַל האָבן אַפֿילו די אַזוי גערופֿענע טעריטאָריאַליסטן ניט באַוויזן צו באַגרייפֿן זייער אייגענעם אידעאַל, אַז ער הענגט אָפּ אייגנטלעך פֿון זיי אַליין אין אַ סך לענדער. עס איז דערווײַל טראַגיש דער פֿאַקט פֿון פֿאַלשן פֿאַרשטיין דעם אייגענעם אידעאַל, אָבער אַזוי איז דער פֿאַקט. און וואָס עס איז שײַך צו די פֿרומע ייִדן, זײַנען זיי צום באַדויערן ניט מער און ניט ווייניקער ווי די הײַנטיקע צדוקים. ווי די אַמאָליקע זײַנען זיי אָנהענגער בלויז פֿון דער פֿאַר־שריבענער ייִדישקייט, פֿאַרשריבן אין די הײַנטיקע קאָדעקסן. און די צדוקים הײַנט ווי פֿאַרצײַטן ווילן ניט און קענען ניט אויפֿהאַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק. בפֿרט נאָך אַז צו דער רעליגיעזער געטרײַקייט קומט נאָך צו פּשוטע מאַכט־גיריקייט אין ייִדישן לעבן.

איז גאַנץ מיזרח לאַס אַנדזשעלעס באַפּעלקערט איבערהויפּט פֿון שפּאַניש־ריידנדיקע (שוין ניט ריידנדיק וועגן די נעגערס וואָס לעבן איבערהויפּט אין דרום פֿון שטאָט (אפשר קעגן זייער ווילן). זײַנען די שפּאַניש־ריידנדיקע אין מיזרח פֿון שטאָט פֿון זייער אייגענעם ווילן קאָנצענטרירט אין איין ראַיאָן, און זיי היטן זייער לשון שוין דורות, אַזוי ווײַט, אַז שטאָטישע אויטאָבוסן וואָס קורסירן אין יענעם ראַיאָן האָבן אויך שפּאַנישע אויפשריפֿטן, און אַזוי אויך אינסטיטוציעס. עס איז זייער אַ „שטעטל" אין דער גרויסער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס.

קענען מיר איצט סומירן דאָס געזאָגטע ביז איצט.

1. ווו האַלטן מיר אין דעם שטראָם פֿון דער ייִדישער געשיכטע?

מיר האַלטן בײַם איבערגאַנג פֿון שטעטל צו שטאָט. שטעטלעך האָבן מיר געהאַט נאָר אין מיזרח־אייראָפּע און נאָר דאָרטן איז געווען אַ לעבעדיקע און אַ שעפֿערישע ייִדישקייט. די שטעטלעך אין מערבֿ־אייראָפּע זײַנען אונטערגעגאַנגען מיט אַ יאָרהונדערט פֿריִער. און מיט דעם אונטערגאַנג האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פֿון זייער קאָלעקטיווער ייִדישקייט. ייִדן זײַנען געווען און זײַנען דאָ, אָבער קיין קאָלעקטיווע ייִדישקייט איז ניטאָ מער.

איצט זײַנען חרובֿ געוואָרן אויך די שטעטלעך פֿון מיזרח־אייראָפּע. דאָס ייִדישע פֿאָלק, ריכטיקער — דער שארית ישׂראל איז געוואָרן אַן אורבאַנישער, אַ גרויסשטאָטישער און אין אַנדערע לענדער.

שטייט די פֿראַגע: צי איז מעגלעך אַ פֿאַרזיכיקע, שעפֿערישע, וואַקסנדיקע ייִדישקייט אויך אין דעם געמיש און אין דעם געטומל פֿון פֿעלקער אין די גרויסע שטעט? פֿון דעם איז אָפּהענגיק די פֿראַגע צי האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַ ווײַטערדיקן קיום אָדער, חלילה, ניט?

2. דאָס ביז הײַנטיקע ייִדישע לעבן אין די גרויסע שטעט גיט אויף דער פֿראַגע אַ נעגאַטיוון ענטפֿער: ניין, אין די גרויסע שטעט איז ביז הײַנט קיין שעפֿערישע ייִדישקייט ניט געווען. דאָרטן ווו די שטעטלעך זײַנען אונטערגעגאַנגען, איז צוזאַמען מיט זיי אונטערגעגאַנגען די שעפֿערישע ייִדישקייט. אונטערגעגאַנגען יעדער נײַער אַנוווקס, יעדער נײַער אויפֿבלי אין ייִדישקייט. העכסטנס איז עס געווען אײַנהיטן די פֿיקסירטע רעליגיע. און די אײַנהיטונג, קאָנסערוואַציע איז אויך ניט קיין לעבן, ווײַל לעבן מיינט באַנײַאונג, אַנוווקס, נײַע בלומען, נײַע צווײַגן. דאָס האָבן מיר צום באַדויערן ניט געזען, ווײַל ניט געווען.

3. ניטאָ קיין שום אָביעקטיווע שטערונגען פֿאַר אַ שעפֿערישער ייִדישקייט אויך אין די שטעט. אויב עס איז דאָך ניט געווען און ניטאָ, איז עס נאָר

מחמת דעם אויספֿעלן פֿון אַ שטאַרקן, קאָנקרעטן און אידעאָלאָגישן ווילן און שטרעבן צו אַט אַזאַ פֿאַרזיכיקער ייִדישקייט. שולדיק איז דער פֿאַלשער נאָכ־מאַך־דראַנג פֿון ייִדן. אין שטעטל האָט ער ניט געקענט עפּעס אויפֿטאָן, ווײַל ניט געוועזן אין שטעטל ווּעמען נאָכצומאַכן, און אין שטאָט דאַרף מען אַ קלאָרן און ווילִיקן באַוווּסטזײַן, ניט אָנצונעמען קיין שום פֿרעמדס. ביז איצט האָבן ייִדן אין ערגעץ ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ קלאָרן און פֿעסטן ווילן. פֿון דאַנען די גאַנצע סכּנה פֿאַר דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק.

די פֿרומע אין אַמעריקע, זאָגט מען, באַמיִען זיך אײַנצוהיטן ייִדישקייט אין איר פֿולער ריינקייט (איך האָב עס ניט געזען). אָבער עס איז אַ גרויסער אונ־טערשייד צווישן דעם פּרושישן און צדוקישן צוגאַנג צום באַגריף אָפּהיטן די תּורה. די צדוקים האָבן געהיט די תּורת משה ווי זי איז פֿאַרשריבן, ניט אויס־געטײַטשט, ניט געענדערט כּחוט השׂערה. די פּרושים האָבן געהיט ייִדישקייט ווי זי האָט זיך אויסגעפֿורעמט און אַנטוויקלט אין דעם שטייגער פֿון פֿאָלק ישׂראל אין זײַן פּאַקטישן לעבן. אויך ווײַטער זײַנען געווען ריכטונגען וואָס האָבן געלערנט די תּורה הכּתובֿה — ווי זי איז פֿאַרשריבן. אַלע די דאָזיקע ריכטונגען זײַנען אויסגעשטאָרבן, אָדער זיי גייען אונטער. קיינע פֿון זיי האָט ניט קיין צוקונפֿט. לעבעדיק איז געבליבן די ייִדישקייט וואָס איז געוואַקסן און זיך געענדערט, זיך געביטן צוזאַמען מיט ייִדן. לעבן הייסט ענדערן זיך, וואַקסן, אַנדערש ווערן. דאָס הייסט לעבן. משהס ייִדישקייט איז געווען אַנדערש ווי אבֿרהמס; ר׳ עקיבֿאס ייִדישקייט איז ווידער געווען אַנדערש ווי משהס (לויט אַן אגדה האָט דאָך משה אַפֿילו ניט פֿאַרשטאַנען וואָס רבי עקיבֿא האָט גע־לערנט). צופֿרידן איז משה געוואָרן ווען ער האָט דערהערט ווי ר׳ עקיבֿא דער־קלערט עפּעס אַז עס איז הלכה למשה מסיני. עס הייסט: אָנגעהויבן זיך אַנט־וויקלען האָט עס טאַקע פֿון משהס ייִדישקייט, צעוואַקסן האָט עס זיך בײַ ר׳ עקיבֿאן ווי אַ גרויסער מעכטיקער בוים וואָס איז אויסגעוואַקסן פֿון אַ קליין זאָמענדל וואָס משה האָט פֿאַרפֿלאַנצט. און משה פֿאַררופֿט זיך כּסדר אויף „אלוהי אבֿרהם יצחק ויעקבֿ״. אַזוי איז די ייִדישע רעליגיע — ריכטיקער גאָר די ייִדישקייט געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט פֿון משהן ביז ר׳ עקיבֿא און זיך דאַרטן ניט אָפּגעשטעלט, חלילה. וואָלט ר׳ עקיבֿא ניט פֿאַרשטאַנען די ייִדישקייט פֿון רש״י. און ר׳ יוסף קאַרו — פֿון רש״י; און פֿון קאַרו ביז ליזשוק און הרבֿ קוק איז ווידער אַ מרחק. און אַלץ איז ייִדישקייט! ווי אַ דורותדיקער בוים.

בכלל האָבן ייִדן קיין מאָל ניט אָנגענומען קיין רעליגיע ווי אַנדערע פֿעל־קער. זיי, די פֿעלקער האָבן לכתּחילה געהאַט אַן אַנדער רעליגיע, וואָס איז גע־וואַקסן און זיך אַנטוויקלט מיט זיי. און זיי האָבן שפּעטער די רעליגיע געביטן.

געבליבן ווי אַ פֿאָלק זײַנען זיי ווי פֿריִער, געלאָזט זייער גאַנצע קולטור, מער ניט ווי די רעליגיע האָט מען געביטן. דערמיט איז צעטיילט געוואָרן קולטור באַזונדער און רעליגיע ווידער באַזונדער, אַ צווייטער געביט. די גאַנצע קולטור — אַן אייגענע, די רעליגיע איז אַ פֿרעמדע, אַן איבערגענומענע, פֿון אַ צווייטן פֿאָלק. בײַ ייִדן איז לגמרי ניט אַזוי; די ייִדן האָבן קיין מאָל ניט, פֿון קיינעם ניט גענומען, פֿון קיינעם ניט געבאָרגט און ניט נאָכגעמאַכט קיין רעליגיעס. דאָס עצם וואָרט רעליגיע איז געווען פֿרעמד, ניט קיין ייִדישער באַגריף. ייִדן האָבן געלעבט, געפֿירט אַ שטייגער דורך דורות. דאָס אַלטע, דער שטייגער פֿון אַ סך דורות, וואָס איז אויך געאָגראַפֿיש געווען מער פֿאַרשפּרייט איז געווען אָנערקענט ווי די רעליגיע פֿון ייִדן. דערפֿאַר טאַקע האָט די ייִדישע רעליגיע געקאָנט וואַקסן און זיך אַנטוויקלען, ניט ווי אַנדערע רעליגיעס, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן פֿיקסירטערהייט, פֿאַרטיקע, אַנטוויקלטע. דערפֿאַר איז בײַ אַנדערע פֿעלקער די רעליגיע באַזונדער, אָפּגעטיילט פֿון דער פֿאָלקישער קול־טור. די רעליגיע קען זײַן אַן אוניווערסאַלע, פֿון עטלעכע פֿאַרשיידענע פֿעלקער. זי איז ניט פֿאַרבונדן מיט דעם פֿאָלקס שטייגער און מיט זײַן קולטור.

גאָר אַנדערש איז עס בײַ ייִדן: די ייִדישע רעליגיע איז טאַקע די ייִדישע קולטור, איבערהויפּט די עלטערע עלעמענטן פֿון דער קולטור, די עלעמענטן וואָס זײַנען מער פֿאַרשפּרייט איבער אַלע ישובֿים פֿון ייִדן און אויך היסטאָריש עלטער. מצה פּסח און קוגל שבת. מצה איז אַ סך עלטער, שטאַמט פֿון אור־אור־אַלטערטום, קלאָר אַז מצה איז טיפֿער פֿאַרוואָרצלט אין ייִדישקייט איידער קוגל וואָס איז אַ „יונגער אַרײַנפֿיר". נאָך ייִנגער און ווייניקער אײַנגעוואָרצלט איז דער שבתדיקער ווילנער רעצישניק (אַ טייגעכץ פֿון רעטשענע מעל, שבת אין דער פֿרי). די גאַנצע רעליגיע איז דער ייִדישער שטייגער פֿון אור־אַלטע דורות. דערפֿאַר איז אוממעגלעך עמעצער זאָל אָננעמען די ייִדישע רעליגיע און ער זאָל ניט ווערן אַ ייִד. עס קענען ניט זײַן קיין עטלעכע פֿעלקער פֿון דער זעלביקער ייִדישער רעליגיע. די ייִדישע רעליגיע איז אַ סכום עלטערע עלע־מענטן פֿון ייִדישן שטייגער. ניטאָ און ניט מעגלעך בײַ ייִדן אַזאַ פֿאַרטיילונג ווי עס קען זײַן בײַ אַנדערע פֿעלקער: אַ דײַטש, אַ פֿראַנצויז, אַן אַמעריקאַנער קען זײַן אַ פּראָטעסטאַנט אָדער אַ קאַטויליק און די רעליגיע זײַנע שטערט אים גאָרניט צו זײַן פֿאַרבונדן מיט זײַן פֿאָלקס קולטור. מען קען אָבער ניט זײַן אַ ייִד און געהערן צו אַ צווייטער רעליגיע. עס איז געווען אין אָנהייב פֿון יאָר־הונדערט עפּעס אַ שטיקל צײַט אַ לאָזונג „ייִדן פֿון אַלע רעליגיעס", דאָס איז אָבער געווען סתם אַ ניט דורכגעטראַכטע נאָכמאַכונג, וואָס איז גיך פֿאַרגעסן געוואָרן.

פֿון דער צווייטער זײַט קען אָבער ייִדישע רעליגיע ניט זײַן קיין אָפּגע־

שלאָסענע, קיין באַשטימטע איין מאָל און אויף שטענדיקע דורות ווי דאָס קע־נען יע זײַן אַנדערע רעליגיעס. די יידישע רעליגיע, ווי אַן אָפּצווײַג פֿון דער יידישער קולטור, פֿון אַ קולטור וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך קען ניט און טאָר ניט בלײַבן פֿיקסירט ווי זי איז געווען מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אין יידישן לעבן קומען פֿאָר אַזוינע ענדערונגען אין לעבן און אין שטייגער. יידן זײַנען געוואָרן אַן אורבאַניש פֿאָלק, ניטאָ מער קיין יידישע פֿאַרזיכיקע שטעט־לעך. גאָר אַנדערש איז געווען דאָס יידישע לעבן. מוז אויך די רעליגיע מיט־גיין מיט די ענדערונגען. קענען די פֿרומע יידן ניט יוצא זײַן מיט דעם וואָס זיי אַליין היטן דעם שבת ווי אין שטעטל און זיי מאַכן זיך ניט זעענדיק דעם חורבן פֿון שבת אין אורבאַניזם. דאָס איז דער וועג פֿון דער אָרטאָדאָקסיע, די רעפֿאָרמער אָבער פֿון אַלע מדרגות זײַנען אויך ניט די שעפֿער פֿון אורבאַני־שער אָרגאַנישער יידישקייט, ווײַל זיי גייען אויפֿן פֿרעמדן ניט־יידישן וועג צו פֿאַרוואַנדלען יידישקייט אין אַ רעליגיע אַלאַ די קריסטלעכע רעליגיעס. זייער גאַנג איז אַ פֿאַרקערטער: די רעליגיע האָט גאַרניט צו טאָן מיט יידישער קול־טור. די קולטור פֿון די יידן קען און דאַרף זײַן די זעלביקע וואָס בײַם הויפּט־פֿאָלק פֿון לאַנד — זײַן שפּראַך און זײַן קולטור. די יידישע רעליגיע ווערט רעדוצירט צו אַ באַזונדערן גאָטעסדינסט אין אַ פֿאַרזיכיקן, יידישן „טעמפּל״. און די גאָטעסדינסט אין יידישן טעמפּל זאָל זײַן וואָס נענטער און וואָס מער ענלעך צו דעם ניט־יידישן גאָטעסדינסט אין דעם קלויסטער. ד״ה — רעדוצירן און פֿאַרגויִישן יידישקייט און די יידישע רעליגיע.

בכן קען די אורבאַנישע יידישקייט ניט זײַן קיין קאָפּיע פֿון דער יידישקייט אין שטעטל. זי קען ניט זײַן אַזאַ ווי זי איז פֿיקסירט אין שולחן ערוך. זי קען אָבער זײַן, און זי דאַרף זײַן אַ המשך פֿון דער שטעטלשער יידישקייט. אַזוי ווי דער תלמוד האָט געירשנט די יידישקייט פֿון תנך־תקופֿה; אַזוי ווי דער שולחן ערוך האָט פֿאָרמולירט די יידישקייט פֿון שטעטל, אַזוי דאַרף איצט געפֿורעמט ווערן די יידישקייט וואָס דער אורבאַניזם ירשנט פֿון שטעטל. די אורבאַנישע יידישקייט קען ניט זײַן קיין המשך פֿון תנכישער, פֿון תלמודישער, פֿון שולחן ערוך־יידישקייט. זי קען זײַן נאָר אַ דירעקטע ירושה פֿון דער שטעטלשער אין דער לעצטער תקופֿה פֿון שטעטל.

וואָסערע יסודות האָט געהאַט די יידישקייט פֿון שטעטל אין אָט דער תקופֿה?

לאָמיר פּרובירן אויסרעכענען: קודם כל איז עס דער מאָניזם. דאָס שטעטל האָט שוין אויפֿגעהערט צו זײַן אָפּגעשלאָסן פֿאַר אַלע השפּעות פֿון דרויסן. פֿאַר־קערט זײַנען געווען אָפֿענע טויערן פֿאַר אַלע נײַע קולטור־השפּעות פֿון דער פֿרעמד, פֿון שטאָט. דאָך האָבן אַלע שטראָמען און פֿרעמדע קולטור־שטראָמען

ניט געשטערט דער פּאַרזיכיקייט פֿון שטעטל. דאָס שטעטל איז געוואָרן וועלט־לעך, נײַע קולטור־פֿאָרמען און נײַע עלעמענטן זײַנען אַרײַנגעקומען, אָבער דאָס שטעטל איז געבליבן פֿאַר זיך גאַנץ. דער בית מדרש האָט אויפֿגעהערט צו זײַן דער איינציקער אינהאַלט פֿון שטעטל, האָט מער ניט געוואָלט בלײַבן אין דער וועלט פֿון ביאַליקס „מתמיד". צוויי שטראָמען זײַנען געקומען נײַע: פֿון שטעטל און אין שטעטל. פֿון שטעטל זײַנען אַוועק אין פֿרעמדע וועלטן יחידים: די שלמה מײַמאָנס, די פֿרוגס, פּאַסטערנאַקס און לעוואַנדאָס און נאָך און נאָך, די זײַנען בײַם ייִדישן פֿאָלק ניט געבליבן. צי האָבן זיי באַרײַכערט פֿרעמדע קול־טורן? צי זײַנען זיי אויפֿגענומען געוואָרן אין פֿרעמדע קולטורן? — דאָס איז אַ צווייטע פֿראַגע, וואָס האָט ניט פֿאַר אונדז דאָ קיין אינטערעס. מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן געקלאַפּט אין פֿרעמדע טירן, אָבער מען האָט זיי ניט געעפֿנט פֿאַר זיי. זיי זײַנען געבליבן הינטער דער טיר.

דער צווייטער שטראָם — פֿון דער פֿרעמד אין שטעטל אַרײַן איז געווען מזלדיקער. דאָס איז דאָך די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן — די פּאָעזיע און פּראָזע און די ייִדישע וויסנשאַפֿט: פֿילאָסאָפֿיע פֿון ייִדישקייט, געשיכטע. דאָס זײַנען אַלע נײַע אויפֿטוען אויפֿן געביט פֿון ייִדישער עקאָנאָמיע און געזעלשאַפֿטלעכקייט. נײַע געזעלשאַפֿטלעכע שטרעמונגען, אָרגאַניזאַציעס. ניט קיין קונץ צו זוכן און צו געפֿינען דעפֿעקטן אין די אַלע נײַע ריכטונגען. דער עיקר — אַלע זײַנען זיי געווען נײַ, געבראַכט פֿון דער פֿרעמד, פֿון ווײַטע וועלטן און פֿאַרייִדישט. מען מעג און מען דאַרף אָבער אָנווײַזן אויף אַנדערע בעסערע מעגלעכקייטן, וואָס זײַנען ניט אויסגענוצט געוואָרן. וועלן מיר דאָ אויך אָנווײַזן אויף עפּעס וואָס איז געווען אַ גרויסע געלעגנהייט און זי איז ניט אויס־גענוצט געוואָרן.

עס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין ניו יאָרק אַ נײַע אימיגראַציע פֿון שטעטל, פֿון מיזרח־אייראָפּע. ווען אַט דער נײַער שטראָם בלײַבט געאייניקט, צוזאַמען אויף דורות, טאַקע אין אַמעריקע, אָבער פֿאַר זיך. שווער צו חלומען וואָס פֿאַר אַ ייִדישע וועלט עס וואָלט געקאָנט אויספֿורעמען זיך. ווען אין אַרגענטינע וואָלט די אימיגראַציע ניט געטריבן געוואָרן מיט גוואַלד דווקא צו ערדאַרבעט אויס־שליסלעך, נאָר עס וואָלטן געבויט געווען טאַקע דערפֿער, אָבער אויך שטעט־לעך און שטעט, און קאָנצענטרירט...

ווו איז עס געשריבן געוואָרן אַז ארץ ישׂראל מוז זײַן איינע און מער ניט?...

עס איז אָבער ניט געשען; די ייִדישע געשיכטע איז אַוועק אויף אירע וועגן, און מיר האָבן וואָס מיר האָבן. עס האָט אויפֿגעבליט אַ נײַע מעגלעכקייט, אָבער עס איז אַוועק אַנדערש. וועלן מיר ניט טראַכטן וואָס וואָלט געווען, וואָס האָט

געקענט זײַן, נאָר מיר װעלן טראַכטן װאָס עס איז... עס האָט אויפֿגעבליצט אַ ייִדישע ליטעראַטור. אַזאַ דערשײַנונג װי שלום עליכם איז ניט בלויז אַ ליטעראַטור־געשיכטע. עס איז אַ סומירונג פֿון שטעטל; אונטערגעפֿירט אַ סך הכּול. די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור — דאָס איז דער קדיש פֿון ייִדישן פֿאָלק אויף דער תּקופֿה פֿון שטעטל. אויסגעגאַנגען דאָס ייִדישע שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע און אויך אָפּגעשטאָרבן די שטעטל־ליטעראַטור. דאָס ייִדישע פֿאָלק אין דער װעלט האָט מער ניט געשאַפֿן קיין שטעטל, און מער ניט געשאַפֿן קיין ייִדישע ליטעראַטור. די רײַכע ייִדישע ליטעראַטור האָט מער ניט געשאַפֿן קיין אײן ייִדישן שרײַבער אין אַלע נײַע ישובֿים אין דער װעלט. די עצם ייִדישע שפּראַך שטאַרבט אָפּ. דאָס ייִדישע פֿאָלק, דאָס פֿאָלק װאָס איז געװען ביז איצט, הערט אויף צו עקסיסטירן. עס קומען אויף װי נײַע שבֿטים, נײַע פֿעלקער אין פֿאַרשיידענע לענדער מיט די שפּראַכן פֿון די לענדער. אַ טייל פֿון זיי אַסימילירט זיך ניט און בלײַבט לעבן װי ייִדן, מיט פֿאַרשיידענע שפּראַכן, מיט פֿאַרשיידענע שטייגערס. פֿאַרשיידענע ייִדישע שבֿטים. ניט קיין ייִדן אין אַמעריקע, נײַערט אַמעריקאַנישע ייִדן, ניט קיין ייִדן אין בראַזיל נאָר בראַזיליאַנישע ייִדן און אַזוי כּסדר. עס זײַנען פֿריִער אויך געװען עטלעכע באַזונדערע ייִדישע שבֿטים — אַשכּנזים, ספֿרדים, תּימנער ייִדן וכדומה. איטלעך שבֿט מיט זײַן געשיכטע. איצט הייבן זיך אָן אַ סך פֿאַרשיידענע שבֿטים מיט אַלערליי שפּראַכן און קולטורן. דאָס גאַנצע הײַנטיקע ייִדישע פֿאָלק קען מען פֿאַרטיילן אין דרײַ גרופּעס: פּראָגרעסירנדיקע ייִדישקייט, רעגרעסירנדיקע און סטאַבילע.

פּראָגרעסירנדיקע ייִדישקייט איז פֿון נאָך דער פֿראַנצויזישער רעװאָלוציע געװען נאָר אין מיזרח־אייראָפּע; רעגרעסירנדיקע ייִדישקייט — װאָס האַלט אין אויסלעשן זיך און װערן גאָרניט, אַז די אָפּשטאַמיקע אַליין זאָלן ניט געדענקען אַז זיי שטאַמען פֿון ייִדן; און דער דריטער מין ייִדישקייט — אַזאַ װאָס ציט זיך דורות אָן װאָסערע עס זאָלן ניט זײַן ענדערונגען. פּראָגרעסירנדיקע ייִדישקייט איז נאָך דער פֿראַנצויזישער רעװאָלוציע געװען נאָר אין רוסלאַנד. דאָס איז געװען אַ פֿאָלק מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַ באַזונדערן שטייגער און קולטור, מיט אַ פֿאַרזיכיקער דערציִונג און געזעלשאַפֿטלעכקייט. יעדער מאָל זײַנען צוגעקומען נײַע שאַפֿונגען, נײַע קולטור־דערגרייכונגען און נײַע פּראָבלעמען און געדאַנקען.

רעגרעסירנדיקע ייִדישקייט איז געװען אין גאַנץ מערבֿ־אייראָפּע. קיינע נײַע עלעמענטן, קיין נײַע דערשײַנונגען אין ייִדישקייט. כּסדר װייניקער און װייניקער. אויף װיפֿל עס זײַנען געװען צװיי קריסטלעכע רעליגיעס, האָבן ייִדן זיך דערלויבט צו האָבן אַ דריטע רעליגיע. קיין אייגענע שפּראַך, קיין קולטור,

קיין שטייגער. אַלץ ווייניקער און ווייניקער ייִדישקייט, אַלץ ווייניקער ייִדן, אַלץ קלענערע צאָלן אָנערקענען זיך ווי ייִדן און אַלץ קנאַפּער איז די ייִדישקייט פֿון די וואָס האַלטן זיך פֿאַר ייִדן.

אַ שטייאיקע ייִדישקייט איז בײַ די ייִדן אין אַראַבישע לענדער, אין טער־קײַ, למשל. ניט מער און ניט ווייניקער, ניט זי וואַקסט און ניט זי דאַרט אײַן — די ייִדישקייט דאַרטן. פֿאַרט בלײַבן אָבער די ייִדן ווײַט אָפּגערוקט פֿון די ניט־ייִדן. איצט איז די לאַגע אין גאַנצן אַנדערש. די פּראָגרעסירנדיקע ייִדיש־קייט פֿון מיזרח־אייראָפּע איז אָפּגעהאַקט ווי מיט אַ האַק. רוסלאַנד בלײַבט רוס־לאַנד, צי בײַ די רוריקס, צי בײַ די ראָמאַנאָווס אָדער הײַנט בײַ די סטאַלינס, ווי מען רופֿט זיי דאָרטן: „מיר דערלויבן ניט!" ניט געענדערט די לאַגע האָט זיך אין מערבֿ־אייראָפּע. פּראָגרעס פֿון ייִדישקייט איז פֿאַראַן נאָר אין מדינת ישׂראל. און אין אַלע געביטן פֿון סאָציאַלן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן. דאָס צונויפֿשמעלצן די דרײַ טיפֿן ייִדישקייט איז אַ פּראָצעס וואָס מוז דויערן מינימום מער ווי איין דור. דער אויפֿלעב פֿון ייִדישקייט אין אַמעריקע איז אין גאַנצן געווען אַ געבראַכטער פֿון מיזרח־אייראָפּע. מיט דער צײַט ווען דער ערשטער דור איז אַראָפּ פֿון אַקטיוון לעבן, איז אויך אַוועק דער אויפֿלעב און די גאַנצע ייִדישקייט אין אַמעריקע איז אַוועק אויפֿן וועג פֿון מערבֿ־אייראָפּעיִ־שער ייִדישקייט. דער גאַנצער אַקאַדעמישער אינטערעס אויף קורסן און אין אוניווערסיטעטן איז דער זעלביקער ווי עס איז געווען אין דײַטשלאַנד — אַ מין „ישׂראללאָגיע", וואָס ציט צו. עלעהײַ „אַסיראָלאָגיע", „עגיפּטאָלאָגיע" וכדומה — שטודיעס פֿון אַן אַמאָליקן פֿאָלק. צדקה איז דער לעצטער אַקטיווער געביט פֿון ייִדישקייט אין אַמעריקע. ער איז געווען אויך בײַ די מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדן. מער ניט וואָס איצט אין אַמעריקע האָט די צדקה דערגרייכט ניט אין פֿאַרגלײַך גרעסערע מאָסן. אָבער אין תּוך און אין געשיכטלעכן זינען איז די צדקה ניט אַנדערש פֿון דעם וואָס עס איז געווען אין מערבֿ־אייראָפּע פֿאַרן טאָ־טאַלן אונטערגאַנג. דאָרטן איז די אַקטיווע ייִדישקייט אונטערגעגאַנגען, אויס־געלאָשן געוואָרן. אַזוי וועט ייִדישקייט אויך אויסגעלאָשן אין אַמעריקע. די אימיגראַציע פֿון מיזרח האָט געבראַכט אַן אויפֿלעב פֿון ייִדישקייט אין ענגלאַנד. מיט דעם סוף פֿון אימיגראַציע איז אויך געקומען אַ סוף צום פּראָגרעס פֿון ייִדישקייט אין ענגלאַנד. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער אין אַמעריקע: דער אויפֿלעב איז אין גאַנצן געווען אַ געבראַכטער פֿון מיזרח־אייראָפּע מיט דער אימיגראַציע; ער איז געווען אַ צײַטווײַליקע דערשײַנונג, וואָס פֿאַרגייט; ייִדיש־קייט לעשט זיך אויס. דאָס איז דער כּלל. אומעטום — אין די שטאַטן, אין אַרגענטינע, אין קאַנאַדע, אומעטום. ווו דויערנדיקער, און ווו קורצטערמיניקער, דער פּראָצעס איז אָבער דער זעלביקער — אָפּשוואַכונג און אונטערגאַנג, ביז

אַטראָפֿיע. ייִדישקייט אין אַמעריקע איז אין פּראָצעס פֿון כּסדרדיקן אונטער־גאַנג. עס איז שוין אונטערגעגאַנגען די ליטעראַטור. אַלע שרײַבער זײַנען געווען געקומענע פֿון מיזרח־אייראָפּע. קיין איינער ניט געבאָרן אין אַמעריקע. דאָס זעלביקע דאַרף געזאָגט ווערן אויך וועגן די לייענערס: אַלע לייענערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען געקומענע קיין אַמעריקע; זיי לעבן זיך אויס אין זייער מיזרח־אייראָפּעיִשן שטייגער. קיין לייענערס געבאָרענע אין אַמעריקע זײַנען ניטאָ. דאָס זעלביקע איז די לאַגע פֿון דער פּרעסע. פֿון אַלע צײַטונגען איז געבליבן איינע און די האַלט זיך מיט צרות, ווי מען זאָגט. ניטאָ קיין אין קאָמערציעלער פֿאַרלאַג. דער גאַנג איז דער באַקאַנטער וועג פֿון ייִדישקייט אין מערבֿ־אייראָפּע — אונטערגאַנג. אַזוי אין אַמעריקע און אַזוי אין אַלע נײַע ישובֿים. שעפֿערישע אַקטיווע ייִשובֿים זײַנען געווען נאָר אין מיזרח־אייראָפּע. בײַ הײַנטיקן טאָג — נאָר אין דער ייִדישער מדינה, אין ישׂראל.

צי קען מדינת ישׂראל דינען ווי אַ מוסטער פֿון אַקטיווער, שעפֿערישער ייִדישקייט? — איך ווייס ניט, קנאַפּע האָפֿענונגען. מדינת ישׂראל איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער אידעע פֿון קיבוץ גלויות; איינע במקום אַלע, אַלע אַנדערע ייִשובֿים; ניט ווי אַ המשך פֿון ייִדישקייט אין די שטעטלעך פֿון מיזרח־אייראָפּע, נאָר ווי אַ נײַע, אַ נײַע וואָס זאָל זײַן אַ המשך פֿון דער אוראַלטער תּנכי־שער ייִדישקייט. דערווײַל איז נאָך ניט אויפֿגעקומען דער פּשוטער געדאַנק אַז מען קען ניט אויפֿלעבן קיין אויסגעשטאָרבענע מאָמאַנטן און דינאָזאַווערן; און אַזוי קען מען אויך ניט אויפֿלעבן איצט קיין תּנכישע ייִדישקייט. ניטאָ דער באַוווסטזײַן, אַז די איינציקע לעבעדיקע ייִדישקייט קען זײַן נאָר דער המשך פֿון שטעטל און ניט מער, ניט אַנדערש. די עצם ייִדישקייט אין דער מדינה איז נאָך ניט אויסקריסטאַליזירט און עס איז נאָך שווער צו ריידן וועגן דער דאָרטיקער ייִדישקייט ווי וועגן אַ פֿאַרטיקן טיפּ. צי דאָרטן וועט אויפֿקומען אַ המשך פֿון שעפֿערישער ייִדישקייט, צי גאָר אַ נײַע ייִדישקייט — די פֿראַגע גייט ניט אַרײַן אין דער טעמע. אונדזער פֿראַגע איז — צי די ייִדישקייט פֿון מדינת ישׂראל האָט אַ השפּעה אויף דער ייִדישקייט אין אַלע אַנדערע ייִשובֿים? איז עס צום גרויסן באַדויערן וואָס מיר זעען ניט אַזאַ השפּעה און זי קען ניט זײַן, הגם אין אַמעריקע זײַנען דאָ גרויסע סכומים ישׂראל־ייִדן. פֿאַראַן אַ שטאַרקע השפּעה פֿון רעליגיעזער ייִדישקייט, איבערהויפּט פֿון חסידות, אָבער עס איז ניט צו באַמערקן קיין שום פּראָבע צו פֿלאַנצן ישׂראל־ייִדישקייט ערגעץ אין גלות. ניטאָ, ניט באַקאַנט קיין פּראָבע צו שאַפֿן אין אַמעריקע ערגעץ אַ קליינע גרופּע וואָס זאָל זיך אײַנאָרדענען ווי אין ישׂראל. עס פֿאָרן כּסדר אַמע־ריקאַנער ייִדן קיין ישׂראל. מען קלײַבט פֿודן נחת פֿון דער ייִדישקייט דאָרטן. עס איז אָבער ניט באַקאַנט קיין פּרווו צו וועלן אײַנשטעלן אַ שטיקל שטייגער

פֿון דאָרטנדיקן לעבן. פּונקט אַזוי איז ניט באַקאַנט קיין פּראָבע אײַנצופֿלאַנצן, אײַנ־צושטעלן אין אַמעריקע אַ ייִדישע שטעטל פֿון מיזרח־איראָפּע. ניטאָ אויך קיין פּרווו אײַנצושטעלן אַן אַמעריקאַנער ייִדיש שטעטל. דער ווילן, דער דראַנג איז צו צעשיטן זיך, צעשמעלצן זיך אין דער אַרומיקער אַמעריקאַנישקייט. דאָ ליגט דער טראַגישער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע — ייִדן אין אַמעריקע — וווהין?... דער ענטפֿער איז אַן אומעטיקער: אַן פֿאַרזיכיקע ייִדישע שטעטלעך — טאַקע אין די שטעט — וועט זיך ייִדישקייט אין אַמעריקע ניט אײַנהיטן, ניט אַנט־וויקלען זיך. און ייִדן טראַכטן אַפֿילו ניט צו שאַפֿן אַזוינע שטעטלעך. דאָס באַ־שטימט די צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אַלע נײַע ייִשובֿים און אויך אין די שטאַטן. לאָמיר האָפֿן אַז די געגאַרטע פֿאַרזיכיקייט וועט אָנקומען.

די לעצטע זאַצן קלינגען זייער פּעסימיסטיש: עס דראָט אַן אונטערגאַנג דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק. אָבער אַזאַ אונטערגאַנג איז ווײַט נאָך ניט געווען און איז ניט פֿאָרויסצוזען: מיר זײַנען צעזייט אויף דער גאַנצער וועלט, אין פֿאַר־שיידענע לענדער, אין אַלערליי באַדינגונגען, און יעדער ייִשובֿ לעבט אין אַנ־דערע באַדינגונגען, אַנדערש. איז עס ווײַט ניט מעגלעך, אַז אַלע ייִשובֿים זאָלן אומקומען איינצײַטיק. שוין אין דער גמרא איז דאָך פֿאַראַן, אַז עס איז אַ גליק אונדזער צעשפּרייטקייט צווישן אַ סך פֿעלקער, וואָס אַ דאַנק דעם קענען מיר ניט אומקומען אַלע מיט איין מאָל צוזאַמען, איינצײַטיק. אַזאַ טאָטאַלער אונ־טערגאַנג אַפֿילו פֿון איין שבֿט איז געווען זעלטן. דאָס קען זײַן דער אונטער־גאַנג פֿון מלכות שומרון אין גלות אשור; דער אונטערגאַנג פֿון די קלענערע ייִשובֿים אין מיטעלן מיזרח, אָדער דער אונטערגאַנג פֿון דעם גרויסן ייִדישן ייִשובֿ אין דעם העלעניזירטן מצריים. מיר קענען אַ סך לערנען פֿון דעם ווי און ווען די דאָזיקע ייִשובֿים זײַנען אונטערגעגאַנגען, אָבער ס'איז גערעכט די גמרא וואָס זאָגט, אַז עס איז גוט וואָס מיר זײַנען אַזוי צעשפּרייט צווישן פֿעל־קער, ווײַל אַ דאַנק דעם קענען מיר ניט אומגעבראַכט ווערן איינצײַטיק מיט איין מאָל. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ ביטערער אמת, אַז אַזאַ אַלט פֿאָלק ווי מיר זײַנען וואָלטן איצט געדאַרפֿט זײַן אַ סך מיליאָנען, אַ סך מער ווי מיר זײַנען איצט. מיר זײַנען איצט ווי אַלע מאָל אַ „שארית ישראל" — אַ רעשטל פֿון אַ גרויסן ייִדישן פֿאָלק, וואָס וואָלט געדאַרפֿט זײַן. אונדזער לעבן צווישן פֿעלקער, אין די גלותן קאָסט אונדז זייער פֿיל, אָבער צו קיין אַלגעמיינעם אונ־טערגאַנג קומט עס ניט. וועט עס איצט אויך ניט קומען. עס איז ניטאָ דער גלאַנץ־פּעריאָד אין דער ייִדישער געשיכטע ווי עס איז געווען גאָר ניט לאַנג אין מיזרח־איראָפּע, ווען דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך אין איין יאָרהונדערט פֿירפֿאַך פֿאַרמערט ביז אַ זיבעצן מיליאָן, ווען דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אויפֿ־געבויט נײַע ייִשובֿים אין דער גאַנצער וועלט, ווען ייִדן האָבן אויפֿגעבויט דעם

גרויסן, דעם גרעסטן ייִדישן ייִשובֿ אין אַמעריקע; אַזוי אויך דעם גאָר נײַעם פֿאַרזיכיקן ייִשובֿ אין ארץ ישׂראל. דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִשובֿ איז חרובֿ געוואָרן. מיר דערמאָנען זיך די צאַרישע צײַטן מיט נאָסטאַלגיע. מיר האָבן זיך דעמאָלט ניט פֿאַרגעשטעלט אַז נאָך דער רעוואָלוציע קען עס זײַן אַ סך ערגער. אַלץ אמת, אָבער קיין אַלגעמיינעם אונטערגאַנג דאַרף מען ניט פֿאַרויסזען. ייִדן לעבן, אָבער דער מצבֿ פֿון ייִדישקייט איז גאַנץ נישטיק. אין מערבֿ־אייראָפּע זײַנען טאַקע דאָ ייִדן, אָבער עס איז ניטאָ קיין ייִדישקייט. עס וועט נאָך גע־דויערן ביז די רעשטלעך וועלן פֿאַרגעסן אַז זיי שטאַמען פֿון ייִדן. אין אַמע־ריקע ווערט אַ חורבן פֿון ייִדיש לשון און צוזאַמען מיט דעם ווערט פֿאַרגעסן ייִדישקייט, אָבער פֿון אַן אַלגעמיינעם אונטערגאַנג טאָר מען גאָר ניט ריידן.

ווי לאַנג איז עס דען געווען ווען מיר האָבן שטאָלצירט מיט די דרײַ צענטערן פֿון ייִדישער קולטור — ניו יאָרק, וואַרשע און מאָסקווע... גאָרניט געבליבן פֿון זיי אַלע — אויסגעגאַנגען, אומגעבראַכט. ניטאָ די „גוטע" צײַטן פֿון צאַריזם אין רוסלאַנד! (נאָך וואָס מיר בענקען — אָך און ווײ!). די דרײַ „צענטערן" זײַנען אויך בשעתם געווען פֿאַלשע. צוויי פֿון זיי זײַנען לכתּחילה געווען אַנגעטראָגענע, אָנגעלאָפּענע. ניט אויף זייער ערד איז די ייִדישע קול־טור אַנגעוואַקסן. עס איז אַלץ געווען געקומען פֿון די ייִדישע שטעטלעך. אומ־געקומען די שטעטלעך, זײַנען ניט געוואָרן די „צענטערן" פֿון דער ייִדישער קולטור. ווו וואַקסט איצט ייִדישע קולטור? — אַ חרפּה צו זאָגן, אָבער איך ווייס ניט. איך האָב אַמאָל געגלייבט אַז אין די שולן... און פֿאַראַנען ייִדישע שולן. צווישן זיי אַ סך גוטע שולן, אָבער ניין. די שולן קענען ניט אײַנפֿלאַנצן קיין ייִדישע קולטור, אָן דער סבֿיבֿה. ייִדישע קולטור איז געוואַקסן אין די שטעטלעך פֿון מיזרח־אייראָפּע. מיט דעם חורבן דאָרטן איז חרובֿ געוואָרן דער גאָרטן פֿון ייִדישער קולטור. אָבער דאָס איז דער איבערגאַנג. עס קומט ניט קיין זומער נאָך דעם ווינטער אָן בלאָטעס. נאָך דעם איצטיקן איבערגאַנג וועט נאָך ווײַטער אויפֿבליִען די ייִדישע קולטור. ווו? אפֿשר אין ארץ ישׂראל און אפֿשר אין אַמעריקע און נאָך. עס איז אַן איבערגאַנג. מיר גייען איבער פֿון שטעטל־לעך צו אורבאַניזם, אַ ווייטאָגדיקער איבערגאַנג, אָבער אַן איבערגאַנג איז ניט קיין אונטערגאַנג. עס איז אַ קריזיס, אָבער נאָכן קריזיס וועט מען געזונט ווערן...

אַוודאי מעגן מיר בענקען נאָכן צאַר, וואָס מיר האָבן אַזוי פֿײַנט געהאַט, געווען זיכער אַז נאָך דער רעוואָלוציע וועט זיכער זײַן בעסער. אָבער ביז דער רעוואָלוציע האָבן מיר געהאַט אַ ייִדישן תּחום, אַ „טשערטאַ", ווו ייִדן האָבן געמעגט וווינען אין גרעסערע צאָלן, אין פֿאַרזיכיקע שטעטלעך, געלעבט אַ

פֿאַרזיכיקן אייגענעם לעבן. דאָרטן איז ייִדישקייט געוואַקסן, געווען נאַטירלעך, ווי עס איז נאַטירלעך גראָז אויף אַ לאָנקע,ביימער אין אַ וואַלד; פֿון דאָרטן האָט זיך ייִדישקייט געטראָגן און זיך צעטראָגן איבער דער וועלט. ניט וויכ־טיק וויפֿל פּראָצענט ייִדן זײַנען געווען אין יענעם „ייִדישן ראַיאָן", וויכטיק איז וואָס דאָרטן אין די שטעטלעך זײַנען מיר געווען הונדערט פּראָצענט פֿאַר־זיכיק, הונדערט פּראָצענט ייִדישע, פֿאַרזיכיק־ייִדיש, פֿאַרזיכיקע ייִדישע באַזונ־דערע ייִשובֿים. מיר האָבן אין ערגעץ אין דער וועלט ניט געהאַט און מיר האָבן ניט אַזוינע גרויסע שטחים ייִדישע, מיט אַ פֿאַרזיכיק־ייִדישן שטייגער און מיט אַ פֿאַרזיכיקער ייִדישער שפּראַך. דאָ זײַנען די הערשנדיקע פֿעלקער לגמרי ניט געווען. געהערשט האָבן די רוסן, געלעבט האָבן אָבער אין דעם תּחום ניט קיין רוסן, נאָר אַנדערע פֿעלקער, אויך סובאָרדינירטע, און ייִדן אַסימילירן זיך ניט קיין מאָל מיט סובאָרדינירטע פֿעלקער. אין גאַליציע האָבן געלעבט פּאָ־ליאַקן, רוטענער, געהערשט האָבן אָבער גאָר דײַטשן. מיר האָבן זיך ניט אַסי־מילירט, ווײַל מיר האָבן ניט געהאַט מיט וועמען, פּשוט ניט געווען. האָבן ייִדן געשמאַק גערעדט רוסיש אין ווילנע, אָבער אַסימילירן זיך מיט רוסן האָבן זיי ניט געקענט, ווײַל קיין רוסן זײַנען גאָר ניט געווען. ייִדן האָבן זיך יאָ אַסימי־לירט אין „טיף ראָסיי" (אַזוי האָבן ייִדן גערופֿן די עכט רוסישע ראַיאָנען). אָבער ניט אין „טשערטאַ", אין דעם תּחום ווו ייִדן האָבן געלעבט... אַלע באַ־דינגונגען זײַנען דערפֿאַר אַז אין אַמעריקע זאָל יאָ פֿאָרקומען אַן אַסימילאַציע. אָבער גאָר אין גיכן וועט אויפֿקומען אין אַמעריקע אַ באַוועגונג אײַנצוהיטן די געבראַכטע קולטורן און ייִדן וועלן מוזן מיטגיין — אײַנהיטן די געבראַכטע קולטורן. עס וועלן זיך אַסימילירן קלענערע ייִדישע ייִשובֿים. גרעסערע ייִשובֿים וועלן פּשוט זײַן צו גרויס זיך צו אַסימילירן. דער מוסטער פֿון ארץ ישׂראל וועט אויך ווירקן. צו קיין פֿולער אַסימילאַציע וועט עס זיכער ניט קומען. די ייִדישקייט וואָס וועט זיך ענדגילטיק אײַנשטעלן אין אַמעריקע וועט געוויס זײַן אַנדערש פֿון דער ייִדישקייט וואָס איז געווען אין מיזרח־אייראָפּע, אָבער עס וועט זײַן אַ ייִדישקייט. וויפֿל ייִדן עס וועלן זײַן? געוויס וועט קיין וואַקסן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ניט פֿאָרקומען. עס וועט זיכער ניט זײַן אַזאַ שטאַרקע פֿאַרמערונג ווי עס איז געווען אין דעם איצטיקן י"ה. די צאָל ייִדן וועט זיך ניט פֿאַרגרעסערן, הלוואַי זאָל זי זיך ניט פֿאַרקלענערן, אָבער דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט בלײַבן.

# עם הספר

עס האָבן אונדז ניט־ייִדן געקרוינט מיט דעם בכבודיקן טיטול פֿון עם הספר. און מיר נעמען זיך טאַקע איבער מיט דעם נאָמען. אָבער אין דעם טיטול איז פֿאַראַן אַן אמת און אַ ליגן איינציַיטיק. עס איז אמת, אַז דאָס ייִדי־שע פֿאָלק לעבט מיט דעם לעבן פֿון זײַנע ספֿרים. עס איז ניט געווען קיין גרויסער טעות פֿון יענע היסטאָריקער, וואָס האָבן די גאַנצע ייִדישע געשיכ־טע רעדוצירט צו דער געשיכטע פֿון ייִדישע ספֿרים. בײַ לײַטן איז זייער גע־שיכטע — די געשיכטע פֿון זייערע מלכים. די ייִדישע געשיכטע איז די געשיכ־טע פֿון אונדזערע ספֿרים. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ביז איצט געהאַט זײַן תּנך־געשיכטע, זײַן תּלמוד־געשיכטע. איצט לעבן מיר אין דער תּקופֿה פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור, ווידער פֿון ספֿרים. אָבער עס איז ניט אמת ווען מען וויל עס אויסטײַטשן אַז מיר לעבן אין דעם זכות פֿון תּנך, און אויב מיר וועלן ווײַטער האַלטן אין כּסדרדיקן לערנען דעם תּנך, וועט שוין במילא דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבן. אַז דאָס איז ניט אַזוי האָבן שוין געוווּסט די וואָס האָבן געשאַפֿן די אייביקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק — די פּרושים און זייערע נאָכפֿאָלגער — די חכמי התּלמוד. דערפֿאַר האָבן זיי כּסדר געהאַלטן אין איין וואָרענען מען זאָל זיך ניט פֿאַרנעמען צו פֿיל מיטן תּנך.

עס איז אמת דער מדרש וואָס דרשנט אויף דעם פּסוק „הקול קול יעקב והידים ידי עשׂיו“, אַז כּל זמן שקולו של יעקב איז אין בתּי מדרשים און בתּי כּנסיות, האָבן די ידי עשׂיו ניט קיין כּוח אומצוברענגען יעקבֿן (איכה רבה, פּתיחתא ב׳). אָבער „זינט דער בית המקדש איז חרובֿ געוואָרן האָט ניט גאָט אין זײַן וועלט נאָר די ד׳ אמות פֿון דער הלכה“ (נאָר אויף דעם שטייגער, ניט אויף תּורת משה) האַלט זיך דער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק און במילא די „גע־בענטשטע הייליקייט“ (הקדוש ברוך הוא) פֿון ייִדישן פֿאָלק (ברכות ח׳, א׳). ניט דער תּנך האַלט אויף דעם קיום האומה. דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט תּנך („מקרא“) האָט זײַן אַרבעט יע אַ ווערט און ניט קיין ווערט (מידה ואינה מידה); דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט דער משנה איז זײַן אַרבעט מיט אַ ווערט און ער וועט קריגן באַצאָלט דערפֿאַר. עס איז אָבער ניטאָ קיין גרעסערע ווערטיקייט ווי זיך פֿאַרנעמען מיט גמרא (בבֿא מציעא ל״ג, א׳). מען דאַרף גאָרניט אײַנגע־ווינען קינדער צו פֿיל אין תּנך, ווײַל עס ציט אַפֿילו פֿון ייִדישקייט (ברכות כ״ח, ב׳). דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט תּנך אַליין איז ווי ער וואָלט ניט גע־האַט קיין גאָט (עבֿודה זרה י״ז, ב׳). דערפֿאַר האָבן זיי באַגרענעצט די צאָל

ספרים אין תנך אויף די פיר און צוואנציק און וואס מער איז מער ניט ווי פלאנטער, א מהומה (קהלת רבה י"ב). דער מקרא, תנך איז ווי וואסער, די משנה איז ווי ווין און דער ש"ס איז ווי געצוקערטער ווין (מסכת סופרים ט"ו הלכה ד'). גאט האט ניט געמאכט זיין אפמאך מיט ידן נאר דורך דער ידיש־קייט וואס איז ניט פארשריבן (ניט צוליב דער תורה שבכתב, נאר דווקא דורך דער תורה וואס איז ניט פארשריבן, ניט פיקסירט, — הייסט עס (גיטין ס', ב'). מען דארף אפהיטן די רייד פון די סופרים (די פארגייער פון די חכמי התלמוד) מער ווי די רייד פון דער תורה (סנהדרין פ"ח, ב'; עירובין כ"א, ב'). הקב"ה האט באשווארן די ידן זיי זאלן ניט אויסזאגן דאס פארבארגענע אין דער תורה צו די געצנדינער (כתובות קי"א, א'). ווייל נאר משנה און תלמוד טיילן אפ ידן פון אנדערע פעלקער (מדרש תנחומא כי תשא ל"ד); גאט האט פארויסגע־זען אז די פעלקער פון דער וועלט וועלן איבערזעצן די תורה און זיי וועלן די תורה לייענען אין זייערע שפראכן, און זיי וועלן זיך האלטן פאר די עכטע ידן... זאגט דער קדוש ברוך הוא צו די פעלקער פון דער וועלט: נאר די וואס היטן מיינע אומדעפינירטע (מיסטורין), נאר זיי זיינען מיינע קינדער (דארטן); און דערפאר ווערט אויך געזאגט, אז דער וואס גייט אריבער פון הלכה־ענינים צו אנדערע ענינים פון דער תורה, האט שוין ניט קיין שלום (חגיגה י', א'); זינט דעם חורבן פון בית המקדש איז די נבואה צוגענומען געווארן פון די נביאים און זי איז געבליבן נאר ביי די חכמים (חכמי התלמוד, מיינט עס), ווייל זיי שטייען העכער פון די נביאים (בבא בתרא י"ב, א'). דער זוהר פארגלייכט די אנטוויקלונג פון דער תורה אט אזוי: א בארגמענטש, וויט פון דער וועלט האט זיך דארטן דערנערט מיט ווייץ־קערנער. ער איז געקומען אין א שטאט און האט פארזוכט ברויט, לעקעך און טארטן. האט ער זיך ערשט געכאפט ווי וויט ער איז פון די וואס מאכן פון דעם ווייץ אזוינע גוטע עסנס (זוהר, הקדמה). די תורה איז ווי רויע קערנער, די גמרא און די דרשות — דאס איז די בעסטע געבעקס. און טאקע האבן זיי זיך ניט געשעמט מודה צו זיין זיך, אז זיי געדענקען ניט ריכטיק א פסוק פון דער תורה (בבא קמא נ"ה, א'). די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן כדי צו זייען, צו האדעווען נייע תורות, נייע אידעען און נייע געדאנקען. זי איז ווי פלאקס, וואס מען דארף נאך לאנג ארבעטן איידער מען וועט עס קענען נוצן. די תורה איז א רוישטאף...

וואס איז דאס עפעס פאר אן אייגנארטיקער צוגאנג צו קולטור? צו שריפטן וואס זיינען אנערקענט פאר הייליק, געגעבן פון גאט?

דא איז געלעגן גאר א געהויבענע און טיפע פילאסאפיע, אן אייגנארטיקע אידעאלאגיע ווי אויפצוהאלטן דעם קיום פון פאלק אן א מדינה.

די אידעאָלאָגיע איז אויפֿגעקומען אין אַ צײַט ווען די גײַסטיקע עליטע פֿון פֿאָלק האָט פֿאַרלאָרן יעדן גלויבן אין כּוח פֿון דער קליינער אָרעמער און וואַסאַלער מלוכה ווי עס איז געווען אין דעם אייגענעם לאַנד, וואָס איז געווען אַן אונטערטעניקע, וואָס איז בײַ זיך אין דער היים געווען צעריסן און צעריבן צווישן ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס. די מענטשן פֿון גײַסט האָבן שוין פֿאָרויס געפֿילט דעם אָנקום פֿון חורבן. אָבער דער חורבן פֿון לאַנד איז ניט דער חורבן פֿון פֿאָלק אײַנצײַטיק. לענדער קומען אויף און גייען אונטער! — און דאָס פֿאָלק לעבט! פֿאָלק איז אין גאַנצן עמאַנציפּירט פֿון לאַנד! נאָך אין דער מדינה האָט די עליטע פֿאָרויסגעפֿילט דעם חורבן פֿון לאַנד און זיי האָבן געבויט דעם קיום פֿון פֿאָלק אויך אָן אַ מדינה, נאָר אויפֿן יסוד פֿון אַ שטאַרקער אמונה, און אמונה האָבן זיי אויך פֿאַרשטאַנען אַנדערש. אמונה האָט פֿאַר זיי געמיינט — ליבע, געטרײַקייט, איבערגעגעבנקייט צום לעבעדיקן פֿאָלק און צו אַלץ וואָס צייכנט אויס דאָס פֿאָלק, וואָס שיידט עס אָפּ פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער אין זײַן לעבן. דאָס פֿאָלק איז שוין געווען צעשאָטן, אין אַ סך לענדער — אין בבֿל און אין מצרים און אין קליין־אַזיע, בכלל אין דער רוימישער אימפּעריע. אין די תּפֿוצות האָט זיך געלעבט רויִקער, שלומדיקער, ווי אין לאַנד, וואָס איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין די ברידער־מלחמות און איז בדיל הדל געוואָרן פֿון טאָפּעלע שטײַערן פֿאַר די פֿרעמדע הערשער און פֿאַר דער אייגענער אַריסטאָקראַטיע.

אַוודאי איז דאָס לאַנד ליב און טײַער, אָבער עס איז נייטיק אַן איבערנאַטירלעכער כּוח, אַ „משיח" פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, וואָס זאָל קענען דאָס לאַנד אויפֿריכטן און דאָס פֿאָלק אין זײַן לאַנד. די פּאָליטישע פֿירער, די מאַכטהאָבער אין זייער צײַט קענען צו דעם בשום אופֿן ניט ברענגען. זיי און זייערע פֿירונגען מוזן ברענגען דעם חורבן. אָבער אַז דאָס פֿאָלק וועט לעבן, וועט עס דערלעבן צו דעם „לעתיד לבֿאָ", צו די „ימות המשיח". דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט, אָט די וואָס זינקט אין בלוט און זנות פֿון רוימישער צעלאָזנקייט, די וועלט וועט דערזען און דערהערן די געטלעכע העכערקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק, און אַלע וועלן קומען זיך לערנען פֿון ייִדן... „ויאתיו כל לעבֿדך", און אין די צירקן און אין די טעאַטערן פֿון רוים וועלן גרויסע ייִדן לערנען ייִדישע תּורה... און אָט די משיחס צײַטן וועלן קומען ניט דווקא פֿון ארץ ישׂראל, נאָר אויך פֿון די „בתּי מדרשים און בתּי כּנסיות פֿון בבֿל" וואָס וועלן אײַנגעפֿעסטיקט ווערן אין ארץ ישׂראל. עס וועט זײַן ניט בלויז גאולת ישׂראל, נאָר גאולת העולם.

אָבער וועגן וואָס פֿאַר אַ תּורה רעדט זיך דאָס? די תּורה, דער תּנך איז דאָך אַ זאַך וואָס מען קען איבערזעצן אויף אַלע שפּראַכן, און ייִדן זײַנען מער

ניט קיין מיוחסים מיט דעם תנך. דער תנך איז שוין געוואָרן אוניווערסאַל. מיט דעם לערנען און האַלטן זיך מיטן תנך איז מען ניט אַנדערש פון אַנדערע, מען קען מיטן תנך זײַן אַ ייִד און ניט קיין ייִד אויך. און דער תנך שפּיגלט גאָר ניט אָפּ מער דאָס ייִדישע פאָלק. דאָס אַקטועלע פאָלק פון זייער צײַט קען גאָרניט לעבן און האָבן אַ קיום מיט דעם תנך אַליין. דאָס וואָס עס איז! שוין פאַרשריבן, פאַרמולירט אין ווערטער און פיקסירט, פאַרהייליקט, — דאָס איז שוין ניט לעבעדיק מער, און די ייִדישקייט אָדער ייִדישע תורה דאַרף זײַן לעבעדיק, אַלץ וואָס לעבט האַלט זיך אין ענדערן, דאַרף אויך ייִדישקייט אַזוי פעיִק זײַן צו קענען פושט צורה ולובש צורה זײַן. אַלץ וואָס לעבט דאַרף זיך כסדר באַנײַען. לעבן הייסט זיך באַנײַען, זיך ענדערן. וואָס עס איז שוין פאַרשריבן, איז שוין ניט לעבעדיק און אַ לעבעדיק פאָלק קען זיך ניט האַלטן מיט אַ תורה וואָס לעבט שוין ניט מער, מיט אַ תורה וואָס איז ניטאָ אין לעבעדיקן לעבן פון אַקטועלן פאָלק. דאָס פאָלקישע לעבן באַשטייט פון טראַדיציעס אין שטייגער, אין פירונג, אין דענקען, אין ריידן, אין כאַראַקטער, אין נאָרמען, אין מאכלים און געטראַנקען.

וואָס הייסט אָבער לעבעדיקע תורה? — תורת חיים? — דאָס ווענדט זיך פון דער באַציִונג צום לעבעדיקן פאָלק אין דער געגעבענער צײַט. דאָס ייִדישע לעבן און שטייגער וואָס זײַנען געווען בײַם פאָלק פריִער, זיי זײַנען שוין פאַר־שריבן און איצט זײַנען זיי ניטאָ מער. דאָס וואָס עס האָט געלעבט פריִער, אין אַן אַנדער צײַט, אין אַן אַנדער תקופה, — דאָס אַלץ איז געווען תורה אין יענער צײַט, ניט איצט. און דער גאַנצער שטייגער, אַלע פירונגען און אַלע זיטן הײַנט זײַנען די תורת־חיים פון איצט. דער כלל: תורה איז פון פאָלק. און בײַ ייִדן וואָס זייער רעליגיע איז געוואַקסן מיט זיי צוזאַמען, איז דער שטייגער זייער קולטור וואָס איז אַלט, דורותדיק און אָנגענומען בײַ דעם רובֿ פון פאָלק, — דאָס איז פאַרהייליקט ווי רעליגיע. ייִדישע קולטור און ייִדישע רעליגיע — ביידע זײַנען איינס. דער אונטערשייד איז אין עלטער. יעדער לעבעדיקער אויפֿ־פיר איז שטייגער און איז רעליגיע — דאָס איז די תורת חיים — דער שטייגער וואָס דאַרף נאָך פאַרהייליקט ווערן, וואָס דאַרף נאָך פון אַן אײַנפיר, פון אַ שטיי־גער ווערן אַ רעליגיע־עלעמענט. דאָס איז תורת חיים, די תורה פון לעבעדיקן פאָלק, דער אויפפיר און שטייגער פון לעבעדיקן פאָלק אין דער געגעבענער צײַט. דאָס איז די אויפגאָב פון יעדער תקופה: מען דאַרף פון תורת חיים מאַכן אַן אייביקע תורה, פון פאָלקישן סכום אַריבערפירן אין גאָטס חשבון. דער גאָט פון פאָלק איז דער גײַסט פון פאָלק, און ער דריקט זיך אויס אין שטייגער פון פאָלק ער לעבט אין דעם לעבן פון פאָלק. פון תורת חיים ווערט תורת אלוהים.

פֿון אלוהי ישׂראל! פֿון תּורת עם ישׂראל צו דער מדרגה פֿון תּורת אלוהי ישׂראל. מען מוז געדענקען אַז די ייִדישע רעליגיע, אַנדערש פֿון אַנדערע רעליגיעס, איז קיין מאָל ניט פֿאַרענדיקט, אַלע מאָל און כּסדר איז זי לעבעדיק מיטן לעבן פֿון פֿאָלק, עץ חיים — ווי אַ בוים לעבט און ווי שטאַרק און מעכטיק ער זאָל ניט זײַן, איז זײַן לעבן ניט אין די פֿאַרהאַלצטע מעכטיקע שטאַמען און צווײַגן פֿון בוים, נאָר דווקא אין די שוואַכע און צאַרטע קנאָספּן און בלעטעלעך זײַנע, וואָס וואַקסן אַלע מאָל אָן ווידער. פֿון דאָס נײַ. זײַן לאַכן און וויינען, אין זײַנע וויצן און ווערטלעך, אין די קללות און ברכות, אין חכמות און נאַרישקייטן... דאָס איז אויך אַ תּורה, נאָר זי איז ניט פֿאַרשריבן, זי האַלט זיך אין לעבעדיקן לעבן פֿון פֿאָלק, אין מויל פֿון פֿאָלק. אַז מען האָט ליב דאָס לעבעדיקע פֿאָלק איז אויך זײַן שטייגער ליב און הייליק, איז אויך זײַן וואָכעדיקער אינהאַלט הייליק, געטלעך. דאָס איז די תּורה שבעל פּה, הייליק איז ישׂראל, איז הייליק זײַן לעבן, זײַן גײַסט, איז געטלעך זײַן וואָכעדיקייט. זײַנען דאָס בפּירוש צוויי תּורות, די וואָס בכּתבֿ און די וואָס בעל פּה (שבת לא). זיי זײַנען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך ווי עס זײַנען געבונדן די יוגנט און די קינדהייט פֿון איין מענטשן. יעדער תּקופֿה מיט איר תּורה, יעדער תּקופֿה מיט איר ייִדישקייט און די ייִדישקייט דאָס איז די תּורה פֿון לעבן, פֿון לעבעדיקן פֿאָלק. וואָסער תּורה איז וויכטיקער פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק — זיכער איז וויכטיקער די תּורה פֿון דער אַקטועלער תּקופֿה, פֿון דעם הײַנט, מער ווי וואָס פֿון נעכטן. אַ דערוואַקסענער מענטש וואָס האַלט זיך מיט דער קולטור פֿון זײַן קינדהייט און וויל ניט מער, — איז ניט קיין נאָרמאַלער. יעדער ייִד וואָס זאָגט אַז די גאַנצע ייִדישקייט איז אין דעם וואָס עס איז שוין פֿאַרשריבן און פֿיקסירט, — דאַרף מען ערשט אַנאַליזירן זײַן פּסיכיק, זיין באַציִונג צום לעבעדיקן פֿאָלק...

זײַנען בײַ ייִדן אין אַלע צײַטן, אין אַלע תּקופֿות געווען ריכטונגען. אַ פֿאָלק וואָס איז שוואַך, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע מעכטיקע פֿעלקער, מיט זייערע קולטורן, קען זיך ניט אויסהיטן און זיך ניט אָנשטעקן מיט יענע פֿרעמדע אַלערליי תּורות און אידעען. געפֿינט מען אַ קאָמבינאַציע, אַ באַהעפֿטונג פֿון דעם פֿרעמדן מיט דעם אַמאָליקן אייגענעם, מיט דעם אייגענעם אַמאָל וואָס איז פֿאַרשריבן אין נאַציאָנאַלע ביכער, אָבער אין לעבן איז עס שוין מער ניט גילטיק...

מען קען אויף איין בוים אַרויפֿגרעפֿטן אַ צווייטן בוים. מען קען אַזוי אויך אפֿשר אַרויפֿגרעפֿטן איין קולטור אויף אַ צווייטער. אָבער ווײַט ניט אַלץ קען מען אַרויפֿגרעפֿטן: זעלטן ווען דאָס נײַע ווערט אָרגאַניש, אָפֿטער קומט דאָס נײַע ווי אַ פּאַראַזיט און דערשטיקט דאָס אָרגאַנישע...

## פרושים און צדוקים

איינע פון די ריכטונגען וואס זיינען געווען אין יענע צייטן איז באקאנט מיט דעם נאמען פרושים. מסתמא ווייל זיי האבן זיך באמיט פורש צו זיין (אפ־שיידן זיך) פון אלץ וואס עס איז פרעמד, ניט יידיש, ניט פון יידישע וואָרצלען. דער אפשטאם פון וואָרט „פרושים" איז ניט קלאָר. די צווייטע ריכטונג זיינען געווען די צדוקים וואס זיי האבן זיך, קענטיק, געהאלטן פאר די צדיקים, פאר די אמתע יידן. און אגב, האט עס זיי גרינגער געמאכט צו לעבן ווי אלע פרעמ־דע, ניט־יידן און זיך צו האלטן מיט דער פארשריבענער תורה שבכתב. זי, די פארצייטיקע תורה, איז הייליק און שיין און פיין, און בעסער קען גאר ניט זיין. אבער אט די פאלקישע פירונגען, דאס ריידן און די זיטן... פע, עס שמעקט ניט גוט; עס גרילצט אין די אויערן, עס הערט זיך פון דעם מיט... שניפע־שאק... און בכלל וואס איז דא עפעס צו האלטן פון דעם, דאס איז דאך פון די עם ארצים, ניט מער... קען זיין אז דער גאנצער נאמען „צדוקים" איז בלויז א שפאט־נאמען, איבערגעמאכט פון „צדיקים" (רנ"ק), עפעס פון דעם מין, אפשר גאר אן עלטער־עלטער־זיידע פון אונדזער שטעטלשן „וצדקתך", וואס איז געווען א שפאט־נאמען פאר די וואס זיינען צו פרום, נאר וואס זייער פרומ־קייט האט עפעס א סירכה אינעווייניק...

עס זיינען געווען נאך ריכטונגען. יענע האבן זיך אין גאנצן אנטוישט אין זייער גלויבן אין דער מדינה און אויך אין פאלק האבן זיי מער ניט געגלייבט. זיי האבן יע זיך אנגעהאלטן אן דעם גלויבן אין שכר ועונש נאכן טויט. אבער אנדערש ווי די פרושים. ביי די לעצטע איז דער פריוואטער שכר ועונש אויף יענער וועלט געווען נאר א מיטל, וואס דורך אים קען מען דערגיין צו די „ימות המשיח", צו דעם אלגעמיינעם „לעתיד לבא" פאר דעם גאנצן פאלק און אויך פאר דער גאנצער וועלט. פאר די אסיים אבער איז דער פריוואטער גן עדן און גיהנום אויף יענער וועלט געווען דער לעצטער חשבון. אנטוישטע, אנטלויפן זיי פון דעם גאנצן יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, אין מידבר אריין. ווי א קוריאז אין דער וועלט־געשיכטע האט פון זיי אפגעשטאמט א השפעה פאר דער גאנצער וועלט. אבער אויף דער יידישער געשיכטע האבן זיי געהאט א מינימום השפעה. דאס גאנצע יידישע פאלק פון דער ווייטערדיקער געשיכטע געהערט אין גאנצן צו די פרושים. נאר זיי האבן ווייטער געשאפן דאס היס־טארישע יידישע פאלק. דאס גאנצע יידישע פאלק פון די ווייטערדיקע דורות שטאמט נאר פון די פרושים.

מיט וואס און ווי אזוי האבן זיי דאס דערגרייכט? אן א לאנד, אן א מדינה, אן מאכט, אן אן ארמיי, אן פאליטיק און דאך אויסגעהאלטן, צרות און פיין,

אַלע צרות וואָס די גוטע וועלט, איבערהויפּט די קריסטלעכע האָט געקאָנט נאָר אויסטראַכטן — אַלץ אויסגעהאַלטן און דערטראָגן! אמת, פֿון אייביק אָן זײַנען מיר ניט אַ פֿאָלק, נאָר „שארית ישראל״ — רעשטלעך געבליבענע פֿון אַ פֿאָלק, רעשטלעך וואָס האָבן מיט אַזאַ אָדער אַ צווייטן נס זיך געראַטעוועט פֿון דער סאַדיסטישער רציחה פֿון די „רחמנותפֿולע״ פֿעלקער אין דער וועלט. אָבער זיי — די ייִדן — וואָס האָבן ביז היטלערן געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַפֿרײַען פֿון די ייִדישע צרות דורך דער קליינער פּראָצעדור פֿון שמד, האָבן דאָס ניט געטאָן. מיט וואָס האָבן די פּרושים און זייערע יורשים דאָס דערגרייכט?

## תּלמוד תּורה

דער וויכטיקסטער מיטל פֿון קיום איז געווען תּלמוד תּורה. דאָס וואָרט תּלמוד איז אַ באַגריף וואָס זיי האָבן באַנײַט. עס האָט ניט קיין דירעקטע שײַכות מיט דעם גרויסן סכום ספֿרים וואָס מיר רופֿן איצט תּלמוד. דער טערמין איז געשאַפֿן געוואָרן אַ צייט פֿריִער איידער אָט דער סכום ספֿרים האָט זיך גענומען שאַפֿן. תּלמוד איז ניט קיין ספֿרים צום לערנען. תּלמוד מיינט אַ פּראָצעס, אַ באַשטימטע אַקטיווקייט, אַ טוּאונג, אַ פּראָצעס פֿון שאַפֿן עפּעס. און דער ציל פֿון תּלמוד, דער זינען פֿון דער גאַנצער אַרבעט איז געווען די הלכה.

הלכה איז אייגנטלעך דער גאַנג, אָדער שטייגער... האָבן זיי געהאַט ישיבֿות — אַקאַדעמיעס און דאָרטן האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט דעם פֿעסטשטעלן דעם שטייגער, די הלכה.

געווען אַ פֿריִערדיק וואָרט פֿאַר לערנען, „לימוד״, אָבער דאָס וואָרט האָט פֿאַר זיי באַטײַט אײַנלערנען און פֿאַרגעדענקען דאָס וואָס עס איז שוין געווען פֿאַרמולירט און אָנגעזאָגט פֿון פֿריִער; תּלמוד אָבער האָט פֿאַר זיי געמיינט — נעמען די פּאַקטישע פֿירונגען, דעם פּשוטן שטייגער פֿון לעבעדיקע ייִדן און דאָס פֿאַרמולירן אין ווערטער; דעם ייִדישן שטייגער פֿאַרוואַנדלען אין תּורה; פֿיקסירן דעם שטייגער, ווי אַ געזעץ. האָבן זיי דאָס אַלטע וואָרט לימוד גענוצט פֿאַר לערנען די געשריבענע, פֿאַרמולירטע דינים און דאָס נײַע וואָרט תּלמוד פֿאַר פֿאַרמולירן אין ווערטער פֿירונגען פֿון שטייגער, וואָס זײַנען נאָך ניט פֿאַר־שריבן.

די אַרבעט איז געווען אַ קאָמפּליצירטע, מען האָט געדאַרפֿט פֿאַראייניקייט־לעכן די הלכה — די פֿאַרשיידענע מינהגים, פֿאַרשיידענע ניואַנסן פֿון שטייגער, ניוועלירן און קאָדיפֿיצירן, פֿאַרוואַנדלען די הלכות אין געזעצן, וואָס זיי דאַרפֿן נאָרמירן און אוניפֿיצירן דאָס גאַנצע לעבן.

דרײַ מאָמענטן האָט די פֿעסטשטעלונג פֿון דער הלכה:

אוניפיקאַציע, פֿאַראיינהייטלעכן. כּל זמן ייִדן וועלן זיך פֿירן לויט איין גאַנג, לויט איין הלכה, איז דאָ און עס וועט זײַן איין פֿאָלק.

## די הלכה

די הלכה האָט געדאַרפֿט אָפּטיילן דעם ייִד פֿון דעם ניט־ייִד, אָפּזונדערן אים דורך זײַן אויפֿפֿיר. „אַזוי ווי אַ נעגער איז אַנדערש מיט זײַן הויט, אַזוי דאַרף אַ ייִד זײַן אַנדערש מיט זײַן אויפֿפֿיר" (אַ גמרא). ניטאָ אין דער תּורה, ניט פֿאַראַן אין תּורת משה קיין רמז אויף אַ סך פֿון דער הלכה. דאָס פֿאָלק לעבט, פֿון דער צײַט ווען די תּורה איז פֿיקסירט געוואָרן, ווען זי איז געגעבן געוואָרן בכתב, זײַנען שוין אַריבער יאָרהונדערטער. דאָס לעבן האָט זיך שטאַרק געענ־דערט. אַ סך פֿון דעם וואָס די תּורה זאָגט אָן, איז מער ניטאָ אין לעבן. די הלכה (דער שטײַגער) האָט געענדערט, פֿאַרביטן, אַפֿילו אַנולירט וואָס עס שטייט אין דער תּורה. אַ לעבעדיק פֿאָלק קען ניט לעבן לויט די פֿאַרשריפֿטן און געזעצן פֿון אַ פֿריִערדיקער תּקופֿה, וואָס איז שוין לאַנג ניטאָ און די עלעמענטן פֿון לעבן זײַנען שוין ניטאָ. די „הלכה עוקרת" — זי קען אויס־רײַסן בפֿירושע אָנזאָגן פֿון דער תּורה.

פֿון דער צווייטער זײַט מוז די הלכה האָבן אַ „בית אב" — אַ ייִדישן אָפּ־שטאַם, זי טאָר ניט קומען פֿון דער פֿרעמד, פֿון די „אמורי", פֿון די עכו"ם. ס'מעג זײַן אַ זאַך וואָס איז אין גאַנצן נייטראַל, ניטאָ אין ערגעץ קיין געשרי־בענער פֿאַרבאָט, אָבער קוים איז דאָס אַ מינהג פֿון גויים, דאַרפֿן ייִדן עס אויסמײַדן.

דאָס לעבן פֿון אַ לעבעדיק פֿאָלק טאָר גאָרניט שטיין אויף איין אָרט, עס קענען ניט גילטן אייניקע און די זעלביקע געזעצן אין אַלע תּקופֿות און אין אַלע צײַטן. אַ קולטור פֿון אַ פֿאָלק אַנטוויקלט זיך און גייט פֿאָרויס, זי ענדערט זיך, זי האַלט זיך אין איין ענדערן, עס איז ווי אַ שטראָם וואָס פֿליסט. און רבי עקיבֿא קען לערנען הלכות און דרשות אַזוינע, וואָס משה רבינו קען זיי גאָר־ניט פֿאַרשטיין. אָבער אַלע מאָל איז די תּורה (די ייִדישקייט) וואָס רבי עקיבֿא לערנט אַ „הלכה למשה מסיני" (מנחות כ"ט, ב'), זי שטאַמט פֿון תּורת משה.

ווי עס איז שוין געזאָגט, באַטײַט דאָס וואָרט „הלכה" שטײַגער, גאַנג, אַזוי גייט דאָס פֿאָלק, אַזוי איז דער מינהג פֿון פֿאָלק (מינהג — פֿירונג). אַזוי גייט דאָס פֿאָלק און אַזוי פֿירט מען זיך. הלכה, מינהג — גאַנג, פֿירונג — אַלץ ווער־טער, וואָס באַטײַטן באַוועגונג, פּראָצעס. ווי גאָר שפּעטער: אַ מענטש דאַרף זײַן אַ הולך, אַ גייער, ער דאַרף אין אַלץ — אין זײַן לעבן, אין זײַן מאָראַל, אין זײַן געדאַנק אַלץ גיין פֿאָרויס, ניט אָפּשטעלן זיך. בכן איז אַזוי די גאַנצע

הלכה. און זי פֿאַרפֿליכט, אַ גוטער ייִד דאַרף אויספֿאָלגן די הלכה. עס איז אַזוי ווי אַ מצווה.

## הלכה און מצווה

פֿאַרוואָס אָבער האָט מען געדאַרפֿט אַ נײַ וואָרט? פֿאַרוואָס ניט זאָגן אַזוי ווי עס איז געווען אײַנגעפֿירט — מצווה? יעדער נײַ וואָרט באַטײַט אויך אַ נײַעם באַגריף. און אַזוי אויך מיט דעם וואָרט הלכה. הלכה איז ניט קיין מצווה. מצווה מיינט דאָך אָנזאָג, עס האָט די תּורה אָנגעזאָגט, בפֿירוש די תּורה, און זי איז פֿון גאָט. גאָט האָט אָנגעזאָגט. הלכה האָט ניט דעם גרויסן יחוס. זי שטאַמט ניט דירעקט פֿון דער תּורה, פֿון גאָט. זי איז דער גאַנג פֿון פֿאָלק, זײַן שטייגער, זײַן מינהג. דער ערשטער מקור אירער איז דאָס פֿאָלק. פֿון דעם איז געדרונגען אַז דאָס פֿאָלקישע איז געטלעך, אויף איין מדרגה פֿון הייליקייט. אויב דאָס פֿאָלק פֿירט זיך אַזוי אין זײַן ווילן זיך אָפּצוטיילן אין זײַן פֿאָלקישער, טראַדיציאָנעלער פֿאַרזיכיקער אַנדערשקייט, איז דאָס הייליק, געטלעך.

אַזוי אַרום האָט די הלכה געשטאַמט פֿון אַן אומבאַגרענעצטער געטרײַקייט צום פֿאָלק און צו אַלץ אין לעבן וואָס שטאַמט פֿון פֿאָלקישע פֿירונגען, פֿון פֿאָלקישן שטייגער. דאָס איז די אהבֿת ישׂראל וואָס דערגייט ביז אמונת ישׂראל. אמונה מיינט ניט בלויז גלויבן, עס מיינט (און נאָך מער) געטרײַקייט. ייִדיש־קייט איז מער ניט דווקא די מצוות וואָס זײַנען אָנגעמערקט אין דער תּורה, ייִדישקייט איז די הלכה, דער שטייגער פֿון ייִדישן פֿאָלק. און ניט דווקא אַ קאַפּיע, ניט דווקא ווי עס איז איין מאָל באַשטימט געוואָרן און ניט אַנדערש, ניין. עס איז אַלץ אין גאַנג, אין כּסדרדיקער ענדערונג, אין כּסדרדיקן פּראָצעס. עס דאַרף אָבער תּמיד זײַן אַ „מינהג ישׂראל", ייִדישלעך, ווי ווײַט מעגלעך אוני־פֿיצירט; עס דאַרף האָבן אַ „בית אָב", עס דאַרף שטאַמען פֿון ייִדישקייט, ווי דער סוף פֿון אַ טײַך שטאַמט פֿון זײַן אָנהייב, פֿון זײַן אויספֿלוס. דאָס איז דער זינען פֿון „הלכה למשה מסיני". און עס דאַרף זײַן ווי ווײַט מעגלעך ניט אַזוי ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, ניט קיין „דרכי האמורי", „הבֿדלת וקידשת".

ווען מיר פּרובירן דאָס פֿאָרמולירן: ייִדישקייט איז הלכה. הלכה איז דער איינהייטלעכער, אַלגעמיינער, אַנדערשדיקער, אייגענער לויט זײַן אָפּשטאַם, טראַ־דיציאָנעלער און אָבליגאַטאָרישער שטייגער.

## די פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער הלכה

הלכה נעמט אַרום ניט בלויז פֿירונגען אין לעבן, מעשׂים, האַנדלונגען. עס מיינט ניט אויך ווייניקער אָנגענומענער געדאַנקען־גאַנג, דער שטייגער פֿון דענקען, פֿון וועלט־באַנעם, אַזוי אויך טראַדיציאָנעלע דערציילונגען, אגדות. אַלץ

וואָס עס איז אָנגענומען. די אגדה איז אָפּט דער מקור פֿאַר דער הלכה. עס איז ווי ליטעראַטור וואָס באַגרינדעט אַן אידעאָלאָגיע. די גאַנצע ייִדישקייט פֿון דער הלכה האָט זיך באַזירט אויף אַ טיפֿער פֿילאָסאָפֿיע, די חז״ל האָבן ניט פֿאָרמולירט זייערע אידעען אין ווערטער, נאָר אין מעשׂים, אין פֿירונגען.

איך וועל דאָ פּרובירן נאָר אָנוואַרפֿן עטלעכע פּרינציפּן זייערע וואָס מען קען אַרויסדרינגען פֿון זייערע לערנונגען.

א. דער אַלגעמיינער ציל פֿון אַלע זייערע אָנשטרענגונגען איז דער קיום פֿון פֿאָלק. דאָס איז דער יסוד פֿון אַלע יסודות פֿון זייער אמונה.

ב. דער קיום פֿון פֿאָלק הענגט ניט אָפּ פֿון מדינה, פֿון דינאַסטיעס, פֿון פּאָליטישער פֿאַרזיכיקייט.

ג. דער קיום פֿון פֿאָלק הענגט ניט אָפּ פֿון לאַנד. הייליק איז ארץ ישׂראל, ירושלים. אָבער דער קיום פֿון פֿאָלק קען זײַן אויך אַנדערשוווּ. ניט אַלע מצוות קען מען אויספֿירן אין חוץ לארץ, די ייִדישקייט, הייסט עס, קען ניט זײַן קיין פֿולע. אָבער אויך אין די גלותן קען זײַן גוטע ייִדישקייט. אָפֿט אָפֿילו בעסער ווי אין דער מדינה.

ד. דער קיום פֿון פֿאָלק ליגט ניט אין דער פֿאַרשריבענער, פֿיקסירטער תּורה, נאָר אין די פֿירונגען פֿון פֿאָלק אין יעדער דור, אין יעדער תּקופֿה... ייִדישקייט האַלט זיך ניט אויף דער תּורה שבכתב נאָר אויף דער ניט־פֿיקסירטער, ניט פֿאַרשריבענער, ניט פֿאָרמולירטער תּורה שבעל פּה, אויף דער ייִדישקייט פֿון שטייגער.

ה. די יסודות פֿון אָט דער „פֿליסיקער״ ייִדישקייט (וואָס איז פּושט צורה און לובֿש צורה) זײַנען דאָס אָפּהיטן דאָס טראַדיציאָנעלע לשון פֿון פֿאָלק, די נעמען און די ניט־פֿאָרמולירטע זיטן און פֿירונגען (מסתּורין האָבן זיי דאָס גערופֿן, אָדער מסטורין).

ו. אַוודאי וועט דאָס פֿאָלק ישׂראל אויפֿגעריכט ווערן אין זײַן פֿולער פּראַכט. אָבער דאָס איז אַן ענין וואָס ליגט ניט אין די מענטשלעכע הענט. דאָס וועט געשען אין די ימות המשיח, אַז די גאַנצע וועלט וועט אַנדערש ווערן. די גאַנצע וועלט הײַנט איז נאָר אַ צוגרייטונג צו יענער צײַט, צו דעם „יום שכּולו טובֿ״.

ז. דער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט, וואָס דאַרף, וואָס וועט קומען איז דער כּוח וואָס העלפֿט אויסהאַלטן די אַלע שווערע צײַטן. די בעסערע וועלט וועט קומען מיט דער הילף פֿון ייִדישקייט, ווײַל ייִדישקייט מיינט „לתקן עולם במלכות שדי״ — די מענטשלעכע וועלט זאָל ווערן געטלעך.

ח. ייִדישקייט, די לעבעדיקע, ניט די פֿאַרשריבענע תּורה, נאָר די ייִדישקייט פֿון אייגענעם, פֿאַרזיכיקן שטייגער איז געטלעך, הייליק און די געטרײַע ליבע צו דעם איז די ליבע צו גאָט. ווײַל ייִדישקייט און געטלעכקייט זײַנען אידענטיש.

ט. מען דאַרף גאָרניט באַמיִען זיך צו זוכן אַ פֿאַרזיכיקן גאָט, באַזונדער, אומאָפּהענגיק פֿון ייִדישקייט. עס ליגט ניט אין כאַראַקטער פֿון ייִדישקייט. גאָט איז די הייליקייט פֿון ייִדן, די געבענטשטע הייליקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק (קודשא בריך הוא). מען דאַרף ניט זוכן קיין אַטריבוטן פֿון גאָט און זײַנע אייגנשאַפֿטן. „עתיד הקדוש ברוך הוא להיות עטרה בראש כל צדיק" (מגילה ט"ו, ב', סנהדרין ק"א, ב'). גאָט איז אידענטיש מיט דער העכסטער צידקות. גאָט איז „קדוש ישׂראל" — די הייליקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק.

י. ייִדישקייט נייטיקט זיך ניט אין קיינע מאַטעריעלע הייליקייטן. קיינע געטלעכקייטן אין מאַטעריע, קיינע געצן. קיינע הייליקע אָביעקטן פֿון פֿאַרצײַטן, קיין שום מאַטעריע. אַפֿילו דער בית המקדש איז ניט הייליק פֿאַר זיך גופֿא. דעם הייליקן ארון הברית האָט מען באַהאַלטן נאָך אין ירמיהוס צײַטן. הייליקייט איז אין מענטשלעכן אויפֿפֿיר און אין זײַן לעבן. הייליקייט איז אין ייִדישקייט.

יא. די איצטיקע וועלט פֿון רשעות, פֿון כּל דאלים גבֿר, איז נאָר אַן איבערגאַנג צו אַ בעסערער וועלט, וואָס וועט קומען, לעתיד לבֿא, ווען אַלע קרומקייטן וועלן ווערן אויסגעגלײַכט, ווײַל די גאַנצע וועלט וועט זײַן אַ מלכות שדי, אַ געטלעכע וועלט. ווייל איז דעם וואָס וועט זוכה זײַן צו דעם. און די האָפֿענונג, דער גלויבן אין דעם לעתיד לבֿא גיט כּוח אַריבערצוטראָגן די שווערע צײַטן פֿון דעם איצט. רבי עקיבֿא מיט חבֿרים זעען די חרובֿע ירושלים, זיי וויינען, ער אָבער לאַכט: אויב פֿאַר די זינדיקע קען זײַן אַזוי גוט, טאָ ווי גוט וועט שוין זײַן פֿאַר גערעכטע!

יב. פּונקט אַזוי איז אויך בנוגע צו יעדער ייִדן אינדיווידועל. עס איז מער ניטאָ קיין מדינה מיט איר דיסציפּלין, וואָס אַ מדינה צווינגט אַרויף. יעדער יחיד דאַרף מיט זײַן אייגענעם גוטן ווילן דינען די אינטערעסן פֿון דעם כּלל. און אָט דאָס דינען איז אין גלות אַ סך שווערער. איז ווידער אַזוי: דאָס לעבן גופֿא איז נאָר אַ פּרוזדור, נאָר אַ צוגרייטונג צו דעם עולם האמת (עלמא דקשוט). דאָרטן ווערט יעדער איינער געמישפּט און ער קריגט לויט זײַנע פֿאַרדינסטן, פֿאַר זײַן פּירונג. דאָרטן איז דער גן עדן און דער גיהנום. דער טויט בכלל איז ניט קיין אייביקער. די טויטע וואָס פֿאַרדינען וועלן אויפֿשטיין אין משיחס צײַטן תּחית המתים. מען זאָגט, אַז דער גלויבן איז געקומען צו ייִדן פֿון דער פֿרעמד, קען זײַן. אָבער וויכטיק איז ווי דער גלויבן האָט זיך אַרײַנגעפּאַסט אין דעם גאַנצן וועלט-באַנעם פֿון ייִדישן פֿאָלק. דאָס דריקט זיך אויס אין דעם: עס איז

ניטאָ קיין מדינה מיט איר כּוח אַרויפֿצולייגן אויף אַלע אינדיווידן אַ נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, ווי דאָס טוען אַלע מדינות מיט זייער צוואַנג. אָבער ניט בלויז אַ מדינה נייטיקט זיך אין דיסציפּלינירטע בירגער, אַ פֿאָלק אָן אַ מדינה נייטיקט זיך אויך אין אַזאַ געטרײַער דיסציפּלין. איז די דיסציפּלין אַרויפֿגעגאַנגען טאַקע אויף יעדער יחיד באַזונדער. יעדער ייִד טראָגט די גאַנצע ייִדישקייט. ער טוט עס אין זײַנע אייגענע פּריוואַטע אינטערעסן, פֿאַר זײַן עולם הבא. יעדער יחיד איז אָנגעלאָדן מיט זײַן ייִדישקייט, און יעדער יחיד וועט אָפּגעבן אַ חשבון פֿון זײַן פֿירונג צו דער השגחה פּרטית, וואָס פֿירט איר חשבון מיט יעדער איינעם.

אָנגעהויבן האָט זיך די אמונה נאָך פֿון די נבֿיאים ירמיהו און יחזקאל. ניט דער קאָלעקטיוו איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די יחידים, נאָר איטלעכער איינער.

ניט דער קאָלעקטיוו, ניט דאָס גאַנצע פֿאָלק טראָגט די אחריות פֿאַרן אויפֿפֿיר פֿון פּרט, פֿון יעדער יחיד, נאָר דער יחיד אַליין, „איש בחטאו ימות". יעדער איינער פֿון פֿאָלק טראָגט זײַן ייִדישקייט אין דער גאַנצקייט. די דאָזיקע נבֿיאים האָבן אַריבערגעפֿירט ייִדישקייט פֿון דעם כּלל אויף יעדער פּרט באַזונדער. און אַזוי איז שוין געגאַנגען דער וועג פֿון ייִדישקייט ווײַטער. די תּורת משה אָדער די תּורה שבכתבֿ האָט אין זינען דאָס פֿאָלק אין זײַן מדינה. די פּרושישע ייִדישקייט, די תּורה שבעל פּה האָט אין זינען דאָס פֿאָלק אין זײַנע גלותן. די תּורת משה איז די ממשלה פֿון וואָרט, צי עס איז דאָס וואָרט פֿון גאָט דירעקט, צי עס איז גאָטס וואָרט דורך די נבֿיאים, אָבער אַלע מאָל איז עס דאָס וואָרט. די פּרושישע ייִדישקייט איז אַ ייִדישקייט פֿון מעשׂים, פֿון טו־אונגען, פֿון פֿירונג, פֿון הלכה. תּורת משה האָט מצוות, תּלמודישע ייִדישקייט האָט הלכות. גאָט אַליין זיצט צוזאַמען מיט די צדיקים און ער לערנט אויך מיט זיי צוזאַמען די הלכות. די מצוות שטאַמען דירעקט פֿון גאָטס ווילן, די הלכות שאַפֿט דאָס פֿאָלק, גאָט לערנט זיי ניט אַנדערש ווי די ייִדישע חכמים.

די תּורת משה איז אַ בוך פֿון געזעצן צוזאַמען מיט אַ פֿאָלקס ליטעראַטור. דער תּנך אין גאַנצן איז אַ ליטעראַטור פֿון אַ לאַנגער תּקופֿה אָנגעהויבן פֿון פֿאָלקישע פּרימיטיוון, פֿון דורות איבער דורות מויל־טראַדיציעס ביז גאָר טיפֿע אינדיווידועלע שאַפֿונגען ווו מען זעט שוין ניט אַרויס דאָס פֿאָלק אין זײַן פֿאָל־קישער פּשטות.

די פּרושישע תּורה איז שפּעטער איר יורש און נאָכגייער — דער תּלמוד איז אויך געזעצן, אָבער געזעצן אין פּראָצעס פֿון זייער שאַפֿונג, ניט קיין גע־פֿורעמטע און ניט קיין פֿאָרמולירטע. ניט קיין נבֿיאים וואָס ווייסן און דעקלאַ־רירן גאָטס וואָרט אין זײַנע פּראַקטיקע, געטלעכע פֿאָרמען, נאָר די חכמים, וואָס שטודירן און דיסקוטירן צווישן זיך און מיט גאָט אַליין די געזעצן, וואָס ניט גאָט דעקלאַרירט זיי, נאָר דאָס פֿאָלק שאַפֿט זיי מיט דעם געטלעכן „רוח

הקודש״, וואָס לעבט בכלל אין פֿאָלק. און ווידער אַמאָל קומען צוזאַמען מיט דער הלכה — מיט די אַלזײַטיקע געזעץ־נאָרמען אויך ליטעראַרישע שאַפֿונגען אין זייער פֿאָלקיש־פּרימיטיוון געשטאַלט, וואָס האַלטן פֿאַרבאָרגן אין זיך אָפֿט גאָר טיפֿע אידעען און פֿילאָסאָפֿיעס בײַ דער זײַט פֿון גאַנץ געמיינע גאָרנישט זאָגנדיקע אגדות.

דער תּנך האָט סומירט און פֿיקסירט די ייִדישע קולטור פֿון דעם פֿאָלק אין זײַן לאַנד, אין זײַן פֿאַרזיכיקער מדינה. די פּרושים האָבן געבויט אַ ייִדיש־קייט פֿאַר אַ פֿאָלק וואָס איז אָן אַ מדינה, נאָר צעזייט און צעשפּרייט, ניט סו־מירט, נאָר געבויט אַ ציגל נאָך אַ ציגל. עס איז געווען די ייִדישקייט פֿון די גלותן. דער תּנך האָט איין צענטער, די מדינה. אין דער מדינה איז דאָס ירושלים און אין ירושלים — דער בית המקדש. אָבער אין די צײַטן פֿון די פּרושים איז שוין די מערהייט פֿון פֿאָלק געווען צעשפּרייט. די מדינה גופֿא איז אויך געווען ניט קיין פֿאַרזיכיקע, נאָר אַ וואַסאַלע, און די קורצע צײַט ווען זי איז יע געווען פֿאַרזיכיק, איז זי דערטרונקען געווען אין בלוט פֿון ברודער־מלחמות. האָט די פֿאָלקישע אינטעליגענץ, די פּרושים, געבויט די ייִדישקייט פֿון דאָס נײַ. ניטאָ די מדינה, איז אָן איר, ווען ניט זײַן דער בית המקדש, דאַרף מען בויען „מקדש מעט״, זײַנען דאָס די בתּי מדרשים און בתּי כּנסיות. און די וויכטיקסטע אַרבעט אין זיי איז די תּלמוד תּורה. מען שטאָליצרט בײַ אונדז איצט מיט מסדה. די טראַדיציע אונדזערע אָבער האָט מסדה כּמעט ווי ניט דערמאָנט. מסדה איז געווען די גבֿורה צו שטאַרבן און אָפּגעמעקט צו ווערן פֿון דער ערד. די גבֿורה פֿון יבֿנה איז געווען אַ גבֿורה צו לעבן און איבערצולעבן.

## תּלמוד תּורה

דאָס איז אויך אַ נײַ וואָרט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן כּדי צו באַצייכענען אַ נײַעם פּראָצעס. דאָס וואָרט תּלמוד איז ניטאָ אין דער גאַנצער תּורת משה, אין גאַנץ תּנך אַפֿילו. דאָס וואָרט מיט דעם פּראָצעס וואָס דאָס וואָרט באַצייכנט איז טאַקע אַן אויפֿטו פֿון די פּרושים און זייערע נאָכפֿאָלגער. ווײַטער — דאָס וואָרט תּורה באַטײַט אין די ערשטע פֿיר ספֿרים פֿון חומש נאָר דעטאַלע אָנווײַ־זונגען פֿאַר אַלערליי מעגלעכע באַדערפֿענישן. די געזאַמלטע אָנווײַזונגען, אַלע תּורות צוזאַמען רופֿן זיך אין מערצאָל תּורות. ערשט אין ספֿר דבֿרים קומט דאָס וואָרט תּורה ווי דער סכום פֿון אַלע מצוות צוזאַמען. די גרויסקייט פֿון מתּן תּורה איז אויך אויפֿגעקומען אַ צײַט שפּעטער. דער יום טובֿ שבֿועות איז לגמרי ניט פֿאַרבונדן אין דער תּורה מיט מתּן תּורה. דער יחוס פֿון באַרג סיני איז אויך שפּעטער דערהויבן געוואָרן. קיין באַזונדערע קדושה האָט אים קיינער אין קיין תּקופֿה ניט געגעבן. אַזוי אַרום איז דער גאַנצער באַגריף תּלמוד תּורה נאָר אַ שאַפֿונג טאַקע פֿון די פּרושים גופֿא, און פֿון די חז״ל נאָך זיי.

וואָס איז געווען די אויפֿגאַב פֿון דעם תּלמוד תּורה וואָס איז געשטעלט געוואָרן העכער פֿון אַלע מצוות צוזאַמען? די אויפֿגאַב איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי וויכטיק, אַז ספּעציעלע אַקאַדעמיעס, ישיבֿות זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט דעם, אַ גאַנצע היעראַרכיע איז אויפֿגעקומען — תּלמיד, תּלמיד חכם און חכם. דער לעצטער טיטול האָט געדאַרפֿט האָבן ספּעציעלע גראַדויִרונג, די צערעמאָניע פֿון געבן סמיכה. און די סמיכה איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז די רוימישע מאַכט האָט עס שפּעטער פֿאַרבאָטן אונטער טויטשטראָף און דער תּנא ר׳ יהודה בן בבֿא לאָזט זיך אויף קידוש השם כּדי צו געבן סמיכה ייִנגערע געלערנטע, זיי זאָלן האָבן דעם נייטיקן אויטאָריטעט. בכן, איז דער פּראָצעס פֿון תּלמוד תּורה געווען דער יסוד פֿון ייִדישקייט. און באַשטאַנען איז ער אין דעם פֿעסטשטעלן די הלכות פֿון ייִדישקייט אין דער נײַער תּקופֿה.

## תּורה שבכתבֿ און תּורה שבעל פּה

פֿון וואַנען האָבן זיי געשעפּט די הלכה? פֿון פֿאָלקס פּירונגען און פֿון זײַן שטייגער. דער תּנך איז אין די תּקופֿות פֿון די נבֿיאים און כּתובֿים געווען אַ פּראָדוקט פֿון דער עליטע אין פֿאָלק, פֿון דער גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיע. זי האָט אָפֿט שטאַרק געקעמפֿט מיט דעם פּשוטן פֿאָלק און מיט זײַנע באַגריפֿן. דער תּלמוד אָבער איז דורכויס אַ פּראָדוקט פֿון פֿאָלק, פֿון פֿאָלקישן לעבן, פֿון פֿאָלקישן שטייגער. אָט פֿון דאַנען קומט דער נאָמען „תּורה שבעל פּה״. די ייִדישקייט וואָס לעבט אין פֿאָלק, אין זײַנע פּירונגען און מעשׂים הגם עס איז ניט פֿאַרשריבן. די תּורה שבכתבֿ, זאָגט רבֿ צעיר ריכטיק, איז געגעבן פֿון אויבן, עס איז מתּן תּורה, די תּורה שבעל פּה איז אין פֿאָלק גופֿא געשאַפֿן, אין לעבעדיקן לעבן.

די חז״ל האָבן אָפּגעשניטן דעם תּנך, פֿאַרחתמעט די צאָל ספֿרים און מער ניט. די איבעריקע האָבן זיי אויסגעשלאָסן, גוזז געווען, זיי האָבן געפּסקנט, אַז אָט די אויסגעשלאָסענע ספֿרים זײַנען ניט געשריבן מיט „רוח הקודש״. מען קען זאָגן — אַז זיי, די ספֿרים זײַנען צו אינדיווידואַליסטיש, זיי האָבן ניט אין זיך דעם פֿאָלקישן כאַראַקטער און דעם פֿאָלקישן גײַסט. זיי אַליין — די חז״ל — האָבן זיך גענומען לערנען פֿון דעם פֿאָלק גופֿא. „פּוק חזי, מאי עמא דבר״ — דעם פֿאָלקס גלייבונגען, דעם פֿאָלקס פּירונגען און זײַן שטייגער בכלל. דעם פֿאָלקס שפּראַך. פֿאַר זיי איז עס געווען קלאָר: קוים איז עס אָנגענומען בײַם פֿאָלק ישׂראל איז עס קודש, איז עס געטלעך, איז עס געגעבן פֿון גאָט צוגלײַך מיט דער תּורה שבכתבֿ. זיי האָבן זייער ריכטיק אָפּגעשאַצט אַז אָט די שטייגערישע ייִדישקייט, די נאָרמען פֿון פֿאָלקס לעבן זײַנען וויכטיקער פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק איידער די געשריבענע געזעצן, די תּורה שבכתבֿ. די לעצטע קענען אַלע פֿעלקער אָננעמען און זיי האַלטן מער ווי די ייִדן אַליין און דאָך זײַנען זיי ניט

קיין ייִדן. ייִדן — דאָס פֿאָלק פֿון ייִדישן גאָט זײַנען נאָר די וואָס האָבן די „מיסטורין" — די ניט פֿאָרמולירטע ייִדישקייט, די וואָס איז דורך דעם תּלמוד תּורה פֿאָרמירט און פֿאָרמולירט און פֿאַרשריבן געוואָרן. מיר האָבן ניט קיין אָנונג וועגן די פּראָצעסן וואָס האָבן אויסגעפֿורעמט די תּורה שבכתבֿ. מיר מעגן אָננעמען אַז אויך דאָ איז געווען אַ לאַנגער, אַ דויערנדיקער פּראָצעס פֿון שאַפֿן. ניט מיט איין מאָל, ניט פֿון הימל זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן אַזוינע ספֿרים ווי די תּנכישע, ווי די נבֿואה־ספֿרים, ווי דער תּהלים, און אַזוי ווײַטער. מיר קענען אָנמערקן בלויז רמזים וועגן „בני נבֿיאים", וועגן ריכטונגען פֿון נבֿואה. אָבער די ספֿרים דערציילן אונדז גאָרניט וועגן די פּראָצעסן פֿון שאַפֿן דעם תּנך. גאָר אַנדערש איז דער תּלמוד, דער פּראָדוקט פֿון דער פּרושישער תּורה, פֿון זייערע תּלמידים. די משנה און די גמרא זײַנען ווי פּראָטאָקאָלן פֿון דער לאַבאָראַטאָריע וואָס האָט די ייִדישקייט געבויט און געפֿורעמט, וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט די ייִדישקייט פֿון די פּרושים, פֿון דעם ווי זי האָט געלעבט אין פֿאָלק אין אַ נײַער תּורה שבכתבֿ. הגם דעם נאָמען „תּורה שבעל פּה" האָט מען אײַנגעהיט, אָבער קוים איז זי שוין פֿאַרשריבן, איז זי שוין ניט בעל פּה נאָר אויך בכתבֿ.

דאָס איז דער מהות פֿון תּלמוד תּורה, וואָס איז אַזוי וויכטיק און הייליק בײַ ייִדן.

עס איז געווען דער רמב"ם וואָס האָט מיט דורות שפּעטער געוואָלט שאַפֿן פֿון דער גאַנצער תּלמודישער ייִדישקייט אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון אַ תּורה שבכתבֿ, ער האָט עס טאַקע אַזוי אָנגערופֿן „משנה תּורה". אַ פֿאַרטיקע, אָן עסענץ פֿון דעם גאַנצן תּלמודישן פּראָצעס, אָן דער גאַנצער פּראָצעדור, ניט קיין פּראָטאָ־קאָלן פֿון דעם תּורה־פּראָצעס. הגם ער איז דאָך שוין פֿאַרשריבן, אָבער מיר האָבן אים, דעם פּראָצעס גופֿא ווי ער איז פֿאַרגעקומען אין אין דער „שמידע־רײַ" וואָס האָט די תּלמודישע ייִדישקייט אויסגעשמידט. עס איז געווען בפּירוש אַ גליק וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ניט אָנגענומען די תּורה פֿון דעם גרויסן גאון, דעם רמב"ם, וואָס עס איז גאָר ניט צו באַגרײַפֿן ווי אַזוי איין מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש קען דערגרייכן צו זײַן מדרגה. איז דער רמב"ם טאַקע רמב"ם, אָבער זײַן משנה תּורה, וואָס וויל פֿאַרשפּאָרן דאָס שטודירן די גאַנצע „שקלא וטריא", דאָס מיטמאַכן דעם פּראָצעס פֿון שאַפֿן די הלכה, איז עס געווען אַ גליק וואָס דאָס פֿאָלק האָט עס ניט אָנגענומען. דערמיט איז דערגרייכט גע־וואָרן דער פֿאַקט, וואָס דאָס פֿאָלק האָט ווײַטער אין אַלע שפּעטערדיקע דורות אָנטייל גענומען אין פּראָצעס פֿון פּראָדוצירן די הלכה מיט דער אגדה. דאָס גאַנצע פֿאָלק איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין בית מדרש אַרײַן — אַלע, אַלע — אין וואַרשטאַט פֿון ייִדישקייט. ווי געזאָגט שוין, איז דער תּנך אַ פֿאַרטיקע זאַך, אַ פֿאַרטיקע וואָזע, אויסגעאַרבעט, געגעבן אַ פֿאַרטיקע. דאָס פֿאָלק קען זי היטן,

זיך צאַצקענען מיט דעם, זיך שפּיגלען אין דעם, זיך איבערנעמען, גרויס האַלטן. אָבער אַליין, דאָס פֿאָלק אַליין האָט צו דעם מער ניט קיין שײַכות, קיין אָנטייל אין שאַפֿונג איז ניטאָ מער.

## לימוד און תּלמוד — צוויי פּראָצעסן

דערפֿאַר איז דער תּלמוד גאָר פֿאַרקערט, קיין מאָל ניט אָפּגעשלאָסן געוואָרן, הגם ער איז פֿאַרשריבן און געחתמעט געוואָרן. אָבער דאָס פֿאָלק האָט ניט אויפֿגעהערט אים שעפֿעריש צו לערנען, צו פּראָדוצירן ווײַטער און ווײַטער. עס איז ניט לימוד נאָר תּלמוד. עס איז ייִדישקייט אין אייביקן פּראָצעס פֿון שאַפֿן. עס איז דער תּלמוד קיין מאָל ניט אַרויס פֿון זײַן וואַרשטאַט. בעת דער תּנך שטייט אַ פֿאַרטיקער אַרויסגעשטעלט אין אויסשטעל־פֿענצטער, איז דער תּלמוד מיטגעגאַנגען מיטן פֿאָלק — דורות און תּורות; לענדער און תּורות. עס לעבט דאָס פֿאָלק און עס לעבט זײַן תּורה, זײַן כּסדרדיקע שאַפֿונג.

## ייִדישקייט אין גלות און אין לאַנד

עס איז נאַיִוו און פּרימיטיוו די גאַנגבאַרע מיינונג, אַז די גאַנצע תּלמודישע ליטעראַטור איז געשאַפֿן געוואָרן ווי אַ פּירוש, ווי אַ דערקלערונג צו דער תּורת משה. עס האָבן זיך דורות נאָך דורות חכמים אָנגעזעצט כּדי צו פּשטלען זיך און דרשענען דרשות אויף די פּסוקים פֿון דער תּורה. עס איז דאָ פֿאַרגעקומען אַ טיפֿערע און אַ ברייטערע היסטאָרישע דראַמע פֿון אַ היסטאָרישן פֿאָלק: עס איז אונטערגעגאַנגען די מדינה פֿון אַ פֿאָלק. נאָרמאַל האָט זיך מיט דעם געדאַרפֿט ענדיקן די געשיכטע פֿון דעם פֿאָלק אויך. אַזוי איז עס געווען מיט אַנדערע פֿעלקער; אַזוי איז געווען מיט דער ייִדישער גרעסערער מדינה, מיט שומרון. האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגיין. עס האָבן שוין פֿריִער געלערנט נבֿיאים אַז פֿאָלק קען זײַן דויערנדיקער פֿון לאַנד, פֿון מדינה. און אפֿשר האָט זיך אָפּגערופֿן דאָס פֿאַרזיכיקע לעבן אין אוראַלטן מצרים, אין שקלאַפֿערײַ אָבער פֿאַר זיך, אויסגעטיילט, אָפּגעזונדערט און אײַנגעהיט די אייגענע גײַסטיקע אינהאַלטן. און אפֿשר האָט דאָ געווירקט טאַקע אויך בבֿלישע פּאָליטיק וואָס האָט די פֿאַרטריבענע פֿעלקער באַזעצט באַזונדער, פֿאַר זיך. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איז אָבער אין בבֿל ניט פֿאָרגעקומען קיין אַסימילאַציע פֿון די פֿאַרטריבענע מיט די פֿאַרטרײַבער. ערשט דאָ האָט מען זיך צוגעהערט צו די גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטן די נבֿיאים. קען זײַן, אַז אַהער האָבן ניט דערגרייכט אין גאַנצן די „פֿאַלשע" נבֿיאים. ערשט דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ גוואַלדיקע נאַציאָנאַלע קולטור־אַרבעט, דער פֿאָלקישער באַוווסטזײַן האָט זיך דאָ אין גלות געשטאַרקט ביז גאָר. דער פֿאַרטריבענער נבֿיא, דער גרויסער אַנאָנים (ישעיהו דער צווייטער), אַן אָרעמער נבֿיא פֿון אַן אָרעם, פֿאַרטריבן פֿאָלק לאַכט אַזוי

העפּטיק אַפּ פֿון דעם מעכטיקן גאָט פֿון מעכטיקן פֿאָלק, מיט אַזאַ שטאָלץ. טאַקע דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטע גלות־ייִדישקייט. אין לאַנד יהודה, פֿאַרקערט, איז כּסדר אָנגעגאַנגען אַ העפּטיקע אַסימילאַציע. און ווען ניט די כּסדרדיקע עליות פֿון בבֿל, וואָלט ייִדישקייט לאַנג פֿאַרגעסן געוואָרן. דאָס ווייס שוין אונטערצושטרייַכן אַפֿילו אַ גמרא (סוכּה כ׳). דער גלות האָט געבויט דאָס ייִדישע לאַנד, דער גלות האָט געשיקט אַהין ייִדישקייט. די גרויסע אהבֿת ישׂראל האָט געשאַפֿן דער גלות. מיט דער אהבֿה איז אויפֿגעבויט געוואָרן דער צווייטער בית; מיט דער אהבֿת ישׂראל איז אויפֿגעבויט געוואָרן די הלכה: די פֿירונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק זייַנען קודש ווי פֿון גאָט!

איז דאָ געווען אַ גוואַלדיקע שוועריקייט: אַ נייַ לעבן, נייַע סיטואַציעס אין גאַנצן. דאָס לעבן איז געענדערט. אָבער מען דאַרף דאָס נייַע כּסדר פֿאַרבינדן מיט דעם אַלטן, מיט דער פֿיקסירטער תּורה פֿון דער פֿריִערדיקער תּקופֿה. עס איז יע אַ רעוואָלט, אָבער אַ רעוואָלט, אָבער אַ רעוואָלט מחמת געטרייַקייט. אין דעם פֿאָלקס לעבן איז געווען ייִדישקייט און אין דער פֿיקסירטער תּורה איז עס אַנדערש פֿאַרשריבן. דאַרף מען דאָס פֿאַרבינדן, באַהעפֿטן, עס זאָל ניט זייַן קיין ריס. אָט דאָס איז תּלמוד תּורה.

אין אַנדערע עסייען האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מאָדנער דערשייַנונג, וואָס דער זעלביקער אויפֿפֿיר פֿון זעלביקן פֿאָלק, וואָס האָט בייַ די נבֿיאים אַרויסגערופֿן גרימצאָרן, האָט בייַ די חז״ל געגאָלטן ווי אַ תּורה, אויך פֿון גאָט, מער ניט וואָס זי איז בעל פּה, ניט פֿאַרשריבן. אָבער דערמיט וואָס ניט פֿאַרשריבן איז איר חשיבֿות לגמרי ניט קלענער. דאָ ווילן מיר זיך באַגענוגענען בלויז דערמיט וואָס מיר ווילן זאָגן, אַז עס איז געווען די השפּעה פֿון דער גליקלעכער פּערסישער תּקופֿה, וואָס האָט אַנטוויקלט בייַ ייִדן אַ גרויסע זיך־אַכטונג. דער פֿאַקט איז אַז זיי האָבן באמונה שלמה געגלייבט: ייִדן האָבן צוויי תּורות, ווי שמאי האָט געענטפֿערט אַ צדוקי: איינע איז בכּתבֿ און די צווייטע איז בעל פּה, אויסווייניק.

## תּלמוד תּורה — דער וואַרשטאַט

דער פּראָצעס פֿון תּלמוד תּורה איז געוואָרן דער וואַרשטאַט פֿון אַ נייַער ייִדישער קולטור. אַ נייַ לעבן און אַ נייַע קולטור, אַ נייַער שטייגער און נייַע שטייגער־קולטור.

פֿון וואַנען איז געשעפּט דער רוישטאָף פֿאַר דעם קולטור־וואַרשטאַט? ער איז כּסדר, אַלע מאָל גענומען דירעקט פֿון לעבן, פֿון אַלע פּריוואַטע און סאָציאַלע לעבנס־נאָרמען און לעבנס־פּראָבלעמען. בשום אופֿן ניט פֿון דער תּורה שבכּתבֿ, ווי מען וויל דאָס אָננעמען. בייַ יעדער געלעגנהייט, בייַ יעדער הלכה, בייַ יעדער

נײַער אגדה, האָט מען אָבער געדאַרפֿט האָבן אַ פּסוק, אַ וואָרט, אַ דרש, אַ סמך פֿון דער תּורה. טבֿיה דער מילכיקער לעבט ווי ער פֿאַרשטייט, אָבער עס איז אים פֿאָרט נייטיק יעדעס מאָל זיך אָנצושפּאַרן אויף אַ פּסוק, אויף אַ מאמר חז״ל. מרדכי פֿון דער אגדה, אַז ער דערוויסט זיך פֿון המגס גזירה זוכט ער אַ פּסוק, קיין געדרוקטן חומש האָט ער ניט, פֿאַרשטייט זיך, גייט ער צו די קינדער, וואָס האָלטן אין לערנען. ער בעט דעם פּסוק וואָס זיי האָבן געלערנט, ער דרשנט אים ער זאָל קענען אַרויסדרינגען עפּעס פֿאַר זײַנע אַקטועלע באַדאַרפֿן. און אַזוי כּסדר, ווי די אגדה אַזוי אויך די הלכה. עס איז ניט סתּם אַ שפּיל אַזאַ, עס איז אַלע מאָל גרינגער פֿאַר אַ מענטשן זיך צו פֿילן ניט אַליין, נאָר אין שטאַרקער געזעלשאַפֿט. פֿעלקער וואָס האָבן אַ מלוכה מיט איר צוואַנג נייטיקן זיך ניט אַזוי, ווי דאָס דאַרפֿן די ייִדן אַלע מאָל און איבערהויפּט ווען די גאַנצע אמונה און דער גאַנצער צוטרוי צו דער מדינה איז ביסלעכווײַז אַוועק. שווער איז דאָס לעבן אין גלות, אַ מינדערהייט. איז עס גרינגער צו פֿילן זיך אַרומגע־רינגלט מיט דער גאַנצער תּורה, מיט דער גאַנצער געשיכטע, מיט אַלע גע־שיכטלעכע העלדן, מיט אַלע דורות. די גאַנצע דורות, אַלע תּורות שפּילן אין אוניסאָן מיט די באַדערפֿענישן פֿון הײַנט. דאָס רופֿן מיר אַן אַקטואַליזאַציע פֿון דער געשיכטע, פֿון דער תּורה. דאָס האָט נאָך אַ וויכטיקן באַטײַט: די נײַע קולטור איז ניט אַרויסגעשפּרונגען פֿון ים מיט איין מאָל, ניט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל, זי איז אַן אַנטוויקלונג פֿון דעם וואָס עס איז געווען. דער הײַנט איז אַ פּראָדוקט פֿון דעם נעכטן. דאָס הײַנטיקע ברויט איז געבאַקן פֿון נעכטיקן ווייץ, די הײַנטיקע נאָרמען שטאַמען ניט בלויז פֿון דעם הײַנטיקן שטייגער, נאָר אויך פֿון דעם נעכטן און אייערנעכטן. עס זײַנען טאָקע צוויי תּורות, אָבער עס איז אַ שטראָם, אַ גאַנג, אַ לעבן פֿון אַ פֿאָלק אין פֿאַרשיידענע עלטערס. קינדהייט, יוגנט, דערוואַקסנקייט. דאָס לעבן ענדערט זיך כּסדר, תּורות בײַטן זייער גע־שטאַלט, זייער אויסזען, אָבער דאָס פֿאָלק איז דאָס זעלביקע. דאָס זעלביקע פֿאָלק אין אַ צווייטער תּקופֿה. דאָס זעלביקע פֿאָלק, הגם דורכויס אַנדערש. די ערשטע תּקופֿה די תּנכישע תּקופֿה; די צווייטע — די תּלמוד־שטעטלשע. די צווייטע תּקופֿה מיט אַן אַנדער שפּראַך, מיט אַן אַנדער קולטור, מיט אַנדערע באַגריפֿן, אַנדערע אידעאַלן, אַנדערע געדאַנקען וועגן גאָט און וועגן וועלט. איז די אינטעליגענץ פֿון דער צווייטער תּקופֿה געווען באַוווסטזיניק אַז זי בויט אַ צווייטע תּורה. „וויפֿל תּורות האָט גאָט געגעבן?״ צוויי — די פֿאַרשריבענע און די בעל פּה. עטלעכע מאָל חזרט זיך איבער די פֿראַזע אין גמרא. — צוויי תּקופֿות און צוויי תּורות. האָט די תּלמודישע תּורה אײַנגעשלונגען די תּנכישע, זי אַרײַנגעקנאָטן אין זיך, איר צוגעגעבן אַן אַנדער געשטאַלט, אַ תּלמודישן כאַראַקטער, מיט אַזוינע און אַזוינע באַשטימטע מעטאָדן (מידות) האָט דער

תּלמוד געדרשנט די תּורה — דעם תּנך, געמאָלן און געזיפּט, און געקנאָטן און געבאַקן (לויט אַ פֿיגוראַטיוון אויסדרוק פֿון אַ מדרש און פֿון זוהר) — און נאָר אַ דאַנק דעם האָט די צווייטע, די תּלמודישע תּקופֿה געהאַלטן לעבעדיק אויך די ערשטע. עס זײַנען אין יענע צײַטן, אין משך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער געווען ריכטונגען, וואָס האָבן געשוואָרן ליבע און געטרײַקייט דער ערשטער תּורה, דער תּנכישער און זיי האָבן בשום אופֿן ניט געוואָלט אָננעמען די צווייטע, די תּלמודי־שע. זיי האָבן זיך געמאָלדן ווי ריטערס פֿון תּנך, פֿון זײַן ריינקייט און פֿון זײַן שיינקייט, — און ניט זיי און ניט זייער קולטור זײַנען געבליבן אין הײַנטיקן ייִדישן פֿאָלק.

די תּורת משה פֿיקסירט עלעמענטן פֿון אויפֿפֿיר וואָס זײַנען פֿריִער געווען בעל פּה, געלעבט אין פֿאָלקישן שטייגער, געווען בעל פּה. אַזוי זײַנען זיכער געווען די שלוש רגלים, פֿאָלקישע נאַטור־יום טובֿים, שבת, מצה, ציצית, טוטפֿות, וואָס פֿון זיי שטאַמען תּפֿילין. מסתּמא נאָך עפּעס. אַזוי האָט די תּורת משה אַרײַנגענומען די ייִדישקייט וואָס איז געווען פֿריִער, פֿון די אָבֿות אָן בײַ ייִדן בעל פּה, ניט פֿאָרמולירט בכתבֿ. אַזוי האָט דער תּלמוד זיך באמת אַרײַנצונע־מען דעם גאַנצן ייִדישן שטייגער פֿון זײַן צײַט. מיט דעם אונטערשייד וואָס די חז״ל האָבן נאָך געזוכט אָן אָנשפּאַר אין דער תּורת משה, אַ פּסוק.

אין דעם תּלמוד זעען מיר באַשײַנפּערלעך דעם פּראָצעס ווי די ייִדישקייט פֿון שטייגער, פֿון בעל פּה ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ תּורה שבכתבֿ. אַזוי פֿאַר־דײַט אַ יונגער מענטש זײַן אייגענע קינדהייט, אַזוי פֿאַרדײַט שפּעטער אַ דער־וואַקסענער זײַן יוגנט. אַזוי אַ יחיד און אַזוי אויך אַ פֿאָלק. אין תּקופֿה פֿאַר־דײַט די פֿריִערדיקע.

פֿעלקער האָבן אונדז דעמאָלט געקרוינט מיט דעם נאָמען „עם הספֿר״. זײַנען זיי געווען גערעכט און ניט גערעכט: גערעכט זײַנען זיי געווען ווײַל, יע, טאַקע — דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געבליבן און עס לעבט ניט מיט קיין לאַנד, ניט מיט אַ מדינה, נאָר מיט דעם ספֿר, אַ פֿאָלק לעבט מיט תּלמוד תּורה. אומ־גערעכט זײַנען זיי געווען, ווײַל זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען מיט וואָסער ספֿר דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט. זיי האָבן אין זייער געצנדינערישן וועלט־באַנעם פֿאַרשטאַ־נען אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק האַלט זיך מיט דעם ספֿר וואָס שטייט אויסגעפּוצט און באַצירט און באַקרוינט אין ארון קודש אָדער מיט דעם תּנך אין גאַנצן, וואָס אויך זיי האָבן באַוויליקט אָנצונעמען נאָך מער פֿון אונדז (זייער תּנך נעמט אַרײַן מער ספֿרים ווי אונדזערער), — און זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט און האַלט זיך מיט דעם ספֿר וואָס דאָס פֿאָלק האָט גע־האַלטן אין שאַפֿן, אין פֿורעמען — מיט דעם תּלמוד, מיט דער גאַנצער תּלמודי־שער ליטעראַטור, וואָס מען האָט געהאַלטן אין כּסדרדיקן ווײַטערדיקן שאַפֿן.

אַלע געטרײַע תּנך־ריטער און אַלע היטער פֿון זײַן ריינקייט און שיינקייט — אַלע זיי זײַנען אין משך פֿון דורות אַרויסגעפֿאַלן פֿון לעבעדיקן ייִדישן פֿאָלק מיט זייער רייִנער און שיינער תּורה. עס איז אָרגאַניש אוממעגלעך צו לעבן מיט דעם כּוח פֿון אַ פֿיקסירטער תּורה. מען קען ניט לעבן מיט דער שטאַרק־סטער ליבע צו אַן אַמאָל לעבעדיקער כּלה, ווי הייליק און טײַער די געטרײַ־קייט זאָל ניט זײַן... פֿאַר אַן עם הספר האָט אונדז געמאַכט די תּלמודישע תּקופֿה. דער תּלמוד האָט מיט זײַן לעבן, מיט זײַן כּסדרדיקן וואַקסן און ענדערן זיך אויך לעבעדיק געהאַלטן די תּנכישע קולטור, אויף וויפֿל זי איז אָרגאַניש פֿאַרדײַט געוואָרן אין דער תּלמודישער קולטור. איין טבֿיה דער מילכיקער האָט מער אײַנגעהיט לעבעדיק דעם תּנך, מער ווי אַלע וועלהויזנס און קיטעלס און אַלע אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע און ייִדישע חכמי ישׂראל. איין טבֿיה דער עם הארץ קעגן זיי אַלע גרויסע און באמת געאַכפּערטע געלערנטע. און ער איז שקול, ער וועגט זיי אַלעמען אַריבער. איין טבֿיה וואָס „דרייט דעם פּסוק אויף רעכטס און אויף לינקס, אַהער און אַהין״, ער טײַטשט דעם פּסוק ווי ער דאַרף און דער פּסוק טרײַבט אים ווי להבֿדיל די בײַטש טרײַבט זײַן פֿערדל. אַזוי גייט דאָס לעבן. שטאַרק און מעכטיק איז דאָס האָלץ אין אַ גרויסן בוים; הײַזער און שטאַרקע געבײַדעס בויט מען פֿון דעם בוימס געהילץ. אָבער ניט אין דעם האָלץ איז דאָס לעבן פֿון בוים. דער בוים לעבט דווקא מיט זײַנע צאַרטע און שוואַכע קנאָספּן, מיט זײַנע יונגע און שוואַכע בלעטער, וואָס קומען אויף אַלע מאָל פֿרישע. און אַזוי אויך אַ פֿאָלק לעבט ניט מיט די הייליקסטע און שענסטע תּורות, וואָס שטייען אין ארון קודש, נאָר מיט די נײַע און פֿרישע תּורות וואָס „מה שתּלמיד עתיד לחדש״.

## דער עבֿר פֿאַרן עתיד

עס האָט זיך געענדיקט די תּלמודיש־שטעטלשע תּקופֿה. ניטאָ מער קיין שטעטלעך, ניטאָ מער דאָס פֿאָלק פֿון די שטעטלעך. מיר זײַנען אַריבער אין אַן אַנדער תּקופֿה — אין דער אורבאַנישער תּקופֿה אַרײַן. איז דאָס שטעטל יע ליב אָדער ניט ליב, אָבער עס איז שוין מער ניטאָ. זײַנען אויך איצט פֿאַראַן פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין ייִדישן געדאַנק: ווו איז דער ריכטיקער וועג פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק אין זײַן ווײַטערדיקן לעבן? יעדער ריכטונג האָט זיך איר וועג, און ווו איז דער ריכטיקער? —

אין אַזוינע פּראָבלעמען איז דער איינציקער בר סמכא — די געשיכטע. אייגנטלעך איז טאַקע דאָס פֿאַרויסזען די צוקונפֿט די גאַנצע אויפֿגאַב פֿון דער געשיכטע. עס איז ניט סתּם אַ גיריקייט צו וויסן וואָס געווען; עס איז ניט סתּם אַ ווילן זיך גרויס צו האַלטן מיט די גרויסע אורעלטערן „אַמאָל־אַמאָל זײַנען

מיר גרויס געווען", „אונדזערע אבֿות האָבן רוים געראַטעוועט!" און אַזוי ווײַטער. נײַן. דער גאַנצער געדאַנק פֿון מענטשן איז צו דער צוקונפֿט, די גאַנצע געשיכטע פֿון דעם וואָס געווען איז געווענדט צו דעם וואָס עס דאַרף זײַן. אַזוי איז אויך מיט אונדזער הײַנטיקער פּראָבלעם: וואָסער וועג איז דער ריכטיקער? אויך איצט, אין דער הײַנטיקער צײַט פֿון איבערגאַנג פֿון תּקופֿה צו תּקופֿה זוכן מיר דעם ענטפֿער אין דער געשיכטע. מיר האָבן שוין געהאַט אַן אומבײַט פֿון תּקופֿות, עס זײַנען אויך געווען איבערגאַנגען פֿון סוף־תּקופֿות. דאַרפֿן מיר פֿון יענעם איבערגאַנג לערנען אויף דעם איצטיקן. דער ערשטער כּלל וואָס איך לערן פֿון דער געשיכטע איז:

מען קען ניט אײַנהאַלטן מיט כּוח, מיט דעם שטאַרקן ווילן, מיט רעליגיע קיין קולטור פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה. מעג זי זײַן ליב און טײַער. אָבער וואָס אַוועק איז אַוועק. מיט דער תּקופֿה גייט אַוועק אויך איר קולטור. מעג דער תּנך זײַן ליב און הייליק, און שיין און פּראַקטיק און וואָס מען וויל, אָבער זײַן צײַט איז אַוועק, לאַנג אַוועק. מיט אַ באַלזאַמירטער קולטור קען אַ לעבעדיק פֿאָלק ניט לעבן.

עלטערן לעבן אין זייערע קינדער. מען קען אָבער ניט די קינדער אַריבערפֿירן אין לעבן פֿון זייערע אַמאָליקע עלטערן. קיין שום העלד אין דער וועלט וועט הײַנט ניט לעבעדיק מאַכן די תּנכישע קולטור, דאָס תּנכישע לעבן. דאָס ווען מאַכן דעם תּנך ווי דעם אינהאַלט פֿון ייִדישן לעבן הײַנט, דער פֿאַרלאַנג שמעקט מיט קבֿרות־בלומען און ער אַנטפּלעקט נאָך עפּעס — אַ שׂינאה צום הײַנטיקן ייִדישן פֿאָלק. איך געפֿין ניט אין די שפּראַכן קיין אויסדרוק פֿאַר אַזאַ מין פֿענאָמען, ניטאָ מסתּמא בײַ פֿעלקער עפּעס אַזוינס. מוז מען שאַפֿן אַן אייגענעם, אַ ייִדישן טערמין. איך רוף עס אויטאָאַסימילאַציע. לכתּחילה וואָלט בעסער געווען אַ נאָרמאַלע אַסימילאַציע — פּשוט אַרײַנגיסן זיך אין אַ פֿרעמד פֿאָלק און גענוג, פּטור ווערן. אָבער היות כּפֿי עס געלינגט ניט: מיר זײַנען ניט קיין געשמאַקער ביסן אַרײַנצושלינגען אונדז, אַסימילירן מיר זיך אין אונדזערע אבֿות. זיי זײַנען מסתּמא געווען שענערע און בעסערע פֿון אונדז... דער כּלל אָבער איז. מען קען אין איין תּקופֿה ניט לעבן מיט דער קולטור פֿון אַ פֿריִערדיקער.

אָבער אויך די תּלמודישע ייִדישקייט וואָס האָט אין שטעטל געלעבט אַ פֿול לעבן אין די היימען, אין דער שול, אין דער געזעלשאַפֿט, אין דער וואָכן און אין יום טובֿ, אין פֿרייד און אין טרויער, דרשות אויף אַ חתונה (דרשה־געשאַנק!), פּשטלעך און ווערטלעך, און אויסריידעניש, און חכמהלעך, און אַ הדרן און אַ חילוק, און אַ הלצהלע, און אַ פֿאַראַדיע (מסיכתא אמריקה!), און ועל כּולם טביהס „דערלאַנגען" דעם „קצבֿניאַק" מיט אַן אויסגעטראַכטער גמרא

איבערן „גראַביונגישן קאַפּ" — אַלץ איז שוין אויך אַוועק, ניטאָ מער. מיר מעגן בענקען נאָך יענע סוחרים יידן, וואָס טרעפֿן זיך ערגעץ אין אַ קרעטשמע ווינ־טער בײַ אַ גלאָז (טיי) און בײַ אַ גלעזל (לחיים) און מען פּילפּולט זיך, און מען קריגט זיך, און מען פּשטלט זיך, און מען דרינגט אַרײַן און מען דרינגט אַרויס, און מען זאָגט זיך אַרײַן, און מען היצט זיך און קריגט זיך, און מען שפּאַלט אַ האָר, און מען וואָרפֿט זיך מיט גמרות, מען בראָקט מדרשים, און מען „דער־לאַנגט זיך" מיט בפּירושע רמב"מס... וואָס איז? — יידן האָבן זיך געטראָפֿן אין וועג און מען פֿאַרברענגט אַזוי, מען פֿירט תורה־מלחמות, לשם שמים; מען לעקט די פֿינגער, מען איז זיך מחיה מיט אַ חידושל וואָס מען איז מחדש, מיט אַ געשמאַקן אײַנפֿאַל, מען האָט הנאה פֿון איבערזאָגן אַ געהערט שטיקל תורה... איר שפּילט זיך מיט יידן און מיט זייער תורה?!... אָבער שוין ניטאָ דאָס אַלץ. ניטאָ דער תּלמיד חכם און ניטאָ אויך דער כּשרער שטעטלשער עם הארץ, וואָס איז ניט קענענדיק געווען מלא תורה כּרימון. אַן אַנדער תּקופֿה, אַנדערע יידן, קיין צוריק איז ניטאָ. מעג עס פֿאַרדריסן, מעג עס ווי טאָן, אָבער וואָס עס איז געווען אין יענער תּלמודיש־שטעטלשער תּקופֿה איז ניטאָ און וועט שוין מער ניט זײַן.

האָבן מיר עטלעכע מדרגות פֿון פֿאַרגאַנגענער יידישקייט און אַלע אַמאָלי־קע יידישקייטן האָבן זייערע הײַנטיקע חסידים, אַנהענגער, וואָס ווילן ניט אַנ־דערש צוריקברענגען זייערע באַליבטע תּקופֿות. מיר וועלן אויסרעכענען עט־לעכע:

קודם כּל קומען די „פּרעהיסטאָרישע", די „כּנענים". נאָך דעם קומען די תּנכיסטן. די זײַנען גאַנץ שטאַרק און גאַנץ האַפֿערדיק: די גאַנצע וועלט האַלט פֿון תּנך! ווײַטער קומען די אָרטאָדאָקסן מיט דער תּלמודישער יידישקייט.

און אַחוץ די אַלע ריכטונגען און שיטות זײַנען נאָך פֿאַראַן בײַ אונדז די אַלע וואָס דאַרפֿן בכלל ניט קיין שום יידישקייט. זיי זײַנען גליקלעך ווען מען לאָזט זיי אין גאַנצן פֿאַרגעסן די יידישע זיידע־באָבע. אויס! אויך די האָבן צו זיך נאָך אַ מדרגה: די וואָס זײַנען דערווײַל נאָך „ערבֿ־גויִים": אויף אַזוי פֿיל וואָס אין אַמעריקע איז דער מינהג צו געהערן צו אַ קלויסטער, דאַרפֿן זיי אויך ווי גוטע אַמעריקאַנער געהערן צו נאָר אַזאַ מין קלויסטער, וואָס איז „דזשויִש". פֿאַר די איז חנוכּה — דער יידישער קריסטמעס, פּורים איז דער יידישער האַ־לאָווין און אַזוי כּסדר. די זײַנען שטאָלץ מיט זייער ראַבײַ, וואָס איז באַפֿרײַנדט מיט די שכנישע גלחים. זיי ווילן זײַן גויִים פֿון יידישער קירכע, וואָס מען רופֿט זי „טעמפּל", ווי די ניט־יידן רופֿן זי. פֿאַראַן צווישן זיי אַזוינע וואָס אידענ־טיפֿיצירן זיך ווי „זײַאָניסטן", וואָס גיבן גרויסע „דאָניישאָנס" (נדבֿות), ווי עס איז דער „סטײַל" בײַ די גוטע אַמעריקאַנער, אָבער אויסער דעם טעמפּל מיט

דעם „פֿרייערבוך" (ניט סידור און ניט מחזור, נאָר תּפֿילהבוך) וואָס איז אויך מער אין ענגליש ווי אין אָריגינאַל, אויסער דעם האָבן זיי מיטן ייִדישן פֿאָלק קיין שום שײַכות ניט. זיי ווייסן אפֿשר אַז אין „איזראַעל" נוצט מען די שפּראַך פֿון בײַבל, וואָס מען רופֿט עס „היברו". אָבער זיי דאַרפֿן עס ניט. קען זײַן אַז דער ראַבײַ, וואָס לייענט אַלע „היברו־ווערטער" אין דעם פֿרייערבוך, קען זײַן, אַז ער קען אויך אָט די היברו־שפּראַך. קען זײַן אַז ערגעץ האָט זיך נאָך צו־פֿעליק פֿאַרוואַלגערט אַ בוך מיט ייִדישע אותיות, וואָס מען האָט ניט באַמערקט אַרויסצוּוואַרפֿן, ווי אַ צופֿעליקער ייִד אויף דער אַרישער זײַט אין די צײַטן פֿון חורבן. דאָס איז דײַן פֿאָלק, רבונו של עולם, אין אַמעריקע!...

## נאַטירלעכע ייִדישקייט און געלערנטע

עס פֿעלט אָבער אין טיף ייִדן, עס פֿעלט אין גאַנצן אין אַמעריקע דער טיף פֿון דעם עם ארצישן ייִדן, דאָס איז געווען אַ ייִד אָן תּורה, אָן אַ „שײַטל עבֿרי", אָן אַ סימן פֿון תּורה, און דאָך אַ ייִד, מיט טראַדיציעס, מיט אַ שטייגער, מיט אַ ייִדישער פּסיכיק און מיט אַ טיפֿער באַוווּסטזיניקער אידענטיפֿיקאַציע. ייִדן וואָס זײַנען געוואַקסן אָן אַ בית מדרש, ווײַט פֿון אַ ייִדן, אין דערפֿער פֿאַרוואָרפֿן, אין פֿריצישע הייפֿן, אין קרעטשמעס בײַ וועגן — ייִדן „ישובֿני־קעס". און אַפֿילו אויב שוין יאָ אין שטעטל, ערגעץ אין אַ „העק", פֿינצטערע לאַטוטניקעס, און אַפֿילו אונטערוועלט מענטשן, אַפֿילו טיפֿן פֿון „קיווקע גנבֿ" (אַפּאַטאַשו), און אַפֿילו אָט אַזוינע, ווי די שינדערס פֿון דער בוינע אין ווילנע מיט אַ מעסער אין כאַלאַווע, אַפֿילו דער „ברודער־פֿאַריין" פֿון ווילנער ייִדישע גנבֿים... אַפֿילו די זײַנען געווען פֿולע ייִדן, דיאַמעטראַל ווײַט פֿון די ענלעכע טיפֿן בײַ די שכנישע פֿעלקער; זייער ייִדישקייט איז געווען אויסער וואָס עס איז ספֿק. עס איז געווען אַ „ווילדע" ייִדישקייט, אַ נאַטירלעכע, ניט קיין קול־טיווירטע ייִדישקייט, ווי אַ ווילדער עפּלבוים אין וואַלד. טאַקע שלעכטע, זויע־רע עפּעלעך, „אין מויל ניט צו נעמען". אָבער עפּל זײַנען דאָס געווען אָן ספֿק. איין עפּלבוים אין אַ גאַנצן וואַלד פֿון סאָסנעס, און ער איז געבליבן אין משך פֿון דורות אַן עפּלביימל, ער האָט זיך ניט געקאָנט „אַסימילירן" אין קיינע „מערהייטן". איין מאָל אַן עפּלבוים איז שוין אַלע מאָל אַן עפּלבוים. אַזוי איז געווען דער עם ארצישער ייִד אין אַ וועלט פֿון גויים. די עם ארצים האָט מען געקאָנט, זיי אָדער זייערע קינדער, האָט מען געקאָנט קולטיווירן ווי מען קול־טיווירט אַ ווילדן עפּלבוים. מען האָט אויף אַ ייִדישן עם הארץ געקאָנט „אַרויפֿ־גרעפֿטן" ייִדישע תּורה, ייִדישע קולטור, — און עס קומט אַרויס די ייִדישע אינטעליגענץ. דער גרעסטער בויער פֿון תּלמודישער ייִדישקייט — רבי עקיבֿא — איז געוואַקסן אַן עם הארץ, און ער איז ניט איינער געווען. ניט אומזיסט זאָגט

עס אָן נאָך אַן אַלטע גמרא, מען זאָל זײַן פּאַרזיכטיק מיט די קינדער פֿון עם ארצים, ווײַל פֿון זיי קומט אַרויס תּורה, ייִדישע קולטור.

אין דעם איז דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן דער פֿריערדיקער תּלמודיש־שטעטלשער תּקופֿה און דער איצטיקער, דער אורבאַנישער: אין אור־באַניזם האָבן מיר ניט קיין ייִדישע עם ארצים. אַלע ייִדן, אַלע קינדער ווערן טאַקע קולטיווירט, אָבער די קולטור איז אַ פֿרעמדע, ניט קיין ייִדישע, פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק. געגליכן ווי מען וואָלט אויף ווילדע עפּלביימער געגרעפּט מאַראַנצן.

עס איז ניט קיין פֿראַגע פֿון מערהייטן און מינדערהייטן; צי זײַנען אין אַ שטאָט אַ סך ייִדן, צי אין אַ שטעטל בלויז געציילטע ייִדן, צי אין אַ דאָרף בלויז יחידים — זײַנען די ייִדן אַלע מאָל, אין זייער שטייגער, גאַנצע טעג און גאַנצע יאָרן געווען בלויז ייִדן, נאָר ייִדן. עס האָט געקאָנט זײַן אַן אונטערשייד אין דער מדרגה פֿון ייִדישקייט — פֿון גאָר „ווילדער" ביז דער העכסט־קולטי־ווירטער. דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון כּמות, די איכות איז אָבער אַלע מאָל די זעל־ביקע. צי איין קליין ליכטל, אָדער אַ גרויסער בליצלאָמפּ, אָבער ליכט איז ליכט.

אין אורבאַניזם אָבער ווערט מיט ייִדישקייט אַ גאַנצער פּלאָנטער: בּיאָלאָ־גיש, לויט אַלע גענעטישע נאָרמעס זײַנען ייִדן — ייִדן טאַקע; די אָרגאַנישע שטריכן זײַנען אַלע ייִדישע. אָבער די גאַנצע סאָציאַלע ירושה, דאָס אַלץ וואָס אַ קינד קריגט אין די ערשטע יאָרן פֿון זײַן לעבן (און דאָס איז דער וואָגיקסטער חלק אין דעם מענטשן) דער וויכטיקסטער פֿונדאַמענט אין אים — דאָס קריגט דאָס ייִדישע קינד ניט פֿון דער ייִדישער וועלט, ניט פֿון דער ייִדישער סאָציאָ־לער אַטמאָספֿער. פֿאַראַנען שטעט מיט אַ מערהייט ייִדן, אָבער דאָס אַלץ וואָס אַ מענטש זאַפּט אין זיך אַרײַן אין די ערשטע יאָרן פֿון זײַן לעבן — דאָס איז שוין ניט קיין ייִדישע. אין דער היים — די שפּראַך, די צײַטונג, דער ראַדיאָ, טעלעוויזיע, די אויפֿשריפֿטן אויף פּראָדוקטן וואָס מען קויפֿט, די אַלע געזאַנ־גען וואָס מען הערט, די טעג ווען די עלטערן רוען, ווען זיי זײַנען אין דער היים, די יום טובֿים זייערע — אַלץ איז פֿון דער פֿרעמדער, ניט ייִדישער וועלט. די שילדן אין די גאַסן, די שרײַאיקע אויסשטעל־פֿענצטער — אַלץ קומט פֿון דער ניט־ייִדישער וועלט אויב אַפֿילו די מערהייט אײַנוווינער זײַנען ייִדן...

און אויף דעם קומט איצט די שול, די אָבליגאַטאָרישע מלוכה־שול מיט איר גאַנצן שווערן יאָך, מיט צוואַנג: אָדער דו פּאַסט זיך אַרײַן אין דער גאַנ־צער ריכטיקער אָדער פֿאַלשער קולטור, אָדער דו פֿאַלסט אַרויס פֿון לעבן בכלל... דאָס איז דער כאַראַקטער פֿון אורבאַנישן גלות. אין דעם שטעטלשן גלות איז די נשמה פֿון אַ ייִדן געבליבן גאַנץ — אַ ייִד געבאָרן — אַ ייִד גע־שטאָרבן. דער גלות האָט די נשמה ניט אָנגערירט. מען האָט יע געקאָנט אַרויפֿ־

גרעפּטן אַ פֿרמעדע קולטור, אָדער ניט. צו דער נשמה איז עס ניט דערגאַנגען. אַפֿילו אַ געשמדטער ייִד איז פּאָרט געבליבן אין נשמה אַ ייִד. אין אורבאַניזם איז עס פּונקט פֿאַרקערט: אויף דעם ניט־ייִדישן וואָרצל, אויף דער גאַנצער ניט־ייִדישער קולטור פֿון שול, ווערט „צוגעגעבן" אַ פּאַרציע „ייִדישע דערציִונג", — געגליכן צו מאַראַנצן וואָס מען שפּריצט אין זיין אַרײַן עפּלזאַפּט...

## רעליגיע און קולטור

ווי שמעלצן זיך צונויף די גענעטיש־ייִדישע עלעמענטן מיט די ניט־ייִדישע עלעמענטן פֿון היים, גאַס און שול — דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס, וואָס זײַנע רעזולטאַטן קענען זײַן פֿאַרשיידענע. ווי עס קען ווירקן אויף דעם גאַנצן קאָמפּלעקס די צוגעגעבענע ייִדישע דערציִונג — דאָס איז ווידער אַ פֿראַגע, וואָס מען קען קיין אַבסאָלוטן ענטפֿער ניט געבן. עס הענגט אָפּ פֿון אַזוי פֿיל פֿאַקטאָרן און „סוב־פֿאַקטאָרן", אַז מען קען קיין מאָל ניט פֿאַרויסזען דעם רעזולטאַט. קיין נאַטירלעכע, קיין „ווילדע" (ד"ה קיין אָרגאַניזירטע, ניט קיין אויסגעלערנטע) ייִדישקייט איז שוין אָבער לכל הדעות ניטאָ. עס איז אין בעסטן פֿאַל אַ ייִדישקייט פֿון באַוווסטזײַן: אַ מענטש נעמט אויף זיך אַ חובֿ צו זײַן אַ ייִד, הגם לויט זײַן גאַנצן אינהאַלט פֿון געבוירן אָן איז ער עס ניט געווען. יעדער ייִד אין דער אורבאַנישער תּקופֿה איצט איז אַ מין גר — אַ מענטש וואָס האָט אויף זיך גענומען צו זײַן אַ ייִד. דאָס איז אין ייִדנטום עפּעס גאָר אַ נײַעס. קריסטנטום איז לכתחילה געווען אַ רעליגיע. מענטשן, פֿעלקער האָבן גענומען און באַשלאָסן, אַז זייער קולטור איז אַ קולטור, אָבער זייער רעליגיע דאַרף מען בײַטן. און אָט די באַשטימטע קריסטלעכע רעליגיע געפֿעלט זיי. נעמט אַ פֿאָלק וואָס האָט שוין אַ קולטור און מען ווערט קריסטן. צו דער קולטור איז צוגעקומען אַ רעליגיע. צוויי באַזונדערע געביטן זײַנען דאָס — קולטור פֿאַר זיך און רעליגיע באַזונדער. „וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס פֿאַרן קייסער איז ווידער באַזונדער". קולטור איז אַ שטיגער פֿון לעבן אַ גאַנצן טאָג און אומעטום — אין דער היים, אין גאַס און אין געזעלשאַפֿט. קיין מענטש קען ניט באַפֿרײַען זיך פֿון זײַן שטייגערישער קולטור, סײַדן ער איז גײַסטיק קראַנק. די רעליגיע איז ווי אַ בגד, וואָס אַז איך וויל טו איך אָן אײַן בגד, אַז איך וויל — טו איך אָן אַ צווייטן. מיר האָבן אָבער ביז איצט ניט געהאַט אַזאַ דואַליזם. אונדזער שטייגער, די אײַנגעשטעלטע נאָרמען פֿון לעבן — זיי זײַנען געווען אונדזער רעליגיע. ייִדן האָבן אויסגעמיטן די אייגנטלעכע סימנים פֿון רעליגיע — די טעאָריעס וועגן גאָט, די אָבליגאַטאָרישע קרעדאָס פֿון אַ גאָט־גלויבן. דער צענטער פֿון ייִדישקייט איז געווען דאָס פֿאָלק און ניט דער ייִדישער גאָט. איצט איז עס אויפֿגעקומען די סכנה אַז די גאַנצע ייִדיש־

קייט זאָל זיך טראַנספאָרמירן פון אַ שטייגער־קולטור אין ווערן אַ רעליגיע. אין בעסטן פאַל קען אונדז פאַרשטיין אַזאַ מין צוקונפט: יידן אין דער וועלט ווערן אויס איין פאָלק מיט איין שטייגער און מיט איין קולטור. זיי גיסן זיך צונויף אין יעדער לאַנד באַזונדער מיט דעם הויפּטפאָלק פון דער מדינה. פון יידיש־קייט בלייבט ביי זיי נאָר אַ געוויסער טייל פון עכטער רעליגיע. דאָס הייסט איבערהויפּט עטוואָס פון אַ פאָרעם ווי צו דינען גאָט, געוויסע פאָרמען פון רע־ליגיעזן קולט. דאָס איז די גאַנצע יידישקייט. דאָס איז שוין אייגנטלעך געווען ביי יידן אין מערבֿ־אייראָפּע: דייטשן פון משהס גלויבן, פראַנצויזן פון דעם גלויבן וכדומה. אַפילו פאָליאַקן און רוסן פון דעם מין. אויסער דער רעליגיע־זער צערעמאָניע האָט די יידן פון פאַרשיידענע לענדער שוין גאָרניט פאַר־בונדן... סיידן אפשר צדקה. אָבער אויך דאָ האָט מען געקאָנט טיפער אַ קראַץ טאָן און געפינען: אַ פּאַטריאָטישן אונטערשלאַק צו דינען דער מדינה און אַ ווילן צו לאָזן די אימיגראַנטן פאַרן ווייטער. זיך צו איזאָלירן פון צו פיל יידן און צו פיל „אָסט־יודען"... עס זאָגן עדות פאַרשער, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן יידן פון פראַנקרייך געקעמפט קעגן דייטשישע יידן מיט ניט ווייניקער געטרייקייט צו זייערע לענדער, ווי די אַנדערע פראַנצויזן און אַזוי אויך פאַרקערט. די יידן האָבן זיך אין גאַנצן אידענטיפיצירט מיט זייערע לענדער, מיט די מדינות, און ניט מיט דעם יידישן פאָלק. דער אונטערשייד צווישן יידן פון צוויי לענדער איז געוואָרן אַלץ גרעסער, גרעסער די דערווייַ־טערונג, ווי פאַרשיידענע פעלקער וואָלטן עס געווען.

עס פלעגט מיר אין ארץ ישראל תמיד זיך אויסדוכטן אַז מיר, יידן פון מיזרח־אייראָפּע האָבן מער געמיינזאַמס מיט די יידן פון תימן, ווי מיט די יידן פון דייטשלאַנד אָדער פון פראַנקרייך. דאָס געמיינזאַמע איז געווען דער באַ־וווסטזיין פון גלות. די דייטשישע יידן אָבער האָבן אין ארץ ישראל זיך געפילט ווי זיי זיינען ערשט אין ארץ ישראל אין גלות ביי די יידן פון מיזרח־אייראָפּע... זיי זיינען די עכטע דייטשן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון עפּעס אַ צופעלי־קער מגפה. זיי זיינען אין ארץ ישראל כדי צו קענען פירן ווייטער זייער עכט־דייטשישע לעבנס־קולטור. עס איז געווען צו באַוווּנדערן ווי ווייניק די רעליגיע, די געמיינזאַמע רעליגיע האָט באַוויזן צונויפצובינדן יידן פון פאַרשיידענע לענ־דער. מסתמא ניט מער ווי די געמיינזאַמע קאַטוילישע רעליגיע פאַרבינדט איטאַליענער, פראַנצויזן און פאָליאַקן מיט מעקסיקאַנער.

## די ריכטיקע דעפיניציע פון יידישקייט פון די חז"ל

דאָ ליגט די שווערע סכנה פון אורבאַניזאַציע פאַרן יידישן פאָלק: צע־שפּליטערונג לויט פעלקער, לויט שפּראַכן, לויט לענדער און קולטורן און פאַ־

מעלעכע אַרײַנאַסימילירן זיך אין די לאַנד־פֿעלקער אַרײַן, און אויס מיט דעם „גוי אחד בארץ״, מיט דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן פֿאָלק.

ווי ריכטיק דאָס האָבן פֿאַרשטאַנען די חז״ל! זיי האָבן דאָס אַרויסגעזאָגט אויף זייער שטייגער, מיט אַ דרש, און גאַנץ לאַקאָניש ווי זייער מינהג איז געווען. זיי האָבן געזאָגט „ייִדן זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מצרים ווײַל זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען, זייער שפּראַך און די אומפֿאַרמולירטע פּירוגגען זייערע (אַ מדרש). און דאָ איז אינטערעסאַנט: זאָגן מצרים און מיינען בכלל אַלע מאָל, וואָס דורך דעם האַלטן ייִדן אויס יעדן גלות, און זיי גייען ניט פֿאַרלאָרן. ניט די מצוות, די דינים, די הלכות; ניט די מצוות פֿון דער תּורה שבכתבֿ. און ניט די הלכות פֿון דער תּורה שבעל פּה, פֿון תּלמוד, נאָר דאָס אָפּהיטן דאָס פֿאָלקישע לשון, די פֿאָלקישע נעמען. און באַמערקן דאַרף מען: זיי האָבן זיך גערופֿן ניט דווקא מיט תּנכישע נעמען. אָבער פֿאָלקישע זײַנען זיי געווען. און דער עיקר — די וויכטיקייט וואָס זיי זעען אין די „מיסטוריין״ (די ניט־פֿאַרמולירטע מינהגים און פּירונגען). זיי האָבן שוין דעמאָלט אַזוי ריכטיק אָפּגעשאַצט די כּוחות פֿאַרן קיום האומה. דאָס זײַנען דעם פֿאָלקס שפּראַך, זײַן שטייגער און די פֿאָלקישע נעמען.

עס וועלן געוויס זאָגן קלוגע ייִדן: עס איז ניט קיין אונטערשייד צי אַ ייִד רופֿט זיך משה, דוד, אָדער ער רופֿט זיך נעמען וואָס זײַנען גאָר אין תּנך ניטאָ. מיט וואָס איז דאָס הלל און טרפֿון מער יחוס פֿון אַלפֿרעד און איגנאַץ? און מיט וואָס איז בערל מער ייִדיש ווי הילאַרי און עדמאָנד? חז״ל זײַנען אָבער געווען געדעכט: אַ נאָמען וואָס עלטערן גיבן אַ קינד דריקט אויך אויס די ליבע פֿון די עלטערן. בערל און וועלוול וכדומה זײַנען אַ סימן, אַז די וואָס האָבן דעם נאָמען באַנוצט פֿילן אַ ווילן זיך צו אידענטיפֿיצירן מיט די וואָס בײַ זיי זײַנען די נעמען די נאָרמע. זײַנען די נעמען אַלבערט און בערנאַרד אַ סימן, אַז דער ניט־ייִדישער נאָמען איז מער כּבֿוד, מער יחוס אין די אויגן; אַז מען האַלט עס פֿאַר מער יחוס זיך צו אידענטיפֿיצירן מיט יענעם פֿאָלק, וואָס פֿון אים האָט מען אויסגעבאָרגט די נעמען. אַז די ייִדישע נעמען און טראַדיציעס זײַנען שוין דערעסן, ניט אָנגענעם, דערווידער.

פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע אָן און ביז הײַנט גייט אָן אַזאַ דראַנג בײַ ייִדן צו פֿאַרמינערן ווי ווײַט מעגלעך די אידענטיפֿיקאַציע מיט ייִדן און פֿאַרקערט, צו פֿאַרשטאַרקן די אידענטיפֿיקאַציע מיטן הערשערישן לאַנדפֿאָלק.

דער דאָזיקער דראַנג איז ניט סתם עפּעס אַ קראַנקייט אַזאַ. ער האָט אויך סאָציאַלע מאָטיוון. די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט צעשטערט די פֿעאָדאַלע געזעלשאַפֿט. פֿריִער זײַנען ייִדן געווען אַ מין מיטלקלאַס צווישן די פּויערים און

פריצים. עס האָט זיך אין איראָפּע אָנגעהויבן די אורבאַניזאַציע און זי האָט געבראַכט די יידן אין אַ נאָענטע באַהעפטונג צו דער ניט־יידישער געזעלשאַפט.

אַז דאָס איז אַזוי קען מען זען פון דעם, וואָס אַן ענלעכער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען אין רוסלאַנד מיט אַ 150 יאָר שפּעטער. די זעלביקע יידן פון תחום האָבן אין די פערציקער יאָרן פון ניינצנטן י״ה בשום אופן ניט געוואָלט קיין שולן פאַר יידישע קינדער: „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם״ האָבן יידן געשריען אומעטום ווו עס איז געקומען ווי אַ שליח ד״ר מאַקס ליליענטאַל. די זעלביקע יידן אין תחום המושב האָבן מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער אָנגעפילט די מלוכהשע שולן. דער אונטערשייד איז געווען, וואָס פאַר דער צייט זיינען אין רוסלאַנד די פויערים באַפרייט געוואָרן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינדוסטריאַליזאַציע, אַן אייזנבאַן־בוי. די יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַן אָפּגעשלאָסענער סאָציאַלער קלאַס ווי זיי זיינען געווען אין די שטעטלעך.

## אַ פּרושישע באַוועגונג היינט

עס איז געקומען דער אָנהייב פון דער אורבאַניזאַציע. אָנשטאָט דעם אַלטגעזעסענעם שטעטלשן, דאָרפישן יידן טביה קומט אַרויף אויפן פאָדערגרונט זיין יינגערער קרוב — מנחם־מענדל, וואָס יאָגט זיך פון שטעטל אַרויס, לויפט און פאָלט ווי אַלע פּיאָנערן. די פּרושישע ריכטונג וואָלט אין אונדזער תקופה פון איבערגאַנג געהאַט אַ סך אַ שווערערע אויפגאַב. אין זייער צייט איז די יידישע הויפּטמאַסע סאָציאַל און עקאָנאָמיש געבליבן ווי פריער, ניט געענדערט. און זי — די פאָלקישע מאַסע — איז געבליבן אין איר אינערן, און זי איז מסתמא, ווי אַלע מאָל, געווען דער רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק בכלל. די פאַרבינדונג מיט אַנדערע פעלקער, מיט אַנדערע קולטורן האָבן געהאַט קלענערע טיילן פון פאָלק — גרעסערע סוחרים, שטאַט־מאַנער, פּאָליטיקער, די רייכערע בכלל. די פאָלקישע אינטעליגענץ האָט געהאַט איר ציל — פּורש צו זיין זיך פון דער „טומאת הגויים״ — אָפּזונדערן זיך, דערווייטערן זיך פון די ניט־יידישע פּירונגען, פון פרעמדן שטייגער, גיין מיט דעם גאַנג, מיט דער „הלכה״ פון פּשוטן פאָלק און אָט דעם גאַנג, די הלכה, צו פאַרהייליקן, ווי געגעבן פון גאָט; אַזוי אויך פאַראיינהייטלעכן — איין הלכה פאַרן גאַנצן פאָלק, און מיט דער איינהייטלעכער הלכה וועט זיין אויך דאָס גאַנצע פאָלק איינהייטלעך אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען, אין אַלע גלותן. די וואָרצלען זיינען געווען גאַנצע. ניט אין פאַרגלייך קאָמפּליצירטער און שווערער איז די אויפגאַב פון די היינטיקע „פּרושים״ אָדער פון די וואָס זיינען עקוויוואַלענט צו די פאַרצייטיקע פּרושים.

קודם כּל וואָלטן זיי זיך געדאַרפֿט רופֿן ניט פּרושים (דער אָפּשטאַם פֿון וואָרט „פּרושים“ איז בכלל ניט קלאָר), נאָר „פֿאָלקיסטן“ — די שווערסטע אויפֿגאַבע איצט איז ניט אַזוי צו פֿאַרהיטן זיך פֿון פֿרעמדע קולטור־השפּעות, ווי פֿאַרשטאַרקן דאָס פֿאָלקישע, וואָס האַלט כּסדר אין ווערן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. אין זייער צײַט איז ניט פֿאָרגעקומען אַזאַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענ־דערונג ווי די אורבאַניזאַציע אין אונדזער תּקופֿה. מען דאַרף אײַנהיטן דאָס פֿאָלקישע ווען דער טרעגער פֿון דעם פֿאָלקישן — דאָס פֿאָלק גופֿא, די מאַסן פֿון פֿאָלק — ענדערן זייער לעבן, זייערע אַלטע טראַדיציעס, זייער שטייגער. עס קומט אויס ווי יענער פֿאַרצײַטיקער משל: אײַנהיטן דעם ווײַן ווען די פֿאַס ווערט צעבראָכן. די שטעטלעך, דער סאָציאַלער באַזיס, גייט אונטער, זיי ווערן אויסגעליידיקט. דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿאַרוואַנדלט זיך אין עמיגראַנטן אָדער ערבֿ־עמיגראַנטן; דער בית מדרש הערט אויף צו זײַן דער איינציקער צענטער פֿון גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן; די גאַנצע דערציִונג און לערנען וואָס איז געווען אײַנגעשטעלט דורך לאַנגע דורות, הערט אויף צו זײַן צוגעפּאַסט צום לעבן: דאָס וואָס עס איז געווען גוט און פּאַסיק אין שטעטל און אין שטעטלשן בית מדרש, דאָס קען ניט זײַן פּאַסיק אין שטאָט און איבערהויפּט נאָך אין נײַע לענדער, מיט נײַע פֿעלקער. די שפּראַך פֿון פֿאָלק — דעמאָלט אַראַמיש — איז געווען אויסער יעדער סכּנה. די סכּנה פֿון גריכיש אָדער רוימיש האָט געקענט דראָען נאָר די אויבערשטע שיכטן פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, אָבער ניט דעם פֿאָלקישן מאַסיוו וואָס איז באַשטאַנען איבערהויפּט פֿון פּויערים. עס זײַנען טאָקע אָפּגעשווענקט געוואָרן גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק צוליב די פֿרעמדע שפּראַכן, אָבער דער שטאַם פֿון פֿאָלק האָט קיין מאָל ניט געקאָנט פֿאַרפֿלייצט ווערן. עס זײַנען געבליבן פֿאַרן המשך פֿון ייִדישן פֿאָלק די טיילן, די ישובֿים וואָס האָבן געערדט און געשאַפֿן אויף דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. די שפּראַך פֿון ריידן איז געוואָרן אויך די שפּראַך פֿון לערנען. און די הלכה איז געוואָרן פּונקט אַזוי הייליק ווי די מצווה! דאָס וואָס עס איז „מדרבנן“ איז אַפֿילו נאָך וויכטיקער ווי דאָס וואָס עס איז „מדאורייתא“.

איצט איז די לאַגע גאָר אַנדערש: אַפֿילו די העלעניזאַציע, וואָס האָט אין אַ דרײַסיק יאָר געקענט אָפּמעקן דאָס ייִדישע פֿאָלק בכלל, אַפֿילו זי איז געווען איבערהויפּט אַ שטאָטישע, אָן אורבאַנישע, נאָר אין די שטעט מיט ירושלים אַפֿילו. דער דאָרף האָט אָפּגעהאַלטן די העלעניזאַציע. די חשמונאים אַליין האָבן דאָך אויך געשטאַמט פֿון אַ דאָרף. אָבער שוין זייערע אייניקלעך, די דינאַסטיע פֿון די חשמונאים זײַנען געווען מער העלעניסטיש ווי ייִדיש. איצט איז דאָס עצם פֿאָלק, די פֿאָלקישע מאַסיוון, געוואָרן אויס פֿאָלק. גאַנצע שטעטלעך האָבן איבערגעוואַנדערט „בנערינו ובזקנינו“ — אַלט און יונג, קינד און קייט אַריבער

אין אַנדערע לענדער, מיט אַנדערע פֿעלקער, מיט אַנדערע ציוויליזאַציעס, אַנ־דערע פּרנסות, אַנדערע שטייגערס. און אין אַט די נײַע וועלטן האָט זיך דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס איז אַ גאַנצע תּקופֿה, גאַנצע לאַנגע יאָרהונדערטער געווען אָפּגעזונדערט ווי פֿון אינעווייניק מיט דער אייגענער הלכה, אַזוי אויך פֿון דרויסן מיט אויסנאַם־געזעצן — האָט זיך אין די נײַע לענדער געפֿונען מיט איין מאָל אויסגעגלײַכט, אַרײַנפֿילטרירט אין דעם אַלגעמיינעם לעבן... האָט דער מיזרח־אייראָפּעיִשער שבֿט פֿון יידישן פֿאָלק אין די נײַע לענדער איבער־געחזרט דעם זעלביקן גאַנג וואָס עס זײַנען פֿריִער געגאַנגען די מערבֿ־אייראָ־פּעיִשע יידישע שבֿטים. דאָס איז דער וועג פֿון אויסיִידישונג.

## פֿאָרויסטרײַבער און אײַנהאַלטער

אין יעדער באַוועגונג דאַרפֿן זײַן צוויי קעגנגעזעצטע כּוחות. עס דאַרף זײַן דער טרײַבער פֿאָרויס און עס מוז זײַן אַן אײַנהאַלטער, וואָס לאָזט ניט די באַ־וועגונג זאָל אַוועק צו גיך. די טראַדיציע פֿון פֿאָלק, דער אוראַלטער שטייגער איז געווען אַלע מאָל דער אײַנהאַלטער וואָס האָט ניט דערלאָזט דעם דראַנג צום נײַעם צו גיך זיך אָפּרײַסן פֿון דעם אַלטן. מיט דער שטאַרקער עמיגראַציע פֿון די יידישע מאַסן, מיט דער אויסליידיקונג פֿון די אַלטע שטעטלעך איז אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער כּוח, די גאַנצע אינערץ פֿון יידישן פֿאָלקיזם אין אונדזער הײַנטיקער אורבאַנישער תּקופֿה. האָט די אורבאַניזאַציע ניט גע־שאַפֿן קיין נײַע יידישקייט, קיין אורבאַנישע יידישקייט, ווי דער פֿאָלקיזם וואָלט עס באַדאַרפֿט באַשאַפֿן, נאָר עס איז אַוועק אַן אויסליידיקונג פֿון דער פֿריִער־דיקער תּלמודיש־שטעטלשער יידישקייט איידער עס האָט זיך אײַנגעפֿעסטיקט אַ נײַע, אַן אורבאַנישע יידישקייט. דאָס אַלטע צעשטערט, קיין נײַע נאָך ניטאָ, — איז דאָס דער פּראָצעס פֿון אויסיִידישונג. איז דער אידעאָלאָגישער פֿאָלקיזם געבליבן אַן אידעע, אַן אידעאָלאָגיע אָן וואָרצלען, אַ פֿאָלקיזם אָן אַ פֿאָלק. רופֿט דער פֿאָלקיזם אײַנצוהיטן, אָפּצוהיטן דאָס פֿאָלקישע וואָס איז שוין אין תּוך אַרײַן ניטאָ מער. אַזאַ סיטואַציע האָבן די פֿאַרצײַטיקע פּרושים קיין מאָל ניט געהאַט. די יידישע שטעטלעך זײַנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אויסגע־גאַנגען פֿון הונגער: אַלטע לײַט מיט „פּאַפּירענע קינדער" (די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַמעריקע), געלעבט האָט מען פֿון דער „פּאָסט", פֿון דער שטיצע וואָס די אַמעריקאַנער קינדער פֿלעגן צושיקן. אַזוי פּריוואַט, אַזוי אויך געזעלשאַפֿטלעך. די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט האָט זיך דאָך אויך געהאַלטן נאָר אַ דאַנק דער שטיצע פֿון אַמעריקע. איז דער אײַנהאַלטנדיקער כּוח פֿון שטעטלשער קול־טור געווען שוואַכער. האָט דאָך שוין גאָר לאַנג געזאָגט דער קלוגער קוהלת, אַז „חכמת המסכן בזויה", אַן אָרעמאַנס חכמה איז גאָר ניט אָנגענומען.

אָבער דאָך האָבן ייִדישע שטעטלעך כּסדר אַרײַנגעשיקט אין די שטעט אַרײַן און אויך אין די נײַע ייִשובֿים, נײַע און נײַע כּוחות וואָס האָבן געשאַפֿן, פּראָדוצירט אורבאַנישע קולטור־ווערטן פֿון שטעטלשן שטייגער, פֿון תּלמודיש־שטעטלשן אָפּשטאַם. אונטערגייענדיק פֿאַמעלעך, האָט דאָס שטעטל געשאַפֿן, גע־האָדעוועט זײַנע שענסטע פּרוכט. עס איז געווען אַ צונויפֿשמעלץ: דאָס אַלטע, פֿעסטע אײַנגעוואָרצלטע ייִדישע לעבן האָט זיך געטראָפֿן מיט די נײַע פֿורעמס פֿון אָנקומענדיקן אורבאַניזם, און עס איז אַרויסגעקומען אַלטער ווײַן אין נײַע כּלים, אַלטע, אוראַלטע ייִדישקייט אין מאָדערנע קונסט און ליטעראַטור־פֿאָרמען, אין נײַע געזעלשאַפֿטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע נאָרמען. נײַע, אורבאַנישע, אוניווערסאַלע פֿאָרמען האָבן אָנגעקליידט די אַלטע אינהאַלטן. עס איז אָנגע־גאַנגען אַן אורבאַנישע טראַנספֿאָרמאַציע פֿון דער שטעטל־קולטור. דאָס איז אַ נאָרמאַלער, נאַטירלעכער פּראָצעס. די נבֿיאים האָבן ניט איבערגעחזרט וואָרט אין וואָרט משהס תּורה; אַזוי האָבן אויך די אנשי כּנסת הגדולה טראַנספֿאָרמירט די לערנונגען פֿון די נבֿיאים און די פּרושים האָבן ווידער איבערגעפֿורעמט די געדאַנקען פֿון די כּנסת הגדולה אין הלכות וואָס זײַנען ווײַטער אַוועק אויפֿ־האַלטן דעם קיום פֿון פֿאָלק אין דער אייביקייט. און אַזוי האָט אויך דאָס שטעטל אין זיין פֿאַמעלעכן אונטערגאַנג נאָך אַלץ באַוויזן צו טראַנספֿאָרמירן אַלטע קול־טור אין נײַע קולטור־ווערטן.

די דאָזיקע נײַע ווערטן זײַנען אַרויס פֿון די וואָרצלען פֿון שטעטל. דער גאַנצער „רוישטאָך" פֿון שלום עליכמס קונסט, פֿון שאַגאַלס מאָלערײַ זײַנען גע־נומען נאָר פֿון שטעטל און אַליין זײַנען זיי געוואָרן אוניווערסאַל. און זיי זײַנען ווײַט ניט די איינציקע. דאָס איז דער נאַטירלעכער וועג פֿון קולטור־טראַנספֿאָר־מאַציעס בכלל.

## די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע קולטור

די נײַע קולטור־פֿאַרוואַרטונגען פֿון שטעטל זײַנען אויך אַריבער די גרע־נעצן פֿון דער טראַדיציאָנעלער, קאַנאָניזירטער רעליגיע. אין שטעטל גופֿא, אין דעם אַלטן, טראַדיציאָנעלן שטעטל אײדער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אור־באַניזאַציע איז דער כאַראַקטער פֿון דער גאַנצער ייִדישער שאַפֿונג געווען בלויז רעליגיעז, פֿאַרהייליקט, אַלץ אין די ראַמען פֿון רעליגיע: משפּחה־לעבן, סאָ־ציאַלע הילף, געריכט־וועזן, פּאָעזיע און דענקען — אַלץ איז געווען באַפֿאַרבן רעליגיעז. אַלץ האָט געשטראָמט אין איין געלעגער, ווי אַ טײַך וואָס גיסט זיך צונויף פֿון אַ סך פֿאַרשיידענע שטראָמען. זינט עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן די אורבאַניזאַציע איז פֿאַר די נײַע שאַפֿונגען געעפֿנט געוואָרן אַ נײַער געלע־גער, דער שטראָם איז אַוועק אויף אַ נײַעם וועג — עס איז געוואָרן אַ נאַציאָ־

נאַלע קולטור, אָבער ניט קיין רעליגיעזע. זי איז געווען דורכויס יידיש — לויט איר שפּראַך און לויט איר כאַראַקטער, לויט אירע שטימונגען און שטרעבונגען, און דאָך ניט פאַרהייליקט רעליגיעז. אַזוי איז אויפגעקומען די נאַציאָנאַל-וועלטלעכע קולטור.

זי איז אין גאַנצן ניט געווען אין מערבֿ-אייראָפּע. דאָרטן האָט די אורבאַניזאַציע געבראַכט מיט זיך אויך די עמאַנציפּאַציע. זי האָט אין גאַנצן איבערגעריסן דעם יידישן קולטור-שטראָם. עס איז אַוועק אַ האַסטיקער שטראָם פון אַסימילאַציע, אַ דירעקטער איבערגאַנג צו אויסיידישונג. מיט אָדער אָן אַ שטיקל רעליגיע-אַפּענדיקס. אין מיזרח-אייראָפּע זיינען די יידן ביי דער אורבאַניזאַציע אויך געבליבן אָפּגעטיילט פון הויפּטפאָלק ווי געאָגראַפיש דורך דער באַגרענעצונג, אַזוי אויך דורך אַנדערע אויסנאַם-געזעצן. דאָ איז פאַרגעקומען אַ נאַטירלעכע טראַנספאָרמאַציע פון דער שטעטלשער שטייגערישער קולטור אין די נייע, אוניווערסאַלע אורבאַנישע פאָרמען. דאָס פרייערדיקע רעליגיעזע איז געוואָרן וועלטלעך און וועלטיש. דאָס יידישע לעבן אין די שטעט פון מיזרח-אייראָפּע איז זיך געפלאָסן פּאַראַלעל צו דעם אַלגעמיינעם, אָבער פאַר זיך. עס איז אויפגעקומען אַ קלאַס פון אַרבעטער, ניט סתם בעל מלאכהשע לערנייינגלעך. פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, קאָאָפּעראַציעס און קאָאָפּעראַטיוון, סאָציאַלע אינסטיטוציעס, אָבער פאַר זיך, באַזונדער יידישע. יוריסדיקציע איז געבליבן מיט דער טראַדיציע ביים רבֿ, אין בית-דין-שטיבל; צדקה-אָרגאַניזאַציעס ווידער-אַמאָל פאַר זיך. יידישע פּאָליטיק. איז אויך געווען אַ פאַרזיכיקע וועלטלעכע קולטור. מען האָט געקאָנט ריידן וועגן אָפּטיילן רעליגיע פון יידישקייט. ניט מען האָט געדאַרפט, נאָר מען האָט געקאָנט, ווייל אַחוץ דער רעליגיע איז דאָס יידישע לעבן געווען פול מיט געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אינהאַלט אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון רעליגיע, פון די רעליגיעזע אינסטיטוציעס. דאָס איז דער מקור פון דער וועלטלעכער קולטור. איז געווען אַ פּרעסע און אַ ליטעראַטור. און ועל כולם איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרזיכיקע שולסיסטעם, אַ גאַנצע דערציִונג-פּראַקטיק. עס איז געווען פאַקטיש אַ וועלטלעכע יידישקייט. זי האָט זיך אין תוך אַריין געקאָנט צונויפלעבן פריינדלעך מיט דער רעליגיע. איינע האָט געקאָנט געניסן פון דער צווייטער. האָט דאָס רעליגיעזע לעבן געקראָגן זיין קינסטלערישע באַלייכטונג אין קונסט און ליטעראַטור. האָט די נייע ליטעראַטור געקאָנט מיט דער צייט ממלא זיין וואָס אין דער רעליגיע האָט געפעלט, ווייל די גאַנצע יידישע רעליגיע איז דאָך ניט אַנדערש ווי די פאַרהייליקונג פון אַלטע און עלטערע שטייגער-פאָרמען, וואָס זיינען לכתחילה געווען וועלטלעך. אַזוי איז דאָך דער גאַנג פון דער יידישער קולטור: דאָס נייע און וועלטלעכע לעבט זיך איין און ווערט אַן אַלטע דורותדיקע געוווינהייט. דאָס

איַינגעלעבטע אַלטע ווערט פֿאַרהייליקט, ווערט אַ טייל פֿון רעליגיע. דאָס רע־ליגיעזע אין ייִדישקייט איז אַמאָל, אין אוראַלטער געווען וועלטלעך און דאָס הײַנט־וועלטלעכע דאַרף אין משך פֿון דורות ווערן רעליגיע.

## די אַנטי־רעליגיעזע וועלטלעכקייט

דער דאָזיקער נאָרמאַלער, שלומדיקער פּראָצעס פֿון פֿאַרוועלטלעכונג און פֿאַרהייליקונג פֿון ייִדישקייט איז אָבער געשטערט געוואָרן מיט אַ ריכטונג וואָס איז געקומען פֿון דער פֿרעמד. דער קאַמף קעגן רעליגיע, די אַנטי־רעליגיעזקייט.

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם קאַמף קעגן דער רעליגיע און אויף דעם קאַמף, וואָס די רעליגיעזע ייִדן האָבן אָנגעהויבן קעגן דער וועלט־לעכער ייִדישקייט. ער איז געבראַכט פֿון דער פֿרעמד, ער האָט אין זיך עלע־מענטן פֿון נאָכמאַכונג.

דאָך אָבער זײַנען אין ייִדישן לעבן גופֿא געווען צוויי פֿאַקטאָרן וואָס האָבן געהאָלפֿן דעם קאַמף צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט. און אָט זײַנען זיי:

אין שטעטל איז דאָס גאַנצע לעבן געווען דורכויס רעליגיע. אַ ניט פֿרומער וואָלט געדאַרפֿט זיך אָנשטרענגען, גיין קעגן דער נאָרמע, טאָן צו להכעיס. שבת און יום טובֿ האָט ער געמוזט רוען. אַ ברירה האָט ער געהאַט? אַנדערש איז עס געוואָרן אין אורבאַניזם. ביסלעכווײַז זײַנען שבת און יום טובֿ געוואָרן וואָכעדיקע טעג, פֿאַרפֿאַלן. סײַדן געציילטע עקשנים.

דער „תּכלית" פֿאַר די קינדער צווינגט פֿאַרט די פֿרעמדע שול און קול־טור... במילא ווערט מען אַלץ טיפֿער אַרײַנגעדרונגען אין דער פֿרעמדער קולטור, במילא ווערט דער אייגענער טראַדיציאָנעלער שטייגער אַלץ שוואַכער און שוואַכער. כּדי צו זײַן אַ ייִד אין שטייגער, כּדי זיך צו פֿירן ווי אַ ייִד דאַרף מען זיך אָנשטרענגען. כּדי זיך אָנשטרענגען דאַרף מען האָבן דערצו אַ פֿאַרלאַנג, אַ שטאַרקן ווילן. מען איז צו פֿיל אַרײַנגעוועבט אין דעם אַלגעמיינעם, ניט ייִדישן לעבן. און עס איז גאָר אָפֿט אויך פֿאַרבונדן מיט עקאָנאָמישע מאָטיוון.

קען אַ ייִד זײַן אין זיך, עמאָציאָנעל שטאַרק פֿאַרבונדן מיט ייִדישע טראַ־דיציעס, אָבער כּדי ניט צו אַרבעטן שבת, ניט צו פֿאַרבייגן דעם יום טובֿ, דאַרף מען פֿאַרמאָגן גאָר אַ שטאַרקן ווילן און אויסגעהאַלטנקייט. וואָס מער עס אַנט־וויקלט זיך די מאַסן־פּראָדוקציע אויף אַלע געביטן פֿון לעבן, פֿון אַרבעט, פֿון גאַס, פֿון פֿאַרווײַלונג, — אַלץ מער אָנשטרענגונג פֿאָדערט זיך צו קענען זײַן אַ ייִד. און אין דער זעלביקער מאָס ווערט מען פֿאַרקערט ביסלעכווײַז צוגע־וווינט, מען געוווינט זיך אָפּ פֿון צו זײַן אַ ייִד.

דער צווייטער פֿאַקטאָר איז נאָך אַן עלטערער: שׂינאת חינם. אַן אַלטע ייִדי־שע מחלה, זאָל ניט אויסגערעדט זײַן. אַ ייִד זעט בײַם צווייטן ייִדן נאָר די חסרונות... און מען דאַרף קריטיקירן, זײַן קעגנעריש; הײַנט בכלל... דאַרף מען רימען און לויבן די אייגענע סחורה. און דער בעסטער מיטל דערצו איז — קריטיקירן אַלע אַנדערע סחורות. איז דאָס גאַנץ אָפּט אַ מחלוקת פֿאַר דער מאַכט אין ייִדישן לעבן. שיטן די פֿרומע פֿעך און שוועבל אויף די ניט־פֿרומע. און פֿאַרקערט — ניט ווייניקער. קריגן זיך רעליגיעזע גרופּעס צווישן זיך. און דער וויכטיקסטער אַרגומענט אין די קריגערײַען איז דאָס אויסבטלען קעגנזײַ־טיק איינע די אַנדערע. דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך געענדערט ביז גאָר: אַנ־דערע לענדער, אַנדערע פֿעלקער, אַנדערע פּרנסות און אַנדערע שפּראַכן, אַנדע־רע געזעצן נאַרמירן דאָס ייִדישע לעבן, אַנדערע סאָציאַלע באַדינגונגען, אַנדערע באַציִונגען צווישן פֿעלקער. עס איז דער אונטערשייד צווישן שטעטל און שטאָט ניט בלויז אין צאָלן ייִדן. עס זײַנען געווען צוויי וועלטן — דאָס ייִדישע שטעטל און דער פּויערישער דאָרף, דער ייִדישער שבת און דער גויישער זונטיק, דער ייִדישער עילוי און דער פּויערישער שיכּור, דער ייִד אַ בן תּורה, אַפֿילו ווען אַן עם הארץ און דער פּויער — דורותדיקער אַנאַלפֿאַבעטיזם. איז פֿאַר דעם ייִדן אין שטעטל געווען דער גרעסטער פּחד אַז זײַן קינד זאָל, חלילה, ניט בלײַבן קיין „יורקע, פּעטרוק" — אַ שגץ, אַ שיקסע... אַל דאָס ייִדישע איז געווען די נאָרמע, דאָס גויישע איז געשטאַנען אַ סך נידעריקער פֿון דער נאָרמע.

פּונקט דאָס פֿאַרקערטע איז אין אורבאַניזם. דאָס ניט־ייִדישע איז דאָ די נאָרמע, און דער ייִד יאָגט זיך מיט אַלע כּוחות צו דערגרייכן די ניט־ייִדישע נאָרמע. אַן דעם פֿאַלט דער ייִד אַרויס פֿון לעבן בכלל, ווי סאָציאַל אַזוי אויך עקאָנאָמיש.

עס איז לגמרי ניט קיין פֿראַגע — אַלטע אָדער נײַע היים. ניט אין אַטלאַנ־טישן ים האָבן ייִדן אַרײַנגעוואָרפֿן דעם טלית און תּפֿילין. עס איז אַ פֿראַגע פֿון שטעטל און אורבאַניזם. אין שטאָט האָט דער ייִד פֿאַרגעסן זײַנע תּפֿילין, שוין אין דער אַלטער היים זײַנען די שטעט געווען ווייניקער שעפּעריש ווי די שטעטלעך. כּמעט אַלע גרויסע ייִדן, וואָס האָבן פֿאַרדינט אַ היסטאָרישן נאָמען כּמעט אַלע זיי שטאַמען דווקא פֿון קליינע שטעטלעך. בכל אופֿן האָבן זיי דאָרטן פֿאַרבראַכט זייער ערשטער קינדהייט. אַפֿילו אַזאַ באַרימט־ייִדישע שטאָט ווי ווילנע, אַפֿילו זי האָט שוין נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט אַ „שלעכטן" נאָמען בײַ די קליינשטעטלדיקע ייִדן: די גרויסע באַרימטע ישיבֿות זײַנען געווען ניט אין ווילנע, נאָר אין אַ וואָלאָזשין, אין אַן איישישאָק, מיר, טעלז, סלוצק, נאָווארידאָק און ראַדון — אַלץ קליינע שטעטלעך. אַפֿילו די קאָוו־

נער סלאָבאָדקע איז דאָך געווען פֿאַרט ניט קאָוונע, נאָר אַ פֿאָרשטאָט, איבערן טײַך. ייִדן אין די שטעטלעך אַרום ווילנע פֿלעגן זיך קלאָגן: זייערע זין, וואָס פֿלעגן פֿאָרן נאָכן חדר קיין ווילנע זיך לערנען אַ פֿאַך (אין דער ספּעציעלער פֿאַכשול „הילף דורך אַרבעט") פֿלעגן אין איין יאָר, אין צוויי יאָר גאָר פּשוט פֿאַרגעסן דאַווענען. אַפֿילו אין די צוויי ישיבֿות — אין ראַמײַלעס קלויז און אין קצבֿישער קלויז פֿלעגט מען „מורא האָבן" צו שיקן ייִנגלעך: „מען שיקט זיי לערנען און זיי ווערן דאָרטן שקצים"... די גאַס, די וועלטלעכע באַוועגונגען האָבן אָפּגעצויגן אַלע ישיבֿה־תּלמידים אַפֿילו. אויך די זײַנען על פּי רובֿ געווען געקומענע פֿון די שטעטלעך. ווילנער גופֿא זײַנען אין די ישיבֿות געווען גאָר ווייניק. דאָרטן האָט שוין דער אורבאַניזם צעשטערט די פֿריִערדיקע מאַגיסטיש־רעליגיעזע קולטור, וואָס האָט געהערשט אין קלאַסישן שטעטל.

ווער רעדט, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, ווען אַלע פּאַרטייען בײַ ייִדן האָבן אַזוי געגלייבט אין אַ ייִדיש אויטאָנאָם לעבן, ערשט דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע באָדנלאָזיקייט פֿון דעם אויטאָנאָמיע־חלום. ניט די הערשנדיקע רעגירונגען האָבן געלאָזן און ניט די ייִדן האָבן געוואָלט, די פּאָלאָניזאַציע האָט באַהערשט ווילנע, אַפֿילו ליטוויניזאַציע אין דער ליטע; די ייִדישע שולן, וואָס האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט ביז פּוילן האָט זיך פֿאַרפּעסטיקט האָבן איצט גענומען שוואַכער ווערן. זיי האָבן זיך סײַ ווי געהאַלטן מער מיט דער שטיצע פֿון אַמעריקע. אין די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט האָט אַ רוסישער שרײַבער, וואָס איז דורכגעפֿאָרן ליטע, געשריבן „אַפֿילו די זשידעס האָבן גענומען ריידן רוסיש" (לויט יולי העסען) און אין מיטן פֿון די דרײַסיקער יאָרן אין איצטיקן יאָרהונדערט האָבן אויך פֿרומע ייִדן גערעדט שוין צו זייערע אייניקלעך פּויליש.

דאָס אַלץ איז אַ סימן פֿון דער גרויסער ענדערונג אין דער קולטור־פּסיכישער אײַנשטעלונג פֿון ייִדן. אין דער אַלטער היים איז דער פּראָצעס געגאַנגען זייער פּאַמעלעך. אין אימיגראַציע איז דער זעלביקער פּראָצעס אַוועק מיט דער גיכקייט פֿון דזשעט. דאָס איז דער שטאַרקער אָנגריף פֿון דעם אורבאַניזם. צוזאַמען מיט דער שטעטלשער שפּראַך גייט אונטער אויך דאָס ייִדישע פֿאַרזיכיקע דענקען. אַלע אידעאָלאָגיעס וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין אָנהייב פֿון יאָרהונדערט גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אַלע זיי האַלטן זיך ביז איצט, הגם קיינע פֿון זיי איז ניט צוגעפּאַסט צום הײַנטיקן אורבאַניזם. אונדזערע אידעען און וויסנשאַפֿטן זײַנען אָדער קאָפּיעס אָדער צופּאַסונגען צו פֿרעמדע נאָרמעס.

דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק — די ריינע צאָלן ייִדן, וואָס האָבן אין אָנהייב פֿון נײַנצנטן י״ה געציילט אַשכּנזים אַרום 2 און 1/4 מיליאָן האָבן ערבֿ היטלער

געציילט ביי 15 מיליאָן (לעשטשינסקי „נדודי היהודים בדורות האחרונים", ז' 42). די גאַנצע מאָדערנע קולטור די ייִדישע, אַלע נייַע סאָציאַלע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרמעסטן — אַלע זייַנען געקומען דורך די שטעט פֿון די שטעטלעך. אַזוי זייַנען אַלע נייַע ייִדישע ישובֿים מיט אַלע זייערע אויפֿטוען, און לסוף — די ייִדישע מדינה — אויך זי איז אויסגעחלומט געוואָרן, אויסגעטראָגן און אויסגעשוויצט און אויסגעקעמפֿט פֿון די שטעטלעך.

און פֿאַרקערט, אומעטום ווו דער אורבאַניזם האָט זיך שוין אייַנגעשטעלט פֿעסט, אומעטום דאָרטן גייט ייִדישקייט אונטער הן עטנאָגראַפֿיש און אַזוי אויך קולטורעל, גייַסטיק. מער וויפֿל עס האָבן אומגעבראַכט אַלערליי פּאָגראָמען און רדיפֿות, זייַנען אָפּגעפֿאַלן פֿון ייִדישן פֿאָלק דורך אַסימילאַציע. מען קען זאָגן זיכער: אונדזער ייִדיש פֿאָלק וואָס באַרימט זיך אַזוי שטאַרק מיט זייַן „נצח ישראל לא ישקר", איז אין תּוך אַרייַן גאָר ניט אַזוי „נצחדיק". עס האָט אויסגעהאַלטן נאָר אין שטעטל — און אויך דאָס מיט גרויסע פֿאַרלוסטן. אין אורבאַניזם האָט דערווייַל נאָך ייִדישקייט ניט באַוויזן קיין לעבנס־כּוחות. ביז איצט האָט דער אורבאַניזם אומעטום אַטראָפֿירט ייִדישקייט. די אַטראָפֿיע דריקט זיך אויס אין פֿאַרוואַרפֿן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע קולטורעלע און בכלל געמיינזאַמע אַטריבוטן, אַלע אינטערעסן. ביאָלאָגיש ווערט דער ישובֿ פֿאַרעלטערט, די יוגנט מישט זיך אויס דורך געמישטע חתונות, די רעליגיע קען בלייַבן לענגער ווי אַ סעקטע פֿון הויפּטפֿאָלק. עס קען אויך בלייַבן אַ וויסנשאַפֿט וועגן אַמאָליקער „אַרכעאָלאָגישער" ייִדישקייט.

ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? — ווען עס איז פֿון דרויסן ניטאָ קיין אָפּשטויס־כּוח, וואָס דערלאָזט ניט די ייִדן זיך אַרייַנאַסימילירן אין דעם הויפּטפֿאָלק אַרייַן. אָבער עס איז אַך און ווי צו דער ייִדישקייט וואָס ווערט סטימולירט פֿון דרויסן. אַזאַ ייִדישקייט קען זייַן אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט פֿאַר פּסיכאָלאָגן, אָבער צו קיין שעפֿערישקייט קען עס כּמעט קיין מאָל ניט קומען. און אָט דער פּראָצעס פֿון אַטראָפֿיע, פֿון אויסייִדישונג גייט אָן אין אַלע נייַע אורבאַנישע ייִדישע ישובֿים. ווו דער פּראָצעס גייט גיכער און ווו ער ציט זיך פּאַמעלעך, אָבער ער קומט פֿאַר אומעטום, איבערהויפּט אין דעם גרעסטן ייִדישן קיבוץ הן געאָגראַפֿיש און הן דורך דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע.

## די נייַע מדינה

ווי אַ רפֿואה צו דער מכּה איז געקומען די פֿאַרזיכיקע ייִדישע מדינה. געחלומט האָט מען זי ווי אַ פּויערים־געזעלשאַפֿט. צום גליק איז זי ניט אַזאַ. זי ווערט אַלץ מער און מער אַן אורבאַנישע. צוגלייַך מיט אַלע פּראָגרעסיווע לענ־

דער, ווי די סאַמע אַגריקולטור ווערט אויך „אורבאַניזירט" (אינדוסטריאַליזירט). די אמתע ראָל פֿון דער מדינה איז גאָר אַ פּאַרקערטע: זי דאַרף עס ווערן די ערשטע אין דער וועלט, די ערשטע אין געשיכטע אורבאַנישע און דאָך דורכויס יידישע פֿאַרזיכיקע יידישקייט. זי דאַרף ירשענען פֿון דעם שטעטל זײַן מאָניס־טישע, פֿאַרזיכיקע יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט; אַ פֿאָלק וואָס לעבט און וואָס זאָרגט נאָר פֿאַר זײַן אייגענער קולטור, וואָס אַסימילירט אין איר אַלע אוניווער־סאַלע קולטורן, אַ ישובֿ וואָס דאַרף זיך ניט צופּאַסן צו קיין שום פֿרעמדער קולטור און שטייגער, וואָס דאַרף זיך רעכענען נאָר מיט זײַן אייגענעם לוח פֿון אַרבעט און רו, אַ ישובֿ וואָס איז אין גאַנצן אויטאָנאָם, פֿאַר זיך. עס איז אַ לאַנגער, אַ דויערנדיקער און אַ שווערער פּראָצעס, אַפֿילו ווען מען זאָל אין גאַנצן ניט דאַרפֿן זיך רעכענען מיט שוועריקייטן פֿון דרויסן. עס איז פֿאַר די יידן פֿון דער וועלט גאָר אַ שווערער ענין, פּסיכיש זיך צופּאַסן צו אַזאַ נײַער סי־טואַציע. עס איז מסתּמא שווער פֿאַר אַ מענטשן וואָס איז צוגעוווינט צו דעם אַרקטישן קאַלטן ווינטער מיט איין מאָל זיך אײַנלעבן אין אַ טראָפּישן קלי־מאַט... פֿאַקטיש האָט דאָס יידישע פֿאָלק זײַן פֿאַרזיכיקע קולטור און גײַסטי־קייט אַנטוויקלט נאָר אין גלותן, נאָר דאָרטן ווו מען האָט פֿון דרויסן געצוווּנגען צו זײַן באַזונדער, אָפּגעטיילט, ווו מען האָט ניט געלאָזט זיך אויסמישן מיט די הויפּטפֿעלקער. דער פּראָטאָטיפּ איז געווען טאַקע מצריים. דווקא ווו מען האָט די יידן אַזוי געדריקט האָבן זיי זיך פֿאַרמערט און פֿאַרשפּרייט. דווקא דאָ זײַ־נען יידן געוואָרן פֿון איין משפּחה אַ גאַנץ פֿאָלק, „עם בני ישׂראל".

דער האַלבער יאָרהונדערט גלות בבֿל האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר דעם דויערנ־דיקן קיום פֿון יידישן פֿאָלק מער ווי די פֿריערדיקע איינע און צוויי מדינות. און בכלל מוז מען דאָך מודה זײַן. אַז דאָס הײַנטיקע יידישע פֿאָלק, וואָס באַרימט זיך אַזוי מיט זײַן „אייביקייט", אָט דער „נצח ישׂראל" ציט זײַן געשיכטע די־רעקט ניט פֿון ארץ ישׂראל נאָר דווקא פֿון בבֿל, פֿון גלות, פֿון אַזאַ גלות, ווו יידן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט, ניט מיט דער קולטור פֿון הויפּטפֿאָלק און ניט מיט זײַן שפּראַך. משה האָט געפֿירט די יידן פֿערציק יאָר אין מידבר, מורא געהאַט די יידן זאָלן זיך ניט פֿאַרבענקען נאָך דעם זאַטן גלות אין מצרים... עס האָט אים ניט געהאָלפֿן: דאָס בענקען איז געבליבן, און ביז איצט... אין דעם איז די שוועריקייט פֿון דער מדינה.

ווי אַ תּולדה פֿון דער שוועריקייט קומט די צווייטע: דער דראַנג צו אַסי־מילאַציע, זיך־האַס, נעגאַציע צו דער אייגענער היסטאָרישער קולטור און זוכן „גוטע" פֿאָרמען צו אַנטלויפֿן פֿון איר. דאָס איז די „אויטאָאַסימילאַציע", וואָס טראָגט דעם שענערן נאָמען „שלילת הגלות". אָט דער עגאָפֿאָבישער סנאָביזם

האָט אין ארץ ישׂראל פֿאַרסמט עטלעכע דורות און ניט דערלאָזן די ערבֿ־מדינה זיך באַפֿרײַען פֿון דעם גײַסטיקן „גלות הנפֿש" אַזוי אַז מדינה זאָל קומען אַן אויסגעהיילטע, פֿעיִק צו פֿירן ווײַטער און צו אַנטוויקלען די היסטאָרישע ייִדיש־קייט... ערשט איצט איז צו מערקן גוטע סימנים פֿון אויסהיילן זיך. הלוואי זיי זאָלן געשטאַרקט ווערן. ערשט דעמאָלט וועט די מדינה קענען אויספֿירן איר גרויסע היסטאָרישע אויפֿגאַבע, צו באַפֿרײַען אַלע ייִדן פֿון דעם „גלות הנפֿש", פֿון דער עגאָפֿאָביע אין אַלע אירע געשטאַלטן און פֿאָרמאַציעס. עס איז נאָך ווײַט צו דעם. עס נייטיקט זיך שטאָלץ, מוט, גלויבן אין דער היסטאָרישער ייִדישקייט. עס איז אפֿשר געוועזן די שטאַרקע השפּעה פֿון דעם גלותדיקן נבֿיא פֿון דעם אָרעמען פֿאָלק אין גלות, מיט זײַן מעכטיקן אויסלאַכן די שטאַרקע געטער פֿון דעם מעכטיקן בבֿל (ישעיהו דער צווייטער). ער האָט געגעבן מוט און גלויבן, מוט ניט אַרונטערצופֿאַלן אונטער דעם גלויבן אין פֿרעמדן גאָט, צו קענען מבֿטל מאַכן די גרויסקייט פֿון די מעכטיקע, זיגערישע געטער; אפֿשר האָט דער נבֿיאישער גלויבן געראַטעוועט דאָס פֿאָלק אין גלות פֿון אַסימילאַציע, פֿון אונטערגעבן זיך דעם גלות. עס גלייבט זיך ניט אַז די רייד פֿון דעם גוטן נבֿיא זאָלן דאָס זײַן דער אויפֿוועקער פֿון דעם נאַציאָנאַלן מוט, — גיכער דאַרף מען אָננעמען אַז דער נבֿיא האָט בלויז אויסגעדריקט די געפֿילן וואָס זײַנען גע־ווען אין פֿאָלק אָן אים שוין. דער נבֿיא איז בכן דער אויסדריקער פֿון די פֿאָל־קישע געפֿילן אָבער ניט דער אַרויסרופֿער.

ביז הײַנט פֿעלט נאָך אָבער אין דער מדינה דער שטאַרקער שטאָלצער גלויבן אין דער היסטאָרישער ייִדישקייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן און געפּרוב־טיקט דווקא אין גלות. ערשט ווען די אמונה, די אמונת ישׂראל — פּשוט דער גלויבן אין דער געטלעכקייט פֿון דער גלותדיקער ייִדישקייט, — וועט די מדינת ישׂראל ווערן די ייִדישע מדינה. אָן דעם גלויבן וועט די מדינה קיין ייִדישע מדינה ניט זײַן. אָן דעם איז די מדינה געגליכן צו אַ המון מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרלאָרן דעם וועג און זיי צעלויפֿן זיך איטלעכער אין אַן אַנדער ריכטונג, — טאָמער וועט ער דאָרטן געפֿינען עפּעס אַ וועג... אַלע בלאָנדזשן און זוכן, און אַלע טרעטן זיך איינער דעם צווייטן אויף די היגעראויגן, און איטלעכער קריגט זיך מיט אַלע אַנדערע. עפּעס פֿעלט אין דער מדינה אַזוינס וואָס זאָל פֿאַרבינדן, באַהעפֿטן. עס איז דאַכט זיך גאָר פּשוט:

מאַכן אַ גוט לעבן קענען ייִדן איצט אומעטום, אין אַלע נײַע גלותן. שרעקן זיי מיט דעם וואָס עס קען זײַן, — שרעקן זיך שוין ניט די ייִדן, צוגעוווינט שוין צו לעבן הײַנט ניט טראַכטנדיק וועגן מאָרגן. איבעריקס, ווו איז אַ ייִד יע זיכער מיטן מאָרגן?... אין גלותן איז דעם ייִדן גאָר בעסער, גרינגער צו

פֿאַרדינען, אַרויפֿצואַרבעטן זיך, זיכערער אויך. אלא, ער דאַרף פֿאַרשטיין, באַ־נעמען, דערפֿילן די „צרת היהדות" — די ייִדישקייט אין גלות, — דאַרף ער דאָך בענקען נאָך איר, ליב האָבן זי, זי דאַרף אים זײַן טײַער; ער דאַרף פֿילן אומעטום אין אַלע גלותן, אין די פֿרײַע נאָך מער, אַז עס פֿעלט אים אָט די ייִדישקייט, וואָס זי איז אים ליב און טײַער...

אַז אומעטום, אין דער מדינה ווערט כסדר געהאַמערט אין קאָפּ — די ייִדיש־קייט וואָס מען האָט געבראַכט פֿון גלות טויג ניט, מען דאַרף בויען גאָר אַ נײַע ייִדישקייט, — אָבער... צו וואָס זאָל מען איצט נעמען טראַכטן, עפּעס אויס־טראַכטן אַ ייִדישקייט? איז אין די גלותן פֿאַרשפּאַרט מען צו זוכן, עס איז דאָ פֿאַרטיק אַ מלוכה־קולטור און אַ מלוכה־פֿאָלק... דאָס איז די באַוווסטזיניקע אָדער אומבאַוווסטע לאָגיק פֿון דער אַזוי גערימטער ציוניסטישער דערציִונג, וואָס איז אין תּוך אַרײַן אַ פֿאַרקערטע, אַ גלותיסטישע דערציִונג.

נמצא, אַז כּדי צו זײַן אַ גוטער ציוניסט, כּדי צו שטרעבן, צו ווע‏לן לעבן און דערציִען קינדער אין דער ייִדישער מדינה, דאַרף מען זײַן קודם כּל אַ גלות־ייִד. מען דאַרף פֿילן דעם גלות דורך אַלע פֿרײַקייטן און פֿרײַהייטן. די אַנטי־גלותדיקע דערציִונג האָט קיין מאָל קיין גוטע ציוניסטן ניט געהאָדעוועט. ניט אין לאַנד גופֿא און נאָך ווייניקער — אין די גלותן. עס רעדט פֿאַר ייִדישע לערער דער בילדונגס־מיניסטער פֿון ישׂראל („שבֿילי החינוך", אבֿיבֿ, תשכ"ז). ער זאָגט אויפֿריכטיק ווי אַ געטרײַער זון פֿון ייִדישן פֿאָלק: „אַ פֿאָלק מיט אַ געשיכטע פֿון אַכציק יאָר (די העברעיִשע דערציִונג אין לאַנד), מעג זי זײַן ווי גרויסאַרטיק, — קען ניט האָבן קיין וואָרצלען אין דער ייִדישער געשיכטע... מיט אַזוינע קאַרליק־וואָרצלען וועט די מדינה ניט קענען האָבן קיין קיום... מיר באַמיִען זיך וועגן אַנטוויקלען דאָס ייִדישקייט־באַוווסטזײַן אַלץ אינטענסי־ווער (דער חשובֿער און געטרײַער מיניסטער האָט געמאַכט דאָ אַ קליינעם טעות: אַזאַ באַוווסטזײַן קען מען ניט אַרײַנלערנען). „קיין מאָל, אין ערגעץ ניט האָט מען געלערנט אַזוי פֿיל תּנך און ייִדישע געשיכטע ווי אין מדינת ישׂראל, זאָגט ווײַטער דער אויפֿריכטיקער מיניסטער, און אַז די יוגנט פֿון מדינה איז געפֿאָרן צו אַ פֿעסטיוואַל קיין מאָסקווע, זײַנען זיי, לויט זייערע אייגענע רייד 'אַרויסגע־פֿאָרן ישׂראלים און געקומען צוריק ייִדן'... עס איז גרינגער צו קריגן באַגריפֿן וועגן ייִדישן פֿאָלק דורך דער תּקופֿה, וואָס מען לעבט אין איר, איידער מען קען עס מאַכן דורך ספֿרים, דורך לערנען געשיכטע. „מיר האָבן — זאָגט דער מיניסטער — ניט געהאַט קיין הצלחה און באַמיִען זיך צו אַנטפּלעקן פֿאַר די צאַברעס אונדזערע די שײַן פֿון דער ייִדישער געשיכטע"... דאָס זײַנען אויפֿ־ריכטיקע רייד פֿון אַ ייִדישן מיניסטער (עטוואָס געקירצט, א. ג.). צום באַדויערן

האָט דער מיניסטער ניט געמאַכט דעם ריכטיקן אויספיר פון זײַנע אייגענע רייד: אַ ריכטיקע נאַציאָנאַלע ייִדישע דערציִונג דאַרף זײַן באַזירט אויף דעם לעבן און אויף דער קולטור פון דער הײַנטיקער תקופה. ער זאָגט ריכטיק אַז די גײַסטיקע אָרעמקייט פון ייִדישקייט אין אַמעריקע שעדיקט דער ייִדישער דערציִונג אין מדינה אויך. וואָלט ער — דער מיניסטער — געדאַרפט מאַכן נאָך איין טריט: די ייִדישע דערציִונג ווי אין דער מדינה, אַזוי אויך אין די „גוטע" גלותן דאַרף זײַן באַזירט אויף דער היסטאָרישער ייִדישקייט פון די שטעטלעך כל זמן זי איז נאָך לעבעדיק. אָט די ייִדישקייט מיט איר לשון און מיט איר קולטור האָט אויסגעהאָדעוועט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, אויך די מדינה. נאָר זי קען ווײַטער צִיִען די קייט פון ייִדישקייט אין דער גאָרער וועלט. אין דער מדינה און פון איר, לערנענדיק פון איר אויך די „גוטע" גלותן. כדי די ייִדישע מדינה זאָל באמת זײַן אַ ייִדישע דאַרף זי פאַרדײַען די ייִדישקייט פון שטעטל. איך זאָג ניט קאָפּירן, נאָכמאַכן, נאָר פאַרדײַען, אַסימילירן, ווי די תלמודישע קולטור האָט פאַרדײַט די תנכישע, ווי בבל האָט פאַרדײַט די פאַר־צײַטיקע מדינת ישׂראל, ווי אַשכנז האָט פאַרדײַט בבל, ווי מיזרח־אייראָפּע האָט ממשיך געווען אַשכנז. די מדינה דאַרף ממשיך זײַן די ייִדישקייט פון שטעטל. בנוגע צו ייִדישקייט איז די מדינה אין בחינה פון איין גרויסן שטעטל. ניט חלילה קיין נײַ ייִדיש פאָלק, נאָר אַ פרײַע אַנטוויקלונג פון דעם פאַרזיכיקן ייִדישן פאָלק, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביז איצט. ווּ איז אַזאַ פאַרזיכיקע ייִדישקייט גע־וואַקסן? נאָר אין די שטעטלעך. אָן דעם קען קומען אַ דור וואָס וועט ניט קע־נען און וועלן קענען דאָס ייִדישע פאָלק.

אין דער מדינה לעבן די ייִדן אַ פול אויטאָנאָם ייִדיש לעבן; אַלץ איז אויסגערעכנט און צוגעפּאַסט צום ייִדישן גײַסט און שטייגער, צום ייִדישן לוח און צו דער ייִדישער קולטור. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ פעריאָד פון אַריבער צוויי טויזנט יאָר (פון העלעניסטישער תקופה אָן) דאַרפן זיך ייִדן רעכענען נאָר מיט זיך אַליין און בויען אַ לעבן אין גאַנצן אויטאָנאָם, פאַר זיך, פון זיך, דורך זיך. יע, אָט דאָס איז דער גאַנצער זינען, דער גאַנצער פּלוס און די גאַנצע אויפגאַב פון דער מדינה. איך בין זיכער, אַז אַלע ייִדישע גענעראַלן, אַלע ישׂראל־מיליטאַריסטן וועלן גערן מיט מיר מסכים זײַן. אַז די בעצם גרויסע מיליטערישע מעכטיקייט פון דער מדינה איז... הלוואי זאָל מען זי ניט דאַרפן, ניט דאָס איז דער ציל פון דער מדינה. צוליב די גרויסע צילן פון גײַסטיקער און קולטורעלער פאַרזיכיקייט איז די מדינה געצוווּנגען צו זײַן שטאַרק אויך מיליטעריש, אָבער ניט דאָס איז דער ציל.

יע, איך גלייב אַז אויך אין די גוטע גלותן קענען זײַן ייִדישע יִשובֿים מיט אַ טיילווײַזער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אַזוינע קולטור־אויטאָנאָמיעס זײַנען

שוין אפֿשר פֿאַראַן אין קליינע ספֿאַראַדישע ווינקעלעך פֿון אַמעריקע, און זיי קענען זײַן אַ סך מער און אַ סך ברייטער. דערצו איז נייטיק ליבע און גלויבן. מען דאַרף גלייבן אין דער ייִדישקייט ווי די היסטאָריע האָט זי צו אונדז גע־בראַכט און מען דאַרף זי ליב האָבן און ווענלן אײַנאָרדענען דאָס לעבן לויט איר. די קליינע אינדזעלעך פֿון אויפֿריכטיקער ייִדישקייט זײַנען דערווײַל בלויז רעליגיעזע. אָבער רעליגיע אַליין קען בלײַבן נאָר אַ סעקטע פֿון דעם הויפּט־פֿאָלק וואָס איז פֿון „ייִדישן אָפּשטאַם", פֿון אַ פֿאָלק וואָס איז אַמאָל געווען. רע־ליגיע אַליין איז נאָך ווײַט ניט קיין ייִדישקייט. אַזוינע ייִדישע קולטור־אויטאָ־נאָמע ווינקעלעך וועלן זיך אַנטוויקלען לערנענדיק זיך פֿון דער מדינה. דאָס וועט זײַן דער אמתער און אייביקער זינען פֿון דעם „כי מציון תצא תורה".

וועלן מיר סומירן דאָס געזאָגטע אין דעם קאַפּיטל:

מיר זײַנען אַן עם הספֿר ניט נאָר דערפֿאַר וואָס דער ספֿר איז אונדזער אייציקע פֿאַרמעגן, נאָר ווײַל מיר האַלטן כּסדר און אייביק אין כּסדרדיקן פּראָ־דוצירן פֿון אונדזער לעבן אַ ספֿר. די ספֿרים זײַנען אונדזער היים און אונדזער לאַנד. פֿעלקער מיט לענדער און מיר — מיט ספֿרים. די עלטערע ספֿרים ווערן פֿאַרהייליקט, קודש, אָבער פֿאַרן לעבן און קיום פֿון פֿאָלק זײַנען די נײַערע ספֿרים וויכטיקער. תּקופֿות און ספֿרים, איטלעכע תּקופֿה און איר ספֿר. כּל זמן עס ווערן בײַ אונדז פּראָדוצירט ספֿרים לעבט דאָס ייִדישע פֿאָלק. הערן מיר אויף צו שאַפֿן ספֿרים, הערט אויף דאָס לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק. עס קענען בלײַבן ייִדישע ישובֿים, וואָס שאַפֿן שוין ניט קיין ספֿרים, דאָס זײַנען שוין אָבער טויטע ישובֿים. ווי טויטע ביימער בלײַבן שטיין פֿאַרטריקנט און אָן לעבן.

די מחלוקת צווישן די צדוקים און פּרושים חזרט זיך כּסדר איבער אין דער ייִדישער געשיכטע. די צדוקים וואָס אין יעדער דור ווילן אָנערקענען בלויז דאָס אַמאָליקע, מיר לעבן מיט די אַמאָליקע ספֿרים. די פּרושים פֿון אַלע תּקופֿות שאַפֿן ספֿרים פֿון דער הײַנטיקער ייִדישקייט אין זייער צײַט. דערפֿאַר די צוויי ווערטער — לימוד דאָס אַלטע וואָרט און דאָס נײַע וואָרט וואָס די חז"ל האָבן געשאַפֿן — תּלמוד. לימוד מיינט לערנען דאָס פֿאַראַנענע, תּלמוד מיינט שאַפֿן פֿון דעם לעבן נײַע תּורות, וואָס זײַנען נאָך ניט פֿאָרמולירט געוואָרן אין ווער־טער. אין גאַנצן אַ נײַער באַגריף איז אויך דאָס נײַע וואָרט הלכה. אין תּורת משה פֿיגורירט מצווה — אָנגעזאָגט, גאָט הייסט אַזוי טאָן און אַזוי ניט טאָן. הלכה מיינט פֿון פֿאָלקס גאַנג, פֿון זײַן שטייגער, פֿון זײַן פֿירונג. לימוד תּורה מיינט לערנען די תּורה וואָס איז שוין געפֿורעמט, געשאַפֿן; תּלמוד תּורה מיינט פֿאָרמולירן פֿון שטייגער נײַע תּורות וואָס זײַנען נאָך ניט געשאַפֿן. מצוות זײַנען פֿון גאָט. אין לעבן פֿון דער תּקופֿה זײַנען זיי שוין ניטאָ. הלכות — שטייגער־

פירונגען פון דעם לעבעדיקן שטייגער. אין יעדער תקופה זײַנען פאַראַן ייִדיש־קייט שבכתב — פון אַ פריערדיקער תקופה. זי איז שוין געפורעמט און פאַר־מולירט אין תורה שבעל פה — וואָס איז אין שטייגער אָבער נאָך ניט אין ווערטער, ניט פאָרמולירט און אָט דאָס פורעמען אין ווערטער — דאָס איז תלמוד תורה. עס זײַנען בײַ אונדז פאַראַן צווייערליי אַסימילאַציעס — אין אַ פרעמדן פאָלק אַרײַן, אַסימילאַציע אין אייגענעם ייִדישן פאָלק פון אַ פאַרצײַ־טיקער תקופה. די הײַנטיקע ייִדישקייט טויג ניט, אָבער די פאַרצײַטיקע איז גוט און געוווּנטשן... די צווייטע איז אוממעגלעך און זי פירט אייגנטלעך צו דער ערשטער. דאָס פאָלק האָט אַ קיום איבערהויפּט מיט זײַן שטייגער. דער שטייגער ווערט אָפּגעהיט איבערהויפּט דורך די עם ארצים, וואָס טראַכטן זיך ניט אַרײַן, נאָר זיי פירן זיך לויט טראַדיציעס, געוווינהייטן... אָט דער שטיי־גער פון די ניט אַרײַנגעטראַכטע ייִדן — דאָס איז דער מקור פון ייִדישקייט. דער קיום פון פאָלק איז אין דעם שטייגער פון עם ארצים. דאָס ווייס נאָך צו זאָגן אַ גמרא (סנהדרין צ״ו, ב׳). איז דאָ אַן עם ארצישע ייִדישקייט, קומט אויף אויך אַן אינטעליגענץ.

מיר לעבן איצט איבער אַן איבערגאַנג פון שטעטל־תקופה צום אורבאַניזם. די גאַנצע ייִדישקייט האָט זיך ווי אַ וואַקל געטאָן. דאָ ליגט די סכנה.

עס איז פאַלש די אָפּטיילונג וואָס מען טיילט אָפּ קולטור פון רעליגיע. די ייִדישע רעליגיע איז ניט קיין איבערגענומענע, נאָר אַן אָרגאַנישע, געוואַקסן מיט דעם פאָלק אין איינעם. די עלטערע קולטור איז פאַרהייליקט ווי רעליגיע. די ייִדישע רעליגיע איז די ייִדישע קולטור פון פריערדיקע תקופות. אַזוי איז דער וועג פון ייִדישקייט: קודם כל איז דער פאַרזיכיקער שטייגער פון ייִדישן פאָלק. דאָס איז דער מקור. דאָס פורעמען דעם שטייגער אין שריפט — דאָס איז תלמוד תורה. דער פּראָדוקט פון תלמוד תורה איז דער ספר, און דאָס ייִדישע פאָלק איז דער עם הספר. די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע קולטור איז ניט קיין נײַע. זי איז ייִדישקייט פון לעבן וואָס איז נאָך ניט פאַרהייליקט געוואָרן. וועלטלעכקייט איז די ערשטע תקופה אין ייִדישער קולטור. שפּעטער ווערט זי פאַרהייליקט ווי תורה. מיר האָבן דרײַ תקופות אין ייִדישקייט — און טאָקע לויט די ספרים — די תנכישע תקופה מיט איין לאַנד; די תלמודיש־שטעטלשע תקופה, די לענגסטע תקופה אין ייִדישקייט און די מאָדערנע ייִדישקייט, וואָס איז נאָך איצט וועלטלעך, ניט פאַרהייליקט, מיט דער צײַט וועט אויך זי ווערן פאַרהייליקט. די ייִדישע מדינה דאַרף ווערן די היים פאַר דער פאַרזיכיקער ייִדישקייט.

# אַסימילאַציע

## אַרײַנפֿיר

אַ באַקאַנטער ייִדישער היסטאָריקער האָט אַמאָל געשריבן אַז ער האָלט פֿאַר אַ כּלל צו דערציילן נאָר פֿאַקטן, געשעענישן, אָבער ער האַלט זיך אָפּ פֿון מאַכן וואָסערע עס איז אויספֿירן פֿון אַלע די באַשריבענע פֿאַקטן און געשעענישן.

איך האַלט אַזאַ צוגאַנג פֿאַר דורכויס פֿאַלש, עס באַליידיקט געשיכטע ווי אַ וויסנשאַפֿט. וויסנשאַפֿט מיינט דאָס שאַפֿן וויסנס, עס מיינט אויסלערנען צו וויסן דאָס וואָס מען ווייסט נאָך איצט ניט. וויסנשאַפֿט דאַרף קאָנען פֿאָרויס־זאָגן וואָס עס וועט זײַן, וואָס עס וועט געשען. כעמיע איז געוואָרן אַ וויסנשאַפֿט ניט ווען די אַלכעמיקער האָבן אָנגעקליבן אַ שלל מיט פֿאַקטן, אַפֿילו ניט ווען לאַוואָזיע האָט געמאַכט זײַנע אַנטדעקונגען וועגן ברענען, וועגן זויערשטאָף, נאָר דווקא ווען מענדעלעעוו האָט אויפֿן סמך פֿון זײַן פּעריאָדישן געזעץ גע־קאָנט פֿאָרויסזאָגן אַז אין דער נאַטור זײַנען נאָך פֿאַראַן עטלעכע ניט־אַנטדעק־טע עלעמענטן און זיי האָבן אַזוינע און אַזוינע אייגנשאַפֿטן. פֿיזיק איז געוואָרן אַ וויסנשאַפֿט ווען אַרכימעד האָט פֿאָרמולירט דאָס געזעץ וועגן וואָג פֿון קער־פּערס אין וואַסער. אַזוי מיט אַסטראָנאָמיע, מיט מעטעאָראָלאָגיע וכדומה. פֿאַקטן, אָן כּללים, אָן דער מעגלעכקייט פֿון כּללים פֿאָרויס צו וויסן עפּעס — דאָס איז בלויז די ציגל צום בנין, אָבער ניט דער בנין גופֿא, ניט קיין וויסנשאַפֿט.

יורידישע געזעצן באַשטימען ווי מען דאַרף זיך פֿירן, ווי דאָס לעבן דאַרף גיין. אָבער נאַטור־געזעצן באַשטימען ווי דאָס לעבן גייט, ווי די וועלט פֿירט זיך. אויך אין לעבן פֿון מענטשן זײַנען פֿאַראַן נאַטור־געזעצן. געשיכטלעכע געזעצן מיינען גאָר פּשוט אַז בײַ אַזוינע און בײַ אַזוינע באַדינגונגען קומען פֿאָר אַזוינע געשעענישן. געשיכטע פֿון אַסימילאַציע דאַרף אונדז קענען פֿאָרויסזאָגן די פּראָצעסן וואָס וועלן פֿאָרקומען און צו וואָס זיי וועלן ברענגען. פֿאַראַן גע־ביטן וווּ עס איז זייער שווער פֿעסטצושטעלן די געזעצן מחמת עס זײַנען פֿאַראַן אויסער די הויפּט־פֿאַקטאָרן אויך אַ סך מיקרא־פֿאַקטאָרן און זיי בײַטן זיך צו אָפֿט. דערפֿאַר איז קלימאַטאָלאָגיע אַ שווערער געביט. קען זײַן אַז דערפֿאַר האָט דער דערמאָנטער היסטאָריקער מורא געהאַט צו מאַכן אויספֿירן, ווײַל ער איז צו פֿיל געווען אַרײַנגעטאָן אין די היסטאָרישע דעטאַלן, צוליב זיי האָט ער ניט פֿאָרמולירט דאָס אַלגעמיינע אין דער געשיכטע, די געזעצן פֿון די געשעענישן.

וויסנשאַפטלעכע געזעצן קומען אויף ניט פון די דעטאַלע פאַקטן, נאָר פון אַן אינטואיטיוון געדאַנק, פון אַ היפּאָטעזע, אַ השערה בעלמא. און זי העלפט שפּעטער דעם פאָרשער אַפּצוקלײַבן דאָס וויכטיקע און אָפּצוואַרפן דאָס ניט־וויכטיקע און צו מאַכן די אויספירן, פעסטצושטעלן די געזעצן, וואָס לויט זיי גייען די געשעענישן, לויט זיי חזרן זיך איבער די פאַקטן.

אַט דאָס קענען פאָרויס וויסן וואָס און ווי עס וועט גיין דאָס לעבן — דאָס איז דער גאַנצער זינען פון לערנען וויסנשאַפטן און אַן זיי איז אויך געשיכטע ניט קיין וויסנשאַפט, נאָר סתם אַ באַרג מיט פאַקטן, מיט אַנעקדאָטן, מיט טשעקאַווע מעשׂיות. און אַזוי פלעג איך אויך לערנען געשיכטע: ווען תּלמידים פלעגן מיך פרעגן עפּעס פון אונדזער הײַנטיקן לעבן, וועגן אונדזער מאָרגן, פלעג איך זיך נוהג זײַן צו ענטפערן: „איך ווייס גאָרניט. אָבער איך וועל פרעגן אונדזער עלטערבאָבען וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר. זי ווייס אַלץ און זי וועט אונדז זאָגן וואָס עס וועט זײַן. די רעטעניש פון מאָרגנס קען מען באַשיידן לויט דער געשיכטע פון די נעכטנס...

אין מײַן בוך „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער“ האָב איך געגעבן אַ קאַפּיטל „גרונט־געזעצן פון דער ייִדישער געשיכטע“, ווײַל אויך אין דער געשיכטע ווי בכלל אין דער גאַנצער וועלט זײַנען ניטאָ קיין צופאַלן. יעדער דערשיינונג איז אַ תּולדה פון קאָמפּלעקס סיבות. דאָרטן זײַנען אָנגעגעבן בלויז די יסודותדיקע, די אַלגעמיינע. דאָ וויל איך נעמען איין עלעמענט פון דער ייִדישער געשיכטע, וועט זײַן גרינגער צו דעטאַליזירן די געזעצן. וועגן אַסימילאַציע איז דאָרטן פאַראַן איין פּונקט (געזעץ נומער צוויי). דאָ וויל איך צעגלידערן דעם עלעמענט, זען ווי ער איז געגאַנגען דורך אונדזער געשיכטע — ווען שטאַרקער, ווען שוואַכער; וואָסערע פאַקטאָרן האָבן פאַרשטאַרקט און וואָסערע עס האָבן פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע. די אַסימילאַציע איז דער גרעסטער שׂונא פון ייִדישן פאָלק ווי אַזאַ און כּדי צו קענען זיך קעגנשטעלן דאַרף מען קודם כּל אים קענען, וויסן זײַנע פאַקטאָרן און זײַנע סטאַדיעס.

## אַסימילאַציע־פּראָצעסן אין דער געשיכטע

אַסימילאַציע איז אַזוי אַלט ווי דאָס ייִדישע פאָלק. שוין דער ערשטער ייִד אַבֿרהם אָבֿינו האָט דאָך געהאַט אַחוץ יצחקן נאָך ישמעאלן און אַנדערע זין אויך. אין ייִדישקייט איז געבליבן נאָר יצחק. גאָט אַליין זאָגט צו אַבֿרהמען „כּי ביצחק יקרא לך זרע“ (בראשית כא, 12), נאָר יצחק, אָבער ניט ישמעאל און די אַנדערע זין וואָס קטורה האָט געבאָרן נאָך שׂרהס טויט. און די גמרא גיט צו: עס שטייט „ביצחק“, אָבער ניט „כּל יצחק“, ווײַל עשׂיו איז דאָך געווען

פֿון יצחקן און ער איז ניט געבליבן קיין ייִד. וועגן יעקבֿס קינדער ווערט ניט דערציילט קיין אַסימילאַציע. זיי זײַנען געווען אין גלות, זיי האָבן געלעבט אָפּ־געזונדערט פֿון די מצרים (אין גושן), ניט צוזאַמען מיט די מצרים. די מצרים זײַנען געווען ערד־אַרבעטער בעת די ייִדן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט שאָף, וואָס די מצרים האָבן פֿײַנט געהאַט. ווידער האָבן די מצרים אַפֿילו עסן ניט געוואָלט צוזאַמען מיט ייִדן (בראשית מג, 32). אַזוי אַרום איז די אַסימילאַציע געווען אוממעגלעך, פֿאַרשטעלט מיט באַריערן — געאָגראַפֿישע, יורידישע און שטייגערישע. און פֿון דעסטוועגן איז נאָך אַ פֿראַגע, צי די וואָס דער חומש טיטולירט זיי ערבֿ־רבֿ — צי זײַנען זיי ניט געווען קיין אַסימילירטע ייִדן, אָדער צווישן דעם ערבֿ רבֿ זײַנען ניט געווען אַזעלכע אַסימילירטע ייִדן. בכל אופֿן האָבן מיר דאָ אַ פֿאַקט: געקומען קיין מצרים איז איין משפּחה, אַרויס פֿון מצרים איז אַ גאַנץ פֿאָלק: ניט דער שווערער גלות און אויך ניט קיין שום מעגלעכע אַסימילאַציע האָבן ניט פֿאַרמינערט די כּמות ייִדן. אויב אַפֿילו יע אַסימילאַציע, האָט זי ניט געהאַט קיין גרויסע השפּעה.

קיין תּורה וואָס זאָל אָפּהאַלטן פֿון אַסימילאַציע איז ניט געווען. די מדרשים־ליטעראַטור רעכנט אויס די סימנים פֿון ניט אַסימילירן זיך: די שפּראַך, די נעמען אָפּהיטן, און ניט אַנטדעקן די מיסטעריעזע עלעמענטן זייערע. ווערטער־ביכער טײַטשן דאָס וואָרט „מסטורין“ סודות. איך גלייב אָבער אַז עס וואָלט געווען פּאַסיקער צו דערקלערן דאָס וואָרט פֿון גריכישן מיסטעריע — זאַכן וואָס לאָזן זיך ניט דעפֿינירן, דערקלערן. ווען עס וואָלט געווען פֿון העברעיִשן שורש סתר, וואָלט אַלע מאָל געווען אַ ת׳ ניט קיין ט׳ מיסטורין. און אַזוי איז עס אידענטיש מיט ייִדישקייט וואָס איז ניט פֿאַרשריבן, ניט פֿאָרמולירט אין דער תּורה שבעל פּה. (זיי האָבן דאָס וואָרט ניט גענוצט ווייל עס איז דאָך בכלל געווען פֿאַר מתּן־תּורה.) אַזוי אַרום האָבן מיר שוין דאָ, אין דעם בראשית פֿון ייִדישן פֿאָלק יע און ניט אַסימילאַציע. די עלעמענטן פֿון ניט אַסימילירן זיך באַשטייען פֿון שפּראַך, נעמען, זיטן, מינהגים. די פֿאַקטאָרן וואָס דערלאָזן ניט קיין אַסימילאַציע זיינען: טעריטאָריעלע אָפּגעזונדערטקייט, יורידישע, שטייגערישע און עקאָנאָמישע אַנדערשקייטן.

ווי נאָר אָבער מען איז געקומען אין מידבר אַרײַן פֿרײַ פֿון קנעכטשאַפֿט, איז מען אָבער אויך פֿרײַ געוואָרן פֿון די פֿאַקטאָרן וואָס האָבן ניט געלאָזט זיך אַסימילירן. איז געקומען די מעשׂה מיט דער גאָלדענער קאַלב. עס איז מסתּמא געווען אַ נאָכמאַכן דעם מצרישן אָקס־גאָט אַפּיס: אַ פֿאַרלאַנג אויס־צוגלײַכן זיך מיט די מצרים וואָס מען האָט מסתּמא געהאַלטן העכער פֿון זיך. און אַזוי איז געגאַנגען די גאַנצע צײַט אין מידבר און אין דעם אייגן לאַנד אַפֿילו. די פֿאָרמול פֿון דעם תּנך שופֿטים חזרט זיך איבער כּסדר. מיר וועלן

דאָס איבערזעצן אויף אונדזער שפּראַך אַזוי: ייִדן מאַכן נאָך די אַרומיקע פֿעלקער אין זייער שטייגער. דאָס שוואַכט זיי אָפּ סאָציאַל און מיליטעריש. פֿאַלן זיי אַרונטער אונטערן יאָך פֿון די שכנישע פֿעלקער. דולדן יענע ניט קיין ייִדן אַפֿילו אַסימילירטע. ווערן די ייִדן מער נאַציאָנאַל באַוווסטזיניק, מער מאָראַליש פֿאַרזיכיק. דאָס שטאַרקט זיי אויך מיליטעריש.

דאָ איז געווען נאָך אַ ספּעציפֿישער פֿאַקטאָר פֿאַר אַסימילאַציע. משה איז געשטאַנען העכער פֿון זײַן גאַנצן דור, האָט ער אַ אידעאַל אויסגעטראַכט אַ רעליגיע פֿון אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש״, וואָס ייִדן בכלל זײַנען צו אַזוינע באַגריפֿן ניט דערוואַקסן. האָט ער זיי דיקטירט אַ פֿאָלקס־קאָנסטיטוציע זי זאָל פֿאַרגעטלעכן דעם מענטשן און דאָס גאַנצע פֿאָלק. און דאָס בעת אַלע אַנדערע פֿעלקער האָבן געהאַט „גוטע״ רעליגיעס, וואָס האָבן פֿאַרמענטשלעכט זייערע געטער. בײַ פֿעלקער — גאָט האָט ליב דאָס וואָס מענטשן האָבן ליב, וואָס עס באַגערן זייערע אינסטינקטן. בײַ משהן — די מענטשן דאַרפֿן ליב האָבן וואָס עס איז געטלעך, זיי דאַרפֿן אײַנצאַמען די גלוסטונגען פֿון די אינסטינקטן. (תּורה מיינט אָנווײַזונגען, ווי צו לעבן, ווי זיך צו פֿירן.)

אין די ייִדישע מלוכות האָט די אַסימילאַציע ניט אויפֿגעהערט. זײַנען טאַקע ייִדן די מערהייט, זײַנען זיי די הערשער, און דאָך גייט כסדר אָן אַסימילאַציע. שלמה בויט טאַקע אַ בית המקדש פֿאַר דעם ייִדישן גאָט, אָבער ער בויט אַזוי אויך פּאַלאַצן פֿאַר אַנדערע געטער (מלכים א׳, י״א) און דאָס איז דאָך געווען אין דער גלאָררײַכסטער צײַט פֿון ייִדישער הערשאַפֿט און שטאַרקייט! פֿאַלט אָפּ די טעאָריע אַז ייִדן אַסימילירן זיך ווען זיי זײַנען אַ מינדערהייט, ווען זיי זײַנען סובאָרדינירט. ניין, זיי אַסימילירן זיך אַפֿילו ווען זיי זײַנען די מערהייט און די הערשער. נאָך שלמהס טויט ווערן צוויי מלוכות. די גרעסערע — מלכות ישׂראל — איז מער אַסימילירט. ווידער די גאָלדענע קעלבער, וואָס ירבֿעם בן נבֿט האָט געבראַכט פֿון זײַן פּריוואַטן גלות אין מצרים.

די ייִדן זײַנען מינדערהייטן אַפֿילו דאָרטן, ווו זיי וואָלטן גרינג געקאָנט זײַן קאָנצענטרירט צוזאַמען און אין באַזונדערע ראַיאָנען און זײַן אַ מערהייט. דאָס הייסט אַז ייִדן ווילן אייגנטלעך ניט זײַן קיין מערהייט. עס ציט זיי בעסער צו זײַן אַ מינדערהייט. אין משך פֿון לאַנגן גלות האָבן ייִדן ניט איין מאָל געקענט זיך קאָנצענטרירן צוזאַמען און זײַן פֿאַר זיך, בכל אופֿן מערהייטן. דאָס איז ניט געשען, ווײַל די ייִדן האָבן עס ניט געוואָלט.

קיינער האָט ניט געשטערט ייִדן זיך צו קאָנצענטרירן אין איין ראַיאָן פֿון ניו יאָרק און שאַפֿן דאָרטן אַן אייגענעם ייִדישן שטאָט, אַ ייִדישן ראַיאָן, אָדער אַפֿילו אַ פֿאַרזיכיקן שטאָט. ניט דאָ איז דאָס אָרט ברייטער זיך אָפּצושטעלן

אויף דעם זייער אינטערעסאַנטן פֿאַקט, וואָס האָט געשפּילט אַ גוואַלדיקע ראָל אין אונדזער געשיכטע בכלל. אָבער אין אַלגעמיין גייט מער די אַסימילאַציע אין דער ריכטונג צו די שכנים אין צפֿון. מיט זיי איז מער פֿאַרקער, נעמט מען איבער זייער קולטור. זי קומט אויס אין די אויגן פֿון ייִדן העכער, אוניווער־סאַלער איידער זייער אייגענע. און אַזוי די גאַנצע צײַט. די אַסימילאַציע שוואַכט אָפּ די מאָראַל פֿון דער באַפֿעלקערונג, די אַכטונג צו זיך, צום אייגענעם קאָ־לעקטיוו, צו דער אייגענער מדינה. זי פֿאַלט אונטער אשור אַ סך פֿריִער איי־דער די קלענערע יהודה. און גלײַך ווערט דאָס פֿאָלק פֿון ישׂראל אויסגעמישט אין גלות און אַסימילירט אין גאַנצן אָן אַ שפּור. ניטאָ מער די צען שבֿטים! אין זייער היימלאַנד האָט מען זיך נאָך געהאַלטן אָבער ניט אין גלות. שוין אין אייגענעם לאַנד איז מען געווען מער אַסימילירט, קנאַפּערע ייִדן. און די רעשט־לעך פֿון דעם ישׂראל־פֿאָלק וואָס זײַנען געבליבן אין דעם אייגענעם לאַנד, האָבן זיך גאָר גיך צונויפֿגעשמאָלצן מיט די באַזעצטע ניט־ייִדן, און עס האָט זיך געשאַפֿן גאָר אַ נײַ פֿאָלק — די שומרונים, וואָס האָבן פֿאַרשאַפֿט די ייִדן גענוג צרות שפּעטער.

די קלענערע מדינה — יהודה אין דרום מיט ירושלים האָט זיך ווייניקער אַסימילירט, פּשוט ווײַל זי האָט ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו אַסימילירן: אַרום זײַנען געווען קליינע האַלב־נאָמאַדישע פֿעלקערלעך, האַלב־ווילדע, אָרע־מע. מיט אַזוינע אַסימילירט מען זיך ניט.

דערפֿאַר איז די קליינע יהודה געווען מער מיט זיך, מער פֿאַר זיך, מער מיט דעם אייגענעם גײַסט, מיט מער אַכטונג צו זיך, צו דער אייגענער פֿאָלקי־שער קולטור. מען דאַרף כּסדר עס אונטערשטרײַכן, אַז דער בעל תּנך, די רע־דאַקציע פֿון תּנך גיט כּסדר צו צו די באַשרײַבונגען אַ פֿרומען רעליגיעזן כאַראַק־טער, אין דער אמתן איז עס אָבער געגאַנגען תּמיד ניט וועגן גאָט־דאָגמען און גאָט־דינען, נאָר עס איז געגאַנגען וועגן דעם פֿאָלקישן קולטור־שטייגער אויף וויפֿל ער האָט יע אָדער ניט געהאַט קיין עלעמענטן פֿון נאָכקאָפּירן פֿרעמדע שטייגערס; אויף וויפֿל דאָס פֿאָלק איז געווען מאָראַליש בײַ זיך פֿעסט און אײַנגעגלויבט גענוג אין זיך ניט צו וועלן קאָפּירן אַנדערע. אָט די זיכאַכטונג, צוטרוי און געטרײַקייט האָט אויך געשטאַרקט דאָס פֿאָלק פּאָליטיש עס זאָל זיך קענען האַלטן מיט מער ווי מיט הונדערט יאָר לענגער ווי די צפֿונדיקע שטאַרקערע און רײַכערע ישׂראל־מלוכה.

די זעלביקע אשור וואָס מאַכט חרובֿ שומרון, און דער תּנך רעגיסטרירט בלויז די געשעעניש, כּמעט אָן באַדויער און גאָר אָן קינות און אָן פֿאַרדרוס, די זעלביקע אשור באַפֿאַלט אויך ירושלים. רופֿט עס אַרויס גאָר אַן אַנדער

רעאַקציע, דאָס פֿאָלק האָט איבּנגעהיט די רייד פֿון דעם געטרײַען נבֿיא, און פֿון דעם קייסער און זיי אָטעמען מיט אַזוי פֿיל מוטיקייט און געטרײַקייט (מלכים ב׳, י״ז, י״ח און ישעיהו ל״ו, ל״ז). די אַסימילירטע שומרון פֿאַלט אָן אַ באַ־דויער־וואָרט פֿון שרײַבער און אָן אַ ווײַ־געשרײַ פֿון פֿאָלק, פֿון אַ נבֿיא, פֿון אַ קייסער. אַ שטומער קרבן. ערשט מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער וועט עס אַ נבֿיא פֿון יהודה באַווײנען דעם טײַערן זון אפֿרים (הבן יקיר לי אפֿרים — ירמיהו ל״א, י״ט). מען וואָלט עס געקאָנט פֿאַרגלײַכן צו דער גרויסער חורבן־ליטעראַטור פֿון מיזרח־אייראָפּע און דער כמעט פֿולער שטומקייט פֿון דעם אַסימילירטן דײַטשישן ייִדנטום אין אונדזער לעצטן חורבן היטלער.

אַסימילאַציע איז דער ערשטער טריט צום אונטערגאַנג. זי גרייט צו דעם אונטערגאַנג. אַ פֿאָלק מיט אַזאַ גראַנדיעזער חורבן־ליטעראַטור האָט גאָרניט קיין שום ליטעראַרישע שאַפֿונג וועגן דעם חורבן שומרון; אַ פֿאָלק מיט אַ שטייגער וואָס באַשטייט אין גאַנצן פֿון זכרונות, האָט ניט פֿאַרצייכנט, ניט דעם קיום און ניט דעם חורבן פֿון שומרון מיט קיין תּענית, מיט קיין קינה, מיט קיין סליחה, מיט גאָרניט, ווי עס וואָלט גאָרניט געהאַט קיין שײַכות צום ייִדישן פֿאָלק.

דאָס אייגענע לאַנד, די אייגענע מדינה, די פּאָליטישע מאַכט האָט ניט אָפּ־געהאַלטן שומרון פֿון אַסימילאַציע, ניט אָפּגעהאַלטן פֿון אומקום. די אַסימילאַ־ציע האָט אָפּגעשוואַכט דעם מוט, דעם ווידערשטאַנד־כּוח, יעדן קאָלעקטיוון כּוח זיך צו האַלטן און זיך באַשיצן. זי האָט דערבענטערט דעם חורבן און אויסגע־ריסן פֿון פֿאָלקס געדעכעניש, אַפֿילו אָן אַ קדיש.

## גלות בבֿל

גלות שומרון אין אשור האָט אָפּגעמעקט ישׂראל; און גלות יהודה אין בבֿל האָט פֿאַרקערט אויפֿגעוועקט דאָס יהודה־פֿאָלק צום לעבן, געבראַכט עס צו אַ באַוווסטזיניקן נאַציאָנאַלן, אַקטיוו־שעפֿערישן אויפֿלעבן. פֿאַרוואָס אַזאַ דיאַ־מעטראַלער אונטערשייד?

1. אין יהודה האָט די אַסימילאַציע ניט רויִנירט דעם גײַסט פֿון פֿאָלק, דער פֿאָלקישער מאַסיוו האָט געהאַט אַכטונג און ליבע צו זײַן אייגענעם קול־טור־שטייגער און איז ניט געווען אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך לגבי דעם באַזיגער און באַצווינגער. דאָס לאַנד איז חרובֿ, אָבער דאָס גאַנצע פֿאָלקישע לעבן וואָס עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אין לאַנד איז מיטגעגאַנגען מיטן פֿאָלק אין גלות אויך. דאָס שומרון־פֿאָלק איז שוין אַוועק אין גלות אַן אַסימילירטס, איז שוין לכתּחילה ניט געווען קיין ייִדיש פֿאָלק. לאַנד פֿאַרלאָרן איז שוין אויך פֿאָלק פֿאַרלאָרן. דאָ

אין יהודה איז געווען נאָר דאָס לאַנד פֿאַרלאָרן, אָבער דאָס פֿאָלק האָט אַוועק־געטראָגן אין גלות די גאַנצע ייִדישקייט אין די הערצער.

2. דער שטאַרקסטער נבֿיא־קעמפֿער פֿאַר פֿאַרזיכיקער ייִדישקייט אין ישׂראל — אליהו — האָט שוין ניט געהאַט קיין אוידיטאָריע פֿאַר וועמען צו ריידן, וועמען צו לערנען. ירמיהו — דער טיפֿסטער דענקער צווישן די נבֿיאים בכלל — האָט תּלמידים, געטרײַע, איבערגעגעבענע נאָכפֿאָלגער, וואָס טראָגן זײַן תּורה מיט זיך אין גלות אַרײַן און זי ווערט דאָרטן פֿאַרשפּרייט אין פֿאָלק. דאָס פֿאָלק נעמט זי אָן. און אָט די לערע ירמיהוס קען מען אויסדריקן אין אַ פּאָר זאַצן: ייִדישקייט איז ברייטער און אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון לאַנד און פֿון בית המקדש ווי אויך פֿון דער מלוכה־אינסטיטוציע; יעדער איינצלנער ייִד, יעדער יחיד טראָגט און קען טראָגן די גאַנצע ייִדישקייט. דאָס פֿאָלק וועט האָבן אַ קיום ווען דאָס פֿאָלק וועט זײַן לעבעדיק, און וועט האָבן אַ קיום אין יעדער ייִדן (זען: „ירמיהו הנבֿיא — דער באַגרינדער פֿון גלות־ייִדישקייט" אין בוך „אייביקע וועגן פֿון אייביקן פֿאָלק").

3. דאָס יהודה־פֿאָלק האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פֿון די בבֿלים, אַ דאַנק זייער אַכטונג צו זיך און צו זייער שטייגער, האָבן זיי געשאַפֿן פֿאַר זיך זייער אויטאָנאָמיע. זייערע פֿאַרזאַמלונגען און פֿאַרברענגען מיט זכרונות פֿון דער היים, מיט געזאַנגען פֿון היימישע לידער, זייערע צונויפֿקומען זײַנען גע־וואָרן דער בראשית פֿון די דאַוון־שולן, וואָס האָבן פֿאַרביטן דעם בית המקדש מיט זײַן עבֿודה. דאָ איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַר דעם איינציקן פֿענאָ־מען אין דער וועלט־געשיכטע: אַ פֿאַרזיכיק פֿאָלק מיט אַן אייגענער באַזונ־דערער קולטור, אָן אַ לאַנד, אָן אַ מדינה.

4. די פּאָליטיק פֿון בבֿל בנוגע צו די באַהערשטע פֿעלקער האָט עס אויך דערלויבט, זיי האָבן געקאָנט לעבן פֿאַר זיך. און דאָס יהודה־פֿאָלק האָט גע־וואָלט לעבן פֿאַר זיך. אויך די עקאָנאָמישע באַשעפֿטיקונגען האָבן ניט געמישט די באַפֿעלקערונג. ניט אומזיסט זאָגט ערגעץ רש"י אַז פֿון גלות יכוניה אָן האָט אין בבֿל עקסיסטירט אַ ישיבֿה.

פֿינף צענדליק יאָר רויִק לעבן, אָן מלחמות און אָן קריגערייען האָבן גע־לאָזט דעם גלות־פֿאָלק זיך פֿאַרטיפֿן אין דעם זאַמלען די פֿאָלקישע קולטור. אַ גאַנצע גרופּע „סופֿרים" האָבן זיך דערמיט פֿאַרנומען: זאַמלען, רעדאַקטירן און פֿאַרשרײַבן די פֿאָלקישע דערציילונגען, די פֿאָלקישע געזאַנגען און דאָס פֿאַר־שפּרייטן אין פֿאָלק אויף די צונויפֿקומענס, אויף די פֿאַרזאַמלונגען. עס איז גע־וואָרן דער יסוד פֿון דעם תּנך. און אָט דאָס אַרײַנלעבן זיך אין דער פֿאָלקישער קולטור וואָס מען האָט געבראַכט פֿון דער היים, די זכרונות, די געזאַנגען און

די תּפילות האָבן אויפֿגעוועקט אַ שטאַרקן באַגער צו קומען צוריק אין דעם אייגן לאַנד. לאָמיר דאָ אונטערשטרײַכן דעם פּראַצעס: די פֿאָלקישע מאַסן האָבן זיך אײַנגעלעבט אין דעם גלות־לאַנד עקאָנאָמיש און יורידיש גאָר ניט שלעכט. איבערהויפּט נאָך דעם ווי בבֿל מיט אַלע אירע מדינות איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער פּערסיע.

דאָס פֿאַרזיכיקע לעבן מיט דער אייגענער קולטור, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פֿון שטייגער האָט אויפֿגעוועקט און געשטאַרקט די ליבע צום הימלאַנד. עס איז פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן דאָס וואָס מיר רופֿן אַן „הבֿדלה און המשך" — די יסודות וואָס האָבן שפּעטער אויך מעגלעך געמאַכט דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק דורך דעם לאַנגן גלות.

אַט אַזוי האָט דער קורצער גלות בבֿל אויסגעהאָדעוועט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿאַר דעם צווייטן בית, דאָס פֿאָלק זאָל קענען און וועלן אויפֿבויען צוריק דאָס אייגענע הימלאַנד, און דערצו נאָך אײַנפֿעסטיקן אין דעם לאַנד ייִדישקייט — ייִדישע קולטור ניט אין פֿאַרגלײַך טיפֿער און פֿעסטער ווי אין דעם ערשטן בית. ניט אומזיסט זאָגט עס די גמרא, אַז אין ארץ ישׂראל ווערט ייִדישקייט כּסדר פֿאַרגעסן, קומט מען פֿון בבֿל און מען באַנײַט זי (סוכּה כ׳, א׳). די גמרא גייט נאָך ווײַטער: ערשטנס, וועגן דעם גייט שוין ניט קיין שום ספֿק, אַז הייליקייט, קדושה קומט ניט פֿון הימל עפּעס, נאָר זי קומט פֿון פֿאָלקס הייליקייט, פֿון דער טיפֿער ייִדישקייט אין לעבן. נאָך דעם גלות בבֿל מיט זײַן פֿאַרהייליקן די פֿאַרזיכיקע ייִדישקייט, האָט שוין וועגן דעם ניט געקאָנט זײַן קיין ספֿק: פֿאַרזיכיקע ייִדישקייט — זי איז הייליק, אין איר איז די קדושה, זי איז דער מקור פֿון קדושה אויך פֿאַרן לאַנד. די אַלטע אידעע פֿון ירמיהו אַז דאָס לעבן פֿון פֿאָלק מאַכט הייליק און קען פֿאַרקערט מאַכן טמא דאָס לאַנד, דעם בית המקדש אַפֿילו; ניטאָ קיין אַבסאָלוטע קדושה. די אידעע איז איצט געוואָרן אַן אָנגענומענער כּלל. און דערפֿאַר האָט מען אונטערגעשיידט: די ערטער אין ארץ ישׂראל וואָס יהושע האָט פֿאַרהייליקט זײַנען געווען פֿאַררעכנט פֿאַר דער „קדושה ראשונה" און זי איז בלויז אַ צײַטווײַליקע (קדושה לשעתּה), אָבער די ערטער וואָס די עולי בבֿל האָבן אײַנגענומען און פֿאַרייִדישט — די זײַנען געוואָרן הייליק אויף אייביק (קדושה אַ֗יך לעתיד לבֿא — חגיגה ג׳, ב׳ און נאָך ערטער).

און טאַקע אַזוי: בעתן גלות בבֿל זײַנען ניט אַלע ייִדן פֿאַרטריבן געוואָרן, זײַנען געבליבן ייִדן אין ארץ ישׂראל. ווען די עולי בבֿל האָבן אָנגעהויבן צו קומען צוריק, האָבן זיי געפֿונען אַ פֿולע אַסימילאַציע (נחמיה, דער גאַנצער ספֿר, איבערהויפּט י״ג). ווען ניט די עליה פֿון בבֿל, וואָלטן אין ארץ ישׂראל געווען שומרונים, אָבער ניט קיין ייִדן.

דאָס האָט דער קורצער גלות בבֿל (אין האַלבער יאָרהונדערט!) אויפֿגע־נומען די פּשוטע, פֿאַרזיכיקע, ניט נאָכגעמאַכטע, שטייגערישע ייִדישקייט און זי פֿאַרוואַנדלט אין קדושה („הבֿדלת וקידשת") און אָט די קדושה געבראַכט קיין ארץ ישׂראל און דורך דער ייִדישקייט זי געמאַכט פֿאַר קודש.

## די פּערסישע תּקופֿה

עס איז געווען די גליקלעכסטע תּקופֿה אין דער ייִדישער געשיכטע: אַ פּאָר הונדערט יאָר אָן מלחמות, אָן אַסימילאַציע און אָן אינעווייניקסטע קרי־געריַען. קיין מלחמות — ווײַל אונטערן שוץ פֿון אַ שטאַרקער מלוכה, וואָס מען האָט פֿאַר איר מורא געהאַט. קיין אַסימילאַציע איז ניט געווען, ווײַל דאָס הערשנ־דיקע פֿאָלק איז געווען צו ווײַט עס זאָל קענען משפּיע זײַן. איז דאָס לעבן גע־ווען רויִק, אָן קיינע אויפֿטרייסלדנגען, אַ „תּקופֿה אָן אַ געשיכטע". אָבער פֿאַר דער צײַט האָט זיך דאָס פֿאָלק פֿאַרמערט, פֿון עטלעכע צענדליק טויזנטער איז עס געוואָרן אַ פֿאָלק; פֿעסט באַזעצט דאָס גאַנצע לאַנד. ניטאָ קיין גרויסע העלדן אין דער תּקופֿה, אָבער אַנשטאָט דעם איז אײַנגעפֿעסטיקט געוואָרן די געבראַכ־טע ייִדישקייט אין דעם פֿאָלקישן מאַסיוו, דער שטייגער איז געוואָרן די רעלי־גיע, פֿאַרהייליקט געוואָרן; דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געקראָגן אַ פֿעסטן באַוווסט־זײַן, אַכטונג צו זיך. עס האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט די אייגענע שפּראַך אין ריידן (אַראַמיש), עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן אין פֿאָלק די ליטעראַטור, איבערהויפּט די פֿאָלקס־געזאַנגען וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן דער תּהלים. דער שטייגער איז פֿאַרהייליקט געוואָרן און זײַנע עלעמענטן זײַנען געוואָרן אָנ־גענומענע, פֿעסטע „הלכות". עס איז מער ניט געווען קיין אַנטאַגאָניזם צווישן דעם פֿאָלקישן מאַסיוו און דער איטעליגענץ ווי דאָס איז געווען אין די צײַטן פֿון די נבֿיאים; ניט געווען קיין פּאַרטייען וואָס זאָלן ציִען אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. די תּפֿילה וואָס ייִדן האָלטן אייביק אין בעטן „שלום על ישׂראל" איז דעמאָלט מקוים געוואָרן.

צו דער גליקלעכער צײַט דאַרף מען צורעכענען אויך די צײַט פֿון מצרי־שער הערשאַפֿט איבער ארץ ישׂראל. דאָס העלעניסטישע מצריים איז טאַקע געווען נענטער אַ סך ווי פּערסיע, עס איז דאָך ניט געווען קיין שטאַרקע השפּעה. עס האָט זיך אָנגעהויבן און זיך צעוואַקסן אַ שטאַרקע ייִדישע קאָלאָניע אין מצרים — דער אָנהייב פֿון ייִדישער צעשפּרייטונג.

## ווידער אַסימילאַציע

די גליקלעכע צײַט האָט זיך געענדיקט מיטן איבערגאַנג פֿון ארץ ישׂראל צו דער העלעניזירטער אַנטיאָכיע אין צפֿון. קיינע נאַטירלעכע באַריערן, די־

רעקטע שכנות, האַנדל און אָפּטער פאַרקער, אַנטוויקלונג פון שטעט, אויפקום פון אַ רײַכן קלאַס און פון העלעניזאַציע. דאָס הערשערישע פאָלק באַמיט זיך צו אַסימילירן ייִדן מיט כּוח אויך. אין גאַנצן דרײַ צענדליק יאָר אָבער דער העלעניזאַציע־שטראָם איז אין דעם גאַנצן ראַיאָן געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין אָט דער קורצער צײַט האָט די גאַנצע ייִדישקייט געקאָנט אונטערגיין. ייִדן האָבן געקאָנט זיך אַרײַנגיסן אין אָט דעם געמיש פון פעלקער, וואָס זײַנען געווען העלעניזירט. דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים האָט דעם פּראָצעס פון אַסי־מילאַציע אָפּגעהאַלטן. אָבער ניט אויף לאַנג. קיין גליקן האָט דער נצחון ניט געבראַכט: עס איז אַרײַנגעדרונגען אין ארץ ישראל אָנשטאָט די גריכן רוים. רוים אַליין איז טאַקע געווען גאָר ווײַט פון ארץ ישראל, אָבער זי איז אַליין אַרײַנגעדרונגען אין ארץ ישראל, רוימישע שטעט, טעאַטערס, איר מיליטער, איר קולטור; עס איז אויפגעקומען אַ רײַכער קלאַס אין די שטעט מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו דער „וועלטשפּראַך" און צו איר קולטור. די אייניקלעך פון די חשמונאים האָבן אַליין געשאַפן אַ גײַסטיקע אַריסטאָקראַטיע לויטן נוסח רוים. גרויסע און שווערע שטײַערן, אַ כּסדרדיקע עמיגראַציע פון ארץ ישראל; מלחמות אינעווייניקסטע און מיט פרעמדע; פּאַרטייען און ריכטונגען אין לאַנד; קריגערייען; די פאָלקס־אינטעליגענץ האָט פאַרלאָרן די האָפענונגען אויף דער מלוכה, אויף דער נײַער דינאַסטיע פון די חשמונאים.

אָט די פאָלקישע אינטעליגענץ — די פּרושים האָבן זיך אַרײַנגעטאָן אין אויפהיטן דעם פאָלקישן שטייגער מיט זײַנע הלכות. ווידער לויטן פּרינציפּ פון „הבדלה און המשך" — אָפּצושיידן זיך אין לעבן פון אַלע גײַסטיקע השפּעות פון די פרעמדע פעלקער, פון דער „טומאת העמים" און — דער צווייטער פּרינציפּ — אַלץ, אַלע הלכות דאַרפן זײַן אַ המשך פון דער אַלטער ייִדישקייט. הלכה למשה מסיני. די עמיגראַציע פון לאַנד ווערט אַלץ גרעסער, עס וואַקסן אויס צענטערס פון ייִדישקייט מחוץ ארץ ישראל. איבערהויפּט אין בבל און אין מצרים, אין אַלעקסאַנדריע. דער לעצטער ישוב איז רײַכער, ער נעמט אָנטייל אין דער קולטור פון לאַנד, מען גלייבט אין אַ קולטור־סימביאָז, מען לעבט אין צוויי קולטורן, מען רעדט די שפּראַך פון לאַנד, מען היט אָבער די ייִדישע רעליגיע, מען האָט אַפילו אַן אייגענעם בית המקדש פאַר זיך, מען שיקט הילף קיין ירושלים. און דאָך איז די גאַנצע רײַכע און קולטורעלע ייִדישקייט פון אַלעקסאַנדריע געבליבן בלויז פאַר אַרכעאָלאָגן צו פאָרשן. קיין שום היסטאָרי־שע שפּורן אין לעבן פון ייִדישן פאָלק זײַנען פון דעם ישוב ניט געבליבן. ווי פון שומרון אַמאָל, און נאָך וויניקער, — פון שומרון איז כאָטש געבליבן אַ סעקטע „לעבעדיקע פאָסילן" — די שומרונים. פון דער ייִדישער אַלעקסאַנדריע איז אַזוינס אויך ניט געבליבן. פאַרוואָס — ד"ר שימחוני וויל דאָס דערקלערן

מיט דעם וואָס די ייִדן אין אַלעקסאַנדריע האָבן פֿאַרלאָזן העברעיִש. אָבער דאָס איז דאָך ניט געווען די ערשטע סיבה, עס איז דאָך בלויז אַ תולדה, אַ רעזולטאַט פֿון אַ טיפֿערן פּראָצעס. די שפּראַך־אַסימילאַציע איז געווען איין טייל פֿון אַ גרעסערן און מער אַלגעמיינעם פּראָצעס פֿון אונטערגאַנג. ד״ר מ. קאַפּלאַן וויל דעם אונטערגאַנג דערקלערן מיטן פּאָגראָם אין סוף פֿון פֿינפֿטן י״ה. אָבער קיין שום פּאָגראָם האָט קיין מאָל ניט חרובֿ געמאַכט די קולטור־ירושה פֿון אַ חרובֿ געוואָרענעם ייִשובֿ. דאָ אָבער איז דאָך צחאָמען מיטן ייִשובֿ פֿאַרלאָרן געגאַנגען זײַן גאַנצע קולטור, אָן אַ וואָסער עס איז השפּעה אויף די לעבעדיקע אַנדערע ייִשובֿים.

איך מיין אַז די אמתע סיבה פֿון אַזאַ אָפּגעמעקט ווערן פֿון דער געשיכטע איז אָט וואָס:

1. די שפּראַך פֿון הערשנדיקן פֿאָלק. אַלע ייִדישע שבֿטים און ייִשובֿים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פֿאַרזיכיקע שפּראַך באַזונדער פֿון דעם הויפּטפֿאָלק, אַלע זיי זײַנען אַלע מאָל אין דער געשיכטע אונטערגעגאַנגען אָן אַ ניכרדיקער השפּעה אויף די אַנדערע ייִשובֿים. דאָס איז איינער פֿון די געזעצן פֿון אַסימי־לאַציע בײַ ייִדן פֿון אייביק ביז אייביק. ניט דווקא העברעיִש (שומרון איז פֿאַר־לאָרן געגאַנגען מיט העברעיִש), נאָר בכלל אַ באַזונדערע שפּראַך פֿאַר זיך.

2. יעדער פּרווו, פֿאַרלאַנג צו לעבן איינצײַטיק אין צוויי קולטורן פֿירט דירעקט צום אומקום און פֿאַרגעסנקייט. נאָך אַ געזעץ אין אונדזער געשיכטע וואָס חזרט זיך איבער פֿון אייביק ביז אייביק. ניט מעגלעך קיין לעבן אין צוויי קולטורן איינצײַטיק.

3. די געשיכטע דערציילט אונדז פֿון ייִדישער פֿילאָסאָפֿיע, פֿון ייִדישע געהויבענע שריפֿטן אין מצרים, עס איז אויך באַקאַנט די ייִדישע רעליגיע, אָבער מיר וויסן ניט פֿון אַ באַזונדערן ייִדישן שטייגער, פֿון אַ ייִדישער הלכה, וואָס דער ייִדישער פֿאָלקישער מאַסיוו זאָל אָפּהיטן אין זײַן לעבן. דאָס איז ווידער אַ געזעץ אין דער געשיכטע: אַ פֿאָלק האַלט זיך ניט מיט דער הויכער קולטור פֿון זײַנע שפּיצן, פֿון די גדולים, נאָר מיט דער פֿאַרזיכיקייט פֿון די פֿאָלקישע מאַסן, מיט דעם פֿאַרזיכיקן שטייגער.

## בבֿל

גאָר אַנדערש איז געווען דער גורל פֿון דעם צווייטן גרעסטן ייִדישן ייִשובֿ — אין בבֿל. דער ייִשובֿ דאָרטן האָט זיך געהאַלטן בײַ אַ טויזנט פֿינף הונדערט יאָר. דרײַ מאָל אַזוי פֿיל ווי יעדער בית באַזונדער. די גאַנצע ייִדישקייט פֿון הײַנט, אין אַלע ייִשובֿים אין דער וועלט שטאַמען פֿון בבֿל. פֿון ארץ ישראל דורך

בבל אין דער גאָרער וועלט (קיין ישׂראל איז דאָך ייִדישקייט איצט ווידער געבראָכט פֿון גלות טאַקע!).

אין בבל האָבן ייִדן געלעבט אין איין מאָניסטיש ייִדישער קולטור. מען קען דורכשטודירן דעם גאַנצן תּלמוד בבלי און ניט האָבן קיין אַנונג וועגן דעם הויפּטפֿאָלק פֿון לאַנד, ווי אַזאַ וואָלט גאָרניט געווען. ייִדן אין בבל האָבן תּמיד געהאַט אַ יורידישע אויטאָנאָמיע מיט אַן אייגענעם פּאָליטישן און גײַסטיקן פֿירער (ריש גלותא און גאון).

די הויפּטזאָרג איז געווען דער פּרינציפּ הבֿדלה — אָפּשיידן זיך, פֿירן זיך אַנדערש ווי דאָס הויפּטפֿאָלק. געווען פֿאַר דעם פֿאַרשיידענע נעמען: דרכי אמורי, מנהגי עכו״ם, סיג לסיג, טומאת העמים וכדומה. מען טאָר ניט עסן קיין גויִש ברויט, כּדי מען זאָל ניט טרינקען זייער ווײַן, און ניט נוצן זייער ווײַן, כּדי מען זאָל זײַן אָפּגעהיט פֿון זייערע טעכטער (שבת י״ד, י״ז, ב׳ און נאָך). די צווייטע זאָרג איז געווען ווי צו פֿאַרבינדן די הלכה, דעם שטייגער מיט דער תּורה פֿון פֿריִער; די הײַנטיקע ייִדישקייט זאָל זײַן אַ המשך פֿון דער נעכטיקער. עס מוז זײַן אַ המשך פֿון ייִדישקייט. דאָס איז געווען דער גאַנצער אינהאַלט פֿון „תּלמוד תּורה״.

מען האָט אָפּגעשטעלט דאָס שאַפֿן אינדיווידועלע ווערק, ליטעראַרישע, פֿילאָסאָפֿישע. ייִדישקייט דאַרף ניט אײַנשטיין בײַ יחידים, מעגן זיי זײַן די גרעסטע. ייִדישקייט מוז זיך האַלטן אויף דעם שטייגער און אויף דער פֿירונג פֿון פֿאָלקישן מאַסיוו. דעריבער איז דאָס פֿאַרשפּרייטן די הלכה און אַרײַנבינדן דעם שטייגער אין דער פֿריִערדיקער תּורה שבכתב געוואָרן דער עיקר פֿון דער גאַנצער גײַסטיקער אַרבעט; דעריבער איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אַלגעמיינע דערציִונג (פֿאַר ייִנגלעך), וואָס האָט געהאַט איר ציל „לגדל בנים לתּלמוד תּורה״.

די אויסגעהאַלטענע ייִדישקייט פֿון דעם פֿאָלקישן מאַסיוו איז וויכטיקער ווי די שענסטע און בעסטע ווערק פֿון יחידים. זאָגט רבי עקיבֿא (ער איז נאָך געווען אין ארץ ישׂראל נאָכן חורבן), אַז אין זכות פֿון ייִדן האָט גאָט גערעדט צו משהן. דאָס פֿאָלק איז וויכטיקער פֿון משהן. האָבן זיי אַרײַנגעלייגט משהן אין מויל אַזאַ זאַך, וואָס ער זאָגט צו גאָט: זאָל משה שטאַרבן און טויזנט ווי משה און זאָל ניט געשעדיקט ווערן קיין נאָגל פֿון ייִדן! דערפֿאַר איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דאָס תּנכישע שאַפֿן. נאָר די פֿיר און צוואַנציק ספֿרים, אָבער מער ניט. צוויי מאָל אין יאָר פֿלעגט מען צונויפֿנעמען דאָס פֿאָלק צו לערנען הלכה־ייִדישקייט (ירחי כּלה). האָבן זיי געדרשנט: כּל זמן עס איז דאָ דער קול יעקבֿ, וועלן ידי עשׂו ניט קענען אומברענגען יעקבֿן. כּל זמן עס איז דאָ דער שטאַם פֿון בוים, וועלן זײַן די פּרוכט.

דאָס האָבן די ייִדן אין בבֿל איינגעשטעלט די דעמאָקראַטישסטע סיסטעם פֿון בילדונג אין דער וועלט אַפֿילו נאָך איצט: העכערע בילדונג אומזיסט און נאָך דערצו אויך אויסהאַלטונג! ניטאָ קיין בית המקדש, — איז יעדער בית מדרש אַ בית המקדש; ניט קיין מזבח, טאָ זאָל יעדער טיש ביי אַ ייִדן זיין במקום דעם מזבח. און אַ כּלל האָט די בבֿלישע ייִדישקייט איינגעשטעלט, אַז די בתּי מדרשים און בתּי כּנסיות פֿון בבֿל וועלן אויפֿגעשטעלט ווערן אין ירושלים (מגילה כ״ט). פּשוטע רייד, די בבֿלשע ייִדישקייט וועט ברענגען די גאולה.

די פּרינציפּן פֿון בבֿל:

1. קולטור־מאַגיזם, ניט ווי אין אַלעקסאַנדריע — צוויי קולטורן איינצייטיק.

2. אייגענע שפּראַך, ניט די שפּראַך פֿון הערשנדיקן פֿאָלק.

3. דער כּוח צו לעבן ווי אַ פֿאָלק ליגט אין דעם שטייגער פֿון פּשוטע ייִדן מער ווי די בעסטע שאַפֿונגען פֿון יחידים. דער ייִדישער שטייגער אין פֿירונג איז וויכטיקער ווי די טעאָריעס. לימוד און מעשׂה — איז מעשׂה וויכטיקער; איז דער קיום פֿון פֿאָלק אין דעם ייִדישן שטייגער פֿון די עם ארצים.

עס שטעלט זיך אַ פֿראַגע: נו, און די אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן? די לער־נונגען פֿון די „סבֿי דבֿי אַתּונא״? — די גריכישע קולטור — דאַרף זיך דאָס ייִדישע פֿאָלק אָפּזאָגן פֿון איר? — ניין! אָבער דאָ ליגט אויך אַ טיפֿער אונ־טערשייד צווישן די וועלט־באַנעמען פֿון בבֿל און פֿון אַלעקסאַנדריע: די לעצטע האָט זיך אַסימילירט אין דער גריכישער קולטור. בבֿל האָט געוואָלט אַסימילירן די אַלגעמיינע קולטור אין דער אייגענער. פֿאַרקערטע דרכים. און די פּלוגתּא איז גילטיק אויך היינט. צום באַדויערן קען איך זיך אָבער דאָ ניט אָפּשטעלן גענויער אויף דעם. בבֿל האָט אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען פֿון דער געשיכטע. מצרים האָט ניט אויסגעהאַלטן. דעם פּסק דין פֿון דער געשיכטע וואָלטן געדאַרפֿט לערנען אַלע היינטיקע אידעאָלאָגיעס...

דורות איז אָנגעגאַנגען די קאָנקורענץ צווישן בבֿל און ארץ ישׂראל (מיטן פּסיידאָנים ירושלים. הגם דער תּלמוד פֿון ארץ ישׂראל האָט זיך געשאַפֿן מחוץ פֿון ירושלים, דאָך טראָגט ער ביז היינט דעם נאָמען ירושלמי) פֿאַר דער בכורה — ווער איז וויכטיקער — די „תּקיפֿי דארעא דישׂראל״ אָדער „בבֿלאי טפּשיא״ (די גרויסהאַלטער פֿון ארץ ישׂראל און די „טפּשים״ פֿון בבֿל... אין אַ סך ער־טער פֿון תּלמוד). ווי וואָלט געווען צום גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, ווען די געשיכטע גייט לויט די תּקיפֿים פֿון ארץ ישׂראל. צי האָט אַלעקסאַנדריע אויך אָנטייל גע־נומען אין דער קאָנקורענץ איז מיר ניט באַקאַנט: שוין צו ווייט. בבֿל און ירושלים האָבן נאָך געהאַט איין תּורה. די ייִדישקייט פֿון אַלעקסאַנדריע איז שוין געווען אַ העלעניסטישע.

## ספֿרד און אַשכּנז

אונטערגעגאַנגען אויך בבֿל. אָבער געלאָזן בײַ ייִדן װײַטערדיקע טרעגער פֿון ייִדישקייט. צוויי שטראָמען זײַנען דאָס געווען אין ייִדישקייט — ספֿרד און אַשכּנז. ספֿרד האָט צוזאַמען מיט די אַראַבישע הערשער אויפֿגעהיט די גריכי־שע קולטור ווען די קריסטלעכע אייראָפּע איז געזונקען אין פֿינצטערקייט. האָט עס עמעצער געשריבן אַז אין דריטן יאָרהונדערט פֿאַר קר׳ איז די וויסנשאַפֿט אין אַלעקסאַנדריע געווען שטאַרקער ווי אין אייראָפּע אין פֿופֿצנטן י״ה. האָבן די ייִדן געלעבט רויק און שעפֿעריש — אַ רײַכע ליטעראַטור אויף צוויי שפּראַכן — אין העברעיִש און אין אַראַביש. עס איז די „גאָלדענע תּקופֿה״ פֿון ספֿרד; ביז הײַנט שטאָלצירן ייִדן מיט די נעמען פֿון אַן איבן גבֿירול, פֿון יהודה הלוי, און ועל כּולם מיט דעם רמב״ם!

אָבער גלײַך נאָך דעם גירוש (1492) האָט דער שבֿט פֿון די שטאָלצע ייִדן, וואָס האָבן זיך גרויס געהאַלטן מיט זייער ספֿרדישקייט און זיך אונטערגעשריבן „ספֿרדי טהור״, האָבן זיי גענומען גיין אַראָפּ, צעשפּרייט זיך אין עטלעכע לענ־דער, אַפֿילו ביז אַמעריקע דערקליבן זיך. האָבן זיי געהאַט בערך אַ גרינגערן גלות ווי די אַשכּנזים, און דאָך געפֿאַלן אַלץ נידעריקער אין קולטור און אויך עטנאָגראַפֿיש. זיי זײַנען געווען אַרום זעכציק פּראָצענט פֿון ייִדישן פֿאָלק בכלל. אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן י״ה זײַנען זיי געווען אַרום זעקס פּראָצענט. ניטאָ אַנצוווײַזן אין סאַצאַלן, אין קולטורעלן לעבן פֿון פֿאָלק עפּעס אַן אויפֿטו, אַ דויערנדיקן שאַפֿן פֿון ספֿרדישן שבֿט. די העגעמאָניע איז אַריבער צו אַשכּנז, וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין „גאָלדענע תּקופֿות״, אַפֿילו ניט קיין סתּם רויקע צײַט. אין דער גאָר נײַסטער צײַט איז דער שבֿט ספֿרד אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכער און קולטורעלער שאַפֿונג טאַקע דורך די אַשכּנזים. אַפֿילו די שאַפֿונגען פֿון דער גאָלדענער תּקופֿה זײַנען אויך באַרימט געוואָרן דורך די אַשכּנזים. מען קען זאָגן אַז די גאַנצע ייִדישע גע־שיכטע ווערט ווײַטער געטראָגן דורך דעם שבֿט אַשכּנז. פֿאַרוואָס אַזאַ אונטער־שייד? פֿאַרוואָס אַזאַ מערכה?

מיר איז ניט אויסגעקומען צו לייענען מיינונגען אויף דער פֿראַגע פֿון גרע־סערע אויטאָריטעטן. מיר דוכט זיך אָבער, אַז איך וועל זײַן האַרט בײַם אמת אויב איך וועל דאָס דערקלערן מיט אַ פֿאַרגלײַך: ספֿרד און אַשכּנז — אַלעק־סאַנדריע און בבֿל: אויך אין ספֿרד איז געווען אַ ביקולטוריזם, וואָס ברענגט אונדז קיין מאָל ניט קיין מזל. פֿון די צוויי יסודות פֿון קיום האָט אין ספֿרד לכתּחילה געפֿעלט דער עלעמענט פֿון הבֿדלה — פֿון פֿאַרזיכיקער, אומאָפּהענ־גיקער קולטור. זיי האָבן גענוצט צוויי שפּראַכן מיט אַזאַ צוגאַנג — פֿילאָסאָפֿיע

קומט אויף אַראַביש; פּאָעזיע גייט אין העברעיִש. וואָס פֿאַר גאָט — איז אין העברעיִש און וואָס פֿאַר לײַט איז אין דער „אַלגעמיינער קולטור־שפּראַך". ווייסן מיר ניט וויפֿל גרויסע ווערק עס זײַנען גאָר פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין פֿרעמדע אַרכיוון. צופֿעליק איז אַנטדעקט געוואָרן אַז דער לאַטייניִשער „פֿאָנס וויטע", וואָס איז געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ ווערק פֿון אַ ניט־ייִדן, אַז דאָס איז גאָר אַן איבערזעצונג פֿון שלומה איבן גבירולס אַ שאַפֿונג... אַלע מאָל באַהעפֿט דער ביקולטוריזם די ייִדישע מוחות צו פֿיל צום פֿרעמדן באָדן און רײַסט אָפּ פֿון אַנדערע ייִדן אין אַנדערע ייִשובֿים. צווייִשפּראַכיקייט איז שלעכט, — צוויי קול־טורן איז גאָר אַ סכּנה פֿאַרן קיום און פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישקייט. ניט אײַנגעוואָרצלט אין אייגענעם אַמאַטעריעלן, גײַסטיקן באָדן, און ווי נאָר מען ווערט אַרויסגעריסן פֿון דעם פֿרעמדן באָדן, בלײַבט די ייִדישקייט בכלל אויס־געוואָרצלט און זי וועלקט ביסלעכווײַז.

צווייטנס, ווייסן מיר פֿון גרויסע גיגאַנטן פֿון גײַסט אין ספֿרד, אָבער מיר ווייסן כּמעט גאָרניט וועגן דעם פּשוטן פֿאָלק און זײַן לעבן. איז דאָס ספֿרדישע ייִדנטום געווען ווי דער משל אין פּרקי אָבֿות — אַ בוים מיט אַ שטאַרקער צווײַגן־קרוין און מיט שוואַכע וואָרצלען; אַ מעכטיקער קאָפּ מיט אַ שוואַכן קערפּער. איז דער פֿאַרגלײַך ספֿרד מיט אַלעקסאַנדריע גאָרניט אויסן וועג.

אויף אַ פֿאַרקערטן וועג איז אַוועק לכתּחילה אַשכּנז. אָפּגעצאַמט און אָפּגע־גרענעצט מיט אָן אַ שיעור באַריערן פֿון די הויפּטפֿעלקער, איז די גאַנצע גײַס־טיקע ענערגיע געגאַנגען אויף דער אָרגאַניזירונג פֿון פּשוטן פֿאָלקישן לעבן — ווײַטער שמידן און איבערשמידן די הלכות ווי זיי זאָלן קענען פּאַסן צום לעבן פֿון „הבֿדלה און המשך" — פֿאַרזיכיק און אַנדערש, ניט ווי בײַ די הויפּטפֿעל־קער און אין דער זעלביקער צײַט המשכדיק, שמידן און איבערשמידן די הלכות. ניט פֿיקסירן, נאָר כּסדר שמידן ווײַטער. דער תּנך — אַ פֿאַרהייליקטע, פֿאַר־ענדיקטע קולטור. ניט שײַך זי איבעראַרבעטן. דער תּלמוד איז אָבער ווידער אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן און איבערשאַפֿן, ניט פֿאַרענדיקן, ניט פֿיקסירן, ניט סומירן. ייִדישקייט אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן.

עס איז דאָך ניט צופֿעליק, וואָס אַלע די גדולים וואָס האָבן געוואָלט פֿיק־סירן די הלכה אויף אייביק און פֿאַרענדיקן דעם גײַסטיקן פּראָצעס פֿון תּלמודי־שער שעפֿערישקייט, — אַלע זיי זײַנען געווען ספֿרדים: דער רי״ף (ר׳ יצחק אַלפֿסי), דער רמב״ם און ר׳ יוסף קאַרו. פֿאַרקערט האָבן די גדולים פֿון שבֿט אַשכּנז — רבינו גרשום מאור הגולה און — נאָך מער — רש״י זיך באַמיט צו פֿאַרגרינגערן און ממשיך זײַן ווײַטער און ווײַטער דעם תּלמוד־פּראָצעס צו „פּראָ־דוצירן", לערנען ייִדישקייט תּלמודיש, ניט פֿיקסירן.

ניט ווי אין ספרד איז אין אַשכּנז, ווי אַן בבל פריער די הויפּט־אַכטונג געלייגט אויף דעם לעבן פון פאָלקישן מאַסיוו, ניט אויף די הויכע גייסטיקע שפּיצן; דאָס פאָלק און ניט דווקא זײַנע גדולים. איז דאָס לעבן פון פאָלק געווען אין גאַנצן פאַר זיך, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דעם לעבן פון די הויפּטפעלקער; צווישן די פעלקער, אָבער ניט מיט זיי, ניט מיט זייער קולטור. אגבֿ, איז דאָך די קריסטלעכע אייראָפּע געווען פאַרפינצטערט ביז גאָר.

דאָס האָט אַשכּנז ווידער געשאַפן אַ שפּראַך, איז זי געוואָרן פאַרזיכיק, אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון די שפּראַכן בײַ די הויפּטפעלקער פון די לענדער: אייגענע גראַמאַטיק, אייגענע אויסשפּראַך פון די קלאַנגען, אייגענע שריפט און אויך דער וואָרט־אוצר פאַרזיכיק ווי אויך די גאַנצע אידיאָמאַטיק — פון עבֿרי־טײַטש ביז ייִדיש — אַ לאַנגער וועג פון מאָניסטישער פאַרזיכיקייט. בילינגוויזם — יע, ביקולטוריזם — ניט. דאָס האָט דער קולטור־מאָניזם אויך די שפּראַך פאַרייִדישט. האָבן ייִדן אין אַשכּנז געלעבט אין אַן אַנדער, אין אַן אייגענער וועלט, וואָס האָט זיך געאָגראַפיש און יורידיש געפונען אין אייראָפּע.

זײַנען אין דעם אַשכּנזי־לעבן געווען מעלות און חסרונות: אַשכּנז און ניט ספרד האָט געירשנט בבֿל און געפירט ייִדישקייט ווײַטער. אָבער דער שווערער גלות אין דער קריסטלעכער אייראָפּע האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אײַנגעמאַטערט דעם ייִדן, איז ער בײַ זיך אַליין אין די אויגן געפאַלן, האָט ער זײַן שטאָלץ און זײַן מוט פאַרלאָרן ביסלעכווײַז. פלעגן ייִדן זאָגן „אתּה בחרתּנו", אָבער געפילט האָט מען זיך אַן „עם עני ואבֿיון". האָבן טאַקע ייִדן יע אַ „גרויסן גאָט", אָבער אָט דער גרויסער ייִדישער גאָט האָט ניט קיין גרויס פאָלק, וואָס זאָל גלייבן ניט בלויז אין גאָט, נאָר אויך אין זיך, אין דעם ייִדישן פאָלק. האָט ניט אַשכּנז און אויך ניט די גולי ספרד געהאַט דעם מוט צו זוכן אין דער גראָמער וועלט אַן אָרט וווּ מען זאָל קענען בויען אַ נײַע ארץ ישׂראל, אַ פאַרזיכיקייט ניט בלויז גײַסטיק און קולטורעל, נאָר אויך סאָציאַל און פּאָליטיש. עס האָט זיך אין ייִדן אַנטוויקלט אַ מאָראַלישע אָפּהענגיקייט, אַן אָפּהענטיקייט, אַ געפאַלנקייט בײַ זיך אַליין. אָט דער פּסיכישער שטריך האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער ווען די געשיכטע פון די ייִדן אין אייראָפּע איז אַוועק אויף צוויי באַזונדערע וועגן —

## מערבֿ־אייראָפּע און מיזרח־אייראָפּע

די צײַטן פון דער רעוואָלוציע. יע עמאַנציפּאַציע און ניט עמאַנציפּאַציע, אָבער די סאָציאַלע פאַרזיכיקייט איז מער ניטאָ. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט אַרײַנגעצויגן ייִדן אין אַלגעמיינערווירטשאַפט, די ייִדן קומען אין נענ־

טערן קאָנטאַקט מיט די ניט־ייִדן: די געפֿאַלנקייט ווײַזט זיך איצט אַרויס מיט איר גאַנצן כּוח. ייִדן אין מערבֿ־אייראָפּע כאַפּן זיך אָן פֿאַר דער עמאַנציפּאַציע ווי אַ באַפֿרײַונג פֿון ייִדישקייט. ווי די פֿעלקער אַזוי אויך די ייִדן אַליין האָבן ניט געזוכט און ניט געוואָלט אַ פֿרײַע ייִדישקייט, נאָר אַ באַפֿרײַונג פֿון ייִדישקייט; כּלומרשט ניט די פֿעלקער מיט זייער רשעות זײַנען שולדיק אין די ייִדישע צרות, נאָר די ייִדישקייט איז שולדיק, און די פֿעלקער שטייען הויך און העכער פֿון אונדז, און עס איז אַ גליק, אַ גדולה זיך אויסצומישן מיט זיי... עס איז געקומען די „קנעכטשאַפֿט אין פֿרײַהייט" ווי אַחד העם האָט עס גלענצנד דעפֿינירט שפּעטער. איז אין משך פֿון איין און פֿון צוויי דורות פֿאַרלאָרן געגאַנגען דאָס פֿאַרזיכיקע לשון מיט דער גאַנצער אידיאָמאַטיק און קולטור־אוצר אין דעם לשון. האָט די רעליגיע ניט געשאַפֿן קיין שום באַריער — עס איז אַוועק אַ „שמד־מגפֿה", וואָס האָט אָפּגעמעקט גרויסע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק; עס איז אויפֿגעקומען די רעפֿאָרעם, וואָס האָט אָפּגעמעקט ייִדישקייט אין אַ צוויי־דרײַ דורות. עס זײַנען געבליבן אָרטאָדאָקסן, וואָס האָבן באַוויזן צו באַזעצן זייער רעליגיעזע פֿרומקייט אין דער סינאַגאָגע און — אויסער אירע ווענט — ווידער אַסימילאַציע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע מאָראַלישע געפֿאַלנקייט, דער אומגלויבן אין זיך, די שוואַכע מאָראַלישע פֿעסטקייט וואָס עס האָט אַנטוויקלט דער דורותדיקער גלות אין דעם עצם כאַראַקטער פֿון ייִדן: ייִדן האָבן שטאָלצירט מיט יענעמס גרויסקייט, האָבן זיך געגרייסט מיט דער נאָענטקייט צו יענעמס גרויסקייט. האָבן זיי אין דער עמאַנציפּאַציע ניט געהאַט קיין כּוח און מאָראַלישע מוט צו וועלן אַסימילירן די וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן אין זיך, אין דער אייגענער ייִדישקייט, האָבן זיי בעסער געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון אָט דער ייִדישקייט אין די פֿרעמדע קולטורן אַרײַן. האָט זיך צוריק אויפֿגעוועקט דער ביקולטוריזם — ייִדישקייט מיט דײַטשישקייט, מיט פֿראַנצויזישקייט, פּאָליאַקן פֿון משהס גלויבן און אַלערליי אַנדערע דואַליזמען. אַלע אַזוינע דואַליזמען האָבן זיך געהאַלטן ניט מער ווי איין דור ביז מען איז אײַנגעזונקען אין די פֿרעמדע ימים. קיין שעפֿערישע ייִדישקייט איז שוין מער ניט געווען אין דעם מערבֿ. אויך בײַ די אָרטאָדאָקסן האָט זיך זייער רעליגיע פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין פֿאַרשטיינערטן קולט, עס איז געוואָרן ווי אַ מין „שומרוניזאַציע", ווי פֿאַרצײַטן. אין סאָציאַלן לעבן און אין דער ייִדישער קולטור איז מער די מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדישקייט ניטאָ. ייִדן זײַנען דאָ, באַזונדערע ייִדן, מיליאָנען בײַמער זײַנען נאָך ניט קיין וואַלד, אויב עס זײַנען ניטאָ קיין געמיינזאַמע לעבנס־עלעמענטן. אויסער די טיפֿערע ריין ביאָלאָגישע אייגנשאַפֿטן זײַנען מער ניטאָ, סײַדן דער נאָך איין פֿאַקטאָר — דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס קען אַרויסרופֿן ענלעכע געפֿילן בײַ אַלע באַזונדערע ייִדן, ענלעכע געפֿילן, זאָרגן און אַפֿילו אַק־

ציעס, אָבער ניט קיין געמיינזאַמע האַנדלונגען. די אַסימילאַציע אַטראָפירט די קאָלעקטיווע האַנדלונגען. אין דער אַטראָפיע קענען אָפט זײַן גרויסע סכּנות, ווען עס איז דווקא נייטיק אַ קאָלעקטיווע אָפּוועראַקציע, הלוואי זאָל מען דאָס ניט דאַרפן. יעדער אַזאַ אַסימילירטער ייִד קען זײַן איינצײַטיק אי שטאָלץ, אי געפֿאַלן בײַ זיך; אי גרויס און אי קליין. ער קען זײַן גרויס און אָנערקענט פֿון ניט־ייִדן, ווי אַ בירגער פֿון זײַן לאַנד, ווי אַ גרויסער אויפֿטוער אויף עפּעס אַ געביט. און אין דער זעלביקער צײַט קען דער זעלביקער מענטש זײַן קליינמוטיק, געפֿאַלן בײַ זיך ווען נאָר ער דערמאָנט זיך אַז ער איז ניט מער ווי אַ... ייִד, נעבעך... ווי גליקלעך וואָלט זיך אַזאַ איינער געפֿילט ווען ער קען פֿאַרגעסן זײַן טראַגעדיע פֿון דער ייִדישקייט... דאָס איז די מאָראַלישע דעגענעראַציע דורך אַסימילאַציע. די דאָזיקע געפֿילן פֿון די „נעבעך־ייִדן" ווערן אָפֿט באַהאַלטן אונטער פֿאַרקערטע אַרויסזאָגונגען: מען שרײַט הויך און העכער וועגן ייִדישקייט מיט אַ גרויסן אַפּלאָמב; עס איז גרויס און וויכטיק און מען איז שטאָלץ צו זײַן אַ ייִד... דאָס איז אָבער פֿאַלש! מן השׂפה ולחוץ. אין דער אמתן וויל מען זיך אײַנריידן איבערהויפּט טאָקע זיך אַליין, אַז זיי זײַנען שטאַרק צופֿרידן מיט זייער ייִדישקייט. דאָס זײַנען אַרויסזאָגונגען, וואָס די זאָגערס אַליין גלייבן ניט אין זיי.

עס איז אָבער נאָך פֿאַראַן אַ צווייטע דערשײַנונג: מיט דער אַסימילאַציע גייט פֿאַרבונדן אַ דעמאָגראַפֿישע דעגענעראַציע: די צאָל ייִדן ווערט אַלץ קלענער און דער דורכשניט־עלטער ווערט העכער, אַלץ ווייניקער געבורטן, אַלץ ווייניקער קינדער, אַלץ אַ העכערער פּראָצענט עלטערע ייִדן. ביז... קלענערע ייִשובֿים גייען אויס אין גאַנצן און גרעסערע ווערן ווי אײַנגעדאַרט, גײַסטיק סטעריל, פֿולע „שומרוניזאַציע". עס טרעפֿט: טײַכן פֿליסן פֿון וואַסעררײַכע געביטן אַרײַן אין אַ מידבר, די טײַכן טריקענען אויס, סײַדן גאָר גרויסע טײַכן באַווײַזן צו דערטראָגן טיילן פֿון זייערע וואַסערן ביז צום ים... וויפֿל אַזוינע ייִדישע שבֿטים זײַנען שוין „אויסגעטריקנט" געוואָרן.

דאָס איז דער געשיכטלעכער גורל פֿון מערבֿ־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

גאָר אַנדערש איז די געשיכטע געגאַנגען אין מיזרח־אייראָפּע.

## מיזרח־אייראָפּע

אָפּגעזונדערט פֿון די הערשנדיקע הויפּט לאַנד־פֿעלקער הן געאָגראַפֿיש און הן יורידיש. ייִדן האָבן געלעבט אין רוסלאַנד, טאָקע מיט דער רוסישער קולטור, אָבער גאַנץ ווײַט פֿון רוסישע מאַסן; די סאָציאַלע איינסן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע — די שטעטלעך — האָבן זיך געהאַלטן לענגער און פֿעסטער, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק זײַנען ייִדן געבליבן צווישן ייִדן, איז די ייִדישע גע־

זעלשאַפֿטלעכקייט ניט צעשטערט געוואָרן. די אורבאַניזאַציע איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, מיט דעם זעלביקן טעמפּאָ זײַנען אונטערגעגאַנגען די איינסן פֿון דער אויטאָנאָמער ייִדישער קולטור, די שטעטלעך. ייִדן האָבן באַוויזן צו קענען אײַנזאַפּן אין זיך, אַסימילירן אין זיך רוסישע קולטור, אָבער ניט זיך אַסימילירן אין דער רוסישער קולטור און אין דער רוסישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. ייִדן האָבן געקאָנט אײַנזאַפּן אין זיך די גאַנצע אַלוועלטלעכע קולטור און בלײַבן בײַ ייִדן, צווישן ייִדן. אַרבעטן בײַ ייִדן, ניט אַוועקגיין אַרבעטן בײַ ניט־ייִדן, בײַ דער רעגירונג, בײַ גרויסע אַלגעמיינע אונטערנעמונגען. די אינטעליגענץ איז געבליבן אין ייִדישן פֿאָלק. אַזוי אַרום איז אויפֿגעקומען אַ ייִדישע אַלגעמיינע קולטור, אַ וועלטלעכע קולטור אין ייִדיש, אין העברעיִש. דאָס איז געווען דער איינציקער געביט אין דער וועלט, דאָס איינציקע „ייִדישלאַנד", וווּ די אינטעליגענץ האָט אײַנגעזאַפּט די קולטור פֿון דער וועלט און דאָך געבליבן אין דעם ייִדישן פֿאָלק.

גרויס איז געווען דער אָנטייל פֿון ייִדן אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אין תּחום (טשערטאַ אָסיעדלאָסטי) האָבן די ייִדן געדאַרפֿט בויען אַ פּאַרזיכיקע ייִדישע פּאַרטיי (בונד) וואָס האָט זיך געגרינדעט פֿריִער פֿון דער רוסישער פּאַרטיי פֿון סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דער בונד האָט לכתּחילה גענומען אַן אַלגעמיינע פּראָגראַם. שפּעטער איז צוגעקומען אויך אַ ייִדישע פּראָגראַם. די ייִדן אויסערן תּחום האָבן לכתּחילה ניט געטראַכט וועגן אַ באַזונדערער ייִדישער פּראָגראַם, זיי האָבן שוין אַזאַ ניט געדאַרפֿט. עס דערמאָנט זיך מיר אַ כאַראַקטעריסטישער ענטפֿער פֿון דעם ייִדן זינאָוויעוו (מען פֿלעגט איבערמאַכן די נעמען זיי זאָלן קלינגען מער רוסיש) צו אַ דעלעגאַציע פֿון ייִדישע לערערס וואָס זײַנען געקומען בעטן פֿרישטיקן פֿאַר ייִדישע שולן. דאָס איז געווען אין די הונגער־יאָרן. דער ענטפֿער איז געווען וואָרט אין וואָרט „איך שפּײַ אויף ייִדישע שולן"... די חוצפּהדיקע גראָבקייט איז געווען ספּעציעל צו ייִדישע לערערס. קיין שום אַנדערע לערערס וואָלט דער ייִד ניט געוואַגט אַזוי צו ענטפֿערן.

אין רוסלאַנד ווי אויך אַנדערשווו האָבן ייִדן מיט ברען און מיט אמתן מסירת נפֿש אָנגעהויבן די פֿרײַהייט־באַוועגונגען. ביסלעכווײַז האָט מען זיי פֿון אַלץ אומעטום באַזײַטיקט: מען קען שוין אויסקומען אָן די ייִדן, מען דאַרף זיי שוין ניט מער. געבליבן ייִדן בײַ ייִדן — דאָס איז געווען אין תּחום, צווישן ייִדן, דער ייִדישער תּחום המושבֿ אין רוסלאַנד (ליטע, ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, פּוילן), גאַליציע, רומעניע און בעסאַראַביע. עס איז אַ גראַנדיעזער שטח לאַנד. די מערהייט ייִדן זײַנען געווען דאָ קאָנצענטרירט. נאָר דאָ, אין דעם גראַנדיעזן ייִדישלאַנד האָט זיך געשאַפֿן די גאַנצע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע קולטור בכלל און אַפֿילו אַ ייִדישע פּאָליטיק. דאָ זײַנען

געבאָרן געוואָרן און געוואַקסן אַלע יידישע אידעאַלן און באַוועגונגען. די יידן וואָס עס האָט זיי „אָפּגעגליקט“ אַריבערצוכאַפּן זיך אויסער די גרענעצן פון דעם תחום (מען פלעגט זאָגן „אין טיף ראָסיי“), פלעגן זיך אַרײַנלעבן אין דער רוסישער קולטור און אין דער רוסישער געזעלשאַפט. ניט אויפגעקומען דאָרטן קיין שום יידישער שרײַבער. די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער אין אַ פּעטערבורג, אין אַ מאָסקווע — האָבן אייגנטלעך געשטאַמט פון תחום, זייערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז געווען פאַרן תחום, אין די אינטערעסן פון יידישן פאָלקישן מאַסיוו וואָס אין תחום. ניטאָ קיין יידישע שעפערישע קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט דאָרטן ווו עס איז ניטאָ קיין יידיש לעבן, קיין יידיש לשון, קיין יידישע סאָציאַלע פאַרזיכיקייט. נאָר דאָס „יידישלאַנד“, ווי מיר האָבן עס אָנגערופן פריער, איז געווען אַ מין יידישע מדינה אָן אַ מדינה; נאָר דאָ זײַנען קינדער געוואַקסן אין יידישקייט, נאַטירלעך, ווי ענגלישע קינדער אין ענגלאַנד וואַקסן ענגליש, און פראַנצויזן — פראַנצויזיש. נאָר דאָ זײַנען יידן געווען אָרגאַנישע יידן, מאַניסטיש, בראשית, קודם כּל, מחוץ אַלע קולטורן, אויסער אַלע אידעאָלאָגיעס איז מען געווען יידן. אַלע אַנדערע פעלקער וואָס האָבן געלעבט אין אָט דעם יידישלאַנד, אַלע זײַנען זיי געווען סובאָרדינירט גלײַך מיט יידן. מיט קיין סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירן יידן זיך ניט. גלײַך מיט אַלע אַנדערע פעלקער האָבן יידן דאָ געקעמפט פאַר זייער פאַרזיכיקער קולטור.

אָבער אָט די יידישע „מדינה“ האָט ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן: די אורבאַניזאַציע האָט ביסלעכווײַז רויִנירט די יידישע שטעטלעך, אַלע יידישע פּרנסות האָבן גענומען אונטערגיין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע. זי האָט מיט זיך מיטגעטראָגן אויך די יידישע קולטור־שעפערישקייט. זי האָט דורכפאָרנדיק אויפגעלעבט, אַרײַנגעבראַכט עטוואָס לעבן אין אַ בערלין און אין אַ לאָנדאָן, שפּעטער אויך קיין פּאַריז וואָס איז ניט געלעגן דירעקט אויפן מיגראַציע־וועג... די אָרטיקע, פריִערדיקע יידישע ישובֿים אין אָט די דורכפאָר־לענדער האָבן זיך גאָר דערשראָקן: אָט די „אָסטיודען“ רודערן צו פיל מיט זייער יידישקייט, זיי שטערן דעם געשמאַקן אַסימילאַציע־חלום. איז דאָ אויפגעקומען אַ יידישע געזעלשאַפטלעכקייט צו העלפן די עמיגראַנטן פון מיזרח־אייראָפּע זיי זאָלן, חלילה, ניט בלײַבן אין „זייערע“ לענדער און זיי זאָלן וואָס גיכער פאָרן ווײַטער...

אָט דער אימיגראַציע־שטראָם האָט געבראַכט יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור אין אַמעריקע. די גאַנצע יידישקייט אין אָט די נײַע ישובֿים איז אַ געבראַכטע. זי האַלט זיך נאָר מיט דעם געבראַכטן כּוח. זי האַלט זיך נאָר אויף די יידן וואָס זײַנען נאָך אַליין געוואַקסן אין דער „דאָרטיקער“ מאָניסטישער יידישקייט, מיט דער מאָניסטישער אייגענער יידישער שפּראַך; כּל זמן

עס לעבן נאָך די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, כּל זמן מען בענקט נאָך נאָך דעם „שטעטעלע בעלז“. דאָ האַלטן מיר איצט אין די נײַע ישובֿים. און —

## וואָס ווײַטער

עס גייען אונטער די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, ייִדן בירגערן זיך אײַן אין די נײַע לענדער. ניטאָ מער קיין מאָניסטישע ייִדישע קולטור, קיין מאָניסטיש־ייִדישע קינדער־דערציִונג. ניטאָ אין צווייטן דור שוין קיין אייגענע פֿאַרזיכיקע שפּראַך. ייִדן האָדעווען אַ פּראָצענטועל צאָלרײַכע אינטעליגענץ. זי ווערט אין גאַנצן אַבסאָרבירט אין די מלוכהשע און אַלגעמיינע אינסטיטוציעס. ייִדן ווי אַ פֿאָלק בלײַבן שרעקלעך אָרעם מיט אינטעלעקטועלע כּוחות. דער עצם באַגריף „פֿאָלק“ ווערט אַלץ מער ספֿקדיק: קיין פֿאָלקישער מאַסיוו ווי עס איז געווען דער ערשטער דור אימיגראַנטן איז שוין מער ניטאָ. ייִדישע פּרעסע, פֿאַרלאַגן גייען אונטער, מען לייענט ניט. די ייִדישע רעליגיע ווערט אײַנגעשרומפּן אַלץ מער און זי בלײַבט בלויז אַ טעמפּל־קולט מיט גוט באַצאָלטע ראַבײַס, וואָס זײַנען „צערעמאָניע־מײַסטערס“ אין דעם קולט. ייִדישע צדקה האַלט זיך אויך אַלץ שוואַכער און זי וואָלט גאָר אָפּגעשוואַכט געוואָרן ווען ניט אַ פּאָר בײַפֿאַקטאָרן, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן שפּעטער. קולטורעל בכלל ווערט דער פֿאָלקישער מאַסיוו אַלץ מער קולטורלאָז: דאָס ייִדישעס פֿאַרלאָרן, אין קיין פֿרעמדס ניט אײַנגעלעבט זיך. קלענערע ייִשובֿים גייען בכלל אונטער לויט די „נאָרמאַלע“ אַסימילאַציע־געזעצן. גרעסערע ייִדישע ייִשובֿים מיט אַ סך צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ייִדן האַלטן זיך לענגער, דויערנדיקער, אָבער זיי ווערן צעשאָטן, צעפּיצלט, צעטיילט אויף גרופּעס, גרופּקעס, קלובן און קרײַזן ווו מען קלײַבט זיך צונויף זיך „אויסצולעבן“ פֿון צײַט צו צײַט. גרויסע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אויך אַ סך אויפֿגעטאָן ווערן אַלץ שוואַכער. אַזוי אַרום דאַרף מען זאָגן דעם אמת: דאָס ייִדישע פֿאָלק אין די נײַע ייִשובֿים ווערט ניט גרעסער, נאָר קלענער. דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִשובֿ האָט אין נײַנצנטן און אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געהאַלטן אין איין וואַקסן. פֿון פֿיר מיליאָן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק, זײַנען מיר געווען אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן י״ה אַ פֿאָלק פֿון קנאַפּע זיבעצן מיליאָן. דער גראַנדיעזער צוּוווּקס איז געקומען נאָר פֿון דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, ווײַל אין מערבֿ־אייראָפּע איז פֿאַרקערט געגאַנגען אַ כּסדרדיקע דעגענעראַציע. אין צווייטן העלפֿט פֿון צוואַנציקסטן י״ה שטייען מיר פֿאַר אַזאַ בילד: דאָס מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז חרובֿ; מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדנטום איז אַסימילירט. און אויף דעם זעלביקן וועג גייען אויך די נײַע ייִשובֿים אין דער נײַער וועלט. אַלע געזעצן פֿון אַסימילאַציע גילטן ווײַטער ווי פֿריִער. דעם בהדרגהדיקן אונטערגאַנג פֿון דעם גרעסטן, פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן

ישוב קען מען זען פֿון אַט דעם פֿאַרגלײַך: די רעאַקציע פֿון אַמעריקאַנער ייִדן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין דער צווייטער. בעת דער ערשטער מלחמה זײַנען אין אַמעריקע געווען אַ סך ווייניקער ייִדן, אַרום דרײַ מיליאָן. האָבן די ייִדן אין אַמעריקע געפֿירט באמת אַ פֿאָלקס־אַקציע פֿאַר הילף. מען האָט גאָרניט געדאַרפֿט בעטן און ניט נוצן קיינע ספעציאַליסטן געלט־זאַמלערס מיט זייערע אַטראַקטיווע מיטלען. דער פֿאָלקישער מאַסיוו האָט געטראָגן די מיטלען פּריוואַט און דורך לאַנדסמאַנשאַפֿטן און איבערן לאַנד, האָבן די מאַסן אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט אויך די עלטערע אימיגראַנטן, די יאַהודישע, די שוין אַמעריקאַניזירטע. איך האָב ניט קיין סטאַטיסטיק, אָבער יעדער איינער וואָס האָט געקענט די ייִדן אין פּוילן אין יענער צײַט, וועט זיכער צוגעבן, אַז מער ווי העלפֿט פֿון דער חיונה האָבן ייִדן אין פּוילן אין יענער צײַט געהאַט פֿון אַמעריקאַנער הילף — פּריוואַטע, דורך קרובֿים, פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן (קאָאָפּעראַטיוון, לײַקאַסעס וכדומה און צענטראַלע (פּיפּלס רעליף און ד.ד.ק.).

גאָר אַנדערש איז עס געווען אין דער צײַט פֿון חורבן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער חורבן ניט ווייניקער ווי „ענדגילטיקע אויסראָטונג פֿון ייִדישן פֿאָלק". פֿאַרשטיקטע, געהיימע ווײ־געשרייען זײַנען דערגאַנגען צו ייִדישע פֿירער אין אַמעריקע, — און דאָס פֿאָלק האָט יע געוווסט און ניט געוווסט, אָבער ניט דערפֿילט דעם טיפֿן, אמתן ווייטאָק. דער פֿאָלקישער מאַסיוו האָט געשוויגן, האָבן אויך די פֿירער געוואָרט אויף אַ „דערלויבעניש פֿון פּריץ" — אַ דערלויבעניש צו שרײַען פֿון ווייטאָק... ווײַל עס האָט שוין מסתמא קיין טיפֿער ווייטאָק ניט געמאַטערט. די מערהייט פֿון ייִדישן פֿאָלק איז שוין געווען אַן אַמעריקאַנער געבאָרענע, שוין אַמעריקאַניזירט, מער אַסימילירט, אָפּגעריסן שוין פֿון די פֿאָלקישע וואָרצלען. דאָס איז אַ פּראָצעס פֿון צעפֿאַלן — אַ פֿאָלק צעפֿאַלט אויף באַזונדערע, אָפּגעריסענע טיילן. די שענסטע וואָזע, אַז זי צעברעכט זיך, קען זי שוין ניט זײַן קיין וואָזע, אויב אַפֿילו אַלע אירע טיילן זײַנען פֿאַראַן. די צעבראָכענע לוחות האָט אַפֿילו משה ניט געקאָנט צוריק מאַכן גאַנץ... אַזוי אין אַמעריקע, אַזוי אין אַלע נײַע ייִשובֿים, אַחוץ איינעם וואָס איז לכתחילה געבויט געוואָרן אַנדערש, מיט אַנדערע צילן און מיט אַנדערע מיטלען. דאָס איז די

## מדינת ישׂראל

וועגן דער ייִדישער מדינה מוז מעןריידן אין גאַנצן באַזונדער. דאָ וועלן מיר אָנרירן די פֿראַגע ווי אַזוי די עקסיסטענץ פֿון דער מדינה ווירקט אויף דעם באַוווסטזײַן און אויף דעם פֿאָלקישן געפֿיל פֿון ייִדן אין דער וועלט. גראָד אין יאָר 1967 האָבן מיר געהאַט אַ בולטן מוסטער ווי די מדינה האָט אָרגאַניז־

גערופֿן אַזאַ וואָרעמען געפֿיל פֿון אַלע ייִדן כּמעט פֿון גאַנצן פֿאָלק אין אַלע לענדער; האָט די מדינה ווידער צעמענטירט דאָס ייִדישע פֿאָלק אין איין גאַנצ־קייט. מען האָט אַ סך געשריבן וועגן אָט דעם פֿאָלקישן אָפּרוף, מען האָט עס געוואָלט אַרויפֿשטעלן אויפֿן חשבון פֿון דער מדינה. פֿון אַלע לענדער, פֿון אַלע קרייזן פֿון פֿאָלק האָט זיך געהערט אַ הילכיקער אָפּרוף, געטרײַקייט צו דער מדינה. מיר האָבן ניט קיין קאָנקרעטע ידיעות וועגן די דירעקטע געלטער וואָס דאָס פֿאָלק אין די גלותן האָט געגעבן דער מדינה; אָבער זיי זײַנען געווען זיכער גראַנדיעז. פֿון אַלע ווינקעלעך האָט מען געשריבן וועגן די בלוט־נדבֿות... זאָלן אַזוינע זאַכן ניט אונטערגעשאַצט ווערן!

נאָך בולטער איז געווען דער סאָלידאַרער אָפּרוף פֿון ייִדן אין דער וועלט צו דער ישׂראל־מדינה אין דער יום כּיפּור־מלחמה אין 1973, ווען הילף איז אָנגעקומען פֿון אַלע ייִדן פֿון דער גאָרער וועלט. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע ברכה. אָבער מען טאָר ניט איבערטרײַבן די ראָל און דעם אויפֿטו; מען טאָר ניט מאַכן זיך קיין אילוזיעס. אַחוץ אַ קליינער צאָל ייִדן וואָס האָבן בכלל סימ־פּאַטיזירט מיט די שׂונאי ישׂראל און וואָס האָבן אָפֿן אַפּישירט זייער צושטימונג צו די וואָס האָבן ניט געשטערט זיך צו פּראָקלאַמירן אַז זיי גייען אויסקוילן אַלע ייִדן אין מדינת ישׂראל, אויסער זיי זײַנען געווען גרויסע צאָלן, אויב ניט קיין מערהייט, איז בכל אופֿן גרויסע מינדערהייטן וואָס האָבן בכלל זיך ניט אינטערעסירט מיט דעם גאַנצן ענין, עס האָט צו זיי ניט קיין שײַכות. לויט זייערע עמאָציעס און אינטערעסן זײַנען זיי שוין ניט קיין מיטגלידער פֿון ייִדישן פֿאָלק אויב אַפֿילו זיי זײַנען עטנישע ייִדן. איבערהויפּט זײַנען אַזוינע ייִדן לויטן געבורט און אויסגעייִדישטע לויטן גײַסט פֿאַראַן אין גרויסע צאָלן צווישן די ייִנגערע גענעראַציעס. צווישן די וואָס נעמען זיך אָן פֿאַר די נעגערס זײַנען זיכער פֿאַראַן מער ייִדן ווי די וואָס ווײַזן אַרויס זייערע אַקטיווע סימפּאַטיעס פֿאַר ישׂראל. הגם קיינער האָט דאָך ניט פּראָקלאַמירט, ניט פּראָפּאַגאַנדירט אויסצוקוילן די נעגערס, זיי אומצובברענגען.

ווידער, איז דער אויפֿברויז פֿון הילף און סימפּאַטיע געווען אַ מאָמענטאַ־נער, אויפֿגעבליצט און אויסגעלאָשן און צום סוף איז אויך דאָ דער גרעסטער טייל פֿון די מיטפֿילנדיקע, פֿון די געטרײַערע פֿרײַנד ווידער אַמאָל געווען פֿון די עלטערע ייִדן, פֿון ערשטן דור. אַז עס קומען טויזנט יונגע ייִדן קיין ישׂראל זײַנען זיי קענטיק, אָבער אַז אַזאַ צאָל לאָזט זיך פֿון אַמעריקע איז עס אַ טראָפּן פֿון אַ ים.

און ועל כּולם — צווישן די געטרײַע סימפּאַטיקער פֿון ישׂראל איז דאָך צום באַדויערן אויך ניטאָ קיין אײנהייט און גאַנצקייט. יעדער גרופּע, יעדער ריכטונג אָדער פּאַרטיי האָט זיך איר „ישׂראל", און מען איז גאָר צעקריגט מיט

אַלע אַנדערע. פֿון סאַטמאַר מיט מאה שערים אין ירושלים וואָס איך ווייס ניט פֿאַר וואָס זיי בעטן ביַי גאָט — צי פֿאַר דער מדינה, אָדער חלילה, פֿאַרקערט. און פֿון זיי ביז יענע „ייִדן" וואָס קלײַבן זיך צונויף אין אַ גרויסן טעמפּל אין ניו יאָרק צוזאַמען מיט אַראַבער אַנצונעמען רעזאָלוציעס קעגן ישׂראל — וויפֿל ייִדישע „פֿעלקער" זײַנען פֿאַראַן! מען טאָר ניט איבערטרײַבן די צעמענטירנ־דיקע ראָל פֿון דער מדינה.

## איצט וועלן מיר פּרובירן סומירן

1. אַסימילאַציע ווי אַן אינעווייניקסטער דראַנג ביַי ייִדן איז אַזוי אַלט ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק בכלל. ייִדישקייט האָט פֿון אייביק אָן געפֿאָדערט אָנשטרענ־גונג. משה האָט עס נאָך פֿאַרשטאַרקט. ער האָט זײַן געטלעכן חלום וועגן אַ „ממלכת כּוהנים וגוי קדוש" געוואָלט פֿאַרווירקלעכן דורך אַ פּשוט פֿאָלק. אַלע פֿעלקער האָבן רעליגיעס און קולטורן אין הסכּם מיט זייערע אינסטינקטן. ייִדיש־קייט איז אַ רעליגיע וואָס הייסט אײַנצאַמען די אינסטינקטן. אַלע פֿעלקער פֿאַר־מענטשלעכן זייערע געטער, ייִדישקייט באַמיט זיך צו פֿאַרגעטלעכן די מענטשן, דערהייבן זייער אויפֿפֿיר ביז צו געטלעכקייט. אין די עשׂרת הדברות זײַנען בלויז צוויי אין אַ פּאָזיטיווער פֿאָרעם, אַלע אַנדערע זײַנען „לא" — ניט ווי עס ווילט זיך, ווי ס'גלוסט זיך. פֿון אייביק און ביז אייביק פֿאָדערט ייִדישקייט אָן אָנ־שטרענגונג. „שווער צו זײַן אַ ייִד" — אַלע מאָל אַזוי.

2. די אייביקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק איז אַלע מאָל בלויז אַ טיילוויַיזע. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָלט כּסדר אין אַסימילירן זיך. דאָס אַקטועלע ייִדישע פֿאָלק איז אַלע מאָל בלויז אַ „שארית ישׂראל", בלויז רעשטלעך פֿון אַ פֿאָלק. וועלן מיר דאָ האָבן צוויי רייען: טיילן מיט אַ המשך און טיילן אין פּראָצעס פֿון אונ־טערגאַנג:

אבֿרהם דער ערשטער ייִד

| | |
|---|---|
| יצחק | קרובֿישע שבֿטים מחוץ דעם ייִדישן פֿאָלק |
| יעקבֿ | ישמעאל |
| צוועלף שבֿטים | עשׂו |
| בני ישׂראל | ערבֿ רבֿ |
| יהודה | ישׂראל — |
| פּרושים | צדוקים |
| יבֿנה | מצדה |
| רבנישע ייִדן | קאַראַימער |
| בבֿל | אַלעקסאַנדריע |
| אַשכּנז | ספֿרד |
| מיזרח־אייראָפּע | מערבֿ־אייראָפּע |

## נײַע ישובֿים — וווּהין?

3. די „שארית ישׂראל" — די טײלן וואָס בלײַבן אין ייִדישקייט האָבן תּמיד געהאַט דרויסנדיקע באַריערן וואָס האָבן געשטערט דער אַסימילאַציע. אין מאָמענטן גינסטיקערע האָט דאָס געקענט דערגיין ביז „שמד־מגפֿות" — מאַסן־שמד (אין אָנהייב פֿון 19טן י״ה — אין מערבֿ־אייראָפּע, אין אָנהייב פֿון 20סטן י״ה — אין תּחום, אין רוסלאַנד). עמאַנציפּאַציע איז געווען אַן אידעאַל אַ טאָפּעלער: באַפֿרײַען זיך פֿון אויסנאַם־געזעצן און אויך באַפֿרײַען זיך פֿון ייִדישקייט.

4. אַסימילאַציע איז תּמיד פֿאַרבונדן מיט אַ געפֿיל פֿון אומאַכטונג צום אייגענעם קאָלעקטיוון „איך". דאָס איז די „עגאָפֿאָביע". זי שוואַכט אָפּ דעם כּוח זיך קעגנצושטעלן פֿרעמדע אָנגריפֿן, זיך צו באַשיצן, צו באַשטיין אויף די אייגענע רעכט, די כּוחות צו קעמפֿן ווען מען דאַרף זײַנען מער ניטאָ. דאָס איז דער „מאָראַלישער כּוח" צו קענען זיך האַלטן און צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין צײַטן פֿון דירעקטן אָנפֿאַל. אַסימילאַציע שוואַכט אָפּ די מאָראַל און גרייט צו צו ווערן אַ קרבן פֿאַר יעדער שונא. עס איז אַ מין מאָראַלישער פּאַראַליז אויך פֿון די פֿיזישע און סאָציאַלע כּוחות צו לעבן. ווי זיך צו פֿאַרטיידיקן ווען מען דאַרף אינדיווידועל און אָרגאַניזירט.

5. די עגאָפֿאָביע איז פֿאַרבונדן מיט אַ קעגנגעזעצטן געפֿיל פֿון היפּער־אַכטונג צו אַלץ, וואָס עס איז פֿרעמד: פֿרעמדע נעמען, פֿרעמדע שפּראַכן, פֿרעמדע געזעצן, פֿרעמדע זיטן און מינהגים. די פֿרעמד־אַכטונג מאַכט אַן שוועריקייטן פֿאַר דער רעגירונג פֿון מדינת ישׂראל, די פֿרעמד־אַכטונג איז אײנער פֿון די הויפּט־פֿאַקטאָרן פֿאַר דער ירידה פֿון ארץ ישׂראל. מען רעדט בײַ אונדז אַ סך וועגן דער עליה און צו ווייניק וועגן דער ירידה. זי רופֿט אַרויס אומאַכטקייט און צבֿיעות, און נאָכמאַכונג און פֿאַרשטעלעניש און דאָס מוז אַרויסרופֿן בײַ אַלעמען אומאַכטונג און דערנידערונג. מען האָט אַלע מאָל פֿײַנט געמאַכטקייט, אומעכטקייט.

6. אַלע רייד וועגן מערהייטן און מינדערהייטן זײַנען בלויז צוגעטראַכטע תּירוצים: בײַ זיך אין די היימען זײַנען ייִדן קיין מאָל ניט קיין „מינדערהייט", אין די טעמפּלען און אין רייך־ייִדישע געזעלשאַפֿטן זײַנען ייִדן קיין מאָל ניט קיין מינדערהייטן. און דאָך איז אומעטום פֿול מיט נאָכמאַכערײַ און טעאַטראַלע פֿאַרשטעלן זיך.

קיין שום מערהייט צווינגט ניט איצט קיין מינדערהייט צו בײַטן די נעמען, די שפּראַכן און די קולט־צערעמאָניעס. פֿאַרקערט, רופֿט עס אַרויס בײַ נאָרמאַלע מענטשן אַ געפֿיל פֿון עקל און האַס.

ייִדן לעבן אין שטעט אין ראַיאָנען וווּ זיי בילדן אָפּט אַן אַבסאָלוטע מערהייט. זיי וואָלטן גאָר גרינג געקאָנט אָט די ראַיאָנען צוגעבן אַ ייִדישן כאַראַקטער. זיי טוען עס ניט. רײַכערע ייִדן קלײַבן זיך טאַקע אַריבער אין „בעסערע״ ראַיאָנען, ד״ה וווּ עס זײַנען דאָ ווייניקער ייִדן, כּדי זיי זאָלן דאָרטן זײַן אַ מינדערהייט. אין אימיגראַציע־לענדער האָבן אײַנגעזעסענע ייִדן תּמיד זיך באַמיט אַז ייִדישע אימיגראַנטן זאָלן ניט בלײַבן אין „זייערע״ געביטן, די ייִדישקייט זאָל ניט זײַן צו פֿיל קענטיק.

7. דאָס באַהאַלטן די אייגענע ייִדישקייט העלפֿט ווייניק: ניט־ייִדן דערקענען אַ ייִדן דווקא מחמת זיי באַהאַלטן די ייִדישקייט. ייִדן אָבער האָבן הנאה אָפּצונאַרן זיך אַליין, זיך אײַנצורעדן, באַהאַלטן די ייִדישקייט פֿאַר זיך אַליין, ווי קליינע קינדער זײַנען גליקלעך אָנצוטאָן דעם טאַטנס הוט.

8. ניט דאָס לאַנד ארץ ישׂראל, ניט די אייגענע מלוכה, ניט די העלדישע מלחמות און ניצחונות פֿון די חשמונאים און פֿון בר כּוכבֿא, ניט די לעגענדאַרע מסירת נפֿש פֿון מצדה — ניט זיי האָבן אָפּגעהיט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון אונטערגאַנג. אָפּגעהיט ייִדישקייט האָט דער פֿאַרזיכיקער שטייגער — פֿאַרזיכיקע שפּראַך, נעמען און שטייגער (דער ניט־דעפֿינירטער „מיסטורין״ אויפֿן לשון פֿון אַלטן מדרש), ניט פֿאָרמולירט, ווי אַ מצווה, נאָר ווי אַנגענומענער מינהג, וואָס איז מקובל אין פֿאָלק.

9. דאָ איז דער גרויסער אונטערשייד צווישן מצווה און הלכה. אין דער תּורה זײַנען פֿאַראַן מצוות — באַפֿעלן. זיי דיקטירן דעם פֿאָלק ווי צו פֿירן זיך. אין דער תּלמודישער ליטעראַטור קומען הלכות — פֿירונגען פֿון פֿאָלק, וואָס זיי פֿאַרפֿליכטן. דאָס פֿאָלקישע איז הייליק. אַלץ לויט דעם כּלל „הבֿדלה און המשך״ — אַנדערש ווי אַנדערע פֿעלקער פֿירן זיך און עס מוז אָפּשטאַמען פֿון פֿר׳ערדיקער ייִדישקייט („בית אבֿ״).

עס איז שוין געווען אַ צײַט, ווען די זאָרגער פֿאַר ייִדישער אַנדערשקייט האָבן זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו זאָגן: „גייט און זעט ווי דאָס פֿאָלק פֿירט זיך, טוט ווי דאָס פֿאָלק״ (ברכות מ״ה, א׳). און ריכטיק אַזוי: אין דער צײַט פֿון ערשטן בית המקדש איז בײַ ייִדן קיין פֿעסטער פֿאַרזיכיקער שטייגער, קיין פֿעסטע הלכה ניט געווען, האָט ייִדישקייט געמוזט זײַן אַ באַפֿעל, אַ מצווה (און זייער אָפּט האָבן טאַקע ייִדן גאָרניט געפֿאָלגט אויך). בעתן צווייטן בית המקדש (פֿון גלות בבֿל ביז אַלעקסאַנדער מוקדון) איז שוין בײַ ייִדן געווען אײַנגעשטעלט אַ פֿאַרזיכיקער שטייגער — אַ הלכה, איז זי געווען דער עיקר. ייִדישקייט האָט שוין ניט געדאַרפֿט באַפֿעלט ווערן פֿון אויבן, ניט קיין מצוות, נאָר הלכות (יומא ט׳, ב׳).

10. די גאַנצע צײַט פֿון בית שני איז בײַ ייִדן אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ צווישן אַ פּאָליטישער ריכטונג און אַ שטייגערישער. די פּאָליטישע ריכטונ־גען האָבן זיך געענדיקט מיט מצדה, מיט בר כּוכבֿא. די שטייגערישע ריכטונג האָט זיך ניט געענדיקט, נאָר אָנגעהויבן זיך אין גלות בבֿל, זיך אַנטוויקלט אין בית שני און אַריבער קיין בבֿל צוריק און ניט געענדיקט זיך מיט דעם סוף פֿון בבֿל נאָר אַריבער קיין אַשכּנז, קיין מיזרח־אייראָפּע און גאָט ווייס וואָס ווײַטער. כּל זמן דרויסנדיקע פֿאַקטאָרן האָבן געצאַמט דעם אַסימילאַציע־דראַנג איז דער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק געווען זיכער. קיין אורבאַנישע ייִדישקייט, וואָס זאָל זײַן יע אורבאַניש און אין דער זעלביקער צײַט אויך פֿאַרזיכיק, ייִדיש, לויטן פּרינ־ציפּ פֿון הבֿדלה און המשך איז נאָך דערווײַל ניטאָ, ניט געשאַפֿן געוואָרן.

11. דורך דער גאַנצער געשיכטע האָט זיך ייִדן ניט אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַ ייִדישקייט באַזירט אויף צוויי קולטורן. בילינגוויזם, אַפֿילו דרײַ שפּראַכן האָבן ניט געשטערט. איטלעכע שפּראַך זאָל האָבן איר אָרט, איר געביט אין לעבן. אָבער אַלע מאָל ווען עס איז אויסגעקומען צו אַן אײנצײַטיק לעבן אין צוויי קולטורן, איז אַלע מאָל ייִדישקייט אונטערגעגאַנגען.

12. דער קיום פֿון פֿאָלק איז אָפּהענגיק פֿון פֿאַרזיכיקן באַזונדערן שטיי־גער, ניט פֿון גרויסע גאונישע יחידים, נאָר ער איז אין דער שפּראַך און שטיי־גער פֿון פֿאָלקישן מאַסיוו. צען פּראָסטע ייִדן זײַנען אַ מנין, אַ ייִדישער ציבור, הונדערט איינשטיינס קענען דאָך ניט זײַן קיין ייִדישער קהל, קיין ציבור.

13. אויף וויפֿל די ייִדישע רעליגיע אין אירע הײַנטיקע פֿאָרמאַציעס פֿאַרהייליקט ניט דעם גאַנצן ייִדישן שטייגער, וואָס איז — אויב ניט הײַנט, איז אָבער נעכטן — געווען פֿאַרזיכיק, אָפּגעזונדערט מיט הבֿדלה און המשך און מיט דער אייגענער פֿאַרזיכיקער שפּראַך, — אויף וויפֿל דאָס אַלץ איז ניטאָ, אויף וויפֿל די רעליגיע וויל ניט פֿאַרהייליקן גאָר די שעפֿערישקייט פֿון ייִדישן פֿאַרזיכיקן שטייגער, אויף וויפֿל די הײַנטיקע רעליגיעזע פֿון אַלע ריכטונגען זאָגן זיך אָפּ פֿון דער גאַנצער שטייגער־קולטור און זיי באַגרענעצן זיך מיט דעם קולט אין טעמפּל, — אויף אַזוי פֿיל קענען זיי ניט העלפֿן דעם קיום פֿון פֿאָלק.

14. אויף וויפֿל די דערציִונג און די וויסנשאַפֿט קאָנצענטרירן זיך אויף דער פֿאַרצײַטיקער ייִדישקייט אויף דער אַרכעאָלאָגישער און זיי מײַדן אויס דאָס איצטיקע, דאָס שעפֿערישע פֿון נעכטן און וואָס לעבט נאָך הײַנט, אויף אַזוי פֿיל קען אויך די וויסנשאַפֿט און די דערציִונג ניט העלפֿן דעם קיום האומה.

מיר זײַנען אין אונדזער לאַנגער געשיכטע געווינט צו זײַן אין גלות. דער איצטיקער גלות רעכנט זיך דער דריטער — גלות מצרים, גלות בבֿל און דער

איצטיקער לאַנגער גלות. מיר רעכענען אונדזער געשיכטע פֿון אבֿרהמען אָן אַ פֿיר טויזנט יאָר, איז אַ העלפֿט פֿון דעם — דער אומענדלעכער גלות, דער איצטיקער.

אַנדערע פֿעלקער האָבן קיין גלות ניט אויסגעהאַלטן: פֿאַרלאָרן די פֿאַר־זיכיקייט, זײַנען זיי געוואָרן אויס פֿאָלק, האָבן זיי זיך פֿאַרלאָרן אין דעם הערשערישן פֿאָלק און אויפֿגעהערט צו זײַן אַ פֿאָלק פֿאַר זיך, מען האָט פֿאַרגעסן, זיי אַליין האָבן פֿאַרגעסן זייער פֿאָלקישקייט און מער ניט. זײַנען מיר דאָס איינציקע פֿאָלק וואָס לעבט אַ העלפֿט צײַט פֿון אונדזער לאַנגער געשיכטע אין גלות, און מיר זײַנען דאָך אַ פֿאָלק פֿאַר זיך, אַ באַזונדער פֿאָלק, ניט אויסגעמישט זיך, ניט צעלאָזט זיך ווי זאַלץ אין וואַסער. זײַנען מיר אַ פֿאָלק וואָס שטייט מיט איין פֿוס הינטער די מיצרישע פּיראַמידן און מיט דער צווייטער פֿוס שטייען מיר בײַ אַטאָם־באָמבעס; זײַנען מיר דאָס איינציקע פֿאָלק וואָס זײַן געשיכטע הייבט זיך אָן צוזאַמען מיט די אַמאַליקע, אוראַלטע פֿעלקער, וואָס זײַנען אַלע שוין לאַנג פֿאַרגעסן, שפּורן זייערע ווערן אויסגעגראָבן פֿון אַרכעאָלאָגן. צווישן זיי — אַפֿילו די וועלט־באַהערשער, די מעכטיקע הערשער איבער פֿעלקער און איבער לענדער אָן אַ סוף. אָפּגעטומלט, פֿאַרגאָסן ימים בלוט אין מלחמות; זיך באַרימט מיט גרויסע נצחונות, האָט אַ קיניג געהייסן פֿאַרשרײַבן פֿאַר דער אייביקייט אַז זײַנע רײַטוועגענער זײַנען געלאָפֿן ביז די אַקסן אין בלוט. זײַנען זיי און זייערע העלדישקייטן פֿאַרגעסן, אַ טויטער מאַטעריאַל פֿאַר אַרכעאָלאָגן. און דאָס ייִדישע פֿאָלק — קיין מאָל ניט געווען קיין „גיבור מלחמה", געשלאָגן געוואָרן פֿון די גרויסע און מעכטיקע; אַלע מאָל געציטערט פֿאַר די שטאַרקע פֿון דער וועלט. ערשט גאָר פֿאַרקערט — זיי זײַנען ניטאָ, פֿאַרגעסן געוואָרן און דאָס שוואַכע ייִדישע פֿאָלק לעבט און לײַדט, מיר האָבן געליטן, מיר לײַדן און מיר וועלן מסתּמא נאָך לײַדן, און דאָך לעבן מיר, האַלטן מיר זיך! האָבן מיר איבערגעלעבט די פֿאַרפֿאָלגער, די שלעגער; געברענט אויף אַלע פֿײַערן, גע־יאָגט און געטריבן פֿון אַלעמען, און מיר לעבן ווי אַ פֿאָלק, ניט אויפֿגעהערט צו לעבן ווי אַ פֿאָלק, אין גלות, אין דעם ערגסטן און שרעקלעכסטן גלות־אייראָפּע — אַ סנחריבֿ, אַ נבֿוכדנצר, אַ טיטוס הרשע, אַ טאָרקוועמאַדע, אַ היטלער און סטאַלין. און זיי זײַנען דאָך ניט די לעצטע, און מיר לעבן! האָבן פֿעלקער צוגעטראַכט תּירוצים פֿאַר אונדזער קיום. איז אונדזער קיום אַ ברכה אָדער אַ קללה? האָבן מיר געלעבט און תּמיד מורא געהאַט פֿאַר דעם אונטערגאַנג, פֿאַר דעם „שמא יכלה זרעו של אבֿרהם אבֿינו", טאָמער וועט אונטערגיין דאָס ייִדישע פֿאָלק, און אַזוי לעבן מיר — אַן עדות פֿון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע! פֿעלקער זײַנען געבאָרן געוואָרן, אויפֿגעקומען, אָפּגעטומלט, אָנגעהעלדעוועט און אונטערגעגאַנגען, און מיר לעבן ווײַטער. גלות און מיר לעבן! בלוט־פֿאַרגי־

סער, און מיר לעבן! „שבכל דור עומדים עלינו לכלותנו", כסדר מען באַמיט זיך אונדז אומצובערענגען, און עס גיט זיך זיי ניט איין. האָט די גמרא שוין דערקלערט אונדזער קיום מיט אונדזער פֿאַרשפּרייטקייט „צדקה עשה להם הקב"ה שפּיזרם לבין האומות", אַ גליק איז אונדז געשען מיט דער צעשאָטנקייט אונ־דזערער. דערקלערט רש"י, מען קען אונדז ניט אומברענגען מיט איין מאָל. איז אונדזער עצם קיום אַ רעטעניש פֿאַר אַלעמען און פֿאַר אונדז אויך. דאָ אָבער טייל איך אויס נאָר איין טייל פֿון דער פֿראַגע — פֿאַרוואָס ציט זיך דער גלות אַזוי לאַנג? האָט זיך דער גלות אָנגעהויבן ווען די וועלט איז נאָך ווײַט ניט געווען אַזוי געדיכט באַזעצט, זײַנען נאָך געווען אַ סך ליידיקע ערטער. האָבן יידן אַלע מאָל געוואַנדערט פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק („ויתהלכו מגוי אל גוי") פֿון איין פֿאָלק צו אַ צווייטן, פֿון איין לאַנד צו אַ צווייטס, און קיין מאָל ניט פּרו־בירט פֿאַרנעמען עפּעס אַ שטיקל לאַנד און זיך באַזעצן אַליין, פֿאַר זיך. האָבן דאָך יידן אויך ארץ ישראל פֿאַרנומען פֿון אַנדערע פֿעלקער, פֿאַרנומען און באַ־זעצט. איז פֿון לענדערייען געוואָרן אַן ארץ ישראל, איז פֿון אַ טמא שטאָט — ירושלים, פֿון אַן עיר היבוסי געוואָרן אַ — ירושלים עיר הקודש. האָבן דאָס יידן ניט געקאָנט באַווײַזן אַ צווייט מאָל, פֿאַרנעמען אַ שטיקל ערד, אַפֿילו אַ ליידיקס, אָן מלחמות און באַזעצן און שאַפֿן ווידער אַ נײַע ארץ ישראל און אַ נײַע עיר הקודש? סוף כל סוף איז דאָך ניט דאָס לאַנד, נאָר דאָס פֿאָלק דער בויער, דער שאַפֿער; האָבן יידן דאָס געקענט נאָר איין מאָל מאַכן פֿון אַ לאַנד אַן ארץ ישראל? נאָר איין מאָל און מער ניט? האָבן יידן געוואַנדערט פֿון מערבֿ צו מיזרח, און פֿון מיזרח קיין מערבֿ, געבויט היימען און זיי פֿאַרלאָזן, געלאָפֿן פֿון זיי זוכן נײַע היימען, און קיין מאָל ניט געפּרווט נעמען אַ שטיקל ערד, עס באַזעצן און זיך שאַפֿן אַן אייגענע היים, אַ צווייטע ארץ ישראל. אומעטום צײַטווײַליק, קופּערטן אויף רעדלעך, מען זאָל קענען מיטשלעפּן דאָס אָנגעזאַמל־טע האָב און גוטס פֿון איין לאַנד אין דעם צווייטן, פֿון איין פֿאָלק צו דעם צווייטן, און קיין מאָל דאָך ניט געפּרובירט שאַפֿן אַן אייגענע, אַליין אַ היים, ניט בײַ יענעם אײַנגעבעטן. האָבן יידן געהאַט לעגענדעס, אַז ערגעץ ווו הינטער דעם טײַך סמבטיון, הינטער די הרי חושך האָבן יידן אייגענע מדינות, לעבן זיך רויק, בײַ זיך אַליין, אָן פֿרעמדע בעלי בתּים. אָבער דאָס איז אין לעגענדע, נאָר אין לעגענדע, האָבן יידן אין משך פֿון דעם גאַנצן לאַנגן גלות ניט געפּרובירט שאַפֿן אַן אייגן, פֿאַרזיכיק ווינקל אָן בעלי בתּים. זײַנען יע געווען חלומות וועגן אײַננעמען די אַלטע ארץ ישראל. אויב פֿאַר זיך, קען עס זײַן נאָר אין דעם איינ־ציקן ארץ ישראל און ווײַטער אין ערגעץ ניט. אומעטום איז גלות און מוז זײַן גלות, היימישקייט קען זײַן נאָר אין דעם אוראַלטן ארץ ישראל. אַ מצווה צו לעבן אין ארץ ישראל, אַ גליק צו שטאַרבן אין ארץ ישראל, אויב עס איז ניט

באַשערט, איז כאָטש אַ קליין זעקעלע ערד פֿון ארץ ישׂראל מיטגענומען אין קבֿר אַרײַן. די ייִדישע רעליגיע האָט ניט ליב קיין מאַטעריעלע הייליקייטן. פֿאַר ארץ ישׂראל איז ווי אַן אויסנאַם. דאָס לאַנד, די ערד איז קודש. איין חסד וואָס מען קען טאָן אַ טויטן, איז מקבר צו זײַן אין ארץ ישׂראל. איז אַ פּויפּסט געפֿאָרן אין ארץ ישׂראל, האָט ער כאָטש אײַנגעטונקט די הענט אין די וואַסערן פֿון ירדן: עס איז ניט סתּם וואַסער, עס איז הייליק וואַסער. מילא, זיי קענען עס: פֿאַר זיי איז עס מעגלעך, זיי אָנערקענען מאַטעריעלע הייליקייטן, אָבער ייִדן האָבן דאָך ניט קיין מאַטעריעלע הייליקייטן, איז ארץ ישׂראל יע הייליק. די איינציקע מאַטעריעלע הייליקייט בײַ ייִדן. אָבער דאָס האָט דאָך דאָס ייִדישע פֿאָלק גענומען לאַנד און עס געמאַכט קודש, פֿאַרהייליקט, איז נאָר איין מאָל און מער ניט? האָט אַ פֿרעמדער מיניסטער געוואָלט דאַנקען דעם ייִדישן גאָט ווײַל ער איז געזונט געוואָרן אין ישׂראל, האָט ער גענומען ערד פֿון ארץ ישׂראל און האָט אויף אָט דעם הייליקן ערד געשטעלט אַ מזבח פֿאַר דעם ייִדישן גאָט. האָבן ייִדן ערשט גענומען דאָס חרובֿע לאַנד, כמעט אַ מידבר, אַן אָרט פֿון קראַנקייטן און ווילדערנישן און עס פֿאַרוואַנדלט אין אַ געבענטשט לאַנד, אין אַן ארץ חמדה, אַז די אַרומיקע מידבר־פֿעלקער דאַרפֿן ניט אַנדערש צוריק צורויבן פֿון די ייִדן. האָבן ייִדן אין קיין שום אַנדער לאַנד דאָס ניט געטאָן, ניט געקאָנט אויפֿטאָן — ארץ ישׂראל און עם ישׂראל — ווי אַ צווילינג! און אויב ניט ארץ ישׂראל, איז גלות! געוועזן און מוז בלײַבן גלות! איז דאָך אָבער די סאַמע ארץ ישׂראל געוועזן אַ טמא לאַנד פֿון טמא פֿעלקער, שטאַמט דאָך די גאַנצע קדושה פֿון ארץ ישׂראל ניט פֿון דער ערד, נאָר פֿון ייִדן. האָבן דאָך ייִדן געקענט פֿון זייער הייליקייט באַטיילן יעדער אַנדער לאַנד אויך. פֿאַרוואָס האָבן די ייִדן יע געקאָנט נעמען אַ טמא לאַנד מיט אַ טמא שטאָט און זיי מאַכן פֿאַר קודש פֿאַר אַ גאַנצע וועלט, און פֿאַרוואָס האָבן די זעלביקע ייִדן עס ניט געקאָנט מאַכן מיט אַ צווייט לאַנד? פֿאַרוואָס זשע האָבן ייִדן פֿאַרבונדן זייער אומאָפּהענגיקייט נאָר מיט ארץ ישׂראל און ניט סתּם מיט יעדער לאַנד וווּ זיי וועלן זײַן אומאָפּהענגיק און פֿאַר זיך? ווער דאַרף די גאולה — דאָס פֿאָלק אָדער דאָס לאַנד? מוזן דאָס די ייִדן ניט אַנדערש ווי באַפֿרײַען דאָס אוראַלטע ירושלים, אָדער זיי קענען אויפֿבויען אַ צווייטע ירושלים, וווּ זיי וועלן זײַן פֿרײַ און אומאָפּהענגיק? איז די פֿאַרזיכיקייט פֿון פֿאָלק אומבאַדינגט פֿאַרבונדן מיט יענעם לאַנד וווּ ייִדן זײַנען עטלעכע הונדערט יאָר געוועזן פֿאַר זיך, אומאָפּהענגק? האָט דאָס פֿאָלק אין זיך אין זײַן נאַטור אַ דראַנג און אַ פֿעיִקייט צו פֿאַרזיכיקייט אָדער ניט? קורץ גערעדט — איז דער גלות בלויז אַ קללה פֿון דרויסן, אַרויפֿגעצוווּנגען אָדער ייִדן זײַנען אין גלות ווײַל דער גלות איז אין זיי, אין דעם כאַראַקטער פֿון ייִדן? ווײַל בײַ ייִדן איז פֿאַראַן אַן אומגלויבן אין זיך, אין ייִדישן

פֿאָלק, אין זײַן פֿעיִקייט צו לעבן און צו פֿירן אַ לעבן פֿאַר זיך, אומאָפּהענגיק און פֿאַר זיך. צי איז ניט די גלותדיקייט געוואָרן אַ טייל פֿון אונדזער כאַראַקטער? מיר זײַנען אַזוי לאַנג אין גלות, אַז מיר האָבן שוין שלום געמאַכט און מיר ווילן גאָר ניט קיין פּאָליטישע פֿאַרזיכיקייט? מיר זײַנען לויט אונדזער כאַראַקטער אַ גלות־פֿאָלק.

כדי צו ענטפֿערן אויף אָט דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער פֿראַגע דאַרף מען זיך פֿאַרטיפֿן אין דער ייִדישער געשיכטע. אייגנטלעך איז קיין שטאַרקע צוגעבונדנקייט צווישן די שבֿטים קיין מאָל ניט געווען. אין איינעם פֿון די עלטסטע ספֿרים פֿון תּנך (שופֿטים) קלאָגט שוין דער משורר אויף דער צעשפּליטערטקייט פֿון די שבֿטים (שירת דבֿורה). דויד און שלמה זײַנען דאָך געווען די איינציקע קיניגן פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, און דודס צײַט איז דורך אין בונטן, אויפֿשטאַנדן און קריגערײַען. ניט קיין סך בעסער איז געווען די צײַט פֿון שלמה. און גלײַך נאָך שלמה איז די ייִדישע מדינה ווידער צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי. אין דער גרעסערער, אין צפֿון איז ייִדישקייט געווען תּמיד זייער שוואַך. די גאָלדענע קעלבער זײַנען געווען ווי אין מצרים; כּסדרדיקע רעוואָלטן און דער טראָן איז כּמעט תּמיד פֿאַרכאַפּט געוואָרן. אין גלות איז דאָס גאַנצע פֿאָלק גיך אַסימילירט געוואָרן, ניט געבליבן קיין ייִדן אין גלות אשור. מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער קלאָגט אַ נבֿיא פֿון יהודה „הבן יקיר לי אפֿרים, אם ילד שעשועים...” און עס איז שוין ניטאָ נאָך וועמען צו בענקען. געבליבן איז נאָר די קלענערע, אָרעמערע יהודה אין דרום. דער תּנך דערציילט וועגן דעם פֿאַרלאָרענעם שומרון אין אַ פּאָר פּסוקים און יוצא... דאָס פֿאָלקישע באַוווּסטזײַן איז געווען זייער ווייניק אַנטוויקלט. רעשטלעך פֿון יענעם ייִדישן שומרון־פֿאָלק זײַנען געבליבן בלויז אין לעגענדעס. דאָס גאַנצע ווײַטערדיקע ייִדישע פֿאָלק שטאַמט פֿון יהודה. דער נאָמען „ייִד”, זשיד שטאַמט פֿון יהודה, דאָס גאַנצע שפּעטערדיקע ייִדישע פֿאָלק שטאַמט פֿון יהודה. און ווידער איז אַוועק אויך יהודה אין גלות. גאָר אַנדערש: פֿון באַזונדערע שבֿטים איז געוואָרן אַ פֿאָלק, וואָס איז געקומען צוריק אויפֿבויען די פֿאַרזיכיקייט; און ווידער איז פֿון גלות געבראַכט געוואָרן ייִדישקייט, אַ תּורה, אַ סומירטע ייִדישקייט, אַ פֿאָלק מיט אַ פֿאָלקישן באַוווּסטזײַן, מיט אַ פֿעסטער באַציִונג צו דער אייגענער ייִדישקייט. אַוועק אַ גליקלעכע עפּאָכע — די פּערסישע תּקופֿה — אַ פּאָר הונדערט יאָר אָן מלחמות, אָן אַסימילאַציע. ערשט איצט איז געוואָרן דאָס ייִדישע אייביקע פֿאָלק, מיט אַ באַוווּסטזײַן, מיט אַ שטייגער, מיט אַ שטאַרקן באַוווּסטזײַן פֿון דער אייגענער פֿאָלקישער אַנדערשקייט, מיט אַ שטאַרקער שטאָלצער פֿאַרזיכיקייט אויף אייביקע דורות... ווידער אַ פֿאָלק, שוין אין עטלעכע לענדער, אין ישׂראל, אין בבֿל, אין מצרים. און מסתּמא אין קליין אַזיע אויך. ווידער אַ חורבן. ערשט

איצט הייבט זיך אָן דער לאַנגער גלות. יידישקייט שמידט זיך אין בבל. אין באַוווסטזיין פון פאָלק קומט אויף אַ גליקלעכע אידעע: ניט מלוכה האַלט אויף דעם קיום פון פאָלק נאָר דער אייגענער פאַרזיכיקער שטייגער; ווערט געשמידט דער יידישער שטייגער; דער קיום פון פאָלק הענגט ניט אָפּ פון פאָליטישער פאַרזיכיקייט, פון מדינהשאַפט, נאָר פון פאַרזיכיקן שטייגער, אויף דעם ווערט געלייגט די גאַנצע אַכט, די גאַנצע ענערגיע. ניט די הייליקע פאַרשריבענע תורה וועט אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק אַפילו אין גלות, נאָר זיין פאַרזיכיקייט אין שטייגער, זיין אויפפיר. אויף דעם איז געלייגט געוואָרן די גאַנצע ענערגיע. כל זמן עס וועט זיין ביי יידן אַ פאַרזיכיקער שטייגער, וועט זיין אַ יידיש פאָלק. די פאָליטישע פאַרזיכיקייט איז סיי ווי סיי אויך פריער געווען אַ כלומרשטע, די מאַכט איז געווען אין די הענט פון רוים. די יידישע קיסרים זיינען געווען רוימישע שקלאַפן. איז גאָר די ענערגיע אָפּגעגעבן דעם פאַרזיכיקן שטייגער, זיין דעטאַליזירונג און איינהייטלעכקייט. האָבן יידן צוויי תורות. איינע איז בכתב, פאַרשריבן, געגעבן געווען בכתב, די צווייטע איז געגעבן געוואָרן בעל פה. מען דאַרף זיך ניט פאַרנעמען צו פיל מיט דער תורה שבכתב, ניט זי האַלט אויף דעם קיום פון פאָלק. אַ פאַרזיכיק פאָלק קען אויפהיטן אויך זיין תורה שבכתב. די תורה קען אָבער ניט אויפהיטן דעם קיום פון פאָלק. און די פאַרזיכיקייט ליגט אין דעם שטייגער. איז דאָס געוואָרן דער גאַנג פון יידישקייט.

צוויי זיינען חרוב געוואָרן און ביידע וואַרטן אויף אַ גאולה — דאָס פאָלק ישׂראל און דאָס לאַנד ישׂראל. ביידע וואַרטן אויף גאולה — דאָס פאָלק ישׂראל און דאָס לאַנד ישׂראל. ווי האָבן יידן זיך באַצויגן צו ביידע און פאַר וועמעס גאולה האָבן זיי מער מתפלל געווען, מער געבעטן? אין דאַוונען פיגורירט תמיד ירושלים און ארץ ישׂראל „ולירושלים עירך ברחמים תשוב", „ובנה ירושלים". און אַזוי אָן אַ סוף. — כסדר גאולת הארץ; יישוב ארץ ישׂראל איז פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער מצווה, קומען צו קבורה אין ארץ ישׂראל איז ווידער איינע פון די גרעסטע חסדים וואָס מען קען טאָן צו אַ געשטאָרבענעם, און אויב דאָס איז אוממעגלעך, איז כאָטש אַ זעקעלע ערד פון ארץ ישׂראל אין קבר אַריין. ווער עס לעבט אין ארץ ישׂראל איז זיכער מיט עולם הבא, ער וועט פאַרשפּאָרן גילגול מחילות אויך ווען משיח וועט קומען. דאָס און אַ סך פון דעם איז בנוגע צו דעם לאַנד. וואָס עס איז שייך אָבער צום פאָלק, איז דאָ איין תירוץ — „מפני חטאינו", „אשמנו, בגדנו" — כסדר אַלץ געזינדיקט, פול מיט זינד אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, ניטאָ אַזאַ באַגער, אַזאַ בענקען נאָך גאולת העם. אַלע פעלקער זיינען דאָס צדיקים, זיצן זיי אויף זייער ערד. יידן זיינען דאָס ערגער פון אַלע־מען, זיינען זיי אין גלות פאַרטריבן און געיאָגט פון אַלעמען. ניטאָ קיין מנוחה

פֿאַר ייִדן.. דאָס פֿאָלק ישׂראל לײַדט איז עס נאָרמאַל, דאַרף עס לײַדן ביז גאָט וועט רחמנות האָבן און שיקן זײַן משיח, ווײַל דאָס פֿאָלק אַליין קען ניט און וועט קיין מאָל זיך ניט העלפֿן, אויף אייביק פֿאַרמישפּט. „אשמנו מכל עם", ערגער, זינדיקער פֿון אַלעמען. קען דאָס ייִדישע פֿאָלק וואַרטן אויף גאולה ניט אַנדערש ווי נאָר פֿון הימל, ווען גאָט וועט רחמנות האָבן און ברענגען די ייִדן צוריק קיין ציון. טאָמער פּרובירן ייִדן אַליין עפּעס אויפֿטאָן אין ציון, איז עס לכתחילה פֿאַרמישפּט, עס וועט זיכער ניט ברענגען קיין גאולה, דאָס פֿאָלק האָט ניט פֿאַרדינט קיין גאולה, און מען טאָר גאָר ניט עפּעס טאָן, דאָס קען זײַן און דאַרף זײַן נאָר פֿון גאָט, און ייִדן דאַרפֿן אָננעמען דעם גלות מיט אַלע זײַנע שטראָף ווי אַ שטראָף פֿון גאָט און יוצא, פֿאַרפֿאַלן! און אויב די אויסלייזונג, די ישועה קען קומען נאָר פֿון גאָט, נאָר פֿון הימל, טאָרן גאָר ייִדן גאָר ניט טאָן, גאָר ניט פּרובירן עפּעס טאָן. דאָס איז די גאַנצע פּסיכיק פֿון פֿאָלק, זײַן גלויבן, זײַן באַציִונג צו זיך, צום לאַנד און צום פֿאָלק. ארץ ישׂראל און עם ישׂראל —ביידע אין גלות צוליב די זינד פֿון די ייִדן, און ביידע וועלן אויסגעלייזט ווערן ווען די ייִדן וועלן עס פֿאַרדינען... ביידע — עם ישׂראל און ארץ ישׂראל זײַנען וויסט און חרובֿ, פֿאַרזינדיקט מחמת די זינד פֿון פֿאָלק ישׂראל און זיי קענען אויסגעלייזט ווערן ווידער נאָר צוזאַמען. טאָמער האָט הערצל געבראַכט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אַ פֿאָרשלאָג וועגן אײַנאָרדענען די געיאָגטע, געשלאָגענע, פֿאַגראָמירטע ייִדן אין אַ צוווייט לאַנד, האָבן עס די ציוניסטן באַגעגנט מיט אַ געוויין, ווי אַ בגידה: עס קען גאָר ניט זײַן קיין גאולה ניט אין ארץ ישׂראל. יעדער מחשבֿה וועגן עפּעס אַנדערש איז בגידה, איז פֿאַרראַט. אויב גאולה — איז צוזאַמען — ארץ ישׂראל און עם ישׂראל — אָדער ביידע אָדער קיינע ניט! און ארץ ישׂראל צוגלײַך צו עם ישׂראל ליגט אַ וויסטע, פֿאַרמידברדיק, פֿול מיט קראַנקייטן און ווילדע חיות, ניט דאָס פֿאָלק אין לאַנד, ניט דאָס לאַנד גופֿא, ניט דאָס פֿאָלק וויל גאָר ראַטעווען דאָס לאַנד פֿון מידבר, זאָל זיך דאָס לאַנד וואַלגערן אין איין מידברדיקייט. דאָס לאַנד איז מידבר, דאָס פֿאָלק איז אויך מידברדיק, ווערט דאָס לאַנד אַלץ מער און מער מידבר. איז טאַקע דאָס לאַנד אויך אין מידבר, אין גלות בײַ אַ מידבר־פֿאָלק, אַן ארץ זבֿת חלבֿ ודבֿש ווערט ביסלעכווײַז אַלץ מער און מער מידבר. ניט קיין ברויט און ניט קיין מילך, ניט קיין חלבֿ און ניט קיין דבֿש, נאָר פֿערד גוטע דאַרף דאָס פֿאָלק וואָס באַווינט דאָס לאַנד. די פֿערד דאַרף מען האָבן צו יאָגן און דריאָגן קאַראַוואַנען, זיי באַרויבן. דאָס איז גאָר די פּרנסה פֿון פֿאָלק אין לאַנד.

אַט אַזוי זײַנען חרובֿ געוואָרן ביידע — דאָס פֿאָלק און דאָס לאַנד. דאָס פֿאָלק אין גלות; דאָס לאַנד אין גלות בײַם מידבר.

שטייט אַחד העם בײַם כּותל און זעט דעם חורבן פֿון ביידע, פֿון ארץ און

פון עם, און ער טראַכט „עם כּי יחרב און ארץ כּי תחרב". אַ לאַנד קען מען אָפּבויען, אָבער — אַ פאָלק אַז ס'איז חרוב ווער קען עס אָפּבויען? און אחד העם האָט אַ טעות געהאַט: דאָס פאָלק איז ווײַט ניט געווען חרוב. האָט דאָס כּלומרשט חרובע פאָלק אויפגעבויט דאָס לאַנד, געראַטעוועט עס פון מידבר. איז דאָס לאַנד ניט צו דערקענען. דאָס זעלביקע לאַנד, פול מיט קראַנקייטן איז געזונט געוואָרן. אַז דאָס פאָלק איז געווען קראַנק — דאָס האָט אחד העם גע־האַט אַ ירושה פון דער השׂכּלה נאָך, וואָלט באמת דאָס פאָלק, חלילה, געווען חרוב, וואָלט עס ניט געקענט אויסלייזן דאָס לאַנד פון חורבן. איצט האָבן זיך אָפּגערופן די חרוב־מאַכער פון לאַנד. זיי האָבן דאָס לאַנד פאַרמישפּט צו ווערן אַ מידבר, קענען זיי ניט לאָזן דאָס לאַנד זאָל אויסגעלייזט ווערן פון מידבר...

עס איז דראַמאַטיש די געטרײַקייט פון ייִדן צום לאַנד: צוויי מאָל אין יאָר — פּסח און סוכּות בעטן די ייִדן אין יום טובֿדיקן דאַוונען פאַר טוי און רעגן לויטן לוח פון ארץ ישׂראל. ניט וויכטיק ווער עס באַוווינט דאָס לאַנד, די תּפילה איז פאַרן לאַנד. סוכּות בעטן ייִדן אויף רעגנס — עס קומט אין ארץ ישׂראל די רעגן־צײַט; פּסח בעטן ייִדן פאַר טוי. הגם אין זייערע לענדער ווו זיי לעבן דאַרפן זיי ניט קיין טוי, ווײַל זומער איז גאָר די רעגן־צײַט. אָבער אין ארץ ישׂראל איז זומער די צייט, ווען דער טוי מאַכט וואַקסן, נאָר דער טוי. זײַנען מתפּלל ייִדן אין דער גאָרער וועלט פאַר טוי און רעגן אין לאַנד ווו זיי האָבן געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. און וויפל דראַמאַטישע געטרײַקייט צום לאַנד עס איז פאַראַן אויך איצט אין דעם פירן מתים צו קבֿורה אין ארץ ישׂראל!

ייִדן האָבן געדענקט די גאולה פון פאָלק נאָר אין פאַרבינדונג מיטן לאַנד. עס קען ניט זײַן קיין גאולה פון פאָלק אָן דער גאולה פון לאַנד און דאָס לאַנד קען ניט אויסגעלייזט ווערן פון זײַן מידבּרקייט סײַדן דורך זײַן פאָלק.

אָט די אייביקע פאַרבונדנקייט פון פאָלק און לאַנד — זי האָט געשטערט ייִדן אײַנצואָרדענען זיך פאַרזיכיק אומעטום, אַנדערשוווּ, ווו נאָר דאָס האָט זיך געלאָזן. ייִדן האָבן דעם גלות געטראָגן מיט זיך, אין זיך, אַ געפיל און געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט אַחוץ ארץ ישׂראל איז גלות און וועט בלײַבן גלות. סײַדן ארץ ישׂראל וואָס איז ניט גלות, אויב אַפילו די בעלי בתּים דאָרטן זײַנען ניט ייִדן... עס זײַנען באַקאַנט אין דער געשיכטע אַ פּאָר צי עטלעכע פּראָבעס פון אײַנאָרדענען זיך, פאַר זיך אַחוץ ארץ ישׂראל. איז דאָס אין באַוווסטזײַן פון ייִדן געווען צופעליק, סתּם אַזוי מאָמענטן, ניט מער.

נאָך איז בײַ ייִדן פאַראַן איין כאַראַקטער־שטריך וואָס האָט געשטערט דעם צונויפבונד פון ייִדן. כּדי צו שאַפן אַ גרעסערע ייִדישע געמיינשאַפט, דאַרף זײַן אַ קעגנזײַטיקע צוציִונג, דאַרף עס ציִען אַ ייִד צו ייִדן, צו אַ ייִדישער געזעל־

שאַפֿט. וואָלט עס געווען, וואָלט סײַ ווי אויסגעוואַקסן אַ גרויסע ייִדישע געזעל־שאַפֿט אין אַ ניו יאָרק למשל, אין אַלע גרעסערע ייִדישע קיבוצים אין אַמעריקע, למשל, וואָלט אין אַ ניו יאָרק געווען אַ גרויסע ייִדישע שטאָט. ניט קיין באַזונדערע ייִדן, נאָר אַ גרויסער פֿאַרזיכיקער ייִדישער ציבור — אַ שטאָט אַ גרויסע, גרעסער פֿון תּל אבֿיבֿ — אַ שטאָט פֿון אַ פּאָר מיליאָן ייִדן. הײַנט ווער רעדט נאָך, ווען ייִדן האָבן אַן אייגנשאַפֿט צו זײַן פֿאַרליבט אין זייערע פֿאָלקישע געווויִנהייטן, צו האַלטן זיך בײַ דער שפּראַך פֿון דורות, דעמאָלט וואָלט די גאַנצע פּראָבלעם פֿון קולטור געווען בלויז אַ פֿראַגע פֿון רעכט. עס וואָלט אָבער ניט געווען קיין פּראָבלעם פֿון קיום, פֿון זײַן אָדער ניט זײַן. איז אָבער בײַ ייִדן פֿאַראַן אַ פֿאַרקערטע נייגונג — צו צעשיטן זיך, וואָס ווײַטער איינער פֿון צווייטן.

אין פֿיזיק ווייסן מיר פֿון צוויי אייגנשאַפֿטן בײַ קערפּערס — צוציִונג אָדער וואָג און אָפּשטויס. בײַ ייִדן איז דער אָפּשטויס שטאַרקער. ווי נאָר אַ ייִד מיינט אַז ער איז עקאָנאָמיש פֿעסטער, ווילט זיך אים באַלד איבערקלײַבן זיך אין אַ „בעסערן" ראַיאָן. און אַזאַ בעסערער ראַיאָן איז תּמיד אַזאַ וואָס האָט ניט קיין ייִדן, אָדער לכל הפּחות ווייניק ייִדן. זײַנען ייִדישע ראַיאָנען אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט אַזוינע „באַוועגלעכע"; זיי טראָגן זיך איבער פֿון אָרט צו אָרט. אַזוי צעשיטן זיך ייִדן אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן זיך. דאָס „צעזייט און צעשפּרייט" איז אייגנטלעך אַ ייִדישע טבֿע, ניט קיין דרויסנדיקע גזרה, נאָר אַן אינעווייניקסטע אייגנשאַפֿט פֿון ייִדן גופֿא.

פֿאַראַן אַזאַ קעגנזײַטיקע צוציִונג בײַ חסידים פֿון איין רבין, אָבער ניט בײַ ייִדן בכלל ווי בײַ אַ פֿאָלק. מען האָט געזוכט פֿאַר ייִדן אַ „טעריטאָריע". וואָלט בײַ ייִדן געווען אָט די נאַטירלעכע צוציִונג, וואָלטן במילא געווען עטלעכע טע־ריטאָריעס בײַ ייִדן. אָן דעם געפֿיל, וועט קיין איין טעריטאָריע ניט צונויפֿבינדן ייִדן אין אַ געמיינשאַפֿט.

דער „צעזייט און צעשפּרייט" ווי אַן אייגנשאַפֿט פֿון ייִדישן כאַראַקטער האָט אין דער געשיכטע געטאָן אַ טובֿה און אַ רעה. אַ טובֿה — האָט עס שוין אָנגע־וויזן די גמרא — צעזייט כּדי מען זאָל ניט קענען אומברענגען אַלע ייִדן צוזאַ־מען, ווען איין שבֿט אין איין לאַנד ווערט געפּלאָגט, קומט אום, לעבן ייִדן גליק־לעך אין אַ צווייטן לאַנד. דאָס איז אייגנטלעך דער „סוד" פֿון אונדזער אייבי־קייט: ייִדן בכלל ווי אַ פֿאָלק זײַנען אייביק, ווײַל ווען איין שבֿט גייט אונטער בלײַבט אַ צווייטער שבֿט. באַזונדערע שבֿטים פֿון ייִדישן פֿאָלק האָבן אַ באַ־זונדערן גורל, אונטער פֿאַרשיידענע רעזשימען, אין פֿאַרשיידענע לענדער, אונ־טער פֿאַרשיידענע הערשער... אָבער באַזונדערע שבֿטים זײַנען יע אונטערגעגע־גאַנגען, אומגעקומען און לעולם ועד, אויף אייביק. מיר זײַנען אַן „עם עולם". „עולם" האָט צוויי טײַטשן — עולם — אייביק און עולם — וועלט. מיר זײַנען

אַן אייביק פֿאָלק, ווײַל מיר זײַנען אַ וועלט־פֿאָלק. אונדזער אייביקייט איז מחמת מיר זײַנען צעשפּרייט. מיר זײַנען אַן עם עולם — אַן אייביק פֿאָלק, ווײַל מיר זײַנען אַן עם עולם — אַ וועלט־פֿאָלק, אַ צעשפּרייט פֿאָלק. וואָלטן מיר געווען ניט אַזוי צעזייט, וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען אומגעקומען פֿון גויישער רשעות. דאָס איז די ברכה פֿון דער צעזייטקייט. און די קללה — מיר זײַנען אומעטום שוואַך, אין ערגעץ ניט קיין כּוח, וואָס זאָל קענען ווירקן, וואָס זאָל קענען זײַן אַ כּוח — פּאָליטיש אָדער געזעלשאַפֿטלעך. ציט זיך דער גלות אַזוי לאַנג, ווײַל דאָס ייִדישע פֿאָלק איז צעשפּרייט, צעשאָטן איבער פֿעלקער, אין לענדער... ציט זיך דער גלות אַזוי לאַנג, איבערן ייִדישן פֿאָלק בכלל. אָבער ניט בײַ פֿאַר־שיידענע שבֿטים, אַ שבֿט וואָס איז אומגעקומען איז לעולם ועד, איז ער טאַקע ניט מער. נאָר ווײַל מיר זײַנען צעשאָטן, צעזייט און צעשפּרייט, קומט נאָך איין אומגעקומענעם שבֿט אַ צווייטער. איין שבֿט קומט אום, פֿירט אַ צווייטער ווײַטער די אייביקייט. דאָס איז די ברכה און די קללה פֿון אונדזער צעשפּרייט־קייט און צעשאָטנקייט. מיר זײַנען איין פֿאָלק הגם מיר זײַנען אַזוי פֿאַרשיידן אָפּגעזונדערט פֿון דער צווייטער.

ווי אַזוי זײַנען מיר יע איין פֿאָלק, אויב מיר זײַנען אַזוי צעשאָטן און צע־שפּרייט איבער דער וועלט? וואָס קען פֿאַרבינדן אין איין פֿלאָק אַ מענטשן פֿון ווײַטן, קאַלטן קאַנאַדע מיט אַ צווייטן מענטשן ערגעץ אין בראַזיל בײַם עקוואַ־טאָר? און נאָך אין אַזאַ לאַנגן גלות! דאָ איז קלאָר דער אויפֿטו פֿון די חז״ל מיט דעם אוניפֿאָרמירן דעם שטייגער. זיי האָבן קלאָר געמאַכט, אַז איין פֿאָלק — הייסט איין שטייגער. כּל זמן עס וועט זײַן בײַ ייִדן איין שטייגער אומעטום אין דער וועלט איין און דער זעלביקער שטייגער וועט עס אויך זײַן איין פֿאָלק. פֿאָלק איז שטייגער און שטייגער איז פֿאָלק. אָט פֿאַרוואָס די חז״ל האָבן זייער גאַנצע ענערגיע אָפּגעגעבן אויף דעם אײַנשטעלן דעם איינהייטלעכן שטייגער פֿון ייִדישן פֿאָלק. איין שטייגער איז איין פֿאָלק. איין פֿאָלק איז איין שטייגער. אָט פֿאַרוואָס דער גלות ציט זיך אַזוי לאַנג. אַזאַ לאַנגער גלות, ווײַל אַזאַ אײַנ־געשטעלטער איינהייטלעכער שטייגער. און דעם איינהייטלעכן שטייגער האָבן אײַנגעשטעלט די חז״ל. דערפֿאַר איז „חכם עדיף מנבֿיא״: די נבֿיאים מיט זייע־רע פּראַקטיק־שיינע רעדעס האָבן ניט געשאַפֿן קיין איינהייטלעכן שטייגער, קיין איינהייטלעך פֿאָלק. אַזאַ לאַנגער גלות און אויסגעהאַלטן! ווײַל דער אנהייט־לעכער אויפֿפֿיר איז געווען און געבליבן איינער און דער זעלביקער. און דעם אויפֿפֿיר האָבן אײַנגעשטעלט די חז״ל. דער גלות ציט זיך אַזוי לאַנג. און דאָס פֿאָלק איז ניט אונטערגעגאַנגען, ווײַל דער אויפֿפֿיר איז געווען פֿאַרהייליקט און דעם אויפֿפֿיר האָבן אײַנגעשטעלט די חז״ל. די אייביקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק האָבן אײַנגעשטעלט די חז״ל...

האָבן די חז״ל געגלייבט אַז אָט דער שטייגער איז פֿון גאָט, איז דער שטייגער ניט דערפֿאַר ליב און הייליק, ווײַל אַזוי פֿירן זיך ייִדן, און עס איז אונדז ליב, ווײַל עס איז ייִדיש, און אַלץ וואָס עס איז ייִדיש, איז אונדז ליב. ניין, אַזאַ באַציִונג צו ייִדישער פֿאָלקישקייט איז בײַ ייִדן ניט געווען: ניט דאָס ייִדישע פֿאָלק און זײַן פֿאָלקישער אויפֿפֿיר איז ליב, נאָר עס איז פֿון גאָט, און אַלץ וואָס פֿון גאָט איז אונדז דערפֿאַר ליב און טײַער. אַגבֿ וועט גאָט גוט באַצאָלן פֿאַרן אָפּהיטן זײַנע באַפֿעלן. ניט דאָס פֿאָלקישע איז ליב און טײַער נאָר דאָס געטלעכע.

קומען מיר צו אַ גאַנץ אומעטיקן אויספֿיר: ייִדן זײַנען ייִדן אין גלות אַזוי לאַנג ווײַל זיי זײַנען „גלותדיק" אין זיך, די פּסיכיק איז גלותדיק! ניטאָ קיין גלויבן אין זיך, אין אייגענעם פֿאָלק, קיין צוטרוי און ניט קיין ווילן אײַנצוהיטן די אייגענע קולטור און כאַראַקטער־שטריכן. ייִדן שעצן אַנדערע פֿעלקער העכער פֿון זיך, זײַנען זיי געפֿאַלענער, קנאָפּווירדיקער, שטעלן זיי אַנדערע פֿעלקער העכער פֿון זיך. און אָט דער שטריך אין כאַראַקטער שטאַרקט דעם גלות, פֿאַרלענגערט אים. ווען ניט דער שטריך, וואָלטן אין אַמעריקע ייִדן געהאַט אייגענע שטעט און שטעטלעך, אַפֿילו אייגענע שטאַטן איינער אָדער אפֿשר אַפֿילו מער. וואָלט דער אַרגענטינער ייִשובֿ געווען אַ סך פֿאַרזיכיקער, וואָלט אַפֿילו דער גאַנצער גלות אויסגעזען אַנדערש. ווען מיר עס זאָגן נאָך איין מאָל: די ייִדן זײַנען אין גלות, ווײַל דער גלות איז אין אונדז.

ווען איז אָט דער כאַראַקטער־שטריך אַרײַן אין אונדז?

עס וואָלט זיך געוואָלט זאָגן, אַז ער איז אַ פּראָדוקט פֿון גלות. דער גלות (איבערהויפּט דער שרעקלעכסטער פֿון אַלע גלותן — דער גלות איראָפּע) האָט עס אײַנגעפֿלאַנצט אין ייִדן דעם שטריך, אָבער עס איז ניט ריכטיק, היסטאָריש: קלאָגט זיך דאָך איינס פֿון די עלטסטע ספֿרים אין תּנך (שופֿטים) אַז דער שטריך — דער צענטראַפֿוגאַלער — צו דערווײַטערן זיך פֿון אַנאַנד איז געווען גאָר אין אָנהייב פֿון אונדזער געשיכטע. אַלע ייִדישע שבֿטים אין איין מדינה — נאָר אין די צײַטן פֿון דוד און שלמה, איז אויך די צײַט פֿול געווען מיט רעוואָלט און מיט קריגערײַען. זײַנען שוין אין צײַט פֿון בית שני געווען דרײַ ייִדישע ייִשובֿים, באַזונדערע — ישׂראל, בבֿל און מיצריים און קליינע ייִשובֿים אויך אין רוים, אין פֿאָדער־אַזיע. און דווקא דער ייִשובֿ אין ארץ ישׂראל האָט געהאַט אַמוויניקסטן אינעווייניקסטן שלום.

צי וועלן מיר זיך אויסהיילן פֿון דעם דעפֿעקט? ער איז שולדיק אין דעם לאַנגן גלות. מיט אים איז קיין זאַך ניט זיכער.

איך וויל האָפֿן אַז יע, עס וועט לאַנג געדויערן, אָבער עס וועט קומען! עס

וועט זײַן אַ צוריקקער „צו זיך“. עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַקטאָרן. דער ערשטער פֿאַקטאָר:

1. מדינת ישׂראל. דאָ זײַנען פֿאַראַן אַ פּלוס און אַ מינוס. דער פּלוס: ייִדן קענען יע בויען און אויפֿבויען! מער און בעסער פֿון אַ סך אַנדערע פֿעלקער. דער מינוס — שלילת הגלות, וואָס טראָגט אין זיך מוראדיקע סכּנות, אָבער עס וועט פֿאַרבײַגיין.

2. וועלטלעכע ייִדישקייט. מינוס: דאָס מיינען אַז מען גייט בויען עפּעס אַ נײַע ייִדישקייט, וואָס האָט ניט קיין שײַכות צו אַלץ וואָס איז געווען פֿריִער. פּלוס: מען טראָגט אַרײַן אין סכום פֿון ייִדישקייט אויך דאָס נײַע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן און וואָס הערט ניט אויף זיך צו שאַפֿן.

3. דער אומגלויבן אין פֿעלקער. זיי האָבן אָפּגענאַרט אַלע האָפֿענונגען וואָס ייִדן האָבן זיך אײַנגערעדט. איבערהויפּט דאָס דײַטשישע פֿאָלק, וואָס האָט אַנטפּלעקט זײַן נאַטור בימי היטלער ימח שמו און דאָס רוסישע פֿאָלק מיט זײַן רעוואָלוציע. רעוואָלוציע אַהער, רעוואָלוציע אַהין, אָבער זאָל גאָט אויסהיטן פֿון זיי מיט זייערע אַלע רעוואָלוציאָנערע גליקן. זײַנען אַנדערע פֿעלקער בע־סער? זאָלן נאַראָנים אין דעם גלייבן... גלייבן אין פֿעלקער קען מען ווען מען איז אַליין שטאַרק גענוג, און כּדי צו זײַן שטאַרק דאַרף מען זײַן פֿאַרזיכיק, דאַרף מען גלייבן אין זיך.

גאָר אַן אַנדער באַציִונג צו די שלעגערס, גאָר אַן אַנדער באַנעם. ערשט נאָך דער השׂכּלה, נאָך דער רוסיפֿיקאַציע האָבן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אַרויסגערופֿן בײַ די בעסערע, טיפֿערע דענקערס אַ טיפֿערן געדאַנקען־רעוואָלט:

1. ניטאָ צו וועמען צו לויפֿן, מיט וועמען זיך צו אַסימילירן. כּל זמן די גוים זײַנען נאָך מסוגל צו מאַכן ווילדע פּאָגראָמען, האָבן מיר ניט וואָס זיך צו יאָגן צו זיי, אויס מיט דער אַסימילאַציע ווי אַן אידעאַל! און נאָר די רוסן? אַנדערע (דײַטשן) טויזנט מאָל ערגער.

2. ניט פֿון גאָט זײַנען זיי, נאָר פֿון פֿינצטערע כּוחות אין זייער כאַראַק־טער, אין זייער נאַטור.

3. ניט מיט זיין, נאָר פֿון זיי זיך באַפֿרײַען, אַרויס פֿון גלות — די איינ־ציקע אויסלייזונג. ניטאָ וואָס צו האָפֿן אויף עמאַנציפּאַציע דורך זיי, דאַרף מען זוכן וועגן צו „אויטאָעמאַנציפּאַציע“ — יע באַפֿרײַען זיך, אָבער ניט מיט זיי. אַ גוואַלדיקע ענדערונג אין דער באַציִונג פֿון ייִדן צו פֿעלקער, צו לענדער, צו מדינות. האָבן זיידעס געקענט זיצן און לערנען בעת גוים גרייטן אַ פּאָגראָם, האָבן אייניקלעך געחלמוט אַ שפּײַ צו טאָן אויף פֿעלקער מיט זייער עמאַנצי־

פּאָציע. איז פֿון אַ ליד „ציגעלע מיגעלע קאַטעגיר" געוואָרן „צאי גולה מגולה"... גאַנץ מעגלעך אַז ווען אָט די פּסיכיק קומט פֿריִער, וואָלט זיך דער גלות געהאַט געענדיקט פֿריִער...

דער גלות ציט זיך אַזוי לאַנג ווײַל:

1. צו שטאַרק איז די צוגעבונדנקייט פֿון ייִדן צו דער איינציקער ארץ ישׂראל;

2. די ייִדן האָבן צו פֿיל געגלייבט אין פֿעלקער; צו ווייניק געגלייבט אין זיך אַליין. אָט די ענדערונג אין דער פֿאָלקישער פּסיכיק, אין דער באַציִונג צום אייגענעם פֿאָלק און צו הערשערישע פֿעלקער איז נאָך ווײַט ניט אַרײַנגעדרונגען אין פֿאָלק, אין אַלע טיילן פֿון פֿאָלק. נאָך ווײַט ניט באַפֿרײַט זיך פֿון דער גײַס־טיקער, גלותדיקער פּסיכיק: מיר די קליינע, קנאָפּוועריקע און „זיי" די גרוי־סע, די מעכטיקע, די וויכטיקע...

ייִדן זײַנען אין גלות ווײַל דער גלות איז אין זיי. איידער מען באַפֿרײַט זיך פֿון פֿיזישן גלות בײַ יענעם דאַרף מען זיך באַפֿרײַען פֿון דער גלות־פּסיכיק אין זיך גופֿא. כּל זמן ייִדן וועלן גלייבן אין פֿעלקער, וועט מען זיך פֿון גלות ניט באַפֿרײַען.

3. די איבערנאַטירלעכע געטרײַקייט פֿון ייִדן צו ארץ ישׂראל! דער גלויבן אַז די גאולה קען קומען נאָר אין ארץ ישׂראל און ניט אין קיין שום אַנדער לאַנד. דאָס האָט פֿאַרלענגערט דעם גלות; דער „ולירושלים עירך ברחמים תשובֿ" האָט געמאַגט דאָס פֿאָלק אומפּעִיק צו בויען, צו שאַפֿן אַ צווייטע ירושלים. איז דאָך אויך די ירושלים געווען אַ שטאָט איידער די ייִדן האָבן זי פֿאַרנומען; איז זי געווען אַ געוויינלעכע יבֿוסי שטאָט מיט אַלע אומווערטיקייטן, וואָס האָבן ייִדן געשראָקן. דאָס האָבן דאָך די ייִדן געמאַכט פֿון אָט דער טמא שטאָט, אַ ירושלים עיר הקודש, וואָס אַ וועלט מיט פֿעלקער האַלטן זי פֿאַר הייליק. האָט דער אייביקער גלויבן אין דער ירושלים געשטערט די ייִדן צו בויען אַ צווייטע ירושלים, פֿאָלק און לאַנד — ווער, וואָס דאַרף בויען? האָבן ייִדן געגלייבט אין לאַנד מער ווי אין פֿאָלק; האָט אַפֿילו אַ געטרײַער ייִדישער דענקער געשריבן „עם כּי יחרבֿ, מי יבֿנהו?" (אחד העם). אַ פֿאָלק וואָס גלייבט אין זיך קען בויען אַ לאַנד — אומעטום; דאָס לאַנד זאָל בויען דאָס פֿאָלק — דאָס קען ניט זײַן.

מען טאָר קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן: איטלעך פֿאָלק האָט זײַן גײַסט, וואָס לאָזט זיך גאָרניט דעפֿינירן. אָט דער גײַסט פֿון ייִדישן פֿאָלק אַנטפּלעקט זיך איבערהויפּט ווי בײַ אַלע פֿעלקער אין ייִדיש לשון. אַלע ייִדישע שבֿטים וואָס האָבן פֿאַרלאָרן דאָס ייִדישע לשון זײַנען אַליין אויך אונטערגעגאַנגען, אויסגע־שטאָרבן. די נשמה פֿון אַ פֿאָלק ליגט אין זײַן לשון. אַ געשטאָרבענער האָט

אַלע זײַנע גלידער, די נשמה בלויז פֿעלט. אין אַלע ייִדישע ישובֿים אויף דער וועלט גייט אונטער דאָס ייִדישע לשון. צוזאַמען מיט דעם פֿאַרלירט דאָס ייִדישע פֿאָלק זײַן נשמה, זײַן אייגענעם גײַסט. אין דעם איז די גאַנצע סכּנה פֿאַרן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט. ייִדן אין דער וועלט נעמען אָן די שפּראַך פֿון הויפּטפֿאָלק, נעמען זיי אָבער אויך דעם גײַסט פֿון הויפּטפֿאָלק? — דאָס ניט. שפּראַך איז ווי די הויט פֿון אַ חיה, די הויט, די פֿעל לעבט כּל זמן די חיה לעבט. איך קען אָנטאָן אַ פֿוטער, פֿעלן פֿון אַנדערע חיות. די פֿעלן וואָס אין מײַן פֿוטער זײַנען פֿרעמדע, ניט מײַנע, קיין לעבן איז אין זיי ניטאָ. דאָס זײַנען אַזוי די שפּראַכן וואָס ייִדן נעמען איבער פֿון אַנדערע פֿעלקער. פֿרעמדע זײַנען זיי, ניט מײַנע, ניט מיט מיר זײַנען זיי געוואַקסן. מײַן נשמה לעבט אין מײַן הויט, ניט אין פֿוטערס וואָס איך טו אָן.

העברעיִש איז אַמאָל געווען דאָס ייִדישע לשון די נשמה פֿון ייִדישן פֿאָלק אין יענער תּקופֿה איז געווען אין דער העברעיִשער שפּראַך אָבער יענע תּקופֿה איז לאַנג אַוועק. העברעיִש איז געבליבן בײַ ייִדן ווי דאָס לשון הקודש. כּל זמן עס איז בײַ ייִדן געווען קודש, האָט דאָס לשון הקודש געלעבט. אַ ספּעציפֿיש לעבן פֿון קודש. וואָכעדיק לעבן מיט איין שפּראַך און אַל דאָס קודש מיט אַ צווייטער שפּראַך. האָט מען געוואָלט פֿאַרבינדן דאָס וואָכעדיקע לעבן מיט העברעיִש, האָט מען קודם כּל פֿאַרלאָרן די נשמה פֿון דער וואָכעדיקייט, און די העברעיִשע שפּראַך האָט פֿאַרלאָרן איר קדושה. קענען זײַן צוויי פֿעלקער — צוויי פֿעלקער מיט צוויי פֿאַרשיידענע שפּראַכן — אַ ייִדיש פֿאָלק מיט ייִדיש לשון וואָס גייט אויס און אַ העברעיִש פֿאָלק מיט גאָר אַן אַנדער וואָכעדיקייט. וואָס עס וועט אַרויסקומען פֿון דעם? גאָט ווייס.

ESCUELA ISRAELITA YAVNE DE LA BENEF
BIBLIOTECA

## באַזונדערע ביכער פֿון א. גאָלאָמב

1. געוויקסן. לערנבוך פֿאַר יידישע שולן, לויט ג. באטש און אַנדערע, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1919, 127 זײַטן; וואַרשע, 1922; מעקסיקע, 1947.
2. ווי אַ פֿיש איז אַ פֿראָש געוואָרן. דערציילונג פֿאַר קינדער, פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1918, 32 זײַטן; ביאַליסטאָק, 1922.
3. דאָס ערשטע מאָל אין וואַלד. פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1918; ביאַליסטאָק, 1922.
4. דאָס לעבן פֿון אַ בוים. פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1922.
5. פּראַקטישע אַרבעט אויף נאַטור־לימוד. העפֿט פֿאַרן לערער, „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1922.
   פּראַקטישע אַרבעט אויף נאַטור־לימוד. העפֿט פֿאַרן תלמיד, „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1922.
6. וואַסער־געוויקסן. הילפֿסביכל צו באָטאַנישע עקסקורסיעס אויפֿן וואַסער. אילוסטרירט, 52 זז', צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, ווילנע, 1923.
7. אַרבעטס־העפֿט אויף געאָגראַפֿיע. „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1924; וואַרשע, 1926.
8. פּראָגראַם פֿאַר נאַטור־לימוד. צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע, וואַרשע, 1927.
9. ייִדן און יידישקייט אין אַמעריקע. וויניפּעג, 1940.
10. אונדזער נייער ש"ס. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, וויניפּעג, 1941.
11. אומוועגן און אויסוועג (אַ פּרווו צו פֿאָרמולירן אַ יידישן וועלטבאַנעם). אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, וויניפּעג, 1942, 88 זײַטן.
12. פּסיכאָלאָגיע פֿון כעס. סעפּאַראַט־אָפּדרוק פֿון די ייִוואָ־בלעטער.

### געקליבענע שריפֿטן פֿון א. גאָלאָמב

13. ערשטער באַנד. אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמיטעט אַרויסצוגעבן געקליבענע שריפֿטן פֿון א. גאָלאָמב, צו די פֿינף און דרײַסיק יאָר פֿון זײַן פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, מעקסיקע, 1945, 316 זז'.
14. צווייטער באַנד. פּעדאַגאָגישע שריפֿטן ב', 1טער טייל — אַלגעמיינע פּעדאַגאָגיק און 2טער טייל — יידישע פּעדאַגאָגיק, 343 זז', מעקסיקע, 1946.

---

אַלע ביכער (אויסער דעם לעצטן) זײַנען אויספֿאַרקויפֿט.

15. דריטער באַנד. אונדזער גאַנג דורך דער אייביקייט, אַרויסגעגעבן פֿון קאָמי־טעט, 283 זז׳, מעקסיקע, 1946.

16. פֿערטער באַנד. אין פּלאָנטער פֿון הײַנט, קאָמיטעט, מעקסיקע, 1947, 280 זז׳.

17. פֿינפֿטער באַנד. פֿון טאָג צו טאָג, קאָמיטעט, מעקסיקע, 1947, 316 זז׳.

18. זעקסטער באַנד. דעם מאָרגן אַנטקעגן, מעקסיקע, 1948, קאָמיטעט, 282 זז׳.

19. מעשׂהלעך פֿאַר קינדער (רעדאַקטירט). ערשטע אויפֿלאַגע, מעקסיקע, פֿאַר־לאַג „ייִדישע שול אין מעקסיקע״, 109 זז׳, 1946.

מעשׂהלעך פֿאַר קינדער. צווייטע אויפֿלאַגע, מעקסיקע, פֿאַרלאַג „ייִדישע שול אין מעקסיקע״, 1947.

20. מעשׂהלעך פֿאַר קינדער. בוך צוויי, פֿאַרלאַג „ייִדישע שול אין מעקסיקע״, 1947, באַאַרבעט פֿון א. גאָלאָמב, מעקסיקע 1947, 162 זז׳.

21. אַגדות פֿאַר שולן און היימען. אָפּגעקליבן און איבערגעזעצט. „פֿון קוואַל״, 63 זז׳, וויניפּעג, 1943; מעקסיקע, 1946.

22. דאָס ייִנגל אין געטאָ. דערציילונג פֿאַר קינדער, 1947.

23. דער העלדישער האָן. אַ מעשׂהלע פֿאַר גאָר קליינע קינדער, אילוסטרירט פֿון י. פֿרײַנד ע״ה. פֿאַרלאַג „קרעמערמאַן־פֿאָנד״, מעקסיקע, 1949.

24. פּסיכאָלאָגיע. אַלגעמיינער קורס, ערשטער טייל, „קרעמערמאַן־פֿאָנד״, מעק־סיקע, 1947, 208 זז׳.

25. פּראָגראַם פֿאַר דער ייִדישער שול אין מעקסיקע, 1948, 84 זז׳.

26. אַ האַלבער יאָרהונדערט ייִדישע דערציִונג. אַרויסגעגעבן פֿון קרײַז פֿון „ייִוואָ־פֿרײַנד אין ריאָ דע זשאַניירא״, 1957.

27. אויף די וועגן פֿון קיום (עסייען). אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמיטעט, בוענאָס־אײַרעס, 1959, 327 זז׳.

28. ספֿר טביה. פּירושים און באַלײַכטונגען צו הילף דעם תּלמיד און לערער, אַרויסגעגעבן פֿון א. און ג. קרעמערמאַן, מעקסיקע, 1961, 63 זז׳.

29. אונדזער גאַנג צווישן פֿעלקער. אַרויסגעגעבן פֿון אַ קאָמיטעט, בוענאָס־אײַרעס, 1961, 347 זז׳.

30. אינטעגראַלע ייִדישקייט. טעאָריע און פּראַקטיק. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר, מעקסיקע, 1962, 45 זז׳.

32. *Ensayos Pedagógicos,* México, 1955.

31. אייביקע וועגן פֿון אייביקן פֿאָלק. אַרויסגעגעבן פֿון אַ יובֿל־קאָמיטעט, מעקסיקע־בוענאָס־אײַרעס, 1964.

33. וועגן שׂנאה צו ייִדן בײַ ייִדן. סעפּאַראַט־אָפּצוג פֿון ייִוואָ־בלעטער, באַנד 17, 1941.

34. **דאָס זעלביקע אין ענגליש פֿון „ייִוואָ־אַנואַל", 112 זז', באַנד 1, 1946.**

35. אומה ולשון. **סעפּאַראַט־אָפּצוג פֿון יאָרבוך 13, „נײַע ייִדישע שול", 1962.**

36. צו די הייכן פֿון ייִדישן גײַסט. **תשל"א.**

37. צו די טיפֿן פֿון ייִדישן געדאַנק. **תשל"ד.**

38. צווישן תקופֿות. **1968.**

39. עיונים ביהדות זמננו. **תשל"ב.**

40. צום תוך פֿון ייִדישקייט. **תשל"ו.**